STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07059

MISTERYEN

Knut Hamsun

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ווילנער פארלאג
ב. א. קלעצקין

קנוט האמסון

מיסטעריען

יידיש אהרן מארק

ווילנע — 1928
ווילנער פארלאג פון ב. קלעצקין

PRINTED IN POLAND

Knut Hamsun — „Misterien“.

Drukarnia „Wyd. Wileńskie“ B. Kleckina, Wilno.

I

אינמיטן דעם פאַרגאַנגענעם זומער זענען אין אַ קליינער נאָרוועגישער פיאָרד-שטאָט פאָרגעקומען עטלעכע אויסטערלישע פאַסירונגען. מיטאַמאָל האָט זיך באַוויזן אין דער שטאָט עפּעס אַ פרעמדער, אַ געוויסער נאַגעל, אַ מערקווירדיקער, טשיקאַווער אויסוואורף, וואָס האָט אָפּגעטון אַ רייע פאַרדעכטיקע מעשים און איז פאַרשוואונדן געוואָרן, פּונקט אַזוי אומגעריכט, ווי ער איז געקומען. דעם דאָזיקן מאַן האָט אפילו באַזוכט אַ יונגע, געהיימניספולע דאַמע, וועלכע איז געקומען איין גאָט ווייסט צוליב וואָס פאַר אַ צוועקן, האָט פאַרבראַכט אין שטעטל נישט מער ווי אַ פּאָר שעה און איז באַלד אַוועקגעפאָרן. אָבער דאָס אַלץ איז נאָך נישט דער ריכטיקער אָנהויב.

דער אָנהויב איז אַזאַ: בשעת די שיף איז אַרום זעקס אַזייגער פאַרנאַכט אָנגעקומען צום ברעג, האָבן זיך אויפן דעק באַוויזן עטלעכע רייזנדע; צווישן זיי האָט זיך געפונען איינער אַ מאַן אין אַ געלן אַנצוג, וואָס האָט ממש געריסן די אויגן, און אין אַ ווייסן, סאַמעטענעם הוט. דאָס איז געווען דעם 12-טן יוני פאַרנאַכט; ווייל פּונקט אין יענעם טאָג, דעם 12-טן יוני, זענען פאָרגעקומען די תנאים פון פריילין קיעלאַנד, און איבער פיל הייזער פון דער שטאָט האָבן געפלאַטערט פענער. דער משרת פונם צענטראַל-האָטעל איז גלייך אַרויף אויפן דעק פון שיף, און דער

מאַן אינם געלן אַנצוג האָט אים דערלאַנגט זיינע זאַכן. גלייכצייטיק האָט ער אויך איבערגעגעבן איינעם פון די מאַטראָסן זיין בילעט; אָבער באַלד האָט ער גענומען אַרומשפּאַנען איבערן דעק אַהין און צוריק און איז נישט אַראָפּ אויפן ברעג. ער האָט אויסגעזען שטאַרק צעטראָגן. ווען עס האָט צום דריטן מאָל אַ קלונג געטון, האָט ער נאָך אפילו נישט געהאַט באַצאָלט דעם רעסטאָראַן-אייגנטימער, וואָס אים קומט. ערשט דעמאָלט האָט ער זיך געכאַפּט און געוואָלט באַצאָלן, נאָר דאָ איז ער געבליבן שטיין, ווייל ער האָט זיך ארומגעזען, אַז די שיף האָט זיך שוין דערווייטערט פון ברעג. אַ ווײַלע איז ער געבליבן שטיין צערודערט און נישט געוווּסט, ווי זיך אַן עצה צו געבן; דערנאָך האָט ער אַ ווונק געטון צום דינער, וואָס איז געשטאַנען אונטן, אויפן ברעג, און אַריבערגעשריגן צו אים:

— גוט, גוט, טראָגט אַרויף מיינע זאַכן אין האָטעל און זעט, עס זאָל זיין פאַר מיר אַ צימער.

און דערבײַ האָט אים די שיף אַוועקגעטראָגן צום פיאָרד.

דער דאָזיקער מאַן איז געווען יאָהאַן נילסען נאַגעל.

דער דינער פון האָטעל האָט אַוועקגעפירט זיינע זאַכן אויף אַ וועגעלע, בלויז צוויי קליינע האַנט-קופערס און אַ פעלץ, — אפילו אַ פעלץ, הגם ס'איז געווען אין מיטן זומער. — אחוץ דעם אַ טעקע און אַ פידל-פוטליאַר. אַלץ אָן אַ נאָמען.

צומאָרגנס איז יאָהאַן נאַגעל צוגעפאָרן צום האָטעל; ער איז געקומען נישט מיטן וואַסער, נאָר אין אַ וואָגן מיט צוויי פערד. ער האָט פונקט אַזוי גוט — יאָ, נאָך לייכטער — געקאָנט קומען מיט דער שיף, און דאָך איז ער געקומען מיט אַ וואָגן. ער האָט מיטגעבראַכט נאָך עטלעכע פּעקלעך; אויפן הינטערשטן געזעס איז געשטאַנען אַ קופער און דערבײַ זענען נאָך געלעגן: אַ רייזעטאַש, אַ מאַנטל און נאָך עטלעכע זאַכן, אַרומגעבונדן מיט אַ לעדערנעם רימען. אויפן רימען זענען געשטאַנען די אותיות י. נ. נ., אויסגעזעצט מיט פערל.

בעת ער איז נאָך געזעסן אין וואָגן, האָט ער זיך שוין נאָכגעפרעגט ביים באַלעבאָס פון האָטעל וועגן זיין צימער, און

ווי-נאָר מ'האָט אים אַרויפגעפירט אויפן צווייטן שטאָק, האָט ער גלייך גענומען באַטראַכטן, ווי דיק עס זענען די ווענט און צי מען קאָן עפּעס הערן אין די שכנותדיקע צימערן. דערנאָך האָט ער פלוצלינג אַ פרעג געטון דאָס דינסט-מיידל:

— ווי הייסט איר?

— סאַראַ.

— סאַראַ?

און באַלד:

— מ'קאָן קריגן עפּעס עסן? הייסט איר, בכן, סאַראַ? זאָגט מיר — האָט ער זיך ווידער געווענדט צו איר — איז דאָ נישט געווען אַמאָל אינם הויז אַן אַפּטייק?

סאַראַ האָט פאַרחידושט געענטפערט:

— יאָ, אָבער שוין מיט פיל יאָרן צוריק.

— אַזוי? מיט פיל יאָרן צוריק? יאָ, דאָס איז מיר איינגעפאַלן, ווי-נאָר איך בין אַריין אינם קאָרידאָר. כ'האָב עס נישט דערשפירט לויטן ריח, נאָר דאָך, כ'האָב עס דערפילט. יאָ, יאָ.

ווען ער איז אַראָפּגעקומען אונטן עסן, האָט ער זיך די גאַנצע צייט נישט אָנגערופן מיט קיין וואָרט. זיינע רייזע-חברים, וואָס זענען געזעסן מיט אים אויפן שיף דעם פאַריקן אָוונט, די צוויי הערן, וואָס זענען געזעסן ביים טיש אויבן-אָן, האָבן זיך איבערגעווונקען, בעת ער איז אַריין, צווישן זיך, און גאַנץ אָפן געשפּאַסט איבער זיין נעכטיקן שלימזלדיקן צופאַל; אָבער ער האָט זיך געמאַכט, גלייך ער וואָלט לחלוטין נישט געהערט. ער האָט גיך אָפּגעגעסן, די לעצטע פּאַטראַווע נישט אָנגערירט. אַ שאָקל געטון בשעת-מעשה מיטן קאָפּ און אַראָפּגעגליטשט זיך הינטער-ווײלעכטס פונם שטול. באַלד נאָכדעם האָט ער פאַררויכערט אַ ציגאַר און איז פאַרשווונדן געוואָרן ערגעץ באַרג-אַראָפּ פון דער גאַס.

אָט אַזוי איז ער ערגעץ פאַרבליבן ביז שפּעט אין דער נאַכט און איז צוריקגעקומען אויף אַ ווײלע פאַר אַזייגער דריי. ווו איז ער געווען? ערשט שפּעטער האָט מען זיך דערוווּסט, אַז ער איז געגאַנגען צופוס אין דער שכנותדיקער שטאָט, אַהין און צוריק.

דעם לאַנגן וועג, וועלכן ער איז אַדורכגעפאָרן פאַרמיטאָג. מסתמא האָט ער געהאַט זייער אַ וויכטיקן ענין. ווען סאַראַ האָט אים גע־עפנט די טיר, איז ער געווען דורכגענעצט פון שווייס; דאָך האָט ער געלאַכט, געשפּאַסט מיט איר און איז בכלל געווען זייער גוט געשטימט.

— גאָט מיינער, ס'אַראַ פּראַכטפולן נאַקן איר האָט עס, איר פרויען! — האָט ער געזאָגט. — איז עפּעס אָנגעקומען פאַר מיר מיט דער פּאָסט נאָך מיין אוועקגיין? פאַר נאַגעלן, פאַר יאָהאַן נאַגעל? אוף! דריי טעלעגראַמען מיטאַמאָל. אָך, טוט מיר אַ טובה און נעמט אַראָפּ יענץ בילד דאָרט פון דער וואַנט. איך זאָל עס מער פאַר די אויגן נישט האָבן. נאַפּאָלעאָן דער דריטער, לאָז זיך אייך דאַכטן, האָט נישט געהאַט אַזאַ גרינגע באָרד. איך דאַנק אייך זייער!

ווען סאַראַ איז אוועק, איז נאַגעל געבליבן שטיין אין מיטן צימער. ער איז געשטאַנען גאַנץ שטיל, זייער צערודערט, האָט זיך פאַרקוקט עפּעס אויף אַ פּונקט אויף דער וואַנט, און נישט געקוקט, וואָס זיין קאָפּ האָט זיך אַלץ מער אַרונטערגעלאָזט אויף אַ זייט, האָט ער זיך דאָך נישט קיין ריר געטון פון אָרט, דאָס האָט געדויערט אַ שפּאָרע ווייַלע.

ער איז געווען אַ נידעריקער מאַן, אונטער מיטעלן וווּקס, מיט אַ ברוין פּנים, אַ מאָדנע טונקעלן בליק און אַ פיינעם פרוי־עשן מויל, אויף איין פינגער האָט ער געטראָגן אַ פּראָסטן רינג פון בליי אָדער פון אייזן. ער האָט געהאַט זייער ברייטע אַקסלען און האָט געמוזט אַלט זיין אַן ערך אַ יאָר אַכט און צוואַנציק אָדער דרייסיק, ביי די שלייפן האָבן אים די האָר גענומען גרוי ווערן.

ער האָט זיך שטאַרק אָפּגעטרייסלט פון זיין פאַרטראַכטקייט, אַזוי שטאַרק, אַז ס'האָט כמעט אויסגעזען קינסטלעך; ס'האָט אויס־געזען, ווי ער וואָלט געשטאַנען און נאָכגעקלערט וועגן דעם דאָ־זיקן טרייסל, הגם ער איז געווען איינער אַליין אינם צימער. דער־נאָך האָט ער פון הויזן־טאַש אַרויסגענומען עטלעכע שליסלען, אַביסל קליינגעלט און עפּעס אַ מעדאַל, וואָס איז געהאָנגען

אויף אַ צעריסן בענדל; די זאַכן האָט ער אַוועקגעלייגט אויף אַ טיש בײַ זײַן בעט. דערנאָך האָט ער זײַן בריוו-טאַש אַרונטערגערוקט אונטערן קאָפּ-קישן און אַרויסגענומען פֿון זײַן וועסט דעם זייגער און עפּעס אַ פּלעשעלע, אַ קליין מעדיצין-פּלעשעלע מיט אַן אויפֿשריפֿט פֿון עפּעס אַ סם. דעם זייגער האָט ער אַ ווײַלע געהאַלטן אין האַנט, אָבער דאָס פּלעשעלע האָט ער באַלד צוריק אַרײַנגעלייגט אין קעשענע. דערנאָך האָט ער אַראָפּגענומען זײַן פֿינגערל און זיך אַרומגעוואַשן; די האָר האָט ער זיך צוגעגלעט מיט די פֿינגער, נישט באַנוצנדיק צומאָל דעם שפּיגל.

ער איז שוין געלעגן אין בעט, בעת ער האָט זיך מיטאַמאָל געכאַפּט, אַז ער האָט נישט דעם רינג, וואָס איז אַ פֿאַרגעסענער געבליבן ליגן אויפֿן וואַש-טישל; און ווי ער וואָלט קיין איין רגע נישט געקאָנט בלײַבן אָן אָט דעם נישטיקן, אײַזערנעם רינג, איז ער אויפֿגעשטאַנען און אים ווידער אָנגעטון. לסוף האָט ער געעפֿנט די דרײַ טעלעגראַמען, נאָר איידער ער האָט נאָך דורכגעלייענט די ערשטע אפֿילו, האָט ער זיך שטיל צעלאַכט. ער איז געלעגן און געלאַכט צו זיך אַליין; זײַנע ציין זענען געווען אויסערגעוויינלעך שיין. דערנאָך איז זײַן פּנים ווידער ערנסט געוואָרן, און באַלד נאָכדעם האָט ער מיט דער גרעסטער גלײַכגילטיקייט אַ וואָרף געטון די טעלעגראַמען אָן אַ זײַט. נישט געקוקט אָבער דערויף, האָט זיך אין זיי געהאַנדלט וועגן אַ גרויסן און וויכטיקן ענין; מ'האָט אים דאָרט אָנגעבאָטן צוויי און זעכציק טויזנט קראָן פֿאַר אַ גוט, יאָ, מ'האָט אים אפֿילו אָנגעבאָטן צו באַצאָלן די גאַנצע סומע געלט אין מזומנים, אויב דער עסק זאָל דורכגעפֿירט ווערן. דאָס זענען געווען טרוקענע, קורצע, געשעפֿטלעכע ידיעות, און ס'איז באמת נישט געווען פֿון וואָס צו לאַכן; אָבער קיין אונטערשריפֿט איז אין זיי נישט געווען. אין אַ פּאָר מינוט אַרום איז נאַגעל אַנטשלאָפֿן געוואָרן. די צוויי ליכט, וואָס האָבן געברענט אויפֿן טיש, ווײַל ער האָט זיי פֿאַרגעסן צו פֿאַרלעשן, — האָבן באַלויכטן זײַן גלאַט-ראַזירט פּנים און זײַן ברוסט און האָבן געוואָרפֿן אַ בלאַסע שײַן אויף די טעלעגראַמען, וואָס זענען געעפֿנטע געלעגן אויפֿן טיש.

צומאָרגנס אינדערפרי האָט יאָהאַן נאַגעל געשיקט אַ דינער אויף פּאָסט און אָפּגענומען עטלעכע צייטונגען. צווישן זיי אויך אַ פּאָר אויסלענדישע, אָבער קיין בריוו זענען נישט געווען. זיין פידל-קאַסטן האָט ער גענומען און אַוועקגעשטעלט אויף אַ שטול אין מיטן צימער, גלייך ווי ער וואָלט אויסן-געווען, מ׳זאָל אים בעסער אַרויסזען; אָבער ער האָט אים נישט געעפנט און געלאָזט דעם אינסטרומענט ליגן אויף זיין אָרט.

אין משך פונם גאַנצן פאַרמיטאָג האָט ער בלויז אָנגעשריבן אַ פּאָר בריוו און ער האָט זיי געלייענט, גייענדיק איבערן צימער אַהין און צוריק. אויסערדעם האָט ער זיך אין אַ געוועלב געקויפט אַ פּאָר הענטשקעס און אַביסל שפּעטער באַצאָלט אין מאַרק צען קראָן פאַר אַ קליין, רויט הינטל, וואָס ער האָט באַלד נאָכדעם געשענקט דעם האָטעל-אייגנטימער. דעם הינטל האָט ער, צו אַלעמענס פאַרוויילונג, אַ נאָמען געגעבן יאַקאָבסען, כאָטש עס איז געווען דווקא אַ צויג.

דעם גאַנצן טאָג האָט ער, הייסט עס, גאָרנישט געטון. ער האָט נישט געהאַט אין שטאָט קיין שום עסקים. און נישט געמאַכט קיין וויזיטן, נישט אַריינגעגאַנגען אין קיין שום ביוראָ און קיינעם נישט געקענט. אין האָטעל האָט מען זיך אַביסל געחידושט אויף זיין מאָדנער גלייכגילטיקייט צו אַלעם, יאָ, אפילו צו זיינע אייגענע ענינים. אָט, למשל, זענען זיינע טעלעגראַמען געלעגן אָפּן פאַר יעדן איינעם אין זיין צימער אויפן טיש; ער האָט זיי די גאַנצע צייט אפילו נישט אָנגערירט. ער האָט אויך נישט געענטפערט אויף קיין שום פראַגן. דער באַלעבאָס האָט צוויי מאָל געפּרוווט אַרויסקריגן פון אים, ווער ער איז און צוזואָס איז ער געקומען אין דער דאָזיקער שטאָט, אָבערביידע מאָל האָט יענער נישט געענטפערט, ווי די גאַנצע מעשה וואָלט אים לחלוטין נישט אָנגעגאַנגען. נאָך איין מערקווירדיקע זאַך האָט מען באַמערקט אין משך פון יענעם טאָג; הגם ער האָט קיינעם אין שטאָט נישט געקענט, איז ער פונדעסטוועגן געבליבן שטיין ביים טויער פון בית-עולם קעגנאיבער אַ געוויסער יונגער שטאָט-דאַמע, אָנגעקוקט זי און דערנאָך זייער טיף זיך פאַר איר פאַרנויגט, נישט אויסרעדנ-

דיק דערביי קיין איינציק וואָרט. די דאַמע איז רויט געוואָרן ביז איבער די אויערן. דערנאָך האָט זיך דער אומפאַרשעמטער מענטש געלאָזט מיטן שאָסיי, צום פּאָסטאָרס הויז צו און נאָך ווייטער — דאָס זעלבע האָט זיך איבערגעחזרט אויך אין די ווייטערדיקע טעג. מען האָט אים שטענדיק געמוזט עפּעס נאָך האַלבע נאַכט די טיר פון גאַס, בעת דער האָטעל איז שוין פון לאַנג געווען פאַרשלאָסן. אָט אַזוי שפּעט פלעגט ער קומען פון זיינע שפּאַצירן.

דעם דריטן פרימאָרגן נאָך זיין קומען, גראָד בעת ער איז אַרויס פון זיין צימער, האָט ער זיך באַגעגנט מיטן באַלע-באָס פון האָטעל, וועלכער האָט אים באַגריסט און געזאָגט דערביי אַ פּאָר העפלעכע ווערטער. זיי זענען אַרויס אויף דער וועראַנדע און האָבן זיך אַנידערגעזעצט; דער באַלעבאָס האָט געפונען אַ פּאַסיקע געלעגנהייט, צו פרעגן ביי אים אַן עצה וועגן אַ קעסטל פרישע פיש, וואָס ער האָט ערגעץ געדאַרפט אַוועקשיקן.

— אפשר קאָנט איר מיר זאָגן, ווי אַזוי מ'דאַרף אַוועקשיקן דאָס קעסטל?

נאַגעל האָט אַ קוק געטון אויפן קעסטל, אַ שמייכל געטון און געשאָקלט מיטן קאָפּ:

— ניין, איך בין דערויף קיין מבין נישט. — האָט ער געענטפערט.

— ניין, הייסט עס? כ'האָב געמיינט, איר זענט אַ סך אַרומגעפאָרן, מסתמא, און געזען, ווי מען מאַכט עס ערגעץ אַנדערש.

— אָ יאָ, אַרומגעפאָרן בין איך טאַקע, נאָר...

פּויזע.

— אַזוי, האָט איר זיך, משמעות, אָפּגעגעבן ס'רוב מיט אַנדערע זאַכן, יאָ, מיט... אפשר זענט איר גאָר בכלל נישט קיין סוחר?

— איך? ניין. איך בין נישט קיין סוחר.

— ווילט איר, הייסט עס, אין שטאָט נישט צוליב מסחר?

דערויף האָט נאַגעל מער נישט געענטפערט. ער האָט אָנגעצונדן אַ ציגאַר און פּאַמעלעך גערויכערט, קוקנדיק בשעת-מעשה

סתם אזוי פאר זיך. דער באַלעבאָס האָט אים באַטראַכט פון דער זייט.

— און אפשר װעט איר אונז עפּעס אויפשפּילן? איך זע, איר האָט מיטגעבראַכט אַ פידל. — האָט דער באַלעבאָס װידער אָנגעהויבן.

נאַגעל האָט קאַלט געענטפערט:

— אַ ניין, איך שפּיל שוין נישט.

באַלד האָט ער זיך אָן צערעמאָניעס אויפגעהויבן פון אָרט און איז אַװעק. אין אַ װײַלע אַרום איז ער געקומען צוריק און געזאָגט:

— הערט, כ'האָב אײַך פאַרגעסן צו זאָגן, אויב איר װילט, קאָנט איר מיר באַלד געבן דעם חשבון. ס'איז דאָך אַלץ אײנס, װען איך װעל באַצאָלן.

— אָ, ס'איז נאָך צײַט! — האָט דער באַלעבאָס געענטפערט. — אויב איר בלײַבט דאָ אַ לענגערע צײַט, װעלן מיר אײַך רעכע־נען ביליקער. איר האָט בדעה דאָ צו בלײַבן אויף לאַנג?

נאַגעל איז מיטאַמאָל לעבעדיק געװאָרן. ער האָט גלײַך גע־ענטפערט, און בשעת־מעשה איז זײַן פּנים, אָן אַ שום סיבה, רויט געװאָרן:

— יאָ, עס קאָן טאַקע זײַן, ס'קאָן באמת געמאָלט זײַן, איך זאָל דאָ בלײַבן אַ לענגערע צײַט. עס װענדט זיך אָן די אומ־שטענדן. יאָ, כ'האָב עס אײַך נאָך אפשר נישט געזאָגט? איך בין אַן אַגראָנאָם, אַ פערמער, איך קום פון אַ רײַזע, און עס איז גאַנץ מעגלעך, אַז איך זאָל דאָ בלײַבן אַ לענגערע צײַט. אָבער אפשר האָב איך פאַרגעסן אפילו... מײַן נאָמען איז נאַגעל, יאָהאַן נילסען נאַגעל.

בײַ די דאָזיקע װערטער איז ער צוגעגאַנגען צום באַלע־באָס און הארציק געדריקט אים די האַנט; ער האָט געבעטן בײַ אים אַנטשולדיקונג, לכאורה ער האָט זיך אים פריער נישט פאָר־געשטעלט, אויף זײַן פּנים איז נישט געװען קײן סימן פון איראָניע.

— ס'איז מיר נאָר־װאָס אײַנגעפאַלן, אַז מיר װאָלטן אײַך אפשר געקאָנט געבן אַ בעסער און רויִקער צימער, — האָט זיך

אָנגערופן דער באַלעבאָס — איר וווינט איצט ביי די טרעפּ, און דאָס איז טיילמאָל נישט באַקוועם.

— ניין, איך דאַנק אייך. ס'איז נישט נויטיק. דאָס צימער איז אויסגעצייכנט, איך בין גאַנץ צופרידן. אויסערדעם קאָן מען פונם צימער זען דעם גאַנצן מאַרק, און דאָס איז זייער פיל ווערט.

באַלד האָט זיך דער באַלעבאָס ווידער אָנגערופן:

— איר האָט זיך, הייסט עס, באַפרייט אויף אַ לענגערע צייט? איר ווילט דאָ לכל-הדעות בלייבן איבערן זומער?

נאַגעל האָט געענטפערט:

— יאָ, איך האָב בדעה צו בלייבן אַ צוויי אָדער דריי חדשים און אפשר נאָך לענגער; כ'ווייס נאָך אליין נישט גענוי. דאָס איז אָפּהענגיק פון די באַדינגונגען. ווי עס וועט זיך מאַכן.

אין דעם אויגנבליק איז פאַרביינעגאַנגען אַ מאַן און האָט באַגריסט דעם האָטעל-אייגנטימער. אַ גאַנץ אומחיכטיקער מאַן פון נידעריקן וווקס און אָרעם אָנגעטון; זיין גאַנג איז געווען אַזוי שווער, אַז דאָס האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן, נאָר נישט געקוקט דערויף, איז ער געגאַנגען גאַנץ גיך. כאָטש ער האָט זיך טיף פאַרנויגט, האָט דער באַלעבאָס דאָך דעם הוט נישט אַראָפּגענומען; נאַגעל האָט אָבער אַראָפּגענומען זיין סאַמעטן היטל.

— דאָס איז אַ מענטש, וועלכן מיר רופן מינוט. ער איז אַביסל תמעוואַטע, נאָר אַ רחמנות אויף אים, אַ ווילער יונג, דער אָרעמער, נעבעך!

דאָס איז געווען אַלץ, וואָס עס איז געזאָגט געוואָרן וועגן מינוטן.

— מיט עטלעכע טעג צוריק האָב איך געלייענט אין די צייטונגען וועגן איינעם אַ מאַן, וואָס איז דאָ ערגעץ, אין דער געגנט, געפונען געוואָרן אין וואַלד אַ טויטער, — האָט זיך נאַגעל פּלוצלינג אָנגערופן — וואָס פאַראַ מענטש איז עס געווען? אַ געוויסער קאַרלסען, דאַכט מיר. איז ער געווען פונדאַנען?

— יאָ, ער איז געווען דער זון פון אַ באַנקעס-שטעלערין אין אונזער שטעטל; פון דאַנען קאָנט איר זען איר הויז, אָט

דער רויטער דאַך דאָרט אונטן. ער איז געקומען אהיים בלויז אויף די זומער-פעריען און האָט גלייך אַ סוף געמאַכט צו זיין לעבן. אַ גרויסער שאָד, וואָס ער איז טויט; ער איז געווען אַ באַגאַבטער יונג און וואָלט בקרוב געווען פּרעדיקער. אַ יאָ, מען ווייסט נישט אַליין, וואָס צו זאָגן וועגן דעם, אָבער דער ענין איז פאַרדעכטיק. היות די ביידע פּולס-אָדערן זענען דורכגעשניטן, איז דאָך נישט אַזוי לייכט מסכים צו זיין מיט דער השערה, אַז דאָס איז אַן אומגליקס-פאַל. נו, דערצו האָט מען נאָך געפונען דאָס מעסער אויך, אַ פעדער-מעסערל מיט אַ חיים הענטל, די פּאָליציי האָט עס נעכטן שפּעט ביינאַכט געפונען. יאָ, לויט ווי מ'שמועסט, איז דאָ געווען אַ ליבע-געשיכטע.

— אַזוי? מ'קאָן נאָך בכלל צווייפלען, צי ער האָט זיך גע־נומען דאָס לעבן?

— מען רעכנט דאָס בעסטע, דאָס הייסט, עס זענען פאַראַן מיינונגען, אַז ער איז געגאַנגען מיטן אָפענעם מעסער אין דער האַנט און דעמאָלט האָט ער זיך אַזוי אומגליקלעך אויסגעגליטשט, אַז ער האָט זיך אין איין און דער זעלבער צייט איינגעשניטן אין צוויי ערטער. נו, מיר דאַכט זיך, אַז דאָס ליגט זיך נישט אויפן שכל. אָבער מען וועט אים געווים באַגראָבן אויפן בית-עולם. ניין, ער האָט זיך, לײדער, נישט אויסגעגליטשט!

— איר זאָגט, אַז מ'האָט דאָס מעסער ערשט נעכטן ביינאַכט געפונען; צי איז עס נישט געלעגן נעבן אים?

— ניין, עס איז געלעגן ווייטער. נאָכדעם ווי ער האָט עס באַנוצט, האָט ער עס אַוועקגעוואָרפן אין וואַלד אַריין. ס'איז אַ ריינער צופאַל, וואָס מ'האָט עס געפונען.

— אַזוי? אָבער וואָס פאַרא סיבה האָט ער געקאָנט האָבן אַוועקצוּוואַרפן דאָס מעסער, אַז ער איז שוין געלעגן מיט אָפענע וונדן? ס'איז דאָך סיי-ווי-סיי קלאָר פאַר יעדן איינעם, אַז ער האָט זיך געמוזט באַנוצן מיט אַ מעסער.

— יאָ, איין גאָט ווייסט, וואָס פאַרא סיבה ער האָט דערצו געקאָנט האָבן; אָבער ווי געזאָגט, איז דאָ געווען פאַרמישט אַ ליבע-געשיכטע. אַזאַ זאַך האָב איך נאָך קיינמאָל נישט געהערט;

וואָס מער איך טראַכט דערפון, אַלץ ערגער קומט מיר די זאַך פאָר.

— פאַרוואָס גלויבט איר עפּעס, אַז דאָ איז געווען פאַר־מישט אַ ליבע־געשיכטע?

— צוליב פאַרשידענע סיבות. איבעריקנס, איז זייער שווער עפּעס וועגן דעם צו זאָגן.

— צי איז אָבער נישט מעגלעך, אַז ער איז געפאַלן נישט־ווילנדיק? ער איז דאָך געלעגן אַזוי מאָדנע; איז ער נישט גע־לעגן אויפן בויך. מיטן פּנים אין אַ וואַסער־לוזשע?

— יאָ, און ער האָט זיך שטאַרק פאַרשמוצט, אָבער דאָס זאָגט גאָרנישט; אפשר האָט ער געהאַט אַ סיבה אַזוי צו טון. אפשר האָט ער געוואָלט, למשל, פאַרדעקן די שפּורן פונם קאַמף מיטן טויט אויף זיין פּנים. דאָס קאָן קיינער נישט וויסן!

— האָט ער גאָר קיין בריוו נישט איבערגעלאָזט?

— עס דאַרף הייסן, אַז ער איז געגאַנגען און האָט עפּעס געשריבן אויף אַ שטיקל פּאַפּיר; אגב, פלעגט ער זייער אָפט שרייבן אונטערוועגס. נו, מיינט מען, אַז ער האָט באַנוצט דאָס מע־סערל צו פאַרשניצן דעם בלייפעדער אָדער עפּעס ענלעכס, און דאָ איז ער געפאַלן און האָט זיך דורכגעשטאָכן פונקט אין איין אָדער און באַלד נאָכדעם פונקט אין צווייטן אָדער. אַלץ ביי איין מאָל פאַלן. כאַ, כאַ, כאַ! ניין, דאָס האַלט נישט אויס! יעדנפאַלס האָט ער יאָ איבערגעלאָזט עפּעס געשריבנס; ער האָט געהאַלטן אין האַנט אַ שטיקל פּאַפּיר, און אויף דעם דאָזיקן פּאַפּיר זענען געשטאַנען די ווערטער:

„הלוואי וואָלט דיין שטאָל געווען אַזוי שאַרף, ווי דיין לעצ־טער ניין!"

— אָ, ווי קונציק! וואָס־זשע, דאָס מעסער איז געווען טעמפּ?

— יאָ, ס'איז געווען טעמפּ.

— פאַרוואָס־זשע האָט ער עס פריער נישט אויסגעשליפן?

— ס'איז נישט געווען זיין מעסער.

— וועמענס דען?

דער באַלעבאָס האָט זיך אַ ווײַלע מישב געווען און ער זאָגט:

— ס'איז געווען פרײַלין קיעלאַנדס.

— פרײַלין קיעלאַנדס? — האָט נאַגעל אַ פרעג געטון.

באַלד האָט ער ווידער געפרעגט:

— נו, און ווער איז פרײַלין קיעלאַנד?

— דאַגני קיעלאַנד. זי איז דעם פּאַסטאָרס טאָכטער.

— אַזוי? מערקווירדיק. האָט איר ווען געהאַט עפּעס אַזוינס! און דער יונגער מענטש איז עס געווען אַזוי פאַרליבט אין איר?

— יאָ, דאָס איז ער באמת געווען! דעם אמת זאָגנדיק, זענען אַלע אין איר פאַרליבט. ער איז נישט געווען דער איינציקער.

נאַגעל איז פאַרזונקען געוואָרן אין זײַנע געדאַנקען און האָט מער גאָרנישט געזאָגט. מיטאַמאָל רײַסט דער באַלעבאָס איבער די שטילקייט און זאָגט:

— דאָס, וואָס כ'האָב אײַך דערציילט, איז אַ סוד, און דעריבער בעט איך אײַך...

— אָך אַזוי, — האָט נאַגעל געענטפערט — נו יאָ, איר קאָנט זײַן פולשטענדיק רויק.

ווען נאַגעל איז דערנאָך אַראָפּגעקומען אונטן עסן, איז דער האָטעל-אייגנטימער שוין געשטאַנען אין קיך און דערציילט, אַז לסוף האָט זיך אים אײַנגעגעבן אַ שמועס מיטן געלן מענטשן פון נומער 7.

— ער איז אַן אַגראָנאָם, — האָט דער באַלעבאָס דערציילט — און ער קומט פון אויסלאַנד. ער זאָגט, אַז ער האָט דאָ בדעה צו בלײַבן עטלעכע חדשים. אײן גאָט ווייסט, וואָס אים איז אײַנגעפאַלן...

II

דעם זעלבן טאָג אין אָוונט האָט זיך אַזוי געמאַכט, אַז נאַגעל האָט זיך פּלוצלינג באַגעגנט מיט מינוטן. ס'האָט זיך ענט-

וויקלט צווישן זיי א לאנגווייליקער שמועס אן א סוף. א שמועס, וואס האט געדויערט גוטע דריי שעה.

די גאנצע געשיכטע פון אנהויב ביז סוף איז פארגעקומען אזוי:

יאהאן נאגעל איז געזעסן אינם עס-צימער פון האטעל, ווען מינוט איז אריינגעקומען. ביי די טישן זענען געזעסן נאך אנדערע געסט, צווישן זיי א פויערן-פרוי, וואס האט געטראגן אויף די אקסלען א געשטריקטן, וואלענעם שאל מיט שווארצע און רויטע פאסן. משמעות, מינוטן האבן אלע געקענט; ער האט זיך העפ-לעך פארנויגט אויף רעכטס און אויף לינקס. מ'האט אים אבער מקבל פנים געווען מיט געשרייען און געלעכטער. אפילו די פוי-ערטע האט זיך אויפגעהויבן און געוואלט מיט אים טאנצן.

— היינט נישט, היינט נישט. — זאגט ער צו דער פרוי.

ער דרייט זיך ארויס, גייט צו גלייך צום באלעבאס און מיטן הוט אין דער האנט ווענדט ער זיך צו אים:

— כ'האב ארויפגעטראגן אין קיך קוילן. מער איז היינט נישטא, וואס צו טון?

— ניין. — האט דער באלעבאס געענטפערט — וואס נאך זאל זיין?

— ניין, — האט אויך מינוט נאכגעזאגט און א דערשראקענער איז ער אפגעטרעטן אין א זייט.

ער איז געווען זייער מיאוס. ער האט געהאט רויקע, בלויע אויגן, אבער זייער מיאוסע פאדערשטע ציין, וואס זענען ארויסגע-קראכן פון מויל, און א קרומען גאנג, ווייל ער האט געהאט א קער-פערלעכן פעלער, א ברוך. זיינע האר זענען געווען נישקשהדיק גרוי; די בארד איז געווען טונקעלער, אבער אזוי שיטער, אז אומעטום האט אדורכגעגלאנצט די הויט. דער דאזיקער מאן איז אמאל געווען א מאטראס, איצט אבער האט ער געלעבט ביי א קרוב, וואס האט געפירט א קליינעם קוילן-האנדל אונטן ביים פארט. ער האט זעלטן — אדער אפשר קיינמאל נישט — אויפגע-הויבן די אויגן פון דר'ערד, בעת ער האט מיט עמעצן גערעדט.

ביי איינעם פון די טישן האט מען אים א רוף געטון; א

מאַן אין אַ גרויען זומער־מלבוש האָט צו אים געװונקען און אָנ־געװיזן אויף אַ פלעשל ביר.

— קומט אַהער און נעמט זיך אַ גלאָז ברוסט־מילך. איך װאָלט זייער געװאָלט זען, װי איר װעט אויסזען אָן אַ באָרד. — האָט ער געזאָגט.

מינוט איז צוגעגאַנגען צום טיש מיט גרויס דרך־ארץ, מיטן הוט אין דער האַנט און מיט אַ געבויגענעם רוקן. פאַרביייגייענדיק נאַגעלן, האָט ער געמאַכט אַ נאַרישע, קאָמישע מינע און עפּעס באַװעגט מיט די ליפּן. ער איז געבליבן שטיין פאַר דעם הער אינם גרויען מלבוש און שטיל געזאָגט:

— נישט אַזוי הויך, הער לאַנד־ריכטער, איך בעט אייך. זעט דאָך, עס זענען דאָ פאַראַן פרעמדע מענטשן.

— אָבער גאָט מיינער, — האָט דער ריכטער געזאָגט — כ׳האָב אייך בלויז געװאָלט פאָרלייגן אַ גלאָז ביר, און דאָ קומט איר גאָר צוגיין און איר האָט צו מיר טענות, פאַרװאָס איך רעד אַזוי הויך.

— ניין, איר פאַרשטייט מיך שלעכט, זייט מיר מוחל. נאָר בעת פרעמדע מענטשן זענען דאָ דערביי, װאָלט איך נישט װעלן הערן די אַלטע שפּאַסן. איך קאָן איצט קיין ביר אויך נישט טרינקען.

— אַזוי, איר קאָנט נישט? איר קאָנט נישט טרינקען קיין ביר?

— ניין, איך דאַנק אייך, איצטער נישט.

— װאָס? איר דאַנקט מיר איצט נישט? װען־זשע דאַנקט איר מיר יאָ?

— אַך, איר פאַרשטייט מיך שלעכט — מילא!

— נו, רעדט נישט קיין נאַרישקייטן! װאָס איז דען געשען אַזוינס?

דער לאַנד־ריכטער זעצט אַװעק מינוטן אויף אַ שטול. מי־נוט בלייבט אַ רגע זיצן, אָבער באַלד הויבט ער זיך אויף.

— ניין, לאָזט מיך אָפּ, — זאָגט ער — איך קאָן נישט פאַר־טראָגן דאָס טרינקען; זינט אַ געװיסער צייט קאָן איך עס נישט

פאַרטראָגן אַזוי ווי פריער; איין גאָט ווייסט, פון וואַנען דאָס נעמט זיך. איידער איך קוק זיך אום, ווער איך שוין שיכּור, און דאַן רעד איך סאַמע נאַרישקייטן.

דער לאַנד-ריכטער שטייט אויף. נעמט אַדורך מינוטן מיט אַ שאַרפן בליק, רוקט אים אַריין אין האַנט אַ גלאָז און זאָגט:

— נו, קלאַפּט אָן!

פּויזע.

מינוט הויבט אויף זיין בליק, פאַרשאַרט זיך די האָר אויפן שטערן און שווייגט.

—נו, כּדי אייך צוליב צוטון, אָבער בלויז אַ פּאָר טראָפּנס,— רופט ער זיך אָן — בלויז אַ קליין ביסעלע, כּדי צו האָבן דעם כּבוד מיט אייך אויסצוטרינקען.

— טרינקען! — טוט דער ריכטער אַ געשריי און דרייט זיך באַלד אויס, כּדי נישט אויסצובראַכן אין אַ געלעכטער.

— ניין, נישט אינגאַנצן. נישט אינגאַנצן. פאַרוואָס מוז איך עס טרינקען, בעת איך וויל נישט? יאָ, נעמט נישט פאַר אומגוט און זייט נישט דערפאַר בייז אויף מיר; אויב איר ווילט נישט אַנדערש, וועל איך עס נאָך היינטיקס מאָל טון. איך האָף, אַז עס וועט מיר נישט נעמען מישן אין קאָפּ; ס'איז לעבערלעך, אָבער איך פאַרטראָג עס נישט. פאַר אייער געזונט!

— אויסטרינקען! אויסטרינקען! — שרייט ווידער דער ריכ- טער. — אינגאַנצן! אָט אַזוי — אַזוי איז פיין. איצט וועלן מיר זיך צוזעצן און מאַכן מינעס. פריער קאָנט איר אַביסל קריצן מיט די ציין און דערנאָך וועל איך אייך אָפּשניידן די באָרד, כּדי איר זאָלט אויסזען מיט צען יאָר יינגער. נו, קודם-כּל קריצט מיט די ציין!

— ניין, איך וועל עס נישט טון. נישט בעת פרעמדע מענטשן זענען דאָ דערביי. פאַרלאַנגט עס נישט פון מיר. איך וועל עס באמת נישט טון, — ענטפערט מינוט און וויל אַוועקגיין — דערצו האָב איך קיין צייט אויך נישט. — זאָגט ער.

— איר האָט אויך קיין צייט נישט? גאַנץ טרויעריק. בא, בא, באמת טרויעריק. קיין צייט אפילו נישט, וואָס?

— ניין, איצט נישט.

— נו, הערט-זשע: אויב איך וועל אייך דערציילן, אז איך האָב שוין פון לאנג באשטימט פאר אייך אן אנדער רעקל, ווי דעם, וואָס איר טראָגט... אגב, לאָמיר נאָר א קוק טון! יאָ, אָט דאָס רעקל איז דאָך שוין צו גאָרנישט! גיט נאָר א קוק! עס האלט דאָך שוין נישט אויס דעם דרוק פון א פינגער צומאָל!

און דער ריכטער געפינט א לעכל, ווו ער שטעקט אריין זיין פינגער. דער שטאָף צעררייסט זיך און צעפאלט אויף שטיקער.

— נו, גיט אליין א קוק!

— לאָזט מיך צורו! ווי גאָט איז אייך ליב, וואָס האָב איך אייך געטון? און לאָזט אָפּ מיין רעקל!

— אָבער גאָט מיינער, איך זאָג דאָך אייך צו אויף מאָרגן אן אנדערס; איך זאָג עס אייך צו פאר-לאָמיר באלד זען: איינס, צוויי, פיר, זיבן — פאר זיבן עדות. וואָס איז מיט אייך, אייגנטלעך, היינטיקן אָוונט? איר זענט אויפגערעגט, בייז און גרייט צו מאכן פון אונז אלע אש און בלאָטע. יאָ, אָט אזוי האנדלט איר בלויז דערפאר, וואָס איך ריר אָן אייער רעקל.

— זייט מוחל, אָבער איך האָב באמת נישט געוואָלט ווערן בייז, איר ווייסט דאָך, איך ביך גרייט אייך צו טון אלץ. אָבער...

— נו, טוט-זשע מיר די טובה און זעצט זיך אנידער.

מינוט שאַרט אַרויף זיינע גרויע האָר און זעצט זיך.

— גוט, און איצט טוט מיר די טובה און קריצט א ביסל מיט די ציין.

— ניין, דאָס קאָן איך נישט טון.

— אזוי? איר וועט עס, הייסט עס, נישט טון? יאָ, צי ניין?

— ניין, גאָט אין הימל, וואָס האָב איך אייך פאָרט געטון? קאָנט איר מיך נישט אָפּלאָזן? פארוואָס זאָל דווקא איך שפילן פאר אלעמען א נאר? דער פרעמדער מאן קוקט אהער, כ'האָב עס באמערקט, ער נעמט קיין אויג פון אונז נישט אראָפּ און מסתמא לאכט ער פון מיר. אזוי קומט פאר שטענדיק; דעם ערשטן טאָג, ווען איר זענט אָנגעקומען, האָט מיך באלד דער דאָקטאָר סטענערסען געפאקט און אייך אויסגעלערנט, ווי אזוי מיך צו מאכן צום נאר, און איצט

לערנט איר דאָס זעלבע אויס אַט יענעם מאַן. איינער לערנט זיך דאָ אָפּ פון צווייטן.

— נו, גוט, גוט! יאָ צי ניין?

— ניין! איר הערט דאָך, וואָס איך זאָג אייך! — שרייט אויס מינוט און שפּרינגט אויף פון שטול. נאָר משמעות, ער האָט זיך אַליין דערשראָקן פאַר זיין האַסטיקער האַנדלונג; ער זעצט זיך ווידער און זאָגט:

— מיר מעגט מיר גלויבן, איך קאָן גאָרנישט קריצן מיט די ציין.

— איר קאָנט נישט? כאַ, כאַ, כאַ! נאָך אַ מין, ווי איר קאָנט! איר קריצט וואונדערבאַר מיט די ציין!

— זאָל מיר אַזוי גאָט העלפן, ווי איך קאָן נישט!

— כאַ, כאַ, כאַ, איר האָט דאָך עס שוין איינמאָל געטון!

— יאָ, אָבער דעמאָלט בין איך געווען שיכּור, כ׳געדענק עס שוין גאָרנישט. אַלץ האָט אַרום מיר געטאַנצט אין אַ קרייז. איך בין נאָכדעם צוויי טעג געווען קראַנק.

— גאַנץ ריכטיק, — זאָגט דער ריכטער — איר זענט דע-מאָלט טאַקע געווען שיכּור, דאָס בין איך אייך מודה. איבעריקנס, צוואָס פּלאַפּלט איר דאָס אויס אַלע מענטשן אין די אויגן? דאָס וואָלט איך שוין נישט געטון; אָבער איר פאַרמאָגט נישט קיין ביסל טאַקט אין זיך, דאָס קאָן איך אייך זאָגן, הגם איר זענט בכלל זייער אַ ווילער מענטש.

דאָ איז דער באַלעבאָס אַרויס פון עס-צימער. מינוט שווייגט. דער ריכטער קוקט אים אָן און זאָגט:

— נו, וואָס וועט זיין? איך דערמאָן אייך נאָכאַמאָל דאָס רעקל.

— איך ווייס, — האָט מינוט געענטפערט — אָבער איך קאָן נישט און וויל מער נישט טרינקען, זאָלט איר וויסן זיין!

— איר ווילט און איר קאָנט! איר הערט, וואָס איך זאָג אייך? ווילט און קאָנט, האָב איך געזאָגט. און אויב איך וועל אייך מוזן אַריינגיסן אין האַלז אַריין, איז...

דאָ איז דער ריכטער אויפגעשטאַנען און צוגעגאַנגען נאָענט צו מינוטן מיט דעם גלאָז אין דער האַנט.

— נו, עפנט דאָס מויל!

— ניין, איך שווער ביי גאָט, אַז איך וויל נישט מער קיין ביר! —שרייט מינוט, בלאַס פון אויפרעגונג. — און קיין שום מאַכט אויף דער וועלט וועט מיך דערצו נישט צווינגען. יאָ, איר מוזט מיר מוחל זיין, עס ווערט מיר דערנאָך נישט-גוט; איר ווייסט גאָרנישט, ווי שלעכט איך פיל זיך נאָכדעם. טוט מיר נישט קיין בייז, איך בעט אייך זייער. בעסער וועל איך שוין... בעסער וועל איך שוין קריצן מיט די ציין אָן ביר!

— אָט דאָס, זעט איר, איז עפּעס אַנדערש, צום טייוול! דאָס איז אינגאַנצן עפּעס אַנדערש, אַז איר ווילט עס טון אָן ביר.

— יאָ, כ'וועל עס שוין גלייכער טון אָן ביר.

און אונטער דעם טייוולשן געלעכטער פון עולם, וואָס איז געזעסן אַרום די טישן, האָט מינוט געקריצט מיט זיינע שרעקלעכע ציין. נאָגעל האָט נאָך אַלץ, דאַכט זיך, געלייענט זיין ציימונג. ער איז געזעסן גאַנץ שטיל הינטן אויף זיין אָרט ביים פענסטער.

— שטאַרקער! שטאַרקער! — שרייט דער לאַנד-ריכטער. — קריצט שטאַרקער, אויב נישט קאָנען מיר עס נישט הערן!

מינוט זיצט שטייף און אויסגעצויגן, ווי אַ ליכט, און האַלט זיך אָן פעסט מיט ביידע הענט אָן דעם שטול, ווי ער וואָלט מורא געהאַט נישט אומצופאַלן; דערביי קריצט ער מיט די ציין, אַז עס טרייסלט זיך אים אַזש דער קאָפּ. אַלע לאַכן. די פּויערטע האָט זיך אויך אַזוי פונאַנדערגעלאַכט, אַז די טרערן לויפן איר איבער די באַקן. זי קייקלט זיך איינפאַך פון געלעכטער, און פון גרויס התפעלות שפּייט זי אויס צוויי מאָל אויף דער ערד.

— זאָל מיך גאָט באַשירמען פון אייך! — שרייט זי אויס אויסער זיך פון אַנטציקונג.

— שוין! שטאַרקער קאָן איך שוין נישט קריצן. — זאָגט מינוט. כ'קאָן באמת נישט, גאָט איז מיין עדות; גלויבט מיר, איך קאָן שוין נישט מער.

— גוט, טאָ רוט זיך אָפּ אַ ווײַלע און דערנאָך וועט איר ווידער אָנהויבן. יאָ, איר מוזט נאָך קריצן מיט די ציין. שפּעטער וועלן מיר אײַך אַביסל אָפּשערן די באָרד. נעמט נאָר איצט אַ גלעזל ביר; יאָ, איר מוזט, אָט שטייט עס שוין אָנגעגאָסן.

מינוט שאָקלט בלויז מיטן קאָפּ און שווייגט. דער לאַנד־ריכטער נעמט אַרויס זײַן געלט־בײַטל, לייגט אַוועק אויפן טיש אַ פינף און צוואַנציקער און זאָגט:

— אַזוי מוט איר עס, אייגנטלעך, פאַר צען, נאָר איך גיב אײַך פינף־און־צוואַנציק. איך העכער אײַך דעם פרייז. נו!

— לאָזט מיך צורו, כ'וועל בשום אופן נישט טרינקען מער.

— איר וועט נישט טרינקען? איר ווילט נישט?

— אָבער גאָט אין הימל, מאַכט אַ סוף דערצו און לאָזט מיך צורו! איך וועל קיין שום זאַך מער נישט טון, כּדי צו קריגן דעם ראָק. כ'בין דאָך אויך אַ מענטש. וואָס ווילט איר פון מיר?

— טאָ הערט זשע אויס, וואָס איך וועל אײַך זאָגן: איר זעט? אָט שיט איך אײַך אַרײַן אין גלאָז דאָס ביסעלע ציגאַרן־אַש. איר זעט? און אַצינד נעם איך אָט דאָס נישטיקע שוועבעלע און אָט דאָס שטיקל פון אַ שוועבעלע און שטעק זיי ביידע אַרײַן פאַר אײַך אין די אויגן אין גלאָז אַרײַן. אָט אַזוי! און אַצינד וועט איך מיך מיט אײַך, אַז איר וועט, נישט געקוקט דערויף, דאָך אויסטרינקען אײַער גלאָז ביר ביז צום דעק. זיכער!

מינוט איז אויפגעשפּרונגען. מען האָט געקאָנט באַמערקן, אַז ער ציטערט פון אויפרעגונג. זײַנע גרויע האָר זענען אים ווי־דער אַראָפּגעפאַלן איבערן שטערן, און ער האָט געקוקט דעם לאַנד־ריכטער גלייך אין פּנים אַרײַן. ס'האָט געדויערט אַ פּאָר רגעס.

— ניין, דאָס איז שוין איבער דער מאָס! — האָט שוין די פּויערטע אויסגעשריגן. טוט עס נישט! כאַ כאַ כאַ! זאָל מיך גאָט אָפּהיטן פאַר אײַך!

— וואָס, איר ווילט טאַקע נישט? איר זאָגט זיך אָפּ? —

פרעגט דער לאנד־ריכטער, וואס האט זיך אויך אויפגעשטעלט און שטיין געבליבן.

מינוט האט געשטאמלט, זיך אנגעשטרענגט עפעס צו זאגן, האט אבער נישט ארויסגעבראכט קיין ווארט פון מויל. אלע האבן געקוקט אויף אים.

מיט אמאל הויבט זיך נאגעל אויף פון זיין ארט דארט ביים פענסטער. ער האט אוועקגעלייגט זיין צייטונג און לאזט זיך גיין איבערן צימער. ער איילט זיך נישט און מאכט נישט קיין טומל, אבער ער ציט אויף זיך אלעמענס אויפמערקזאמקייט, ער שטעלט זיך אפ ביי מינוטן, לייגט אים ארויף די האנט אויפן פלייצע און זאגט מיט א הויכער קלארער שטים:

— איך באצאל אייך צען קראן מזומן און איך וויל אייך אפהיטן פון אלע סכנות, אויב איר וועט נעמען די גלאז און עס א ווארף טון דעם הונט אין צורה אריין. ער האט געטייטלט דעם לאנד־ריכטער אין פנים אריין און איבערגעחזרט:

— איך מיין דעם הונט.

אין צימער איז פלוצלינג שטיל געווארן. מינוט איז ווי פאר־גליווערט געווארן פון שרעק, האט געקוקט דא אויף איינעם, דא אויפן צווייטן און געענטפערט:

— אבער?... ניין... אבער...

מער איז ער נישט געווען ביכולת צו רעדן. אבער דאס האט ער אן אויפהער איבערגעחזרט מיט א ציטערדיקער שטים, ווי ער וואלט עפעס געפרעגט. דער עולם האט געשוויגן. דער לאנד־ריכטער איז אפגעטרעטן הינטערוויילעכץ און גענומען זוכן זיין שטול; ער איז געווארן בלייך, ווי קרייד, און האט אויך געשוויגן. זיין מויל איז געווען אפן.

— איך זאג דיר נאכאמאל, — האט נאגעל גאנץ הויך געציילט די ווערטער — אז איך גיב אייך צען קראן, איר זאלט דעם הונט א שליידער טון דאס גלאז אין קאפ אריין. אט האלט איך דאס געלט אין דער האנט. איר דארפט גארנישט קיין מורא האבן. — נאגעל האט באמת געהאלטן א צען־קראן־פאפירל אין דער האנט פאר מינוטן.

נאָר מינוט האָט, אינגאַנצן אומגעריכט, זיך אַ לאָז געטון איבער דער קאָפּע, און מיט זיינע קליינע, אויסגעצויגענע טריט האָט ער אַװעקגעשפּרייזט צום װינקל און זיך אַװעקגעזעצט, נישט געענטפערט נאָגעלן קיין װאָרט. ער איז געזעסן מיט אַן אַראָפּגע־לאָזטן קאָפּ און געװאָרפן זיינע בליקן אויף אַלע זייטן, אונטער־הויבנדיק אַלע מאָל די קני אינדערהויך.

די טיר האָט זיך געעפנט, און דער האָטעל־אייגנטימער איז װידער אַריינגעקומען. ער האָט זיך גענומען באַלעבאָטעװען מיט די זאַכן ביים בופעט און עס איז אים לחלוטין נישט אָנגעגאַנגען, װאָס טוט זיך אַרום אים. אָבער װען דער לאַנד־ריכטער איז פּלוצלינג אויפגעשטאַנען און זיך מיט אויפגעהויבענע הענט אַ לאָז געטון צו נאָגעלן מיט אַ פאַרשטיקטן געשריי, האָט דער באַלעבאָס אַ פרעג געטון:

— װאָס איז דאָ פאָרגעקומען?

אָבער קיינער האָט נישט געענטפערט. דער לאַנד־ריכטער האָט זיך צװיי מאָל אַ לאָז געטון מיט זיינע הענט, אָבער ער האָט זיך יעדעס מאָל אָפּגעשטעלט פאַר נאָגעלס צוזאַמענגעדריקטע פויסטן; ער האָט גאָרנישט געקאָנט טון. זיין אומגליק האָט אים בסדר אויפגערעגט און ער האָט גלאַט אין דער װעלט אַריין גע־פּאָכעט מיט די הענט אין דער לופטן, װי ער װאָלט אַלצדינג געװאָלט פון זיך אַװעקשטויסן; לסוף האָט ער זיך גענומען רוקן זייטיק צו די טישן, האָט זיך געשטרויכלט איבער אַ שטול און איז אומגעפאַלן אויף די קני. מען האָט ממש געקאָנט הערן װי ער קייכט, ער איז אינגאַנצן געװען אַ פאַרענדערטער, פּשוט נישט צו דערקענען פאַר װילדן גרימצאָרן. דערצו האָט ער זיך נאָך צעבלוטיקט די אָרעמס אָן די דאָזיקע צװיי האַרטע פויסטן, װאָס זענען געװען, דאַכט זיך, אומעטום, װו ער האָט זיך נאָר אַ קער געטון. איצט איז די גאַנצע קאָפּע געגאַנגען כאַדאָראָם פון טומל. די פּוי־ערטע מיט אירע לייט זענען אַרויסגעלאָפן פון זאַל, און די אי־בעריקע האָבן געשריגן און געטומלט און זיך געװאָלט אַריינלייגן אין שלום. לסוף הויבט זיך דער לאַנד־ריכטער אויף און גייט צו צו נאָגעלן; ער בלייבט שטיין מיט אויסגעשטרעקטע אָרעמס,

סאָפנדיק און מיט אַ לעבערלעבער פאַרצווייפלונג; מחמת עס פעלן אים ווערטער, שרייט ער אויס:

— דו, פאַרשאָלטענער... דער טייוול זאָל דיך נעמען, דו מנוול איינער!

נאגעל האָט אים אָנגעקוקט און אַ שמייכל געטון. דעמאָלט איז ער צוגעגאַנגען צום טיש, האָט גענומען דעם לאַנד-ריכטערס הוט און אים דערלאַנגט מיט אַ פאַרנייגונג. דער לאַנד-ריכטער האָט דעם הוט אַ ריס געטון און אין זיין ווילדן כעס האָט ער אים געוואָלט צוריק אַ שליידער טון, נאָר ער האָט זיך באַרעכנט און אים האַסטיק מיט אַ קנאַק אַרויפגעזעצט אויפן קאָפּ. שפּעטער האָט ער זיך אויסגעדרייט און איז אַרויס אין גאַס. ער האָט געהאַט צוויי גרויסע ביילן אין הוט און ער האָט געקראָגן אַ קאָמישן אויסזען.

ערשט איצטער האָט זיך דער באַלעבאָס דורכגעשפּאַרט דורכן עולם און האָט געפאָדערט אַן ערקלערונג. ער האָט זיך געווענדט צו נאַגעלן, אים אָנגענומען פאַרן אָרעם און געזאָגט:

— וואָס איז דאָ פאָרגעקומען? וואָס טוט זיך דאָ?

נאַגעל האָט געענטפערט:

— לאָזט שוין די מינוט אָפּ מיין אָרעם, איך וועל נישט אַנטלויפן פון אייך. אגב, איז דאָ גאָרנישט פאָרגעקומען. איך האָב באַליידיקט דעם מענטש, וואָס איז נאָר וואָס אַרויס פון דאַנען, און ער האָט זיך געוואָלט פאַרטיידיקן; ס'איז גאָרנישטאָ וואָס צו זאָגן וועגן דעם. אַלץ איז אין דער בעסטער אָרדנונג.

דער באַלעבאָס איז אָבער אַריין אין כעס און האָט אַ טופּע געטון מיטן פוס.

— איך בעט נישט צו מאַכן דאָ קיין סקאַנדאַלן! — האָט ער געשריגן. — קיין שום סקאַנדאַלן, איר הערט? — אויב אייך פאַרגלוסט זיך ספּעקטאַקלען גייט אַרויס אין גאַס, ביי מיר אין לאָקאַל וויל איך אַזעלכעס נישט זען. זיי ווערן שוין דאָ באַלד משוגע!

— יאָ, דאָס אַלץ איז גאַנץ שיין — מישן זיך אַריין אַ פּאָר געסט. — אָבער מיר האָבן צוגעזען די גאַנצע סצענע. — און ווי

דער שטייגער פון עולם צו האַלטן מיטן שטאַרקערן -- האָבן זיי זיך אַלע דורכויס אָנגענומען פאַר נאַגעלן. זיי האָבן דערציילט פאַרן באַלעבאָס אַלץ, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען.

נאַגעל גופא האָט אַ דריק געטון מיט די אַקסלען און איז צוגעגאַנגען צו מינוטן. אָן שום הקדמה האָט ער דעם קליינעם גרייז-גרויען נאָר געפרעגט:

— וואָס פאַרא געשעפטן האָט איר מיטן לאַנד-ריכטער, וואָס ער פאַרגינט זיך אייך צו באַהאַנדלען אויף אַזאַן אופן?

— רעדט נישט קיין נאַרישקייטן! — האָט מינוט געענטפערט. — איך האָב מיט אים נישט קיין מגע ומשא. ער איז מיר פרעמד. כ'האָב איינמאָל אויפן מאַרק-פּלאַץ געטאַנצט פאַר אים פאַר צען ערע. אגב, טרייבט ער מיט מיר אייביק לצנות

— איר טאַנצט, הייסט עס, פאַרן עולם און נעמט דערפאַר געלט?

— יאָ. ס'מאַכט זיך אַמאָל. אָבער דאָס פּאַסירט נישט אָפט. בלויז דעמאָלט, ווען איך דאַרף נויטיק צו האָבן די צען ערע און איך קאָן זיי אין ערגעץ נישט קריגן.

— צוואָס דאַרפט איר דען דאָס געלט?

— איך דאַרף געלט אויף פאַרשידענע זאכן. ערשטנס בין איך אַ מענטש אַ טיפּוש, כ'בין צו גאָרנישט פעיק, און דאָס איז שלעכט, זייער שלעכט. אַמאָל, אַז איך בין געווען אַ מאַטראָס און האָב זיך אליין געקאָנט אַן עצה געבן, איז מיר בכלל אין אַלצ-דינג געגאַנגען בעסער. האָב איך אָבער געכאַפּט אַ פעלער, איך בין אַראָפּגעפאַלן פון זעגלבוים און געבליבן אַ קאַליקע. פון דע-מאָלט אָן איז מיר שוין גאָרנישט לייכט זיך דורכצושלאָגן. מיין עסן און אַנדערע הצטרכותן קריג איך ביים פעטער; כ'וווין ביי אים און עס גייט מיר גוט, יאָ, כ'האָב אפילו מער, וויפל איך דאַרף. וואָרן מיין פעטער האָט אַ קוילן-געשעפט, וואָס גיט אים חיונה. אָבער איך פאַרדין אויך צו אַביסעלע, דער עיקר זומער-צייט, ווען מיר פאַרקויפן כמעט גאָרנישט קיין קוילן. דאָס איז אמת, ווי איך זיץ דאָ מיט אייך און קלער אייך אויף די זאַך, דאָס זענען, פאַרשטייט איר מיך, די טעג, ווען אַ צען-ערע-שטיק

קאָנען זייער צונויף קומען. דעמאָלט קויף איך עפּעס און ברענג עס מיר אַהיים. וואָס שייך דעם לאַנד-ריכטער, איז אַזוי די מעשה: ער האָט הנאה צוצוזען ווי איך טאַנץ, טאַקע דערפאַר וואָס איך האָב אַ פעלער און קאָן נישט טאַנצן, ווי עס דאַרף צו זיין.

— וואָס-זשע, אייער פעטער ווייסט, הייסט עס, אַז איר טאַנצט אַזוי פּאַר אַ פּאַר גראָשן אויפן מאַרק, און ער האָט גאָר-נישט קעגן דעם?

— ניין, ניין. זאָל גאָט אָפּהיטן. דאָס דאַרפט איר נישט גלויבן. ער זאָגט אַלעמאָל, אַרויס מיט דיין פּאַיאַציש געלט! ער רופט עס אָפּט פּאַיאַציש געלט, בעת איך קום מיט מיינע צען ערע, און ער זידלט מיך גוט אויס, וואָס איך מאַך מיך צום נאַר, כדי דער עולם זאָל חוזק פון מיר.

— נו, דאָס איז געווען, הייסט עס, ערשטנס, און צווייטנס?

— ווי?

— צווייטנס.

— איך פאַרשטיי נישט.

— איר האָט געזאָגט, ע ר ש ט נ ס זענט איר אַ טיפּוש, נו, און צווייטנס?

— אויב איך האָב דאָס געזאָגט, טאָ זייט מיר מוחל.

— איר זענט בכן בלויז אַ טיפּוש?

— איך בעט אייך באמת. זייט מיר מוחל!

— אייער פאָטער איז געווען אַ גלח?

— יאָ, מיין פאָטער איז געווען אַ גלח.

פּויזע.

— הערט זשע מיך אויס, — האָט זיר נאַגעל אָפּגערופן, אויב איר האָט גאָרנישט וואָס צו טון, טאָ קומט אַביסל אַרויף צו מיר אין צימער. איר ווילט? גוט! איר רויכערט? גוט! אַלזאָ, כ'בעט אייך! איך וווין אויבן. איך וועל אייך זייער דאַנקבאַר זיין, אויב איר וועט אַרויפגיין מיט מיר.

צו דעם עולמס גרעסטער פאַרוואונדערונג, זענען נאַגעל און מינוט אַרויף אויפן צווייטן שטאָק, וווּ זיי האָבן צוזאַמען פאַר-בראַכט דעם גאַנצן אָוונט.

III

מינוט האָט זיך אַנידערגעזעצט און פאַררויכערט אַ ציגאַר.

— וואָס זשע, איר טרינקט טאַקע גאָרנישט? — האָט נאַגעל געפרעגט.

— ניין. איך טרינק נישט קיין סך. דער קאָפּ הויבט מיר אָן אַזוי צו מישן דערפון, אַז אין אַ רגע אַרום הויב איך אָן יע־דע זאַך צו זען טאָפּל. — האָט דער גאַסט געענטפערט.

— האָט איר ווען עס איז געטרונקען שאַמפּאַניער? פאַר־שטייט זיך, אַז יאָ!

— טאַקע יאָ, מיט אַ סך, אַ סך יאָרן צוריק, ביי מיין טאַ־טע־מאַמע אויף דער זילבערנער חתונה.

— ס'האָט אייך געשמעקט?

— יאָ, איך דערמאָן זיך, אַז ס'איז געווען גאַנץ געשמאַק.

נאַגעל האָט אַ קלונג געטון און באַשטעלט שאַמפּאַניער.

בעת זיי זענען אַזוי געזעסן און געזופּט פון די גלעזער און דערביי געררויכערט, רופט זיך נאַגעל אָפּ פון דער העלער הויט, בשעת מעשה נעמט ער דורך מינוטן מיט זיינע בליקן:

— זאָגט זשע מיר, איך בעט אייך... יאָ, ס'איז בלויז אַ פראַגע, ס'וועט אייך אויסזען לעכערלעך; אָבער וואָלט איר נישט געקאָנט, למשל, פאַר אַ געוויסע סומע זיך אָנגעבן פאַרן פאָטער פון אַ קינד, וואָס איז נישט אייערס? עס איז מיר סתם אַזוי גע־קומען אויפן רעיון אייך צו פרעגן.

מינוט האָט אויסגעגלאָצט אויף אים אַ פּאָר גרויסע אויגן, אָבער ער האָט קיין וואָרט נישט אַרויסגערעדט.

— פאַר אַ קלענערע סומע, פּופּציק קראָן, אָדער לאָמיר זאָגן ביז אַ פּאָר הונדערט קראָן? — האָט נאַגעל געפרעגט. — עס האַנדלט זיך נישט אַזוי געניי וועגן דער סומע.

מינוט שאָקלט מיטן קאָפּ און שווייגט אַ שפּאָרע ווײַלע.

— ניין. — ענטפערט ער דאַן.

— וואָס זשע, איר וואָלט עס ווירקלעך נישט געקאָנט טון? איך וואָלט אייך אויסגעצאָלט דאָס געלט גלייך אויפן אָרט אין מזומנים.

— ניין, דאָס איז גאָרנישט! איך קאָן עס נישט טון, דער־מיט קאָן איך אייך נישט דינען.

— פאַרוואָס דען נישט?

— שווייגט! זאָגט גאָרנישט און בעט מיך נישט; לאָזט מיך אָפּ. איך בין דאָך אויך אַ מענטש.

— יאָ, אוודאי זענט איר אַ מענטש! נו, ס'איז אפשר געווען צו גראָב פון מיר! פאַרוואָס זאָלט איר טאַקע סתם אין דער וועלט אַריין טון אַ מענטשן אַזאַ טובה? אָבער איך וואָלט אייך נאָך געוואָלט עפּעס פרעגן! וואָלט איר איינגעשטימט... וואָלט איר געקאָנט פאַר פינף קראָן דורכגיין די גאַנצע שטאָט מיט אַ צייַ־טונג אָדער אַזוי מיט אַ שטיק פּאַפּיר צוגעקלעפּט צום רוקן, אָנ־הויבן דאָ ביים האָטעל און זיך פאַרנעמען אויפן מאַרק און אי־בער דעם האַפן — וואָלט איר דאָס געקאָנט? און פאַר פינף קראָן?

מינוט לאָזט אַראָפּ פאַרשעמט דעם קאָפּ און זאָגט מעבאַ־ניש עטלעכע מאָל:

— פינף קראָן. — מער זאָגט ער גאָרנישט.

— נו, יאָ, אָדער צען קראָן, אויב איר ווילט; לאָמיר זאָגן צען קראָן. פאַר צען קראָן, וואָלט איר עס, בכן, געקאָנט טון?

מינוט שאַרט זיך אַרויף די האָר פון שטערן.

— איך קאָן גאָרנישט תופס זיין, פון וואַנעט די מענטשן, וואָס קומען אַהער צופאָרן, ווייסן שוין פון פריער, אַז יעדער איי־נער קאָן מיך מאַכן צו חוכא וטלולה. — האָט ער געזאָגט.

— ווי איר זעט, קאָן איך אייך שוין געבן דאָס געלט, — זאָגט נאַגעל ווייטער — עס ווענדט זיך נאָר אָן אייך

מינוט נעמט קיין אויג נישט אַראָפּ פון דעם פּאַפּירל; אַ רגע קוקט ער, ווי פאַרלווירן אויפן געלט, מען זעט ממש, ווי עס רינט אים שפּייעכץ פון מויל. און פּלוצלינג זאָגט ער:

— יאָ, איך...

— זייט מוחל, — זאָגט נאַגעל גיך — זייט מוחל, וואָס איך שלאָג אייך איבער די רייד.—זאָגט ער נאָכאמאָל, כדי מינוטן נישט צו לאָזן קומען צום וואָרט. — ווי איז אייער נאָמען? איך וויס נישט, מיר דאַכט, איר האָט מיר נאָך נישט געזאָגט, ווי איר הייסט.

— איך הייס גרעגאַרד.

— אַזוי? גרעגאַר? וואָס זשע זענט איר נישט א אמאָל אין קרובהשאַפט מיט דעם הער פונאיידסוואָלדס?

— יאָ, דאָס אויך.

— פון וואָס האָבן מיר נאָר וואָס גערעדט? גרעגאַרד? נו, איר ווילט מסתמא אָט די צען קראָן נישט פאַרדינען אויף אַזאַן אופן? ווי?

— ניין. — האָט מינוט קוים אַרויסגעשטאַמלט.

— אַצינד, וועל איך אייך אָט וואָסזאָגן. — האָט זיך נאַגעל אָפּגערופן ציענדיק די ווערטער. איך וויל אייך מיט פרייד געבן אָט די צען קראָן, דערפאַר טאַקע ווייל איר ווילט נישט טון דאָס, וואָס איך האָב אייך פאָרגעשלאָגן. און איך וויל אייך אַחוץ דעם געבן נאָך צען קראָן, אויב איר ווילט מיר פאַרשאַפן דאָס פאַרגעניגן זיי אָנצונעמען. שפּרינגט נישט אויף; אָט די קליינע טובה קומט מיר גאָרנישט שווער אָן. כ'האָב איצט א סך געלט, גאָר א סך געלט; אַזאַ קלייניקייט ברענגט מיך נישט אַריין אין קיין שום פאַרלעגנהייט. — אַז ער האָט שוין געהאַלטן דאָס געלט אין דער האַנט, האָט נאַגעל צוגעגעבן:

— איר טוט מיר נאָר אָן א נחת רוח דערמיט, כ'בעט אייך!

אָבער איצט זיצט מינוט א געפּלעפּטער און קאָן דאָס מויל נישט עפענען. זיין גליק האָט אים באַרוישט, און עס וואַרגן אים טרערן אין האַלז. א האַלבע מינוט כסדר פּינטלט ער מיט די אויגן און שלינגט. פּלוצלינג רופט זיך אָפּ נאַגעל.

— איר דאַרפט מסתמא אַלט זיין א יאָר פערציק, אין די יאָרן.

— דריי און פערציק, כ'בין איבער דריי און פערציק.

— נו. טאָ לייגט זשע אַריין דאָס געלט אין קעשענע און...
זאָל עס אייך וויל באַקומען! הערט זשע מיך, ווי הייסט ער דאָרט,
דער לאַנד-ריכטער, וואָס מיר האָבן גערעדט מיט אים אונטן אין
קאַפע?

— איך ווייס נישט, מיר רופן אים בלויז, דער לאַנד-ריכ-
טער. ער איז לאַנד-ריכטער פון דעם האַרדעס-באַצירק.

— נו, יאָ. ס'איז דאָך אַלץ איינס. ווי ער הייסט, זאָגט מיר!..

— זייט מיר מוחל! — מינוט האָט זיך שוין מער נישט גע-
קאָנט איינהאַלטן, ער איז אינגאַנצן אויס מענטש פאַר גערירטקייט
און וויל נישט אַנדערש, נאָר אַראָפּרעדן פון האַרץ, הגם ער
שטאַמלט, ווי אַ קינד. אַנטשולדיקט, זייט מיר מוחל! אַ שטיקל צייט
קאָן ער מער קיין וואָרט נישט אַרויסברענגען.

— וואָס האָט איר געוואָלט זאָגן?

— כ'האָב אייך געוואָלט זאָגן אַ דאַנק, אַן אויפריכטיקן דאַנק
פון אויפריכטיקן...

פויזע.

— נו, יאָ, מיר זענען פאַרטיק דערמיט.—פאַרענדיקט נאַגעל.

— ניין, וואַרט אַ ווײַלע! — האָט מינוט אויסגערופן. — אַנט-
שולדיקט, אָבער מיר זענען נאָך נישט פאַרטיק דערמיט! איר האָט
געמיינט, אַז איך וויל עס נישט טון, אַז עס איז אַ רשעות פון
מיר און עס פאַרשאַפט מיר פאַרגעניגן צו זיין פאַרעקשנט און
נישט וועלן טון, וואָס מען בעט מיך; אָבער, כ'שווער ביי גאָט...
זענען מיר שוין פאַרטיק דערמיט? קאָנען מיר זאָגן, אַז מיר זענען
פאַרטיק דערמיט, ווען עס האָט גאָר אפשר געמאַכט אויף אייך
דעם איינדרוק, אַז מיר גייט נאָר אין פרייז און אַז איך האָב עס
נישט געוואָלט טון פאַר פינף קראָן? איך האָף, אַז איר גלויבט
נישט, אַז איך האָב גאָר געמיינט דעם פרייז, בעת איך האָב זיך
אָפּגעזאָגט דאָס צו טון. — מער האָב איך גאָרנישט געוואָלט זאָגן.

—יאָ, יאָ. ס'איז שוין גוט. מירן מער נישט רעדן דערפון, אַ
מענטש מיט אַזאַ נאָמען און מיט אַזאַ בילדונג, דאַרף זיך נישט נאַריש
מאַכן, נישט אמת? נאָר וואָס האָב איך געוואָלט זאָגן?...איר קענט דאָך,
מסתמא, אַלע ענינים אין שטאָט נישט אמת? איך וויל אייך זאָגן, אַז איך

האָב מיך בדעה אויפצוהאַלטן דאָ אַ שטיקל צייט, אין דער אמתן מיין איך זיך דאָ צו באַזעצן אויף די עטלעכע זו־מער־חדשים; ווי איז אייער מיינונג וועגן דעם? איר זענט אַ היגער?

— יאָ, איך בין אַ היגער אַ געבוירענער. מיין פאָטער איז דאָ געווען פּאַסטאָר, און איך וווין שוין דאָ דרייצן יאָר, זינט מיין פעלער.

— איז, הייסט עס, ווי? איר טראָגט אַרום קוילן? מיר דאַכט, אַז איר האָט געטראָגן קוילן דאָ אין האָטעל?

— יאָ, איך טראָג קוילן איבער די הייזער. עס שאַדט מיר גאָרניט, אויב איר מיינט דאָס מיט אייער פראַגע... ס'איז אַן אַל־טע געוווינהייט, און עס שאַדט מיר נישט, אויב איך גיב נאָר אַכטונג, בשעת איך גיי אויף די טרעפּ. נאָר דעם פאַריקן ווינ־טער בין איך איינמאָל געפאַלן און ס'איז מיר געוואָרן אַ סך ער־גער, אַזוי אַז כ'האָב אַ שטיק צייט געמוזט גיין מיט אַ שטעקן.

— באמת, ווי אַזוי איז דאָס געשען?

— ס'איז געווען אין דער באַנק, אויף די טרעפּ איז געלעגן אַביסל אייז. איך לאָז מיך אַרויפגיין מיט אַ שפּאָרן, שווערן זאַק. אַז איך בין אַרויפגעקומען ביי אַ העלפט פון די שטיגן, דערזע איך גאַנץ אויבן דעם קאָנסול אַנדערסען, וואָס וויל אַראָפּגיין. כ'וויל זיך אַלזאָ אומקערן, כדי דורכצולאָזן דעם קאָנסול. ער האָט עס נישט געפאָדערט פון מיר, נאָר מען פאַרשטייט דאָך אַליין, און איך וואָלט עס געטון נישט וואַרטנדיק, מען זאָל עס מיר זאָגן. נאָר אין דער רגע האָב איך געהאַט אַ מפּלה; כ'האָב זיך אויסגעגליטשט אויף די טרעפּ און אומגעפאַלן. איך בין געפאַלן אויפן רעכטן אַקסל; עס קלינגט לעכערלעך, אָבער איך בין באמת געפאַלן אויפן רעכטן אַקסל, נאָכדעם ווי איך האָב מיך עטלעכע מאָל איבערגעדרייט. „ווי פילט איר זיך?" זאָגט דער קאָנסול צו מיר, „איר שרייט נישט, איר האָט זיך אַלזאָ נישט צעמזיקט?" „ניין" זאָג איך „די זאַך איז נאָך גליקלעך אַדורך." אָבער ס'דויערט נישט קיין פינף מינוט, און איך חלש איינמאָל און אַ צווייט מאָל, דערצו איז מיר דער בויך אויפגעלאָפן צוליב

מיין אַלטער קראַנקהייט. דערפאַר אָבער האָט דער קאָנסול דער־נאָך געזאָרגט פאַר מיר, כאָטש ער איז גאָרנישט שולדיק געווען.

— אַחוץ דעם, האָט איר זיך גאָרנישט געטון? איר האָט זיך נישט צעקלאַפּט דעם קאָפּ?

— אָ יאָ, אַביסל, כ'האָב אויך געשפּיגן מיט בלוט.

— און דער קאָנסול האָט אייך געהאָלפן, בעת איר זענט קראַנק געווען?

— יאָ, און נאָך ווי אַזוי געהאָלפן! ער האָט מיר אַלע ווײַלע געשיקט עפּעס אַנדערש. ער האָט מיך קיין איינציקן טאָג נישט פאַרגעסן. אָבער צום בעסטן פון אַלץ איז געווען דאָס, וואָס אין דעם אייגענעם טאָג, ווען איך בין אויפגעשטאַנען און געגאַנגען צום קאָנסול אים צו באַדאַנקען פאַר זיין גוט האַרץ, — באַלד דעם אייגענעם טאָג האָט ער געלאָזט אַרויפציען די פאָן. ער האָט אויסדריקלעך געגעבן אַ באַפעל, מען זאָל אַרויפציען די פאָן פון מיין כבוד וועגן, כאָטש עס איז אויך גראָד געווען דער געבורטס־טאָג פון פרייליין פרעדעריקע.

— ווער איז פרייליין פרעדעריקע?

— זיין טאָכטער.

— אַזוי. יאָ, דאָס איז געווען שיין פון אים... אַך יאָ, ווייסט איר נישט, צוליב וואָס מען האָט דאָ מיט עטלעכע טעג צוריק אויפגעצויגן די פאָנען?

— מיט עטלעכע טעג צוריק? לאָמיר זיך נאָר דערמאָנען — ס'איז געווען מיט אַ וואָך צוריק אָן ערך? נו, יאָ, איז עס געווען צוליב פרייליין קיעלאַנדס תנאָים, דאַגני קיעלאַנדס תנאָים. יאָ, יאָ, איינע נאָך דער אַנדערער פאַרקנסן זיי זיך, האָבן חתונה און פאָרן אַוועק. איך האָב איצט, אַזוי צו זאָגן, פריינדינס און באַקאַנטע צעזייט איבערן גאַנצן לאַנד. און צווישן זיי איז ממש נישטאָ קיין איינע, וואָס איך וואָלט נישט גערן געוואָלט ווידער זען. כ'האָב זיי געזען, ווי זיי פלעגן זיך שפּילן, ווי זיי פלעגן גיין אין שול אַריין און קאָנפירמירט ווערן, און ווי זיי זענען אויפגעוואַקסן, אַלע אינאיינעם. דאַגני איז ערשט אַלט דריי און צוואַנציק יאָר און איז דער ליבלינג פון דער גאַנצער שטאָט. זי איז טאַקע

שיין אויך. זי איז אַ כלה געוואָרן פאַר לייטנאַנט האַנסען, וואָס האָט מיר אַמאָל געשענקט דאָס היטל, וואָס איר זעט מיך טראָגן. ער איז אויך אַ היגער.

— האָט דאָס דאָזיקע פרײַלין קיעלאַנד העלע האָר?

— יאָ, זי האָט העלע האָר. זי איז אויסערגעוויינלעך שיין, און אַלע האָבן זי ליב.

— כ'מיין, כ'האָב זי געזען בײַם גלחס הויף. גייט זי נישט אַמאָל מיט אַ רויטן שירם?

— ריכטיק. ווי ווייט איך ווייס, איז נישטאָ קיין אַנדערע אַחוץ איר, וואָס זאָל טראָגן אַ רויטן זון־שירם. איר האָט זי בלי־ספק געזען, אויב ס'איז אַ דאַמע מיט אַ דיקן, בלאָנדן אַראָפּהענ־גענדיקן צאָפּ. מען קאָן זי נישט פאַרבײַטן מיט קיין אַנדערע. אָבער איר האָט נאָך מסתמא נישט גערעדט מיט איר?

— יאָ, שוין אפשר גערעדט מיט איר אויך. — און פאַר־טראַכטערהייט פּליסטערט נאַגעל פאַר זיך:

— ניין — איז דאָס געווען, הייסט עס, פרײַלין קיעלאַנד!

— יאָ, אָבער איר האָט דאָך נישט גערעדט מיט איר, ווי עס דאַרף צו זײַן. איר האָט דאָך נישט געהאַט מיט איר קיין לענגערן שמועס? מער פעלט אײַך נית. קוים קומט איר עפּעס פאַר קאָמיש, לאַכט זי זיך באַלד פונאַנדער אויף אַ קול. און אַ סך מאָל לאַכט זי סתם אַזוי אין דער וועלט אַרײַן, איבער גאָר־נישט. אַז איר וועט רעדן מיט איר, וועט איר זען, ווי אויפמערק־זאַם זי הערט אײַך אויס, ביז וואַנען איר ענדיקט און דעמאָלט ענטפערט זי אויף דעם, וואָס איר האָט געזאָגט; אָבער בשעת־מעשה ווערט זי רויט, כ'האָב עס אָפט באַמערקט בעת זי האָט גערעדט מיט עמעצן. מיט מיר איז עס, פאַרשטייט זיך, אַביסל אַנדערש, מיט מיר פּלוידערט זי, ווען עס מאַכט זיך נאָר אַ געלעגנהייט; זי מאַכט נישט קיין צערעמאָניעס מיט מיר. איך קאָן, למשל, צוגיין צו איר אין גאַס, וועט זי זיך אָפּשטעלן און מיר געבן די האַנט, אפילו דאַן, ווען זי אײַלט זיך און האָט קיין צײַט נישט. אויב איר גלייבט נישט, דאַרפט איר זיך אומישנע צוקוקן דערצו.

— יאָ, יאָ, כ'גלייב עס גאַנץ גוט. איר האָט בכן אַ גוטע פרײַנדין אין פרײַלין קיעלאַנד?

— פארשטייט זיך, בלויז אין דעם פרט, וואס זי האט שטענ־דיק אביסל איינזעעניש מיט מיר. ווייטער, פארשטייט זיך, איז גארנישט. ס׳איז קלאר. פון צייט צו צייט קום איך צום פאסטאר אין הויז, ווען איך ווער פארבעטן, און ווי ווייט איך באמערק, בין איך אויך נישט איבעריק אפילו דאן, ווען איך קום אומגעבעטן. פרייליין דאגני האט מיר אפילו געבארגט ביכער, ווען איך בין געלעגן קראנק. זי האט זיי אליין געבראכט און זיי דעם גאנצן וועג געטראגן אונטערן ארעם.

— וואס פאר א ביכער זענען דאס געווען, למשל?

— איר מיינט דאס, וואס פאר א ביכער זענען דאס, וואס איך קאן לייענען און פארשטיין?

— ניין, דאס מאל פארשטייט איר מיך שלעכט. אייער פרא־גע איז שארפזיניק, אבער איר פארשטייט מיך נישט ריכטיק. איר זענט אן אינטערעסאנטער מענטש! כ׳האב געמיינט, וואס פאר א ביכער, למשל, זענען עס, וואס די דאזיקע יונגע דאמע לייענט? ס׳וואלט מיר זייער אנגענעם געווען דאס צו וויסן.

— איך דערמאן זיך, אז זי האט מיר אמאל געבראכט גאר־בארגס „פויערים־סטודענטן״ און נאך צוויי אנדערע; איינס איז גע־ווען טורגעניעווס „רודין״. אבער איינמאל האט זי מיר הויך אויפן קול פארגעלייענט פון גארבארגס ווערק „נישט צום איבערבעטן״.

— און דאס זענען געווען אירע אייגענע ביכער?

— איר פאטערס ביכער. דעם פאטערס נאמען איז געשטא־נען אויף זיי.

— אזוי, נו, איצט מוז איך טרינקען! פארוואס זאלן מיר נישט טרינקען פארן געזונט פון עמעצן? א שטייגער פארן געזונט פון דער משפחה קיעלאנד? דאס מוז זיין א שיינע משפחה.

נאכדעם, ווי זיי האבן אויסגעטרונקען, האט זיך נאגעל אנ־געערופן:

— יא, וואס האב איך געוואלט זאגן? אז איר זענט דע־מאלט געקומען צום קאנסול אנדערסען, אים צו דאנקען, ווי איר דערציילט...

— כ׳האב אים געוואלט דאנקען פאר זיין הילף.

— נו, יאָ... אָבער איז די פאָן יענעם טאָג שוין געוועזן אויפ־געצויגן נאָך איידער איר זענט געקומען?

— יאָ, ער האָט זי פאַר מיין כבוד וועגן געלאָזט אויפציען; ער האָט עס מיר אַליין געזאָגט.

פויזע.

— מעגלעך. אָבער קאָן דען נישט זיין, אַז די פאָן איז אויפגעצויגן געוואָרן לכבוד דעם געבורטס־טאָג?

— נו, יאָ, דאָס איז טאַקע אַזוי געווען, דאָס קאָן זיין; אויך גוט. עס וואָלט פשוט געווען אַ חרפה, ווען די פאָן וואָלט נישט אַרויפגעצויגן געוואָרן אין פריילין פרעדעריקעס געבורטס־טאָג.

— איר זענט גאַנץ גערעכט... נאָר לאָמיר רעדן פון עפּעס אַנדערש: אייער פעטער, ווי אַלט איז ער?

— ער איז שוין אַוודאי באַלד זיבעציק. ניין, דאָס איז אַביסל צופיל. לכל הדעות איז ער שוין איבער זעכציק. ער איז זייער אַלט, אָבער פאַר זיין עלטער איז ער זייער רירעוודיק. פאַר גוויס קאָן ער נאָך אפילו לייענען אָן ברילן.

— ווי הייסט ער?

— ער הייסט אויך גרעגאַרד. מיר הייסן ביידע גרעגאַרד.

— פאַרמאָגט אייער פעטער אַן אייגן הויז, אָדער ער צאָלט דירה־געלט?

— ער האָט געדונגען די דירה, וווּ מיר וווינען: נאָר דער קוילן־מאַגאַזין איז זיין אייגענער. עס קומט אונז נישט אָן זייער שווער צו צאָלן דירה־געלט, אויב איר האָט דאָס געמיינט מיט אייער פראַגע; מיר באַצאָלן מיט קוילן, און צייטנווייז קאָן איך אויך אָפּצאָלן מיט אַ קליינע אַרבעט, וואָס איך פיר אויס.

— אייער פעטער טראָגט דאָך זיכער נישט אַרום קיין קוילן?

— ניין, דאָס איז מיין אַרבעט. ער מעסט און האָט אַ ידיעה אין אַלצדינג, און איך טראָג זיי פונאַנדער. איך טויג זיך דאָך בעסער דערצו, ווייל איך בין שטאַרקער.

— נו יאָ. און איר האָט, הייסט עס, אַ פרוי, וואָס קאָכט פאַר אייך?

פויזע.

— נעמט נישט פאר אומגוט, — ענטפערט מינוט—איר דארפט זיך נישט ערגערן. אויב איר ווילט, וועל איך שוין גיין אהיים. אט ווי אייך געפעלט. איר פארהאלט מיך אפשר ביי אייך, כדי מיר אנצוטון א שטיקל נחת, כאטש איר גופא קאנט דאך נישט האבן קיין שום פארגעניגן אויסצוהערן וועגן מיינע ענינים. ס'קאן גאר זיין, אז איר רעדט מיט מיר צוליב וועלכן ס'איז טעם, וואס איך פארשטיי נישט; אויב אזוי איז גוט. אבער אפילו ווען איך זאל שוין גיין, וועט מיר אויך קיינער גארנישט טון; איר האט נישט וואס מורא צו האבן, כ'וועל נישט טרעפן קיין מענטשן, וואס ווילן מיר שלעכטס טון. דער לאנדריכטער שטייט נישט חלילה און ווארט מיך נישט. אפ ביי דער טיר, זיך מיט מיר אפצורעכע-נען; אויב איר האט אפשר דערפאר מורא; און ווען ער וואלט אפילו יא געשמאנען, וואלט ער מיר אויך גארנישט געטון; דאס גלויב איך נישט.

— טוט ווי אייער הארץ גלוסט. מיר וועט איר פארשאפן פארגעניגן, ווען איר וועט נאך אביסל אונטערזיצן; אבער איר זענט בשום אופן נישט מחויב מיר עפעס צו דערציילן דערפאר, וואס איך האב געגעבן עטלעכע קראן אויף טאבאק. טוט ווי איר ווילט.

— איך בלייב, איך בלייב! — זאגט מינוט. — און זאל אייך גאט בענטשן! — זאגט ער. — כ'בין אזוי גליקלעך, וואס אייך איז אביסל אנגענעם מיט מיר צו פארברענגען, הגם ס'איז מיר ממש א חרפה פאר זיך אליין צו זיצן פאר אייך אין אזא הליכה. כ'וואלט דאך געקאנט איסזען א סך אנשטענדיקער, ווען איך האב נאר אביסעלע צייט זיך צוצוגרייטן; כ'טראג מיין פעטערס אן אלט רעקל און ס'פאלט שוין פון אים שטיקער, כ'מיין באמת, מען טאר זיך נישט צורירן צו אים. אט, זעט איר, דא האט דער לאנד-ריכטער געמאכט א לאנגן ריס. איך האף, אז איר וועט מיר דערפאר מוחל זיין... ניין, וואס שייך א קעבין, האבן מיר נישט אזא פרוי. מיר קאכן און וואשן אלצדינג אליין. ס'איז נישט אזוי שווער, און חוץ דעם, פארגרינגערן מיר זיך וויפל מיר קאנען. ווען מיר קאכן א שטייגער אינדערפרי קאווע, טרינקען מיר בא-

נאַכט אויך, וואָס ס'איז איבערגעבליבן, קאַלטערהייט, און מיר וואַרעמען עס נישט אָן. פונקט דאָס אייגענע איז מיטן מיטאָג, וואָס מיר קאָכן אויך אָפּ, אַזוי צו זאָגן, איינמאָל פאַר אַלע מאָל. וואָס קאָנען מיר פאָדערן ביי אַזעלכע באַדינגונגען? און דערצו קומט מיר שוין אויס צו וואַשן די וועש; ס'איז אפילו פאַר מיר אַ קליינע פאַרווײַלונג, בעת איך האָב נישט וואָס צו טון.

איצטער קלינגט אונטן אַ גלאָק, און דער עולם הויבט אָן אַראָפּצוגיין צום אָוונט-ברויט.

— דאָס איז דער גלאָק, וואָס רופט עסן. — זאָגט מינוט.

— יאָ, — ענטפערט נאַגעל — אָבער ער שטייט נישט אויף פון שטול און ווייזט נישט אַרויס קיין סימן פון אומגעדולד. אדרבא, ער מאַכט זיך באַקוועם אויף זיין פּלאַץ און פרעגט:

— איר האָט אפשר אויך געקענט דעם קאַרלסען, וואָס מ'האָט אַנומלט געפונען טויט אין וואַלד? איז דאָס נישט אַ טרויעריק געשעעניש?

— יאָ, זייער אַ טרויעריק געשעעניש. אַ שאלה אַביסל צי איך האָב אים געקענט! אַן אויסגעצייכנטער מענטש מיט אַן איידעלן כאַראַקטער. ווייסט איר, וואָס ער האָט מיר אַמאָל געזאָגט? איינמאָל, זונטיק אינדערפרי, שיקט ער מיך רופן; ס'וועט שוין זיין אין דעם אַזוי גוט ווי אַ יאָר. ס'איז געווען פאַראיאָרן מאַי. ער בעט מיך, איך זאָל אים אַוועקטראָגן אַ בריוו — יאָ — האָב איך געזאָגט. כ'וועל עס גערן פאַר אייך טון; אָבער איך גיי גראָד נישט אין קיין אָנשטענדיקע שיך; אין די שיך, וואָס איך טראָג, קאָן איך דאָך נישט קומען צווישן מענטשן. סיידן איך וועל גיין אַהיים און זיך שאַפן אַנדערע.

„ניין דאָס איז נישט נייטיק, — ענטפערט ער — איך מיין, עס מאַכט נישט אויס, ווען די פיס זאָלן נאָר אין אָט די שיך נישט נאַס ווערן" — אפילו דאָס האָט ער אין זינען געהאַט, אַז מיינע פיס זאָלן נישט נאַס ווערן! נו, דערנאָך האָט ער מיר שטילערהייט אַריינגעשטעקט אַ קראָן אין האַנט אַריין און מיר געגעבן דעם בריוו. אַז איך בין שוין געווען אויפן הויף, האָט ער אויפגעעפנט די טיר און איז מיר נאָכגעגאַנגען. איך שטעל מיך

אָפּ און טו אַ קוק אויף אים; טרערן שטייען אים אין די אויגן. און פּלוצלינג נעמט ער מיך אָרום, יאָ, ער האָט זיך פּשוט צו מיר צוגעטוליעט, און זאָגט: „טראָגט נאָר אַוועק דעם בריוו, אַל-טער פריינט, איך וועל אייך שפּעטער אין זינען האָבן. אז איך וועל ווערן פריידיקער און האָבן אַן אמט, זאָלט איר קומען צו מיר און שטענדיק זיין ביי מיר אין שטוב. יאָ, יאָ, איצט גייט, גייט געזונט." — ליידער האָט ער קיין אמט קיינמאָל נישט באַקו-מען; אָבער ער וואָלט געוויס געהאַלטן וואָרט, ווען ער וואָלט נאָך געלעבט.

— און איר האָט דעם בריוו אַוועקגעטראָגן?

— יאָ.

— און פריילין קיעלאַנד האָט זיך אַוודאי געפרייט, ווען זי האָט אים געקראָגן?

— פון האַנעט ווייסט איר עס, אַז ער איז געווען צו פריילין קיעלאַנד?

— ווי קאָן איך דאָס וויסן? איר האָט דאָך אַליין די אותו רגע געזאָגט.

— איך האָב עס אַליין געזאָגט? נישט אמת.

— בע, בע, נישט אמת? ווי זשע, איר גלויבט, אַז איך טראַכט אויס פון קאָפּ?

— ניין. זייט מיר מוחל. ס'קאָן זיין, אַז איר זענט גערעכט; אָבער יעדנפאַלס האָב איך עס נישט געדאַרפט זאָגן. ס'איז גע-קומען מחמת אומפאָרזיכטיקייט. האָב איך עס באמת געזאָגט?

— פאַרוואָס עפּעס? וואָס זשע, ער האָט אייך דען עס פאַרווערט צו זאָגן?

— ניין, ער נישט.

— אָבער זי?

— יאָ.

— נו, ס'מאַכט נישט אויס. ביי מיר וועט עס ווייטער נישט קומען. אָבער קאָנט איר תופס זיין, פאַרוואָס ער איז עפּעס גראָד איצט געשטאָרבן?

— ניין. ס'איז אים מסתמא באַשערט געווען אַן אומגליק.

— אַן אומגליק? נו, יאָ אהדאי, ער איז דאָך, הייסט עס, געפאַלן און זיך צעבלוטיקט אויף טויט?

— יאָ, ווי מ'איז זיך משער, האָט ער זיך אויסגעגליטשט, בעת ער איז געגאַנגען שטאַרק אריינגעטון אין געדאַנקען, און פאַלנדיק האָט ער זיך איבערגעשניטן די פולס-אָדערן. אַן אומגליק, וואָס אַלע מוזן באַדויערן.

— ווייסט איר, ווען ס'וועט פאָרקומען זיין קבורה?

— יאָ, מאָרגן מיטאָגצייט.

ווייטער האָבן זיי ווענן דעם נישט גערעדט. א ווײַלע האָבן זיי ביידע געשוויגן. סאַרא האָט אריינגעשטעקט דעם קאָפ אין טיר און געמאָלדן, אַז דאָס עסן איז שוין געגרייט. באַלד דערנאָך האָט זיך נאַגעל אָפּגערופן:

— נו, פריילין קיעלאַנד איז, הייסט עס, א כלה. ווי זעט ער פאָרט אויס, דער חתן אירער?

— ס'איז לייטענאַנט האַנסען, אַ העלדישער, באמת אויסגעצייכנטער מענטש. ס'וועט איר ביי אים קיין זאַך נישט פעלן.

— וואָס זשע, ער איז רייך?

— זיין פאָטער איז זייער רייך.

— וואָס איז ער — אַ סוחר?

— ניין. ער איז א שיף-איינגנטימער, ער וווינט עטלעכע הייזער פון דאַנען; זיין הויז איז גראָד נישט זייער גרויס, נאָר ער נוימיקט זיך נישט אין קיין גרעסערס; אַז דער זון פאָרט אַוועק, בלייבן בלויז די צוויי אַלטע לייט אין גאַנצן הויז. זיי האָבן אויך אַ טאָכטער, נאָר זי איז אויסגעגעבן קיין ענגלאַנד.

— וויפל, אַ שטייגער, פאַרמאָגט ער, דער אַלטער האַנסען?

— הם, ער האָט אפשר אַ מיליאָן. גענוי ווער קאָן וויסן? פויזע.

— יאָ, — רופט זיך אָן נאַגעל — די וועלט איז גאָרנישט יושרדיק פאַרטיילט. וואָס, גרעגאַרד, ווען איר האָט למשל אַביסל פון זיין געלט?

— ניין, חלילה, פאַרוואָס עפּעס? ניין, מען מוז זיך באַגנוגנען

מיט דעם וואָס מען האָט. זיי זענען אפשר גאָרנישט קיין סך גליק־לעכער, די וואָס האָבן אַזוי פיל.

— ניין, מען זאָגט אַזוי... אָבער עס איז מיר גראָד אַרויף אויפן רעיון: עס בלייבט דאָך אייך געוויס נישט איבער קיין צייט פאַר אַנדערע אַרבעטן, ווען איר מוזט צו יעדן איינעם אין דער־היים אָפּטראָגן אָט די גאַנצע קוילן, נישט אמת? ניין, מען פאַר־שמייט דאָך עס אַליין. אָבער איך האָב באַמערקט, ווי איר האָט געפרעגט דעם האָטעל־אייגנטימער, צי ער האָט נאָך היינט פאַר אייך עפּעס אַן אַנדער אַרבעט. איר געדענקט?

— יאָ. אָבער אין דעם איז פאַראַן אַן אַנדער סיבה. איר האָט עס נישט באַמערקט? — ניין, די מעשה איז אָט וואָס: איך האָב געמיינט, אַז איך וועל קריגן באַלד באַצאָלט פאַר די קוילן; אָבער בעטן געלט האָב איך נישט געוואָלט. דערפאַר האָב איך בלויז געזאָגט, אַז היינט איז דאָך מער גאָרנישטאָ וואָס צו טון. דאָס איז עס. מיר זענען גראָד געווען אַביסל פאַרעגנגט און מיר האָבן געלייגט אונזער האָפענונג אויף דעם חוב.

— וויפל האָט איר געדאַרפט, כּדי פון דער פאַרלעגנהייט זיך אַרויסצודרייען? — פרעגט נאַגעל?

— גאָט באַהיט! — האָט מינוט אַ געשריי געטון. — רעדט שוין נישט דערפון. מיר זענען שוין געהאָלפן עד בלי די. די גאַנצע מעשה האָט באַטראָפן זעקס קראָן, און אַצינד זיץ איך דאָ מיט אייערע צוואַנציק קראָן אין קעשענע. זאָל אייך גאָט דער־פאַר העלפן! אָבער די דאָזיקע זעקס קראָן זענען מיר גראָד שולדיק געווען; אונזער סוחר, מיט וועמען מיר האַנדלען, האָט אונז געמאָנט. ער האָט אונז אַרייַנגעשיקט אַ רעכענונג, און מיר ביידע האָבן זיך געבראָכן דעם קאָפּ, וויפל געלט מיר דאַרפן; אָבער אַצינד איז מער נישטאָ וואָס צו זאָרגן. מיר קאָנען איצט שלאָפן רויק און מאָרגן אויפשטיין און זיין גאַנץ צופרידן און פריילעך.

פויזע.

— יאָ, יאָ אָבער איצט וואָלט געווען צום בעסטן, ווען מיר זאָלן אויסטרינקען און זיך זאָגן אַ גוטע נאַכט. — זאָגט נאַגעל און

שטייט אויף. — פאר אייער געזונט. איך האף, אז דאס וועט נישט זיין צום לעצטן מאל, וואס מיר טרעפן זיך. איר מוזט מיר תיכף צוזאגן צו קומען נאכאמאל. כ'וויין, ווי איר זעט, נומער זיבן, א דאנק אייך פאר אייער באזוך.

די דאזיקע ווערטער האט נאגעל ארויסגעזאגט מיט אן אויפריכטיקן טאן, און בשעת מעשה האט ער געשאקלט מינוטס האנט. ער האט זיין גאסט אראפגעפירט אונטן און צוגעגאנגען מיט אים ביז דער טיר; דא האט ער, ווי ער האט עס שוין אמאל געטון, אראפגענומען זיין סאמעטענע היטל פון קאפ און זיך טיף פארנייגט.

מינוט איז אוועקגעגאנגען. ער האט זיך בסדר נישט אויפגעהערט צו פארנייגן, בעת ער איז הינטערוויילעכץ ארונטער די גאס; אבער ער האט קיין ווארט נישט ארויסגעבראכט פון מויל, הגם ער האט זיך די גאנצע צייט באמיט עפעס צו זאגן.

אז נאגעל איז אריין אין עס צימער, האט ער מיט א העפּ־טיבן טאן געבעטן סאראן, זי זאל אים מוחל זיין, וואס ער האט פארשפעטיקט צום אונט־ברויט.

IV

אויף צומארגנס האט זיך יאהאן נאגעל אויפגעכאפט, בעת סארא האט אים אנגעקלאפט אין טיר און אים אריינגעבראכט זיינע צייטונגען. ער האט זיי שנעל דורכגעקוקט און זיי שפעטער אראפגעווארפן אויף דער ערד, יעדעס בלאט באזונדער. נאכדעם ווי ער האט עס דורכגעקוקט; א טעלעגראמע, אז גלאדסטאן האט מחמת א פארקילונג געמוזט בלייבן אין בעט, נאר איצט איז ער שוין ווידער געזונט, האט ער איבערגעלייענט צווי מאל און זיך דערביי צעלאכט אויף א קול. ארונטערגעלייגט ביידע הענט אונטער דעם נאקן און זיך פארטיפט אין רעיונות, — פון צייט צו צייט האט ער גערעדט צו זיך אליין:

— ס'איז געפערלעך ארומצוגיין אין וואלד מיט אן אפן

טאשן-מעסערל. ווי גרינג מען קאן זיך עס אויסגלייטשן אזוי שלימ-מזלדיק. אז דאס קליינגל זאל זיך פארמאכן אויף איינעם אדער ביידע האנט-געלענקען! ווי אזוי האט עס פאסירט מיט אים, מיט קארלסענען! און צוריקגעשמועסט — פארוואס טאקע נישט? צו וועלכע גוטע יאר זיך אנהאלטן מיט אלע כוחות ביים לעבן? דערצו נאך, ווען מען קומט, ווי יעדערער, צו קבורה און מען קריגט א פריוואט-טעלעגראם אין „ווערדענס גאנג". הע, הע, הע! און סתם, וואס איז, אייגנטלעך, די נפקא מינה, צי מען גייט ארום מיט אן אפן מעסערל אין דער האנט אדער מיט א מעדעצין-פלע-שעלע אין וועסטל-קעשענע.

המ! גלאדסטאן איז דאך אן אמתער ריז! גלאדסטאן וועט זיבער לעבן אזוי לאנג, ביז וואנען ער וועט א שיינעם טאג שטארבן געזונטערהייט. און ס'איז צו האפן, אז ער וועט נאך לאנגע יארן פארוויילן די מענטשהייט מיט א געוויינלעכער פארקי-לונג. גלאדסטאן איז אויסערגעוויינלעך! גלאדסטאן איז גאר אן שום ספק דער גרעסטער מאן אין אונזער צייט. ווער דען קאן זיין אונזער גרעסטער מאן? וויקטאר הוגא איז טויט, און... לאמיר אננעמען, אז מיר האלטן איצט ביים יאר 1703, לאמיר זאגן דעם 5-טן מערץ 1703. א וועלט אן גלאדסטאן, א פוסטע, וויסטע וועלט, בלויז קאנסערוואטיווע צייטונגען!

וואלט דיין שטאל לכל הפחות געווען אזוי שארף, ווי דיין לעצטער ניין! ווי שיין דאס איז! ווי אנטציקנדיק אפגעשמאקט. אה! גענוג אנגעשוואלן, כדי צו זיין מענטשלעך? כ'מוז זיך דערביי דערמאנען אן א נישקשהדיק אנגעשוואלענע קינדער-נאז. אבער דאס גוויטיקע ביסל ענערגיע האט ער פארט געהאט; דערביי האט ער זיך אויך אויסגעקליבן א נאטירלעכע פאזע, אויפן בויך ליגנדיק מיטן פנים אין א וואסער-לוזשע. אבער די צייט! — ניין, זאל מיך שוין גאט אפהיטן דערפון! אין מיטן העלן טאג, מיט א זיי גע-זונט אין דער האנט, פע! אגב, האט דער מענטש פארמאגט א געשמאק; מיט דער אפערע איז ער אוועק אין וואלד. און דא בין איך אויף זיין זייט. „אוועק א יינגעלע אין וואלד, לא לא לא לא!" אט האבן מיר א שטייגער די ווארדעל-וועלדער, אויפן וועג

פון געוויק ארויף. ליגן דאָרט פארחלומט, אינגאנצן אויסגעטון פון זיך, און קוקן אין דער לופטן, אין הימל אריין, אז מען קאָן ממש הערן, ווי מען סודעט זיך דאָרט אויבן איבער דיר! אָט אַ דער, זאָגט די הייליקע מוטער, ניין, הערט איר, אויב ער קומט ארויף אהער, גיי איך מיר מיין וועג, זאָגט זי און מאכט דערפון אַ גאנצן ענין. הע, הע, זאָג איך, נאָר נישט געטומלט, נאָר נישט געטומלט! און דאָס זאָג איך אזוי הויך, אז איך צי אויף מיר די אויפמערקזאמקייט פון צוויי ווייבלעכע מלאכימלעך, נעמלעך: יאַי־רים טעכטערל און סוואַוואַ ביערנסאָן...

אָבער דער אויסוואַל פון דער צייט איז זייער אַ שלימזל־דיקער. איך, למשל, וואָלט אויסגעקליבן אַ הערלעכע שטורמדיקע נאכט, אַ קראָ־פינסטערניש אָן אַן איינציקן שטערן. און ווער וואָלט גאָר געדענקט אין אַ געשריבענעם געזעגן־בריוו?... אָבער וואָס ליג איך דאָ און טראכט וועגן דעם? וואָס גייט עס מיך אָן? וואָס האָב איך פאר אַ שייכות מיט דעם דאָזיקן סענטימענטאַלן טעאַ־לאָג, צוזאמען מיט זיין שטאָל און זיין לעצטן ניין? הע, הע, הע, צו אלדי רוחות, וואָס האָב איך מיט אים פאר אַ שייכות?...

וויפל אויסטערלישע קלאַנגען עס געפינען זיך אין אַ מענטשן! אָט. למשל — דאָס לאַבן; פון וואַנען קומט עס און ווי גייט עס? אַן אומדערטערגלעבער קלאַנג, אַ חוצפהדיקער קלאַנג, אַ קלאַנג, וואָס דערמאָנט אָן סווישטשענדיקע פייגעלעך און מאַלפּעס. דאָס לאַבן מוז, משמעות, זיין עפּעס אַן אָנהויב, אַ מין אלף בית; מילא, זאָל זיין, אז דאָס לאַבן איז אַן אלף־בית. און אָט דער דאָזיקער משוגענער אומגעלומפּערטער קלאַנג, קומט פון ערגעץ־ווו אין מיין קערפּער, בעת מען דערלאַנגט מיר אַ קיצל אונטער דער מאָרדע! וואָס פלעגט שלאַכטער האַנגע זאָגן? — שלאַכטער האַנגע, וואָס האָט אליין געקאָנט אזוי שטארק לאַכן און האָט זיך צוליב דעם געוואָרפן אלעמען אין די אויגן, — ער פלעגט זאָגן, אז קיין מענטש מיט זיינע פינף חושים...

ניין, דאָס שיינע קינד, וואָס ער האָט געהאַט! יענעם טאָג, ווען איך האָב זי באַגעגנט אויפן גאַס, האָט געדעגנט. אין דער האַנט האָט זי געטראָגן אַן עמער און האָט גראָד געהאַט

פארלוירן דאָס געלט פאַר דער דאַמפּ-קיך; זי איז געגאַנגען און געוויינט. גאָט אין הימל, צי האָסטו נישט געזען פון אויבן, אַז איך האָב נישט געהאַט קיין גראָשן ביי דער נשמה, בדי צו קאָנען דאָס קינד טרייסטן? אַז איך האָב זיך אין מיטן גאַס פשוט געריסן די האָר פון קאָפּ און נישט פאַרמאָגט קיין איין ערע? מיט אַמאָל גייט פאַרביי די מוזיק; די שיינע דיאַקאָניסין האָט זיך אַ דריי אויס געטון צו מיר און מיר צוגעוואָרפן אַ פייערדיקן בליק; דערנאָך איז זי זיך שטילערהייט געגאַנגען ווייטער מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ, משמעות, אַז זי האָט זיך אַליין אויפגעפרעסן פון חרטה, וואָס זי האָט צו מיר אַזאַ קוק געטון. נאָר אין דעם אויגנבליק האָט מיך עמעצער מיט אַ לאַנגער באָרד און אין אַ ווייבן פילץ-הוט אַ נעם געטון ביים אָרעם. ווען נישט, וואָלט מען מיך איבערגעפאָרן. יאָ, איין גאָט ווייסט, איבערגעפאָרן...

ששש! איינס... צוויי... דריי; ווי פאַמעלעך עס קלינגט! פיר... פינף... זעקס... זיבן... אכט; וואָס זשע, ס'איז שוין אכט? ניין... צען. ניין, גאָט מיינער, ס'איז שוין צען אַ זייגער! יאָ, מוז איך דאָך אויפשטיין. אויף, אויף, אויף, אויף, אויף, אויף, אויף, אַך, יאָ, פאַרשטייט זיך! ווו האָט דער זייגער געקלונגען? אין קאַפּע קאָן דאָך נישט זיין. נו, מילא, ס'איז אַלץ איינס. אָבער איז עס נישט געווען אַ קאָמישע סצענע, נעכטן ביינאַכט אין קאַפּע? מינוט האָט געציטערט; איך בין גראָד אונטערגעקומען צו דער צייט, ס'וואָלט זיך געוויס געענדיקט דערמיט, וואָס מינוט וואָלט אויסגעטרונקען דאָס גלאָז ביר מיט אַש און מיט די שוועבעלעך, וואָס זענען געווען אין דעם. נו, יאָ, און וואָס ווייטער? קאָן מען אפשר האָבן די העזה זיך צו פרעגן: וואָס מיש איך מיך אריין אין פרעמדע ענינים? צי האָב איך דאָס צו פאַרדאַנקען עפּעס אַ קאַטאַסטראָפע אין אוניווערסום, צוליב גלאַדסטאָנס פאַרקילונג, למשל? הע, הע, הע, ווי גאָט איז דיר ליב. קינד, זאָג בעסער, זאָג בעסער דעם אמת: אַז דו ביסט, אייגנטלעך, געגאַנגען אַהיים, נאָר פּלוצלינג, ביים אָנבליק פון דער דאָזיקער שטאָט — ווי קליין און ווי עלנט זי זאָל נישט זיין — ביסטו אַזוי שטאַרק גערירט געוואָרן, אַז דו האָסט, דערזעענדיק די אַלע

פּאָנען, זיך שיר נישט פונאַנדערגעזייגט מחמת פאַרבאָרגענער, דיר אומבאַקאַנטער פרייד. יאָ, ס'איז, הייסט עס, געווען דעם צוועלפטן יוני; צוליב פריילין קיעלאַנדס תנאים זענען עס די פּאָנען אויפגעצויגן געוואָרן, און צוויי טעג נאָכדעם האָב איך זיך געטראָפן מיט איר אַליין.

פאַרוואָס האָב איך זי געמוזט גראָד באַגעגענען דעם אָוונט, בעת איך האָב געהאַט אַזאַ טרויעריקע שטימונג, און עס איז מיר געווען אַלצאיינס, וואָס איך טו? אַז איך מאַך איצט אַ שטיקל דין וחשבון, וואָס דעמאָלט איז געווען, שעם איך מיך, ווי אַ הונט.

„גוטן אָוונט, פריילין! איך בין נישט קיין היגער. זייט מיר מוחל, כ'גיי שפּאַצירן און איך ווייס נישט, וווּ איך בין אין דער וועלט."

מינוט איז געוועבט, זי ווערט תיכּף רויט, און אַז זי ענטפערט, קומט איר נאָך מער די פאַרב אין פּנים אַריין.

„וווּהין ווילט איר גיין?" — זאָגט זי און מעסט מיך אָפּ מיט די אויגן.

כ'נעם אַראָפּ דאָס היטל און בלייב שטיין אין בלויזן קאָפּ און, שטייענדיק אַזוי מיטן היטל נאָך אין דער האַנט, פאַלט מיר איין צו זאָגן:

„זייט אַזוי פריינטלעך, זאָגט מיר, ווי ווייט עס איז אין שטאָט אַריין. גאַנץ גענוי, ווי ווייט."

„דאָס ווייס איך נישט" זאָגט זי. „פון דאַנעט נישט; נאָר דער ערשטער הויף, וואָס איר וועט באַלד אָנטרעפן, איז דעם פּאַסטאָרס הויף, און פון דאָרט, איז אַ פערטל מייל אין שטאָט אַריין". — דאָס אָפּגעזאָגט, וויל זי אָן שום צערעמאָניעס אַוועקגיין.

„אַ שיינעם דאַנק", רוף איך זיך אָפּ. „נאָר אויב דעם פּאַסטאָרס הויף ליגט אויף דער אַנדערער זייט פון דעם וואַלד, טאָ ערלויבט מיר אייך צו באַגלייטן, אויב איר גייט אויך אַהין אָדער נאָך ווייטער; די זון שיינט דאָך שוין נישט. לאָזט-זשע מיך טראָגן אייער זון-שירם. איך וועל אייך נישט זיין צו לאַסט, אויב איר ווילט, וועל איך אפילו נישט רעדן צו אייך; נאָר לאָזט מיך גיין לעבן אייך און זיך צוהערן, ווי די פייגעלעך צווישטשען. נו, גייט

נאָך נישט אַוועק אַזוי גיך! פאַרוואָס אַנטלויפט איר?"

נאָר אַז זי איז, נישט געקוקט דערויף, פאָרט אַנטלאָפן און האָט מיך נישט געוואָלט אויסהערן, בין איך איר נאָכגעלאָפן, כדי זי זאָל הערן, וואָס איך זאָג. און איך האָב איר נאָכגעשריגן:

„דער טייוול זאָל נעמען אייער קלאָר פּנים, אויב עס האָט נישט געמאַכט אויף מיר דעם שטאַרקסטן איינדרוק!"

דאָ האָט זי אָבער גענומען לויפן אַזוי שנעל, אַז אין אַ פּאָר מינוט איז זי מיר אינגאַנצן נעלם געוואָרן פון די אויגן; דעם דיקן בלאָנדן צאָפּ אירן האָט זי, בעת זי איז געלאָפן, איינ־פאַך גענומען אין האַנט אַריין. דאָס ערשטע מאָל זע איך עס!

— יאָ, אַזוי איז עס פאָרגעקומען. איך האָב זי נישט בדעה געהאַט צו באַליידיקן. כ'האָב קיין שום שלעכטס נישט געטראַכט. כ'בין זיך גרייט צו וועטן, אַז זי האָט ליב איר לייטענאַנט. ס'איז מיר גאָרנישט איינגעפאַלן, צוצושטיין צו איר מיט עפּעס אַ כוונה; אָבער ס'איז גוט. אַרום און אַרום גוט. דער לייטענאַנט אירער וועט מיך גאָר אפשר אַרויספאָדערן, הע, הע, ער וועט זיך צו־נויפרעדן מיטן לאַנד־ריכטער, מיטן לאַנד־ריכטער פון דעם האַר־דעם־באַצירק, און מיך אַרויספאָדערן...

איך וואָלט סתם אַ בעלן געווען צו וויסן, צי וועט זיך דער לאַנד־ריכטער אַרויסדרייען פון אַ ניי רעקל פּאָר מינוטן. איין טאָג וועל איך וואַרטן. כ'וועל אים אפשר וואַרטן צוויי טעג; אָבער קוים טוט ער עס נישט אין משך פון צוויי טעג, וועל איך מוזן אָן דעם דערמאָנען... יאָ, פאַרוואָס מוז איך אים, אייגנטלעך, דער־מאָנען אָן דעם? וואָס גייט עס מיך אָן? שוין, איך שטיי שוין ווידער גרייט אומגעבעטן אַריינצומישן זיך אין פרעמדע עסקים. און ס'מוז נעמען אַ סוף דערצו! איך שווער ביי גאָט, אַז ס'מוז נעמען אַ סוף דערצו! פּונקט. נאַגעל.

צי בין איך למשל, געוואָרן איינגעלאַדן צוצוגעבן מיין וויכוח־זענעפט, בעת אַ קלוב האָט זיך אַרומגעריסן איבער רעליגיע? ס'הויבט זיך נישט אָן. נאָך מיין מיינונג נאָך האָט מען גאָרנישט געפרעגט. — אָבער פאַרוואָס האָב איך פונדעסטוועגן, נישט געלאָזט דעם יונגן־מאַן דערקלערן זיינע אויסגעצייכנטע טעמים? ער האָט

אַ סך געווּסט און גערעדט האָט ער אויך גוט, ער האָט אויף גלייבע חלקים די זון און דעם ווינט צווישן מענטשן און גאָט און זיך דערקלערט וויניק מיט דראָדען און שפּינאָזען. וואָס איז דאָ פֿאַראַן פֿאַרא בייז? און וואָס האָב איך אַ שטייגער, געהאַט צום אַנדערן רעדנער, דעם שטאָט אינזשיניער? ער איז געגאַנגען אַביסל ווייטער, אָבער ער האָט זיך אויך געהאַלטן מיט דער גרעסטער מעסיקייט. בשעת ער האָט אַ קלאַפּ געטון אין טיש און אויפגעוויזן שוואַרץ אויף ווייס, אַז ס'איז דאָ אַ גאָט, האָט ער אפילו געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק. צוויי אַלטע לייט האָבן צוגעשאָקלט מיט די קעפּ און זענען געווען מיט אים איינשטימיק. הקיצור — אַלע האָבן געהאַט איין מיינונג וועגן דעם. הע-הע. האָב איך דאָך אויך געקאָנט האַלטן די צונג צווישן די ציין און זיך וועגן מיינע אייגענע ענינים. מיך גופא איז דאָך, לחלומין, נישט אָנגעגאַנגען, וואָס מ'האָט דאָרטן געטון אין קלוב; אָבער כ'בין אויפגעשטאַנען — ס'איז אַריין אין מיר אַ רוח שטות — און כ'האָב זיי צעמישט די מוחות, כ'ווייס גאַנץ גוט, אַז איך האָב זיך אויפגעהויבן זייער פֿיין, אָרנטלעך, מיט אַ בכבודיקער מינע. אָבער צו וואָס טויג דאָס אַלץ, אַז איך האָב דעם גאַנצן עולם געמאַכט צום נאַר, און מיך האָט מען לסוף אַרויסגעוואָרפֿן! הע, הע, הע!

ניין, מ'דאַרף קיינמאָל נישט עפֿענען דאָס מויל. מ'דאַרף זיין אַ דעליקאַטעסן-הענדלער און אַרומטאַפּן ווורשטן, און באַקוקן חזיר-פֿלייש און מעלי-גרה זיין פעטס און ציטירן הוגאָן. מ'דאַרף האָבן אַ פֿערד-און-וואָגן און אַ קאַנטאָר אין שטאָט. מ'דאַרף מאַכן אַ לעבן ווי אַ מענטש, זיך איינאָרדנען, האָבן פֿאַרבינדונגען, איינלאַדן פֿאַרלאַמענט-לייט צו זיך אין הויז, זיך אַרויפֿאַרבעטן, האָבן אַ הויז און אַ פֿרוי און אַ הונט. פּונקט. נאַגעל.

יאָ, אַ הויז! גאָט מיינער, ווער עס האָט אַ הויז! און אַ פֿרוי דערצו! איך וואָלט יעדן טאָג געווען דאַנקבאַר דערפֿאַר, און וואָלט די אָרעמע-לייט עפּעס געגעבן, לויט מיינע מעגלעכקייטן. איך קען אַן אָרעמע פֿרוי, וואָס האָט מיך אַזוי פֿאַרשעמט אָנגעקוקט, ווי זי וואָלט מיך עפּעס בעטן, אָבער זי האָט פֿונדעסטוועגן גאָרנישט געזאָגט. אירע אויגן פֿאַרפֿאָלגן מיך אויף שריט

און טריט, הגם אירע האָר זענען שוין ווייס; פיר מאָל האָב איך געמאַכט אַן אויסווּעג, כּדי זי אויסצומיידן. זי איז נישט קיין אַלטע. זי איז ווייס געוואָרן נישט מחמת עלטער; אירע ברעמען זענען נאָך מוראדיק שוואַרץ, שוידערלעך שוואַרץ, אַז די אויגן אירע זעען אויס, ווי זיי וואָלטן געברענט מיט אַ פייער. זי טראָגט תּמיד עפּעס אַ קאָרב אונטער איר פאַרטוך און דערפאַר, משמעות, שעמט זי זיך אַזוי. ווען זי גייט מיר פאַרביי, דריי איך זיך אויס און זע, אַז זי גייט אויפן מאַרק און נעמט אַרויס עטלעכע פּאָר אייער פון קאָרב, און אָט די צוויי דריי אייער פאַרקויפט זי דעם ערשטן בעסטן, דערנאָך גייט זי צוריק אַהיים, פּונקט ווי זי איז געקומען, מיטן קאָרב אונטערן פאַרטוך. זי וווינט אין אַ קליין הייזל אונטן ביים ברעג. דאָס הויז פאַרמאָגט בלויז איין שטאָק און איז נישט געקאַלכט. איינמאָל האָב איך זי געזען דורכן פענסטער; ביי איר זענען נישטאָ קיין פאָרהאַנגען, בלויז עטלעכע ווייסע בלומען האָב איך געזען דאָרטן. און זי איז אַ שטיקל צייט געשטאַנען אין צימער און מיך אָנגעקוקט, בעת איך בין פאַרבייגעגאַנגען. גאָט ווייסט, ס'אַרא פאַרשוין דאָס איז; אָבער אירע הענט זענען זייער קליין. אַ נדבה וואָלט איך דיר, פאַרשטייט זיך, געקאָנט געבן, דו ווייס מיידל, אָבער בעסער וואָלט איך דיר געוואָלט העלפן, העלפן ווי ס'דאַרף צו זיין.

אגב, ווייס איך גאַנץ גוט, פאַרוואָס דיינע אויגן גייען מיר אַזוי נאָך, כ'האָב עס תּיכּף געוווּסט. מערקווירדיק, אַ יוגנט-ליבע זאָל עמעצן קאָנען אַזוי שטאַרק נאָכגיין און זיך ווידער מעלדן, איידער מ'האָט זיך נאָך אַרומגעקוקט. נאָר איר זיס פּנים פאַרמאָגסטו דאָך נישט, און עלטער פון מיר ביסטו אַ סך. נו יאָ. און פונדעסטוועגן האָט זי חתונה-געהאַט מיט אַ טעלעגראַפיסט און איז אַוועק קיין באַבעלוואַג! גרויסער גאָט! נו, אַזוי פיל קעפּ, אַזוי פיל געדאַנקען! כ'האָב נישט געקאָנט דערוואַרטן איר ליבע, און איך האָב זי טאַקע נישט, דערצו קען מען גאָרנישט העלפן... נו, אַצינד קלינגט דער זייגער האַלב עלף... ניין, ניין, דערצו קאָן מען גאָרנישט טון. אָבער ווען דו וואָלסט געוווּסט, ווי שטאַרק איך האָב די גאַנצע צוועלף יאָר געטראַכט פון דיר און קיינמאָל...

הע, הע! אין דעם בין איך דאָך אַליין שולדיק, וואָס קאָן מען האָבן צו איר? אַנדערע מענטשן באַהאַלטן איינעם נאָר איין יאָר אין זכּרון און דערמיט ענדיקט זיך עס, און איך גיי אַרום און טראַכט וועגן איר גאַנצע צען יאָר נאָכאַנאַנד. אוף!..

און צוריקגעגעדט, פאַרוואָס קאָן איך דער ווייסער אייער־פרוי, צוליב אירע אויגן, נישט געבן קיין רעכטע הילף, פונקט אַזוי גוט ווי איך קאָן איר געבן אַ נדבה? דאָ האָב איך דאָך צוויי און זעכציק טויזנט קראָנען פאַר אַ נחלה, פון וואַנען איך קאָן נעמען וויפל מיין האַרץ גלוסט. דאָס איז דאָך מזומנים, וואָס איך האָב אין דער האַנט. הע־הע־הע־הע, כ'דאַרף בלויז אַ בליק וואַרפן אויף מיין טיש, געפין איך אין אים תּיכּף ומיד דריי טעלעגראַפישע דאָקומענטן פון גרעסטן ווערט... אָ, דו גרויסער גאָט, וואָס פאַר אַן איינפאַל! ס'אַראַ קונצשטיק! יאָ, יאָ, מען איז אַן אַגראָנאָם און אַ קאַפּיטאַליסט. מ'פאַרקויפט נישט תּיכּף, ווי מען לייגט דיר פאָר, נאָר מען שלאָפט זיך רויק און מען איז זיך מיישב. אַזוי טוט מען: מ'איז זיך מיישב. און קיין מענטש חידושט זיך גאָרנישט אויף דעם, הגם מען האָט דאָס קונצשטיקל אַזוי גראָב און דעם איינפאַל אַזוי אומזיניק אָפּגעטון. ניין. זאָל מיך דער טייוול נעמען, כ'לעבן. ס'איז דאָך שוין אַביסל איבער דער טבע מיט אָט דער גאַנצער טפּשות. מענטש, לאָמיר דיך רופן עזל! מ'קאָן דיך פירן ביי דער נאָז, ווהין מ'וויל. אַהאַאַ! — יאָ — דערויף האָב איך געגענעצט. און באַסטאַ, אַ סוף דערמיט!

דאָ פון מיין וועסטל־קעשענע קוקט אַרויס, למשל, אַ קליין העלזל פון אַ פלעשעלע; דאָס איז אַ מעדיצין, בלוי־זוייערס; כ'האַלט עס ביי זיך צוליב קוריאָזיטעט, און כ'האָב נישט קיין מוט עס אויסצוטרינקען. צו וואָס האַלט איך עס ביי זיך, און צו וואָס האָב איך זיך בכלל פאַרזאָרגט דערמיט? דאָס איז אויך גישט מער ווי אָנשטעל, מאָדערנער דעקאַדענטישער אָנשטעל, רעקלאַמע און געשמאַקלאָזיקייט. פע!..

אָבער לאָמיר נעמען אַזאַ אומשולדיקע זאַך, ווי מיין רעטונגס־מעדאַל. איך האָב אים, ווי זאָגט מען עס, כּשר פאַרדינט; יאָ, יאָ, ביסלעכווייז שטעקט מען אַריין אומעטום די נאָז. מען

ראַטעוועט מענטשן. אָבער איין גאָט ווייסט, צי דאָס איז מאַקע באמת געווען עפּעס אַ פאַרדינסטפולע עובֿדה פון מיר. משפּט איר אַליין, מיינע הערן און דאַמען: אויפן פאָדערדעק שטייט אַ יונגערמאַן און וויינט אַזוי שטאַרק, אַז די אַקסלען טרייסלען זיך אים; אַז איך פּרוּוו רעדן צו אים, קוקט ער מיך אָן מיט אַ מטושטשן בליק און לויפט גאָר פּלוצלינג אַראָפּ אונטן אין זאַל. כ'גיי אים נאָך—ער איז שוין אַריין אין זיין קאַיוטע. כ'קוק דורך די פּאַסאַזשיר־ליסטע, כ'דערגיי, ווי דער דאָזיקער הער הייסט, און זע, אַז ער פאָרט קיין האַמבורג. דאָס איז דעם ערשטן אָוונט. פון איצט אָן נעם איך שוין פון אים קיין אויג נישט אַראָפּ, אומגעריכט וואַקס איך אים אומעטום אויס אַנטקעגן, אין פאַרשידענע פאַרדעכטיקע ערטער, און קוק אים גלייך אין פּנים אַריין. צו וואָס טו איך דאָס? מיינע הערן און דאַמען, משפּט איר אַליין! איך זע, ווי ער וויינט, עפּעס פּלאָגט און מאַטערט אים אויף אַ שרעקלעכן אופן, און גאַנץ אָפט קוקט ער מיט אַ צעמישטן וואַנזיניקן בליק אַראָפּ אין דער טיפעניש. וואָס אַרט עס מיך? גאָרנישט, פאַרשטייט זיך, און דעריבער משפּט מיך. קרעמפּירט זיך נישט! עס גייען אַריבער אַ פּאָר טעג, מיר האָבן אַ שלעכטן ווינט און אַ שטורמדיקן ים. אַרום צוויי אַ זייגער ביינאַכט קומט ער צו צום הינטערשטן טייל פון שיף, איך ליג שוין דאָרט פאַרשטעקט און גיב אַכטונג אויף אים. זיין געזיכט איז געל און אימהדיק אַנטקעגן דער לבֿנה. און וואָס ווייטער? ער דרייט זיך אַהער און אַהין, ציט אויס די אָרעמס און פּלוצלינג טוט ער אַ שפּרונג אַריין אין ים, מיט די פיס פאָרויס. ער האָט זיך פונדעסטוועגן נישט געקאָנט אָפּהאַלטן אַ געשריי צו טון. האָט ער חרטה געהאַט אויף זיין באַשלוס? האָט ער זיך אין לעצטן אויגנבליק דערשראָקן פאַרן טויט? אויב נישט, פאַרוואָס זשע האָט ער געשריגן? מיינע הערן און דאַמען, וואָס אַ שטייגער וואָלט איר געטון אויף מיין אָרט? איך פאַרלאָז זיך אינגאַנצן אויף אייך. אפשר וואָלט איר דרך־ארץ געהאַט פאַר דעם הערלעכן, הגם, ביים סוף אַביסל וואַקלדיקן מוט פון אַן אומגליקלעכן, און איר וואָלט זיך רויִק ווייטער געלעגן אין אייער באַהעלטעניש; איך אָבער טו אַ געשריי, ווי אַ ווילדער, אַרויף צום

קאַפּיטאַן און שפּרינג אויך אַריין אין ים, פון גרויס אײלעניש
מיטן קאָפּ אַראָפּ. ווי אַ וואַנזיניקער, שלאָג איך מיט די אָרעמס
אַרום מיר, איך פּרי אין אַלע ריכטונגען און הער, אַז אויבן אויפן
שיף שרייט עמעץ מיט אַ דונערדיקן קול. פּלוצלינג שטויס איך
מיך אָן אָן איין אָרעם זיינעם, וואָס ער האַלט שטייף אויסגעצויגן
מיט פונאַנדערגעשפּרייטע פינגער. ער רודערט נאָך אַביסל מיט
די פיס. גוט, כ'נעם אים אָן ביים קאַרק, ער ווערט וואָס אַמאָל
שווערער, ער לייגט זיך אַוועק אויף אַ זייט און רירט זיך נישט
מער; לסוף טוט ער זיך פּאָרט אַ צאַפּל, כדי אַרויסצורייסן זיך
פון מיינע הענט. איך דריי זיך מיט אים אין אַ קרייז, ווי אין אַ
ווירבער, דער ים טוט זיך יעדע ווײַלע אַ הויב, און מיר קלאַפּן
זיך אָן מיט די שטערנס איינער אָן אַנדערן; עס ווערט מיר פינ־
סטער אין די אויגן. וואָס האָב איך געזאָלט טון? איך קריך מיט
די ציין. און שעלטנדיק אים אין טאַטן אַריין, האַלט איך דעם
בחור פעסט און געטריי, די גאַנצע צייט האַלט איך אים ביים
קאַרק, ביז דאָס שיפל איז קוים מיט צרות צוגעקומען. וואָס אַ
שטייגער וואָלט איר געטון? איך האָב אים געראַטעוועט, ווי אַ
גראָבער אומבּרחמנותדיקער בער; און ווייטער? יאָ, האָב איך זיך
נישט פאַרלאָזט איינגאַנצן אויף אייך, מיינע דאַמען און הערן? איר
זענט זיך נישט מחויב צו באַגיין מיט דעם זיידענע הענטש־
קעס! וואָס גייט עס מיך אָן? אָבער זאָל מען צוגעבן, אַז דעם
מענטשן איז געגאַנגען אין לעבן, דווקא נישט אָנצוקומען קיין האַמ־
בורג? דאָס איז די הויפּט־פראַגע! אָבער דער מעדאַל! דאָס איז
אַ מעדאַל פאַר אַ גוטן אויפטו, און איך טראָג אים ביי זיך אין
טאַש און וועל זיך נישט אַרומוואַרפן מיט אים גלאַט אין דער
וועלט אַריין. אויך וועגן דעם קאָנט איר משפּטן. אורטיילט זשע,
ווי איר פאַרשטייט, וואָס אַרט עס מיך? די גאַנצע מעשה איז
מיך אַזוי פיל אָנגעגאַנגען, אַז איך געדענק אפילו נישט דעם נאָ־
מען פון אָט דעם שלימזל, הגם ער מוז נאָך לעבן אויף היינ־
טיקן טאָג. פאַרוואָס האָט ער עס געטון? אפשר צוליב אַן אומ־
גליקלעכע ליבע, אפשר האָט דאָ טאַקע געשטעקט אַ פרוי, איך
ווייס נישט; אָבער ס'איז מיר אַלץ איינס, און באַסטאַ!..

יאָ, די ווייבער, די ווייבער! אָט נעמען מיר למשל קאַמאַ די קליינע דענישע קאַמאַ, גאָט זאָל אָפּהיטן! צערטלעך, ווי אַ טייבעלע, ממש קראַנק פאַר צערטלעכקייט, און דערצו איבערגעגעבן ביז גאָר, אָבער נישט געקוקט דערויף, איז זי פעיק אַרויסצונאַרן פון דיר די לעצטע פּרוטה. יאָ, דיך אויסצוזויגן ביז דחקות, ווען זי בויגט נאָר אויס דאָס שיינע קעפּל אויף אַ זייט און פליסטערט: סימאָנסען, כ'בעט דיך, סימאָנסען! מילא, זאָל דיך גאָט בענטשן קאַמאַ, דו ביסט געווען איבערגעגעבן ביז גאָר; פונמיינטוועגן מעגסטו גיין צו אַלדי רוחות. מיר זענען קוויט...

און איצט שטיי איך אויף...

ניין, פאַר אַזעלכעס דאַרף מען זיך היטן. מיין זון, היט זיך פאַר פּרוויען-פריינטשאַפט, זאָגט אַ גרויסער דיכטער — אָדער וואָס זאָגט דער גרויסער דיכטער? קאַרלסען איז געווען אַ שוואַכער מענטש, אַן אידעאַליסט, וואָס איז געגאַנגען פון דער וועלט, צוליב זיינע גרויסע געפילן, דאָס הייסט: צוליב זיינע איידעלע נערוון, וואָס עס הייסט ווידער: מחמת מאַנגל אין קרעפטיקער דערנערונג און אַרבעט אויף דער פרישער לופט. „וואָלט דיין שטאָל וייניקסטנס געווען אַזוי שאַרף, ווי דיין לעצטער ניין!" ווי גאָט איז מיר ליב, איך קאָן עס נישט פאַרגעסן; ניין, איך קאָן נישט. נו, גיים ער, אָט דער טייערער מענטש, און רויניערט זיין גאַנצע ערדישע רעפּוטאַציע דורך אַן אָפּגעשמאַקטער מליצה. איך וואָלט געקאָנט שווערן, אַז זי איז פון וויקטאָר הוגאָ. יאָ, איך דערקען עס אָן איר, אַז זי שטאַמט פונם גרעסטן מאַן פון דער איצטיקער צייט. אָט לאָמיר אָננעמען, ווען איך טרעף למשל קאַרלסענען צו דער ריכטיקער צייט, נו, לאָמיר זאָגן, דעם לעצטן טאָג פון זיין לעבן, אָדער כאָטש אַ האַלבע שעה פאַרן אומגליק, און ער דערציילט מיר, אַז ער האָט בדעה צו ציטירן וויקטאָר הוגאָ אין דער מינוט פון זיין טויט, — וואָלט איך אים געזאָגט אָט וואָס: קוקט מיך נאָר אָן, איך פאַרמאָג מיינע פינף... מיינע פינף וואָלט איך געזאָגט... קוקט מיך אָן, איך פאַרמאָג מיינע פינף חושים; אין נאָמען פון דער מענטשהייט בין איך פערזענלעך אַביסל פאַראינטערעסירט, אַז איר זאָלט נישט באַשמוצן די לעצטע

רגע אייערע מיט אַ ציטאַט פון אַ גרויסן דיכטער. ווייסט איר, וואָס אַ גרויסער דיכטער איז? יאָ, אַ גרויסער דיכטער איז אַ מענטש, וואָס האָט נישט קיין בושה, וואָס ווערט באמת נישט רויט פאַר חרפה צוליב זיין גרויסן אָנשטעל. יעדער נאַר האָט אַ מאָמענט, ווען ער ווערט רויט און שעמט זיך פאַר זיך אַליין, אָבער דער גרויסער דיכטער — נישט. קוקט מיך נאָר אָן: אויב איר ווילט דווקא עמעצן ציטירן, טאָ ציטירט אַ געאָגראַף און קאָמפּראָמיטירט זיך נישט. וויקטאָר הוגאָ — זענט איר גאָר תּופס דאָס קאָמישע דערפון? באַראָן לעדען האָט איינמאָל גערעדט מיט וויקטאָר הוגאָ. אין מיטן שמועס טוט דער ביטרער באַראָן לעדען אַ פרעג: ווער איז נאָך אייער מיינונג דער גרעסטער דיכטער פון פראַנקרייך? — וויקטאָר הוגאָ האָט אַ שמייכל געטון, פאַרביסן די ליפּן און לסוף זיך אָנגערופן: אַלפרעד דע מוסע איז דער צווייטער גרעסטער. — הע, הע, הע! אָבער איר באַגרייפט נאָך אפשר נישט, וואָס הייסט קאָמיש?... ניין, ציטירט שוין בעסער אַ געאָגראַף, זאָגט אַזוי למשל: אַזוי אין צפון, ווי אין גאַנץ נאָרוועגיע איז אַבסאָלוט נויטיק צו לעבן קרעפטיק, מחמת בלוט איז געפיל, און געפיל — נערוון, און בכן זענען נערוון גאַנץ פשוט אַ פראַגע פון קלימאַט... הע, הע, אָדער אפשר געהערט עס גאָר צו דער עטנאָגראַפיע? יאָ, איין גאָט אין הימל ווייסט צו וואָס עס געהער; דאָס קאָן איך אין דער רגע נישט זאָגן גענוי: נאָר ציטירט עטוואָס פון דעם מין און האַלט זיך דערביי. אָבער אָט דער הוגאָ, אָט דער אָנגעבלאָזענער גאַסט, וואָס פון אים האָבן געטריפט בראַנד-רויטע טראָפּנס, וואָס זיין פעדער איז געווען אַ חזיר-ווורשט... רעכנט זיך נאָר גוט איבער: איך וועל אייך ראַטעווען. ווייסט איר, וואָס וויקטאָר הוגאָ האָט אין יאָר 1870 געטון? ער האָט אַרויסגעלאָזט אַ פּראָקלאַמאַציע צו די איינוווינער פון דער ערד, אין וועלכער ער האָט די דייטשע סאָלדאַטן שטרענג פאַרזאָגט, זיי זאָלן זיך נישט דערוועגן צו באַלאַגערן און צו באָמבאַרדירן פּאַריז. „איך האָב דאָ אייניקלעך און אַנדערע קרובים; איך וויל נישט צוזען, ווי זיי ווערן צעריסן פון גראַנאַטן“ האָט וויקטאָר הוגאָ געזאָגט. הע—הע—הע. אַך, אָבער כ'האָב גאָר פאַרגעסן, אַז

איר הויבט נישט אָן צו פאַרשטיין, וואָס עס הייסט קאָמיש...

אָבער אצינד זאָלסטו זען — דו זאָלסט בלויז זען! וואָס צום טייוול — כ'האָב דאָך נאָך קיין שטיוול נישט. ווו איז ערגעץ סאַ־ראַ מיט די שטיוול? ס'איז שוין באַלד עלף אַ זייגער און זי האָט נאָך נישט אַריינגעבראַכט די שטיוול... וואָס וועט זי אַ שטייגער זאָגן, ווען זי וועט איצט אַריינקומען? כ'מיין געגוי אירע ווערטער! „זייט מיר מוחל, וואָס איך האָב אייך אזוי לאַנג געלאָזט וואַרטן אויף אייערע שיך!" אָדער זי וועט גאָרנישט זאָגן? ס'וואָלט כ'לעבן געווען אַ שפּאַס, ווען זי זאָגט גאָרנישט. אָבער עפּעס זאָגט זי דאָך תמיד, זי מוז שוין עפּעס זאָגן; לכל הדעות וועט זי זאָגן „ביטע", דאָס זאָגט זי שטענדיק. וועט זי עס איצט אויך נישט פאַרגעסן. אָבער אויב זי זאָגט טאַקע גאָרנישט, וואָס איז דעמאָלט? לאָמיר בכן אָננעמען, אויב זי וועט טאַקע גאָרנישט זאָגן, וועט מיך אין משך פון היינטיקן טאָג טרעפן עפּעס אַ צרה. יאָ, דאָס נעמען מיר אָן! אָדער עס וועט מיט מיר סתּם פּאָרקומען עפּעס אַן אומאַנגענעמע זאַך, אויב זי וועט גאָרנישט זאָגן. איצט וועלן מיר זען! הע, הע, הע, פוי, צום טייוול! אומזין, נאַרישקייט, שגעון און טפשות...

...ניין, וועגן ציטירן...

אגב, האָט זי אַ וווּנדער־שיינע פיגור, אָט די סאַראַ! אירע לענדן ציטערן בעתן גאַנג; ווי די לענדן ביי אַ גאַנץ פעטער שקאַפע. גרויסאַרטיק. כ'וואָלט אַ בעלן געווען צו וויסן, צי זי האָט שוין ווען ס'איז חתונה געהאַט. ווייניקסטנס מאַכט זי נישט אַזעלכע געוואַלדן, ווען מען נעמט איר ערגעץ אָן, און איך גלויב, אַז ווי וואָלט איינגעגאַנגען אויף אַלץ... ניין, כ'בין אַמאָל ביי געווען אַ חתונה... הם! מיינע הערן און דאַמען, ס'איז געווען אַ זונטיקדיקן אָוונט אויף אַ סטאַציע אין שוועדן; אויף דער באַן־סטאַציע קונגס־באַקאַ. אָבער איך בעט אייך נישט צו פאַרגעסן, אַז ס'איז געווען אַ זונטיק אָוונט. זי האָט געהאַט גרויסע, ווייסע הענט, ער האָט געטראָגן אַ שפּאָגל־נייעם אָפיצירן־אוניפאָרם און האָט נאָך נישט געהאַט קיין סימן פון אַ באָרד, אַזוי יונג איז ער געווען. זיי זע־נען ביידע געפאָרן פון גאָטענבורג, און זי איז אויך געווען זייער

יונג, ביידע ממש קינדער. איך בין געזעסן און האָב אויף זיי אָפּגעקוקט פון אונטער מיין צייטונג; זיי האָבן זיך געפילט נישט גאָר באַקוועם און נישט געוווּסט, וואָס מען הייבט אָן צו טון, ווייל איך זיץ דאָרט: די גאַנצע צייט האָבן זיי זיך אָנגע-קוקט. ביים מיידל האָבן געפינקלט די אויגן, און זי האָט נישט געקאָנט איינזיצן אויף אַן אָרט. פּלוצלינג טוט דער צוג אַ פייף ביי קונגסבאַקאַ; ער האָט איר אַ כאַפּ געטון פאַר דער האַנט, זיי האָבן זיך פאַרשטאַנען, און אַזוי גיך ווי דער צוג האָט זיך אָפּ-געשטעלט, זענען זיי ביידע שנעל אַרויסגעשפּרונגען. זי לויפט אַרויף אינם שטיבל אויף די גרויסע טרעפּ, ער נאָך איר — אָ, גאָט, ער האָט דאָך אַ טעות געהאַט, ער גייט אַריין אין דער זעלבער טיר, וואָס זי! און גאַנץ שנעל פאַרמאַכן זיי זיך. אין דער זעלבער רגע האָבן אָנגעהויבן צו קלינגען די גלאָקן דאָרט אויבן אין שטעטל, וואָרום ס'איז געווען זונטיק אָוונט. אונטערן פולן גלאָקן-קלאַנג זענען זיי געווען אינעווייניק; דריי מינוט, פיר מינוט, פינף מינוט זענען שוין פאַרביי; ווּ זענען זיי ערגעץ? זיי זענען נאָך דאָרטן, און די קירכן-גלאָקן קלינגען; ווער ווייסט, צי זיי וועלן נישט פאַרשפּעטיקן! לסוף עפנט ער אויף דאָס טירל און קוקט אַרויס. ער איז געווען אין בלויזן קאָפּ, זי שטייט האַרט אונטער אים און טוט אים אָן דאָס היטל, און ער דרייט זיך אויס צו איר און שמייכלט. דעמאָלט איז ער מיט איין שפּרונג אַראָפּ פון די טרעפּ, זי נאָך אים: זיי האָבן זיך אין גאַנג צערעכט גע-מאַכט די קליידער, און ווען זיי זענען אַריין אין וואַגאָן און צוריק פאַרנומען זייערע ערטער, האָט זיי קיין לעבעדיקער נפש נישט באַמערקט, ניין, קיין איין מענטש, אַ חוץ מיר. דעם מיידלס אויגן האָבן געפינקלט, ווי גאָלד, בעת זי האָט מיך אָנגעקוקט און גע-שמייכלט. נאָר איר קליינער בוזים האָט זיך געהויבן אַרויף און אַראָפּ. אין אַ פּאָר מינוט אַרום זענען זיי ביידע איינגעשלאָפן, ווי טויטע. אַזוי שטאַרק פאַרמאַטערט זענען זיי געווען.

ווי געפעלט עס אייך, מיינע הערן און דאַמען? מיין גע-שיכטע האָט זיך געענדיקט; אָבער האָט איר נישט געפילט, אַז דאָ איז פאַרבייגעגאַנגען אַ קליין טייבעלע פון דעם טרייבנדיקן

מענטשן-לעבן? איך מייד אויס די אויסגעצייכנטע דאַמע דאָ הינטן, מיט דער לאָרנעטע און דעם מענערישן אויפגעשטעלטן קראַגן, כ'מיין די מיט די בלויע זאָקן; איך ווענד זיך צו די צוויי, דריי צווישן זיך, וואָס קומען נישט אָפּ די יאָרן מיט צונויפגעפּרעסטע ליפּן און אין אַלגעמיין נוצלעכער טעטיקייט. זייט מיר מוחל, אויב איך האָב, חלילה, ווען עס איז פּוגע-בכבוד געווען. באַזונדערס בעט איך די חשובע דאַמע מיט דער לאָרנעטע און מיט די בלויע זאָקן, זי זאָל מיר פֿאַרצייען. אָט, זעט, איצט שטעלט זי זיך אויף, זי שטעלט זיך אויף. כ'וואָלט געשווירן אָדער זי וויל אַוועקגיין, אָדער עמעצן ציטירן. און אויב זי וויל עמעצן ציטירן, וויל זי מן הסתם אָפּפרעגן מיינע רייד, ווערט זי זאָגן אָט וואָס: הם! — ווערט זי זאָגן. — דער הער האָט וועגן דעם, וואָס איז לעבן, די מענער-גרעבסטע פֿאָרשטעלונג, וואָס איך הער דאָס ערשטע מאָל. דאָס איז עס דאָס לעבן? אַזוי, דאָס רופֿט מען לעבן! כ'ווייס נישט, צי האָט דער הער לחלוטין נישט קיין השגה וועגן דעם, וואָס איינער פֿון די גרעסטע דענקער האָט געזאָגט וועגן לעבן: לעבן — אַ קריג מיט די טראָלדן אין אונזער האַרץ און מוח, זאָגט ער.

די דע לי דע לי דע לי דע לעיאַ.
לעבן — אַ קריג מיט די טראָלדן, יאָ,
אין אונזער האַרץ און מוח.

ריכטיק! דאָס איז ריכטיק, ריכטיק אויף אַ האָר! מיינע הערן און דאַמען, דער נאָרוועגיער פּער פֿאָסטיליאָן איז אַמאָל געפֿאָרן מיט אַ גרויסן דיכטער. בשעת זיי זענען אַזוי געזעסן און געפֿאָרן, זאָגט דער תמעוואַטער פּער פֿאָסטיליאָן, זאָגט ער: נעמט נישט פֿאַר אומגוט, וואָס איז אַזוינס נאָך אייער מיינונג דיכטן? דער גרויסער דיכטער פּרעסט צונויף די ליפּן, ציט שטאַרק איין די קליינע פֿויגל-ברוסט און ענטפֿערט געציילטע ווערטער: דיכטן, זיך אַליין משפּטן מיט אַ קלאָרן מוח.

און דער נאָרוועגיער פּער פֿאָסטיליאָן פֿילט זיך דורך די ווערטער געטראָפֿן אין דער זיבעטער ריפּ...

עלף אַ זייגער... די שטיוול, צום טייוול, ווו זענען אַהנגע-

קומען די שטיוול? נו — אָבער אַט די אומגליקלעכע טבע אָנצו־פאַלן אויף יעדן איינעם, ווי אַ הונט פון דער קייט, אַרויסצוטרעטן קעגן אַלץ און אַלעמען, בעת קיינער פון די איבעריקע מענטשן פאַרמאָגט נישט די מיטלען, ווען עס איז, מיט וואָס עס איז צו שטעכן, צי שטעכיקע גראָז, דערנער, ראָשפּאָר אָדער שטאַכל־בערן... הע־ה! איך וואָלט שטאַרק חשק געהאַט אַ טרייסל צו טון דעם באָדן פון עטלעכע אומזיניקע השגות פון דעם דאָזיקן לעבן...

אַ שלאַנקע, בלאַסע דאַמע, אָנגעטון אין שוואַרצן, מיט דעם רוזיקסטן שמייכל; זי איז געווען צו מיר פריינטלעך, מיך געצופּט פאַרן אַרבל און מיך געוואָלט פאַרהאַלטן. אדרבא, שאַפט איר אַזאַ באַוועגונג, ווי וויקטאָר הוגאָ, האָט זי געזאָגט, וועט איר לכל הפחות האָבן דאָס רעכט עפּעס צו זאָגן וועגן דעם.

יאָ, אָדער וועלכער ס'איז אַן אַנדער גרויסער מאַן, זאָגט זי דערנאָך; איר גייט אַרום און מאַכט פון זיך אַזאַ וועזן, און רייסט אַרונטער אַלע גרויסע מענטשן, אָבער די גרויסע מענטשן שטייען נאָך אַלץ און זיי וועלן אויך שטיין, אַזוי לאַנג ווי זיי לעבן; איר וועט זען.

גנעדיקע פרוי, זאָג איך, און פאַרנייג דעם קאָפּ מיט גרויס דרך־ארץ פאַר איר. גנעדיקע פרוי, אָבער גאָט מיינער, ווי דילע־טאַנטיש, ווי צרהדיק־דילעטאַנטיש עס קלינגט דאָס, וואָס איר האָט נאָר וואָס געזאָגט. אגב, האָט נישט קיין פאַריבל, וואָס איך רעד אַזוי; אָבער ווען איר וואָלט געווען אַ מאַן און נישט קיין פרוי, וואָלט איך גרייט געווען צו שווערן, אַז איר געהערט צו די לינ־קע. איך רייס נישט אַראָפּ אַלע גרויסע מענטשן, נאָר איך משפּט די גרויסקייט פון אַ מענטש נישט לויט דעם כמות פון דער באַ־וועגונג, וואָס ער האָט געשאַפן; איך משפּט אים פון זיך גופא, נאָך מיין אייגענעם אורטייל, נאָך מיין אינערלעכער נשמהדיקער אָפּשאַצונגס־מעגלעכקייט. איך שאַץ אים אָפּ, אַזוי צו זאָגן, לויט דעם טעם, וואָס זיינע מעשים לאָזן מיר איבער אין מויל. דאָס איז נישט קיין באַרימעריי, דאָס איז דער אויסדרוק, וואָס די סו־ביעקטיווע לאָגיק פון מיין בלוט גיט אַרויס. נישט דאָס איז דער

עיקר, אָנצומאַכן אַ טומל, מאַכן, אַז קינגאָ אין דער קאָמונע, האָי וואַג-כ-ילעזאַנד זאָל אַרויסגעשטופּט ווערן דורך קאָנסטאַד. ס'איז נישט קיין קונץ אויפצוהודערן אָט דעם הויפן פון אַדוואָקאַטן, לערערקעס, זשורנאַליסטן אָדער גאַלילעישע פישער, צו גאָר אַרויסצולאָזן אַ בראָשור וועגן נאַפּאָלעאָן דעם קליינעם. עס גייט אין דעם צו דערגרייכן די מאַכט, די גייסטיקע און פּראַקטישע מאַכט, די אויסדערוויילטע און איבערגערעכנטע, די שררות, די גרויסע, קייפאַס, פּילאַטוס, דעם קייסער, וואָס קומט אַרויס אַ שטייגער דערפון, וואָס מ'רודערט אויף דעם המון, אַז מען וועט מיך, נישט געקוקט דערויף, פּאָרט איבערענטפערן צום קרייץ? מען קאָן דעם המון מאַכן אַזוי צאָלרייך, אַז ער זאָל זיין ביכולת אויעקצורייסן אַ שטיק פון דער הערשאַפט? מען קאָן אים געבן אַ חלף אין די הענט אַריין און אים הייסן קוילענען און שלאָגן; מ'קאָן אים דערפירן צו דעם, אַז אפילו ביי אַן אָפּשטימונג זאָל ער געווינען די אויבערהאַנט; אָבער געווינען אַ נצחון, געווינען וויפל עס איז גייסטיקן גרונט-ווערט, שטויסן די וועלט באָטש איין טריט ווייטער, ניין, דאָס קאָן ער נישט, דאָס קאָן ער נישט, דער המון. די גרויסע מענטשן זענען אויסגעצייכנטע טעמעס צו אַ קאָנסערוואַציע, אָבער די הויכע מענטשן, די האַרן, די וועלט-גייסטער, האָס זענען דאָס אויבערשטע פון שטויסל, זיי מוזן זיך גאַנץ שטאַרק אָפּגעבן רעבענונג, כדי צו וויסן, ווער זענען עס די, וואָס מען רופט אָן גרויסע מענטשן. אויף אַזאַ אויפן בלייבט דער גרויסער מאַן איבער מיט דער מאַסע, מיט דער אומווערטיקער מערהייט, מיט דעם אַדוואָקאַט, מיט דער לערערקע, זשורנאַליסט און דעם קייסער פון בראַזיליע אַ פאַרהערער.

נו, זאָגט די השובע פרוי איראָניש... דער פּאָרזיצער טוט אַ קלאַפּ אויפן טיש און בעט זיך צו פאַרהאַלטן רויק. אָבער די חשובע פרוי וויל נישט נאָכגעבן און זי זאָגט: נו, אַזוי ווי איר קריטיקירט דאָך נישט אַלע גרויסע מענטשן, טאָ רופט מיר אָן עטלעכע אָדער באָטש איינעם, וואָס האָט געפונען חן אין אייערע אויגן. דאָס וואָלט געווען טשיקאַווע צו הערן.

איך ענטפער:

כ'וואָלט עס אייך געקאָנט צוליב טון. די מעשה איז אָבער דאָס, וואָס איך וואָלט מיר צו מגושמדיק געהאַלטן ביים וואָרט. ווען איך זאָל אייך אָנרופן איינעם אָדער צוויי אָדער צען, זענט איר גרייט צו גלויבן, אַז אויסער די דאָזיקע אויסגערעכנטע ווייס איך שוין נישט וועמען אָנצורופן. און, חוץ דעם, צוואָס זאָל איך עס טון? ווען איך גיב אייך, אַ שטייגער, די ברירה אויסצוקלייבן צווישן לעוו טאָלסטוי, יעזוס קריסטוס און עמאַנועל קאַנט, וואָלט איר זיך, מסתמא, גוט מיישב געווען, איידער איר וואָלט פון זיי אויסגעקליבן דעם ריכטיקן. איר וואָלט געזאָגט, זיי זענען אַלע גרויסע מענטשן, יעדערער אויף זיין שטייגער, און אין דעם וואָלט אייך די גאַנצע ליבעראַלע און פּראָגרעסיווע פּרעסע געגעבן רעכט.

יאָ, ווער זשע איז נאָך אייער מיינונג דער גרעסטער פון די דריי? שלאָגט זי מיר איבער די רייד.

נאָך מיין מיינונג, חשובֿע פרוי, איז דער גרעסטער נישט דער, וואָס האָט געמאַכט דעם גרעסטן אָפּזאַץ, הגם מיט דעם דאָזיקן וועט זיך די וועלט אייביק טומלען. ניין, די שטים פון מיין בלוט זאָגט, אַז דער גרעסטער איז דער, וואָס האָט געגעבן דעם לעבן דעם גרעסטן גרונט-ווערט, דעם גרעסטן פּאָזיטיוון רווח. דער גרויסער טעראָריסט איז גרעסער פון אַלעמען; די גאַנצע גרויס, די הויב-מאַשין, וואָס הויבט-אויף וועלט-קערפּער.

אָבער פון די דריי, וואָס איר האָט נאָר וואָס אָנגערופן, איז דאָך עס געוויס קריסטוס, וואָס?..

איז עס קריסטוס, יאָ! אייל איך מיך צו זאָגן. איר זענט גאַנץ גערעכט, חשובֿע פרוי, און עס פרייט מיך, וואָס מיר זענען לכל הפחות אין דעם דאָזיקן פּרט איינשטימיק... ניין, דער עיקר שטייט דער טאַלענט פון מאַכן אַ גרויסן אָפּזאַץ, דער אָנזאָגער-טאַלענט זייער נידעריק, אָט דער ריין-פּאָרמעלער טאַלענט, שטענדיק צו שטיין גרייט מיטן וואָרט. וואָרום וואָס איז אַזוינס דער אָנזאָגער, דער פּראָפעסיאָנעלער אָנזאָגער? אַ מענטש, וואָס געהער צו דער אומנוצלעכער קאַטעגאָריע פון פאַרמיטלער, צווישן-הענדלער, אַן אַגענט, וואָס שטופּט-אָפּ די סחורה. און וואָס מער סחורה ער שטופּט אַרויס, דעסטאָ גרעסערע וועלטבאַרימטהייט איז ער.

העֶ, העֶ, העֶ! וואָס שרייענדיקער און טומלענדיקער ער טוט זיין ארבעט, ווי אויף א יאריד, אלץ מער קאָן ער פארגרעסערן זיין געשעפט. העֶ, העֶ, העֶ! אָבער קאָן עס, מישטיינס-געזאָגט, האָבן וועלכע עס איז באדייטונג, ווען איך זאָל איבערגעבן מיין גוטן שכן אָלאַ נארדוסטוען פויסטם מיינונגען איבער דער עקזיסטענץ? וועט עס אפשר ענדערן דעם אופן פון דענקען פונם קומענדיקן יאָר הונדער?

אָבער וואָס וואָלט געוואָרן פון אָלאַ נארדוסטוען, ווען קיינער....

לאָזט אָלאַ נאָרדוסטוען גיין צום טייוול! שלאָג איך איבער די רייד. אָלאַ נאָרדוסטוען האָט שוין מער נישט וואָס צו טון, נאָר וואַרטן אויפן טויט. מיט אַנדערע ווערטער, הייסט עס: זען, ער זאָל זיך אָפּטראָגן פון דאַנעט, וואָס שנעלער, אַלץ בעסער. אָלאַ נאַרדוסטוען איז גוט די ערד צו מיסטיקן, ער איז דער זעלנער, וואָס נאַפּאָלעאָן מיט זיין זילבער-באַשלאָגענעם פערד רייט אַריבער איבער אים. דאָס איז אָלאַ נאָרדוסטוען — אויב איר ווילט עס דווקא וויסן! אָלאַ נאָרדוסטוען איז, דער טייוול זאָל מיך נעמען, אפילו קיין אָנהויב נישט, ווער רעדט שוין, ער זאָל זיין אַ רעזולטאַט פון עפּעס. ער איז צומאָל נישט קיין קאָמע אין דעם גרויסן בוך, נאָר אַ פלעק אויפן פּאַפּיר, דאָס איז אָלאַ נאָרדוסטוען...

שט! האָט רחמנות! זאָגט די חשובע פרוי דערשראָקן און באַפּט אַ קוק אויף דעם פּאָרזיצער, צי ער גרייט זיך נישט מיר צו ווייזן די טיר.

גוט! האָב איך געענטפערט. העֶ, העֶ, העֶ, גוט. איך זאָג נישט מער גאָרנישט. אין דער זעלבער רגע דערזע איך אָבער איר שיין מויל און זאָג: נעמט נישט פאַר אומגוט, גנעדיקע פרוי, וואָס איך האָב אייך אַזוי אָנגעהאַקט אַ קאָפּ מיט אומזין און פּלוי-דעריי. צי קאָן איך אייך, אַגב, דאַנקען פאַר אייער פריינטלעכ-קייט; בעת איר שמייכלט, איז אייער מויל וואונדערשיין. אדיע!

אָבער דאָ ווערט זי רויט איבער די אויערן און פאַרבעט מיך צו זיך אַהיים, העֶ, העֶ, זי וווינט אין דער און דער

גאַס, דעם און דעם נומער; זי וואָלט געוואָלט אַביסל מער זיך אַדורכשמועסן וועגן די דאָזיקע ענינים; זי איז נישט אינגאַנצן מסכים מיט מיר און האָט אויף אַ סך זאַכן אָפּגעפרעגן. אויב איך קאָן קומען מאָרגן אָוונט, וואָלט איך זי געטראָפן איינע אַליין. צי וויל איך אָבער קומען מאָרגן אָוונט? אַ דאַנק. אַזוי, צום ווידערזען!

העע, העע, העע, און אַרום און אַרום האָט זי קיין אַנדער זאַך נישט פאַרלאַנגט פון מיר, נאָר מיר ווייזן אַ ניי, ווייס איבערבעט, אַ נאַציאָנאַלער מוסטער, אַ געוועב פון האַליגדאַל. העע, העע, העע! יאָ, איבעריקנס, האָב איך עס דאָך געקאָנט פאָרויסזען. נאָר שיין איז זי געווען, און...

נו, איצט מוז איך שוין אַרויס פון בעט, אַלץ איינס, צי מיט די שטיוול אָדער אָן זיי!

ער איז אַרויסגעשפרונגען פון בעט, האָט אַרויפגעצויגן די פאָרהאַנגען און אַרויסגעקוקט אין דרויסן. די זון האָט געשיינט, און עס איז געווען אַ שטיל וועטער. ער האָט אָנגעקלונגען. „צי וועט זי פאָרט זאָגן עפּעס?“ האָט ער געפרעגט און גערעדט צו זיך אַליין: „געוויס וועט זי, „אַנטשולדיקט“, וועט זי זאָגן. אָבער לאָמיר אָננעמען, אַז זי זאָגט גאָרנישט, קיין איין וואָרט נישט, קיין זילבע נישט אפילו, וואָס זשע וועט דאַן זיין? דאַן וועט מיר היינט קיין בייז נישט געשען. קיין שום בייז נישט! אָ, הלוואי זאָל זי האַלטן דאָס מויל!“

נאָך די דאָזיקע ווערטער האָט ער זיך אַ ווײַלע איבערגעלייגט. מיט אַמאָל האָט ער דערהערט טריט, און איידער סאַראַ האָט נאָך באַוויזן צו עפענען די טיר, האָט ער, כמעט נאָך נאָקעט אינמיטן צימער אַ געשריי געטון:

— נו, וואָס וועט איר זאָגן עפּעס גוטס, פרייליין?

— יאָ, איך בעט אייך בלויז איבער פאַר די שטיוול, — האָט זי געענטפערט — אָבער מיר האָבן היינט אַ מאַסע וועש, און דערביי פעלט אַלעמאָל נישט קיין אַרבעט.

— גוט, גוט! — האָט ער געזאָגט.

ביז צוועלף אַ זייגער איז ער געבליבן בײַ זיך אין צימער,

דערנאָך איז ער אוועק אויפן בית-עולם, כּדי בייצוווינען די באַגרעבעניש, ווי געוויינלעך איז ער געגאַנגען אין זיין געלן אַנצוג.

ט

בעת נאַגעל איז אַרויפגעקומען אויפן בית-עולם, איז נאָך דאָרט קיינער נישט געווען. ער איז צוגעגאַנגען צום קבר און האָט אַריינגעקוקט אינעווייניק; אונטן אויפן גרונט זענען געלעגן צוויי ווייסע בלומען. ווער האָט זיי דאָ געקאָנט אַריינוואַרפן און מיט וואָס פאַר אַ כּוונה? אָט די צוויי ווייסע בלומען האָב איך שוין אַמאָל געזען, האָט ער געטראַכט. פּלוצלינג פאַלט אים איין, אַז ער איז נישט געגאָלט. ער האָט אַ קוק געטון אויפן זייגער, זיך מיישב געווען אַ רגע און איז באַלד שנעל אַראָפּ צוריק אין שטאָט. אינמיטן אויפן מאַרק-פּלאַץ האָט ער באַמערקט, ווי דער לאַנד-ריכטער גייט אים אַנטקעגן. נאַגעל האָט זיך געלאָזט צו אים און אים אָנגעקוקט, אָבער קיינער פון זיי ביידע האָט קיין וואָרט נישט געזאָגט; זיי האָבן זיך אויך נישט באַגריסט. נאַגעל איז אַריין אין פריזיר-אַנשטאַלט. אין דער זעלבער צייט האָבן די גלאָקן אָנגעהויבן צו קלינגען און רופן צו דער לוויה.

נאַגעל האָט זיך נישט געאיילט, האָט נישט גערעדט מיט קיינעם, קיין וואָרט נישט אויסגערעדט; עטלעכע מינוט צייט האָט ער באַטראַכט די בילדער אויף די ווענט, איז געגאַנגען פון וואַנט צו וואַנט און באַקוקט יעדעס בילד באַזונדער. ענדלעך איז געקומען זיין ריי; ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן פריזיר-שטול.

אַז ער איז אָפּגעפּאַרטיקט געוואָרן און איז צוריק אַרויס אין גאַס, האָט ער דערזען דעם לאַנד-ריכטער ריינערט, וואָס האָט זיך, משמעות, פון ערגעץ אומגעקערט און האָט איצט אויף עפּעס געוואַרט. אין דער לינקער האַנט האָט ער געהאַלטן אַ שטעקן; נאָר דערזעענדיק נאַגעלן האָט ער דעם שטעקן גענומען אין דער רעכטער האַנט און געפאָכעט מיט אים אויף אַלע זייטן. ביידע זענען פאַמעלעך געגאַנגען איינער אַנטקעגן אַנדערן. „פריער ווען

איך האָב אים געטראָפן, האָט ער קיין שטעקן נישט געהאַט" האָט נאַגעל געזאָגט צו זיך אַליין. „ס'איז נישט קיין נייער שטעקן; ער האָט אים נישט געקויפט, ער האָט אים ערגעץ געבאָרגט, ס'איז אַ שפּאַנישער ראָר-שטאָק."

צוגעקומען איינער צום אַנדערן, איז דער לאַנד-ריכטער שטיין געבליבן; נאַגעל האָט זיך אויך מיטאַמאָל אָפּגעשטעלט; זיי זענען ביידע כמעט אין דער זעלבער מינוט געבליבן שטיין. דעמאָלט האָט נאַגעל פּלוצלינג אַראָפּגערוקט זיין סאַמעטן היטל אויף פּאָרנט, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט קראַצן אין קאָרק, און באַלד נאָכדעם דאָס היטל צוריק אויסגעגלייכט. דער לאַנד-ריכטער פון זיין זייט האָט אַוועקגעשטעלט זיין שטעקן פעסט אויפן ברוק און זיך אָנגעשפּאַרט דערויף. אַזוי איז ער געשטאַנען עטלעכע רגעס און אַלץ נאָך קיין וואָרט נישט געזאָגט. פּלוצלינג האָט ער זיך אויסגעגלייכט, זיך אויסגעדרייט מיטן רוקן צו נאַגעלן און אַוועקגעגאַנגען. נאַגעל האָט געזען, ווי זיין רוקן פאַרשווינדט אין עק גאַס ביים פריזירער.

די דאָזיקע שטומע סצענע האָט זיך אָפּגעשפּיגלט פאַר אַן עולם מענטשן אין די אויגן. צווישן די, וואָס האָבן עס צוגעזען, איז געווען אַ מענטש, וואָס האָט פאַרקויפט צעטלען צו אַ וועש-לאָטעריע, אַביסל ווייטער איז געזעסן איינער, וואָס האָט געהאַנדלט מיט גיפּסענע פיגורן; ער האָט אויך באַמערקט אָט די אויסטער-לישע סצענע; ו[נ]אַגעל האָט אין דעם דאָזיקן פיגורן-הענדלער דער-קענט איינעם פון די געסט, וואָס זענען נעכטן בייגעווען די סצע-נע אין קאַפע, זיך שפּעטער אָנגענומען זיין עוולה, און אים פאַר-ענטפערט פאַרן האָטעל-אייגנטימער.

ווען נאַגעל איז צום צווייטן מאָל געקומען אויפן בית עולם, איז שוין דער פּרעדיקער געשטאַנען און געהאַלטן זיין הספּד. ס'איז געווען שוואַרץ פון מענטשן. נאַגעל איז נישט צוגעגאַנגען צום קבר, נאָר ער האָט זיך אַרויפגעזעצט אויף אַ ברייטע, נייע מאַרמאָרנע מצבה, וואָס אויף איר איז געווען אַן אויפשריפט: „ווילהעלמינע מעעק. געבוירן דעם 20-טן מאַי 1873, געשטאָרבן דעם 16-טן פעברואַר 1917". מער איז גאָרנישט געשטאַנען. די

מצבה איז געווען שפּאָגל־ניי, און דאָס בערגל, וואָס אויף אים איז די מצבה געלעגן, איז געווען פריש אָנגעשאָטן.

נאַגעל האָט אַ ווונק געטון צו אַ קליין יינגל און אים צוגע־רופן צו זיך.

— דו זעסט דאָרט יענעם מאַן, אויף דער צווייטער זייט, אָט דעם מיטן ברוינעם ראָק? — האָט ער געפרעגט.

— יאָ, דער מיטן היטל? דאָס איז מינוט.

—יאָ, גיי אַריבער און בעט אים, ער זאָל צוקומען אהער.

דאָס יינגל איז געגאַנגען.

אַז מינוט איז צוגעקומען, איז נאַגעל אויפגעשטאַנען, האָט אים דערלאַנגט די האַנט און געזאָגט:

— גוט מאָרגן, מיין פריינט. ס'פרייט מיך, וואָס איך זע אייך ווידער. האָט איר שוין באַקומען דאָס רעקל?

— דאָס רעקל? ניין. נאָך נישט, אָבער איך וועל אים שוין באַקומען — האָט מינוט געענטפערט — מעג איך אייך דאַנקען פאַר נעכטן —, און אַ דאַנק פאַר אַלץ! יאָ, יאָ, היינט באַגראָבן מיר, הייסט עס, קאַרלסענען! נו, יאָ. מיר טאָרן דאָך נישט האָבן קיין תרעומות.

זיי האָבן זיך ביידע אַוועקגעזעצט אויף דער פרישער מאַר־מאָרנער מצבה און געשמועסט צווישן זיך. נאַגעל האָט אַרויסגענומען אַ בלייפעדער פון קעשענע און אָנגעהויבן צו פאַרצייכענען עפּעס אויפן פּלאַט.

— ווער ליגט דאָ אין קבר? — האָט ער געפרעגט.

— ווילהעלמינע מעעק. אגב, פלעגן מיר זיי גאָר רופן מינאַ מעעק, מחמת קורצקייט. זי איז נאָך כּמעט אַ קינד געווען, כ'ווייס נישט, צי זי איז שוין אַלט געווען אפילו צוואַנציק יאָר.

— ניין, וועדליק די אויפשריפט, האָט זי נאָך אפילו קיין אַכצן נישט געהאַט. וואָס־זשע, זי איז אויך געווען אַ כּשרע נשמה?

— איר רעדט עפּעס אַזוי מאָדנע; אָבער...

— איך האָב בלויז געמיינט אייער גוטע מדה, צו רעדן גוטס וועגן אַלע מענטשן, ווער זיי זאָלן נישט זיין.

— יאָ, אָבער ווען איר וואָלט געקענט מינאַ מעעק, בין איך זיכער, אַז איר וואָלט אויך געזאָגט דאָס אייגענע, דאָס איז געווען אַ

עלטן גוטע נשמה. אויב עמעצער האָט זוכה געווען צו ווערן אַ מלאכל פון גאָט, איז זי עס.

— אַזוי. זי איז געווען אַ כלה?

— אַ כלה? ניין, געווים נישט. לכל הפחות האָב איך נישט געוווּסט דערפון. אַך, ניין, זי איז זיכער נישט געווען קיין כלה; זי איז געווען גאָר פרום, און זי פלעגט אין מיטן גאַס רעדן מיט גאָט הויך אויפן קול, אַז אַלע האָבן עס געהערט. און דער עולם פלעגט דע־מאָלט, פאַרשטייט זיך, בלייבן שטיין און זיך צוגעהערט; ס׳איז נישט געווען קיין איינער, וואָס זאָל מינאַ מעעק נישט ליב האָבן.

— ס׳איז, הייסט עס, מיט אַנדערע ווערטער, געווען אַ מיידל, וואָס האָט זיך באַנוצט מיט איר נשמה? ווי? וועגן איר קערפּער, וואָלט מען, להיפוך, געקאָנט זאָגן, אַז זי האָט אים צוריק אָפּגעגעבן דעם רבונו של עולם, געדאַנקט פאַר דער הלוואה און געזאָגט: „כ׳האָב אים נישט גענוצט!"

— איך כאַפּ זיך נישט אַזוי לייכט, דערצו בין איך אויך נישט זייער קלוג; כ׳מיין, אפשר פאַרשטיי איך גאָרנישט, וואָס איר זענט אויסן, דערמיט וואָס איר זאָגט, אַז זי האָט געדאַנקט פאַר דער הלוואה.

— נו, נו, שוין גוט; כ׳האָב גאָרנישט געמיינט.

בשעת מעשה האָט נאַגעל געשריבן אויפן שטיין; ס׳איז גע־ווען אַ פּערז, און אַז ער האָט אים אָנגעשריבן, האָט ער צוריק אַריינ־געלייגט דעם בלייפעדער אין קעשענע.

— מען קאָן זיך גאָרנישט פאָרשטעלן, וואָס פאַראַ רושם אַ פרעמדער מענטש מאַכט אין אַ שטעטל. — האָט זיך מינוט אָנגערופן. כ׳בין איצט געשטאַנען דאָרט ביים קבר און האָב זיך צוגעהערט צום הספד; אָבער איך האָב באַמערקט, אַז ווייניקסטנס אַ העלפט פונם עולם איז געווען פאַרנומען מיט אייך.

— מיט מיר?

— יאָ, אַ סך האָבן זיך געסודעט און געפרעגט איינער ביים אַנדערן, ווער איר זענט. איצט שטייען זיי אויך דאָרט און קוקן אַהערצוצו.

— ווער איז די דאַמע, מיטן גרויסן שוואַרצן פעדער אין הוט?

— די, מיטן ווייסן שירם־הענטל? דאָס איז פרעדעריקע אַנ־דערסען, פרײַלין פרעדעריקע, וואָס איך האָב אייך דערציילט וועגן איר. און די, וואָס לעבן איר, וואָס קוקט איצט אַהער, איז דעם פּאָליצמייסטערס טאָכטער; זי הייסט פרײַלין אָלסען, גודרון אָלסען. יאָ, איך קען זיי אַלעמען. דאַגני קיעלאַנד איז דאָ אויך דאָ; זי טראָגט היינט אַ שוואַרץ קלייד, און דאָס קלייד איז כמעט בעסער, ווי אַלע קליידער; האָט איר זי געזען? אגב, זענען זיי היינט אַלע אָנגעטון אין שוואַרצן, פאַרשטייט זיך, איך רעד גאָר נאַרישקייטן. זעט דאָרט דעם הער מיט דעם בלויען פרילינג־מאַנטל און מיט די ברילן. דאָס איז דאָקטאָר סטענערסען. ער איז נישט דער באַצירק־דאָקטאָר; ער איז בלויז אַ פּראַקטישער רופא, און ס'איז ערשט אַ יאָר, ווי ער האָט חתונה געהאַט. זיין פרוי שטייט אַביסל ווייטער פון הינטן; כ'ווייס נישט, אויב איר זעט זי; אַ נידעריקע, טונקעלע דאַמע אין אַ מאַנטל באַנייט מיט זייד? יאָ, דאָס איז דעם דאָקטאָרס פרוי, זי איז אַביסל אַ צעקראָכענע און מוז שטענדיק זיין שיין אָנגעטון. אָט גייט אויך דער לאַנד־ריכטער...

נאַגעל האָט געפרעגט:

— קאָנט איר מיר אָנווייזן פרײַלין קיעלאַנדס חתן? ער איז דאָ פאַראַן?

— ניין, לייטענאַנט האַנסען, ער איז דאָ נישטאָ. ער איז אויף דער רייזע; ער איז צוריק מיט עטלעכע טעג אַוועקגעפאָרן, באַלד נאָך דעם קנס־מאָל.

נאָך אַ קורצן שווייגן, האָט זיך נאַגעל אָפּגערופן:

— אונטן אין גרוב זענען געלעגן צוויי בלומען, צוויי ווייסע בלומען, איר ווייסט נישט, פון וואַנעט זיי נעמען זיך דאָרטן?

— ניין, — האָט מינוט געענטפערט — דאָס הייסט... פרעגט איר? דאָס איז אַ דירעקטע פראַגע?... ס'איז אַ חרפה עס צו דער־ציילן; כ'האָב זיי אפשר געקאָנט אַרויפליינן אויפן ארון, ווען איך זאָל בעטן, מ'זאָל מיר עס ערלויבן, און וואָלט זיי פאַרשפּאָרט אויף אַזאַ אופן, אַזוי צו זאָגן, אַרייַנצוּוואַרפן. אָבער וואָס פאַרא ווערט האָבן צוויי בלומען? און ווו איך האָב זיי נישט אַוועק,

געלייגט, זענען עס דאָך פּאָרט געווען נאָר צוויי בלומען. בין איך בכן טאַקע בעסער אויפגעשטאַנען היינט באַגינען, באַלד נאָך דריי אַ זייגער, יאָ, כ׳וואָלט אייגנטלעך זאָגן, היינט ביינאַכט, און האָב זיי אַריינגעלייגט טיף אונטן אין גרוב; כ׳בין געווען אונטן אויפן באָדן און האָב זיי אַוועקגעלייגט, ווי ס׳דאַרף צו זיין. און דעמאָלט האָב איך אים געזאָגט צוויי מאָל הויך אויפן קול, „אַדיע", בעת איך בין נאָך געווען אונטן אין גרוב. ס׳האָט מיך אַזוי שטאַרק דורכגענומען, אַז פאַר האַרץ ווייטיק האָב איך, בעת איך בין געגאַנגען אין וואַלד, זיך געהאַלטן מיט די הענט ביי די אויגן. ס׳איז מאָדנע, אָט אַזוי אויף אייביק שוין צו ווערן אָפּגעריסן פון עמעצן, און הגם יענס קאַרלסען איז אין יעדן פּרט געשטאַנען העכער פון מיר, איז ער מיר דאָך געווען אַזאַ גוטער פריינט.

— אַזוי, די בלומען זענען, הייסט עס, געווען פון אייך?

— יאָ, זיי זענען געווען פון מיר. אָבער כ׳האָב עס נישט געטון זיך צו באַרימען; גאָט איז מיין עדות, ס׳לוינט בכלל נישט צו רעדן פון אַזאַ קלייניקייט. איך האָב זיי געקויפט נעכטן אָוונט, בעת איך בין אַוועק פון אייך. ס׳האָט זיך גראָד געמאַכט, אַז דער פּעטער האָט מיר געגעבן אַ האַלבן קראָן אין קעשענע אַריין, נאָכדעם ווי איך האָב אים געבראַכט דאָס געלט פון אייך; ער האָט זיך אַזוי שטאַרק געפרייט, אַז ער האָט מיך שיר נישט אומגעוואָרפן פאַר פרייד. יאָ, ער וועט זיכער קומען אַמאָל צו אייך, אָפּדאַנקען פאַר דער טובה. יאָ, יאָ, ער וועט קומען, כ׳ווייס, אַז ער וועט קומען. נאָר אַז איך האָב געקראָגן דעם האַלבן קראָן, איז מיר איינגעפאַלן, אַז איך האָב זיך נישט באַזאָרגט מיט קיין בלומען צו דער קבורה, און איך בין אַראָפּ צום ברעג.

— איר זענט אַראָפּגעגאַנגען צום ברעג?

— יאָ, צו אַ דאַמע, וואָס וווינט דאָרט אונטן.

— אין אַן איינשטאָקיקן הויז?

— יאָ!

— די דאַמע האָט ווייסע האָר?

— יאָ, זייער ווייסע האָר; וואָס איז דען? איר האָט זי גע-
ען? זי איז די טאָכטער פון אַ שיף-קאַפּיטאַן, אָבער זייער אָרעם.

לכתחילה האָט זי מיין האַלבן קראַן נישט געוואָלט נעמען, אָבער איך האָב אים, נישט געקוקט דערויף, אַוועקגעלייגט אויף אַ שטול, הגם זי איז געווען אומצופרידן און האָט עטלעבע מאָל געזאָגט ניין. זי איז אַזוי שרעקעדיק און מוז געווים אויסשטיין צרות צוליב איר באַשיידנקייט.

— ווייסט איר, ווי זי הייסט?

— מאַרטאַ גודע.

— מאַרטאַ גודע?

— יאָ, מאַרטאַ גודע.

נאָגעל האָט פון קעשענע אַרויסגענומען זיין נאָטיץ-ביכל, פאַרשריבן איר נאָמען און געזאָגט:

— זי האָט געהאַט אַמאָל אַ מאַן? ס'הייסט, זי איז אַן אלמנה?

— ניין, אַ שטיק צייט איז זי אַרומגעפאָרן מיטן פאָטער; אַזוי לאַנג, ווי ער האָט געהאַט אַ שיף; אָבער זינט ער איז טויט, וווינט זי דאָ.

— וואָס-זשע, זי האָט גאָרנישט קיין קרובים?

— כ'ווייס נישט. ניין; מסתמא נישט.

— פון וואַנעט לעבט זי פאָרט?

— יאָ, גאָט ווייסט, פון וואַנעט זי לעבט. דאָס ווייסט קיי-נער נישט. איבעריקנס, מוז זי אוודאי קריגן עפּעס פון דער קאַסע פאַר אָרעמע.

— זאָגט זשע מיר, איר זענט, הייסט עס, געווען ביי דער דאָזיקער דאַמע, ביי דער דאָזיקער מאַרטאַ גודע; ווי זעט עס אויס ביי איר אין שטוב?

— ווי קאָן עס דען אויסזען אין אַזאַ אַלטער צרהדיקער שטוב? ס'שטייט דאָרט ביי איר אַ בעט, אַ טיש, אַ פּאָר שטולן, אגב, ווי איך דערמאָן זיך גוט, זענען עס דריי שטולן; וויל אין ווינקל ביים בעט שטייט נאָך איינער; ער איז באַצויגן מיט רויטן פּליוש, ער מוז שטיין אָנגעשפּאַרט אָן וואַנט, אַנדערש קאָן ער זיך נישט האַלטן. אַזוי שלעכט איז ער שוין. ווייטער קאָן איך זיך קיין איין זאַך נישט דערמאָנען.

— וואָס הייסט? ס׳איז שוין באמת דאָרט גאָרנישטאָ מער? עס הענגט נישט קיין זייגער אויף דער וואַנט? אַן אַלט בילד אָדער אַזוי עפּעס?

— ניין, וואָס פרעגט איר זיך אַזוי אויס וועגן דעם?

— און דער שטול, וואָס קאָן נישט שטיין, כ׳מיין, דער מיטן רויטן פּליוש, ווי זעט ער אויס? ער איז טאַקע אַלט? פאַרוואָס שטייט ער עפּעס ביים בעט? וואָס הייסט עס, מען קאָן טאַקע נישט זיצן אויף אים? ס׳איז אַ שטול מיט אַ הויבן אָנלען?

— יאָ, מיט אַ הויכן אָנלען, דאַכט מיר; אויף ריכטיק ווייס איך נישט.

— און מער איז אין צימער גאָרנישטאָ?

— ניין!

דאָרטן ביים קבר האָבן זיי אָנגעהויבן זינגען. די קבורה האָט זיך געענדיקט. און אַז דאָס געזאַנג האָט אויפגעהערט, איז אויף אַ ווײַלע געוואָרן גאַר שטיל; דערנאָך האָט זיך דער עולם אָנגעהויבן פונאַנדערצוגייען אין אַלע זייטן. דער רוב האָט זיך געלאָזט צום גרויסן טויער פון בית־עולם, אַ טייל איז געבליבן שטיין און גערעדט צווישן זיך. אַ גרופּע פון הערן און דאַמען זענען פאַרבײַגעגאַנגען נאָענט לעבן נאַגעלן און מינוטן. די יונגע לייט, באַזונדער די דאַמען מיט די פינקלדיקע, פאַרוואונדערטע אויגן האָבן זיי ביידן באַטראַכט. דאַגני קיעללאַנדס געזיכט איז שטאַרק רויט געוואָרן, אָבער זי האָט געקוקט גלייך פאַר זיך און זיך נישט אומגעקוקט נישט אויף רעכטס נישט אויף לינקס; אויך דער לאַנד־ריכטער האָט זיך נישט אומגעקוקט. ער האָט גערעדט שטילערהייט מיט אַ דאַמע.

ווען זיי זענען געווען לעבן זיי, איז דאָקטאָר סטענערסען, וואָס איז אויך געווען צווישן זיי, שטיין געבליבן. ער האָט אַ וווּנק געטאָן צו מינוטן, וואָס איז גלייך אויפגעשטאַנען. נאַגעל איז געבליבן זיצן אַליין.

— ווילט איר אַזוי גוט זיין, בעטן דעם הער... — האָט ער געהערט, ווי דער דאָקטאָר זאָגט; מער האָט ער נישט געהערט. באַלד נאָכדעם האָט מען אים הויך אָנגערופן ביים נאָמען, און ער איז אויך אויפגעשטאַנען. ער האָט אַראָפּגענומען ס׳היטל און זיך טיף פאַרנייגט.

דער דאָקטאָר האָט געבעטן אַנטשולדיקונג: ער האָט די אומאָנגענעמטע אויפגאַבע פון אַ דאַמע, פון אַ דאַמע אין זיין געזעלשאַפט, פרייליין מעעק, צו בעטן דעם הער, ער זאָל זיין אַביסל פאָרזיכטיקער מיטן שטיין, מיט דער מצבה, און נישט זיצן אויף איר. די מצבה איז ניי, נאָרוואָס אַרויפגעלייגט, דער פונדאַמענט איז נאָך פריש, די ערד איז נאָך ווייך, אַז ס'קאָן איידער וואָס איינגאַנצן צעפאַלן ווערן. די שוועסטער פון דער פאַרשטאָרבענער בעט עס ביי אים.

נאַגעל האָט אַ סך מאָל געבעטן, מ'זאָל אים אַנטשולדיקן. עס איז אַן אָפּגעלאָזנקייט פון זיין זייט, ס'קומט אַלץ פון זיין צעטראָגנקייט, ער באַגרייפט פולקאָם דער דאַמעס זאָרג וועגן דער מצבה. ער האָט אויך געדאַנקט דעם דאָקטאָר.

דערווייל זענען זיי, אַזוי רעדנדיק, ווייטער געגאַנגען. ווען זיי זענען צוגעקומען צום טויער האָט זיך מינוט געזעגנט, און דער דאָקטאָר מיט נאַגעלן זענען געבליבן אַליין. ערשט איצט האָבן זיי זיך באַקענט און זיך איינער דעם אַנדערן פאָרגעשטעלט.

דער דאָקטאָר האָט געפרעגט:

— און איצט ווילט איר דאָ, הייסט עס, פאַרברענגען אַ שטיקל צייט?

— יאָ, — האָט נאַגעל געענטפערט — מען מוז דאָך נאָכטון די מאָדע, צו זיין זומער אויף פרישע לופט, זיך אָננעמען מיט כוחות אויפן ווינטער, כדי דעמאָלט אָנצוהייבן אויפסניי... דאָס איז אַ וויל שטעטל.

— פון וואַנעט זענט איר? איך באַמי מיך עס צו דערגיין פון אייער דיאַלעקט, וואָס איר רעדט, אָבער כ'קאָן נישט דערטאַפּן.

— שטאַמען שטאַם איך פון פינמאַרקען, כ'בין אַ קווענער, אָבער איך האָב געלעבט אַמאָל דאָ אַמאָל דאָרט.

— דאָס פאַרשטיי איך. אָבער חוץ דעם איז דער צפונלענדישער דיאַלעקט גאַנץ דייטלעך און מען קאָן אים גלייך דערקענען... איר קומט פון אויסלאַנד?

— בלויז פון העלזינגפאָרס.

— צום אָנהייב האָבן זיי געשמועסט פון גלייכגילטיקע זאַכן

אָבער באַלד זענען זיי אַרויפגעקומען אויף אַנדערע ענינים, אויף די וואַלן, די אומגערעטעניש פון די תּבואות אין רוסלאַנד, ליטע-ראַטור און אויף דעם פאַרשטאָרבענעם קאַרלסען.

— ווי איז אייער מיינונג, האָט איר היינט מקבר געווען אַ זעלבסטמערדער? — האָט נאַגעל געפרעגט.

דער דאָקטאָר האָט עס נישט געקאָנט זאָגן, נישט געוואָלט זאָגן. עס איז נישט זיין דאגה, און ער וויל זיך נישט אַריינמישן. ס'ווערט אַזוי שטאַרק אַרומגערעדט. איבעריקנס, פאַרוואָס האָט ער דען נישט געקאָנט זיין אַ זעלבסטמערדער? אַלע טעאָלאָגן מוזן זיך נעמען דאָס לעבן.

— פאַרוואָס עפּעס?

— פאַרוואָס? ווייל זייער ראָליע איז אָפּגעשפּילט. ווייל אונ-זער יאָרהונדערט האָט זיי ערקלערט פאַר איבעריק. די מענטשן האָבן אָנגעהויבן טראַכטן זעלבסטשטענדיק, און זייער רעליגיעז געפיל ווערט וואָס אַ טאָג מער אויסגעלאָשן.

אָבער נאַגעל האָט נישט געקאָנט תּופס זיין, וואָס וועט אַרויסקומען דער מענטשהייט, ווען מען זאָל מבטל מאַכן אַלע סימבאָלן, די גאַנצע פּאָעזיע. אגב, איז נאָך אַ גרויסער ספק, צי דער יאָרהונדערט האָט טאַקע ערקלערט די טעאָלאָגן פאַר איבע-ריק, פאַרקערט, דאָס רעליגיעזע געפיל האַלט גראָד ווייט נישט ביים אויסגיין...

ניין, ביי די נידעריקע פאָלקס-שיכטן טאַקע נישט — הגם דאָרט אויך וואָס אַמאָל מער — אָבער ביי אויפגעקלערטע מענטשן ווערט עס פּאָזיטיוו אַלץ שוואַכער.

נאַגעל האָט מיט דעם נישט מסכּים געווען. דאָס רעליגיע געפיל איז אַן אינדיווידועלע זאַך: אַ טייל מענטשן פאַרמאָגן מער, אַנדערע ווייניקער, אַנדערע האָבן אינגאַנצן נישט קיין רעליגיעזע באַדערפעניש. אָבער דערפון איז דאָך נישט געדרונגען, אַז בלויז די אומרעליגיעזע מענטשן זענען אויפגעקלערט; אדרבה: זייער אָפּט...

— נו, לאָמיר שוין בעסער נישט רעדן דערפון. — האָט דער דאָקטאָר אָפּגעהאַקט. — אונזערע מיינונגען גייען זיך שטאַרק פונאַנדער. — דער דאָקטאָר איז געווען אַ פריידענקער; שוין צו

אָפּט האָט דער דאָקטאָר געהערט די דאָזיקע טענות, ער ווייסט גאָר אַליין נישט ווי אָפט. צי האָט עס אים עפּעס איבערצייגט? שוין צוואַנציק יאָר ווי ער איז דער זעלבער. אַלס דאָקטאָר האָט ער ביים עולם צוגענומען די נשמה לעפּעלעך-ווייז! ניין, דעם אבערגלויבן איז ער שוין לאַנג איבערגעוואַקסן... — וואָס טראַכט איר וועגן די וואַלן?

— וועגן די וואַלן? — נאַגעל האָט אַ שמייכל געטון. — כ'האָף דאָס בעסטע. — האָט ער געזאָגט.

— איך אויך, — האָט דער דאָקטאָר געזאָגט — ס'וואָלט געווען אַ שטענדיקע חרפּה, ווען דאָס מיניסטעריום זאָל נישט באַקומען די מערהייט פאַר אַזאַ דורך-און-דורך דעמאָקראַטישן פּראָגראַם. — דער דאָקטאָר האָט געהערט צו די לינקע און איז געווען אַ ראַדיקאַל, דאָס איז ער געווען, זינט ער איז געקומען צום שכל. — די מעשה איז, וואָס מיר האָבן צו ווייניק מזומנים. איר און נאָך אַזעלכע, וואָס האָבן איצט געלט, וואָלטן אונז גע- דאַרפט אונטערשטיצן. ס'גייט דאָך באמת וועגן דער צוקונפט פון גאַנצן לאַנד.

— איך? איך האָב געלט? — האָט נאַגעל געפרעגט — אַך, ס'איז נישט ווערט די רייד.

— נו, קיין מיליאָנער טאַקע זענט איר אפשר נישט, אָבער עמעצער האָט דערציילט, אַז איר זענט אַ גביר, אַז איר פאַרמאָגט אַ שטייגער, אַ שטיק ערד, וואָס איז ווערט צוויי און זעכציק טויזנט קראָן.

- האַ האַ! דאָס שענסטע, וואָס איך האָב געהערט אין מיין לעבן! ניין, דאָס נעמט זיך דערפון, וואָס איך האָב די טעג אָפּגענומען אַ קליינע ירושה פון מיין מוטער, עטלעכע טויזנט קראָן. דאָס איז עס אינגאַנצן. קיין ערד-נחלאות פאַרמאָג איך נישט, דאָס איז נישט מער ווי אַ שפּאַס.

זיי זענען צוגעקומען צום דאָקטאָרס הויז, אַ געל-אָפּגעקאַלכט צוויי-שטאָקיק הויז מיט אַ ווערענדע. דער קאַלך איז אין אַ סך ערטער געווען אָפּגעבראָכן; די ברעגן פון דאַך זענען אַראָפּגעהאָנ- גען שטיקערווייז. אין אַן אויבערשטן שטאָק איז אין אַ פענסטער

געווען אַ שויב אויסגעבראָכן, די גאַרדינען זענען געווען ווייט פון ריינ־קייט. נאַגעל האָט דערפילט אַן אומווילן צו דער אָפּגעלאָזנקייט פון דעם הויז און געוואָלט גלייך אַוועקגיין; נאָר דער דאָקטאָר האָט זיך פּלוצלינג אָפּגערופן:

— הילט איר נישט אריינגיין אינעווייניק? ניין? אויב אַזוי האָט איך אייך שפּעטער צו זען. מיין פרוי און איך וועלן זיך פרייען, ווען איר וועט אַריינקומען צו אונז. ווילט איר אצינד נישט אריינגיין אויף אַ ווייל̇ע און זיך באַגעגענען מיט מיין פרוי?

— אייער פרוי איז דאָך געווען אויף דער לוויה; זי איז נאָך געווים נישט אין דער היים.

— איר זענט גערעכט; זי איז געגאַנגען מיט זיי. נו יאָ, קומט אַן אנדערש מאָל אַריין צו אונז, ווען איר וועט דאָ פאַרבייגיין.

נאַגעל האָט זיך געלאָזט גיין צוריק צום האָטעל; אָבער פּונקט אין דער רגע, ווען ער האָט אויפגעמאכט די טיר, האָט ער זיך אין עפּעס דערמאָנט. ער האָט אַ קנאַק געטון מיט די פינגער, זיך צע־לאַכט און געזאָגט אויפן קול: — „ס'איז דאָך משוגעת צו וויסן, צי דער פערז שטייט נאָך דאָרט!" געזעגנט און געטון — איז ער אַוועק צוריק אויפן בית־עולם און איז געבליבן שטיין ביי מינאַ מעעקס קבר. אַרום און אַרום האָט מען נישט געזען קיין לעבעדיקן נפש. אָבער דער פערז איז געווען אָפּגעמעקט. ווער האָט עס געטון? די אותיות האָט מען שוין לחלוטין נישט דערקענט.

VI

אויף מאָרגן אינדערפרי איז נאַגעל געווען אין אַ צאָרטער, פריי־לעכער שטימונג. זי האָט אים באַהערשט נאָך ליגנדיק אין בעט; ער האָט געפילט, עפּעס אַזוי ווי דער סופיט פון צימער וואָלט זיך געהויבן און געהויבן, וואָלט זיך אויפגעהויבן אין אין־סוף און זיך פאַרוואַנדלט אין אַ ווייטן, בלויען הימל־געוועב. און פּלוצלינג האָט ער דערפילט איבער זיך אַ מילדן זיסן אָטעם, פּונקט ווי ער וואָלט גע־לעגן אין דרויסן אין גרינעם גראָז. דערצו האָבן נאָך פליגן אַרומגע־

רוישט אין צימער; ס'איז געווען אַ וואַרעמער זומערדיקער פרימאָרגן.

ער האָט זיך האַסטיק אָנגעטון, איז אַרויס פון האָטעל, נישט געגעסן קיין פרישטיק און האָט זיך אַוועקגעשלייכט איבער דער שטאָט. ס'איז געווען עלף דער זייגער.

פון יעדן הויז האָבן אַרויסגעקלונגען פאָרטעפּיאַן-טענער; פון די געעפנטע פענסטער האָבן זיך געטראָגן כלערליי נגונים, און אויף דער גאַס האָט זיך אַ נערוועישער הונט אָפּגערופן מיט אַ לאַנגן וויען. נאַגעלן איז געוואָרן זייער גוט אויפן האַרצן. נישט ווילנדיק האָט ער אָנגעהויבן שטילערהייט צו זינגען פאַר זיך. און בעת ער איז פאַרבייגעגאַנגען אַן אַלטן מאַן, האָט ער געפונען אַ געלעגנהייט, אים אַריינצורוקן שטילערהייט אַ שילינג.

ער איז צוגעקומען צו אַ גרויס, ווייס הויז. אויפן צווייטן שטאָק מאַכט מען אויף אַ פענסטער; אַ ווייסע שלאַנקע האַנט פאַרשפּילעט דאָס קייטעלע. דער פאָרהאַנג באַוועגט זיך נאָך. די האַנט ליגט נאָך אויפן קייטל; און נאַגעל האָט דערפילט, ווי עמעצער שטייט אונטערן פאָרהאַנג און קוקט אים אָן. ער איז געבליבן שטיין און האָט אַרויפגעקוקט אויבן; איבער אַ מינוט איז ער אַזוי געשטאַנען און זיך נישט גערירט פון אָרט. אָבער קיינער האָט זיך נישט באַוויזן. אויפן שילד, וואָס איבערן אַריינגאַנג, האָט ער געזען די אויפשריפט „פּ. מ. אַנדערסען, דעניש קאָנסולאַט".

נאַגעל האָט שוין געוואָלט גיין, אָבער ער האָט קוים זיך אויסגעדרייט, ווי די פרייליין פרעדעריקע האָט זיך באַוויזן מיט איר לאַנג איידל געזיכט אין פענסטער, און אירע פאַרחידושטע אויגן האָבן אים נאָכגעקוקט. ער איז ווידער שטיין געבליבן, זייערע בליקן האָבן זיך געטראָפן; זי איז רויט געוואָרן, אָבער ווי אויף צו להכעיס, האָט זי זיך אַביסל אַרויפגעשאַרט די אַרבל און מיט איר גאַנצן אויבערשטן טייל פון קערפּער האָט זי זיך אַוועקגעלייגט איבערן פענסטער. אַזוי איז זי געשטאַנען זייער לאַנג; ס'האָט זיך גאָרנישט געענדערט, און נאַגעל האָט געמוזט מאַכן אַ סוף דערצו און אַוועקגיין. בשעת מעשה איז אים אַ מאָדנע פראַגע אַרויפגעשווומען אין מוח; צי איז נישט אַמאָל די יונגע דאַמע געשטאַנען אויף די קני, דאָרט ביים פענסטער? אויב אַזוי — האָט ער געטראַכט — קאָנען דאָך די צימערן ביים קאָנסול

נישט זיין גאָר הויך, וואָרום דאָס פענסטער האָט דאָך קוים אי־בער זעקס פוס די הויך און שטייט דאָך בלויז איין פוס אונטערן שפּיץ דאַך. ער האָט אַליין צו זיך געלאַכט איבער זיין איינפאַל, וואָס איז אים אין דער אמתן געווען גלייכגילטיק; צום טייוול, וואָס גייט אים אָן דעם קאָנסול אַנדערסענס וווינונג?

און אָט האָט ער זיך אוועקגעשלייכט ווייטער.

אונטן ביי די לאַדונגס־בריקן האָט די אַרבעט געברענט, שפּייכלער־אַרבעטער, צאָל־באַאַמטע און פישער זענען אַרומגעלאָפן פאַרשמייעט, יעדערער האָט געהאַט וואָס צו טון; די הויב־מאַשין האָט געראַשט, צוויי דאַמפשיפן האָבן געפייפט פאַראַמאָל, פאַר אַ צייכן אַז זיי פאָרן־אָפּ. דער ים איז געלעגן און געגלאַנצט ווי אַ שפּיגל, די זון האָט אויף אים געשיינט און פאַרוואַנדלט דאָס וואַ־סער אין אַ גרויסע פלאַך גאָלד, וואָס אין איר האָבן זיך ביז צום סאַמע ברעג געשמאָלצן שיפן און שיפלעך. פון אַן אומגעהויער־גרויסער דריי־מאַסטיקער שיף האָבן זיך געטראָגן די טענער פון אַ קאַטערינקע, און ווען דאָס פייפן פון די שיפן און די משא־מאַשינען זענען אויף אַ ווײַלע אַנטשוויגן געוואָרן, האָט די מעלאָ־דיע געקלונגען ווי אַ ציטעריק פאַרחלשטע, קלאָגנדיקע מיידל־שטימע. אויפן פאָדערדעק פון דער דאָזיקער שיף האָט מען גע־הולעט און אונטער די טענער פון דער דאָזיקער קאַטאַרינקע האָט מען דאָרטן אָנגעהויבן צו טאַנצן אַ פאָלקע.

נאַגעל האָט דערזען אַ קליין מיידעלע, וואָס האָט געהאַלטן אַ קאַץ און זי שטאַרק צוגעדריקט צו זיך. די קאַץ איז געדולדיק אַראָפּגעהאָנגען מיט אירע אונטערשטע פיסלעך, וואָס האָבן כמעט אָנגערירט די ערד און האָט זיך קיין ריר נישט געטון. נאַגעל האָט געגלעט דער קליינינקער איבער די באַקן און געזאָגט:

— ס'איז דיין קאַץ?

— יאָ, צוויי, פיר, זעקס, זיבן.

— אַזוי גאָר, דו קענסט ציילן אויך?

— יאָ, זיבן, אַכט, עלף, צוויי, פיר, זעקס, זיבן.

ער איז געגאַנגען ווייטער. דאָרט, ווו ס'האָט נעדאַרפט זיין דעם פּאָסטאַמטס הויף, האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַ ווייסע, זון־באַ־

שטראַלטע טויב פון הימל און איז נעלם געוואָרן הינטער די שפּיצן פון די ביימער; זי האָט אויסגעזען ווי אַ פינקלדיקע, ווייסע פייל, וואָס איז פון דערווייטנס אַראָפּגעפאַלן אויף דער ערד. ערגעץ ווו האָט עמעץ דערלאַנגט אַ קורצן שאָס, קוים וואָס מען האָט געהערט, און תיכף האָט זיך פון וואַלד אויפגעהויבן אַ לייכטער וואָלקן פון בלויען רויך.

אַז ער איז צוגעקומען צו דער לעצטער לאַדונגס-בריק און עטלעכע מאָל געגאַנגען אויפן פוסטן ברעג אַהין און צוריק, איז ער אַרויף אויפן בערגל און פון דאָרט איז ער אַוועק גלייך אין וואַלד אַריין; דאָס האָט ער געטון גאָרנישט טראַכטנדיק וועגן דעם, ער איז געגאַנגען אַ גוטע האַלבע שעה אַלץ טיפער און טיפער אין וואַלד; לסוף האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ שמאָל שטעגל. אַלץ איז געווען שטיל. אפילו קיין זינג-פייגעלע איז נישט געווען צו הערן, און אויפן הימל איז קיין איין וואָלקן נישט געווען. ער איז אָפּגעגאַנגען אַ פּאָר טריט אָן אַ זייט, האָט אויסגעזוכט אַ טרוקן אָרט און זיך דאָרט אויסגעצויגן, ווי גרויס ער איז געווען, אויפן רוקן. פון דער רעכטער האַנט האָט ער געהאַט דעם פּאַסטאָרס הויף, לינקס—די שטאָט, און איבער זיך דעם אומענדלעכן, בלויען הימל-ים.

וואָס וואָלט עס געווען, ווען מען זאָל אַ שטייגער זיין גאָר אויבן, זיך אַרומשלייכן צווישן זונען און שפּירן, ווי די עקן פון די קאָמעטן פּאַכען עמעצן אויפן שטערן! וואָס פאַר אַ מאָנעלע איז די ערד, און ווי קליין די מענטשן זענען! וואָס פאַר אַ ווערט האָט עס, משטיינס געזאָגט, דער מענטש? מיטן שוויים פון פּנים שטופּט מען זיך אַדורך די עטלעכע יאָר מיט די הענט ביי די זייטן דורך דעם ערדישן שטויב, כּדי דערנאָך, נישט געקוקט אויף קיין שום זאַך, אונטערצוגיין. נאַגעל האָט זיך געריבן דעם שטערן. אָ, דאָס אַלץ וועט זיך ענדיקן דערמיט, וואָס ער וועט אָפּטרעטן פון דער וועלט און מאַכן אַ סוף צו דער גאַנצער געשיכטע! ווען ער זיך ווען עס איז נעמען דערצו ערנסט? יאָ, ווי גאָט איז אים ליב, יאָ, ער וועט זיך נישט אָפּשרעקן דערפאַר. און אין דער רגע איז ער געווען שטאַרק נתפּעל, וואָס ער

האָט זיך צוגעגרייט צו אָט דעם פּשוטן אויסוועג; טרערן האָבן זיך אים געשטעלט אין די אויגן פאַר באַגייסטערונג, און ער האָט געאָטעמט אַזוי שטאַרק, אַז ער האָט כּמעט אַליין געהערט. ער האָט זיך שיין אַרומגעוויגט אויבן אויפן הימל־ים, און געכאַפּט פיש מיט אַ זילבערנער ווענדקע און זיך דערביי צוגעזונגען. און דאָס שיפל איז געווען פון אַ פיין־שמעקעדיקן האָלץ, און די רודערס האָבן געבליצט ווי ווייסע פייגל; און דער זעגל איז געווען פון העל־בלויען זייד און אויסגעשניטן אין דער פאָרם פון אַ האַלבער לבנה...

אַ ציטעריקע פרייד האָט אים דורכגענומען, ער איז געווען אויסגעטון פון אַלץ אַרום זיך. ער האָט זיך געפילט, ווי אין אַן אַנדער וועלט, און האָט זיך באַהאַלטן אין דעם גליענדיקן זון־שיין. די שטילקייט האָט אים פּשוט משוגע געמאַכט פאַר פרייד, קיין זאַך האָט אים נישט געשטערט, נאָר אויבן, פון דער לופט האָט זיך געטראָגן דער ווייבער געררויש, דער גערויש פון דער אומגעהויערער מאַשין: גאָט, וואָס איז געגאַנגען אין זיין ראָד. אין וואַלד האָט זיך נישט גערירט קיין בלאַט, קיין צווייג.

נאַגעל האָט זיך אַזש איינגערעדט פאַר תענוג. ער האָט פּשוט פאַרלייגט די פיס הינטער זיך און זיך געשאָקלט, ווייל אַלץ איז געווען אַזוי גוט. עמעצער האָט אים גערופן, און ער האָט געענטפערט „יאָ“ און זיך צוגעהערט. אָבער קיינער האָט זיך נישט באַוויזן. דאָס איז דאָך געווען מערקווירדיק, ער האָט, דאַכט זיך, גאַנץ דייטלעך געהערט, ווי מען רופט אים; אָבער ער האָט מער וועגן דעם נישט געטראַכט, אפשר איז עס בלויז געווען אַ פאַרשטעלונג אַזאַ. ווי ס'זאָל נישט זיין, האָט ער געוואָלט זיין רויק און נישט געשטערט ווערן פון קיינעם. ער איז געווען אין אַ מאָדנעם סודותדיקן צושטאַנד, דורכגענומען פון פיזישן פאַרגעניגן; יעדער נערוו איז ביי אים געווען וואַך. ער האָט דערהערט מוזיק אין זיין בלוט, ער האָט זיך געפילט פאַראייניקט מיט דער גאַנצער נאַטור, מיט דער זון און מיט די בערג און מיט אַלץ אַרום; ער האָט זיך געפילט אַרומגערינגלט פון זיין „איך“ געפיל, וואָס האָט אַרויסגעשטראָמט פון די ביימער און פון די בערגלעך

ערד און פון די גראָז. זיין נשמה איז געוואָרן גרויס און פול־קלינגענדיק, ווי אַן אָרגל וואָלט געזעסן אין אים, און ער האָט קיינמאָל נישט פאַרגעסן, ווי זיסע מוזיק איז געשוואומען אַרויף און אַראָפּ ביי אים אין בלוט.

אַ שטיק צייט איז ער אַזוי געלעגן און זיך געקוויקט מיט זיין איינזאַמקייט. דערנאָך האָט ער דערהערט, ווי מען גייט אונטן אויף דער סטעזשקע, אמתע טריט, ס'איז איצט נישט קיין טעות; ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און דערזען אַ מענטש, וואָס איז געגאַנגען פון שטאָט. ער האָט געטראָגן אַ לאַנגן ברויט אונטערן אָרעם און געפירט נאָך זיך אַ קו אויף אַ שטריק. ער האָט זיך כסדר אָפּגעווישט דעם שוויס פון פנים און איז געגאַנגען אין דעם בלויזער העמד אָן אַ רעקל. פונדעסטוועגן האָט ער געטראָגן אַ דיקן רויטן וואָלענעם שאַל אויפן האלז, צוויי מאָל אַרומגעוויקלט. נאַגעל איז געלעגן שטיל און האָט געקוקט אויף דעם פויער. אָט דאָס איז ער! דאָס איז ער, דער נאָרוועגיער, הע הע, יאָ, יאָ, דאָ האָסטו דעם איינגעבוירענעם מיטן ברויט אונטערן אָרעם און מיט דער קו נאָך זיך! אַה—עס לוינט זיך אָנצוקוקן! הע הע הע הע הע, גאָט איז מיט דיר, דו בראַווער וויקינג פון נאָרוועגיען! ווען דו זאָלסט אָפּוויקלען אַביסל דיין שאַל און אַרויסלאָזן דעם אומפּלייט, וואָלסטו ממש נישט געקאָנט לעבן, דו וואָלסט באַקומען צופיל פרישע לופט און נאָך געשטאָרבן דערפון. און די פרעסע וואָלט באַקלאָגט דיין פּריצייטיקן טויט און וואָלט דיר געווידמעט אַ נומער; און דער ליבעראַלער סטאָרטינגסמאַן וועטלע וועטלע־סען וואָלט אַריינגעטראָגן אין פאַרלאַמענט אַ פאָרשלאַג וועגן דער זאָרגזאַמער באַשיצונג פונם נאַציאָנאַלן אומפּלייט.

ביי נאַגעלן אין מוח האָבן אָנגעהויבן אַרומצושפּראַצן אָט די ביטערע שפּאַסן איינער נאָכן אַנדערן. ער איז אויפגעשטאַנען און אַן אויפגערעגטער און פאַרביטערטער האָט ער זיך געלאָזט גיין אַהיים. ניין, ער איז שטענדיק גערעכט געווען. ווו מען זאָל זיך נאָר קערן און ווענדן, וועט מען זיך כסדר אָנטרעפן אויף גרויסע אומגעלומפּערטע שטיוול און אומפּלייט און אַלטן פאַרשימלטן קעז און ליטעדס קאַטעכיזם. יאָ, דאָס מוז ער מודה זיין, ווו מען

קערט זיך און װענדט זיך, איז פאראן אָרעמקייט און דחקות. און די מענטשן זענען מיטלגרויסע בירגער אין דרייטשטאָקיקע הײזלעך; זיי עסן און טרינקען וויפל זיי באדארפן, לאָזן זיך װויל-גיין ביי „טאָדדי" אין וואל-פאָליטיק און האנדלען טאָג-איין טאָג-אויס מיט מעשענע קעמלעך, גרינעם זייף און פיש! נאָר ביינאכט, ווען עס הויבט אָן צו בליצן און צו דונערן, לייגן זיי זיך אװעק אין די שטיבער און זאָגן תהילים! יאָ, פרוווט זוכן אמאָל אַן אויסנאם, און טוט א קוק, צי איר וועט געפינען! גיט אונז, למשל, אַן אַנטוויקלט פארבּרעכן, אַן אויסנאם פון א זינד! אָבער נישט די לעבערלעבע קרעמערישע אלף-בית-פעלערן, ניין. די זעלטענע, אומדערהערטע אויסגעלאסנקייט, די ראפינירטע פאַרדאָרבנקייט, די מלבים-זינד, וואָס איז פול מיט דער גאנצער רויער הערלעכקייט פון גהינם! ניין, ס'איז אלץ אזוי נישטיק. גרויסער גאָט, אזוי קלאָגעדיק!..

אָבער אז ער איז צוריקגייענדיק אַריבער איבער די בריקן און האָט דערזען דאָס גאנצע רוישיקע לעבן אַרום זיך, האָט ער זיך דערפילט אביסל אויפגעלייגט. ער איז ווידער פרײלעך געוואָרן און ער האָט אָנגעהויבן זינגען. ס'איז נישט געווען אזא וועטער, מ'זאָל זיך קאָנען אַרומטראָגן מיט מרה שחורהדיקע געדאנקען, ס'איז געווען א גוט וועטער, א שיין וועטער, א שטראַלנדיקער טאָג אין חודש יוני. דאָס גאנצע שטעטל איז געלעגן און געפינקלט אין דער שיין פון דער זון, ווי א פארבּישופטע שטאָט.

ווען ער איז געקומען צו זיך אין האָטעל, האָט ער שוין לאנג געהאט פארגעסן אָן זיין ביטערער שטימונג, זיין הארץ איז געווען פריי פון פאַרדרוס, ביי אים אין הארצן האָט ווידער אויפגעשטראלט דאָס שיפל פונם פיין-שטעקנדיקן האָלץ און מיטן זעגל פון העל-בלויען זייד, וואָס איז אויסגעשניטן אין דער פאָרם פון א האלבער לבנה.

אָט די דאָזיקע מערקווירדיקע לייכטע שטימונג האָט געדויערט ביי אים דעם גאנצן טאָג. פארנאכט איז ער ווידער ארויסגעגאנגען. האָט זיך ווידער געלאָזט גיין מיט דעם זעלבן וועג צום ים אַראָפ און ווידער געפונען די טויזנט קליניקייטן, וואָס האָבן

אים אריינגעבראכט אין התפעלות. די זון האט זיך אראפגעלאזט· דאס שארפע גליענדיקע ליכט איז מילדער געווארן און זיך וויך· פונאנדערגעגאסן איבערן וואסער; אפילו דער ליארם פון די שיפן איז געווארן שטילער. נאכעל האט געזען, אז דא און דארט אויפן ברעג זענען אויפגעצויגן געווארן די פלאגן. אויך אויף א סך היי· זער אין שטאט האבן געפלאטערט פאנען, און ביסלעכווייז האט די ארבעט אינם האפן אינגאנצן אויפגעהערט.

ער האט א ווײלע א טראכט געטון וועגן דעם. דערנאך איז ער ווידער ארויף אין וואלד, ארומגעקראכן אהין און צוריק, איז צוגעגאנגען צום פאסטארס הויף און אריינגעקוקט אינעווייניק. פון דארטן איז ער ווידער אוועק אין וואלד, האט זיך אריינגעשלייכט ערגעץ אין טונקלסטן ווינקל, וואס ער האט נאר געפונען, און זיך אנידערגעזעצט אויף א שטיין. מיט איין האנט האט ער אונטערגע· שפארט דעם קאפ, און מיט דער צווייטער האט ער זיך געקלאפט אויף דער קני, אזוי איז ער געזעסן א שטיק צייט, אפשר א גאנ· צע שעה דורכאנאנד, און אז ער האט זיך לסוף אויפגעהויבן כדי אוועקצוגיין, איז שוין די זון געווען אונטערגעגאנגען. די ערשטע שאטנס פונם בין השמשות זענען געלעגן איבער דער שטאט.

אן אומגעריכטער חידוש האט אים באגעגנט אויפן וועג. אז ער איז ארויסגעקומען פון וואלד, האט ער דערזען א מאסע פלא· קערדיקע פייערן ארום אויף די הויכע ערטער, אפשר א צוואנציק שייטערהויפנס, וואס האבן געברענט אין אלע זייטן און אויסגע· זען ווי קליינע זונען. אויפן וואסער איז געווען א טומל פין שיפ· לעך, ווו מען האט אן אויפהער כסדר אנגעצונדן בענגאלישע שוועבעלעך, וואס האבן אויפגעפלאקערט מיט א רויטן און א גריי· נעם פלאם! פון איין שיפל, וואס אין אים איז געזעסן א קווארי טעט און געזונגען, האט מען אפילו ארויסגעלאזט ראקעטן אין דער לופטן. א גרויסער עולם איז ארומגעגאנגען אהער און אהין. דער האפן, ווו די דאמפשיפן האבן זיך אפגעשטעלט, איז געווען שווארץ פון מענטשן.

נאגעל האט א געשריי געטון פון פארוואונדערונג. ער האט זיך געווענדט צו א מאן און אים געפרעגט, וואס דאס אלץ בא·

דייט. דער מאַן האָט אים אָנגעקוקט, אַ שפּיי געטון, ווידער אַמאָל אים אָנגעקוקט און געענטפערט, ס'איז דער 23-טער יוני, יאָהאַנים אָוונט. אַזוי הייסט עס יאָהאַנים אָוונט. יאָ, טאַקע ריכטיק. ס'איז גאָר קיין טעות נישט. ס'שטימט מיט דער דאַטע. אַזוי, הייסט עס, יאָהאַנים אָוונט היינט, הע הע, אַז ס'הויבט אָן צו גיין, גייט עס פון אַלע זייטן, אָט האָסטו דיר יאָהאַנים אָוונט אויך! נאַגעל האָט זיך פון שמחה געריבן די הענט און איז אויך אַראָפּגעגאַנגען צום האַפן פון די דאַמפּשיפן; עטלעכע מאָל האָט ער איבערגעחזרט פאַר זיך אַליין: ס'איז אַן אומגעווײנלעך גליק, יאָהאַנים אָוונט אויך אין מיטן דרינען!

אין מיטן, צווישן אַ קרייז פון דאַמען און הערן, האָט ער שוין פון דערווייטן דערזען דאַגני קיעלאַנדס בלוט-רויטן שירם, און אַז ער האָט באַלד נאָכדעם דערזען אויך דאָקטאָר סטענערסען, האָט ער נישט לאַנג געטראַכט און איז גלייך צוגעגאַנגען צו אים. ער האָט זיך פאַרנייגט, געדריקט דעם דאָקטאָרס האַנט און איז געבליבן שטיין אַפּאָר מינוט מיט אַ בלויזן קאָפּ. דער דאָקטאָר האָט אים פאָרגעשטעלט פאַר דער געזעלשאַפט; פרוי סטענערסען האָט אים אויך געגעבן די האַנט, און ער האָט זיך באַלד אַנידערגעזעצט לעבן איר. די פרוי איז געווען בלייך און האָט געהאַט אין פּנים אַ גרויע פאַרב, וואָס האָט איר געגעבן אַ קרענקלעכן אויסזען, אָבער זי איז געווען זייער יונג, קוים איבער צוואַנציק יאָר. זי איז געגאַנגען וואַרעם אָנגעטון.

נאַגעל האָט צוריק אָנגעטון דאָס היטל און זיך געווענדט צו אַלעמען, האָט ער געזאָגט:

— כ'בעט אייך, נעמט נישט פאַר אומגוט, וואָס איך רייס מיך אַזוי אַריין צווישן אייך, וואָס איך וואַרף מיך אָן אַזוי אומגעבעטענערהייט.

— טייערער, איר פאַרשאַפט אונז פאַרגעניגן, — האָט אים די פרוי מיט אַ ליבלעכן טאָן איבערגעשלאָגן די רייד — איר וועט אונז נאָך אפשר זינגען אַ ליד אויך?

— ניין, דאָס קען איך צום באַדויערן נישט - האָט נאַגעל

געגנטפערט — כ'האָב אזוי ווייניק טאַלענט צו מוזיק, ווי מען קאָן זיך נאָר פאָרשטעלן.

— פאַרקערט, ס'איז גוט וואָס איר זענט געקומען; מיר האָבן גראָד פון אייך גערעדט. — האָט זיך דער דאָקטאָר אָפּגערופן. —אָבער יעדנפאַלס שפּילט איר דאָך פידל?

— ניין. — האָט נאַגעל ווידער געזאָגט און צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ; ער האָט אויך דערביי אַ שמייכל געטון. —ניין, איך שפּיל נישט.

אָבער פּלוצלינג, אָן אַ שום סיבה, שטייט ער אויף און מיט פינקלדיקע אויגן, זאָגט ער: —יאָ, איך בין היינט פריילעך. ס'איז היינט געווען אַזאַ אויסערגעוויינלעך שיינער טאָג, פון דערפרי אָן, זינט איך בין אויפגעשטאַנען פון שלאָף. צען שעה נאָכאַנאַנד בין איך אַרומגעגאַנגען מיט די שענסטע חלומות. שטעלט זיך פאָר, איך ווער ממש פאַרפאָלגט פון דמיון, אַז איך געפין מיך אין אַ שיפל פון שמעקנדיקן האָלץ, מיט אַ זעגל פון העל־בלויען זייד, וואָס איז אויסגעשניטן אין דער פאָרם פון אַ האַלבער לבנה. איז עס נישט שיין? דער טייערער ריח פון שיפל לאָזט זיך נישט איבערגעבן אין ווערטער, כ'וואָלט עס נישט געקאָנט, כאָטש איך וואָלט עס שטאַרק געוואָלט; ווי באַגאַבט איך זאָל נישט זיין, וואָלט איך נישט געפונען דאָס ריכטיקע וואָרט דערצו. אָבער וואָס זאָגט איר אויף דעם? מיר קומט פאָר, ווי איך וואָלט געווען אויפן ים און געכאַפּט פיש מיט אַ זילבערנער ווענדקע, מוז איך אייך זאָגן, ווי? אַנטשולדיקט, מיינע דאַמען, אָבער צי מיינט איר נישט, אַז דאָס איז פונקט אַזוי שיין, ווי מערקווירדיק, אָט די פאָרשטעלונג מיטן שיפל, מיט אַזאַ מין שיפל?

קיין איין דאַמע האָט זיך נישט אָפּגערופן; זיי זענען געבליבן זיצן אין פאַרלעגנהייט, האָבן זיך אָנגעקוקט און מיט די אויגן ויך געפרעגט איינע ביי דער אַנדערער, וואָס מען דאַרף אַצינד טון; אָבער לסוף האָבן זיי איינע נאָך דער אַנדערער אָנגעהויבן לאַכן; זיי האָבן אים גאָרנישט געשווינט, נאָר בסדר געלאַכט.

נאַגעל האָט נאָר געקוקט פון איינער צו דער אַנדערער, זיינע אויגן האָבן נאָר געפינקלט, און ס'איז קענטיק געוואָרן, אַז

ער טראַכט נאָך וועגן דעם שיפּל מיטן בלויען זעגל, אָבער זיינע ביידע הענט האָבן אַביסל געציטערט, הגם זיין פּנים איז רויק געווען.

דער דאָקטאָר האָט אים אַרויסגעהאָלפֿן און געזאָגט:

— יאָ, דאָס איז, מסתמא, אַזאַ מין האַלוצינאַציע, וועלכע...

— ניין, אַנטשולדיקט, — האָט ער געענטפֿערט — איבעריקנס, יאָ, פֿאַרוואָס נישט? ס'איז מיר אַלצאיינס, ווי איר וועט עס אָנרופֿן. איך בין דעם גאַנצן טאָג געווען אַזוי פֿאַרפּישופּט; צי ס'איז האַלוצינאַציע, צי נישט, ס'האָט זיך אָנגעהויבן היינט אין דערפֿרי, בעת איך בין נאָך געלעגן אין בעט. כ'האָב געהערט ווי אַ פֿליג זשומעט. דאָס איז געווען מיין ערשטע באַוווסטזיניקע פֿאָרשטעלונג. נאָכדעם, ווי איך האָב מיך אויפֿגעכאַפּט; דערמאָלט האָב איך געזען, ווי די זון גנבעט זיך אַריין דורך אַ לאָך אין פֿאָרהאַנג צו מיר אין צימער, און מיט איין מאָל איז איבער מיר געקומען אַ צערטלעכע, ליכטיקע שטימונג. כ'האָב דערפֿילט עפּעס אַזאַ געפֿיל פֿון זומער אין האַרצן; שטעלט זיך פֿאָר: אַ שטיל גערויש אין גראָז, און דאָס דאָזיקע גערויש גייט דורך אייער האַרץ. האַלוציניאַציע? — יאָ, אפשר איז עס געווען האַלוצינאַציע, כ'ווייס נישט. אָבער פֿאַרגעסט נישט, איך בעט אייך, אַז איך האָב געמוזט זיין אין אַ געוויסן צושטאַנד פֿון צוגעגרייטקייט, אַז די פֿליג האָב איך דערהערט גראָד אינם ריכטיקן מאָמענט, אַז אין דעם דאָזיקן מאָמענט האָב איך געדאַרפֿט האָבן גראָד אַזאַ מין און אַזוי־פֿיל ליכט; בלויז אַ שטראַל זון, וואָס איז אַריינגעדרונגען דורך אַ לאָך אין פֿאָרהאַנג, א. א. וו. נאָר אַז איך בין שפּעטער אויפֿגעשטאַנען און אַרויסגעגאַנגען, האָב איך קודם כּל געזען אַ שיינע דאַמע אין אַ פֿענסטער. — דערביי האָט ער אַ קוק געטון אויף פֿריילין אַנדערסען, וואָס האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן, — דאַן האָב איך געזען אַ נישקשהדיקע צאָל שיפֿן, דערנאָך אַ קליין מיידעלע, וואָס האָט געהאַלטן אַ קאַץ אויפֿן אָרעם, א. א. וו. אַלץ אַזעלכע זאַכן, וואָס יעדע איינציקע פֿון זיי האָט געמאַכט אויף מיר אַן איינדרוק. אין אַ ווײַלע אַרום בין איך אַוועק אין וואַלד, און דאָרט האָב איך עס געזען דאָס שיפֿל מיט דער האַלבער לבֿנה, בעת איך

בין געלעגן אויפן רוקן און געקוקט אין הימל אריין.

די דאמען האבן נאך אלץ געלאכט; ס'האט אויסגעזען, ווי דער דאקטאר האלט אויך ביי ארויסצופלאצן מיט א געלעכטער; ער האט מיט א שמייכל געזאגט:

— הייסט עס, מיט א זילבערנע ווענדקע האט איר געכאפט פיש?

— יא, מיט א זילבערנער ווענדקע.

— כא כא כא כא!

דעמאלט איז דאגני קיעלאנד פלוצלינג אריין דאס בלוט אין פנים, און זי האט זיך אפגערופן:

— איך באגרייף זייער גוט, אז אזא פארשטעלונג... איך פון מיין זייט, למשל, זע דאס שפּיל גאנץ דייטלעך; און דעם זעגל, יענע בלויע, האלבע לבנה... און שטעלט זיך פאר א ווייסע, זילבערנע ווענדקע, וואס לאזט זיך אזוי אראפ אין וואסער! מיר דאכט, אז ס'איז שיין

מער האט זי נישט געקאנט זאגן, זי האט אנגעהויבן צו שטאמלען און איז געבליבן זיצן ווי צוגעשמידט צום ארט, זי האט אראפגעקוקט צו דער ערד.

נאגעל איז איר גלייך געקומען צו הילף:

— יא, נישט אמת? כ'האב אויך נישט איינמאל געזאגט צו זיך אליין: גיב אכטונג, דאס איז א חלום, א צייכן; דאס איז געוויס א מין ווארנונג פאר דיר; כאפסטו פיש, זאל עס זיין נאר מיט א ריינער ווענדקע, מיט א ריינער!.. דאקטאר, איר האט געפרעגט, צי איך שפיל? איך שפיל נישט, לה־לוטין נישט. כ'פאר ארום מיט א וויאלין־קאסטן, אבער כ'האב אפילו קיין וויאלין נישט. דער קאסטן איז ליידער פול מיט שמוציקע וועש. מיר האט זיך נאר געדאכט, אז ס'פאסט זיך צו האבן א וויאלין־קאסטן צום רומל. דערפאר האב איך זיך עס איינגעשאפט. יא, איר האט שוין געהערט אזא משוגעת? כ'ווייס נישט, איך וועל אפשר מאכן אויף אייך א שלעכטן איינדרוק צוליב דעם, אבער איך קאן זיך נישט העלפן, כאטש עס פארדריסט מיך זייער. איבעריקנס, איז די זילבערנע ווענדקע שולדיק אין אלץ.

די פאַרחידושטע דאַמען האָבן שוין מער נישט געלאַכט; אפילו דער דאָקטאָר, דער לאַנד־ריכטער רײנערט און דער אדיונקט זענען אַלע דרײַ געזעסן מיט אויסגעגלאָצטע אויגן. זײ האָבן אים מבולבל אָנגעקוקט; דער דאָקטאָר האָט ממש נישט געוווסט וואָס צו קלערן. וואָס טוט זיך פּאָרט בײַ אָט דעם ווילד־פּרעמדן מענטשן אין מוח? נאַגעל גופא האָט זיך רויק אוועקגעזעצט אויף אַן אָרט, און ס'האָט אויסגעזען, אַז מער וויל ער גאָרנישט זאָגן. אַ ווײַלע האָט זיך אַלעמען אויסגעדאַכט, אַז ס'וועט גאָר קײן סוף נישט נעמען צו דעם פײַנלעכן שווײַגן. אָבער פרוי סטענערסען האָט באַלד אַרויסגעראַטעוועט די לאַגע. זי איז געווען די ליב־לעבקײט אַלײן. איז געווען ווי אַ מאַמע צו אַלעמען און האָט אַכטונג געגעבן, אַז אַלע זאָלן זײַן צופרידן. זי האָט בכיוון פאַר־קנײטשט דעם שטערן און זיך געמאַכט עלטער, ווי זי איז געווען, בלויז צוליב דעם, אירע ווערטער זאָלן האָבן מער באַדײַטונג.

— איר קומט פון אויסלאַנד, הער נאַגעל? — האָט זי גע־פרעגט.

— יאָ, חשובע פרוי.

— פון העלסינגפאָרס, גלויב איך, האָט מײַן מאַן געזאָגט?

— יאָ, פון העלסינגפאָרס, דאָס הײסט, לעצטנס פון העל־סינגפאָרס. איך בין אַן אַגראָנאָם און האָב דאָרט אַ שטיקל צײַט באַזוכט די שול.

פויזע.

— און ווי געפעלט אײַך די שטאָט? — האָט זי ווײַטער גע־פרעגט.

— העלסינגפאָרס?

— נײן, אונזער שטאָט.

— אַה! אַ גרויסאַרטיקע שטאָט, אַ באַצויבערנדיק אָרט! ס'וויל זיך גאָר פון דאַנעט נישט אוועקפאָרן, נײן, באמת נישט, באַ באַ, יאָ; דערשרעקט זיך נישט, פונדעסטוועגן, כ'וועל, מסתמא, ווען עס איז דאָך אוועקפאָרן. דאָס ווענדט זיך אָן די אומשטענדן... יאָ, וואָס האָב איך געוואָלט זאָגן? — און דערבײַ איז ער ווידער אויפגעשטאַנען. — אויב איך האָב עפּעס געשטערט,

וואָס איך בין צוגעקומען צו אייך, בעט איך אייך אַנטשולדיקונג. ס'הייסט, אייגנטלעך, וואָלט איך געווען זייער צופרידן, ווען איך קאָן דאָ מיט אייך צוזאַמען זיצן; כ'האָב נישט אַזוי מיט וועמען צו פאַרברענגען, און כ'בין אַלעמען פרעמד. איר וועט מיר אָנטון אַן אמתן נחת-רוח, ווען איר וועט זיך לחלוטין נישט מאַכן וויסנדיק, אַז איך בין צווישן אייך און ווייטער זיך שמועסן, פונקט ווי פאַר מיין קומען.

— איר האָט געהאַט אַ שטיקל צופאַל זינט איר זענט דאָ.— האָט ריינערט מיט אַ נידעריקע שטימע געזאָגט.

אויף דעם האָט זיך נאַגעל אָפּגערופן:

— פאַר אייך, הער לאַנד-ריכטער דאַרף איך זיך נאָך גאַנץ פריוואַט אַנטשולדיקן. און איך בין גרייט אייך צו געבן יעדע צופרידנשטעלונג, וואָס איר וועט נאָר פאַרלאַנגען. אָבער נישט איצט, נישט אמת? נישט איצט?

— ניין, דאָס קומט נישט אַהער. — האָט ריינערט געענטפערט קורץ.

— ניין, נישט אמת? — האָט אויך נאַגעל געזאָגט. — אויסער דעם בין איך היינט אַזוי פריילעך. — האָט ער ווייטער געזאָגט, און איבער זיין פנים איז אַריבער אַ וואַרעמער שמייכל, וואָס האָט אים ווי אויסגעלייטערט, אַ רגע האָט ער אויסגעזען ווי אַ קינד.— ס'איז אַ וווּנדערלעכער אָוונט, און באַלד וועלן די שטערן אָנהויבן לייכטן אין הימל. הויך און טיף, אויף די בערגלעך, ברענען די פייערן, און פון ים הערט זיך אַ געזאַנג. הערט נאָר! גאָרנישט שלעכט! כ'בין אַ קנאַפּער מבין דערויף; נאָר אמת, ס'איז גאַנץ גוט? עס דערמאָנט מיר אַביסל אָן אַ נאַכט אויפן מיטללענדישן ים אַרום טוניס. עס זענען אוודאי געווען אַ הונדערט פּאַסאַזשירן אויף דער שיף; אַ כאָר, וואָס איז געפאָרן פון ערגעץ קיין סאַרדיניע. איך בין נישט געווען קיין זייעריקער און האָב נישט געקאָנט זינגען. איך בין בלויז געזעסן אויפן פאָדערדעק און זיך צוגעהערט, ווי דער כאָר זינגט אונטן אין זאַל. ס'האָט כמעט געדויערט אַ גאַנצע נאַכט; איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן, ווי ווּנדערשיין ס'האָט אָפּגעקלונגען אין דער וואַרעמער נאַכט.

שטילערהייט האָב איך צוגעמאַכט אַלע טירן פון זאַל, כ'האָב אַזוי צו זאָגן איינגעשלאָסן דעם געזאַנג און דאָ האָט זיך מיר אויסגע־דאַכט, אַזוי ווי די טענער וואָלטן אַרויפגעקומען פון דער ים־טי־פעניש, יאָ, אַזוי ווי די שיף וואָלט אונטער דער רוישנדיקער מו־זיק אַריינגעפאָרן אין דער אייביקייט אַריין, שטעלט זיך נאָר פאָר, אַ ים פול מיט געזאַנג, אַן אונטערערדישער כאָר.

פריילין אַנדערסען, וואָס איז געזעסן לעבן נאַגעלן, האָט זיך נישט ווילנדיק אַרויסגעכאַפּט:

— יאָ, גאָט, ווי הערלעך ס'האָט געמוזט זיין!

— פריילין, — האָט נאַגעל געזאָגט — נאָר איין איינציק מאָל האָב איך געהערט עפּעס שענערס דערפון, און דאָס איז געווען אין חלום. אָבער ס'איז שוין זייער לאַנג, ווי ס'האָט זיך מיר גע־חלומט איך בין נאָך גאָר אַ קינד געווען. ווען מען ווערט אַ דערוואַקסענער, האָט מען מער קיין שיינע חלומות נישט — וואָלט איך שיר נישט געזאָגט.

— ניין? — האָט דאָס פריילין געפרעגט.

— אַך, ניין, דאָס איז בלי־ספק אַ גוזמא. אָבער... מיין לעצטן חלום קאָן איך זיך נאָך אַזוי דייטלעך דערמאָנען. כ'האָב געזען אַ ווייטן, ברייטן זומפּ... אגב, אַנטשולדיקט מיר, איך האַלט אין איין רעדן און איך בין אומדערטרעגלעך. ווייל איר מוזט מיך בסדר אויסהערן; ס'האָט דאָך אייך שוין געמוזט פאַרלאַנגווייליקן. אָבער נישט אַלעמאָל רעד איך אַזוי פיל, דאָס דאַרפט איר נישט גלויבן.

דאָ האָט זיך דאַגני קיעלאַנד אָפּגערופן און געזאָגט:

— דאָ איז געוויס נישטאָ קיינער, וואָס וואָלט אייך נישט געוואָלט בעסער אויסהערן, איידער אַליין דערציילן עפּעס. — און זיך אָנגעבויגן צו פרוי סטענערסען, האָט זי איר איינגערוימט:— קאָנט איר אים נישט בעטן? טייערע, טוט עס. איר הערט דאָך, וואָס פאַרא שטימע ער האָט!

נאַגעל האָט אַ שמייכל געטון און געזאָגט:

— יאָ, מיטן גאַנצן האַרצן וועל איך פּלוידערן ווייטער. צו־דיקגערעדט, בין איך דאָך היינט אָוונט אַזוי גוט אויפגעלייגט

דערצו; ווייל גאָט ווייסט, וואָס מיט מיר איז, אייגנטלעך, פאָרגע־קומען... מילא, דער קליינער חלום איז, אגב, נישט געווען אזוי אינטערעסאַנט. איך האָב געזען אַ וויטן, ברייטן זומפּ, אָן בוימער, נאָר מיט אַ מאַסע בוים־וואָרצלען, וואָס האָבן זיך אַרומגעוואַלגערט אומעטום, ווי מאָדנע פאַרדרייטע שלאַנגען. עפּעס אַ מענטש, אַ חסר־דעה איז אַרומגעגאַנגען צווישן אָט די קרומע וואָרצלען. ער שטייט מיר נאָך פאַר די אויגן. ער איז געווען אַ בלייכער און האָט געהאַט אַ טונקעלע באָרד, נאָר די באָרד איז געווען אזוי קליין און שיטער, אַז זיין פּנים האָט אומעטום אַרויסגעקוקט דורך די האָר. ער האָט זיך אַרומגעקוקט אַרום זיך מיט אויפגעריסענע, פונאַנדערגעעפנטע אויגן, וואָס זענען געווען פול מיט יסורים. איך בין געלעגן הינטער אַ שטיין און האָב געשריגן צו אים, פלוצלינג דערזעט ער דעם שטיין און ווערט אויף אַ האָר נישט איבעראַשט פון קלאַנג, וואָס טראָגט זיך פון הינטער אים. ס'האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט גאַנץ גוט געוווסט, אַז איך ליג דאָרט, כאָטש איך בין געווען גוט באַהאַלטן. אַ שטיק צייט איז ער כּסדר געשטאַנען און אָן אויפהער געקוקט אויפן שטיין. איך האָב געטראַכט ביי זיך: נישקשה, ער וועט מיך נישט דערטאַפּן. אין ערגסטן פאַל, אויב ער וועט צוקומען, קאָן איך דאָך אַנטלויפן. און הגם ס'איז מיר גאָרנישט ניחא געווען, וואָס ער קוקט אזוי צו מיר, האָב איך פונדעסטוועגן ווידער אַ געשריי געטון, כּדי אים צו צערייצן. ער האָט געמאַכט אַ פּאָר טריט צו מיר, געעפנט דאָס מויל, ווי ער וואָלט גרייט געווען צו בייסן; אָבער ער האָט זיך נישט גע־קאָנט רירן פון אָרט. די וואָרצלען האָבן זיך אויפגעהויבן ווי טו־רעמס און אים פאַרשטעלט דעם וועג, זיי האָבן אים אַראָפּגע־דריקט צו דער ערד, די וואָרצלען, און ער האָט נישט געקאָנט קיין טריט טון. כ'האָב ווידער אַ געשריי געטון, כ'האָב אַ סך מאָל געשריגן, כּדי אים אַרויסצוברענגען פון די כּלים, און ער האָט אָנגעהויבן צו קעמפן מיט די וואָרצלען און זיי אָפּצוראַמען פון זיין וועג. גאַנצע קופּעס האָט ער אָנגעוואָרפן פון זיי אויף אַ זייט און מיט אַלע כּוחות האָט ער זיך באַמיט מיך צו דערגרייכן, אָבער ס'איז געווען אַרויסגעוואָרפן; ער האָט אָנגעהויבן אזוי ביטער־

צו קרעכצן, אַז כ'האָב עס אַזש דערהערט אונטערן שטיין, און זיינע אויגן זענען פאַר ווייטיק ממש אַרויסגעקראָכן פון די לעבער. נאָר אַז איך האָב געזען, אַז איך בין אינגאַנצן זיכער, בין איך אויפגעשטאַנען און אַ מאַך געטון מיט מיין היטל אין דער לופטן און זיך געוויזן פאַר אים אין מיין גאַנצער גרויס און זיך געריצט מיט אים, שרייענדיק צו אים אָן אויפהער „האַלאָ!", כ'האָב געטופּעט מיט די פיס און ווידער גערופן „האַלאָ!", כ'בין נענטער צו צו אים, כדי אים צו פייניקן ביז בלוט, כ'האָב אים מיט אַ פינגער געטייטלט אין פּנים אַריין און גאַנץ נאָענט פון אים האָב איך ווידער געשריגן „האַלאָ!", כדי אים ווי ווייט מעגלעך וואָס מער צו צערייצן. דערנאָך האָב איך ווידער אָפּגעטראָטן און אים דאָרטן געלאָזט אַזוי שטיין, כדי צו זען ווי נאָענט איך בין געשטאַנען נעבן אים. אָבער ער האָט זיך נאָך נישט אָפּגעזאָגט. ער האָט זיך נאָך אַלץ געראַנגלט מיט די וואָרצלען, האָט געאַרבעט אויף רעכטס און אויף לינקס, ווי ער וואָלט נישט געפילט קיין שום ווייטיק. ער האָט זיך צעבלוטיקט, זיך צעשלאָגן דעם פּנים, האָט זיך אויפגעשטעלט אויף די שפּיץ-פינגער און אַריבערגעשריגן צו מיר. יאָ, קאָנט איר זיך פאָרשטעלן? ער איז געשטאַנען אויף די שפּיץ פינגער און געקוקט אויף מיר און געשריגן! און פון זיין געזיכט האָט גערונען דער שווייס, ס'איז געווען פאַרקרימט פון מוראדיקע יסורים, צוליב דעם, וואָס ער קאָן מיך נישט כאַפּן. כ'האָב אים געוואָלט נאָך ווייטער טרייבן, כ'בין צוגעגאַנגען נאָך נענטער צו אים, און כ'האָב געקנאַקט מיט די פינגער פאַר זיין נאָז און מיט דעם שרעקלעכסטן חוזק האָב איך געמאַכט: טי הי הי הי הי. כ'האָב אים געוואָרפן אַ בוים-וואָרצל, אים געטראָפן גלייך אין מויל אַריין. ס'איז מיר געלונגען אים כמעט צו פאַרטומלען און אים אומוואַרפן אויף דער ערד; אָבער ער האָט בלויז אויסגעשפּיגן דאָס בלוט און זיך אָנגעכאַפּט פאַרן מויל און ווידער אָנגעהויבן אַרבעטן מיט די וואָרצלען. איצט האָב איך געמיינט, אַז איך קאָן זיך דערוועגן — כ'האָב אויסגעשטרעקט די האַנט און אים געוואָלט אָנכאַפּן, אַ שנאָל טון מיט אַ פינגער אויפן מיטן שטערן און צוריק אָפּשפּרינגען; אָבער אין דער רגע האָט ער מיך אָנגעכאַפּט! גאָט, ווי שרעק-

לעך ס'איז געווען, ווען ער האָט מיך אָנגעכאַפּט! ווי אַ ווילדער האָט ער מיך אַ נעם געטון און פעסט געדריקט מיין האַנט. איך האָב געגעבן אַ געשריי; אָבער ער האָט מיך בלויז געהאַלטן פאַר דער האַנט און אָנגעהויבן מיר נאָכצוגיין. מיר זענען אַרויס פון זומפּ. די בוים-וואָרצל'ען האָבן שוין איצט נישט געשטערט, ווייל ער האָט מיך געהאַלטן פאַר דער האַנט, און מיר זענען צוגעקומען צום שטיין, ווו איך האָב זיך פריער געהאַט באַהאַלטן. בעת מיר זענען אַזוי געשטאַנען, האָט זיך דער מאַן אַ וואָרף געטון פאַר מיר און געקושט די ערד, וואָס איך האָב געטרעטן. אַ צעבלוטיקטער, אַ צעהרגעטער איז ער געלעגן פאַר מיר אויף די קני און האָט מיר געדאַנקט, דערפאַר וואָס איך בין געווען גוט צו אים, ער האָט מיר געווונטשן און געבעטן גאָט, ער זאָל מיר באַצאָלן דערפאַר. זיינע אויגן זענען געווען אָפן און פול מיט תפילות צו גאָט פאַר מיינעטוועגן, און ער האָט נישט געקושט מיין האַנט, ניין, אפילו מיין שוך נישט, נאָר די ערד, דאָרט ווו מיין פוס איז געשטאַנען. כ'האָב געפרעגט:— פאַרוואָס קושסטו דווקא די ערד, וואָס איך בין געגאַנגען אויף איר? — ווייל — זאָגט ער — ווייל מיין מויל בלוטיקט, און איך וויל נישט פאַראומרייניקן דיינע שיך.— ער האָט נישט געוואָלט פאַראומרייניקן מיינע שיך! — דעמאָלט זאָג איך ווידער:— אָבער פאַרוואָס דאַנקסטו מיר, נאָכדעם, וואָס איך האָב דיר שלעכטס געטון און דיר אָנגעטון אַזויפיל יסורים?— איך דאַנק דיר, האָט ער געענטפערט, דערפאַר וואָס דו האָסט מיך נישט נאָך מער געפייניקט. ווייל דו ביסט געווען גוט צו מיר און דו האָסט מיך נישט נאָך מער געפייניקט. — יאָ, האָב איך געזאָגט, אָבער פאַרוואָס האָסטו דאַן געשריגן אויף מיר און אויפגעמאַכט דאָס מויל, מיך צו בייסן? — כ'האָב דיך נישט געוואָלט בייסן, האָט ער געענטפערט, כ'האָב געעפנט מיין מויל, כדי צו בעטן ביי דיר רחמנות; אָבער כ'האָב נישט געקאָנט אַרויסרעדן קיין וואָרט, און דו האָסט מיך נישט פאַרשטאַנען. נאָר געשריגן האָב איך פשוט פאַר ווייטיק, פאַר שטאַרקן, אמתן ווייטיק.— דערפאַר האָסטו, הייסט עס, געשריגן? האָב איך ווידער געפרעגט, יאָ, דערפאַר... כ'האָב אָנגעקוקט אָט דעם מטורף, ער האָט נאָך

אַלץ געשפּיגן מיט בלוט, אָבער, נישט געקוקט דערויף, כּסדר גע-בעטן גאָט פּאַר מײנעטװעגן; כ'האָב זיך דערמאָנט, אַז איך האָב אים שוין אײנמאָל געזען און אים געקענט; ס'איז געװען אַן עלטערער מענטש מיט גרויע האָר און מיט אַ שלעכט געוואַקסענער באָרד — ס'איז געווען מינוט.

נאַגעל איז אַנטשוויגן געוואָרן. אַ שווידער איז דורכגעגאַנגען איבער דער גרופּע מענטשן. לאַנד-ריכטער רײנערט האָט אַראָפּ-געלאָזט די אויגן און געקוקט אַ װײלע אויף דער ערד.

— מינוט? ער איז עס געווען? — האָט געפרעגט פרוי סטע-נערסען.

— יאָ, ער איז עס געווען. — האָט נאַגעל געענטפערט.

— אוף! איר האָט מיר געמאַכט זײער קאַלעמוטנע אויפן האַרצן.

— יאָ, זעט איר, איך האָב עס געוווּסט! — האָט זיך דאַגני קיעלאַנד פּלוצלינג אָפּגערופן. — כ'האָב אים דערקענט תּיכּף, ווען איר האָט געזאָגט, אַז ער איז געפאַלן אויף די קני און געקושט די ערד. כ'שווער אײך, אַז איך האָב אים דערקענט. האָט איר זיך מיט אים נישקשהדיק דורכגעשמועסט?

— אָ נײן, כ'האָב זיך מיט אים בלויז אַ פּאָר מאָל גע-טראָפן... אָבער זעט נאָר, מיר דאַכט, אַז איך האָב אינגאַנצן גע-פּטרט די שטימונג; גנעדיקע פרוי, איר זענט דאָך בלײך ווי קרײד. וואָס איז דאָס... ס'איז דאָך נאָר געווען אַ חלום!

— נײן, ס'טויג נישט! — האָט זיך דער דאָקטאָר אָפּגערופן. צום טײוול, פאַרוואָס האָט איר אונז אַזוי געשילדערט, ווי מינוט... פון מײנעטוועגן מעג ער קושן יעדן בוים-האָרצל פון נאָרוועגיען. זעט נאָר, אָט זיצט דאָך פרײלין אַנדערסען אויך און וויינט! כאַ כאַ!

— איך, איך וויין נישט, — האָט זי זיך געווערט — דאָס איז יאָ אַן אײנפאַל! אָבער כ'וועל מודה זײן, אַז דער דאָזיקער חלום האָט אויף מיר געמאַכט אַן אײנדרוק. און אגב, גלויב איך, אַז אויף אײך האָט ער אויך געמאַכט אַן אײנדרוק.

— אויף מיר? — האָט דער דאָקטאָר אויסגערופן. — קײן האָר

אויך נישט, פאַרשטייט זיך! כאַ כאַ כאַ? כ׳מיין, איר זענט משוגע! מילא, לאָמיר זיך אַביסל איבערגיין; שטייט אויף! ס׳ציט דאָ, ס׳איז דיר קאַלט, יעטאַ?

— ניין, ס׳איז מיר נישט קאַלט, לאָמיר דאָ זיצן. — האָט די פרוי געענטפערט

דער דאָקטאָר האָט זיך אָבער דווקא געוואָלט איבערגיין. ער האָט אומבאַדינגט געוואָלט אַרומגיין אַביסל; עס ציט שטאַרק, האָט ער איבערגעחזרט, ער וועט גיין אפילו איינער אַליין, אויב קיינער וועט נישט וועלן, ער מוז זיך אַביסל אויפרודערן. נאַגעל האָט זיך אַלזאָ אויפגעהויבן און אים באַגלייט.

זיי האָבן עטלעכע מאָל אַרומגעשפּאַצירט איבערן האַפן אַהין און צוריק. האָבן זיך דורכגעשטופּט צווישן המון, געפלוידערט און אָפּגעענטפערט אויף די באַגריסונגען פונם עולם. אַזוי זענען זיי אַרומגע-גאַנגען בערך אַ האַלבע שעה. דאַן האָט פרוי סטענערסען זיי געגו-מען רופן צוריק.

— נו, קומט שוין אַמאָל צוריק! — ווייסט איר, וועגן וואָס מיר האָבן דאָ גערעדט, אין דער צייט, וואָס איר זענט נישט געווען? מיר האָבן באַשלאָסן איינצואָרדנען מאָרגן אַ גרויסע אונטערהאַלטונג ביי אונז אינדערהיים. יאָ, הער נאַגעל, איר מוזט אומבאַדינגט קומען! אָבער דאָס מוז איך אייך זאָגן פאָרויס, אַז אַ גרויסע אונטערהאַלטונג מיינט מען ביי אונז, וואָס וויניקער צו עסן און צו טרינקען...

— און וואָס מער פאַרוויילונג. — איז איר דער דאָקטאָר מיט אַ מונטערן טאָן אַריינגעפאַלן אין די רייד. יאָ, כ׳ווייס שוין, וואָס דאָס איז, מילא, ס׳איז נישט קיין שלעכטער איינפאַל; כ׳האָב שוין געהערט פון דיר גרעסערע נאַרישקייטן, יעטאַ. — דער דאָקטאָר איז מיטאַמאָל געוואָרן גוט אויפגעלעגט, און אַ גוטמוטיקער געלעכטער האָט זיך אים פונאַנדערגעשפּרייט איבערן גאַנצן פּנים, צוליב דער פאַר-שטעלונג פון דעם מאָרגנדיקן אָוונט. — קומט נאָר נישט צו שפּעט — האָט ער געזאָגט — און מ׳זאָל נאָר נישט קומען און מיך אָוועקרופן!

— אָבער קאָן איך קומען אין אָט דעם אָנצוג? — האָט נאַגעל געפרעגט. — קיין אַנדערן האָב איך נישט.

אַלע האָבן זיך צעלאַכט, און פרוי סטענערסען האָט געענטפערט:

— נו, יאָ, פאַרשטייט זיך, ס׳איז דאָך זייער קאָמיש.

ווען זיי זענען אַהיימגעגאַנגען, איז נאַגעל געגאַנגען לעבן דאַגני קיעלאַנד. ער האָט נישט געמאַכט דערצו קיינע אָנשטרענגונגען. ס׳איז אַזוי אויסגעקומען גאַנץ צופעליק; אָבער דאָס פריילין האָט אויך גאָר־נישט געטון, כדי ס׳זאָל נישט פאָרקומען. פאַרקערט, זי האָט גאָר געזאָגט, אַז זי פרייט זיך שוין מיט דער אונטערהאַלטונג פון מאָרגן ביינאַכט. ביים דאָקטאָר אין שטוב איז תמיד אַזוי געמיטלעך און גוט; זיי זענען אַזעלכע ווילע מענטשן און זיי ווייסן, ווי אַזוי צו מאַכן, זייערע געסט זאָלן זיך פילן גוט. — דעמאָלט זאָגט פלוצלינג נאַגעל שטילערהייט:

— מעג איך האָבן די העזה צו האָפן, פריילין, אַז איר האָט מיר שוין פאַרגעבן פאַר מיין שרעקלעכער טאַקטלאָזיקייט דעמאָלט אין וואַלד?

ער האָט גערע״ט מיט איין אָטעם און אַזוי שטיל, כמעט שעפּטשענדיק, אַז זי איז געווען געצוווּנגען צו ענטפערן.

— יאָ, — האָט זי געזאָגט — איצט פאַרשטיי איך בעסער אייער באַנעמונג יענעם אָוונט. איר זענט געווים נישט ענלעך צו אַלע מענטשן.

— אַ דאַנק! — האָט ער געפּליסטערט. — אַך יאָ, איך דאַנק אייך, ווי איך האָב נאָך אין מיין גאַנץ לעבן נישט געדאַנקט! יאָ, פאַרוואָס בין איך נישט פונקט ווי אַנדערע מענטשן? איר מוזט וויסן, פריילין, אַז דעם גאַנצן היינטיקן אָוונט האָב איך מיך אָנגעשטרענגט צו מילדערן דעם איינדרוק, וואָס איר האָט געמוזט האָבן פון מיר באַלד פון אָנהויב. קיין איין וואָרט האָב איך נישט גערעדט, וואָס איז נישט געווען צוליב אייך. ווילט איר מיך דערפאַר פאַראורטיילן? פאַרגעסט נישט, אַז כ׳האָב זיך שטאַרק פאַרזינדיקט קעגן אייך, און איך האָב געמוזט עפּעס טון דערצו. איך בין זיך מודה, אַז איך בין אַ גאַנצן טאָג געווען אַביסל אין אַ נישט געוויינלעכער שטימונג; אָבער כ׳האָב זיך געמאַכט אַ שיין ביסל ערגער, ווי איך בין אין דער אמת׳ן, און די גאַנצע צייט האָב איך געשפּילט אַ צווייפלהאַפטע ראָל, ס׳איז מיר פשוט געגאַנגען אין דעם, אייך איבערצוצייגן, אַז איך בין באמת אַביסל צעטראָגן, אַז איך באַגיי בכלל מאָדנע פעלערן, צוליב דעם, האָב איך געהאָפט, וועט איר מיר מוחל זיין. דערפאַר טאַקע

בין איך עס ווי פון הימל אראָפּ, אראָפּגעפאלן מיט מיינע חלומות, וואָס כ׳האָב פון דער העלער הויט אָנגעהויבן צו דערציילן, יאָ, כ׳האָב זיך אפילו אליין אויסגעגעבן מיט א מעשה וועגן א וויאָלין־קאסטן, כ׳האָב גערנוויליק אויסגעזאָגט מיינעם א שגעון, וואָס איז גאָרנישט נויטיק געווען.

— אנטשולדיקט! — האָט זי אים איבערגעשלאָגן די רייד. — אָבער נאָך וואָס דערציילט איר מיר דאָס, און איר מאכט אלצדינג חרוב?

— ניין, איך מאך עס נישט חרוב, ווייניקסטנס, גלויב איך נישט אין דעם. ווען איך דערצייל אייך, אז דאָס וואָס איך בין אייך דעמאָלט נאָכגעלאָפן אין וואלד איז געקומען א דאנק א מאָמענטאלער, רשעותדיקער אינספיראציע, וועט איר עס איצט באַגרייפן. דעמאָלט האָב איך דאָך אייך נישט געקענט. אָבער ווען איך דערצייל אייך, אז איך בין ענלעך צו אנדערע, וועט איר דאָס אויך פארשטיין. כ׳האָב זיך היינט אָוונט נאריש געמאַכט און א גאנצע געזעלשאפט צעטומלט מיט מיין משונהדיקער באנעמונג, נאָר צוליב דעם, כדי אייך צו מאכן מילדער כאָטש אויף אַזוי פיל, איר זאָלט מיך לכל־הפחות אויסהערן, בעת איך וועל קומען און זיך פאר אייך דערקלערן. דאָס האָב איך דערגרייכט, איר האָט מיך אויסגעהערט, און איך דאנק אייך דערפאר. איך בין אויך איבערצייגט, אז איצט פארשטייט איר מיך.

— ניין, כ׳מוז אייך זאָגן גאנץ אָפן, — האָט זי געענטפערט מיט אביסל א באליידיקטן טאָן — אז איך פארשטיי אייך נישט גאנץ גוט. נאָר זאָל זיין אַזוי; איך וועל זיך מער אין דעם נישט גריבלען...

— ניין, אוודאי נישט. צו וואָס זאָלט איר זיך באמת פארנעמען דערמיט? — האָט ער געזאָגט. — אָבער, נישט אמת, אז אָט די מאָרגנדיקע אונטערהאלטונג איז אראנזשירט געוואָרן צוליב דעם, וואָס איר אלע האלט מיך פאר א גאנץ משונהדיקן מענטשן, וואָס מען קאָן זען פון אים א סך אויסטערלישע זאכן? איך וועל אייך אפשר נאָר אנטטוישן; איך קאָן אָפּקומען דעם גאנצן אָוונט

דערמיט, וואָס איך וועל בלויז זאָגן „האַ“ און „יאָ“ און אַמאָל קאָן איך אינגאַנצן נישט קומען. ווער ווייסט.

— ניין, איר מוזט, פאַרשטייט זיך, קומען.

— איך מוז? -- האָט ער געזאָגט און זי אָנגעקוקט.

זי האָט מער גאָרנישט געזאָגט. זיי זענען ווייטער געגאַנגען איינער לעבן אַנדערן.

— יעדנפאַלס — האָט זיך נאַגעל אָנגערופן — בין איך גליקלעך, וואָס איך האָב זיך היינט אָונט געטראָפן און זיך אַנטשולדיקט פאַר אייך. ס'האָט מיך שרעקלעך געמאַטערט דאָס, וואָס איך בין דעמאָלט אַזוי צוגעשטאַנען צו אייך. פריילין, איך דאַנק אייך נאָכאַמאָל, וואָס איר האָט מיך אויסגעהערט, און איך וועל אייך נאָך טויזנט מאָל דאַנקען, בעת איך וועל זיין ביי מיר אין שטוב.

זיי זענען צוגעקומען צום וועג, וואָס פאַרנעמט זיך צום פאַסטאָרס הויף. זי האָט זיך אָפּגעשטעלט. פלוצלינג האָט זי אַרויסגעפּלאַצט מיט אַ געלעכטער און געזאָגט:

— ניין, דאָס הער איך דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן.

דאַן האָט זי זיך אָפּגעשטעלט וואַרטן אויף דער איבעריקער געזעלשאַפט, וואָס איז געבליבן פון הינטן. ער האָט געוואָלט פרעגן, צי מעג ער זי באַגלייטן אַהיים, און האָט גראָד געהאַט מוט דערצו; נאָר אין דער רגע האָט זי זיך אויסגעדרייט און גענומען רופן צום אַדיונקט:

— קומט! קומט שוין! — און דערביי האָט זי שטאַרק געווונקען מיט דער האַנט, כדי אים אונטערצואייגן.

VII

אויף מאָרגן אָונט אַרום זעקס אַזייגער איז נאַגעל געקומען צו גיין צום דאָקטאָר. ער האָט געמיינט, אַז ער איז אוודאי געקומען צו פרי; אָבער די געזעלשאַפט פון נעכטן ביינאַכט איז שוין געווען פאַרזאַמלט. אַחוץ איר, זענען דאָרטן געווען נאָך צווי

פרישע געסט, אַן אַדוואָקאַט און אַ יונגער בלאָנדער סטודענט. ביי צוויי טישלעך האָט מען שוין געטרונקען זעלצער און קאָניאַק; ביי אַ דריטן טיש זענען געזעסן די דאַמען, לאַנד-ריכטער רײנערט און דער יונגער סטודענט, אַרײנגעטון אין אַ געשפּרעך. דער אַדיונקט, אָט דער שווײַגנדיקער מענטש, וואָס האָט קוים זעלטן אַמאָל אויסגערעדט אַ וואָרט, איז שוין געווען פּשוט שיכּור. און שטאַרק בגלופין מיט גליענדיקע באַקן האָט ער גערעדט הויך אויפן קול, איבער אַלץ אין דער וועלט, אָט נעמט למשל סערביען, ווי אַכציק פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג קאָן נישט לייענען און שרייבן — צי איז דאָרט כאָטש אויף אַ האָר בעסער איינגעאָרדנט? דאָס וואָלט ער באמת געוואָלט וויסן! — און דער אַדיונקט האָט זיך אויסגעדרייט מיט אַ צאָרנדיקער מינע, כאָטש קיינער האָט אים נישט אין זינען געהאַט אָפּצושפּאַרן.

די באַלעבאָסטע האָט צוגערופן נאַגעלן און אים געגעבן אַן אָרט ביים טיש נעבן די דאַמען. וואָס וויל ער טרינקען? זיי רעדן גראָד וועגן קריסטיאַניאַ, האָט זי געזאָגט. ס'איז דאָך אַ וווּנדערלעכער איינפאַל פון אים, וואָס ער איז אַראָפּגעקומען אין אַזאַ קלײנער שטאָט, בעת ער האָט די ברירה און קאָן זיך פאַרגינען צו לעבן אפילו אין קריסטיאַניאַ.

ביי נאַגעלן אין די אויגן איז דער איינפאַל גאָרנישט געווען אַזוי וווּנדערלעך; ער האָט דאָך געוואָלט זיין אויף דער נאַטור, פאַרברענגען זיין פרייע צייט. על-כּל-פּנים וואָלט ער נישט געוואָלט זיין אין קריסטיאַניאַ. קריסטיאַניאַ שטייט אויפן לעצטן אָרט, ווו ער וואָלט אויסגעקליבן.

באמת? אָבער ס'איז דאָך פאָרט די הויפּט-שטאָט; אַלץ, וואָס דאָס גאַנצע לאַנד פאַרמאָגט, גרויסע און באַרימטע לייט, און קונסט און טעאַטער און אַלץ, וואָס איז נאָר מעגלעך — אַלץ קומט זיך דאָרט צוזאַמען.

— יאָ און דערצו די אַלע פרעמדע, וואָס קומען צופאָרן, — האָט פרײלין אַנדערסען באַמערקט; פרעמדע אַקטיאָרן, זינגער, מוזיקער, קינסטלער אויף אַלע געביטן. דאַגני קיעלאַנד איז געזעסן שטיל און האָט זיך בלויז צוגעהערט.

אָך יאָ, דאָס קאָן זיין, האָט נאַגעל מודה געווען; ער ווייסט נישט ווי אַזוי עס געשעט ביי אים, נאָר יעדעס מאָל ווען מ'דער־מאָנט קריסטיאַניאַ, שטייט אים פאַר די אויגן אַ טייל פון דער „גרענעץ", און ער פילט דעם ריח פון אַרויסגעהאָנגענע קליידער. באמת, ס'איז נישט קיין אויסגעטראַכטע זאַך, אינעווייניק אין זיין מוח ווערט געבוירן די פאָרשטעלונג פון אַ גאַוההדיק שטעטל מיט אַ פּאָר קירכן, אַ פּאָר ציימונגען, אַ האָטעל און אַ בשותּפותדיקע וואַסער־פּאָמפּע, נאָר מיט די גרעסטע מענטשן אין דער וועלט. ער האָט אין ערגעץ נישט געזען, מענטשן זאָלן זיך אַזוי גרויס האַלטן, אַזוי בלאָזן זיך, ווי דאָרטן. און — ליבער גאָט — ווי אָפּט האָט ער געוואָלט אַנטלויפן ווי פעפער וואַקסט, בעת ער איז דאָרטן געווען.

דער לאַנד־ריכטער האָט נישט געקאָנט באַגרייפן, ווי אַזוי מען קאָן ווארפן אַזאַ אומחן — נישט אויף אַן איינצלנעם מענטשן, נאָר אויף אַ גאַנצע הויפּט־שטאָט פון אַ לאַנד. אין דער אמתן איז קריסטיאַניאַ נישט אַזוי קליין, זי הויבט אָן ביסלעכווייז צו פאַרנעמען אַן אָרט צווישן די באַרימטע שטעט. וואָס וועט ער זאָגן אַ שטייגער צו אַזאַ קאַפּע ווי „גראַנד"?

נו יאָ, לכתחילה האָט נאַגעל אויך נישט געהאַט, וואָס צו זאָגן אַנטקעגן „גראַנד"; „גראַנד" קריכט־מיט, האָט ער געזאָגט. אָבער גלייך נאָכדעם האָט ער איינגעקנייטשט דעם שטערן און צוגעגעבן, אַז אַלע האָבן עס געהערט:

— דאָס הייסט: „גראַנד" איז אַ נישקשהדיקער אויסשטעלונגס־לאָקאַל.

וואָס ער מיינט, אייגנטלעך, דערמיט?

ער האָט זיך צעלאַכט. קריסטיאַניאַ האָט אַ קאַפּע און דאָס איז גראַנד. „גראַנד" און קריטיאַניאַ זענען כמעט איינס און דאָס זעלבע; מחמת דעם איז „גראַנד" דאָס אויסדערוויילטע אָרט אין דער שטאָט, ווו אַלע גרויסע לייט טרעפן זיך צונויף. דאָרט זיצן די גרעסטע מאַלער פון דער וועלט, די פעיקסטע רעדאַקטאָרן פון דער וועלט און די גרעסטע דיכטער פון דער וועלט; כאַ כאַ! דאָרט זיצן זיי און נעמען זיך איבער און באַרימען זיך איינע

פאַרן אַנדערן און קאָקעטירן און זענען זייער גייסטרייך, – צופרידן פון זיך אַליין, וואָס זיי ווערן געהערט און געאַכט און געשעצט איינער פון דעם אַנדערן. ליבער גאָט! די שענסטע קאָמעדיע, וואָס מען קאָן אַמאָל זען! אין תוך אָבער איז „גראַנד" נישט קיין אַנדער זאַך, ווי אַ קליינער, גוט-באַזוכטער שענק, וווּ גוטע בירגער אין לייוונטענע הויזן וואָלטן געקאָנט אַריינקומען טרינקען זייער שנאַפּס; וווּ יעדערער וואָלט זיך געקאָנט זיצן און שעפּן נחת דערפון, וואָס דער צווייטער קוקט אויף אים. דאָס איז „גראַנד".

אַזאַ ענטפער האָט אַרויסגערופן ביי אַלעמען פאַרדרוס, דער לאַנד-ריכטער האָט זיך צוגעבויגן צו פריילין קיעלאַנדס שטול און געזאָגט גאַנץ הויך:

— זינט איך לעב האָב איך נישט געהערט אַזאַ באַרימעריי!

זי האָט זיך אַ כאַפּ געטון. זי האָט שנעל אַ קוק געטון צו נאַגעלן; ער האָט אַוודאי געמוזט הערן דעם לאַנד-ריכטערס ווערטער; אָבער ס'האָט אויסגעזען, אַז ער נעמט זיך נישט צום האַרצן פון זיי. אדרבה, ער האָט אָנגעקלאַפּט זיין גלאָז מיטן יונגן סטודענט און אָנגעהויבן גלייכגילטיק רעדן פון עפּעס אַנדערש. זיין רויקייט האָט איר אויך פאַרדראָסן; פאַר וואָס האַלט ער זיי עפּעס, וואָס ער האָט זיי די עצה צו דערלאַנגען אַזאַ מין אויפגעבלאָזענעם גאַווהדיקן אומזין! אַזאַ איינרעדעניש! אַזאַ אָנשטעל! בעת דער לאַנד-ריכטער האָט זי געפרעגט — נו, ווי געפעלט אייך דאָס? — האָט זי בכיוון געענטפערט הויך אויפן קול: — ווי ס'געפעלט מיר? איך מיין, אַז פאַר מיר איז קריסטיאַניאַ גענוג גרויס.

אויך דאָס האָט נאַגעלן נישט געשטערט זיין רו. אַז ער האָט דערהערט אָט די הויכע שטימע, וואָס איז געווען געווענדט האַלב צו אים, און געזען פריילין קיעלאַנדס געקרענקטן אויסדרוק אויפן געזיכט, האָט ער זי אַ ווײַלע אָנגעקוקט פאַרטראַכט, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט דערמאָנען, מיט וואָס ער האָט זי געקאָנט ערגערן. מער ווי אַ מינוט האָט ער אַזוי געקוקט אויף איר, געפינטלט מיט די אויגן און געטראַכט, און דערביי האָט ער אויסגעזען כמעט טרויעריק.

איצט אָבער האָט אויך דער אַדיונקט דערהערט אין וואָס דאָ גייט, און איז שטאַרק אַרויסגעטראָטן קעגן דעם, ײַ קריסטיאַניאַ איז

קלענער ווי, למשל, בעלגראַד — הגם בעלגראַד האָט מען אפילו
מיט קיין אות נישט דערמאָנט. עס זענען פאַראַן קלענערע הויפּט-
שטעט, ווי קריסטיאַניאַ; עס זענען דאָ אַ סך הויפּט-שטעט, וואָס
פאַרמאָגן אַ סך ווייניקער קונסט און אַנדערע זאַכן, וואָס עס איז
ווערט אָנצוקוקן, שוין אָפּגערעדט דערפון, וואָס קריסטיאַניאַ פאַר-
מאָגט אַ האַפן איינעם אין דער וועלט. וואָס איז דאָ בכלל פאַראַן
צו רעדן! סך-הכל איז דאָך קריסטיאַניאַ נישט קלענער, ווי אַנ-
דערע הויפּט-שטעט פון פאַרנונפטיקער גרייס...

אלע האָבן אָנגעהויבן צו לאַכן; דער אַדיונקט האָט גע-
מאַכט אַ צו קאָמישן איינדרוק מיט זיינע אָנגעגליטע באַקן און
מיט זיין פעסטער איבערצייגונג. אַדוואָקאַט האַנסען, אַ נידעריקער,
דיקער מאַן מיט גאָלדענע ברילן און מיט אַ פּליך אויפן קאָפּ,
האָט נישט אויפגעהערט צו לאַכן, ער האָט זיך געפּאַטשט אויף
די קני און געלאַכט.

— פאַרנונפטיקע גרייס, פאַרנונפטיקע גרייס, יאָ! — האָט ער
געשריגן. — קריסטיאַניאַ איז נישט קלענער, ווי אַנדערע הויפּט-
שטעט פון דער זעלביקער גרייס, פון אַקוראַט דער זעלביקער
גרייס; קיין האָר נישט קלענער, ניין, אָ, דו ליבהאַרציקער! פאַר
אייער געזונט!

אָבער נאַגעל איז די מעשה געוואָרן איבערדריסיק. צום
טייוול, צו וואָס האָט ער געדאַרפט עפענען דאָס מויל! ער האָט
דאָך אָפּגעמאַכט ביי זיך צו שווייגן, כדי זיך נישט דאַרפן אַרומ-
צורייסן מיט לייטן אין אַ פרעמדער שטוב, און איצטער איז ער
ווידער פאַרקראָכן אין אַ בלאָטע און האַלט אין רעכטן מיטן פון
אַ מחלוקת און האָט שוין ווידער שונאים! נו, פון איצט אָן און
ווייטער וועט ער שוין זיין פאָרזיכטיק; קיינער זאָל גאָרנישט האָבן
קעגן אים!

ער האָט זיך אַרומגעקוקט איבערן צימער. קיין גרויסע
אָרדנונג איז דאָרטן גראָד נישט געווען. ס'איז אויך נישט געווען
שטאַרק ריין, נאָר די קאָלירן זענען געווען אָנגענעם, דאָס ליכט
איז אַריינגעקומען דורך דריי גרויסע פענסטער, און אַ סך באַ-
קוועמע שטולן זענען געשטאַנען אַרום טיש. די שטולן, בכלל

ראָס גאַנצע מעבל זענען געווען אַביסל אָפּגענוצט, אָבער זיי האָבן נאָך פונדעסטוועגן גאַנץ גוט אויסגעזען. אויף די דריי ווענט זענען געהאָנגען בילדער פון הייערדאַל, יאַלמאַר יאָהנסאָן און פון עפּעס אַ דייטש; פון יאַלמאַר יאָהנסאָן איז געווען אַ ים־בילד.

נאַגעל האָט נאָך אַלץ גערעדט מיטן סטודענט אָיען. יאָ, אין דער יוגנט האָט ער, נאַגעל, אויך געטרוימט פון מוזיק, און דעמאָלט איז ער שטאַרק געווען פאַרקאָכט אין וואַגנערן; אָבער ס'האָט זיך אויסגעוועפּט דורך די יאָרן. אגב, האָט ער עס קיינמאָל נישט דערפירט ווייטער, ווי זיך אויסלערנען די נאָטן און שפּילן אַ פּאָר טענער.

— פּיאַנע? — האָט דער סטודענט געפרעגט. פּיאַנע איז געווען זיין פאַך.

— ניין, פע! פידל. אָבער ווי געזאָגט: כ'האָב עס נישט ווייט דערפירט, און כ'האָב עס גאָר אינגיכן אַוועקגעוואָרפן.

נישט ווילנדיק איז זיין בליק געפאַלן אויף אַנדערסען, וואָס איז שוין ביי אַ פערטל שעה צייט געזעסן דאָרט ביים אויוון און געשמועסט מיטן לאַנד־ריכטער. איר בליק האָט זיך באַגעגנט מיט נאַגעלס, פלוצלינג, אומגעריכט. אָבער נישט געקוקט דערויף, האָט זי זיך בסדר געדרייט אויפן שטול אַהין און אַהער און פלוצלינג אָפּגעהאַקט, וואָס זי האָט געהאַט צו זאָגן.

דאַגני איז גראָד געזעסן אַליין. זי האָט געפּויקט מיט די פינגער אויפן טיש און צייטנווייז געבלעטערט אין אַן אַלבום. אויף די לאַנגע, ווייסע הענט האָט זי נישט געטראָגן קיין רינגען. נאַגעל האָט איר בגנבה באַטראַכט. ליבער גאָט, ווי שיין זי איז געווען היינט אָוונט! אין דער דאָזיקער באַלייכטונג, אַנטקעגן דעם טונקעלן ים־געמעל אויף דער וואַנט, האָבן אירע דיקע, העלע צעפּ אויסגעזען נאָך העלער, בעת אירע ברעמען זענען געווען נאָך טונקעלער. בעת זי איז געזעסן, האָט איר קערפּער פאַרשפּרייט אַרום זיך אַ לייכטע, נחתדיקע פולקייט; אָבער ווען זי האָט זיך אויפגעהויבן, איז עס פאַרשוווּנדן. זי איז געווען הויך, עטוואָס פול, האָט אָבער געהאַט אַ לייכטן, מערקווירדיקן, רייצנדיקן גאַנג.

נאַגעל האָט זיך אויפגעהויבן און איז צוגעגאַנגען צו איר.

קוים ווי זי האָט אים דערזען לעבן זיך, האָט זי מיט אַ פייערדיקן טאָן געזאָגט:

— וועט איר מיר מוחל זיין דערפאַר, וואָס איך האָב געזאָגט? איך בעט אייך! דאָס וועגן קריסטיאַניאַ; איר געדענקט עס דאָך אוודאי.

ער איז געווען זייער פאַרחידושט און ער האָט געענטפערט, אַז ער האָט גאָרנישט געטראַכט דערפון; ער איז אפילו נישט זיכער, צי ער האָט עס גאָר געהערט; ניין, ער האָט די גאַנצע צייט געפלוידערט מיט דעם יונגנמאַן איבער מוזיק.

— יאָ, איר האָט עס געהערט, — האָט זי געזאָגט — כ'האָב עס באַמערקט אויף אייך. אָבער ס'איז געווען נישט באַרעכנט פון מיין זייט זיך אַריינצומישן: איך בין נאָך קיינמאָל נישט געווען ערגעץ איבער די גרענעצן פון לאַנד, און איך קאָן דעריבער נישט האָבן קיין מיינונג וועגן דער גרויסקייט פון אונזערע, אייגענע זאַכן.

— יאָ, אָבער איך פון מיין זייט, דאַרף זיך אויך נישט אַרומרייסן מיט לייטן, וואָרום מיר וועלן זיך קיינמאָל נישט אויסגלייכן מיט די מיינונגען. און גאַנץ באַזונדערס, וואָס קומט דערפון אַרויס. דורך וויכוחים קאָן מען קיינעם נישט איבערצייגן. קיינמאָל נישט. ס'טרעפט גאָרנישט!

— נו, איך האָף, אַז איר זענט מיר מוחל. דאָס איז עס, וואָס כ'האָב אייך אין זינען געהאַט צו בעטן.

ער האָט זי אָנגעקוקט. אַ רגע האָט זי אַ וואָרף געטון אויף אים איר אייגנאַרטיקן, טונקלבלויען בליק. און אָן שום ישוב האָט ער פלוצלינג אויסגערופן:

— גאָט מיינער, ווי שיין איר זענט היינט אָוונט?

אויף אַזאַ אָפנהאַרציקייט האָט זי זיך נישט געריכט, ס'האָט איר אינגאַנצן צעמישט; זי איז געבליבן זיצן מיט אַן אָפן מויל און נישט געוווסט, וואָס מען הויבט אָן צו טון.

— אָבער זייט דאָך אַביסל ביי די קלאָרע געדאַנקען! — האָט זי געפליסטערט.

באַלד נאָכדעם האָט זי זיך אויפגעהויבן און איז צוגע-

גאנגען צום פּאַרטערפיאַן, ווו זי האָט געגומען מישן די בלעטער אין פאַרשידענע נאָטן-העפטן; אירע באַקן זענען געווען רויט ווי פייער.

אַצינד האָבן זיך אַלע באַטייליקט אינם שמועס. דער דאָק-טאָר, וואָס איז פשוט אויסגעגאַנגען צו רעדן מכּח פּאָליטיק, האָט זיך פלוצלינג געווענדט צום גאַנצן עולם און געפרעגט:

— האָט איר געלייענט היינט די צייטונגען? דער מאָרגנ-בלאַט, צום טײַוול, גייט שוין צו ווייט. דאָס איז דאָך שוין גאָר קיין שפּראַך נישט פון געבילדעטע מענטשן, דאָס איז דאָך שוין איינפאַכע זידלערײַ און גאַסן-רייד.

אַלע האָבן מודה געווען, אַז דער מאָרגנבלאַט גייט שוין טאַקע צו ווייט.

נאָר אַז ס'האָט זיך נישט געפונען עמעצער, וואָס זאָל דעם דאָקטאָר אָפּענטפערן, איז שוין נישט געווען וואָס צו טון, דאָס האָט אַדוואָקאַט האַנסען געוווּסט און דערפאַר האָט ער געזאָגט:

—אָבער איך מיין, אַז אין דער ליבעראַלער פּרעסע זענען זיי אויך געווען גראָב.

— אָט האָסטו דיר אַ נייעס. — האָט דער דאָקטאָר אַ זאָג געטון און איז אויפגעשפּרונגען פון אָרט. — דו ווייסט דאָך נישט זאָגן, אַז מען קאָן זיי פאַרגלייכן? וואָס פאַרא מיינונג מען זאָל נישט האָבן וועגן דעם מיניסטעריום...

מען האָט געגרייט צום טיש. די געזעלשאַפט איז אַרײַן אין עסצימער, דער דאָקטאָר און דער אַדוואָקאַט האָבן ווייטער גע-פירט דעם הייסן וויכּוח וועגן דעם טאָן פון דער פּרעסע. דער שמועס איז ווייטער געפירט געוואָרן ביים טיש; נאַגעל, וואָס איז געזעסן צווישן דער באַלעבאָסטע און דעם יונגן פרײַלין אָלסען, דעם פּאָליצמייסטערס טאָכטער, האָט פאַרשפּאַרט זיך אָפּצורופן. ווען מען איז אויפגעשטאַנען פון טיש, איז מען שוין געהאַט אַרײַנ-געפאָרן אין רעכטן מיטן פון דער אייראָפּעישער פּאָליטיק; מען האָט אַרויסגעזאָגט מיינונגען וועגן דעם צאַר, וועגן קאָנסטאַנץ, פּאַרנעל, און אַז מ'האָט לסוף אַרויפגענומען די באַלקאָן-פראַגע אויפן טיש, האָט דער בגלופינדיקער אַדוואָקאַט ווידער געהאַט אַ

געלעגנהייט אַנצופאַלן אויף סערביען. יאָ. ער האָט דאָס שוין געגוג. סערביען קריכט אים שוין פון האַלז; ער האָט גראָד געלייענט די „סטאַטיסטישע מאָנאַטשריפט"; עס הערשט דאָרט אַ מוראדי-קער צושטאַנד, די שולן אינגאַנצן אָפּגעלאָזן...

— ניין. איין זאַך פרייט מיך מער פון אַלצדינג. — האָט דער דאָקטאָר מיט זייער פייכטע אויגן געזאָגט. — און דאָס איז, וואָס גלאַדסטאָן לעבט נאָך. גיסט אָן, מיינע הערן, און לאָמיר טרינקען פאַר גלאַדסטאָנס געזונט, יאָ, פאַר גלאַדסטאָנען, פאַר אָט דעם גרויסן און ריינעם דעמאָקראַט, דעם מענטש פון דער געגנוואַרט און דער צוקונפט.

— וואַרט אַ ווײַלע, מיר ווילן אויך אָנטייל נעמען! — האָט זיך אָפּגערופן זיין פרוי. זי האָט דערגאָסן די גלעזער פון די דאַ-מען, זי האָט פון אײַלעניש איבערגעגאָסן און מיט ציטערנדיקע הענט דערלאַנגט יעדער דאַמע איר גלאָז.

אַלע האָבן געטרונקען.

— יאָ, איז ער נישט אַ העלדישער יונג! — האָט דער דאָק-טאָר ווייטער געזאָגט און אַ קנאַק געטון מיט דער צונג. — ער האָט זיך נעבעך אַביסל פאַרקילט, אָבער ס'וועט אים בעסער ווערן. קיין שום פּאָליטיקער וואָלט מיר איצטער נישט אַזוי שטאַרק געפעלט, ווי גלאַדסטאָן. אָ, גרויסער גאָט, ווען איך טו אַ טראַכט פון אים, שטייט ער פאַר מיר, ווי אַ ליכטיקער שטערן, וואָס באַלייכט די גאַנצע וועלט!.. איר זעט אויס אַזוי פאַרטראַכט, העד נאַגעל; וואָס זשע, איר זענט נישט מסכּים מיט מיר?

— איך? פאַרוואָס מיינט איר אַזוי? אָבער טייערער, איך בין גאָרנישט פאַרטראַכט; פאַרשטייט זיך, אַז איך בין פולקאָם מסכּים מיט אײַך.

— יאָ, נאַטירלעך. נו, ביסמאַרק האָט דאָך אויך אין זיך אַ סך, וואָס רופט אַרויס מיין באַוווּנדערונג. אָבער גלאַדסטאָן צעש-שמעטערט איינפאַך יעדן אַרגומענט קעגן אים. כ'וואָלט באמת גע-וועו אַ בעלן צו וויסן, ווי לאַנג ביסמאַרק וועט נאָך אַזוי פירן זיין אומנוצלעכן קאַמף!

ס'איז נאָך אַלץ געווען עמעצער, וואָס זאָל דעם דאָקטאָר

װעלן אָפּשפּאָרן; ער האָט שױן אַפילו געפּרוּװט רעדן װעגן קײ־סער װילהעלם; אָבער אױך אין דעם האָבן אַלע מיט אים מסכים געװען. לסוף איז די גאַנצע אונטערהאַנדלונג אַזױ לאַנגװײליק געװאָרן, אַז דער דאָקטאָר האָט פאַרגעלײגט די קאָרטן, צו פאַר־טרײבן די צײט. װער װעט צושטײן צו אַ פּאַרטיע?

אָבער איצט האָט פרױ סטענערסענס שטים אָפּגעקלונגען אי־בערן גאַנצן זאַל:

— נײן, דאָס מוז איך זאָגן! װײסט איר, װאָס הער אָיען האָט מיר נאָר װאָס דערצײלט? הער נאַגעל, נישט שטענדיק האָט איר געהאַט אַזאַ טײַערע מײנונג װעגן גלאַדסטאָנען, װי דעם הײנ־טיקן אָװנט. ער האָט אײַך געהערט אַמאָל אין קריסטיאַניאַ — איז דאָס נישט אַמאָל געװען אין אַן אַרבעטער־פאַרײן? װו איר האָט גלאַדסטאָנען געגעבן אַ חלק. יאָ, איר זענט שױן אײנמאָל!... איז דאָס טאַקע אמת?

די באַלעבאָסטע האָט עס געזאָגט אױפן פרײנטלעכסטן אופן, מיט אַ שמײכל אױף די ליפּן, און האָט אױף קאַטאָװעס אױפגע־הױבן דעם פינגער, װי זי װאָלט אים געװאָרנט. זי האָט איבערגע־חזרט, ער זאָל זאָגן, צי ס'איז אמת.

נאַגעל האָט געהױבן מיט די אַקסלען.

— איך קאָן זיך נישט דערמאָנען, איך זאָל אַמאָל האָבן גע־געבן אַ חלק גלאַדסטאָנען, — האָט ער געענטפערט — װען איז דאָס געװען?

— נײן, דאָס װיל איך נישט זאָגן, אַז איר האָט אים גע־געבן אַ חלק, — האָט אָיען געענטפערט — אָבער איר זענט שטאַרק אַרױסגעטראָטן קעגן אים. איך קאָן זיך דערמאָנען, אַז איר האָט געזאָגט װעגן גלאַדסטאָנען, אַז ער איז אַ פאַנאַטיקער.

— אַך, מײַן גאָט! פאַנאַטיקער! גלאַדסטאָן אַ פאַנאַטיקער! — האָט דער דאָקטאָר געשריגן. — מענטש אײנער, זענט איר דעמאָלט געװען שיכּור, צי װאָס?

נאַגעל האָט געלאַכט.

— נײן, דאָס בין איך, דאַכט מיר, נישט געװען אָדער אפשר

בין איך פּאָרט געווען שיכּור, כ'ווייס באמת נישט. עס שמעקט שוין דערנ ־ יט.

— יאָ, עס שמעקט באמת דערמיט, כ'לעבן! — האָט דער דאָקטאָר געזאָגט א באַפרידיקטער.

נאַגעל האָט זיך נישט געוואָלט פאַרענטפערן: ער האָט אַלצדינג אויסגעמיטן, אַבי גאָרנישט צו רעדן. אָבער דאַגני קיעלאַנד האָט געבעטן פרוי סטענערסען, זי זאָל אים אָנרעגן דערצו.

— זאָל ער זאָגן נאָר עפּעס, — האָט זי מיט א פּליסטערנדיקער און וואַרעמער שטים געזאָגט — זאָל ער דערציילן, וואָס ער האָט געמיינט. ס'איז באמת קאָמיש.

— וואָס זענט איר, אייגנטלעך, אויסן געווען? — האָט די יונגע פרוי ווייטער געפרעגט, — בעת איר זענט אַרויסגעטראָטן קעגן גלאַדסטאָנען, האָט איר דאָך געמוזט האָבן עפּעס א כּוונה, טאָ זאָגט עס אונז! א חוץ דעם וועט איר אונז דערמיט פאַרשאַפן א פאַרגעניגן; וואָרום ס'וועט ווערן צו לאַנגווייליק, ווען זיי וועלן זיך אַוועקזעצן שפּילן אין קאָרטן.

— כ'ווייס נישט, אין דער אמתן, פון וועלכן מאָל הער אָיען רעדט, — האָט נאַגעל געענטפערט נאָך אַלץ לאַבנדיק—ס'קאָן גראָד מעגלעך זיין, אַז איך האָב געזאָגט עפּעס אַזוינס; אָבער... נו, אויב איך האָב זיך ביי דער דאָזיקער געלעגנהייט נישט אַזוי שרעקלעך אויסגעדריקט, האַלט איך זיך נאָך היינט ביי מיינע ווערטער; אויב אָבער זיי זענען געווען צו שאַרף, לייקן איך זיי אָפּ, נאַטירלעך. — און ווידער ערנסט געוואָרן האָט ער צוגעגעבן:

— וואָס אַן אמת, בין איך טאַקע נישט אינגאַנצן מסכּים מיט אייך וועגן גלאַדסטאָנען. צום באַדויערן נישט. קיינער דאַרף זיך, אגב, נישט פילן אָנגערירט דערפון. און איך בעט, מ'זאָל מיר אַנטשולדיקן, וואָס איך ברענג עס דאָ ווידער אַרויס. איך בין בכלל נישט קיין פאַנאַטיקער. כ'קאָן גאַנץ גוט האַלטן די צונג צווישן די ציין, ווען ס'איז נויטיק. צי האָט פון אייך עמעצער געזען גלאַדסטאָנען אָדער געהערט אים רעדן? א יין איינדרוק מאַכט ער אויף אייך פון דער טריבונע: דאָס איז זיין ריינע האַנדלונג, זיין גרויסע ערלעכקייט! ס'זעט אויס, ווי אָט דער מענטש וואָלט גאָר

אנדערש נישט געקאָנט, נאָר האַנדלען ריין. ווי אַזוי וואָלט ער געקאָנט באַגיין עפּעס אַן עברה און זיך פאַרזינדיקן פאַר גאָט? און מיט דער אידעע פון זיין ריינער האַנדלונג איז ער אַזוי טיף דורכגעדרונגען, אַז ער מיינט, אַז דאָס אייגענע קומט פאַר אויך מיט זיינע צוהערער...

— אָבער דאָס איז דאָך זייער אַ שיינער שטריך פון אים! דאָס באַווייזט דאָך זיין ערלעכקייט און זיין הומאַניטאַרן דענקען. — האָט אים דער דאָקטאָר איבערגעשלאָגן די רייד. — דאָס ערשטע מאָל הער איך אַזעלכע משוגענע רייד!

— נו, יאָ, דאָס איז דאָך אויך מיין מיינונג. איך ברענג דאָך עס דאָ צו זיין כאַראַקטעריסטיק, פאַר אַ שיינעם שטריך פון זיין געשטאַלט, העהעהע! גלאַדסטאָן איז אַ וואַנדערנדיקער אַני־זאָגער פון אמת און יושר; זיין מוח איז זייער שטייף פון הוילע אָנערקענטע רעזולטאַטן. אַז צוויי מאָל צוויי איז פיר, דאָס איז פאַר אים דער גרעסטער אמת אונטער דער זון. און קאָנען מיר דען לייקענען, אַז צוויי מאָל צוויי איז פיר? אַוודאי נישט; איך זאָג עס נאָר צו באַווייזן, אַז גלאַדסטאָן איז אייביק גערעכט. אָבער ס'איז בעסער, איך זאָל שווייגן. — האָט נאַגעל געענדיקט.

אַלע האָבן זיך צוריק אַוועקגעזעצט. און ס'איז אויף אַ ווײַלע שטיל געוואָרן. איצט איז געשען אַ מערקווירדיקע זאַך. דער אַדיונקט איז צוריק ניכטער געוואָרן. ווי גיך ער האָט גע־קראָגן עפּעס צו עסן, איז זיין שיכּרות אַוועק, און ער איז דערײ־בער געזעסן שטיל און אומבאַמערקט, ווי אייביק, בעת ער האָט גאָרנישט געהאַט אין קאָפּ, ער האָט נאָך אפילו נישקשה געטרונ־קען, אָבער ס'האָט נישט געהאַט אויף אים קיין ווירקונג, דערפאַר איז דער אַדוואָקאַט האַנסען געוואָרן בגילופין.

ס'איז ערשט געווען צען אַזייגער. ווידער אַמאָל האָט מען דערמאָנט די קאָרטן; אָבער אין דער זעלבער רגע האָט עמעצער אַ קלונג געטון ביים דאָקטאָר אין דער טיר פון זיין ביוראָ, פרוי סטענערסען איז אויפגעשפּרונגען; יאָ, דער דאָקטאָר וועט איצט מוזן אַוועקגיין, ליידער. אָבער אַלע דאַרפן נאָך נישט אַוועקגיין. אויף קיין פאַל נישט. וויניקסטנס, נישט פאַר צוועלף. פרײַלין אַנ־

דערסען זאָל זיך נאָר ווידער אוועקזעצן רויק אויף איר אָרט; אננא ברענגט שוין אריין נאָך היים וואסער צום „טאָדדי“, א סך היים וואסער.

— הער לאנד-ריכטער, איר טרינקט דאָך גאָרנישט.

אָ, ניין, דער לאנד-ריכטער שטייט נישט אָפּ פון איבעריקן עולם.

— אָבער איר דאַרפט נאָך נישט גיין אהיים. איר מוזט אלע בלייבן. דאגני, עפּעס זיצסטו מיר אזוי שטיל!

— ניין, נישט שטילער ווי שטענדיק.

אצינד איז דער דאָקטאָר ארויסגעקומען צוריק פון זיין צי-מער; מען זאָל אים אנטשולדיקן; ער מוז אוועקגיין; געפּערלע-כער פאַל, א בלוט שטורץ. נו, ס׳איז נישט גאנץ ווייט, אין צוויי-דריי שעה וועט ער זיין צוריק אינדערהיים; ער האָפט, אז ער וועט נאָך דאָ טרעפן די גאנצע געזעלשאפט צוזאמען. אדיע אלע אינאיינעם; אדיע, יעטא.

און ער איז שנעל אוועקגעגאנגען. אין א מינוט ארום האָט מען אים געזען צוזאמען מיט נאָך א מענטשן אראָפּלויפן דעם וועג צו דער לאנדונגס-בריק; אזוי שטארק האָט ער זיך געאיילט.

זיין פרוי האָט געזאָגט:

— וואָס טוט מען איצט?... אוף! איר מעגט מיר גלויבן, צייטנווייז איז מיר זייער לאנגווייליק צו בלייבן אליין אין שטוב, ווען מיין מאן פאָרט אוועק. באזונדערס איז עס זייער נישט גוט אין די ווינטער-נעכט. טיילמאָל הויב איך דאן אָן צו צווייפלען, אז ער וועט נאָך קומען צוריק.

— דאָ זענען נישטאָ אין שטוב קיין קינדער, ווי איך זע? — האָט נאגעל געפרעגט.

— ניין, נישטאָ קיין קינדער... מילא, איצט האָב איך מיך שוין אביסל צוגעוווינט; נאָר אין אָנהויב איז געווען שרעקלעך. איך פאַרזיכער אייך, כ׳פלעג אזוי מורא האָבן. כ׳פלעג אזוי צי-טערן אין דער פינסטער — אז טיילמאָל האָב איך זיך געמוזט אויפהויבן, ארויסגיין און זיך לייגן ביים דינסטמיידל אין צימער... ניין, אָבער דאגני, ערשט מוזסטו אויך זאָגן עפּעס! פון וואָס

טראכסטו אזוי? פארשטייט זיך, וועגן דיין באשערטן.

דאגני איז רויט געוואָרן, האָט זיך צעלאַכט פאר פארלעגנ-הייט און געענטפערט:

— נו, פארוואס נישט? איך טראכט וועגן אים. ס'איז דאָך פאַרשטענדלעך. אָבער פרעג בעסער, וועגן וואָס טראכט דער לאנד-ריכטער? דעם גאנצן אָוונט האָט ער קיין וואָרט נישט אויס-גערעדט.

דער לאנד-ריכטער האָט פראָטעסטירט; ער האָט גערעדט מיט די דאמען אָלסען און אנדערסען, ס'הייסט, אין דער שטיל געהאלטן א גרויסן שמועס, די גאנצע צייט איז ער געווען שטארק פאראינטערעסירט און האָט זיך צוגעהערט צו די מיינונגען וועגן פאָליטיק, קורץ און גוט...

— פרייליין קיעלאנדס חתן איז איצט ווידער אויפן ים.— האָט די באלעבאָסטע געזאָגט צו נאגעלן. — ער איז א פלאָט-אָפיציר. ער פאָרט איצט קיין מאלטא — קיין מאלטא, דאכט זיך?

— יאָ, קיין מאלטא. — האָט דאגני געענטפערט.

— ווי גיך די דאָזיקע חברהלייט פארקנסן זיך! אָט קומט ער צו די עלטערן אויף דריי וואָכן צו גאַסט, און פלוצלונג אין א שיינעם אָוונט... יאָ, יאָ, די לייטענאנטן!

— דרייסטע יונגען! — האָט נאגעל באמערקט, — כמעט אלע הויכע, שיינע, אָפגעברענטע מענטשן מיט קלאָרע געדאנקען. און זייער אוניפאָרם איז אזוי שיין, און מיט אזוי פיל עלעגאנץ. יאָ, פון די פלאָט-אָפיצירן קאָן ער זיך שטענדיק נישט אָפ-ווונדערן.

מיט אמאָל דרייט זיך פרייליין קיעלאנד אויס צום סטודענט איען און פרעגט אים מיט א שמייכל:

— יאָ, דאָס זאָגט הער נאגעל איצט; אָבער וואָס האָט ער געזאָגט אין קריסטיאניא?

אלע האָבן זיך צעלאכט; אדוואָקאט האנסען האָט אויסגע-שריגן מיט א שיכורן קול:

—טאקע, וואָס האָט ער געזאָגט אין קריסטיאניא? אין קריס-

טיאניא! וואָס האָט הער נאַגעל דאָרט געזאָגט? בא בא בא! מיין טייערער! — פאַר אייער געזונט!

נאַגעל האָט אָנגעקלאַפּט מיט אים אין די גלעזער און גע־טרונקען. באמת, ער האָט שטענדיק געהאַלטן מיט די פלאָט־אָפי־צירן, האָט ער פאַרזיכערט; הער איִען האָט געוויס אין קריסטיא־ניא אויך נישט געהערט פון אים קיין אַנדער מיינונג. יאָ, ער איז אפילו גרייט צו זאָגן, אַז ווען ער זאָל זיין אַ מיידל, וואָלט ער געוואָלט נישט אַנדערש ווי אַ פלאָט־אָפיציר; אויב נישט איז קיי־נעם נישט.

דאָס האָט ווידער אַרויסגערופן ביי אַלעמען אַ געלעכטער; דער אַדוואָקאַט האָט באַגייסטערט אָנגעקלאַפּט אָן אַלע גלעזער, וואָס ער האָט געזען אויפן טיש, און געטרונקען איינער אַליין. דעמאָלט האָט דאַגני פלוצלינג אָנגערופן:

—אָבער אַלע לייטענאַנטן זענען פונדעסטוועגן נאַרישע יונגען; איר מיינט נישט אַזוי?

דאָס האָט נאַגעל נישט געמיינט. ווי קומט עס? דאָס איז אָן אומזין. אָבער ווען ס'זאָל אפילו יאָ זיין אַזוי, וואָלט ער, ווען ער וואָלט געווען אַ מיידל, זיך אויסגעקליבן בעסער אַ שיינעם מאַן איידער אַ קלוגן. בלי ספק. און דערצו נאָך, ווען ער וואָלט געווען אַ יונג מיידל. וואָס קאָן מען מאַכן מיט אַ מוח אָן אַ גוף? יאָ, מען קאָן אויך פונקט אַזוי זאָגן — וואָס קאָן מען מאַכן מיט אַ גוף אָן אַ מוח? אָבער ס'איז אַ גרויסע נפקא מינה. שעקספּירס עלטערן האָבן אפילו נישט געקאָנט לייענען. און שעקספּיר בכבודו ובעצמו האָט אפשר אויך נישט גוט געלייענט; אָבער ער איז פונדעסטוועגן אַ היסטאָרישע פיגור. נאָר ווי ס'זאָל נישט זיין, אַ געלערנטער און אַ מיאוסער מאַן מוז גיכער ווערן צוגעגעסן אַ יונג מיידל, איידער אַ שיינער און אַ נאַרישער. אָן אַ מוח קאָן מען לכל הפחות גראָבן גריבער און האַקן שטיינער, פאַר אַ נויט — יאָ. ניין, ווען ער וואָלט געווען אַ יונג מיידל און עס וואָלט געהאַלטן דערביי, וואָלט ער קודם כל גענומען אַ שיינעם; דעם מאַנס מיינונגען וועגן פּאָליטיק און ניטשעס פילאָזאָפיע און גאָטס דריי איינקייט קאָן מען אַרויס־וואַרפן פאַר דער קאַץ.

— דאָ קאָנט איר אָנקוקן פרייליין קיעלאַנדס לייטענאַנט — האָט פרוי סטענערסען געזאָגט און געבראַכט צו טראָגן אַן אַלבום.

דאַגני איז אויפגעשפּרונגען. ס'האָט זיך ביי איר אַרויסגע־ריסן אַ „ניין, אָך ניין!" אָבער באַלד נאָכדעם האָט זי זיך צוריק אַנידערגעזעצט. — דאָס בילד איז אָבער אַ שלעכט בילד — האָט זי געזאָגט. — אין דער אמת זעט ער אויס אַ סך בעסער.

נאַגעל האָט דערזען אַ שיינעם בחור מיט אַ געדיכטער באָרד. ער איז געזעסן לייכט און גלייך ביים טיש, מיט דער האַנט אויף דער שווערד. זיינע שיטערע האָר זענען געווען אין מיטן פונאַנ־דערגעטיילט, ווי אַ פּאַרוק; ער האָט אויסגעזען אַביסל ענגליש.

— יאָ, דאָס איז אמת, ער איז פיל שענער ווי דאָ. — האָט פרוי סטענערסען געזאָגט, — איך בין אויך געווען אַמאָל פאַרליבט אין אים, אין מיינע מיידלשע יאָרן... אָבער טוט נאָר אַ קוק דאָ אויף דעם מענטשן, דאָס איז אַ יונגער טעאָלאָג, וואָס איז שוין איצט געשטאָרבן, ער האָט געהייסן קאַרלסען. ער איז די טעג אומגעקומען; ס'איז געווען אַזוי טרויעריק. יאָ, ס'איז געווען דער, וואָס מיר האָבן אייערנעכטן באַגראָבן.

ס'איז געווען אַ בילד מיט אַ קרענקלעך אויסזען. מיט איינ־געפאַלענע באַקן און מיט אַזעלכע שמאָלע צוזאַמענגעדריקטע ליפּן, אַז זיי האָבן אויסגעזען ווי אַ דין שנירל, וואָס גייט דורך אין מיטן פּנים. די אויגן זענען געווען גרויס און טונקל, דער שטערן הויך און קלאָר; אָבער די ברוסט איז געווען איינגעפאַלן און די אַקס־לען נישט ברייטער, ווי די אַקסלען פון אַ פרוי.

דאָס איז געווען קאַרלסען. אַזוי האָט ער אויסגעזען. נאַגעל האָט געטראַכט ביי זיך, אַז צו דעם דאָזיקן געזיכט פּאַסן זיך בלויע הענט און טעאָלאָגיע. ער האָט שוין געוואָלט באַמערקן, אַז דאָס איז אַ נישט־הימלעך געזיכט, מיטאַמאָל האָט ער דערזען, ווי דער לאַנד־ריכטער ריינערט רוקט זיך צו מיט זיין שטול צו דאַגנין און הויבט אָן מיט איר צו שמועסן. ער האָט דעריבער ווייטער געבלעטערט דעם אַלבום און געשוויגן שטיל, כּדי זיי נישט צו שטערן.

— היות איר האָט מיר פאַרגעוואָרפן, וואָס איך שווייג היינט

אָוונט, — האָט געזאָגט דער לאַנד־ריכטער — וועט איר מיר אפשר ערלויבן צו דערציילן אייך אַ געשעעניש פון דעם קייזערס באַזוך; אַן אמתע מעשה. ס'איז מיר גראָד איצט אַרויף אויפן רעיון.

זי האָט אים לאַכנדיק איבערגעשלאָגן די רייד:

— וואָס האָט איר אַזוי אַ גאַנצן אָוונט געטומלט דאָרטן אין ווינקל? — זאָגט מיר בעסער דאָס. איך האָב דאָך אייך געוואָלט בלויז דערמאָנען, אייך מאַכן אַן אָנצוהערעניש, בעת איך האָב געזאָגט, אַז איר האָט די גאַנצע צייט געשוויגן. מסתמא האָט זיך שוין אין אייך ווידער דער טייוול פונאַנדערגעהוליעט, נישט ריכטיק? ס'איז באמת זייער מיאוס פון אייך, וואָס איר קרימט איבער און מאַכט פון יעדן חווק. נו, ס'איז אמת, אַז ער פאַרנעמט זיך צופיל מיט זיין אייזערנעם רינג, וואָס ער טראָגט אויפן קליינעם פינגער, הויבט אים אויף אין דער הויך, קוקט אים אָן און פוצט אים; אָבער ס'איז דאָך מעגלעך, אַז ער טוט עס נישט ווייסנדיק. יעדנפאַלס, פוצט ער זיך נישט אַזוי, ווי איר מאַכט עס נאָך; ניין, לייקנט עס נישט אָפּ, כ'האָב עס גאַנץ גוט באַמערקט. איבעריקנס, איז ער אַזוי גאַוודיק, אַז עס קומט אים. אָבער דו, גודרון, האָסט צו ווייט געטריבן דיינע שטיק; ער האָט זיכער באַמערקט, אַז דו חוזקסט פון אים.

גודרון איז צוגעקומען, האָט זיך פאַרענטפערט, האָט פאַרזיכערט, אַז שולדיק איז בלויז דער לאַנד־ריכטער; ער איז געווען אַזוי קאָמיש, אַז מ'האָט זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן פון לאַכן. און איצט דער אופן און דער טאָן, ווי ער האָט גערעדט וועגן גלאַדסטאָנען!

סט! דו רעדסט צו הויך, גודרון; איין גאָט ווייסט, ער האָט ווידער געהערט. זיכער, ער האָט זיך אויסגעדרייט. ניין, אין תוך האָט ער גאָרנישט אַזוי שטאַרק איבערגעטריבן, און אַז מען איז אים אין מיטן אַריינגעפאַלן אין די רייד, איז ער גאָרנישט געוואָרן אין כעס. אויף קיין האָר נישט; נישט אמת? זיין געזיכט איז כמעט טרויעריק געווען. דו הערסט, איצט טוט מיר באַנג, וואָס מיר זיצן דאָ און רעדן־אָפּ פון אים. הלוואי וואָלט איך עס נישט געטון. און—ווייסט, דאָס וואָס ער האָט געזאָגט איז, אייגנטלעך,

געווען אינטערעסאנט. גודרון, מיר האָט זיך עפּעס אויסגעדאכט, ווי ער וואָלט אַ זיפּץ געטון, בעת ער האָט זיך נישט לאַנג אויס-געדרייט. אוף, איצט פרעס איך מיך פון חרטה... הער לאַנד-ריכ-טער, איר קאָנט אים שוין דערציילן אייער געשיכטע פונם קיי-זערס באַזוך.

און דער לאַנד-ריכטער האָט דערציילט. אַזוי ווי עס איז נישט געווען קיין שום סוד, נאָר אַ גאַנץ פּשוטע מעשה מיט אַ פּרוי און אַ בוקעט בלומען, האָט דער לאַנד-ריכטער גערעדט האָס אַמאָל העבער, ביז לסוף האָבן אים אַלע אויסגעהערט. די מעשה האָט געדויערט אַ פערטל שעה, אַז זי האָט זיך געענדיקט, רופט זיך אָפּ פרײלין אַנדערסען:

— הער נאַגעל, צי געדענקט איר די מעשה, וואָס איר האָט אונז דערציילט נעכטן ביינאַכט וועגן דעם כאָר אויפן מיטללענדישן ים?...

נאַגעל האָט שנעל צוגעמאַכט דעם אַלבום, האָט זיך אַרומ-געקוקט אין זאַל, און זיין פּנים האָט אָנגענומען אַ מאָדנעם, כמעט שרעקעדיקן אויסדרוק. ער האָט געענטפערט שטילערהייט, אַז אין אַנדערע פּרטים, האָט ער, מעגלעך, אַ טעות געהאַט, אָבער ער האָט עס נישט געטון בכיוון; די געשיכטע האָט ער נישט אויס-געטראַכט פון קאָפּ, ס'איז מיט אים אויף אַן אמת פאָרגעקומען. ער האָט עס אַליין דורכגעלעבט.

— ניין, מיין טייערער, כ'האָב דאָך נישט געוואָלט זאָגן, אַז איר האָט זי אויסגעטראַכט פון קאָפּ, — האָט זי געענטפערט מיט אַ שמייכל — אָבער צי געדענקט איר אויך אייער ענטפער נאָכדעם, וואָס איך האָב געזאָגט, אַז זי איז שיין? אַז איר האָט בלויז איינ-מאָל אין אייער לעבן געהערט עפּעס שענערס דערפון, און דאָס איז געווען אין חלום?

יאָ, ער געדענקט עס גאַנץ גוט, האָט ער צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

— אַך, טאָ דערציילט זשע אונז דעם חלום אויך! כ'בעט אייך! איר דערציילט אַזוי אייגנאַרטיק. מיר בעטן אייך אַלע צו-זאַמען.

אָבער ער האָט נישט געוואָלט. ער האָט אויסגעקלערט אַלערליי תירוצים, ס׳איז אַ גאַנץ אומבאַדייטנדיקע זאַך, אַ חלום אָן אַן אָנהויב און אָן אַ סוף. דער שאָטן פון אַ פאָרשטעלונג בעתן שלאָף; ניין, ער קאָן עס אפילו נישט איבערגעבן אין ווערטער; מען ווייסט דאָך, די דאָזיקע פוסטע, פליענדיקע עמפּינדונגען, וואָס מען דערפילט ווי אַ שטראַל און וואָס פאַרשווינדן איידער מ׳באַווייזט זיך אַרומצוקוקן. זיי קאָנען שוין האָבן אַ באַגריף פון דער גאַנצער נאַרישקייט, אַז אָט דער חלום האָט זיך אָפּגעשפּילט אין אַ ווייס זילבערנעם וואַלד...

הייסט עס אין אַ וואַלד פון זילבער. ווייטער?

מ׳האָט אים נישט געקאָנט רירן פון אָרט. ער וואָלט געטון פאַר איר אַלץ אין דער וועלט, זי קאָן מיט אים טון, וואָס איר האַרץ גלוסט, נאָר דעם חלום קאָן ער נישט דערציילן; זי מעג אים גלויבן, אַז ער קאָן נישט.

— גוט, זאָל זיין עפּעס אַנדערש. מיר אַלע בעטן אייך.

ניין, ער קאָן עס נישט; היינט שוין נישט. מען מוז זיין געשטימט דערצו. נישט אמת?

דערנאָך האָט מען זיך איבערגעוואָרפן מיט אַ פּאָר גלייכגילטיקע ווערטער, אַ פּאָר קינדערשע פראַגן און ענטפערס, סתם נאַרישקייטן. דאַגני האָט געזאָגט:

— איר וואָלט געטון אַלץ אין דער וועלט פאַר פריילין אַנדערסען, וואָס, אַ שטייגער? זאָגט עס אונז!

מ׳האָט זיך איבער דעם דאָזיקן איינפאַל שטאַרק צעלאַכט. און דאַגני אַליין האָט מיטגעלאַכט. נאָך אַ קורצן ישוב-הדעת רופט זיך נאַגעל אָפּ:

— פאַר אייך וואָלט איך געקאָנט טון עפּעס שלעכטס.

— הייסט עס פאַר מיר עפּעס שלעכטס? לאָמיר הערן!

— ניין, אויף איין פוס קאָן איך עס נישט זאָגן.

— אַ מאָרד אַ שטייגער? — האָט זי געפרעגט.

— יאָ, אפשר; כ׳וואָלט געקאָנט הרגענען אַן עסקימאָס און אָפּשינדן אים די הויט, כדי אייך צו מאַכן דערפון אַ בריוו-טאַש.

— בראַוואָ! כאַכאַכאַ! אָבער גו, פאַר פריילין אַנדערסען—

וואָס וואָלט איר געקאָנט טון פאַר איר? עפּעס אויסערגעוויינ־לעכס גוטס?

— יאָ, אפשר, כ'ווייס נישט. אגב, דאָס מיטן עסקימאָס האָב איך ערגעץ־ווו געלייענט. מיינט נישט, אַז כ'האָב עס אַליין אויס־געטראַכט.

נאָך די דאָזיקע קינדערשע פראַגעס און ענטפערס, אָן אינ־האַלט און אָן באַדייטונג, זענען זיי ביידע אַנטשוויגן געוואָרן; ס'האָט אויסגעזען, ווי יעדערער פון זיי וואָלט זיך פאַרטראַכט איבער דעם, וואָס דער אַנדערער האָט געזאָגט, וואָס פאַרא כוונה ער האָט דערביי געהאַט, וואָס האָט ער געמיינט מיט זיינע ווערטער. אַ מינוט זענען אַלע שטיל געווען; נאָר ווען פרוי סטענערסען איז באַלד נאָכדעם אריינגעקומען פון שלאָפצימער מיט פריש־אָפּגעוואַ־שענע הענט, וואָס האָבן נאָך געשמעקט מיט פלאָרידאַ־וואַסער, איז נאַגעל צוגעגאַנגען צו איר און עפּעס באַמערקט וועגן אַ קאַנאַ־ריקל, וואָס ער זאָל האָבן געהערט דורך דער האַלב־אָפענער טיר פון שלאָף־חדר.

דער אַדיונקט האָט שטילערהייט אַ קוק געטון אויפן זייגער.

— איר קאָנט פאַרגעסן, — האָט געזאָגט די באַלעבאָסטע — איר טאָרט נישט אַוועקגיין איידער מיין מאַן וועט קומען. שטרענג פאַרזאָגט! טוט וואָס איר ווילט, נאָר אַוועקגיין טאָרט איר נישט.

מען האָט דערלאַנגט קאַווע. און די גאַנצע קאָמפּאַניע איז געוואָרן לעבעדיקער. דער גראָבער אַדוואָקאַט, וואָס האָט זיך גע־שפּאַרט מיט דעם יונגן סטודענט, איז אויפגעשפּרונגען גרינג ווי אַ פעדער און פאַר אַנטציקונג האָט ער אַ פּאַטש געטון מיט ביי־דע הענט; דער סטודענט האָט זיך אויסגעקנאַקט די פינגער, איז צוגעגאַנגען צום פּאָרטעפּיאַן און דורכגעלאָפן עטלעכע אַקאָרדן.

— אָך, יאָ, — האָט מען אויסגעשריגן — ווי האָבן מיר עס גאָר פאַרגעסן, אַז איר שפּילט! אַצינד מוזט איר שוין שפּילן, אומ־באַדינגט!

דער סטודענט האָט, וואָס אַן אמת, שטאַרק געוואָלט שפּילן, קאָנען, קאָן ער טאַקע נישט קיין סך. נאָר אויב קיינער האָט

גאָרנישט קענען אַביסל שאָפּען... אָדער אפשר סתם אַ וואַלק פון לאָונער...

איצט האָט זיך געקאָנט אויסדאַכטן, אַז נאַגעל הויבט אויך אָן צו ווערן אַביסל פאַראינטערעסירט. ער האָט שטאַרק אַפּלאָדירט דעם סטודענט און גערעדט אַ פּאָר ווערטער מיט דעם לאַנד-ריכטער און מיט פרײַלין אָלסען. נאָר ווען דאַגני האָט זיך אַוועקגעזעצט בײַם אויוון, איז ער אויך אויפגעשטאַנען פון טיש, האָט זיך אַ ווײַלע אַרומגעדרייט בײַם פענסטער, דערנאָך איז ער צוגעגאַנגען צו דאַגנין און געזאָגט:

— נישט אמת, אַז בעת מען הערט אַזאַ מוזיק, וואָלט מען גערן געזעסן ערגעץ ווו אין אַ ווײַטן צימער, מיטן געליבטנס האַנט אין אײַער האַנט, און שווײַגן, טיף שווײַגן! כ'ווייס נישט, כ'האָב זיך שטענדיק פאָרגעשטעלט, אַז ס'מוז זײַן אַזוי גוט.

— יאָ, — האָט זי אויך געזאָגט. — אָבער עס וואָלט נישט געדאַרפט זײַן אַזוי ליכטיק. נישט אמת? און די שטולן וואָלטן געדאַרפט זײַן נידעריק און ווייך. אָבער אין דרויסן וואָלט גוט געווען, עס זאָל דאַן שטאַרק רעגענען און ס'זאָל זײַן פינסטער.

ער האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און זי אָנגעקוקט, זי איז הײַנט אויסערגעוויינלעך שיין, אָט די בלויע, לייכטנדיקע אויגן אין איר העלן געזיכט האָבן איר געגעבן אַ מאָדנעם אויסדרוק. און הגם אירע ציין זענען געווען נישט זייער ווייס, האָט זי פונדעסטוועגן גערן געלאַכט, זי האָט געלאַכט כמעט אָן אַ שום סיבה. אויך איר מויל איז געווען רויט און פול, אַז ער האָט זיך באַלד געוואָרפן אין די אויגן. אָבער מערקווירדיקער פון אַלץ איז געווען דאָס, וואָס יעדעס מאָל, ווען זי האָט גערעדט, האָט זיך אַ רויטער צאַרטער שיין פאַרצויגן אויף אירע באַקן און איז באַלד צוריק פאַרשוווּנדן געוואָרן.

נאַגעל האָט געוואָלט עפּעס זאָגן, נאָר אין דער זעלבער רגע האָט פרוי סטענערסען אויסגעשריגן:

— ניין, אָט איז דער אַדיונקט שוין ווידער נעלם געוואָרן. יאָ, אוודאי, אָט דעם מענטשן קאָן מען גאָרנישט דערהיטן. איז אַלעמאָל דער זעלביקער. איך האָף, ווייניקסטנס, אַז איר, הער

לאנד-ריכטער, וועט נישט פארגעסן צו זאָגן א גוטע נאַכט, איידער איר גייט אהיים.

דער אדיונקט איז אדורך דורך דער קיך, האָט זיך שטי-לערהייט ארויסגעגנבעט, ווי שטענדיק ווען ער האָט זיך אויסגע-ניכטערט, און איז געווען בלייך און פארמאַטערט. ביי דער דאָ-זיקער ידיעה האָט זיך נאַגעלס פּנים פלוצלינג געביטן. ס'איז אים גלייך איינגעפאלן, אז ער קאָן זיך אצינד דערוועגן פאָרצולעגן דאגנין זיין באגלייטונג אָנשטאָט דעם אדיונקט. ער האָט עס איר מאַקע באַלד פאָרגעלייגט, האָט געבעטן מיט די אויגן, פונקט אזוי ווי מיטן אָראָפּגעלאָזטן קאָפּ, און לסוף נאָך צוגעגעבן:

— און איך וועל זיין אזוי אָנשטענדיק!

זי האָט זיך צעלאַכט און געענטפערט:

— יאָ, יאָ, אויב איר וועט זיך נאָר האלטן אָרנטלעך, נעם איך עס אָן מיט דאנק.

— אָך יאָ, איר וועט זען, ווי אָרנטלעך!

איצט האָט ער בלויז געוואַרט אויפן דאָקטאָר, כדי צו קאָ-נען אוועקגיין. די האָפנונג אויף דעם דאָזיקן שפּאַציר דורכן וואלד האָט אים נאָך מער אויפגעמונטערט ווי פריער; ער האָט גע-שמועסט וועגן אלץ אין דער וועלט, אלעמען לאכנדיק געמאַכט, און איז געווען אָן א שיעור ליבלעך. ער איז געווען אזוי אָנט-ציקט, אזוי גליקלעך, אז ער האָט צוגעזאָגט דער פרוי סטענער-סען אָנצוקוקן איר גאָרטן, און אזוי ווי ער איז א שטיקל פאכ-מאַן, וועט ער אויך א קוק טון אויפן באָדן אראָפּצוצי, וו עס זענען געשטאַנען די קראנקע ווייַנפּערל-בוימלעך. אָ, יאָ, ער וועט שוין מאַכן א סוף צו די פליגעלעך און די אנדערע אינסעקטן, וואָס צעפרעסן די בלעטער; ער וועט זיי שוין פּטרן, ווען ער זאָל זיי דאַרפן אפילו אָפּשפּרעכן, באשווערן.

צי האָט ער אויך א ידיעה אין שוואַרצקינצלעריי?

יאָ, ער האָט צוביסלעך אין אלצדינג א ידיעה. אָט איז למשל א רינג, אַ פּראָסט-פּשוטער ,אייזערנער רינג. אָבער ער פאַר-מאָגט זייער וווּנדערלעכע כּוחות. וואָלט מען עס געגלויבט אויף אים, ווען מען קוקט אים אזוי אָן! אָבער ווען ער פארלירט א

שטייגער דעם רינג ביינאַכט אַרום צען אַזייגער, מוז ער אים נאָך פּאָר צוועלף געפינען. אַנדערש קאָן אים טרעפן אַן אומגליק. ער האָט אים געקראָגן פון אַן אַלטן גריך, אַ סוחר אין דער שטאָט פּירעוס; ער פון זיין זייט האָט דעם אַלטן געטון אַן אַנדער טובה און דערצו האָט ער אים נאָך דערפּאַר געגעבן אַ פּעקל טאַבאַק.

צי ער גלויבט טאַקע באמת אין דעם?

יאָ, אַביסל. אין דער אמתן! דער רינג האָט אים אַמאָל אויסגעהיילט פון אַ קרענק.

פון ערגעץ ביים ים האָט מען געהערט דאָס בילן פון אַ הונט. פרוי סטענערסען האָט אַ קוק געטון אויפן זייגער; יאָ, דאָס איז דער דאָקטאָר, זי דערקענט דעם הונט. נו, ס'איז גוט, צוועלף אַ זייגער ערשט, און ער איז שוין דאָ צוריק. זי האָט אָנגעקלונגען און געהייסן ברענגען נאָך קאַווע.

— אַזוי, דאָס איז, הייסט עס, גאָר אַן אַנדער מין רינג, הער נאַגעל! — האָט זי געזאָגט. — און ווי אַזוי איז דאָס, איר גלויבט טאַקע שטאַרק אין דעם?

בלי ספק; דאָס הייסט, ער האָט טעמים, דורכאויס נישט צו צווייפלען אין דעם. צי איז דען נישט אַלצאיינס אין וואָס מען גלויבט, אַזוי לאַנג ווי ביי זיך האַלט מען איינס אַזוי גוט ווי דאָס צווייטע? דער רינג האָט אים אויסגעהיילט פון נערוועזיטעט; אַ סך בעסער ווי עפּעס אַ מעדיצין.

פרוי סטענערסען האָט אַ ווײַלע געלאַכט. דערנאָך האָט זי אים גענומען זייער שטאַרק אָפּשפּאַרן. ניין, אַזאַ לעבערלעך איינרעדעניש קאָן זי נישט פאַרטראָגן, זאָל ער איר מוחל זיין, אָבער זי רופט עס לעבערלעך איינרעדעניש, און זי איז פעסט איבערצייגט, אַז הער נאַגעל גלויבט אויך נישט אין דעם, וואָס ער זאָגט. אַז אַזעלכע זאַכן הערט מען פון אויפגעקלערטע מענטשן, טאָ וואָס זאָל שוין רעדן דער פּראָסטער מענטש? מען קאָן שוין ווייט אַוועקגיין. דעמאָלט קאָנען, הייסט עס, די דאָקטוירים זיך אָפּטראָגן.

נאַגעל האָט זיך פאַרטיידיקט. איינס אַזוי גוט ווי ס'אַנדערע; עס ווענדט זיך אינם ווילן, אינם גלויבן, דעם גייסטיקן גע-

מיט פון די פאציענטן. אָבער די דאָקטוירים דארפן זיך פונדעסטוועגן נישט אָפּטראָגן, זיי האָבן דאָך זייער מאסע, זייערע מאמינים. זיי האָבן די אויפגעקלערטע מענטשן, און די אויפגעקלערטע מענטשן היילט מען דורך מעדיצין, בעת די „אומגלויביקע", דער פּראָסטער עולם, לאָזט זיך היילן מיט אונזערע רינגען, פאַרברענטע מענטשלעכע ביינער און בית-עלמין-ערד. האָט מען דען שוין נישט געזען, ווי חולאים זענען געוואָרן אויסגעהיילט דורך א פּשוט ביסל קלאָר וואסער, בעת מען האָט זיי איינגערעדט, אז דאָס איז עפּעס א גרויסע רפואה? וואָס פאַר א ערפאַרונגען האָט מען געמאַכט, א שטייגער, מיט מאָרפיום-קראַנקע! נאָך אזעלכע מערקווירדיקע פאקטן, און אז מ'איז נישט קיין געלערנטער מענטש, טאָר מען זיך, הייסט עס, נישט דערקלערן פאַר אומאָפּהענגיק פונם גלויבן אין דעם דאָקטאָרס ווימנשאפט? איבעריקנס, וויל ער בכלל נישט מאַכן קיין איינדרוק, אז ער האָט עפּעס אַן אנונג אין די דאָזיקע זאַכן; ער איז נישט קיין ספּעציאַליסט און פאַרמאָגט נישט די קענטעניש. און א חוץ אַלעמען, איז ער איצט גראָד נישט זייער גוט אויפגעלייגט, ער וויל אויך אַנדערע נישט פאַרשטערן דאָס ביסל פריילעבקייט. פרוי סטענערסען מעג אים באמת פאַרצייען.

ער האָט א קוק געטון אויפן זייגער און האָט זיך שוין פאַרשפּיליעט דאָס רעקל.

אין מיטן דעם דאָזיקן שמועס איז הענדרום-פענדום אריינגעפאַלן דער דאָקטאָר. ער איז געווען נערוועיש און פאַראומערט, האָט זיך באַגריסט מיט א געמאַכטער לעבעדיקייט און געדאַנקט זיינע געסט, דערפאַר וואָס זיי זענען נאָך נישט אַוועק. נו יאָ, מיטן אדיונקט קאָן מען גאָרנישט מאַכן, זאָל ער זיך גיין געזונטערהייט! ווייטער אָבער פעלט דאָך דאָ קיינער נישט פון דער געזעלשאַפט. אָך, וואָס פאַרא קאַמף עס קומט פאָר אויף דעם דאָזיקן וועלטל.

און ווי זיין שטייגער איז געווען, האָט ער אָנגעהויבן צו דערציילן וועגן זיין וויזיט, וואָס ער האָט נאָר וואָס געמאַכט. זיין פאַראומערטקייט קומט דערפון, וואָס זיינע פאַציענטן האָבן אָפּגע.

נאַרט אַלע זיינע האָפנונגען; ווי אידיאָטן האָבן זיי זיך אויפגעפירט, ווי אייזלען. מען וואָלט זיי געדאַרפט הייסן איינשפּאַרן אין משוגעים-הויז. יאָ, אין אַזאַ הויז, ווו ער איז נאָר וואָס געווען! די פרוי-קראַנק, דער פרוים פאָטער-קראַנק, דער פרוים זון-קראַנק, און אַן עיפּוש אין שטוב! אָבער די איבעריקע פון דער פאַמיליע — מיט רויטע באַקן, די קליינע קינדער-געזונט און שטאַרק. פשוט אומבאַגרייפלעך. ערשטוינט צו ווערן. ניין, ער קאָן עס נישט תּופס זיין! דאָ ליגט דער אַלטער מאַן, אַ זקן, מיט אַן אָפענער בלוטנדיקער ווונד, אַט אַזוי די גרויס. שיקט מען רופן עפּעס אַ באָבע, אַן אָפּשפּרעכערקע און זי פאַרהאַלט דאָס בלוט. דאָס איז אמת, אָבער מיט וואָס האָט זי עס פאַרהאַלטן? שווידערלעך, פאַרברעכעריש; ס'איז זיך גאָרנישט מעגלעך פאָרצושטעלן, ווי דאָס האָט געעיפּושט, פשוט נישט אויסצוהאַלטן. און חוץ דעם, ביי דער ערשטער בעסטער געלעגנהייט, קאַלטער בראַנד אין דער ווונד! ווען ער קומט אַהין נישט היינט ביינאַכט-גאָט ווייסט! יאָ, דאָס געזעץ קעגן די היימישע רופאים מוז פאַרשטאַרקט ווערן; דאָס מוז מען טון; און עס אַריינגעבן אין אַזעלכע הענט, וואָס... נו, דאָס בלוט האָט מען פאַרהאַלטן. אָבער דאָ קומט דער זון, אַ דערוואַקסענער זון, אין שטוב. אַ לאַנגער, נאַרישוואַטער יונג מיט אַן אויסשלאַג אויפן פּנים. כ'האָב אים שוין פון פריער געהאַט געגעבן צוויי זאַלבן און אויסדריקלעך אָנגעזאָגט: אַט דעם געלן זאַלב-איין, איין שעה אין טאָג. און אַט דעם ווייסן זאַלב, צינק-זאַלב, די איבעריקע דריי און צוואַנציק שעה. וואָס טוט ער? נעמט, פאַרשטייט זיך, די זאַלבן פונקט קאַפּויר. נוצט דעם ווייסן זאַלב איין שעה, און דעם געלן, וואָס ברענט און ציט ווי אַ רוח, דעם גאַנצן טאָג און די גאַנצע נאַכט. דאָס טוט ער צוויי וואָכן נאָכאַנאַנד. אָבער צום אינטערעסאַנטסטן איז דאָס, וואָס דער יונג איז דאָך געזונט געוואָרן, געזונט, נישט געקוקט אויף זיין טפּשות; געזונט! אַן אָקס, אַ קעמל, וואָס ווערט געזונט, אַלץ איינס ווי אַזוי! היינט ביינאַכט קומט ער מיר אַנטקעגן מיט אַ פּנים, וואָס איז ריין, ווי קריסטאַל. מזל, חזיריש מזל! דער מענטש האָט געקאָנט אויף יאָרן לאַנג קריגן אַ קראַנק פּנים... און אַצינד, דעם

יונגס מוטער, די באַלעבאָסטע. זי איז קראַנק, אָפּגעשוואַכט, נער־
וועיש, אויסגעמאַטערט; ס'שווינדלט איר אין קאָפּ, ס'רוישט אין
די אויערן, זי האָט קיין אַפּעטיט נישט. זיך באָדן, זאָג איך, זיך
באָדן און וואַשן אין וואַסער איבערן קערפּער, צו אַלדי רוחות!
קאָכט אָפּ אַ קאַלב און נעמט צו אַביסל לייב אויף די ביינער,
מאַכט אויף אַ פענסטער און לאָזט אַריין אַביסל לופט, גייט אַביסל
אַרויס א. אַ. וו. אָבער קודם־כל בעדער און איינרייבונגען און ווי־
דער אַמאָל בעדער; אַנדערש וועלן מיינע רעצעפּטן גאָרנישט
העלפן. מילא, אויף קיין קאַלב האָט זי קיין געלט נישט. דאָס
קאָן זיין. אָבער באָדן באָדט זי זיך שוין, וואַשט אַראָפּ פון זיך
אַביסל בלאָטע; נו, ווערט איר פּלוצלינג קאַלט, ס'שווינדלט איר,
ס'וואַרפט איר אַ צאָן אָן אַ צאָן ביי דער דאָזיקער ריניקונג און
זי הערט ווידער אויף! ניין, זי קאָן שוין די ריינלעכקייט מער
נישט איבערטראָגן! נו, און דעמאָלט? דעמאָלט מאַכט זיך איר
די געלעגנהייט. זי באַקומט ערגעץ אַ קייט, אַ פּאַראַגרע־קייט,
וואַלטאַ־קרייץ, אָדער ווי הייסט עס דאָרטן, און פּוצט זיך אויס
דערמיט. איך בעט איר, זי זאָל עס מיר ווייזן: אַ צינקענע פּלאַ־
טע, אַ פּאָר האַקנס, אַ פּאָר העקלעך—דאָס איז אַלץ. אָבער צום
טייוול, צו וואָס טראָגט איר דאָס? יאָ, ס'האָט איר אַביסל גע־
האָלפן, אין דער אמתן געהאָלפן. ס'האָט איינגעשטילט דעם קאָפּ־
ווייטיק, ס'האָט זי אַביסל דערוואַרעמט. אין דער אמתן, אָט די
האַקנס און די צינקענע פּלאַטע האָבן איר גוט געמאַכט. וואָס זאָל
מען פּאָרט טון מיט אַזעלכע מענטשן? כ'וואָלט געקאָנט אָנשפּייען
אויף אַ הילצערנעם פּלאָקן און געבן איר; דאָס וואָלט איר אויך
אַזוי געקאָנט העלפן, אָבער פּרוווט עס איר נאָר זאָגן! וואַרפט עס
אַוועק, זאָג איך צו איר, אַנדערש וועל איך גאָרנישט טון פאַר
אייך, כ'וועל זיך נישט צורירן צו אייך! און וואָס מיינט איר טוט
זי? זי האַלט פעסט דעם צינקענעם פּלאַט און לאָזט מיך גיין!
גרויסער גאָט; ניין, נישט קיין דאָקטאָר דאַרף מען זיין, נאָר אַ
טאָטער, אַ היימישער רופא..

ביז און אויפגערעגט האָט זיך דער דאָקטאָר אַוועקגעזעצט

טרינקען זיין קאַווע. זיין פרוי האָט אַ קוק געטון אויף נאַגעלן און דאַן האָט זי לאַכנדיק געזאָגט.

— אָט וואָלט הער נאַגעל געטון פּונקט אַזוי ווי די פרוי. גראָד פאַר דיין אַריינקומען האָבן מיר גערעדט וועגן דעם. הער נאַגעל האָט אַ קנאַפּן גלויבן אין דיין וויסנשאַפט.

— אַזוי? הער נאַגעל גלויבט נישט אין מיין וויסנשאַפט? — האָט דער דאָקטאָר איבערגעפרעגט מיט אַ טאָן פון איראָניע. — פאַרוואָס נישט? הער נאַגעל קאָן זיך גלויבן אין וואָס ער וויל.

געערגערט, געקרענקט און פול מיט כעס אויף די שלעכטע פאַציענטן, וואָס האָבן אים נישט געפאָלגט, האָט דער דאָקטאָר שווייגנדיק אויסגעטרונקען די קאַווע. ס'האָט אים שטאַרק פאַרדראָסן, וואָס אַלע האָבן געקוקט אויף אים. — טוט עפּעס, רירט זיך. — האָט ער געזאָגט. אָבער נאָכן אויסטרינקען די קאַווע האָט ער זיך אויפגעמונטערט, האָט אַ ווײַלע געפלוידערט מיט דאַגנין, האָט געחוזקט איבער דעם מענטשן פונם שיפל, וואָס האָט אים אָפּגעפירט צו די קראַנקע; דעמאָלט האָט ער ווידער אָנגעהויבן צו רעדן וועגן זיינע אומאָנגענעמלעכקייטן אין זיין פּראַקטיק און האָט זיך פונסניי אָנגעהויבן קאָכן. ער האָט גאָרנישט געקאָנט פאַרגעסן דעם דאָזיקן טעות מיט די זאַלבן; ס'איז נישט מער, ווי ווילדקייט, פינסטערקייט און טפשות, אַלץ אינאיינעם; סוף־כל־סוף איז שרעקלעך אָט די אומוויסנקייט פון דעם פאָלק.

— אָבער דער בחור איז דאָך געזונט געוואָרן!

ווען ער קאָן, דער דאָקטאָר, וואָלט ער זי אויף שטיקער צעריסן, בעת זי האָט דאָס געזאָגט. ער איז אויפגעשטאַנען. דער בחור איז געזונט געוואָרן, יאָ: אָבער וואָס ווייטער? דאָס לייקנט דאָך נישט אָפּ, אַז די אומוויסנקייט פון פאָלק איז הימל־שרייענדיק, דער בחור איז טאַקע געזונט געוואָרן, אָבער ווען ער פאַרברענט זיך אַ שטייגער די גאַנצע הויט אויפן פנים? וואָס פאַראַ זין האָט עס צו פאַרטיידיקן זיין בהמהשע נאַרישקייט?

אָט די פאַרדריסלעכע מעשה מיט אַ פויער־יונג, וואָס האָט געטון פּונקט פאַרקערט, ווי מ'האָט אים געהייסן און איז פונדעסטוועגן פאָרט געזונט געוואָרן, האָט דעם דאָקטאָר מער ווי אַלץ

ארויסגעבראַנגט פון די פּלים און ווילד געמאַכט אונטער די ברילן זיין שטענדיק מילדן בליק. דער נישטיקער, נארישער צופאַל האָט אים פאַרשטויסן אין דער טונקלקייט; צוליב אַ צינקענעם־פּלאַט האָט מען אים פאַרשטופּט אין אַ ווינקל, אים געקרענקט און דער־נידעריקט, און דאָס האָט ער נישט געקאָנט פאַרגעסן, אַזוי לאַנג ביז ער האָט נאָך צו דער קאַווע אויסגעטרונקען אויך אַ גלאָז „טאָדדי". דעמאָלט האָט ער זיך פּלוצלינג אָפּגערופן:

— דו מעגסט עס הערן, יעטאַ. דעם מענטשן, וואָס איז מיך געקומען רופן, האָב איך געגעב זעקס קראָנען. האַ האַ האַ! זינט איך לעב האָב איך נאָך אַזאַ פאַרשווין נישט געזען; דער גאַנצער הינ־טערשטער טייל פון זיינע הויזן איז געווען צעפליקט; אָבער אַ גבורה! אַ מין זאָרגלאָזיקייט! עס זאָל אים גאָר אָנהייבן אָרן! אַן אמתער רוח. דעם גאַנצן וועג האָט ער געהאַלטן אין איין זינגען. ער גלויבט שטאַרק, אַז ער וואָלט געקאָנט אַרויף אויפן הימל מיט זיין פישער־שטעקן, ווען ער שטייט אויפן שפּיץ פון דעם עטיעפּיעל־באַרג. אָבער דו מוזסט זיך נאָך שטעלן אויף די שפּיץ־פינגער, האָב איך געזאָגט. ער האָט זיך גאָרנישט געמאַכט דערפון און האָט געשווירן ביי אַלץ, וואָס איז אים הייליק, אַז ער קאָן שטיין אויף די שפּיץ־פינגער, ווי יעדער איינער. כאַ כאַ כאַ! האָסט שוין געהערט אַזעלכעס? אָבער קאָמיש איז ער שוין איינמאָל געווען!

לסוף האָט זיך פריילין אַנדערסען אויפגעהויבן, כּדי צו גיין אַהיים, און די איבעריקע זענען אויך אויפגעשטאַנען פון זייערע ער־טער. בשעת נאַגעל האָט זיך געזעגנט, האָט ער אַזוי וואַרעם און אויפריכטיק געדאַנקט, אַז ער האָט איינגאַנצן ענטוואָפנט דעם דאָק־טאָר, וואָס איז די לעצטע פערטל שעה געווען צו אים זייער אומפריינט־לעך. — זייט נאָר נישט קיין גאַסט, אָבער זאָגט נאָר, האָט איר מיט־גענומען אַ ציגאַר אויפן וועג? פאַררויכערט דאָך אַ ציגאַר. — און ער האָט אים אַריינגעשטופּט אַ ציגאַר אין דער האַנט.

בשעת מעשה איז שוין דאַגני געשטאַנען אָן אָנגעטוענע אויף די טרעפּ און געוואַרט.

VIII

ס'איז געווען אַ שיינע נאַכט.

די עטלעכע מענטשן, וואָס האָבן זיך נאָך אַרומגעדרייט אויף דער גאַס, האָבן געהאַט פרייליכע, צופרידענע פּנימער; דאָרט אויפן בית-עלמין האָט נאָך עפּעס אַ מענטש געשטופּט אַ וועגעלע און זיך שטילערהייט אונטערגעזונגען. ווייטער איז אַלץ געווען אַזוי שטיל, אַז אַרום און אַרום האָט מען קיין אַנדער זאַך נישט געהערט, ווי דאָס דאָזיקע געזאַנג. אַרויסקוקנדיק פון דעם דאָקטאָרס הויז, וואָס איז געשטאַנען אין דער הויך, האָט די גאַנצע שטאָט אויסגעזען, ווי אַ משונהדיק-פאַרדרייטער, ריזיקער וואָרים, אַ מאָדנע אומגעלומפּערט באַשעפעניש, וואָס האָט זיך אויסגעצויגן אויפן בויך און אויסגעשטרעקט הענט און הערנער און נערוון אין אַלע זייטן; קוים וואָס ער טוט ערגעץ אַ ריר מיט אַן אבר, ווי דאָרט אונטן אויפן ים, ווו אַ קליינינק דאַמפשיפעלע גליטשט זיך שטילערהייט איבער די כוואַליעס און פאַלדעוועט דאָס שוואַרצע וואַסער.

פון נאַגעלס ציגאַר האָט זיך אויפגעהויבן אַ בלויער רויך אין דער לופטן. ער האָט איינגעאָטעמט אין זיך דעם ריח פון וואַלד און גראָז, און אַ געפיל פון טיפער צופרידנקייט האָט אים דורכגענומען, אַ מאָדנע שטאַרקע פרייד, וואָס האָט אַרויסגערופן טרערן אין זיינע אויגן און שיר נישט פאַרהאַקט דעם אָטעם, ער איז געגאַנגען לעבן דאַגנין, זי האָט נאָך נישט אויסגערעדט קיין וואָרט. ווען זיי זענען פאַרביינגעגאַנגען דעם בית-עלמין, האָט ער געזאָגט אַ פּאָר לויב-ווערטער וועגן דעם דאָקטאָר, אָבער זי האָט גאָרנישט געענטפערט. איצט האָט אים די שיינקייט און די שטילקייט פון דער נאַכט אַזוי טיף באַרוישט, האָט אים אַזוי ליידנשאַפטלעך דורך און דורכגענומען, אַז זיין אָטעם איז געוואָרן קורץ און זיין בליק איז פייכט געוואָרן. יאָ ווי הערלעך זענען די העלע נעכט! און מיט אַ קלינגענדיקן, הויכן קול האָט ער געזאָגט:

— ניין, זעט נאָר די בערגלעך, ווי רויטער זיי ליגן זיך דאָרט!

איך בין אזוי גליקלעך, פריילין, כ׳בעט, האָט איינזעעניש מיט מיר, ווען איר ווילט אַזוי גוט זיין; צוליב גליק קאָן איך באַגיין אַ סך נאַרישקייטן אין דער היינטיקער נאַכט. זענט איר דען אויך נישט גליקלעך? יאָ, טאָ זאָלט איר פרייליך ווערן; איר הערט, וואָס איך זאָג? איך וואָלט אייך איצט אַזוי גערן פון טיפן האַרצן געוואָלט אָנטון עפּעס אַ תּענוג, וואָס איר זאָלט נישט פאַרלאַנגען פון מיר; איר מעגט עס מיר גלויבן — יאָ, גאָט, ווי איר קאָנט עס מיר גלויבן! טוט נאָר אַ קוק אויף אָט די סאָסנעס און די שטיינער און די שמעקנדיקע בוימלעך, וואָס זעען אויס אין דער דאָזיקער באַלויכטונג, ווי זיצנדיקע מענטשן. און די נאַכט איז קיל און ריין; זי רופט נישט אַרויס קיין משונהדיקע, שווערע געדאַנקען, און פון ערגעץ לויערן נישט קיין באַהאַלטענע סכּנות. נישט אמת? ניין, זייט נישט מיט מיר אומצופרידן, איר טאָרט עס נישט, איך אַליין בין אַזוי גליקלעך. איך פיל ווי מלאכים וואָלטן דורכגעדרונגען מיין גאַנצע נשמה און געזונגען אַ ליד אין איר. וואָס-זשע, איר שרעקט זיך אפשר פאַר מיר?

זי איז געבליבן שטיין, און צוליב דעם האָט ער געפרעגט, צי זי שרעקט זיך פאַר אים. זי האָט אים שמייכלענדיק אָנגעקוקט מיט איר בלויען בליק, איז באַלד ווידער געוואָרן ערנסט און געזאָגט.

— כ׳האָב שוין אַזוי פיל מאָל געטראַכט, וואָס פאַראַ מענטש איר זענט.

דאָס האָט זי געזאָגט מיט אַ שטילער, ציטערנדיקער שטימע, בעת זי איז נאָך אַלץ געשטאַנען און אים אָנגעקוקט. און דעם גאַנצן וועג האָט זי גערעדט מיט יענער ציטערנדיקער, קלאָרער שטימע, ווי זי וואָלט געווען האַלב-שרעקנדיק, האַלב פרייליך.

דעמאָלט האָט זיך צווישן זיי אָנגעהויבן אָט דער שמועס, אַ שמועס, וואָס האָט געדויערט די גאַנצע צייט אין וואַלד, ווי פּאַמעלעך זיי זענען נישט געגאַנגען; פון ענין צו ענין, פון שטימונג צו שטימונג, מיט דער גאַנצער אומרויקייט, וואָס האָט זיי ביידע דורכגענומען.

— איר האָט געטראַכט וועגן מיר? באמת? אָבער איך האָב דאָך אַ סך, אַ סך מער געטראַכט וועגן אייך, פריילין. כ׳האָב שוין געוווּסט פון אייך, נאָך איידער איך בין געקומען אַהער, כ׳האָב

געהערט אייער נאָמען אויף דער שיף. על פּי צופאַל האָב איך אים געהערט; כ'האָב זיך צוגעהערט צו אַ שמועס. און איך בין אָנגעקומען אַהער דעם צוועלפטן יוני, דעם צוועלפטן יוני...

— אָך, אַזוי, גראָד דעם צוועלפטן יוני...

— יאָ, און די שטאָט איז געווען באַהאַנגען מיט פאָנען, און איך האָב זיך געטראַכט ביי זיך, ס'איז אַזאַ ווײַל רייצנדיק שטעטל; דערפאַר בין איך דאָ אַראָפּגעשטיגן. און באַלד נאָכדעם האָב איך ווידער געהערט וועגן אייך נאָך מער...

זי האָט אַ שמייכל געטון און געפרעגט:

— דאָס האָט איר אוודאי געהערט פון מינוטן?

— ניין, — האָט ער געענטפערט — כ'האָב געהערט, אַז אַלע האָבן אייך ליב, אַלע מענטשן, און אַז אַלע באַוווּנדערן אייך...— און פּלוצלינג האָט ער זיך דערמאָנט אָן דעם טעאַלאָג קאַרלסען, וואָס האָט זיך צוליב איר גענומען דאָס לעבן.

— אַזוי? האָט איר עס באמת געהערט? נו, אָבער זינט איך בין אַ כלה געוואָרן, איז פון דער דאָזיקער באַוווּנדערונג קנאַפּ וואָס איבערגעבליבן. וואָס זאָגט איר דערצו? אָט אין די עטלעכע טעג איז די גאַנצע שטאָט געוואָרן ווי פאַרענדערט. בלויז עטלעכע פריינדינס האָבן מיך נישט אָוועקגעוואָרפן.

— ניין, איר האָט געוויס אַ טעות...

— אָך, איך האָב אַ קנאַפּע זאָרג דערמיט, דאָס קאָנט איר מיר גלויבן, וואָס זשע איר גלויבט עס טאַקע?

אָט די פּאָר ווערטער זענען אים אַריין אין קאָפּ, און ער האָט איר איבערגעשלאָגן די רייד:

— גייט עס דען אייך אַזוי שטאַרק אָן, וואָס איך גלויב וועגן אייך?

אָבער תּיכּף האָט ער חרטה געהאַט, וואָס ער האָט זיך געווענדט צו איר מיט אַזאַ נישט העפלעכער פראַגע; ער איז גע־וואָרן רויט פאַר חרפּה און אַ שטיק צייט האָט ער נישט געקאָנט פאַרגעסן אָט די דאָזיקע אומגעלומפּערטקייט. זי האָט אים אויך נישט געענטפערט, נאָר זיך געמאַכט, ווי זי וואָלט נישט געהערט. זי האָט אָנגעהויבן רעדן פונם לאַנד־ריכטער ריינערט, אַ מענטש,

וואָס איז שטענדיק געווען צו איר אזוי אויפמערקזאַם און פריינט-לעך, כאַ כאַ כאַ, אָבער זי האָט אים אויך פארלוירן, זינט זי איז אַ כלה. וואָס זשע, איר זיפצט גאָר? איר זענט דאָך נאָר וואָס געווען אַזוי גליקלעך? זיפצט נישט!

נו, געווים, ער איז גליקלעך, אויסערגעוויינלעך גליקלעך.

זיי האָבן זיך אָנגעקוקט. אָט דער „זיפצט נישט" האָט נאָך אָפּגעקלונגען אין אים, האָט אים געגלעט, ווי אַ ווייכע, איידעלע האַנט.

— זאָגט מיר, איך בעט אייך, — האָט זי ווידער געפרעגט— האָט איר עס געמיינט ערנסט, דאָס וואָס איר האָט געזאָגט וועגן די פלאָט-אָפיצירן? האָט איר אַלץ געמיינט ערנסט?

— יאָ, אַלץ, בלי ספק. פארוואָס זאָל איך עס דען נישט מיינען ערנסט? איך האָב זיי ליב און האָב זיי אייביק ליב גע-האַט; איך באַוואונדער זייער פריי לעבן, זייער שטאָלצע באַנעמונג, זייערע אוניפאָרמען, זייער פרישקייט און אומדערשראָקנקייט; איך האַלט, אַז זיי זענען וואונדערלעך! ס'רוב זענען זיי אויך אויסער-געוויינלעך ווילע מענטשן, און דערצו נאָך עפּעס: זייער ערנגע-פיל איז כמעט אומעטום שטאַרק בולט. ס'טרעפט אַזוי זעלטן, מ'זאָל געפינען פארברעכער צווישן די אָפיצירן. יאָ, זיי זענען אויסגעצייכנטע מענטשן.

— יאָ. — האָט זי פאר זיך געזאָגט.

דעמאָלט איז זי אַ ווײַלע געגאַנגען און געשוויגן און נאָכגע-טראַכט וועגן דעם; נאָר דערנאָך האָט זי ווידער געזאָגט:

— מילא, אָבער איצט רעדן מיר פון אייך! אָ, געווים! מיר רעדן פון אייך; זייט מוחל, קאָן איך אייך שטעלן אַ פראַגע? יאָ. אַ טייערן דאַנק אייך, טראָגט מיין שירם; אָבער זאָגט מיר: איז צווישן אייך און דעם לאַנד-ריכטער עפּעס פאָרגעקומען? נעכטן ביינאַכט האָט איר אים געבעטן, ער זאָל אייך מוחל זיין פאר עפּעס, און היינט ביינאַכט האָט איר מיט אים כמעט קיין וואָרט נישט אויסגערעדט. זענט איר זיך תמיד אַזוי נוהג, יעדן איינעם צו באַליידיקן און דערנאָך בעטן אַנטשולדיקונג?

זי האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט און געקוקט פאַר זיך אויפן וועג.

— אויפריכטיק גערעדט, ס'איז געווען זייער אומגערעכט פון מיר צו באַליידיקן דעם לאַנד־ריכטער; אָבער איך בין זיכער, אַז ער וועט מיר אַנטשולדיקן, ווען איך וועל נאָר האָבן אַ שעת־כּושר מיט אים זיך דורכצורעדן. כ'בין אַביסל צו האַסטיק, צו גראָב; דער גאַנצער סכסוך איז פאָרגעקומען צוליב דעם, וואָס ער האָט מיך אַ שטויס געטון, בעת ער איז אַריין אין אַ טיר. אַ קלייניקייט, אַ גאָרנישט, עפּעס אַן אומפאָרזיכטיקייט פון זיין זייט; אָבער איך וואַרף מיך אַרויף אויף אים, ווי אַן אָפּגעריסענער נאַר און בין אים מכבד מיט אַ פּאָר קאָמפּלימענטן, סטראַשע אים מיט אַ פלאַש זעלצער אונטער דער נאָז, און דער סוף איז, אַז איך צעקנייטש אים נאָך דעם הוט איבערן קאָפּ. ער איז באַלד אַוועקגעגאַנגען; אַזאַ איידעלער מענטש, ווי ער, האָט געמוזט אַוועקגיין. אָבער שפּעטער אַ ווײַלע האָט מיך שטאַרק פאַרדראָסן מיין באַנעמונג און איך האָב געפּועלט ביי זיך, אים צו בעטן פאַרצייונג. פאַרשטייט זיך, מען קאָן מיר אויך אינגאַנצן נישט פאַר אומגוט נעמען. איך בין יענעם טאָג געווען נערוועיש און כ'האָב געהאַט פאַרשידענע עגמת־נפשן; אָבער דאָס ווייסט נישט קיינער, אַזעלכע זאַכן קאָן מען נישט דערציילן, און דעריבער מוז איך בעסער נעמען די גאַנצע שולד אויף זיך. אָבער דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס איך בין געווען אַזוי ברוטאַל; דאָס קאָנט איר מיר זיכער גלויבן.

ער האָט גערעדט זייער גיך, נישט טראַכטנדיק פריער וועגן דעם, און מיט אַן אויפריכטיקן טאָן, ווי ער וואָלט וועלן זיין גערעכט פאַר ביידע צדדים. פון זיינע באַוועגונגען האָט זיך נישט אַרויסגעוויזן קיין שום הינטער־כּוונה, קיין שום געמאַכטקייט. אָבער דאַגני איז פּלוצלינג שטיין געבליבן, איבערראַשט האָט זי אים אַריינגעקוקט גלייך אין פּנים אַריין און געזאָגט:

— אָבער ניין... ניין... ס'איז דאָך נישט געווען אַזוי. איך האָב וועגן דעם געהערט גאַנץ אַנדערש דערציילן.

— מינוט זאָגט ליגן! — האָט נאַגעל אויסגעשריגן מיט א גליענדיקן פּנים.

— מינוט? איך האָב עס גאָרנישט געהערט פון מינוטן. צו וואָס טראַכט איר אוים ליגנס אויף זיך אַליין? כ'האָב עס גע-הערט פון א מענטשן אויפן מאַרק, פון דעם גיפּס-גיסער; ער האָט מיר דערציילט די גאַנצע מעשה, ער האָט געזען אַלצדינג פון אָנ-הויב ביזן סוף.

פּויזע.

— פּאַרוואָס פּאַרמיאוסט איר זיך אַליין? איך הויב עס נישט אָן צו פאַרשטיין. — האָט זי ווייטער געזאָגט און אים אָנגעקוקט גלייך אין די אויגן. —איך האָב היינט געהערט פון דער מעשה, און מיר האָט אַזוי הנאה געטון; דאָס הייסט: איך האָב געפונען, אַז איר האָט געהאַנדלט אַזוי אומגעוויינלעך שיין, אַזוי אומגעוויינ-לעך מיושב, ס'האָט אייך אַזוי גוט געפּאַסט; און איך האָב אייך גערן געוואָלט דערפאַר דאַנקען. ווען איך וואָלט היינט פּאַרמי-טאָג נישט האָבן געהערט אָט די געשיכטע, וואָלט איך גאָרנישט געפּועלט ביי מיר צו גיין דאָ אַצינד מיט אייך; איך זאָג עס אייך גאַנץ אָפן.

פּויזע.

דעמאָלט האָט ער זיך אָפּגערופן:

— און אַצינד זענט איר פון מיר אַנטציקט?

— איך ווייס נישט. — האָט זי געענטפערט.

פּויזע. א היפּשע ווײַלע האָבן זיי ביידע געשוויגן. זי האָט געוואַרט, א מינוט געקוקט אַרויף צו נאַגעלן און א מינוט פאַר זיך אויפן וועג.

— הערט! — האָט ער איר ווייטער געזאָגט. — דאָס אַלץ איז נישט מער, ווי א קאָמעדיע. איר זענט אַן ערלעכע נשמה, איך קאָן נישט פּועלן ביי זיך אייך אָפּצונאַרן, איך וועל אייך אַלץ קלאָר מאַכן.

און ציניש, מיט דער גרעסטער חוצפּה, האָט ער איר אויפ-געקלערט, ווי אַזוי ער האָט דאָס אַלץ אויסגערעכנט.

— אויב איך טייטש אייך אוים אָט דעם סיכסוך מיטן לאַנד-

דיכטער אויף מיין שטייגער, אויב איך פאַרדריי אַביסל די יוצרות און פאַרמיאוס זיך אַליין, איז דאָס ביי מיר, אין תּוך אַריין, נישט מער, ווי אַ ריינע קאָמבינאַציע. פון דער דאָזיקער געשיכטע באַמי איך מיך אַרויסצוציען אַזוי פיל רווח, וויפל עס לאָזט זיך נאָר. איר זעט, אַז איך בין אויפריכטיק מיט אייך? איך האַלט עס געמלעך פאַר אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכע זאַך, אַז עמעצער וועט עס דאָך אייך, ווען עס איז, דערציילן דעם אמת וועגן אָט דער געשעעניש. און אויב איך האָב זיך תּחילת געמאַכט פאַר ערגער, ווי איך בין, וועל איך דאָך דערביי געווינען, פאַרדינען אַן אומגעהויערן רווח. אויף אַזאַ אופן ווער איך געקרוינט מיט גרויסקייט, מיט אַן איידעלן כאַראַקטער, וואָס האָט נישט קיין גלייכן צו זיך, — נישט אמת? אָבער דאָס איז פּשוט אַ שווינדל, אַזוי פּראָסט, אַזוי געמיין, אַז איר וועט מוזן אויפגעבראַכט ווערן, ווען איר וועט הערן דערפון. איך האַלט פאַר ריכטיקער פון אַלץ, זיך מודה צו זיין, און אייך אָפּן דאָס אַלץ אַרויסצוזאָגן, ווייל איר פאַרדינט ערלעכקייט; אָבער דערגרייכן וועל איך דערמיט דאָס בלויז, פאַרשטייט זיך, וואָס איר וועט אַנטלויפן פון מיר ווי פעפער וואַקסט — לידער!

זי האָט אים נאָך אַלץ אָנגעקוקט; זי האָט געטראַכט וועגן אָט דעם מענטשן און זיינע רייד. זיך איבערגעלייגט און זיך אויסגעאַרבעט איר מיינונג. וואָס האָט זי געזאָלט גלויבן? וואָס איז ער פאַרט אויסן מיט זיין אָפנקייט? פּלוצלינג שטעלט זי זיך ווידער אָפּ, גיט אַ פּאַטש מיט די הענט און פּלאַצט אַרויס מיט אַ הילכיקן געלעכטער.

— אוי, איר זענט דאָך דער חוצפּהדיקסטער מענטש, וואָס איך האָב ווען-עס-איז געהערט. דערציילן וועגן זיך אַזעלכע זאַכן איינס גרעבער פאַר דער אַנדערער; בלויז כּדי זיך צו פאַרמיאוסן אַלעמען אין די אויגן! אָבער דערמיט וועט איר ווייט נישט אַוועק! פון אַזאַ משוגעת האָב איך נאָך קיינמאָל נישט געהערט! פאַרוואָס זענט איר עפּעס זיכער געווען, אַז איך וועל מיט דער צייט געוואָר-ווערן דעם אמת וועגן דער גאַנצע געשיכטע? אָט דאָס זאָגט מיר. ניין, שווייגט, זאָגט בעסער גאָרנישט, איר וועט דאָך ווידער

זאָגן ליגן! פוי, ווי מיאוס דאָס איז פון אייך, כאַ כאַ כאַ כאַ! אָבער הערט מיך נאָר אויס: אויב איר באַרעכנט אַלזאָ, אַז עס וועט גיין אַזוי און אַזוי, און אויב איר טוט דערצו אַלץ, וואָס מען באַדאַרף, און איר דערגרייכט דאָס, וואָס איר האָט געוואָלט — צו וועלכע גוטע יאָר פּטרט איר שפּעטער אַלצדינג דערמיט, וואָס איר זענט זיך מודה־אין דעם, וואָס איר רופט אָן אייער שווינדל? נעכטן אָוונט האָט איר אויך געטון עפּעס פון דעם מין; כ'הויב אייך נישט אָן צו פאַרשטיין. אָבער פאַרוואָס באַרעכנט איר אַלצדינג אין דער וועלט און באַרעכנט פונדעסטוועגן נישט, אַז איר אַליין גיט אויס אייער שווינדל?

ער האָט זיך בשום אופן נישט געוואָלט אונטערגעבן, ער האָט זיך נאָר פאַרטראַכט אַ ווײַלע און געענטפערט:

— אָבער איך באַרעכן עס דאָך; דאָס טאַקע באַרעכן איך אויך. איר וועט עס מיר באַלד מודה זיין. הערט־זשע: בעת איך בין זיך מודה — בין זיך, הייסט עס, מודה — שטעל איך גאָרנישט איין צוליב דעם — איך שטעל נישט איין קיין סך. ערשטנס איז גאָרנישט זיכער, אַז דער, וואָס איך בין זיך פאַר אים מודה, גלויבט מיר. יאָ, זעט איר! איר, למשל, גלויבט מיר אין דער רגע נישט. אָבער וואָס איז דערפון דער פועל יוצא? יאָ, דער פועל יוצא דערפון איז, האָס איך פאַרדין נאָך מער דערבײַ. איך פאַרדין אומגעהויער אַ סך, מיין געווינס וואַקסט ווי אַ לאַווע, מיין גרויסקייט ווערט אָנגעשוואָלן ווי אַ באַרג. נו, און צווייטנס וואָלט איך אויף יעדן פאַל פון מיין קאָמבינאַציע אַרויס מיט רווח, אפילו ווען איר גלויבט מיר יאָ. איר שאָקלט מיטן קאָפּ? ניין, לאָזט צורו; איך פאַרזיכער אייך, כ'האָב דאָס דאָזיקע מיטל אָנגעווענדט גאַנץ אָפט און האָב שטענדיק דערבײַ געהאַט אַן עודף. וואָרום אויב איר זאָלט באמת גלויבן, אַז מיט מיין מודה זיין זיך מיין איך עס פון גאַנצן האַרצן, — וואָלט איר, פון אייער זייט, געוואָרן איבערראַשט פון מיין אָפנקייט. איר וואָלט זיך געטראַכט. נו יאָ, ער האָט מיר אָנדערציילט אַביסל שקרים, אָבער דערפאַר האָט ער זיך גלייך אין דעם מודה געווען, דערצו נאָך אָן שום נויטווענדי־קייט; זיין חוצפּה איז מיסטיש, ער קוקט נישט אויף קיין שו־

זאַך, און מיט דעם, וואָס ער איז זיך מודה, שפּאָרט ער מיר איין דעם וועג. בקיצור: איך מאַך אַזוי, איר זאָלט מיך אָנקוקן, כ'רייץ אויף אייער נייגיריקייט, זיך צו באַשעפטיקן מיט מיר. כ'רוף אַרויס כעס ביי אייך. אָט האָט איר מיר נישט לענגער ווי מיט אַ מינוט צוריק אַליין געזאָגט: „ניין, כ'הויב אייך נישט אָן צו פאַרשטיין". זעט איר, דאָס האָט איר געזאָגט; ווייל איר האָט געפּרוווט מיך אויסצופאָרשן אויפן גרונט — אַ זאַך, וואָס קיצלט מיך ווידער. יאָ, וואָס איז גאַנץ זים פאַר מיין גומען. אָבער אין אַלע פאַלן קום איך אַרויס מיט מיין פאַרדינסט, צי איר גלויבט מיר יאָ, אָדער נישט. פאַרשטייט איר שוין? דאָס איז דאָך אַזוי איינפאַך.

פויזע.

— און איר ווילט מיר איינרעדן, — האָט זי געזאָגט מיט זייט אויפגעריסענע אויגן, אָבער נאָך איינהאַלטנדיק אין זיך אַ געלעכטער — איר ווילט מיר, הייסט עס, איינרעדן, אַז אָט דעם גאַנצן כיטרן איינפאַל האָט איר געפּלאַנט פון פריער. אַז איר האָט אַלץ אויסגערעכנט און זיך צוגעגרייט דערצו? ס'הויבט זיך נישט אָן! ס'הויבט זיך נישט אָן. כאַ כאַ כאַ, אָבער אַצינד וועט מיך שוין קיין שום זאַך פון אייער מויל נישט איבעראַשן, ניין, פון איצט אָן ריכט איך מיך פון אייך אַלצדינג. נאָר זאָל זיין געווג, איר האָט נאָך געקאָנט קומען מיט ערגערע ליגנס, איר זענט זייער געשיקט.

אָבער ער האָט עקשנותדיק פאַרטיידיקט זיינס און האָט געטענהט, אַז לויט איר איצטיקן אורטייל מוז זיין גרויסמוטיקייט זיין ווייניקסטנס אַזוי הויך ווי אַ באַרג, יאָ, אפילו זייער אַ הויכער באַרג. און ער מוז איר דערפאַר זייער שטאַרק דאַנקען, הע הע הע! יאָ, ער האָט דערגרייכט אַלץ, וואָס ער האָט געוואָלט. אָבער דאָס איז פון איר זייט צו גוט, באמת צו גוטמוטיק...

— יאָ, יאָ, — האָט זי אים איבערגעשלאָגן די רייד — לאָמיר עס לאָזן צורו.

אָבער אַצינד איז ער שטיין געבליבן.

— איך זאָג אייך נאָכאַמאָל, אַז איך האָב אייך פאַרשאָלט מיט ליגנס.

א ווײַלע האָבן זײַ זיך אָנגעקוקט; איר האַרץ האָט אָנגע־הויבן האַסטיקער צו שלאָגן, און זי איז אַביסל בלייך געוואָרן. וואָס גייט עס אים אַזוי אָן לעבן, זי זאָל אים האַלטן פאַרן ערגסטן? אין אַנדערע פאַלן איז ער דאָך אַזוי פעיק נאָכצוגעבן — נאָר דווקא אין דעם פּרט איז אים נישט געווען צו רירן פון אָרט. וואָס איז דאָס פאַרא אידעע־פיקס, וואָס פאַרא שגעון! מיט כעס האָט זי זיך אָנגערופן:

— כ׳ווייס נישט, פאַרוואָס איר דעקט אויף פאַר מיר אייער נשמה, פאַרוואָס איר שלעפּט אַרויס פאַר מיר דאָס סאַמע אינער־לעכסטע אין דרויסן. ניין, איר הערט, איר האָט דאָך מיר צוגע־זאָגט זיך צו האַלטן אָנשטענדיק און איר האָט געזאָגט: „איר וועט זען, ווי אָנשטענדיק איך וועל זײַן". יאָ, אַ שיינע אָנשטענ־דיקייט!

איצט איז זי אויף אַן אמת געווען בייז. זי האָט זיך אָנגע־הויבן בלאָזן צוליב זײַן עקשנות, וואָס איז געווען אַזוי זיכער, אַזוי פעסט, אַז זי איז ממש צעטומלט געוואָרן. זי האָט זיך געפילט געקרענקט, וואָס זי ווערט אַזוי בסדר געוואָרפן אַהין און אַהער, צווישן גלויבן און צווייפל. אין איר כעס האָט זי צוריק צוגענומען פון אים איר שירם; זי האָט איצט געהאַלטן אין איין קלאַפּן מיט אים אָן איר האַנט.

מיט אַמאָל האָט ער זיך געפילט אומגליקלעך. ווי שלימזל־דיק ער איז שטענדיק געווען אין יעדער זאַך, וואָס ער האָט אָנ־געהויבן! וואָס פאַרא נאַרישע פעלערן ער מאַכט שטענדיק! יאָ, ווען זי וויל אים נאָר איצט אַנטשולדיקן, אים מוחל זײַן! בלויז דאָס איינע מאָל, אָדער ווען זי זאָל ווייניקסטנס נישט זײַן בייז אויף אים! צי זי וויל נישט, ער זאָל איר געבן אַ באַווייז, וואָס ער איז בכוח צו טון, כדי זיך איבערצובעטן מיט איר? ווען זי וואָלט אים נאָר געוואָלט געבן עפּעס אַן אויפגאַבע, אַ רמז, נאָר אַ ווונק מיט די אויגן! אַך, ער איז דאָך גרייט אויף אַלץ!...

לסוף האָט זי ווידער געמוזט אָנהויבן לאַכן. ניין, ס׳איז אומ־

מעגלעך, ס'איז געווען אוממעגלעך און עס וועט בלייבן אוממעג-לעך! איבעריקנס, אויב עס וועט אים פארשאפן פארגעניגן... אָבער קיין וואָרט זאָל נישט געדאכט ווערן וועגן אָט דער איינרעדעניש, וועגן אָט דעם משוגעת, קיין וואָרט...

פויזע.

— ווייסט איר נאָך וואָס, — האָט ער זיך אָנגערופן — אויף דעם אָרט אין וואלד האָב איך אייך געטראָפן דאָס ערשטע מאָל. ניין, איך וועל קיינמאָל נישט פארגעסן, ווי בישופדיק איר האָט אויסגעזען, בעת איר זענט אַנטלאָפן פון מיר, ווי א וואסער-פרוי, ווי א דמיון... אָבער אצינד וועל איך אייך דערציילן א מעשהלע, וואָס איז פארלאָפן מיט מיר, זאָל איך?

— אָך, יאָ, א מעשהלע! — האָט זי נישט ווילנדיק אויסגע-רופן. איצט איז זי שוין ווידער געווען גליקלעך ווי א קינד און האָט אים אונטערגעאיילט צו דערציילן, גוט, ער קאָן טראָגן איר שירם, ווען ער וויל עס דווקא, פון וואָס מענטשן קאָנען עס האָבן פארגעניגן! אָבער דאָס מעשהלע! פארוואָס הויבט ער שוין נישט אָן?

— יאָ, ס'איז דאָך בלויז א קורצע געשיכטע, און מען קאָן עס דערציילן אויף איין פוס. ער איז אמאָל געזעסן ביי זיך אין צימער, אין א קליינער שטאָט; נישט אין נאָרוועגיען; אגב, איז דאָך אלץ איינס, וו דאָס איז געווען; בקיצור, קיין ספק נישט צו ברייען. איינמאָל אין א מילדן הארבסט-אָוונט איז ער געזעסן ביי זיך אין צימער. מיט אכט יאָר צוריק, אין יאָר 1883, ער איז גע-זעסן מיט דער פליגע צו דער טיר און געליענט א בוך.

— ביי א לאָמפ?

— יאָ. אין דרויסן איז געווען פינסטער חושך. איך בין גע-זעסן און געליענט. מיט אמאָל הער איך ווי עס גייט עמעצער אין דרויסן; כ'הער דייטלעך טריט אויף די טרעפ, כ'הער ווי ער קלאפט אָן. „אריין"! אָבער ס'ווייזט זיך נישט קיינער. כ'עפן אויף די טיר, ס'איז קיינער נישטאָ. אין דרויסן איז נישט צו זען קיין לעבעדיקן מענטשן. כ'קלינג אָן; דאָס דינסטמיידל קומט ארויף. צי איז עמעצער נאָר וואָס נישט ארויף אויף די טרעפ? ניין, קיינער

נישט. גוט — אַ גוטע נאַכט! און דאָס מיידל גייט אַרויס.

איך זעץ מיך ווידער אַוועק ביים בוך. פּלוצלינג דערפיל איך אַ הויך, אַ ריר, ווי עמעצער אַ מענטש וואָלט געאָטעמט, און איך הער ווי ער פּליסטערט: „קום!" כ'קוק זיך אום; נישטאָ קיינער. כ'לייען ווידער, כ'ווער אין כּעס און זאָג: „צום טייוול!" כ'בין געווען איינער אַליין אין צימער, אָבער איך האָב געזאָגט „צום טייוול!" מיט אַמאָל דערזע איך נעבן מיר אַ נידעריקן, בלייכן מענטש מיט אַ רויטער באָרד און טרוקענע, צעשויבערטע האָר, וואָס זענען אויפגעשטעלט אין דער הויך; דער מענטש שטייט נעבן מיר אין דער לינקער זייט. ער ווינקט צו מיר מיט איין אויג, ווינק איך אויך! מיר האָבן זיך פריער נאָך קיינמאָל נישט געזען, אָבער מיר האָבן געווונקען איינער צום אַנדערן מיט די אויגן. דאַן פאַרמאַך איך דאָס בוך מיט דער רעכטער האַנט, דער מאַן גייט צו צו דער טיר און פאַרשווינדט; איך האָב אים באַגלייט מיט די בליקן און געזען, ווי ער איז פאַרשוווּנדן געוואָרן. שטיי איך אויך אויף און גיי צו צו דער טיר. דערהער איך פּלוצלינג ווידער, ווי ער פּליסטערט „קום!" גוט. איך נעם אַרויף אויף זיך אַ רעקל, כ'טו אָן די קאַלאָשן אויף די פיס און גיי אַרוס דו מעגסט פאַררויכערן אַ ציגאַר — טראַכט איך, כ'גיי צוריק אַריין אין צימער און פאַררויכער אַ ציגאַר; כ'לייג אויך אַריין עטלעכע ציגאַרן אין קעשענע; אסור, אויב איך וויים, צו וואָס כ'האָב עס געטון; נאָר כ'האָב עס געטון און צוריק אַרויסגעגאַנגען.

ס'איז געווען שטאָק פינסטער, און איך האָב גאָרנישט געזען, נאָר איך האָב געפילט, אַז דער נידעריקער מענטש גייט נעבן מיר. כ'האָב מיך אַ וואָרף געטון מיט די אָרעמס אים צו כאַפּן, און איך האָב באַשלאָסן זיך אָפּצושטעלן, אויב ער וועט מיר נישט זאָגן, ווער און וואָס ער איז; אָבער כ'האָב אים נישט געקאָנט געפונען. כ'האָב אפילו געפּרוּווט אין דער פינסטער צו ווינקען צו אים מיט די אויגן, כ'האָב זיך געדרייט אין אַלע זייטן און געוווּנקען, אָבער ס'איז געווען בחינם. גוט, האָב איך געזאָגט, איך גיי נישט צוליב דיר, איך גיי צוליב מיר אַליין. כ'מאַך סתם

אַ שפּאַציר; נעמט זיך עס אין זינען אַריין, כ'מאַך בלויז אַ שפּאַציר, כ'האָב גערעדט אויפן קול, כּדי ער זאָל עס הערן. אַזוי בין איך אָפּגעגאַנגען עטלעכע שעה, כ'בין אַרויסגעקומען אונטערן שטאָט, אין אַ וואַלד; כ'האָב געפילט ווי די טוי-פייכטע צווייגן און בלעטער האָבן מיך געשלאָגן אין פּנים אַריין. גוט, האָב איך לסוף געזאָגט און אַרויסגענומען דעם זייגער אַ קוק צו טון ווי שפּעט עס איז; גוט, אַצינד גיי איך אַלזאָ אַהיים; אָבער אַהיים בין איך נישט געגאַנגען, כ'האָב זיך נישט געקאָנט אומקערן; עס האָט מיך אָן אויפהער געטריבן ווייטער, פאָרויס. איבעריקנס, איז דאָך אַזאַ שיין וועטער, האָב איך איצט געזאָגט, נישקשה, דו קאָנסט נאָך גיין אַביסל, אפילו אַ גאַנצע נאַכט אָדער צוויי נעכט, דו האָסט דאָך גענוג צייט! אַזוי האָב איך געזאָגט, הגם איך בין געווען פאַרמאַטערט און דורכגענעצט פון טוי. כ'האָב פאַררויכערט נאָך אַ ציגאַר; דער נידעריקער מענטש איז אַלץ געווען לעבן מיר, כ'האָב געפילט, ווי ער אָטעמט אויף מיר. און איך בין געגאַנגען אָן אָן אָפּרו, כ'בין געגאַנגען, ווו די אויגן האָבן מיך געטראָגן, אָבער נישט צוריק אַהיים אין שטאָט אַריין. מיינע פיס האָבן מיר אָנגעהויבן צו ברעכן; איך בין געווען דורכגענעצט ביז צו די קני, און מיין פּנים האָט מיר אויך וויי געטון, ווייל די פייכטע צווייגן האָבן זיך בסדר פאַרטשעפּעט אָן מיר. איך האָב געזאָגט: ס'מעג טאַקע אויסזען אַביסל משונהדיק, וואָס איך גיי אַזוי שפּעט ביינאַכט שפּאַצירן; אָבער דאָס איז שוין ביי מיר אַזאַ טבע, אַ געוווינהייט נאָך פון די קינדער-יאָרן, צו גיין שפּאַצירן אין די גרעסטע וועלדער, וואָס איך געפין נאָר. און מיט פאַרקריצטע ציין בין איך געגאַנגען ווייטער. דאַן האָט דער שטאָט-זייגער אונטן געקלונגען צוועלף. איינס, צוויי, דריי, פיר, ביז צוועלף; כ'האָב געציילט די קלעפּ. דער דאָזיקער באַקאַנטער קלאַנג האָט מיך שטאַרק אויפגעמונטערט, הגם ס'האָט מיך, אגב, אויך שטאַרק פאַרדראָסן, וואָס מיר זענען נאָך נישט אַוועק ווייטער פון שטאָט, נאָכדעם וואָס מיר שלעפּן זיך שוין אַרום אַזאַ לאַנגע צייט. גוט, הייסט עס, דער שטאָט-זייגער האָט געקלונגען. און אין דעם אויגנבליק, ווען דער צוועלפטער קלאַפּ האָט אָפּגעקלונגען, דערזע איך

ווידער פאַר מיר דעם נידעריקן מענטש אַ לעבעדיקן, ווי ער שטייט און לאַכט. זינט איך וועל לעבן, וועל איך אים נישט פאַרגעסן, אַזוי דײַטלעך איז ער פאַר מיר געשטאַנען. עס האָבן אים געפעלט צוויי פאָדערשטע ציין, און די הענט האָט ער געהאַלטן אויף הינטן...

— אָבער ווי אַזוי האָט איר אים געקאָנט זען אין דער פינסטער?

— ער האָט אַליין געלויכטן. געלויכטן מיט אַ מאָדנעם שײַן, וואָס האָט אויסגעזען, ווי ס'וואָלט געווען הינטער אים, ווי עס וואָלט אַרויסגעשטראַלט פון זײַן רוקן און וואָלט אים געמאַכט דורכזעעוודיק. אפילו זײַנע קליידער זענען געוואָרן העל ווי דער טאָג; זײַנע הויזן זענען געווען צעריסן און זייער קורץ. אָט דאָס אַלץ האָב איך דערזען אין איין אויגנבליק, דאָס בילד האָט מיך צעמישט, נישט ווילנדיק האָב איך פאַרמאַכט די אויגן און אָפּגעטראָטן אַ האַלבן טריט הינטערווײַלעכץ. אַז איך האָב ווידער אויפגעמאַכט די אויגן, איז דער מענטש שוין נישט געווען.

— אַה...

— יאָ, אָבער וואַרט-זשע! איך בין צוגעקומען צו יענעם מערקווירדיקן טורעם, וואָס... הייסט עס, בקצור: כ'בין צוגעקומען צו אַ טורעם, כ'בין געשטאַנען אַנטקעגן אים, און האָב אים געזען וואָס אַמאָל דײַטלעכער; אַ שוואַרצער, אַן אײַנפאַכער, אַכט-קאַנטיקער טורעם, וואָס האָט אויסגעזען ווי דער טורעם פון די ווינטן אין אַטען, אויב איר האָט אַמאָל געזען אויף אַ בילד. איך האָב קיינמאָל ביז דאַן נישט געהערט פון אַ טורעם אין דעם דאָזיקן וואַלד, אָבער גענוג, ער איז דאָרט געווען. איך שטיי אַזוי פאַרן טורעם און איך הער ווידער אַ „קום!”, איך גיי אַרײַן. די טיר האָב איך געלאָזט הינטער זיך אָפן, און דאָס איז געווען פאַר מיר אַ שטיקל באַרויקונג.

אינעווייניק אין דער געוועלבונג טרעף איך ווידער דעם אַלטן מאַן; אויף איין וואַנט האָט געברענט אַ לאָמפּ, און דערפאַר האָב איך אים איצט גוט געקאָנט זען; ער איז מיר געקומען אַנטקעגן, פונקט ווי די גאַנצע צייט וואָלט ער געווען דאָ אינע-

ווייניק, האָט געלאַכט שטילערהייט און האָט זיך אַוועקגעשטעלט אַנטקעגן מיר און מיך אָנגעקוקט, בעת ער האָט געלאַכט. כ'האָב אים אַרייַנגעקוקט אין די אויגן, און מיר האָט זיך אויסגעדאַכט, ווי איך וואָלט דאָרט געזען די אימהדיקע זאַכן, מיט וועלכע אָט די אויגן האָבן זיך אין זייער לעבן אָנגעזען; ער האָט ווידער אַ ווונק געטון צו מיר, אָבער איך האָב נישט אָפּגעענטפערט, נאָר איך בין בסדר אָפּגעטראָטן הינטערווייַלעכץ, וואָס מער ער האָט זיך דערנענטערט צו מיר. פּלוצלינג הער איך הינטער מיר לייַכטע טריט, איך דריי אויס דעם קאָפּ און זע, ווי עס קומט אַרייַן אַ יונגע פרוי.

נו, כ'טו אַ קוק אויף איר, און עס ווערט מיר ליכטיק אויף דער נשמה; זי האָט געהאַט רויטע און שוואַרצע אויגן, אָבער זי איז געווען אָרעם אָנגעטון און איז אַרומגעגאַנגען באָרוועס אויף דער שטיינערנער דיל. אירע אָרעמס זענען געווען נאַקעט.

אַ רגע מעסט זי אונז אָפּ מיט די אויגן, דאַן פאַרנייגט זי זיך זייער טיף פאַר מיר און גייט צו צום נידעריקן מענטשן. נישט אויסרעדנדיק קיין וואָרט, הויבט זי אים אָן אָפּצושפּילען די קליידער און אַרומצוטאַפּן זייַן קערפּער, פּונקט ווי זי וואָלט עפּעס געזוכט; און תיכף שלעפּט זי אַרויס פון דעם אונטערשלאַק פון זייַן מאַנטל אַ ברענענדיקן לאַמטערן, און זי הענגט זיך אים אויף אויפן פינגער. דער לאַמטערן האָט געלויכטן אַזוי העל, אַז ער האָט אינגאַנצן פאַרטונקלט דעם לאָמפּ, וואָס איז געהאָנגען אויף דער וואַנט. דער מאַן איז געשטאַנען גאַנץ רויק און נאָך אַלץ געלאַכט שטילערהייט, בעת דאָס מיידל האָט אים אַרומגעטאַפּט. „אַ גוטע נאַכט!" האָט געזאָגט דאָס מיידל און אָנגעוויזן אויף אַ טיר; דער מענטש, אָט דער מוראדיקער, מאָדנער פּרא-אדם, איז אַוועק. איך בין געבליבן אַלייַן מיט מייַן נייער באַקאַנטער.

זי איז צוגעגאַנגען צו מיר, האָט זיך ווידער טיף פאַרנייגט פאַר מיר, און נישט לאַנג ניט, מיט אַ נידעריקן קול האָט זי געפרעגט:

— פון וואַנעט קומסטו?

— פון דער שטאָט, שיין מיידל. — האָב איך געענטפערט.— כ׳קום פון שטאָט.

— פרעמדער, זיי מוחל מיין פאָטער! — האָט זי זיך פּלוצלינג אָפּגערופן. — און טו אונז נישט קיין שלעכטס דערפאַר; ער איז קראַנק, ער איז נישט ביי די געדאַנקען. האָסט געזען זיינע אויגן?

— יאָ, כ׳האָב געזען זיינע אויגן, און כ׳האָב געשפּירט, ווי זיי הערשן איבער מיר, איך בין זיי נאָכגעגאַנגען.

— ווו האָסטו אים געטראָפן?

און איך האָב געענטפערט:

— ביי זיך אין דערהיים, אין מיין צימער; איך בין געזעסן און געלייענט.

דאָ האָט זי אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ און אַראָפּגעקוקט צו דער ערד.

— אָבער נעם זיך נישט צום האַרצן דערפון, שיין קינד, — האָב איך זיך אָפּגערופן — כ׳בין צופרידן פון מיין גאַנג. כ׳האָב גאָרנישט צוליב דעם פאַרלוירן, און איך באַדויער נישט, וואָס איך האָב דיך געטראָפן. זע נאָר, איך בין פריילעך און צופרידן; נו, טו דו אויך אַ שמייכל!

אָבער זי האָט נישט געשמייכלט, זי האָט געזאָגט:

— טו דיר אויס דיינע שיך, דו קאָנסט די היינטיקע נאַכט נישט אַוועקגיין פון דאַנעט; כ׳וועל דיר אויסטרוקענען די קליידער!

כ׳האָב אַ קוק געטון אויף מיינע קליידער, זיי זענען געווען דורכגענעצט, מיינע שיך זענען געווען פול מיט וואַסער, כ׳האָב געטון, ווי זי האָט מיר געהייסן, אויסגעטון די שיך און איר דערלאַנגט; נאָר נאָכדעם ווי איך בין דערמיט פאַרטיק געוואָרן, האָט זי פאַרלאָשן דעם לאָמפּ און געזאָגט:

— קום און רעד נישט!

— וואַרט אַ ווײַלע, שיינקייט! — האָב איך געזאָגט און זי אָפּגעהאַלטן. — אויב איך דאַרף דאָ נישט שלאָפן, פאַרוואָס זשע האָסטו מיר געהייסן אַזוי גיך אויסטון די שיך?

— דו טאָרסט עס נישט וויסן. — האָט זי געענטפערט.

און איך האָב עס נישט געוווּסט.

זי האָט מיך דורך דער טיר אַריינגעפירט אין אַ טונקעלן צימער; כ'האָב פאַרנומען אַ גערויש, ווי עמעצער וואָלט אונטער אונז שווער געאָטעמט; כ'האָב געפילט אַ ווייכע האַנט אויף מיין מויל, און דערהערט דער מיידלס שטים:

— דאָס בין איך, טאַטע, דער פרעמדער איז אַוועק — ווייט אַוועק.

אָבער כ'האָב ווידער אַמאָל דערהערט ווי דער צעמישטער האָט געקייכט הינטער אונז.

מיר זענען אַרויף אויף די טרעפּ, זי האָט מיך געהאַלטן ביי דער האַנט, און קיינער פון אונז האָט נישט גערעדט, מיר זענען אַריין אין אַן אַנדער געוועלבונג, וווּ מען האָט נישט געזען קיין שטראַל פון ליכט; אַרום און אַרום קויל-שוואַרצע נאַכט.

— שטיל! — האָט זי געפּליסטערט. — דאָ איז מיין בעט.

און איך האָב אַ טאַפּ געטון מיט דער האַנט און געפונען דאָס בעט.

— אַצינד טו אויך אויס די איבעריקע קליידער דיינע. — האָט זי ווידער געפּליסטערט.

כ'האָב זיי אויסגעטון און זיי דערלאַנגט איר.

— אַ גוטע נאַכט! — האָט זי געזאָגט.

— ניין. בלייב דאָ, דו שיינע, זיסע! איצט ווייס איך, פאַרוואָס דו האָסט מיר געהייסן דאָרט אונטן אויסטון די שיך; יאָ, כ'וועל זיין גאַנץ שטיל, דיין פאָטער האָט מיך נישט געהערט — קום!

אָבער זי איז נישט צוגעגאַנגען.

— אַ גוטע נאַכט! — האָט זי נאָכאַמאָל געזאָגט און איז אַוועק...

פויזע. דאַגני איז געוואָרן רויט, ווי פייער, איר ברוסט האָט זיך האַסטיק געהויבן און אַראָפּגעלאָזט, איר נאָז-לעכער האָבן געציטערט. זי האָט שנעל אַ פרעג געטון:

— זי איז טאַקע אַוועק?

— יאָ, ליידער! — האָט נאַגעל געענטפערט.

פויזע.

— פאַרוואָס זאָגט איר „לײדער״?
— הם! דאָס טאָרסטו נישט װיסן.
— כאַ כאַ כאַ! און איך האָב זיך עס נישט דערוווּסט! — גוט, און שפּעטער? נו, ווי מאָדנע דאָס איז!

— יאָ, אַצינד פאַרוואַנדלט זיך מײן נאַכט אין אַ צװיבער־מעשהלע, אַ רוײזן־רויטע דערינערונג. שטעלט זיך פאָר אַ העלע, העלע נאַכט... איך בין געװען אַליין; די פינסטערניש אַרום מיר איז געווען שווער און דיק, ווי סאַמעט. כ׳בין געוען מיד, מײנע קני האָבן געציטערט, כ׳בין געװען אַ ביסל צעמישט אויך. דער אײנפאַל פון אַ חסר־דעה, וואָס האָט מיך אַרומגעשלעפּט שעהן לאַנג אין פּײכטן גראָז, ווי עפּעס אַ בהמה, בלויז מיט זײן בליק און מיט זײן „קום! קום!״— האָט מיך שרעקלעך פאַרדראָסן. דאָס צווײטע מאָל וועל איך אים אַרויסרײסן די לאַמטערנע און אים אויסהאַקן די צײן! איך בין געװען שרעקלעך פאַרביטערט; פאַר בעם האָב איך פאַרויכערט אַ ציגאַר און זיך געלעגט שלאָפן. כ׳בין געלעגן אַ קורצע װײלע און האָב געקוקט אויפן פײער פון מײן ציגאַר; דאַן האָב איך געהערט, ווי מ׳האָט אונטן צוגעהאַקט די טיר — און אַלץ איז שטיל געוואָרן.

עס זענען פאַרבײ צען מינוט. שטעלט אײך פאָר: איך ליג אײנגאַנצן אויף מײן געלעגער און רויכער מיר מײן ציגאַר. מיט אַמאָל גײט דורך אַ גערויש דורך דער געװעלבונג, פּונקט ווי מען וואָלט אומעטום אין סופיט געעפנט קלײנע פענסטערלעך. איך שפּאַר מיך אָן אויפן עלנבויגן און לאָז אויסגײן מײן ציגאַר, כ׳קוק זיך אַרום אין דער פינסטער, אָבער איך זע גאָרנישט. ליג איך מיך ווידער אַוועק אויף אַן אָרט און איך האָרך זיך אײן, און מיר דאַכט זיך, ווי איך וואָלט געהערט ווײטע קלאַנגען, אַ וווּנדערלעך געזאַנג פון טויזנט שטימען, ערגעץ ווו אין דרויסן, אפשר גאָר טיף אויבן אונטערן הימל. אָבער טויזנטפאַכיק און שטיל. דאָס דאַזיקע שפּילן הערט זיך אָן אויפהער און ס׳קומט וואָס אַמאָל נענטער. און לסוף רוישט עס מיר שוין איבערן קאָפּ אויפן טורעם־דאַך. איך שפּאַר מיך אָן אויפן עלנבויגן, און פּלוצלינג לעב איך איבער עפּעס אַזעלכעס, וואָס באַרוישט מיך נאָך ביז

אויף היינטיקן טאָג, ווען איך דערמאָן זיך אָן דעם. מיט אַ מאָדנעם, יאָ מיט אַן איבערנאַטירלעכן געפיל פון גענוס: אַ שטראָם פון קליינע בלענדנדיקע ברואימלעך שווימט פלוצלינג אַראָפּ צו מיר; זיי זענען גאַנץ ווייט; מלאכים, מיריאַדן מלאכימלעך, וואָס לאָזן זיך אַרונטער פון אויבן, ווי אַ משופּעדיקע, ליכטיקע וואַנט. זיי פולן-אויס דאָס געוועלב, אפשר אַ מיליאָן ברואימלעך זענען פאַראַן. עס שווינדלט פון זיי פון די דילן ביזן סופית און זיי זינגען, זיי זינגען, און זיי זענען אינגאַנצן נאַקעט און ווייס. מיין האַרץ ווערט שטיל; אומעטום זענען דאָ די מלאכים, כ'הער זיך צו צו זייער געזאַנג, זיי רירן אָן מיינע וויעס און זעצן זיך אָן אויף מיינע האָר, און די גאַנצע געוועלבונג איז פול מיטן טייערן ריח, וואָס גייט אַרויס פון זייער מויל.

איך ליג אָנגעשפּאַרט אויפן עלנבויגן און שטרעק אויס מיין האַנט נאָך זיי, און עטלעכע פון זיי זעצן זיך אַרויף אויף איר. אויף מיין האַנט זעען זיי אויס ווי ציטערנדיקע זיבן-שטערן. אָבער איך בויג זיך אָן אויף פאָרנט און קוק זיי אַריין אין די אויגן, און איך זע, אַז זיי זענען בלינד. לאָז איך אָפּ די זיבן בלינדע און כאַפּ זיבן אַנדערע פון זיי, אָבער די זענען אויך בלינד. אַך, זיי זענען אַלע בלינד געווען. דער גאַנצער טורעם איז געווען פול מיט בלינדע מלאכים, וואָס האָבן געזונגען.

כ'האָב זיך קיין ריר נישט געטון; בעת איך האָב עס דערזען, איז מיר שיר דער אָטעם נישט פאַרהאַקט געוואָרן פון פּיין. און אַ פּיינלעכער ווי-געשריי האָט דורכגענומען מיין נשמה.

ס'איז אַריבער אַ מינוט. איך ליג און האָרך זיך צו און דערהער ערגעץ ווו פון דערווייטנס אַ שווערן, גראָבן קלאַפּ, כ'הער אים באַשיינפּערלעך, אַזוי שרעקלעך דייטלעך! ער האָט נאָך אָפּגעקלונגען אַ היפּשע ווײַלע נאָכדעם; ס'איז ווידער אַמאָל געווען דער שטאָט-זייגער, וואָס האָט געקלונגען. ס'האָט געקלונגען איינס אַ זייגער.

און פלוצלינג האָט דאָס מלאכים-געזאַנג אויפגעהערט. איך האָב געזען, ווי זיי האָבן זיך ווידער אויסגעשטעלט אין אַ סדר און אַוועקגעפלויגן; זיי האָבן זיך אַ לאָז געטון צום דאַך, זיך גע-

שטופט און געשטויסן, ער האָט גיכער אַרויסצופליען; זיי זענען געווען פעסט צונויפגעדריקט ווי אַ וואַנט פון הוילער ליכט, און בעת זיי זענען אַוועקגעפלויגן, האָבן זיי אַלע געקוקט צו מיר, דער לעצטער האָט זיך אויסגעדרייט און האָט נאָך אַמאָל אַ קוק געטון אויף מיר מיט זיינע בלינדע אויגן, איידער ער איז פאַרשווונדן געוואָרן.

דאָס איז מיין לעצטע ערינערונג, אַט דער מלאך, וואָס האָט זיך אומגעקערט און אַ קוק געטון אויף מיר. דערנאָך איז ווידער געוואָרן פינסטער. איך בין אַנידערגעפאַלן אויפן קישן און איינגעשלאָפן...

אַז איך האָב מיך אויפגעכאַפּט, איז שוין געווען אַ שטיק אויפן טאָג. איך בין נאָך אַלץ געווען אַליין אין געוועלבונג. מיינע קליידער זענען געלעגן נעבן מיר אויף דעם דיל; כ'האָב זיי אָנגענומען, זיי זענען נאָך געווען פייכטלעך, נאָר כ'האָב זיי דאָך אָנגעטון. מיטאַמאָל עפנט זיך די טיר, און דאָס מיידל פון נעכטן ביינאַכט איז ווידער אַריינגעקומען.

זי איז צוגעגאַנגען צו מיר זייער נאָענט, און איך האָב געזאָגט:

— דו ביסט אַזוי בלייך, שיינקייט. ווו ביסטו געווען די נאַכט?

— דאָרט אויבן.—זאָגט זי און ווייזט אַרויף צום טורעם-דאַך.

— וואָס-זשע, ביסט דען נישט געשלאָפן?

— ניין, כ'בין נישט געשלאָפן, כ'בין אויף געווען.

— אָבער האָסטו גאָרנישט געהערט קיין מוזיק די נאַכט? — האָב איך געפרעגט. — איך האָב געהערט אַן אומבאַשרייבלעכע מוזיק.

און זי האָט געענטפערט:

— יאָ, דאָס האָב איך געשפילט און געזונגען.

דו ביסט עס געווען? זאָג מיר, קינד, צי דו ביסט עס געוועזן.

— יאָ, איך בין עס געווען, — האָט זי געענטפערט — אָבער איצט קום, איך וועל דיך אַרויספירן אויפן וועג.

און מיר זענען ארויסגעגאנגען פון טורעם און האנט-ביי-האנט ארויס אין וואלד. די זון האט געשיינט אויף אירע גאלדענע האר, און אירע שווארצע אויגן זענען געווען הערליך. כ׳האב זי גענומען אין מיינע ארעמס און דריי מאל זי א קוש געטון אין שטערן; דאן בין איך געפאלן פאר איר אויף די קני, מיט ציטערנדיקע הענט האט זי אראפגענומען פון זיך א שווארצן באנד און ארומגעבונדן מיט אים מיין האנט; אבער בעת זי האט עס געטון, האט זי געוויינט און איז געווען שטארק גערירט. איך האב געפרעגט:

— פארוואס וויינסטו? אויב איך האב דיר עפעס געטון, טא לאז מיך איבער אליין.

אבער זי האט נאר געזאגט:

— קאנסטו זען די שטאט?

— ניין. — האב איך געענטפערט. — איך קאן נישט זען די שטאט. דו זעסט זי?

— שטיי אויף און לאמיר גיין ווייטער.

און מיר זענען געגאנגען ווייטער, מיטן זעלבן וועג, א בערגל אראפ, א בערגל ארויף; איך בין ווידער געבליבן שטיין און האב זי צוגעדריקט צו מיין ברוסט און געזאגט:

— א, ווי דו פילסט מיך אן מיט ליבע צו דיר, מיט גליק!

און זי האט אויפגעציטערט אין מיינע ארעמס, אבער נישט געקוקט אויף דעם, האט זי געזאגט:

— איצט מוז איך מיך אומקערן. דו קאנסט דאך שוין זען די שטאט?

— יא, — האב איך געענטפערט—דו זעסט דאך זי אויך, מסתמא?

— ניין. — האט זי געזאגט.

— פארוואס נישט? — האב איך געפרעגט.

זי האט געמאכט א טריט הינטערווייליקע און אויסגעשטעלט אויף מיר א פאר גרויסע אויגן. און איידער זי איז אוועקגעגאנגען, האט זי זיך טיף פארנייגט פאר מיר. אז זי איז שוין געהאט אפגעגאנגען א פאר טריט פון מיר, האט זי זיך נאך אמאל אויסגעדרייט און א קוק געטון אויף מיר.

אָבער איצט בין איך געוויר געוואָרן, אז אירע אויגן זענען אויך געווען בלינד.

איצט זענען פאַראַן צוועלף שעה, וואָס כ׳קאָן מיר וועגן זיי גאָר קיין רעכענונג נישט אָפּגעבן, וואָס זענען מיר איינפאַך ארויס פון זכרון. איך ווייס נישט, וווהין זיי זענען הינגעקומען. כ׳האָב זיך געריבן דעם שטערן און געזאָגט: עס זענען פאַראַן צוועלף שעה, זיי מוזן דאָ ערגעץ זיין אינעווייניק; זיי האָבן זיך בלויז באהאַלטן, און איך מוז זיי אויסזוכן. אָבער כ׳האָב זיי נישט געפונען.

ס׳איז ווידער אָוונט, א טונקעלער, מידער האַרבסט-אָוונט. איך זיץ מיר אין צימער און האַלט א בוך אין דער האַנט. איך לאָז אַראָפּ די אויגן — מיין בליק פאַלט אויף מיינע פיס; זיי זע-נען נאָך א ביסל נאַס; כ׳גיב א קוק אויף מיין האַנט, א שטיק שוואַרצער באַנד איז אַרומגעבונדן אַרום איר. בכן איז אַלץ ריכטיק.

כ׳קלינג אָן נאָכן דינסטמיידל און פרעג איר, צי איז ערגעץ דאָ אין וואַלד נישט וויים פאַראַן עפּעס א טורעם, א שוואַרצער אכט-קאַנטיקער טורעם? — דאָס מיידל שאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ.

—ס׳איז דאָ, הייסט עס א טורעם. און ס׳ווינען דאָרטן מענטשן אויך?

— יאָ, אַן אַלטער, אָבער ער איז קראַנק, ער איז משוגע; מען רופט אים דער „לאַמטערן-מענטש". דער לאַמטערן-מענטש" האָט א טאָכטער, און זי ווינט אויך אין טורעם; מער ווינט נישט דאָרטן קיינער. — שוין גוט. א גוטע נאַכט!

און איך לייג מיך שלאָפן.

און אויף מאָרגן אין דער פרי גיי איך אַוועק אין וואַלד; איך גיי מיטן אייגענעם וועג און זע די אייגענע בוימער און איך געפין אויך דעם טורעם. איך גיי צו צו דער טיר און דעריזע א בילד, וואָס טוט מיר א ריס ביים האַרץ: אויף דער ערד ליגט דאָס בלינדע מיידל, צעשמעטערט פון א פאַל, זי איז טויט, אין גאַנצן צעריסן. זי ליגט מיט אַן אָפן מויל, און די זון שיינט אויף אירע רויטע האָר. און אויבן אויפן שפּיץ דאַך פון טורעם פלאַ-טערט נאָך א שטיק פון איר קלייד, וואָס האָט זיך פאַרטשעפּעט און איז געבליבן הענגען; אָבער אונטן ביי דער טיר גייט אַרום דער נידעריקער אַלטער און נעמט קיין אויג נישט אַראָפּ פון דעם

טויטן קערפער. זיין ברוסט דריקט זיך אים צוזאמען, און ער שרייט אויפן גאנצן קול; אבער א חוץ דעם ווייסט ער גארנישט מער וואס צו טון, נאר ארומצוגיין ארום דעם מת, אנצוקוקן אים און צו שרייען. ווען זיין בליק איז געפאלן אויף מיר, בין איך פון שרעק אויפגעטרייסלט געווארן און איך בין אנטלאפן צוריק אין שטאט אריין. מער האב איך אים שוין נישט געזען...

— פרייליין דאס איז מיין מעשהלע.

נאגעל איז אנטשוויגן געווארן.

א שפארע ווייל נאכדעם האבן זיי ביידע קיין ווארט נישט אויסגערעדט. דאגני איז געגאנגען זייער פאמעלעך און האט גע-קוקט פאר זיך אויפן וועג. לסוף האט זי זיך אפגערופן:

— גאט, וואס פאר א וואונדערלעך מעשהלע.

ווידער איז אריינגעשוועמען א שטילשווייגן. א פאר מאל האט נאגעל געפרוווט איבערשלאגן די שטילקייט; ער האט געמאכט א באמערקונג וועגן דעם טיפן פרידן, וואס הערשט דא אין וואלד, אבער דאגני האט נישט געענטפערט. ענדלעך האט ער זיך צע-לאכט הויך אויפן קול און געזאגט:

— ס'איז דאך שוין א מעשה מיט אכט יאר צוריק. עס האט דאך נישט געטראפן היינט. איר פילט ווי דער וואלד שמעקט דא? מייערע, לאמיר זיך דא אביסל אנידערזעצן.

זי האט זיך אנידערגעזעצט; זי איז נאך אלץ געווען שטיל און באהערשט פון געדאנקען, און ער האט זיך אנידערגעזעצט לעבן איר.

— טראכט איר נאך וועגן דעם מעשהלע?

— יא.

ער האט נאכאמאל באמערקט, אז דאס איז דאך שוין צו לאנג געשען, כדי זיך צו פארנעמען דערמיט, און אחוץ דעם איז עס גארנישט אזוי אומהיימלעך, נישט אמת? ניין, זי וואלט שוין גע-מעגט הערן, וואס פארא מעשהלעך די מענטשן פון די טראפישע לענדער דערציילן! ער האט זיי אפט געהערט און אים איז יעדעס מאל אריבער א קאלטער שוידער איבער די ביינער.

— ניין, אייער געשיכטע איז נישט אומהיימלעך: — האט זי

געזאָגט. — נאָר ווּנדערלעך, מאָדנע. יאָ, איך דאַנק אייך דערפאַר.

און גליקלעך צוליב דעם, וואָס זי איז ווידער רעדעוודיק געוואָרן, האָט ער זיך פּונסניי פונאַנדערגעטרעדט מכּוח דעם, וואָס די מענטשן דאָרט אין די וואַרעמע לענדער זענען בכּוח צו דער־ציילן. פּרוווט נאָר קומען קיין ציילאָן, אין דעם אַלטן טאַוריאַפּאַרני; קומט נאָר אין די בערג, אין די ווילדער ביי מעהאַווילא, וועט איר דאָרטן הערן מעשהלעך. זיי פאַרכאַפּן ממש דעם אָטעם! דאָרט טרעפט מען זיך צונויף מיט איינעם פון די עלטסטע פעל־קער אין דער וועלט, דער אורשטאַם פון ציילאָן. זיי לעבן דאָס צרהדיקסטע לעבן, פאַריאָגט אין די ווילדער דורך די סינגאַלעזן און דער אייראָפּעישער באַנדע; אָבער דערציילן קאָנען זיי! מעשיות וועגן ברילאַנטן־היילן, וועגן די בערג־פּרינצן, וועגן פאַר־פירערישע ים־שיינהייטן, וועגן גייסטער פון דער לופט און פון דער ערד, וועגן פּאַלאַצן פון פּערל א. א. וו. אָט דאָס פאָלק איז אַ פאָלק מיט אַ גורל, מיט ווּנדערלעכע טראַדיציעס, יעדערער פון זיי פילט זיך, ווי ער שטאַמט אָפּ און איז אַ יורש פון די דאָזיקע גרעסטע לעגענדן־מלכים. זיי שטייען פאַרן פרעמדן אָנגעטון אין שמאַטעס, אָבער בעת זיי רעדן, צווינגען זיי אים פונדעסטוועגן אַראָפּצולאָזן פאַר זיי די אויגן. מיט אַ באַזונדערער ליבשאַפט שיל־דערן זיי די מיסטישע, די גרויסע און זעלטענע ווּנדערבאַרע זאַכן; דער עיקר האָבן זיי קיין גלייכן נישט צו זיך אין דער פאַר־שטעלונג פון אומגעהויערע דמיונות, היץ־געשטאַלטן פון אַ משוגע־נעם מוח. זייער לעבן איז באַלד פון אָנהויב אָן געווען אַ לעבן אין אַ וועלט פון משלים און ווּנדערלעכע מעשהלעך. און מיט דער גרעסטער לייכטקייט רעדן זיי מכּוח די ווילדע פאַרכישופטע פּאַלאַצן הינטער די בערג, וועגן די שטומע גוואַלטיקע כּוחות אין די וואָלקנס, וועגן דעם גרויסן כּוח, וואָס רעגירט דאָרט אויבן אין וועלטאַל און קייטשטערן. אָבער דאָס אַלץ קומט דערפון, וואָס אָט די מענטשן לעבן אונטער אַן אַנדער זון און עסן פרוכטן אַנשטאָט האָבער־גריץ!

דאַגני האָט זיך צעלאַכט. זי האָט עפּעס געהאַט צו זאָגן קעגן דעם. וואָסזשע, האָבער־גריץ איז דען אַ שלעכטער מאכל?

האָבן מיר דען אַליין אויך נישט די שענסטע מעשהלעך? אַס־ביערנסען למשל.

ער האָט זיך צעקאָכט. אוודאי, אוודאי איז האָבעד־גריג אַן אויסגעצייכנטער מאכל אין אַ לאַנד, ווו ס'איז נישטאָ קיין זון; ווער וועט זיך דען איינשטעלן עס אָפּצולייקענען? אָבער די זון? האָט זי אַ באַגריף פון אַ זון, וואָס קאָן ברענען אומגעהויער שטאַרק, אַ זון, וואָס שוימט און רוישט פאַר גרויס ליכט? און די לעגענדן, די מעשהלעך פון די הויכע בערג, יאָ, די וואַסער־גייסט־מעשהלעך, אָט די אומגעלומפּערטע באַשעפעניש פון אַ פאַנטאַזיע אין לעדערנע הויזן, וואָס זענען אויסגעטראַכט געוואָרן אין פינסטערע ווינטער־נעכט, אין באַטעס, ווו דאָס אייל־לעמפּל איז אַראָפּגעהאָנגען פון דער סטעליע. צי האָט זי אַמאָל געלייענט „טויזנט און איין נאַכט"? נו, אָבער אָט די מעשהלעך פון דעם גודבראַנדסטאָל, אָט די טרויעריקע, פויערשע פאַנטאַזיע וואָס גייט צופוס — יאָ, זי געהערט צו אונז, דאָס איז אונזער גייסט; מילא בעסער אויסצוקלערן זענען מיר נישט מסוגל, מיר האָבן זיך אויסגעבאָרגט אביסל שטאָט ביי אַנדערע, צונויפגענומען אַ שטיקל דאָ, אַ שטיקל דאָרט. ווי? נו יאָ, די מעשהלעך פון צפון־לאַנד, זענען זיי דען נישט אַזוי? רופן זיי דען נישט אַרויס די זעלבע שטימונג, ווי מען וואָלט געהערט אַ פישער אַרויפקומענדיק פון שיפל, די גרויסע שטיוול פול מיט ים־וואַסער? מער האָט זיך אונז נישט איינגעגעבן אַרויסצובאַקומען פון דער רויער, מיסטישער שיינקייט פונם ים. פאַר דעם אָריענטאַלישן, פאַר דעם מזרח־מענטשן, וואָלט אַזאַ מין יאַכט פון צפון־לאַנד געווען אַ לעגענדאַרע שיף, אַ שיף פון גייסטער. צי זי האָט שוין אַמאָל געזען אַזאַ יאַכט? ניין? זי זעט אויס, גלייך ווי זי וואָלט געהערט צו אַ באַשטימטן לעבעדיקן מין, אַזוי ווי זי וואָלט געווען אַ גרויסע, הויבלעכע חיה. דער שנאָבל הויבט זיך אויף אין דער לופטן ווי אַ האָרן, וואָס קאָן אַראָפּ באַשווערן די פיר ווינטן. אָבער כדי דאָס צו זען, מוז מען האָבן אַן אַנדער מין ליכט, און כדי דאָס איבערצוגעבן, דאַרף מען האָבן אַ מוח, וואָס זאָל שיר נישט פּלאַצן פון משוגעת. ניין, די מעשה איז דאָס, וואָס די זון שיינט דאָ נישט; די נאָרוועגישע זון

איז א לבנה, א לאמטערנע, וואָס גיט דעם נאָרוועגיער העכסטנס די מעגלעכקייט אונטערצושיידן שוואַרץ פון ווייס. יאָ, א באַמערקונג. דאָס איז חלילה נישט קיין פאָרוואָרף. ס'איז בלויז די באַשיידענע מיינונג פון אן אגראָנאָם איבער א געאָגראַפישע דערשיינונג.

— איך פאַרשטיי אייגנטלעך נישט, וואָס מיט אייך קומט פאָר. — האָט זי געזאָגט. — און איך מוז באמת לאַכן, ווען איך טראַכט וועגן דעם. ס'זעט אויס, ווי וועגן וואָס מען זאָל נישט רעדן, זענט איר אין יעדער פראַגע און אַנטקעגן יעדן איינעם א קעגנער. צי ס'גייט וועגן גלאַדסטאָנען, צי וועגן פאָדאַגראַ-קייטן, אָדער מעשהלעך, אומעטום זענט איר דער לעבעדיקער היפוך צו אַלצדינג, וואָס מענטשן זאָגן. נו, אָבער דאָס איז אזוי אינטערעסאַנט, אז איך בעט אייך, רעדט ווייטער, רעדט ווייטער, זאָגט נאָך עפּעס! כ'וויל עס אזוי גערן! ווי איז, למשל, אייער מיינונג וועגן דער פאַרטיידיקונג פון לאַנד?

דאָס גאַנצע בלוט האָט אים א זעץ געטון אין פּנים אריין, און ער האָט אראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. ווי האָט דאָס דאָזיקע מיידל מיט אזעלכע בלויע אויגן אים געקאָנט מאַכן צום נאַר? אן אַנדערש מאָל — זאָל זיין! אָבער אין אזא שיינער נאַכט, אין אזא טיפער שטילקייט! זייער מבולבל האָט ער דעריבער געזאָגט:

— די פאַרטיידיקונג פון לאַנד? פאַרטיידיקונג פון לאַנד? וואָס מיינט איר דערמיט?

— איך פאַרזיכער אייך, אז ס'איז מיר נאָר גלאַט אזוי איינגעפאַלן, — האָט זי האַסטיק געזאָגט און איז אויך רויט געוואָרן. — איר דאַרפט נישט נעמען פאַר אומגוט. די מעשה איז אזוי: מיר ווילן אָרגאַניזירן א פאַרוויילונג, אן אָוונט-פייערונג לטובת דער פאַרטיידיקונג פון לאַנד. דאָס איז מיר גראָד אין דער רגע אַרויף אויפן רעיון.

פּויזע. פּלוצלינג גיט ער א קוק אויף איר, און זיינע אויגן שטראַלן.

— איך בין היינט אָוונט גליקלעך, מוז איך אייך זאָגן. און דעריבער האָב איך אפשר צופיל געפּלוידערט; אָבער איר זענט דאָך מיר מוחל, נישט אמת? מיינט איר נישט יעדנפאַלס, אז דאָס

מעשהלע, וואָס איך האָב אייך דערציילט, איז נישט אזוי שיין? אַן אַנדערש מאָל וואָלט איך עס אפשר בעסער דערציילט, אפשר אַ ביסל בעסער, כ׳ווייס נישט; נאָר היינט אָוונט בין איך געווען צו פריילעך, כּדי צו קאָנען שטיין אויף דער סאַמער הויך פון מיין אויפגאַבע. איך פריי זיך מיט אַלצדינג, מיט יעדער קליינ־קייט; אָבער דער עיקר פריי איך זיך, וואָס איך האָב דאָס גליק צו זיין מיט אייך צוזאַמען; יאָ, איך בין אייך אַזוי האַרציק, אַזוי האַרציק דאַנקבאַר, איר מעגט עס מיר גלויבן; אָבער דערצו בין איך אַזוי פריילעך, ווייל מיר דאַכט זיך, אַז דאָס איז די שענסטע נאַכט, וואָס איך האָב ווען געהאַט אין מיין לעבן. איך באַגרייף עס נישט. איך פיל עפּעס, אַזוי ווי איך וואָלט געווען אַ טייל פון דעם דאָזיקן וואַלד אָדער פון דעם דאָזיקן פעלד, דער צווייג פון אַ סאָסנע, אָדער עפּעס אַ שטיין, פון מיינעטוועגן אויך אַ שטיין, נאָר אַ שטיין, וואָס איז דורכגעדרונגען פון אָט דעם גאַנצן צערטלעכן ריח און פון דער שלווה, וואָס נעמט אונז אַרום. זעט נאָר דאָרט, אַך, זעט נאָר! ס׳טאָגט שוין. איר זעט דעם זילבערנעם פּאַס? איז דאָס נישט הערלעך?

ביידע האָבן זיי געקוקט צו דעם ווייסן פּאַס אויפן הימל; דערנאָך האָט זי ווידער אַ קוק געטון אויף אים און געזאָגט:

— יאָ, אויב איר מיינט, אַז איך בין אייך אויך נישט דאַנק־באַר היינט אָוונט, האָט איר אַ טעות.

און זי האָט עס געזאָגט, הגם זי איז, אייגנטלעך, נישט גע־ווען געצוווּנגען. ווי דאָס זאָגן וואָלט איר פאַרשאַפט נחת רוח. נאַגעל האָט איר אויפמערקזאַם אַריינגעקוקט אין פּנים און אויסגערופן:

— איר? באמת? ווי גליקלעך איר מאַכט מיך! יאָ, אָט די נאַכט וועל איך קיינמאָל נישט פאַרגעסן! זאָל איך אייך ווייזן אַ קונץ, וואָס איך קען, מיט אַ שטרוי און אַ צווייג, ווי אַזוי דער שטרוי ווערט שטאַרקער ווי דער צווייג? כ׳וואָלט אַזוי גערן גע־וואָלט טון אַלצדינג, וואָס וועט אייך אפשר געפעלן ווערן, בלויז צוליב דאַנקבאַרקייט, כּדי אייך צו ווייזן מיין איבערגעגעבנקייט. אָבער לאָמיר בעסער פלוידערן, דאָס איז בעסער. אַה, היינט איז יאָהאַנים נאַכט! ליבסטע, איז עס נישט באַרוישנדיק שיין? טוט נאָר אַ קוק דאָרט. לאָמיך אייך נאָר אָנווייזן אויף דער קלענסט ר

זאך, וואס מאכט אויף מיר אן איינדרוק; אט דער אפגעזונדער-טער וואכאלדער-בוים, וואס שטייט דארט, זעט נאר, ווי ער בויגט זיך צו אונז און זעט אוים אזוי גוט. און פון סאסנע צו סאסנע ציט די שפין איר געוועב; ס'זעט אוים ווי זעלטענע, כינעזישע ארבעט, ווי זונען אויסגעשפונען פון וואסער. ס'איז דאך אייך נישט קאלט, ווי? איך בין זיכער, אז ווארעמע, שמייכלענדיקע שרעטעלעך טאנצן איצט ארום ארום אונז; אבער נישט געקוקט דערויף וועל איך אנלייגן א פייער, אויב אייך איז קאלט; זאל איך... הערט, עס פאלט מיר גראד איין: דא נישט ווייט, דאכט זיך, האט מען געפונען קארלסענען?

מיט אן אויסדרוק פון צארן אויף איר שיין פנים האט זי זיך א כאפ געטון און געזאגט:

— אוי, ניין, לאמיר נישט רעדן פון אים! לאמיר אים לאזן צורו, איך בעט אייך! אך, וואס פאר אן אומזין!

ער האט ווידער געבעטן, זי זאל אים מוחל זיין און גע-וואלט פארגלעטן זיין פעלער.

— מ'זאגט, אז ער האט אייך אזוי שטארק ליב געהאט — און דאס פיל איך אים מיט...

— מיך ליב געהאט? יא, א ביסל אפשר, זאגט מען דען נישט אויך, אז ער האט זיך צוליב מיר גענומען דאס לעבן, מיט מיין מעסערל? מילא, מיר וועלן שוין גיין!

זי איז אויפגעשטאנען. זי האט גערעדט מיט א טרויעריקער שטים, אן פארלעגנהייט, אן הינטער-געדאנקען. ער איז געווען שטארק פארחידושט. זי האט געוווסט, אז זי האט געברענגט איי-נעם פון אירע ליבהאבער צום זעלבסטמארד און האט פונדעסט-וועגן נישט געמאכט דערפון קיין שום וועזן, האט נישט געלאכט דערפון, אבער אויך נישט אויסגענוצט עס, זיך צו באריימען דער-מיט; זי האט בלויז גערעדט דערפון, ווי וועגן א טרויעריקע גע-שעעניש, און מיט אמאל איז זי אינגאנצן אנטשוויגן געווארן. ווי ריין און שיין איז זי געווען, בעת זי איז דא אזוי געגאנגען! די לאנגע, העלע האר זענען איר אראפגעפאלן איבער דעם קאלנער פון איר קלייד. און אירע באקן האבן געהאט א ווארעמע, פרישע

פארב, וואָס אויף זיי איז געלעגן אַ הויך, אַזוי ווי פונם טוי פון דער נאַכט. ווען זי איז געגאַנגען, האָבן זיך אירע הויכע היפּטן גאַנץ לייכט געוויגט.

זיי זענען אַרויסגעקומען פון וואַלד. אַ העלער ליכטיקער פּלאַץ איז געלעגן פאַר זיי, אַ הונט האָט געבילט, און נאָגעל האָט זיך אָנגערופן:

— אָט איז שוין דער פּאַסטאָר־הויף. ווי שיין און הרחבהדיק ער זעט אויס; אָט די גרויסע, ווייסע געביידעס מיטן גאָרטן און מיט דער הונט־בודע און מיט דעם פאָן שטאַנג, אין סאַמע מיטן פונם געדיכטן וואַלד! גלויבט איר נישט, פרײַלין, אַז ס'וועט זיך אײַך ווידער בענקען אַהער, ווען איר וועט אַמאָל אַוועקפאָרן פון דאַנען, איך מיין, ווען איר וועט חתונה האָבן? נו, עס ווענדט זיך אָבער אָן דעם, ווו איר וועט וווינען.

— איך האָב נאָך וועגן דעם נישט געטראַכט, — האָט זי גע־זאָגט. און שפּעטער האָט זי צוגעגעבן: — קומט די צייט, קומט דער ראָט.

— קומט די פרייער! — האָט ער אויסגעבעסערט.

זי האָט אַ מאַך געטון מיט דער האַנט און געענטפערט אַביסל אומגעדולדיק:

— ניין, אַצינד זענט איר שוין נישט פרײַלעך. ווי שפּעט איז שוין?

— אַרום צוויי.

— הערט זשע, — האָט זי געזאָגט — איר דאַרפט זיך נישט וווּנדערן, וואָס איך גיי אַרום אַזוי שפּעט בײַנאַכט. מיר טוען אַלע מאָל אַזוי. מיר זענען דאָ אַלע פרייען, נאַטור־קינדער. דער אַד־יונקט און איך פלעגן מיר דאָ אָפט אַזוי אַרומגיין ביז אין ווייסן טאָג אַריין.

— אָבער ווער האָט געפירט צווישן אײַך דעם שמועס? אויף מיר האָט דער אַדיונקט געמאַכט אַן אײַנדרוק, אַז ער איז אַ מענטש, וואָס רעדט נישט קיין סך.

— ניין, ס'רוב האָב איך גערעדט. דאָס הייסט, איך האָב געפרעגט און ער האָט געענטפערט. איר ווייסט דאָך גאַנץ גוט,

מען האָט דאָך אַזוי פיל צו פרעגן. מילא, דאָס קומט נישט אַהער. וואָס וועט איר טון איצט, ווען איר וועט קומען אַהיים?

— ווען איך וועל קומען אַהיים? איך וועל זיך לייגן און שלאָפן ביז—יאָ, ביז מיטאָג-צייט, כ'שלאָף ווי א געהרגעטער, ווי א שטיין, איך כאַפּ זיך נישט אויף, האָב נישט קיין חלומות. וואָס טוט איר?

— אָבער איר טראַכט גאָרנישט? ליגט איר נישט אַ שטיק צייט אויף דעם בעט און טראַכט נישט וועגן אַלערליי זאַכן? וואָס-זשע. איר שלאָפט תיכף איין?

— גלייך ווי איך לייג זיך. איר נישט?

— הערט, דאָ זינגט שוין א פויגל. ניין, ס'מוז שוין זיין שפּעטער, ווי איר זאָגט; ווייזט מיר נאָר אייער זייגער. אָבער, ג־ווייסער גאָט, ס'איז שוין דריי, כמעט פיר! פאַרוואָס האָט איר געזאָגט, אַז ס'איז ערשט צוויי?

— זייט מיר מוחל. — האָט ער געזאָגט.

זי האָט אים אָנגעקוקט, בדיעבד נישט מיט כעס, און דאַן האָט זי געזאָגט:

— איר האָט מיר נישט געדאַרפט זאָגן קיין ליגן, כ'וואָלט אַזוי אויך געבליבן מיט אייך ביז איצט אין דרויסן; איך זאָג דאָס, וואָס איך מיין. איך האָף, אַז איר פאַרשטייט מיך און איר לייגט נישט אַריין אין מיינע ווערטער מער ווי זיי באַדייטן. איך האָב דאָ נישט קיין סך פאַרגעניגנס, און כאַפּ מיך אָן מיט ביידע הענט אין דעם ביסעלע, וואָס ס'מאַכט זיך. אַזוי בין איך געוווינט געוווען צו לעבן, זינט מיר זענען דאָ, כ'גלויב נישט, אַז דאָס האָט וועמען עס איז געקאָנט אַמאָל פאַרשאַפן קרענקונג. יעדנפאַלס ווייס איך נישט דערפון. און עס איז מיר אַלץ איינס; מיין טאַטע זאָגט, יעדנפאַלס, גאָרנישט וועגן דעם, און דאָס איז פאַר מיר גענוג. קומט, מיר וועלן גיין נאָך אַביסל.

זיי זענען פאַרבייגעגאַנגען דעם פּאַסטאָר-הויף און ווידער אַריין אין וואַלד. די פויגלען האָבן געזונגען; דער ווייסער פּאַס אין מזרח איז געוואָרן ברייטער און ברייטער. דער שמועס איז

שוין איצט נישט געווען לעבעדיק און האָט זיך געפירט וועגן גלייבגילטיקע זאַכן.

— ביי אייך אין שטוב לייענט מען, מסתמא, זייער פיל? — האָט ער געזאָגט.

זי האָט געענטפערט:

— פון וואַנען ווייסט איר דאָס?

— כ'האָב עס געהערט, כ'ווייס אויך, אַז אייער פאָטער האָט ביכער פון טורגעניעוו און גאַרבאָרג, דאָס איז אַ גוטער סימן.

— יאָ, טורגעניעוו, איז ער נישט ווונדערלעך? מינוט האָט שוין, הייסט עס, ווידער געפלוידערט; פון קיין אַנדערן האָט איר עס נישט געקאָנט הערן. יאָ, מיר לייענען אַ סך. דער טאַטע לייענט שטענדיק. ער האָט אַזוי פיל ביכער. ווי איז אייער מיינונג וועגן טאָלסטאָי?

— גוט, פאַרשטייט זיך, טאָלסטאָי איז אַ גרויסער און מערקווירדיקער מאַן.

אָבער פּלוצלינג האָט זי זיך אַזוי צעלאַכט, אַז ס'האָט אָפּגעקלונגען איבערן גאַנצן וואַלד, און זי האָט אים איבערגעשלאָגן די רייד:

— ניין, איר גייט איצט ווידער זאָגן עפּעס, וואָס איר מיינט נישט; כ'דערקען עס שוין אָן אייער פּנים. איר האַלט גאָרנישט פון טאָלסטאָיען.

— הם! דאָס הייסט... ניין, לאָמיר בעסער נישט ווידער קומען צו חלוקי דעות, וואָרום איך וועל נאָך ווערן לאַנגווייליקער ווי שטענדיק. איך האָב נישט דאָס גליק מסכּים צו זיין מיט אַלעמענטשן, און איך וואָלט זיי זייער נישט געוואָלט נמאס ווערן. וואָס איז אייער אייגענע מיינונג פון טאָלסטאָיען?

— איצט זענט איר שוין נישט פריילעך. איצט זענט איר שוין טאַקע אויף אָן אמת נישט פריילעך. יאָ, יאָ, לאָמיר זיך אומקערן, שטיל, ביסק, כ'גיי שוין צוריק! — האָט זי אַ געשריי געטון צום הונט, וואָס האָט זיך געהאָרפּן און געריסן אויף דער קייט.

— אָפּן גערעדט, — האָט ער געענטפערט — ווען איך זאָל

אייך וועלן זאָגן, ווי פריילעך איך בין, און פאַרוואָס איך בין אזוי פריילעך, וואָלט איר ווידער אנטלאָפן פון מיר, און דאָס דאַרף נישט געשען. דערלויבט מיר עס צו האַלטן ביי זיך...

און ווידער האָט זי אים איבערגעריסן.

— נו, יאָ, פאַרשטייט זיך... יאָ, יאָ, ס'איז געווען אַן אָנגענעמער אָוונט. אָבער איצט מוזט איר דאָך זיין אוודאי שטאַרק מיד? אַלזאָ, אַ דאַנק אייך פאַר אייער באַגלייטונג! נאָר זעט, כ'האָב שיר נישט פאַרגעסן, מיין שירם דאַרפט איר נישט מיטנעמען: ס'וואָלט געווען אַ שיינע געשיכטע, ווען איר נעמט אים מיט. האַהאַהאַ!

זי איז שוין געווען ביי דער טיר. פלוצלינג האָט זי זיך נאָכאַמאָל אויסגעדרייט און געזאָגט:

— צוליב גאָר אַן אַנדער סיבה איז אויך גוט, וואָס איך האָב אייך היינט ביינאַכט געטראָפן; אַצינד וועל איך דאָך האָבן עפּעס צו דערציילן מיין חתן, ווען איך וועל שרייבן צו אים. כ'וועל אים זאָגן, אַז איר זענט אַזאַ מענטש, וואָס שטימט נישט איין מיט קיינעם אין קיין שום פּרט. ער וועט זיך געוויס שרעקלעך וווּנדערן. מיר דאַכט זיך, ווי איך וואָלט אים שוין געזען פאַר די אויגן, ווי ער גריבלט זיך איבערן בריוו און קאָן עס נישט תופס זיין. ער איז דאָך אַזאַ האַרציק-גוטער; גאָט, וואָס פאַראַ גוטער ער איז. ער שפּאַרט זיך נישט מיט קיינעם. יאָ, איר מעגט מיר גלויבן, ער איז אַ ווילער בחור. אַ שאָד, וואָס איר וועט זיך נישט זען מיט אים אין דער צייט, וואָס איר וועט דאָ זיין. אַ גוטע נאַכט!

און נאַגעל האָט געענטפערט:—אַ גוטע נאַכט, אַ גוטע נאַכט— און נאָכגעקוקט איר ביז זי איז אַריין שטוב.

דאָס איז געווען אַלץ, וואָס זיי האָבן גערעדט די גאַנצע נאַכט. נאַגעל האָט אַראָפּגענומען זיין היטל און געטראָגן עס אין דער האַנט, בעת ער איז דורכגעגאַנגען דעם וואַלד. ער איז געווען אומגעהויער פאַרטראַכט; עטלעכע מאָל איז ער געבליבן שטיין און אויפגעהויבן די אויגן, געקוקט אַ ווײַלע פאַר זיך און דערנאָך מיט לאַנגזאַמע, קליינע טריט איז ער אַוועק ווייטער מיט

א שמייכלענדיקער, פרײלעכער מינע. וואס פארא שטימע, זי פאר־מאגט עס! האט מען עס שוין אמאל געהערט? א שטימע, וואס אין איר ציטערט געזאנג; ווי זי האט עס אים פארכישופט; אט דאס דאזיקע ליכטיקע באשעפעניש!

IX

אויף מארגן מיטאג־צייט.

נאגעל האט זיך נאר וואס געהאט אויפגעהויבן און, נישט עסנדיק קיין פרישטיק, איז ער ארויס אין גאס. ער איז שוין גע־ווען ווייט אונטן אין דער שטאט; דער ליכטיקער טאג און דאס באוועגלעכע לעבן אויף דעם לאנדונגס־בריק האבן אים שטארק צוגעצויגן. מיטאמאל האט ער זיך געווענדט צו א מענטשן און זיך נאכגעפרעגט ביי אים אויף דעם ביורא פון דעם לאנד־ריכ־טער; דער מענטש האט אים געגעבן דעם אדרעס, און נאגעל איז תיכף געגאנגען אהין.

ער האט אנגעקלאפט און איז אריין. ער איז פארביי א פאר מענטשן, וואס זענען געזעסן און געשריבן, צוגעגאנגען צום לאנד־ריכטער ריינערט, און ער האט אים דערקלערט, אז ער האט עפעס צו רעדן מיט אים אונטער פיר אויגן — ס׳וועט לאנג נישט דויערן. דער לאנד־ריכטער האט זיך אויפגעהויבן א ברוגז־לעכער און איז אריין מיט אים אין א זייטיק צימער.

און נאגעל האט געזאגט:

— כ׳בעט אייך מיר צו אנטשולדיקן, וואס איך קום אייך הײַנטיקע פארדרייען א קאפ מיטן זעלבן ענין; ס׳האנדלט זיך וועגן דער געשיכטע מיט מינוטן, ווי איר שטויסט זיך אן, מסתמא. איך בעט אייך דא מחילה.

— איך באטראכט דעם דאזיקן סיכסוך פאר געענדיקט. — האט דער לאנד־ריכטער געענטפערט. — יאהאניס־אוונט האט איר זיך אנטשולדיקט פאר מיר אין די אויגן פון א גאנצער געזעלשאפט. דאס איז גענוג פאר מיר. איך פארלאנג מער גארנישט.

— זעט איר, דאָס איז אומגעהויער שיין פון אייער זייט, — האָט נאַגעל געזאָגט — באמת שיין, און כדי עס צו באַטאָנען, חזר איך אַ דריטן מאָל איבער, אַז דאָס איז שיין פון אייך. העע! אָבער איך בין נישט צופרידן מיט דער זאַך ווי זי איז, הער לאַנד־ריכטער. דאָס הייסט, איך בין צופרידן, אויף וויפל דאָס האָט אַ שייכות מיט מיר גופא, אָבער נישט דערמיט, וואָס האָט צו טון מיט מינוטן. כ'וואָלט געוואונטשן, איר זאָלט אַליין איינזען, אַז אויך מינוט דאַרף באַקומען זיין באַפרידיקונג, יאָ, אַזאַ מענטש, ווי איר, וועט עס אים געוויס געבן.

— וואָס זשע, איר מיינט אפשר, איך זאָל גיין בעטן אַט דעם תם, ער זאָל מיר מוחל זיין פאַר די פּאָר המצאות, וואָס איך האָב געמאַכט — דאָס מיינט איר? זייט אַזוי גוט, צי וואָלט נישט געווען בעסער פאַר אייך, צו זאָרגן וועגן אייערע אייגענע עסקים, און נישט...

— יאָ, יאָ, יאָ, יאָ, דאָס איז גוט געזאָגט! אָבער דאָ זענען מיר צוגעקומען צו דער עיקר־זאַך: איר האָט מינוטן צעריסן דעם רעקל און אים צוגעזאָגט אָפּצוגעבן אַן אַנדערן. געדענקט איר עס נאָך?

— נו, מוז איך אייך שוין זאָגן: איר שטייט אין אַן עפנטלעכער ביוראָ און פּלוידערט וועגן אַ פּריוואַטער זאַך, וואָס גייט אייך גאָרנישט אָן. דאָ בין איך באַלעבאָס. איר דאַרפט נישט גיין צוריק דורך דער ביוראָ. איר וועט געפינען די גאַס דורך דער טיר אויך.

ביי די רייד האָט דער לאַנד־ריכטער געעפנט דאָס טירל.

נאַגעל האָט זיך צעלאַכט און געזאָגט:

— נו—נו— איר שרעקט מיך נישט איבער; ניין, כ'מיין עס ערנסט, איר מוזט תיכף אויפן אָרט אָפּשיקן דאָס רעקל, וואָס איר האָט צוגעזאָגט מינוטן. ער דאַרף עס האָבן, דאָס ווייסט איר דאָך, און ער האָט אייך געגלויבט אויפן וואָרט.

דער לאַנד־ריכטער האָט אויפגעמאַכט די טיר און געזאָגט:

— זייט אַזוי גוט.

— מינוט האָט דאָך אַנדערש נישט געמיינט, נאָר אַז איר

זענט אן ערלעכער מאן, — האט נאגעל ווייטער געטענהט — און איר טארט אים אזוי געמיין נישט אפנארן.

אבער איצט האט דער לאנד-ריכטער געעפנט די טיר צו דעם בירוא און א רוף געטון פון דארטן די צוויי מענטשן, נאגעל האט א הויב געטון זיין היטל אין דער לופטן און איז גלייך ארויס. ער האט מער קיין ווארט נישט געזאגט.

ווי שלימזלדיק דאס איז אפגעלאפן! ס'וואלט שוין געווען א סך בעסער, ווען ער וואלט גארנישט אריין צו אים. נאגעל איז אוועק אהיים, האט געפרישטיקט, געלייענט די צייטונג און זיך א ווילע געשפילט מיטן הונט יאקאבסען.

נאכמיטאג האט ער פון זיין צימער געזען, ווי מינוט טראגט א זאך און שלעפט זיך איבער דעם שלעכטן שטיינערדיקן וועג פון האפן. ס'איז געווען א זאק מיט קוילן. ער איז געגאנגען שטארק איינגעבויגן און האט נישט געקאנט זען, וואס ס'טוט זיך פאר זיינע אויגן, מחמת די משא האט אים אראפגעדריקט ביז דער ערד. ער איז געווען אזוי שוואך אויף די פיס און איז געגאנגען אזוי קרום, אז זיינע הויזן זענען ביים אינעווייניקסטן ראנד געווען אין גאנצן צעריסן. נאגעל איז אים אנטקעגן געגאנגען און האט אים געטראפן אונטן ביי דער פאסט, ווו ער האט זיך א ווילע אפגערוט מיטן זאק.

זיי האבן זיך פארנייגט איינער פארן אנדערן, און ווען מינוט האט אויפגעהויבן דעם קאפ און איז געבליבן שטיין גלייך, האט זיך זיין לינקער אקסל טיף אראפגעלאזט. נאגעל טוט אים פלוצלינג א כאפ-אן ביי אט דעם אקסל, און אן שום הקדמה, נישט אפלאזנדיק אים, זאגט ער מיט זייער אן אויפגערעגטן טאן:

— האט איר עפעס אויסגעפלוידערט וועגן דעם געלט, וואס איך האב אייך געגעבן, פאר וועמען עס איז גערעדט וועגן דעם?

מינוט איז געבליבן שטיין א צעמישטער און האט געענטפערט:

— ניין, דאס האב איך נישט געטון.

— הערט אויס, וואס איך וועל אייך זאגן, — קאכט זיך ווייטער נאגעל און ווערט בלייך פאר אויפרעגונג — קוים דערהערט

איר זיך צו פלוידערן װעגן די פּאָר שילינג, װעל איך אייך דער־הרגנען אויף טויט — אויף טויט! איך שווער ביי גאָט! איר פאַר־שטייט װאָס איך זאָג? און אויך דער פעטער אייערער זאָל האַלטן דאָס מויל.

מינוט איז געשטאַנען מיט אַן אָפענעם מויל און געפּרוּווט אַרויסשטאַמלען אַ װאָרט: ער װעט גאָרנישט זאָגן, קיין איין װאָרט נישט, ער זאָגט עס צו. דאָס איז װי אַ נדר, װאָס ער נעמט אויף זיך...

און פּונקט װי ער װאָלט זיך געװאָלט פאַרענטפערן פאַר זיין כּעס — האָט נאַגעל צוגעגעבן:

— דאָס איז אַ נאַרע, נישט קיין שטאָט, יאָ, אַ הינער־שטייג, אַ שטאַל! רק מען האַלט מיר אין איין נאָבקוקן, װוּ איך שטיי און גיי, אַז איך קאָן זיך קיין ריר נישט טון. אָבער איך פאַרגין זיי, זאָלן זיי שפּיאָנעװען. מיך גייען זיי װייניק־װאָס אָן, אָט די לייט. איך האָב אייך געװאָרנט. איך װיל אייך זאָגן אָט װאָס: כ'האָב יעדע סיבה צו גלויבן, אַז אָט דאָס פרײלין קיעלאַנד, למשל, איז זייער איבערגעשפּיצט און זי ברענגט אייך דערצו, איר זאָלט איר אַלץ אויספּלוידערן. אָבער אַזאַ נייגעריקייט קאָן איך נישט סובל זיין, בשום אופן נישט! איבעריקנס, בין איך נעכטן אָװנט געװען מיט איר צוזאַמען. זי איז אַ גרויסע קאָקעטקע. מילא, אָבער דאָס געהער נישט אַהער. איך בעט אייך נאָך אַמאָל, קיין װאָרט נישט איבערצוחזרן װעגן אָט דער קלײניקייט, װאָס מיר האָבן צװישן זיך. און אויב אייער פעטער װעט עפּעס זאָגן, װעל איך אים פאַרמאַכן דאָס מויל, אַזוי זאָל מיר גאָט העלפן! גייט גלייך אַהיים און זאָגט עס אים. צי איר האָט מיך גוט פאַר־שטאַנען?

— יאָ, זייער גוט.

— ס'איז גוט, אגב, װאָס איך האָב אייך געטראָפן. — האָט נאַגעל װייטער געזאָגט. — כ'װעל נאָך רעדן מיט אייך װעגן אַן אַנדער זאַך: איר געדענקט דאָך, אייערנעכטן מיטאָג־צייט זענען מיר ביידע געזעסן אויף אַ מצבה דאָרט אויפן בית עולם?

— יאָ.

— כ'האָב אָנגעשריבן א פּערז אויפן שטיין. כ'בין מודה, א שלעכטן און אומפּאַסיקן פּערז. אָבער ס'מאַכט נישט אויס. כ'האָב אַלזאָ אָנגעשריבן דעם פּערז, אַז איך בין אַוועק, איז נאָך דער פּערז דאָרט געשטאַנען, און אַז איך בין אין א פּאָר מינוט אַרום צוריקגעקומען, איז ער געווען אָפּגעמעקט, — איז דאָס געווען אייער אַרבעט ?

מינוט לאָזט אַראָפּ די אויגן צו דער ערד און ענטפערט—יאָ, פּויזע. אָבער שטאַמלענדיק פאַר שרעק, ווייל מען האָט אים געכאַפּט ביי דער דאָזיקער מעשה, וואָס ער האָט געהאַט די העזה אָפּצוטון אויף זיין אייגענער אחריות, וויל זיך מינוט פאַרענטפער:

—כ'האָב גערן געוואָלט אויסמיידן... איר האָט נישט געקאָנט מינאַ מעעק, דאָס איז די גאַנצע מעשה. אַנדערש וואָלט איר עס נישט געטון, נישט אָנגעשריבן דעם פּערז. איך האָב אויך געטראַכט ביי זיך: מען מוז אים מוחל זיין, ער איז א פרעמדער דאָ אין שטאָט. און איך, וואָס איך בין דאָ ווי ביי מיר אין דער היים, איך קאָן עס לייכט פאַרריכטן; האָב איך עס נישט גע-דאַרפט טון? כ'האָב אָפּגעמעקט דעם פּערז. קיינער האָט אים נישט געלייענט.

— פון וואַנען ווייסט איר, אַז קיינער האָט נישט געלייענט?

— קיין לעבעדיקער נפש האָט אים נישט געלייענט! גלייך נאָכדעם, ווי איך : אָב אייך מיטן דאָקטאָר סטענערסען באַגלייט ביז צום טויער פון בית עולם, האָב איך זיך אומגעקערט און אָפּגעמעקט דעם פּערז. די גאַנצע מעשה האָט געדויערט א פּאָר מינוט, און קיינער איז דאָרט נישט געווען.

נאַגעל האָט א קוק געטון אויף אים, גענומען זיין האַנט און זי א דריק געטון, נישט זאָגנדיק דערביי קיין וואָרט. זיי האָבן זיך איינער דעם אַנדערן אָנגעקוקט; נאַגעלס מויל האָט לייכט א ציטער געטון.

— אַדיע, — האָט ער געזאָגט — יאָ, ריכטיק: איר האָט שוין געקראָגן דעם רעקל?

— הם, אָבער איך וועל אים געוויס קריגן ביז דעמאָלט, ווען איך וועל אים דאַרפן. אין דריי וואָכן אַרום דאַרף...

— אין דער זעלבער רגע גייט פאַרביי די ווייס-האַריקע

אייער־פרוי, מארטא גודע; דעם קאָרב טראָגט זי אונטערן פאַר־טוך, און זי לאָזט אראָפּ אירע שווארצע אויגן צו דער ערד. מי־נוט האָט געגריסט, נאגעל אויך; זי האָט כמעט נישט געענטפערט אויף דער באגריסונג; זי איז שנעל פארביי־געגאנגען, געלאָפן אין מארק אריין, ווו זי האָט פארקויפט אירע צוויי, דריי אייער, און שפּעטער איז זי געלאָפן צוריק אהיים מיט אירע פּאָר שילינג. זי האָט געטראָגן א גרין, דין קליידל. נאגעל האָט נישט אראָפּגענו־מען פון דעם קיין אויג, ער האָט געזאָגט:

וואָס אזוינס דארף זיין אין דריי וואָכן ארום?

א פארוויילונג, — האָט מינוט געענטפערט — א גרויסע אָוונט־פייערונג. וואָס זשע, איר האָט נאָך גאָרנישט געהערט וועגן דעם? איך וועל דארפן שטיין מיט די אנדערע אין די לעבעדיקע ביל־דער; פריילין דאגני האָט עס שוין באשטימט.

— אזוי? -- האָט נאגעל געזאָגט און האָט זיך פארטראכט א ווײַלע. — יאָ, יאָ, — האָט ער דאַן ווייטער געזאָגט — איר וועט די טעג קריגן דעם ראָק. א נייעם ראָק אפילו, אָנשטאָט דעם אַלטן, וואָס ער האָט אייך צוגעזאָגט. דער לאנד־ריכטער האָט מיר היינט געזאָגט, אז ער האָט זיך געהאט פארגעסן אָן דעם, אָבער אין משך פון די נאָענטסטע טעג וועט ער אים אייך צו־שיקן. אין תּוך איז דער לאנד־ריכטער נישט אזא שלעכטער מענטש, אָבער הערט, דאָס דארפט איר נישט פארגעסן: איר דארפט אים נישט דאנקען דערפאַר, קיינמאָל נישט! איר טאָרט אין קיין פאַל נישט דערמאָנען דעם רעקל פאַר אים אין די אויגן. ער וויל נישט קיין דאנק, איר פארשטייט? ס'וואָלט אים געווען פּיינלעך, האָט ער געזאָגט, ווען איר קומט צו אים און גיט אים אָפּ א דאנק פאַר אָט דער קליינער טובה. יאָ, איר מוזט דאָך אליין אויך איינזען, אז ס'וואָלט געווען אומטאקטיש פון אייך צו דערמאָנען אים אָן דעם טאָג, ווען ער איז געווען שיכּור און איז אוועק פון האָטעל מיט א צעקנייטשטן הוט. נישט אמת?

— געוויס.

— וואָרום איר ווייסט דאָך גאַנץ גוט, אז איך האָב אים שרעקלעך דערנידעריקט און אים פאַר אזוי פיל מענטשן אין ד׳

אויגן אָנגערופן הונט. אמת טאַקע, אַז איך האָב אים שוין איבערגע־בעטן, אָבער דאָך... איר וועט בכן אָננעמען דעם ראָק און זיך נישט מאַכן וויסנדיק; אייער פעטער דאַרפט איר אויך נישט זאָגן, פון וואַנען איר האָט אים; קיינער דאַרף עס נישט וויסן, דער לאַנד־ריכטער האָט עס בפירוש פאַרלאַנגט. איר פאַרשטייט דאָך גאַנץ גוט, אַז ס'וואָלט געווען פאַר אים אומאָנגענעם, ווען עס ווערט באַקאַנט אין שטאָט, אַז ער האָט מיט אַלעמען צו טון און ער איז געצוווּנגען זיינע עוולות צו פאַרגלעטן מיט אַ ראָק, נישט ריכטיק?

— יאָ, איך פאַרשטיי.

— איז עס, הייסט עס, אָפּגעמאַכט?

— יאָ, איך וועל גאָרנישט זאָגן.

— גוט... הערט, עס פעלט מיר בלויז אַזוי איין; פאַרוואָס באַנוצט איר זיך נישט מיט אַ וועגעלע פונאַנדערצוטראָגן די קוילן אין די הייזער?

— איך קאָן עס נישט צוליב מיין אומגליקלעכן פאַל; ב'קאָן נישט ציען. איך קאָן טראָגן זייער שווערע משאות, אויב איך פאַרגיב זיי נאָר זייער פאַרזיכטיק אויף מיר, אָבער שלעפּן קאָן איך נישט. איך קאָן מיך נאָך צו שטאַרק אָנשטרענגען און אָוועקפאַלן אויף דער נאָז. אָבער מיט אַ זאַק גייט עס נישט שלעכט.

— ניין, ניין!

פויזע.

— וואָס איז די מעשה, איר ווילט שוין גאָרנישט קומען צו מיר? — האָט נאַגעל געפרעגט. — קומט אַרויף צו מיר פונדעסט־וועגן, טייערער פריינט! ס'איז גאָרנישט שיין פון אייך, וואָס איר האַלט זיך אַזוי פון דערווייטנס. איר זענט נישט מחויב צו טרינ־קען, בעת איר קומט. פאַרגעסט נישט, נומער זיבן; גייט אַריין גלייך, אָן צערעמאָניעס.

ביי די רייד האָט ער אַריינגעשטעקט מינוטן אַ באַנקנאָט אין די הענט אַריין און זיך געלאָזט שנעל גיין מיט דער גאַס אַראָפּ־צוצו, צום האַפן; מינוט האָט אים נאָכגעשריגן, גערופן, אָבער ער

האָט נישט געהערט. בעת דעם געשפּרעך האָט ער אויף קיין רגע קיין אויג נישט אַראָפּגענומען פון דעם גרינעם קלייד.

אַז ער איז צוגעגאַנגען צו מאַרטאַ גודעס הייזל, האָט ער זיך אויף אַ רגע אָפּגעשטעלט און זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן. קיינער האָט אים נישט באַמערקט. ווען ער האָט אָנגעקלאַפּט, האָט אים קיינער נישט געענפערט; צוויי מאָל איז ער שוין געווען ביי איר טיר און אַלץ נישט געקראָגן קיין ענטפער; ער האָט זי אָבער פאָרט נאָר וואָס געזען גיין פון מאַרק גלייך אַהיים, און ער האָט נישט געוואָלט אַוועקגיין פון דאָרט, איידער ער איז נישט געווען ביי איר אינעווייניק. אַנטשלאָסן האָט ער אויפגעעפנט די טיר און איז אַריינגעגאַנגען.

זי איז געשטאַנען אין מיטן צימער און אים אָנגעקוקט. איר געזיכט איז פּלוצלינג געוואָרן רויט, ווי בלוט, און זי איז געווען אַזוי מבולבול, אַז זי האָט אַ שפּאָרע ווײַלע געהאַלטן די הענט אויסגעשטרעקט און נישט געוווסט וואָס צו טון.

— נעמט נישט פאַר אומגוט פרײַלין פאַר מיין חוצפּה — איך בעט אייך זייער איבער. — האָט נאַגעל געזאָגט און דערביי האָט ער זיך אומגעווײַנלעך טיף פאַרנויגט. — איך וואָלט אויסערגעווײַנלעך דאַנקבאַר געווען, ווען איך קאָן רעדן מיט אייך אַ פּאָר ווערטער. איר קאָנט זיין גאַנץ רויק, איך וועל אייך לאַנג נישט אויפהאַלטן. שוין אַ פּאָר מאָל האָב איך אייך אומזיסט געזוכט צו טרעפן און ערשט היינט האָב איך די זכיה אייך צו געפינען אין דער היים. מיין נאָמען איז נאַגעל, איך בין נישט קיין היגער און וווין איצט אין „צענטראַל". איך בעט אייך נאָכאַמאָל איבער, וואָס איך בין אַזוי נישט געבעטענערהייט אַריינגעפאַלן צו אייך.

זי האָט נאָך אַלץ גאָרנישט געזאָגט, האָט אים אָבער אונטערגערוקט אַ שטול, און זי גופא איז צוגעגאַנגען ביז צו דער טיר אין קיך אַריין, ווו זי איז אַ ווײַלע שטיין געבליבן. זי איז געווען אין אַ מוראדיקער פאַרלעגנהייט און האָט בסדר זיך געצופּט ביים פאַרטוך, בעת זי האָט אים אָנגעקוקט.

דאָס צימער איז טאַקע געווען אַזוי, ווי ער האָט זיך פאָרגעשטעלט; אַ טיש, אַ פּאָר שטולן און אַ בעט, דאָס איז געווען

במעט אלץ, וואָס ער האָט פאַרמאָגט. אויף די פענסטער זענען געשטאַנען עטלעכע וואַזאָנען מיט ווייסע בלימן, אָבער קיין פאָרהאַנגען זענען נישט געווען; דער דיל איז נישט געווען ריין. נאַגעל האָט אויך געזען דעם צרהדיקן הויכן פאָטעל אין ווינקל הינטערן בעט; ער האָט שוין איצט נישט געהאַט מער, ווי צוויי פיס, און איז אַ צעבראָכענער געשטאַנען אָנגעשפאַרט אָן דער וואַנט, דער גזועס איז געווען באַצויגן מיט רויטן פליוש.

— איך וואָלט זייער שטאַרק געוואָלט, איר זאָלט זיך באַרויקן, פריילין, — האָט זיך נאַגעל אָפּגערופן — נישט אַלע מאָל האָט מען אַזוי שטאַרק מורא פאַר מיר, ווען איך קום ערגעץ־וווּ אַריין. העהעהע! ס'איז נישט דאָס ערשטע מאָל ביי מיר, ווען איך קום אַריין צו אַ מענטשן אין שטוב אַריין, נישט אייך אַליין האָב איך געמאַכט אַ באַזוך. כ'גיי פון שטוב צו שטוב, כ'פרעג מיך נאָך אומעטום. איר האָט שוין אפשר געהערט דערפון? ניין? ס'איז אָבער פאָרט אַזוי, מיין פראָפעסיע פאָדערט עס. איך בין, הייסט עס, אַ זאַמלער, כ'קלויב אויף בלערליי אַלטע זאַכן, כ'קויף אַלטע אָפּגענוצטע חפצים און באַצאָל דערפאַר, וויפל זיי זענען פאַר מיר ווערט. יאָ, דערשרעקט זיך נאָר נישט פאַר מיר, פריילין; איך נעם קיין שום זאַך נישט מיט זיך מיט, בעת איך גיי אַוועק, העהעהע, ניין, אַזא שלעכטע טבע האָב איך נישט. איר קאָנט זיין גאַנץ רויק. אַז איך קאָן נישט קריגן מיט גוטן, איז נישט. יעדנפאַלס מיט געוואַלט נעם איך נישט.

— אָבער איך האָב נישט אַזעלכע אַלטע חפצים, וואָס... — האָט זי לסוף געזאָגט און אויסגעזען זייער פאַרצווייפלט.

— דאָס זאָגן זיי שוין תמיד, די מענטשן, — האָט ער געענטפערט — נו, לאָמיר זאָגן, אַז עס זענען פאַראַן זאַכן, וואָס זענען עמעצן ליב געוואָרן, פון וועלכע מ'וואָלט זיך נישט געוואָלט שיידן. זאַכן, וואָס מ'האָט זיך פון קינדהייט צו זיי צוגעבונדן, וואָס זענען איבערגעגאַנגען בירושה פון עלטערן אָדער פון עלטערנס עלטערן. פון דער צווייטער זייט, שטייען זיי דאָ, די אָפּגעדאַנקטע, אָפּגענוצטע חפצים און טויגן צו גאָרנישט מער. נאָך וואָסשע זאָלן זיי פאַרנעמען אומזיסט אַן אָרט, אין דער צייט, ווען

מען קאָן זיי מאַכן צו געלט? אָט די שטוב-זאַכן, ווייסט איר, זענען ווערט אַ שפּאָרע מטבע, און דער כּוח איז דאָך, אַז זיי צעשיטן זיך אינגאַנצן און מען מוז זיי אַרויפטראָגן אויפן בוידעם. איז פאַרוואָס זיי נישט פאַרקויפן באַצייטנס? פאַראַן מענטשן, וואָס ווערן בייז, ווען איך קום צו גיין, און זיי ענטפערן, אַז זיי האָבן נישט קיין אַלטע זאַכן,-גוט, יעדער איינער לויט זיין פאַרשטאַנד; זאָג איך מיר אַ גוטן טאָג און גיי מיר אַוועק. אַנדערע ווידער שעמען זיך און האָבן מורא מיר צו ווייזן אַ בראָט-פענדל אָן אַ דנאָ. מען דאַרף זיי נישט שלעכט אויסטייטשן; אָבער דאָס זענען גאָר נאַיווע מענטשן, וואָס ווייסן נישט, ווי שטאַרק ס'איז היינט אַנטוויקלט די מאַניע, דער שגעון צו קלויבן אַלטע זאַכן. איך זאָג בפירוש-מאַניע; איך בין זיך מודה, אַז דאָס איז אַן איינפאַכע מאַניע, וואָס טרייבט מיך דערצו, און איך האָב ליב זאַכן אָנצורופן ביי זייערע נעמען; פאַרוואָס זאָל איך עס נישט טון? אגב, גייט עס דאָך קיינעם נישט אָן, נאָר מיך אַליין, און עס איז מיין זאַך, איך דערמאָן עס נאָר אַזוי סתם אין דער וועלט אַריין. אָבער וואָס האָב איך געוואָלט זאָגן? ס'איז דאָך באמת נאַריש און לעכערלעך פון די מענטשן, וואָס זיי האָבן אַזוי מורא צו ווייזן עפּעס אַן אַנטיק, אַן אַלטן חפץ. ווי זענען דען אויס די רינגען און דאָס געווער, וואָס מען גראָבט אויס אין די אַלטע הונען-קברים? און האָבן זיי אפשר צוליב דעם נישט קיין ווערט? נישט אמת, פריילין? איר האָט באַדאַרפט אָנקוקן מיין זאַמלונג פון גלאָקן! איך האָב אַ גלאָק, אגב, פון פּשוטן אייזנבלעך — וואָס האָט אפילו געדינט פאַר אַ גאָטהייט ביי אַן אינדיאַנער שטאַם. שטעלט זיך נאָר פאָר. אַ מאַסע מיט יאָרן איז אַזאַ גלאָק געהאָנגען אויף אַ סלופּ אין לאַגער, און מען האָט געבעטן צו אים, און קרבנות האָט מען פאַר אים מקריב געווען! יאָ, זעט איר שוין! אָבער איך בין שוין אַראָפּ אויף אַ זייט, נישט צוליב דעם בין איך דאָך געקומען; אַז איך דערמאָן זיך וועגן מיינע גלאָקן, ברענג איך אייביק אויס ניין מאָס רייד!

— איך האָב אויף אַן אמת נישט אַזעלכע אַלטע זאַכן, —

האָט מאַרטאַ ווידער געזאָגט - לײדער. — האָט זי צוגעגעבן און איז אַנטשוויגן געוואָרן.

— מעג איך, — האָט זיך נאַגעל פאַמעלעך און מיט אַ מיושב־דיקער מינע אָפּגערופן - מעג איך, אַ שטייגער, אָנקוקן אָט יענעם שטול דאָרטן? ער האָט אָנגעוויזן אויפן ווינקל נעבן בעט. — איך פרעג עס נאָר, כ'וועל זיך נישט רירן פון אָרט, ביז וואַנעט איר וועט מיר נישט ערלויבן; ווי גאָט איז אייך ליב, איר קאָנט עס גאַנץ אָפן זאָגן, אויב איר ווילט נישט, איך זאָל אָנקוקן דעם שטול. אגב, האָב איך אים שוין געהאַט אויפן אויג פון דער מינוט אָן, ווען איך בין נאָר אַהער אַריינגעקומען.

מאַרטאַ איז צעמישט; זי ענטפערט:

— אָט דעם... בעסטער הער, אדרבא... די פיסלעך זענען אָפּגעבראָכן...

— די פיסלעך זענען אָפּגעבראָכן, גאַנץ ריכטיק, נו איז וואָס? וואָס האָט עס דען צו טון דערמיט? אפשר דווקא דערפאַר, וואָס זיי זענען אָפּגעבראָכן, יאָ, דווקא דערפאַר; קאָן איך פרעגן, פון וואַנעט איר האָט אים?

נאַגעל האָט שוין געהאַלטן דעם שטול אין די הענט, האָט אים געדרייט און געקערט אויף אַלע זייטן און אים באַטראַכט, ווי עס געהער צו זיין. ער האָט נישט געהאַט קיין שום פאַרגיל־דונג, בלויז אַ שטיקל פאַרצירונג אויפן רוקן־ווענטל, אַ מין קרוין, פון מאַהאַגאָני־האָלץ אויסגעשניצט. דער אָגלען איז געווען צע־שפּאָלטן; אויפן ראַנד אַרום דעם געזעס האָט מען אויף עטלעכע ערטער געשניטן טאַבאַק; מען האָט נאָך געקאָנט זען די שפּורן דערפון.

— מיר האָבן אים פון ערגעץ־ווו אין אויסלאַנד, כ'ווייס נישט גענוי פון וואַנען; מיין זיידע האָט אַמאָל מיטגעבראַכט מיט זיך עטלעכע אַזעלכע שטולן; נאָר דער איז דער איינציקער, וואָס איז פאַרבליבן. מיין זיידע איז געווען אַ מאַטראָס.

— אַזוי? און אייער פאָטער איז אויך געווען אַ מאַטראָס?

— יאָ.

— אויב אַזוי זענט איר דאָך אודאי אויך מיטגעפאָרן? זייט מוחל, וואָס איך פרעג זיך נאָך.

— יאָ, איך בין אַ סך יאָרן מיטגעפאָרן.

— באמת? נו, דאָס איז דאָך אינטערעסאַנט! איר האָט געזען אַ סך לענדער, דורכגעפאָרט די געזאַלצענע כוואַליעס, ווי מען רופט עס? יאָ, דאָס איז באמת אינטערעסאַנט! און שפּעטער האָט איר זיך דאָ צוריק באַזעצט? אָך יאָ, אינדערהיים איז פאָרט בעסער ווי אומעטום. יאָ, אינדערהיים... וואָס האָב איך געוואָלט פרעגן? האָט איר נישט קיין אַנונג, ווו אייער זיידע האָט ערגעץ אויסגעזוכט אָט דעם שטול? כ'וועל אייך באַלד זאָגן, פאַרוואָס איך פרעג עס. כ'מוז האָבן אַביסל ידיעות וועגן דער געשיכטע פון די חפצים, קענען, אַזוי-צו-זאָגן, זייער אָפּשטאַם.

— ניין, איך ווייס נישט, ווו ער האָט אים ערגעץ אויסגעזוכט, ס'איז שוין אַזוי לאַנג צוריק. אפשר אין האָלאַנד? ניין, איך ווייס נישט.

מיט גרויס צופרידנקייט האָט ער באַמערקט, ווי זי ווערט וואָס אַמאָל לעבעדיקער. זי איז צוגעגאַנגען אַביסל נענטער, איז כמעט געשטאַנען לעבן אים, בעת ער האָט געקערט דעם שטול אויף אַלע זייטן, ווי ער וואָלט זיך גאָרנישט געקאָנט זאַט אָנקוקן אויף אים. ער האָט נישט אויפגעהערט צו רעדן, געמאַכט באַמערקונגען וועגן דער אַרבעט און איז אַריינגעפאַלן אין התפעלות, בעת ער האָט אויסגעפונען אויף דער הינטערשטער זייט פון דעם אָנלען אַ קליין אַריינגעזעצט ברעטעלע, ווו ס'איז ווידער געלעגן אַן אַנדער ברעטעלע — גאַנץ געווײנלעכע אַרבעט — געשמאַקלאָזע, קינדערשע אַרבעט, וואָס איז אפילו נישט געווען פּינקטלעך אויסגעפירט. דער שטול איז געווען צעפוילט, און ער איז אַרומגעגאַנגען מיט אים זייער פאָרזיכטיק.

— יאָ, — האָט זי זיך אָפּגערופן — אויב איר ווילט טאַקע... איך מיין, אויב עס קאָן אייך פאַרשאַפן פאַרגעניגן צו האָבן אָט דעם שטול, מעגט איר זיך אים נעמען. איך גיב אים אייך מיט פרייד. כ'וועל אים אַליין אַוועקטראָגן אין האָטעל, אויב איר וועט וועלן. איך נוטיק זיך נישט אין אים. און פּלוצלינג האָט זי זיך

פונאַנדערגעלאַכט, צוקוקנדיק, ווי שטאַרק ער איז פאַרקאָכט אין דעם צעפוילטן שטיק מעבל. — ווי עס זאָל נישט זיין, האָט ער דאָך שוין נישט מער ווי איין פוס. — האָט זי געזאָגט.

ער האָט אַ קוק געטון אויף איר. אירע האָר זענען געווען ווייס, אָבער איר שמייכל איז געווען יונג און פייערלעך, און אירע ציין זענען געווען שיין. אַז זי האָט געלאַכט, זענען איר די אויגן געוואָרן פייכט־גלאַנצנדיק. וואָס פאַראַ שוואַרץ־אויגיק, אַלט קינד! נאַגעל האָט נישט געמאַכט די מינדסטע באַוועגונג.

— ס'פרייט מיך, — האָט ער מיט אַ טרוקענער שטים געזאָגט — וואָס איר פועלט ביי זיך, מיר אָפּצולאָזן דעם שטול. איצט קומען מיר צום פּרייז. ניין, וואַרט אַ ווילע, לאָזט מיך אויסרעדן; איך וויל נישט, איר זאָלט שטעלן דעם פּרייז; דאָס באַשטים איך שטענדיק אַליין. איך טאַקסיר אָפּ אַ זאַך, באַט אָן דערפאַר כך וכך, און אַ סוף! איר קאָנט דאָך פאָדערן פאַר אים עפּעס אַן אויסטערלישע סומע, מיך וועלן גענאַרן, פאַרוואָס נישט? אנטקעגן דעם, וואָלט איר געקאָנט טענהן, אַז איר זעט גאָרנישט אַזוי אויס ביטרע — גוט, דאָס בין איך מודה; אָבער דאָך, איך האָב צו טון מיט זייער פאַרשידנאַרטיקע מענטשן און איך האָב אַליין ליב צו שטעלן אַ פּרייז, כדי איך זאָל וויסן, וואָס איך האָב צו טון. דאָס איז ביי מיר אַ פּרינציפּ. וואָס וואָלט איך, אַ שטייגער, געשטערט צו פאָדערן פאַרן שטול אַ מטבע פון דריי הונדערט קראָן, אויב עס ליגט ביי אייך אין די הענט? אָבער באַצאָלן אַזאַ אומגעהויערן פּרייז איז מיר אוממעגלעך; איך זאָג עס אייך גאַנץ אָפן, כדי איר זאָלט וויסן, ווו איר האַלט אין דער וועלט. איך וועל זיך דאָך נישט רויִנירן, כ'וואָלט דאָך שוין געדאַרפט זיין משוגע, צו באַצאָלן אייך גאַנצע דריי הונדערט קראָן פאַרן שטול. בקיצור: איך גיב אייך דערפאַר צוויי הונדערט, קיין איין שילינג נישט מער. וואָס דאָס איז ווערט, וועל איך באַצאָלן, אָבער מער נישט.

זי האָט קיין איין וואָרט נישט געענטפערט. זי האָט אים אָנגעקוקט און אויסגעגלאָצט אויף אים די אויגן אַזוי גרויס, ווי זי האָט נאָר געקאָנט. ביים סוף האָט זי גאָר באַשלאָסן, אַז ער טרייבט ליצנות, און האָט אָנגעהויבן צו לאַכן.

נאגעל האָט רויק אַרויסגענומען די צוויי רויטע פּאַפּירלעך פון טאַש און אַ פּאָר מאָל געפּאַכט דערמיט אַהין און אַהער. בשעת מעשה האָט ער נישט אויפגעהערט צו קוקן אויפן שטול. ער האָט געזאָגט:

— כ'וועל נישט לייקענען, אַז ביי אַן אַנדערן וואָלט איר אפשר געקאָנט קריגן מער. כ'וועל זיין ערלעך און עס אייך מודה זיין. עס קאָן גרייכלעך זיין, אַז איר וואָלט אַרויסבאַקומען פון אים נאָך אַ פּאָר קראָן. אָבער איך פון מיין זייט האָב זיך גראָד גע־טראַכט ביי זיך, אַז איך קאָן געבן די קיילעכדיקע סומע פון צוויי הונדערט פאַר אָט דעם חפץ, און איך מיין, אַז מער קאָן מען נישט געבן פאַר אים. איבעריקנס, טוט ווי איר פאַרשטייט. צוויי הונדערט קראָן גייען אויך נישט צופוס.

— ניין, — האָט זי געענטפערט בסדר לאַכנדיק — האַלט איי־ער געלט ביי זיך.

— איך זאָל האַלטן מיין געלט ביי זיך? — האָט ער איר איבערגעשלאָגן די רייד און ווידער געפּאַכט מיט די פּאַפּירלעך, — וואָס הייסט דאָס? קאָן איך פרעגן, וואָס פאַרא חסרון האָט אָט דאָס געלט? מיינט איר אפשר, אַז דאָס האָב איך אַליין פאַברי־צירט? ווי? אָדער צי זענט איר מיך אַמאָל נישט חושד, אַז איך האָב עס ערגעץ ווו געגנבעט? האַ?

זי האָט מער נישט געלאַכט. ס'איז קענטיק געווען, אַז אָט דער מענטש מיינט עס ערנסט, און זי האָט זיך אָנגעהויבן מיישב צו זיין. האָט ער געוואָלט עפּעס אַרויסקריגן פון איר אָט דער חסר דעה? קוקנדיק אויף זיינע אויגן, האָט מען געקאָנט אויף אים גלויבן אַלץ אין דער וועלט. איין גאָט ווייסט, צי האָט ער נישט אויסגעטראַכט עפּעס אַזעלכעס, צי וויל ער איר נישט אונטער־שטעלן אַ פּאַסטקע? פאַרוואָס איז ער עפּעס געקומען דווקא צו איר מיט זיין געלט? לסוף האָט אויסגעזען, אַז זי איז געקומען צו אַ באַשלוס און זי האָט געזאָגט:

— יאָ, אויב איר ווילט נישט אַנדערש, ווי מיר געבן פאַרן שטול אַ קראָן אָדער צוויי, בין איך אייך דערפאַר זייער דאַנק־

באַר; אָבער דאָס איז שוין אויך צו גוט פון אייער זייט. דעריבער פאַרלאַנג איך נישט מער.

ער האָט געמאַכט אַ מינע, ווי ער וואָלט געווען שטאַרק פאַרחידושט, ער איז צוגעגאַנגען נענטער און האָט זי אָנגעקוקט, דערנאָך האָט ער זיך צעלאַכט אויפן קול.

— אָבער... האָט איר זיך באַרעכנט, וואָס... דאָס טרעפט מיר דאָס ערשטע מאָל, זינט איך בין אַ קאָלעקציאָנער! מילא, איך פאַרשטיי זיך אויף אַ געלעכטער...

— דאָס איז נישט קיין געלעכטער! זינט איך לעב האָב איך נאָך אַזעלכעס נישט געהערט! איך וויל שוין נישט, כ'וויל גאָרנישט; נעמט אייך דעם שטול, אויב איר ווילט.

נאַגעל האָט זיך געקאָרטשעט פאַר געלעכטער.

— איך פאַרשטיי מיך נאָך אויף אַ שפּאַס, און איך ווייס ווי אָפּצושאַצן אים, יאָ, איך ווער נתפּעל דערפון, כ'לעבן, כ'ווער נתפּעל. פון אַ פיינעם שפּאַס לאַך איך מיר אייביק אָן ווי אַ פויק. אָבער איך מיין, אַז מיר וואָלטן אַצינד געדאַרפט מאַכן אַ סוף און קומען צו אַן אויסגלייך; נישט אמת? צי טראַכט איר נישט, אַז ס'וואָלט גאָר געווען צום בעסטן, ווען מיר ענדיקן צווישן זיך אָט דעם ענין, איידער מיר ווערן פאַרמאַטערט דערפון? סוף-כל-סוף קאָנט איר גאָר אַוועקשטעלן דעם שטול צוריק אין ווינקל אַריין און פאָדערן פאַר אים פינף הונדערט; וואָס?

— ניין, נעמט אייך דעם שטול, איך... וואָס מיינט איר דערמיט?

זיי האָבן זיך אָנגעקוקט איינע דעם אַנדערן. זי איז בלאַס געוואָרן.

— אויב איר מיינט, אַז איך בין אויסן עפּעס אַנדערש, ווי צו קריגן דעם שטול, פאַר אַ צוגענגלעכן פּרייז, האָט איר אַ טעות. — האָט ער געזאָגט. — פאַרוואָס האַלט איר מיך, פאַר עפּעס אַ שלעפער אָדער אַ יינגל? יאָ, צי ניין? אָדער האַלט איר מיך פאַר אַ תמעוואַטן בחור, וואָס מען קאָן פון אים חוזקן? איך ווייס, וואָס אַן אַלטע זאַך איז ווערט, ס'איז נישט דאָס ערשטע מאָל, וואָס איך קויף.

אָבער אויך דאָס שפּיצל האָט נישט געבראַכט קיין שום פּעולה. מאַרטאַ האָט אויסגעשריגן:

— אָבער, ליבער גאָט, דער שטול איז אייערער, אייערער!

— אוודאי וואָלט איך אייך שטאַרק דאַנקבאַר זיין פאַר אַזאַ גרויסע פריינטלעכקייט פון אייער זייט, יאָ, איך וואָלט געדאַרפט פאַלן אויף די קני פאַר אייך און דאַנקען. אָבער מיר זאַמלער האָבן אויך אַביסל ערגעפּיל אין זיך, ווי קליין ער זאָל נישט זיין, און אָט דער ערגעפּיל האַלט מיך אָפּ, שטעלט זיך, אַזוי צו זאָגן, אויף הינטערשטע פיס, בעת איך פרוו אַרויסקריגן עפּעס אַ יקר המציאות פאַר אַ ביליקן פּרייז. מיין גאַנצע זאַמלונג וואָלט ביי מיר אין די אויגן געפאַלן, ווען איך זאָל אַריינשטעלן עפּעס אַ חפץ, וואָס איז אויף אַזאַ אופן אויסגענאַרט געוואָרן, צווישן אַנ־דערע זאַכן; דאָס וואָלט אַריינגעוואָרפן אַ געווּיסן פאַלשן טאָן אין דער גאַנצער זאַמלונג. קאָנט איר דען נישט באַגרייפן, אַז דער פּרייז שפּילט דאָ די גרעסטע ראָלע, אַז די זאַך קריגט אַמאָל אַ הויכן ווערט צוליב דעם, וואָס מען האָט געמוזט מאַכן אַזעלכע און אַזעלכע גרויסע אָנשטרענגונגען און אַזעלכע הוי־בע אויסגאַבן, כדי אים צו באַקומען? העהעהע! כ׳מוז לאַכן; ס׳איז דאָך אַזוי קאָמיש, וואָס איך מוז זיך, אַזוי צו זאָגן, אָננע־מען אייער עוולה, אָנשטאָט צו קוקן פאַר זיך. אָבער אַז איר צווינגט מיך דערצו!

זי האָט נישט נאָכגעגעבן, ניין, ער האָט גאָרנישט דערגרייכט ביי איר. ער האָט עס געפּרוּווט אויף אַלערליי אופנים, אָבער אָן ערפאָלג. זי האָט זיך איינגעעקשנט, ער זאָל נעמען דעם שטול פאַרא קלייניקייט, אַ קראָן, אָדער צוויי, אָדער ער זאָל אים לאָזן שטיין, ווי ער שטייט. אַזוי ווי ער האָט זיך קעגן איר עקשנות גאָרנישט געקאָנט העלפן, האָט ער לסוף, כדי זי זאָל גאָרנישט באַמערקן, געזאָגט:

— גוט, לאָמיר עס אויף היינט לאָזן צורו. אָבער זאָגט מיר צו, אַז איר וועט דעם שטול נישט פאַרקויפן קיין אַנדערן, איי־דער איר וועט מיר פריער נישט צו וויסן טון. זאָגט איר עס מיר צו? איך וויל אים שוין נישט אָפּלאָזן, אפילו ווען ער וועט

ווערן אַביסל טייערער. אויף יעדן פֿאַל בין איך גרייט צו צאָלן פֿאַר אים פּונקט אַזוי פֿיל, ווי פֿאַר אַן אַנדערער, און איך בין דאָך געקומען צום ערשטן.

ווען נאַגעל איז געווען אין דרויסן, האָט ער אָנגעהויבן גיין מיט לאַנגע, אויפֿגערעגטע טריט אויף דער גאַס באַרג־אַרויף. אַן עקשנות פֿון אַ מיידל! און ווי אָרעם זי איז און נישט צופֿרידנלעך! האָסטו געזען דאָס בעט? — האָט ער זיך אַליין געפֿרעגט. אַפֿילו קיין שטרוי־זאַק איז נישטאָ דאָרטן, צומאָל קיין לײַלעך נישט. בלויז צוויי אומטערקליידלעך, וואָס זי טוט, מסתּמא, אָן ביידע פֿאַר אַמאָל, בעת ס'איז איר קאַלט. און נישט געקוקט דערויף האָט זי אַזוי שטאַרק מורא נישט אַרײַנצופֿאַלן אין עפּעס אַן אומבאַקאַנטע לאַגע, אַז זי זאָגט זיך אָפּ פֿון אַ מתּנה, וואָס איז אויף אַזאַ ביטערן אויפֿן אויסגעטראַכט געוואָרן! אָבער צום טײַוול, וואָס גייט עס מיך אָן? ניין, אייגנטלעך, טאַקע גאָרנישט; אָבער ס'איז דאָך באמת אַ רוח, נישט קיין מיידל, וואָס? ווען ער זאָל אַריבערשיקן צו איר אַ מענטש, כּדי אַרויפֿצושרײַבן דעם פּרײַז אויף דער שטול, וועט זי אויך אפֿשר נישט האָבן קיין צוטרוי? די נאַרישע פֿרוי! די נאַרישע פֿרוי! אָבער צו וואָס האָט ער גאָר געדאַרפֿט גיין אַהין, מ'זאָל אים אויף אַזאַ אויפֿן אָפּזאָגן?

צו זײַן פֿאַרדרוס איז ער צוגעקומען צום האָטעל, אַליין נישט ווייסנדיק גאָר, ווי ער איז אין דער וועלט. ער איז געבליבן שטיין, דערנאָך האָט ער זיך האַסטיק אויסגעדרייט און איז ווידער אַראָפּ אין גאַס, צו י. האַנסענס שנײַדער־מאַגאַזין; ער איז דאָרט אַרײַן. ער האָט גערעדט מיטן מײַסטער גופֿא, האָט באַשטעלט אונטער פֿיר אויגן אַ ראָק פֿון אַזאַ און אַזאַ סאָרט און אָנגעזאָגט דעם שנײַדער, ער זאָל אַכטונג געבן, קיינער זאָל זיך נישט דערוויסן וועגן דער באַשטעלונג. ווי גיך דער ראָק וועט פֿאַרטיק ווערן, זאָל ער תּיכּף אָפּגעשיקט ווערן צו מינוטן, צו גרענאַרד, דעם קרומען קוילן־טרעגער, וואָס...

צי דאָס איז פֿאַר מינוטן?

יאָ, וואָס ווײַטער? נאָר נישט געפֿרעגט קיין סך. נאָר נישט אַרײַנשטעקן די נאָז, ווו מען דאַרף נישט!

ס'גייט בלויז וועגן נעמען א מאָס.

נו יאָ, דער ראָק איז אַלזאָ פאַר מינוטן: אָבער' ז'ז שין ריכטיק, מינוט אַליין קאָן קומען און זיך לאָזן נעמען אַ מאָס; פאַרוואָס נישט? אָבער קיין איין וואָרט נישט, קיין ווונק מיטן אויג — אָפּגעמאַכט? און ווען וועט דער ראָק זיין פאַרטיק? אין אַ פּאָר טעג; גוט!

נאַגעל האָט באַלד באַצאָלט דאָס געלט, געזאָגט אַדיע און איז אַוועק. ער האָט זיך געריבן די הענט. דער בעס איז אַריבער, און ער האָט געזוונגען. יאָ, יאָ — נישט געקוקט אויף אַלץ — נישט געקוקט אויף אַלץ! וואָרט זשע, אַז ער איז געקומען אין האָטעל, איז ער אַרויפגעלאָפן צו זיך אין צימער און האָט אָנגעקלונגען; זיינע הענט האָבן געציטערט פאַר אומגעדולד, און ווי גיך די טיר האָט זיך אויפגעעפנט, האָט ער אויסגעשריגן:

— טעלעגראַם-בלאַנקען, סאַראַ!

ער האָט גראָד אויפגעעפנט זיין וויאָלין-קאַסטן, בעת סאַראַ איז אַריינגעקומען, און צו איר גרעסטער דערשטוינונג, האָט זי דערזען, אַז אָט דער קאַסטן, וואָס זי איז זיך אַזוי איידל באַגאַנגען מיט אים, איז פול געווען מיט שמוציקע וועש און עטלעכע שרייב-געצייג, אָבער נישט קיין וויאָלין. זי איז נישט אַרויס תּיכּף פון צימער, נאָר געבליבן שטיין און באַטראַכט דעם קאַסטן.

— טעלעגראַם-בלאַנקען! — האָט ער העבער איבערגעחזרט. — ב'האָב געבעטן טעלעגראַם-בלאַנקען.

אַז ער האָט לסוף געקראָגן די טעלעגראַם-בלאַנקען, האָט ער אָנגעשריבן אַן אָרדער צו אַ באַקאַנטן אין קריסטיאַניאַ, ער זאָל אַרויסשיקן בסוד און אָן אַן אונטערשריפט צוויי הונדערט קראָן פאַר פרייליין מאַרטאַ גודע, דאָ אין שטאָט, און אַ וואָרט צוגעשריבן דערצו: „טיפסטע פאַרשוויגנקייט פאַרלאַנגט. יאָהאַן נאַגעל."

אָבער דאָס האָט נישט געטויגט, ניין. אַז ער האָט זיך גוט מישב געווען, האָט ער זיך געמוזט פון דעם פּלאַן אָפּזאָגן. צי וואָלט נישט געווען דאָס בעסטע, צו שרייבן וועגן דעם אַביסל אויספּירלעבער און באַליינגן דאָס געלט דאָרטן, ווו מען דאַרף? יאָ, ער האָט די טעלעגראַמע פאַרברענט און אין גרויס איילעניש אָנגעשריבן אַ

בריוו. יאָ, אַזוי איז גלייכער, אַ בריוו איז גאַנצער; אַזוי קאָן עס טאַקע גיין. יאָ, ער וועט געווי אָנווייזן, געבן צו פאַרשטיין...

נאָר אַז ער האָט שוין געהאַט אַריינגעלייגט דאָס געלט און פאַרקלעפּט דעם קאָנווערט, איז ער געבליבן זיצן אַ ווײַלע און זיך ווידער מישב געווען. זי קאָן נאָך האָבן אַ חשד, האָט ער צו זיך אַליין געזאָגט; צוויי הונדערט קראָן זענען אַ צו קיילעכדיקע סומע, דערצו נאָך אַזאַ סומע, וואָס ער האָט איר נאָר וואָס געהאַלטן פאַר די אויגן, ניין, דאָס טויג אויך נישט! ער האָט אַרויסגענומען נאָך אַ בילעט פון צען קראָן, געעפנט דעם קאָנווערט און געענדערט דעם מספר אויף צוויי הונדערט מיט צען קראָן. ערשט איצט האָט ער פאַרזיגלט דעם בריוו און אים אַוועקגעשיקט.

אַ גאַנצע שעה נאָכדעם איז ער געווען נתפעל פון דעם דאָזיקן איינפאַל. ווען ער האָט זיך נאָר דערמאָנט אָן דעם. ווי עפּעס אַ וווּנדערלעכער בריוו פון הימל וועט ער אַראָפּפאַלן צו איר, פון אויבן, פון דער הויך, פון אומבאַקאַנטע הענט אַראָפּגעוואָרפן צו איר. און וואָס וועט זי טאַקע זאָגן אַ שטייגער, בעת זי וועט דערהאַלטן אַזאַ סומע געלט? נאָר אַז ער האָט אַזוי נאָכאַמאָל איבערגעפרעגט, וואָס זי וועט זאָגן, ווי אַזוי זי וועט אויפנעמען אָט די גאַנצע זאַך, איז ער ווידער אַראָפּגעפאַלן פון מוט: דער פּלאַן איז געפערלעך, צו דרייסט; ס'איז אַ נאַרישער און אַ שלעכטער פּלאַן. גראָד דערפאַר, וואָס זי וועט קיין שכלדיק וואָרט נישט זאָגן, נאָר זיך דרייען און זיך בלאָזן ווי אַ הינדיק — דערפאַר האָט ער זיך געשראָקן. בעת דער בריוו וועט אָנקומען. וועט זי אים פּשוט נישט פאַרשטיין, נאָר עס איבערגעבן צו אַנדערע, זיי זאָלן עס איר פאַרטייטשן. זי וועט זיך מיט אים צעלייגן אין פּאָסט אויפן טיש, אַז די גאַנצע שטאָט וועט האָבן צו טון דערמיט; זי וועט עס איבערלאָזן פאַרן פּאָסט־באַאַמטן, ער זאָל טון דערמיט וואָס ער וויל, און וועט זיך נאָך בסדר בלאָזן: האַלט אייער געלט ביי זיך! אין אַזאַ פאַל לייגט זיך דער פּאָסט־באַאַמטער אַרויף דעם פינגער אויף דער נאָז און זאָגט: „וואַרט נאָר אַ ווײַלע, מיר חלומט זיך עפּעס!“ און מישט אויף אין די ביכער און געפינט אויס, אַז אָט די זעלבע סומע איז מיט עטלעכע טעג פריער אָפּגעשיקט געוואָרן פון דאַנעט, פּונקט די

זעלבע סומע, אפילו נאָך די זעלבע באַנקנאָטן, צוויי הונדערט און צען קראָן אויף דעם און דעם אדרעס אין קריסטיאַניא; אז גע־שיקט דאָס געלט – וועט זיך אויסווייזן – האָט איינער א יאָהאַן נאַגעל, א פרעמדער, וואָס וווינט אין „צענטראַל"... יאָ, יאָ, אָט די פּאָסט־באַאַמטן האָבן דאָך א גאַנץ אַזוי לאַנג, אז זי איז מסוגל אויסצושפּירן...

נאַגעל האָט אָנגעקלונגען און האָט געהייסן דעם האָטעל־דינער צוריקברענגען דעם בריוו.

א דאַנק די נערוועישע אויפגערעגטקייט פון דעם גאַנצן טאָג, איז אים די גאַנצע זאַך נמאס געוואָרן. אייגנטלעך, וואָלט דאָך די גאַנצע מעשה געקאָנט גיין צום טייוול! וואָלט עס אים עפּעס א סך אָנגעגאַנגען, ווען דער רבונו של עולם זאָל מאַכן, עס זאָל פאָרקומען א צוזאַמענשטויס מיט א סך מענטשלעכע קרבנות אויף דער אירי־באַן ערגעץ טיף אין אַמעריקע? ניין, באמת נישט! נו, פּונקט אַזוי פיל האָט ער צו טון מיט דער בכבודיקער מיידל מאַרטאַ גודע, דאָ אויפן אָרט!

צוויי טעג איז ער נישט אַרויס פון האָטעל.

X

שבת אָוונט איז מינוט געקומען צו גיין צו אים אין צימער. מינוט האָט געטראָגן זיין נייעם ראָק און האָט געשמייכלט פאַר פרייד.

— כ'האָב געטראָפן דעם לאַנד־ריכטער, — האָט ער געזאָגט — ער האָט נישט געמאַכט קיין שום באַוועגונג און האָט מיך אפילו געפרעגט, פון וועמען איך האָב געקראָגן דעם ראָק. אַזוי ביטער האָט ער מיך געזאָלט אויספרווון.

— וואָס האָט איר אים דען געענטפערט?

— כ'האָב געלאַכט און געענטפערט, דאָס וויל איך נישט זאָגן קיין איין מענטשן נישט, ער זאָל מיר מוחל זיין; אדיע!.. יאָ, יאָ, כ'האָב אים געהאַט וואָס צו ענטפערן... איר הערט,

ס'איז שוין אוודאי דרייצן יאָר זינט איך האָב נישט אָנגעטון קיין נייעם בגד; כ'האָב ריכטיק באַרעכנט. אַך, יאָ! נאָר מענטשן זענען געווען אויסערגעוויינלעך גוט צו מיר און האָבן מיר אַ סך מאָל געשענקט גוטע, אָפּגענוצטע קליידער צום טראָגן. און אַצינד, היינט אָוונט בין איך אַזוי פריילעך, ווי אין מיינע קינדער־יאָרן, קאָנט איר דאָס פאַרשטיין? אַלץ צוליב דעם נייעם ראָק. יאָ, יאָ, אייך דאַנק איך אויך. אָבער ריכטיק, כ'האָב דאָך אייך נאָך נישט געדאַנקט פאַר דעם געלט, וואָס איר האָט מיר לעצטנס געגעבן. יאָ, איצט מוז איך דאַנקען, און איך מעג עס דאָך אויך אַצינד, ס'איז דאָך דאָ קיינער נישטאָ. דאָס איז צופיל געלט פאַר אַזאַ קאַליקע! פינף קראָן איז שוין אויך אַ פיינע מטבע, אָבער נאָך טאָפּלט, צען קראָן! זייט מיר מוחל, וואָס איך פאָלג אייך נישט און דאַנק אייך קעגן אייער ווילן; אָבער איך פיל, ווי אַלע שרייפעלעך וואָלטן אַרויס פון זייערע ערטער און קאָנען זיך נישט האַלטן רויק, כאַכאַכאַכאַ! גאָט זאָל מיר מוחל זיין, וואָס איך לאַך! יאָ, כ'האָב באַלד געוווּסט, אַז דעם ראָק וועל איך קריגן פריער אָדער שפּעטער; וואָס האָב איך געזאָגט? עס געדויערט אַמאָל אַביסל, אָבער איך וואַרט קיינמאָל נישט אומזיסט. לייטענאַנט האַנסען האָט מיר אַמאָל צוגעזאָגט צו שענקען צוויי וואָלענע לייבלעך, וואָס ער נוצט שוין נישט; דאָס איז שוין אַ מעשה פון צוויי יאָר צייט, אָבער איך בין אַזוי זיכער, אַז איך וועל זיי אַמאָל קריגן, פונקט ווי איך וואָלט זיי שוין געטראָגן אויף זיך. עס איז שוין אייביק אַזוי; ס'קומט אַ צייט, ווען זיי דערמאָנען זיך אָן מיר און דעמאָלט גיבן זיי מיר, וואָס איך דאַרף. אָבער מיינט איר נישט, אַז אין נייע קליידער האָב איך אַ פנים פון אַ נייעם מענטש? אַך, ווי איר האָט מיך אונטערגעשטיצט און אין יעדן פאַל מיך פאַרטיידיקט!

— אָבער פאַרוואָס זענט איר שוין מער נישט געקומען אַהער, פאַרוואָס זענט איר נעלם געוואָרן?

— יאָ, די מעשה איז טאַקע, וואָס כ'האָב געוואַרט אויפן בגד. גלויבט מיר, אַז איך האָב שטענדיק געטראַכט וועגן דעם דאָזיקן לאַנד־ריכטערס ראָק און אָפּגעמאַכט ביי זיך נישט צו קו־

מען מער צו אייך מיט דעם אלטן. דאָס איז עס די סיבה. אָבער נעמט נישט פאר אומגוט, װאָס איך זאָג עס אייך אזוי אָפן ארויס, גאָר אָן שום צערעמאָניעס. דאָס איז שוין בײַ מיר אזא טבע, ב'קאָן נישט פועלן בײַ זיך אריינצוקומען צו א מענטשן מיט א צעריסענעם מלבוש, הייסט גאָט פארװאָס, אָבער איך זינק אראָפּ טיף אין מײַן דרך-ארץ פאר מיר אליין. בין איך אפשר נישט גע- רעכט? איבעריקנס, זײַט מיר מוחל, װאָס איך רעד אין אײַער געגנ- װארט פון מײַן זעלבסט-אכטונג, פונקט װי דאָס װאָלט טאקע באמת געהאט עפּעס א באדײַטונג; ניין, זי האָט עס נישט און דאָך שפּיר איך זי אָפּט און...

— זײַט מוחל, װאָס איך רײַס אײַך איבער; אָבער איר װאָלט נישט געװאָלט עפּעס טרינקען? ניין? אָבער א ציגאר װעט איר דאָך יאָ רויכערן?

נאַגעל האָט אָנגעקלונגען און געהייסן ברענגען װײַן און צי- גארן; ער האָט גלײַך גענומען טרינקען, אָבער מינוט האָט בלויז גערויכערט און געקוקט אויף אים. מינוט האָט געהאלטן אין איין רעדן, און ס'האָט אויסגעװיזן, אז ער האָט גאָרנישט בדעה אויפ- צוהערן.

— הערט נאָר, — האָט זיך נאַגעל אָפּגערופן — אין העמדער איז בײַ אײַך, מסתמא, א דוחק? נעמט נישט פאר אומגוט, װאָס איך פרעג. כ'װאָלט זײַער נישט געװאָלט צושטײַן צו אײַך.

מינוט האָט געענטפערט:

— נישט צוליב דעם האָב איך דאָ דערמאָנט די צװיי העמ- דער; װי איר זעט מיך דאָ זיצן, נישט צוליב דעם.

— אוודאי נישט! װאָס שרײַט איר אזוי? אָבער זאָגט מיר פונדעסטװעגן אָפן, װי די זאַך איז; אויב איר האָט גאָרנישט קעגן דעם, טאָ װײַזט מיר, װאָס איר טראָגט, כ'מײן אונטערן רעקל.

— מיט פארגעניגן, אך, מיט פארגעניגן! טוט א קוק אָט די אָ זײַט. און די אנדערע זײַט איז אויך נישט ערגער...

— אָ, יאָ, װארט-זשע, די אנדערע זײַט איז א ביסל ער- גער, װי איך זע...

— אָבער קאָן מען דען װינטשן עפּעס בעסערס? — זאָגט מי-

גוט, — איך דאַרף נישט קיין העמדער איצט, ס'איז נישט אמת.
איך דערלויב מיר אפילו צו זאָגן, אַז אַזאַ העמד, ווי דאָס דאָזי-
קע, איז צו גוט פאַר מיר. ווייסט איר, פון וואַנען איך האָב עס
געקראָגן? פון דאָקטאָר סטענערסען, יאָ, פון דאָקטאָר סטענער-
סען אַליין, און איך גלויב, אַז די פרוי הויבט גאָרנישט אָן צו
וויסן דערפון, הגם זי איז דאָך די גוטסקייט אַליין. איך האָב עס
באַקומען אויף ווייַנאַכטן.

— אויף ווייַנאַכטן?

— וואָס-זשע, איר מיינט, דאָס איז שוין אַזאַ לאַנגע צייט?
האַהאַהאַהאַ! זייט מיר מוחל, וואָס כ'האָב זיך אַזוי פונאַנדערגע-
לאַכט, זייט מיר מוחל, ווי גאָט איז אייך ליב! איך צערייס דאָך
נישט אַזאַ העמד, ווי אַ חיה רעה; איך מאַך דאָך נישט קיין לע-
בער בביזון; טאַקע צוליב דעם טו איך עס אויס בייַנאַכט און
שלאָף נאַקעט, כדי נישט צו צערייסן עס אומזיסט און אומנישט.
אויף אַזאַ אופן האַלט עס אַ סך לענגער, און איך קאָן זיך ווייַזן
צווישן מענטשן, איך זאָל זיך נישט דאַרפן שעמען, וואָס איך
האָב נישט קיין גאַנץ העמד אויפן לייַב. און איצט בייַ די לעבע-
דיקע בילדער וועט מיר זייער גוט צונוץ קומען, וואָס איך וועל
נאָך האָבן אַ העמד, אין וועלכן מען קאָן זיך ווייַזן פאַר אַן עולם;
פרייַלין דאַגני וויל נאָך אַלץ, איך זאָל מיטהעלפן; כ'האָב זי
געכטן געטראָפן בייַ דער קירך. זי האָט פון אייך אויך גערעדט...

— און איך וועל אייך שאַפן אַ פאָר הויזן צו אייער אַרויס-
טריט, — האָט נאַגעל געזאָגט — יאָ, דאָס וועל איך בלי ספק טון;
ס'איז דאָך עפּעס ווערט געלט אייך אָנצוקוקן, ווי איר טרעט
אַרויס פאַר דער עפנטלעכקייט. אַז דער לאַנד-ריכטער האָט אייך
געשענקט אַ רעקל, וועל איך אייך שענקען אַ פאָר הויזן; דאָס
איז נישט מער, ווי יושר. אָבער איך טו עס מיטן געוויינלעכן
תנאַי, אַז איר זאָלט עס האַלטן בסוד; קיים פאַלט אייך איין אי-
בערצורעדן פאַר איין מענטשן אַ וואָרט, דאַן...

— ניין, קיינמאָל נישט, קיין לעבעדיקן נפש; אָבער...

— איך מיין, איר זאָלט דאָך טרינקען אַביסל ווייַן, נישט
אמת? מילא, טוט ווי איר פאַרשטייט; איך וויל הייַנט אָונט

טרינקען, איך בין אויפגערעגט און טרויעריק. אָבער קאָן איך אייך עפּעס פרעגן? ס'איז אפילו אַ דרייסטע פראַגע; כ'וואָלט גערן געוואָלט וויסן... צי ווייסט איר וועגן דעם, אַז איר האָט אַ צו־נאָמען ביים עולם? מען רופט אייך גאַנץ פּשוט—מינוט; ווייסט איר דאָס?

—געהיים ווייס איך עס! כ'מאַך גאָרנישט דערפון קיין סוד. תחילת איז עס מיר געווען שווער צו פאַרטראָגן; כ'האָב געבעטן גאָט, ער זאָל מיך אויסלייזן דערפון; כ'בין אַרומגעגאַנגען אַ גאַנצן זונטיק אין וואַלד און אויף דריי פאַרשידענע ערטער בין איך געפאַלן אויף די קני און גאָט געבעטן; אָבער ס'איז שוין זייער לאַנג, אַ מעשה פון יאָרן. און איצט ווייסט קיינער נישט אַנדערש ווי מינוט. און איך מיין, אַז נאָך אַלעמען איז עס דאָך גאָרנישט אַזאַ געפערלעכע זאַך. פאַרוואָס האָט איר אַזוי שטאַרק געוואָלט וויסן, צי איך ווייס דערפון? וואָס קאָן איך טון, ווען איך ווייס יאָ?

— ווייסט איר אויך, פון וואַנעט איר האָט געקראָגן אָט דעם נאַרישן צונאָמען?

— יאָ, דאָס ווייס איך אויך, דאָס הייסט: ס'איז דאָך שוין אַזוי לאַנג — איידער נאָך איך בין אַ קאַליקע געוואָרן — אָבער איך געדענק עס נאָך זייער גוט. ס'איז געווען אויף אַן אָוונט, אָדער בעסער געזאָגט אויף אַ נאַכט, אַ מין הוליאַנקע פון יונגע־לייט, סאַמע בחורים. איר האָט אפשר באַמערקט דאָס געלע הויז דאָ אונטן ביים צאָל־שפּייכלער, רעכטס, ווי מ'גייט נאָר אַראָפּ? דע־מאָלט איז עס געווען ווייס אָפּגעקאַלכט, און דאָרטן האָט געוווינט דער בירגערמייסטער; ער איז געווען אַ בחור און האָט געהייסן סערענסען, אַ פריילעכער חברה־מאַן. איינמאָל אין אַ זומערדיקן אָוונט בין איך אַרויפגעקומען פונם ברעג, ווו איך בין געגאַנגען שפּאַצירן און באַקוקט די שיפן. בעת איך בין פאַרביי־געגאַנגען דאָס געלע הויז, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז דאָרט זענען דאָ געסט, וואָרום איך האָב געהערט אַ געלעכטער און אַ סך שטימען. און ווי איך גיי אַזוי פאַרביי די פענסטער, דערזעען זיי מיך און זיי קלאַפּן אין די שויבן. איך גיי אַריין און געפין דאָרט דאָקטאָר־

קאָלביע, קאַפּיטאַן וויליאַם פּראַנטע, דעם צאָל־אויפזעער פאָרקערדאַל און עטלעכע אַנדערע; יאָ, זיי זענען שוין אַלע אויף יענער וועלט, אָדער ערגעץ מעבר לים. צוזאַמען זענען זיי געווען אַ מאַן זיבן אָדער אַכט און אַלע טויט־שיכּור; זיי האָבן צעבראָכן אַלע שטולן, בלויז אַזוי, צוליב הנאה. דער בירגערמייסטער האָט געוואָלט אַזוי, און די גלעזער זענען אויך געווען צעבראָכן, און מיר האָבן גע־מוזט טרינקען פון פלאַש.

ווען איך בין צוגעשטאַנען צו זיי און אויך געוואָרן שיכּור ווי לוט, איז שוין דער ליאַרם געווען נישט איבערצוטראָגן. די מאַנסלייט האָבן זיך אויסגעטון און זענען אַרומגעלאָפן נאַקעטער־הייט איבער די חדרים, הגם די פאָרהאַנגען זענען נישט געווען אַראָפּגעלאָזן; און דערפאַר, וואָס איך האָב נישט געוואָלט טון פונקט ווי זיי, האָבן זיי מיך אָנגעכאַפּט און מיט געוואַלט געוואָלט אויסטון מיר די בגדים. איך האָב זיך נישט אויפגעהערט צו ראַנגלען און געטון אַלץ, וואָס כ׳האָב געקאָנט; עס איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז איך האָב געמוזט נעמען יעדנס האַנט און בעטן מחילה...

— פאַרוואָס האָט איר געבעטן מחילה!

— פאַר גאָרנישט, בלויז כּדי זיי זאָלן מיך אַביסל ווייניקער פּייניקן; אָבער ס׳האָט געהאָלפן ווי אַ טויטן באַנקעס, זיי האָבן מיך אויסגעטון נאַקעט, ווי די מאַמע האָט מיך געהאַט, דערצו האָט נאָך דער דאָקטאָר געפונען אַ בריוו ביי מיר אין קעשענע, און ער האָט אים גענומען פאָרלייענען פאַר זיי אויפן קול. אָבער דעמאָלט האָב איך זיך אַביסל אויסגעניכטערט, וואָרום דער בריוו איז געווען פון מיין מאַמען, וואָס כ׳האָב זייער ליב געהאַט; און דעם בריוו האָט זי מיר געשריבן נאָך דעמאָלט, ווען איך בין אַרויסגעפאָרן אויפן ים. בקיצור — האָב איך גערופן דעם דאָקטאָר ביר־פעסל, ווייל ס׳איז פאַר קיינעם קיין סוד נישט געווען, אַז ער האָט געטרונקען אַ ים. „איר זענט אַ ביר־פעסל" האָב איך געזאָגט. ער איז אַריינגעפאַלן אין אַ שרעקלעכער רציחה און האָט מיך געוואָלט אָנכאַפּן ביים גאָרגל, אַ נס וואָס דער איבעריקער עולם האָט אים אָפּגעהאַלטן: כאָמיר אים בעסער אָנשיכּורן! האָט זיך

דער בירגערמייסטייער אָנגערופן וועגן מיר; פונקט ווי איך וואָלט נאָך קיינמאָל ניטט געווען שיכּור, און זיי האָבן מיר אָנגעהויבן צו גיסן אין האלז אריין פון כּלערליי פלעשער. דערנאָך זענען צוויי פון די דאָזיקע הערן אריינגעקומען מיט אַן עמער וואסער, און געמאכט א פאָרשלאַג, מען זאָל מיך טויפן. אַלע האָבן מסכּים געוועןְ, איך זאָל געטויפט ווערן, און זיי זענען שיר נישט משוגע געוואָרן איבער דער דאָזיקער המצאה און דאַן איז זיי נאָך איינגעפאַלן, אריינצוטון פארשידענע זאַכן אין וואסער, כּדי עס צו פאַראומרייניקן. זיי האָבן אריינגעשפּיגן און אריינגעגאָסן בראָנפן און אריינגעשאָטן לאָפּאַטעס אַש, עס זאָל ווערן גוט מוטנע. און אַצינד איז מען מיך געגאַנגען טויפן. „פארוואָס קאָנט איר עס נישט טון מיט אַן אַנדערן?” האָב איך געפרעגט דעם בירגערמייסטער און ארומגענומען זיינע קני. „מיר זענען שוין אַלע געטויפט”, האָט ער געענטפערט, „פונקט אויף אַזאַ אופן געטויפט”. און איך גלויב עס אויך, וואָרום אַזוי פלעגט ער זיך באַגיין מיט זיינע גוטע פריינט, „שטעל זיך דאָ פאַר מיר!” האָט זיך דער בירגערמייסטער געווענדט צו מיר, אָבער איך בין מיט גוטן נישט געגאַנגען, איך בין געבליבן שטיין און מיך פעסט צוגעהאַלטן ביים הענטל פון דער טיר. „קום צו דער שעה און דו וועסט קומען צו דער מינוט!” האָט ער געזאָגט. אָבער ניין, איך בין נישט געגאַנגען. אָבער דאָ האָט קאַפּיטאַן פראַנטע אויסגעשריגן: „מינוט, מינוט, אָט דאָס איז עס, מען מוז אים טויפן מיטן נאָמען מ י נ ו ט!”

און אַלע האָבן מסכּים געווען, אַז איך מוז געטויפט ווערן מיטן נאָמען מינוט; עס פּאַסט מיר זייער גוט צוליב מיין קליינער וווקס. דאַן האָבן מיך צוויי פון זיי גענומען און מיך צוגעשלעפּט צום בירגערמייסטער און מיך געשטעלט קעגן אים, און צוליב דעם, וואָס איך בין געווען אַזוי קליין און נישטיק פון אָנזען, האָט מיר דער בירגערמייסטער איינער אַליין גענומען און אָפּגעטובלט מיך אין עמער. מיין קאָפּ האָט ער אינגאַנצן אָפּגעטונקען און אָנגעקלאַפּט מיין נאָז אָן דער דנאָ, ווו עס זענען געלעגן שטיקער גלאָז און — אַש, און דערנאָך האָט ער מיך אויפגעהויבן און געמאַכט די ברכה איבער מיר. שפּעטער האָבן די קוואַטערס געמוזט טון מיט מיר זייערע מצוות, און ס'איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס יעדערער פון

זיי האָט מיך אויפגעהויבן אין דער הויך און געלאָזט אַראָפּפאַלן אויף דער ערד. און אַז זיי זענען שוין מיד געוואָרן דערפון, האָבן זיי זיך אויסגעשטעלט אין צוויי רייען און מיך אַרומגעוואָרפן פון איינעם צום אַנדערן ווי אַ באַל; דאָס האָבן זיי געטון אַזוי לאַנג, ביז ס'איז זיי צוגעגעסן געוואָרן. לסוף האָט דער בירגערמייסטער אַ געשריי געטון „גענוג!” און באַלד נאָכדעם האָבן זיי מיך אָפּגעלאָזט און אַלע מיט איין קול האָבן מיך אָנגעהויבן צו רופן מינוט, זיי האָבן מיך אָנגענומען פאַר דער האַנט און מיך גערופן מינוט, כדי צו חתמענען דעם טויף-בונד. פונדעסטוועגן בין איך נאָכאַמאָל אַריינגעוואָרפן געוואָרן אין עמער. דאָס האָט מיך דער דאָקטאָר קאָלביע מיט אַלע כוחות אַריינגעוואָרפן, אַזוי אַז איך האָב זיך עפּעס צעבראָכן אין דער זייט; ער האָט מיר גאָרנישט געקאָנט שענקען דאָס, וואָס איך האָב אים באַליידיקט... יאָ, פון יענער נאַכט שטאַמט מיין צונאָמען; און ס'איז שוין אַזוי פאַרבליבן, אַז איך הייס אויף היינטיקן טאָג מינוט. אויף מאָרגן האָט די גאַנצע שטאָט געוווּסט, אַז איך בין געווען ביים בירגערמייסטער און אַז מ'האָט מיך דאָרטן געטויפט.

— און איר האָט זיך צעבראָכן עפּעס אין דער זייט? אָבער אין קאָפּ האָט איר זיך גאָרנישט געטון!

פויזע.

— שוין דאָס אַנדערע מאָל ווי איר פרעגט מיך, צי איך האָב זיך נישט געטון עפּעס אין קאָפּ, און ס'קאָן זיין, אַז איר ווילט עפּעס זאָגן דערמיט. אָבער איך האָב זיך דעמאָלט נישט אָנגעקלאַפּט דעם קאָפּ אָן עמער, דער מוח איז מיר נישט גערירט געוואָרן, אויב ס'איז דאָס, וואָס איר האָט מורא. אָבער כ'האָב סתם געקראָגן אַ קלאַפּ אָן עמער, און איך האָב צעבראָכן אַ ריפּ. דאָס איז אמת, דאָס לייקן איך נישט. אָבער היינט איז שוין אַלץ ווידער אין אָרדנונג. הלוואי וואָלט איך אַזוי פריי געווען פון זינד!

בעת מינוט האָט גערעדט, האָט נאַגעל נישט אויפגעהערט צו טרינקען. ער האָט אָנגעקלונגען, געהייסן ברענגען נאָך וויין און ווידער געטרונקען. פּלוצלינג האָט ער זיך אָנגערופן:

— יאָ, ס'איז מיר גראָד איינגעפאַלן: איר גלויבט, אַז איך קאָן זיך זייער גוט אויף אַ מענטשן? נו, איר דאַרפט נישט אַזוי אויסגלאָצן די אויגן אויף מיר. ס'איז בלויז אַ היימישע פראַגע. מיינט איר נישט, אַז איך בין פעיק אַריינצוקוקן אין דער נשמה ביי דעם, מיט וועמען איך רעד?

מינוט קוקט אים אָן מיט אַן אָפן מויל און געפינט נישט, וואָס צו ענטפערן. דערנאָך הויבט נאַגעל ווידער אָן:

— אגב, מוזט איר מיר מוחל זיין; דאָס פריערדיקע מאָל, ווען איך האָב געהאַט דאָס פאַרגעניגן אייך צו זען ביי מיר, האָב איך אייך אויך דערשראָקן מיט מיינע משונהדיקע פראַגן, איר ווערט זיך, מסתמא, דערמאָנען, ווי איך האָב אייך צווישן אַנדערע זאַכן פאָרגעלייגט אַ באַשטימטע סומע געלט, איר זאָלט זיך אָנגעבן פאַר אַ פאָטער פון אַן אומגעזעצלעך קינד. כאַכאַכאַ! אָבער ריכטיק? איר דערמאָנט זיך שוין? נאָר דערמאָלט האָב איך עס געטון, ווייל איך האָב אייך נאָך נישט געקענט; איצט ברענג איך אייך ווידער אַריין אין דערשטוינונג, איך טו עס ווידער, הגם איך קען אייך שוין איצט זייער גוט און איך שעץ אייך זייער שטאַרק. זעט איר, היינט טו איך עס פשוט דערפאַר, ווייל איך בין זייער אויפגערעגט און שוין שטאַרק בגילופין. דאָ האָט איר די גאַנצע דערקלערונג. איר זעט דאָך שוין, מכתמא, אַז איך בין טויט־שיכור. אוודאי זעט איר עס! צו וואָס זיך פאַרשטעלן? אָבער וואָס האָב איך אייך געוואָלט זאָגן? — עס וואָלט מיר באמת געווען אינטערעסאַנט צו וויסן, אויף וויפל איר האַלט מיך פאַר פעיק צו טרעפן, אַריינצוקוקן אין דער מענטשלעכער נשמה און זי אויסצופאָרשן. האַהאַ! איך רעד וועגן אַ „מענטשלעכער נשמה", מוז אייך שוין זיין קלאָר, אַז איך האָב גאָר נישקשהדיק אין קעפל, נישט אמת? מילא, אַבער איך וועל עס אייך אויסטייטשן, ווי ווייט עס וועט זיך לאָזן: איך באַמערק אפילו אַ גאַנץ דינעם אונטערטאָן אין דער שטים פון דעם, וואָס איך רעד מיט אים. איך האָב אַן אומגלויבלעך גוטן געהער. אַז איך רעד מיט אַ מענטשן, דאַרף איך אים נישט אָנקוקן, כדי ריכטיק צו פאַרשטיין, וואָס ער זאָגט; איך הער תיכּף ומיד, צי ער האָט אַ משיניק,

אָדער דערצײלט מיר אַן אמתע זאַך, װי עס דאַרף צו זײן. די שטים פֿון אַ מענטשן איז אַ געפּעדלעבער מעכאַניזם. הערט, װאָס איך רעד צו אײַך. איך מײן נישט דעם ממשותדיקן קלאַנג פֿון דער שטים, דעם, װאָס איז פֿאַראַן, נײן, איך מײן דאָס מיסטע-ריעזע, דאָס פֿאַרבאָרגענע, װאָס ליגט הינטער דעם אַלעמען, די װעלט, װאָס פֿון איר גײט די שטים אַרױס... איבעריקנס, מעג זי גײן צום טײװל, אַט די װעלט, װאָס ליגט פֿון הינטן! שטענדיק מוז ליגן עפּעס אַ װעלט פֿון הינטן! איר הערט, ס'װאָלט אַלץ געװען גוט און װױל, װען איר נעמט אױך אַ גלעזל; איך קאָן גאַרנישט באַגרײַפֿן, װי איר קאָנט דאָ אַזױ זיצן מיט אַ טרוקענעם האַלז.

נאַגעל האָט װידער געטרונקען און נאָכדעם האָט ער גע-זאָגט:

— װאָס זענט איר מיטאַמאָל אַזױ שטיל געװאָרן? לאָזט זיך נאָר נישט פֿאַרדרײען אַ קאָפּ מיט דעם, װאָס איך האָב אײַך אַ משײניק װעגן מײן מענטשנקענטעניש; איר װעט דאָך שױן באַלד מורא האָבן צו עפֿענען דאָס מױל אין מײן געגנװאַרט. האַ האַ! יאָ, אַ שײנעם פּנים װאָלט עס געהאַט! אָבער איצט, כ'האָב שױן פֿאַרגעסן, װאָס כ'האָב געװאָלט זאָגן. מילא, װעל איך רעדן װעגן עפּעס אַנדערש, װאָס איז מיר אפֿילו נישט אַזױ צום האַרצן, אָבער פֿונדעסטװעגן װעל איך פֿאָרט רעדן, ביז איך װעל זיך דערמאָנען דאָס מײניקע. גאָט, װאָס פֿאַרא שטותערײען איך פּלױ-דער עס אַביסל; אָבער װי איז אײער מײנונג װעגן פֿרײלין קיעלאַנד? לאָמיך הערן אײער מײנונג װעגן איר! מײן מײנונג איז, אַז פֿרײלין קיעלאַנד איז אַ קאָקעטקע אױף אַזױ װײט, אַז ס'װאָלט איר אױף אַן אמת הנאה געטאָן, װען נאָך אַ סך אַנדערע, — װאָס גרעסער אין דער צאָל אַלץ בעסער — װאָלטן זיך צוליב איר אַ מעשה אָנגעטאָן. דאָס איז מײן מײנונג. זי איז רײצנד, יאָ, דאָס איז זי, און עס מוז זײן אַ זיסער הײמיק, זיך צו לאָזן צע-טרעטן פֿון איר פֿוס; איך װעל אפֿילו נישט שװערן, אַז איך װעל איר אַמאָל בעטן, זי זאָל עס מיר טאָן. אגב, איז זיך נישטאָ צו װאָס צו אײַלן. איך האָב נאָך צײַט... אָבער, זאָל מיך גאָט נישט

שטראָפֿן, איר װעט הײנט אָװנט פּשוט פֿון זינען אַראָפּ צוליב מײנע רײד! איך האָב אײך באַלײדיקט? איך מײן אײך פֿערזענלעך?

— װען איר װאָלט געװוּסט, װי פֿײן פֿרײלין קיעלאַנד האָט גערעדט װעגן אײך! כ'האָב זי נעכטן געטראָפֿן. איך האָב געשמועסט מיט איר אַ לענגערע צײט...

— זאָגט מיר — זײט מיר מוחל, װאָס איך לאָז אײך נישט אױסרעדן — אָבער פֿאַרמאָגט איר אױך אַ שטיקל טאַלענט, צו קאָנען הערן, װאָס עס ציטערט הינטער פֿרײלין קיעלאַנדס ממשותדיקער שטימע? — אָבער אַצינד הערט איר אַלײן אװדאי, װי איך פּלאַפּל רײנע משוגעתן! יאָ, נישט אמת? בכן? אָבער איך װאָלט געװען שטאַרק צופֿרידן, װען איר קענט זיך אױך אױף מענטשן; איך װאָלט אײך צוגעװוּנטשן און געזאָגט: מיר בײדע, מיר זענען אױבן, װײל מיר קענען זיך אױף דעם; קומט, לאָמיר שליסן אַ בונד און אָפּמאַכן נישט צו באַנוצן אונזערע פֿעיקײטן אײנער אַנטקעגן אַנדערן — אײנער קעגן אַנדערן. איר פֿאַרשטײט? אַזױ למשל, אַז איך באַנוץ זיך נישט קײנמאָל מיט מײן װיסן קעגן אײך, אפֿילו איך קוק אײך אַרײן אין דער נשמה און זע אײך דורך און דורך. דאָס האָב איך געװאָלט זאָגן. נו, איצט װערט איר שױן װידער אומרויִק, װי איר װאָלט זיך פֿאַר עפּעס געשראָקן. איר האָט גאָרנישט װאָס מורא צו האָבן פֿאַר מײן פּוסטער פּלױדערײ; בעת איך בין שיכּור, קריג איך אַזאַ לאַנגן צונג...
אָבער איצט דערמאָן איך מיך פּלוצלינג אין דעם, װאָס איך האָב פֿריער געװאָלט זאָגן, בעת איך האָב אָנגעהױבן רעדן װעגן פֿרײלין קיעלאַנד, דאָס װאָס איז מיר נישט געװען צום האַרצן. נאָך װאָס האָב איך טאַקע, אױף אַן אמת, געדאַרפֿט אַרױסטאַנצן מיט מײן מײנונג װעגן איר, בעת איר האָט מיך גאָרנישט בדעה געהאַט צו פֿרעגן? איך האָב אינגאַנצן אַ חלק געמאַכט פֿון אײער גוטער שטימונג; איר געדענקט, װי אױפֿגעלײגט, װי פֿרײלעך איר זענט געװען, בעת איר זענט מיט אַ שעה צוריק אַרײַנגעקומען אַהער? איך זאָג אײך, אַז די גאַנצע נײַן מאָס רײד קומען פֿון װײַן... אָבער לאָמיר זשע װידער, צום צװײטן מאָל, נישט פֿאַרגעסן, װאָס איך

האָב געוואָלט זאָגן; בשעת איר האָט פריער גערעדט וועגן דער הוליאַנקע ביים בירגערמייסטער, איז מיר אויף אַ משונהדיקן אופן אַרויף אויפן רעיון, אַז איך וואָלט אויך געוואָלט איינאָרדענען אַ שטיקל פאַרוויילונג פאַר אַ מענער געזעלשאַפט. יאָ, ס'מעג מיך קאָסטן, וואָס עס וויל, אַ מענער-פאַרוויילונג פאַר עטלעכע איינגע־לאַדענע! איך לאָז עס נישט אָפּ. עס מוז איינגעאָרדנט ווערן; און איר מוזט אויך קומען, איך רעכן באַשטימט אויף אייך. יאָ, איר קאָנט זיין גאַנץ רויק, מ'וועט אייך אַ צווייטן מאָל נישט טויפן; איך וועל שוין זיין פאַר דעם, אַז מ'זאָל אייך באַהאַנדלען מיטן גרעסטן יראת הכבוד; דער עיקר זאָל מען מיר נישט ברעכן קיין שטולן און טישן; אָבער איך וואָלט שטאַרק געוואָלט אַמאָל אין אַן אָוונט האָבן ביי מיר אַ פּאָר גוטע פריינט, און דאָס אַזוי גיך, ווי ס'איז מעגלעך, לאָמיר זאָגן ביים סוף וואָך. ווי מיינט איר וועגן דעם?

נאַגעל האָט אויפסניי געטרונקען, אויסגעטרונקען צוויי פולע גלעזער. מינוט האָט אויך גאָרנישט געזאָגט אויף דעם. ס'איז געווען קענטיק, אַז זיין ערשטע קינדערשע פרייד איז אַוועק, און אַז בלויז צוליב העפלעכקייט האָט ער אויסגעהערט די פּלוידעריי פון זיין גאַסט-געבער. ער האָט זיך בסדר אָפּגעזאָגט צו טרינקען אַביסל.

— איר זענט מיט איינמאָל געוואָרן אַזוי מאָדנע שטיל,—האָט זיך נאַגעל אָפּגערופן — ס'איז דאָך לעכערלעך, אָבער ווייסט איר, אַז איר זעט באותו רגע אויס, ווי איר וואָלט זיך געפילט פון עפּעס געטראָפן, פון אַ וואָרט, אַן אָנצוהערעניש? יאָ, וואָלט מען עס געקאָנט גלויבן! פון עפּעס אָנגערירט! כ'האָב באַמערקט, אַז איר האָט זיך נאָר וואָס שטאַרק דערשראָקן, אַז איר זענט פאַר־ציטערט געוואָרן! ניין? נו, האָב איך, אַפּנים, אַ טעות געהאַט. האָט איר זיך אַמאָל פאַרגעשטעלט, ווי עס מוז זיך פילן אַ באַהאַלטע־נער אַפּעריסט, בשעת אַ געהיים-אַגענט קומט אומגעריכט אַריין צו אים אין שטוב, לייגט אים אַרויף די האַנט אויפן אַקסל און קוקט אים בשעת מעשה אַריין אין די אויגן, נישט אויסרעדנדיק דערביי קיין וואָרט?... אָבער וואָס טוט מען פאַרט מיט אייך? איר ווערט

וואָס אַמאָל טרויעריקער און פאַרשלאָסענער. איך בין היינט נער־וועיש און מאַטער אייך סכנות, אָבער איך מוז רעדן. דאָס איז שוין ביי מיר אַ טבע אַזאַ, ווען איך בין שיכּור. און אַוועקגיין דאַרפט איר אויך נישט, וואָרום דאַן וועל איך מוזן רעדן נאָך אַ גאַנצע שעה מיט דעם דינסטמיידל, מיט סאַראַן; שוין אָפּגערעדט דערפון, וואָס דאָס איז לאַנגווייליק, איז עס טאַקע נישט פּאַסיק אויך.

פויזע. נאַגעל האָט אויסגעטרונקען נאָך אַ גלאָז און ווידער געזאָגט:

— אַך, יאָ, הייסט עס, בכן: די מענטשלעכע נשמה! וואָס זאָגט איר פּאָרט דערצו? דאָ נישט לאַנג, מיט עטלעכע טעג צו־ריק, אין אַ פרימאָרגן, דערזע איך מיך־מיך יאָהאַן נילסען נאַגעל, ווי איך דריי מיך אַרום אַהין און צוריק נעבן קאָנסול אַנדערסענס הויז און ברעך זיך דעם קאָפּ, ווי הויך אָדער ווי נידעריק זיין ווינונג קאָן זיין. יאָ־ווי געפעלט אייך אַזאַ זאַך? אָבער דאָס איז הידער, אויב איך קאָן זיך אַזוי אויסדריקן, די מענטשלעכע נשמה. קיין איין פּינטעלע, קיין שום קלייניקייט ווערט נישט פאַרלוירן פאַר איר אויג. אַלץ האָט פאַר איר אַ באַדייטונג... וואָס פאַרא רושם וועט מאַכן אויף אייך, למשל, ווען איר קומט צו גיין אַמאָל ביי־נאַכט פון אַ פאָרשטעלונג, פון אַ שפּאַציר, און איר טרעפט זיך אָן פּנים אל פּנים מיט אַ מענטש, וואָס שטייט אין אַ ווינקל און קוקט אייך אָן און דרייט אויס דעם קאָפּ צו אייך און זאָגט גאָר־נישט? און נעמען מיר נאָך אָן, אַז זען זעט איר בלויז זיין פּנים און זיינע אויגן, דעמאָלט וואָס? אַך, עס טרעפן פאַרשידענע זאַכן אין דער מענטשלעכער נשמה!... אָט קומט איר אַמאָל אין אָוונט אין אַ געזעלשאַפט פון, לאָמיר אָננעמען, צוועלף פּערזאָן, און די דרייצנטע, עס מעג זיך זיין אַ טעלעגראַפיסטין, אַן אָרעמער ריכ־טער, אַ קאַנטאָר־שרייבער, אַ שיפסקאַפּיטאַן, בקיצור אַ פּערזאָן אָן שום באַדייטונג, און אָט די דרייצנטע פּערזאָן זיצט אין אַ ווינקל און מישט זיך נישט אַריין אין שמועס און מאַכט נישט קיין שום טומל; אָבער נישט געקוקט דערויף, האָט אָט די דרייצנטע פּער־זאָן איר ווערט, נישט נאָר ווייל ס'איז אַ מענטש פאַר זיך, נאָר

אויך אלס פאקטאר אין דער געזעלשאפט. גראד דערפאר וואס
זי טראגט די און די קליידער, ווייל זי האלט זיך אזוי שטום,
ווייל אירע אויגן קוקן זיך ארום אזוי תמעוואטע און גארנישט
זאגנדיק צווישן די איבעריקע געסט, און ווייל איר ראלע איז צו
זיין אזוי שטום און אומבאדייטנדיק, גראד דערפאר לייגט זי ארויף
אויף דער גאנצער געזעלשאפט א געוויסן כאראקטער. טאקע דער-
פאר, וואס זי זאגט גארנישט, ווירקט זי נעגאטיוו און רופט ארויס
אין דער גאנצער שטוב דעם שטילן טאן פון מרה שחורה, וואס
צווינגט די איבעריקע געסט צו רעדן אזוי הויך און נישט הע-
כער. בין איך נישט גערעכט? אזא פערזאן קאן צוליב דעם
ווערן פשוט די מעכטיקסטע אין דער דאזיקער געזעלשאפט. ווי
געזאגט, קען איך זיך נישט אויף קיין מענטשן, נאר אפט אמוזירט
עס מיך פונדעסטוועגן זיך צוצוקוקן, וואס פארא מוראדיקן ווערט
עס האבן אמאל קלייניקייטן; אזוי האב איך אמאל מיט מיינע איי-
גענע אויגן געזען ווי א ווילד-פרעמדער, ארעמער אינזשיניער, וואס
האט לחלוטין זיין מויל נישט געעפנט... אבער דאס איז שוין א
מעשה פאר זיך און האט אהער קיין שום שייכות נישט, נישט
מער, זיי זענען מיר ביידע אדורכגעפלויגן אין קאפ און איבערגע-
לאזט דארט זייערע שפורן. אבער לאמיר זיך האלטן ביים משל,
ווער ווייסט, צי אייער שטיל שהייגעניש גיט מיר דעם היינטיקן
אוונט אויך נישט אזא טאן, נישט געקוקט אויף מיין
בגלופנדיקייט, צי איז נישט דער אויסדרוק פון אייער פנים, אט
דער מאדנער, האלב-שרעקנדיקער האלב-אומשולדיקער אויסדרוק פון
אייערע אויגן, צי איז דאס נישט שולדיק אין דעם, וואס איך
רעד אזוי ווי איצט? דאס איז גאנץ נאטירלעך, און איך, פון
מיין זייט, וואונדער זיך גארנישט אויף דעם. איר הערט זיך צו צו
דעם, וואס איך זאג, וואס איך אנגעטרונקענער זאג, איר מוזט זיך
פילן אויף וועלבן ס'איז אופן געטראפן, (איך באנוץ זיך ווידער
מיטן אויסדרוק, ווי איך האב זיך שוין איינמאל באנוצט — גע-
טראפן) און איך פיל, אז איך וואלט געקאנט נאך ווייטער גיין
און אייך צוהארפן נאך א פאר שאק ווערטער. דאס אלץ ברענג
איך אייך נאר ווי א ביישפיל פאר דעם ווערט פון קלייניקייטן. לאזט

גישט ארויס די קלייניקייטן פון אויג, ליבער פריינט! ווי גאָט איז אייך ליב, די קלייניקייטן האָבן א גוואַלטיקע באַדייטונג... אַריין!

ס'איז געווען סאַרא, וואָס האָט אָנגעקלאַפּט און געמאָלדן, אז עס איז שוין גרייט דער אָוונט-ברויט. מינוט איז תיכּף אויפגעשטאַנען. איצט האָט מען געקאָנט זען אויף נאַגעלס געזיבט, אז ער איז באַרוישט, ער האָט שוין אפילו אָנגעהויבן פּלאָנטערן מיט דער צונג; דערצו האָט ער זיך בּסדר סותר געווען און האָט אַמאָל ערגער געחוזקט. זיינע פאַרטראַכטע אויגן און די אויפגעלאָפענע אָדערן, אויך די שלייפן האָבן עדות געזאָגט, אז זיין קאָפּ איז פול מיט אַלערליי רעיונות.

— יאָ, — האָט ער געזאָגט — עס וווּנדערט מיך נישט, וואָס איר ווילט זיך אזוי שטאַרק באַנוצן מיט דער געלעגנהייט אַוועקצוגיין, נאָך דעם גאַנצן אומזין, וואָס איר האָט זיך דעם גאַנצן אָוונט געמוזט אָנהערן. איבער עטלעכע זאַכן אָבער וואָלט איך נאָך געוואָלט הערן אייער מיינונג; איר האָט נאָך לחלוטין נישט געענטפערט אויף מיין פראַגע, וואָס איר טראַכט ביי זיך טיף אין האַרצן וועגן פריילין קיעלאַנד. מיר קומט זי פאָר ווי דאָס זעלטנסטע, אומדערגרייכבאַרסטע וועזן, פול מיט חן, און ריין און ווייס ווי שניי — שטעלט זיך פאָר ריינעם, עבטן, זיידענעם שניי. אזוי שטייט זי פאַר מיין דמיון. אויב איר האָט צוליב דעם, וואָס איך האָב פריער געזאָגט, געהאַט אַן אַנדער איינדרוק, איז עס פאַרקערט... לאָמיך זשע איצט אויסטרונקען דאָס לעצטע גלאָז אין אייער געגנוואַרט; פאַר אייער געזונט!.. אָבער ס'פאַלט מיר גראָד עפּעס איין. ווען איר וואָלט געהאַט געדולד מיר צו שענקען נאָך אַ פּאָר מינוט, וואָלט איך אייך געווען אויסערגעוויינלעך דאַנקבאַר. די מעשה איז דאָס — לאָמיך עס זאָגן אָפן, אָבער קומט צו נענטער, איך זאָל אייך קאָנען זאָגן שטילערהייט, וואָרום דאָ אין הויז זענען די ווענט דין און מען מוז זיין פאָרזיכטיק — יאָ, די מעשה איז דאָס, וואָס איך בין שרעקלעך פאַרליבט אין פריילין קיעלאַנד. אָט האָב איך עס אייך אַרויסגעזאָגט! דאָס זענען בלויז אַ פּאָר טרוקענע און נישטיקע ווערטער וועגן דער זאַך, אָבער איין גאָט אין הימל ווייסט, ווי משוגע איך האָב זי ליב און ווי

איך לייד צוליב איר. נו, דאָס איז אַ זאַך פאַר זיך, איך האָב ליב, איך לייד און געניס, דאָס קער נישט אהער. אלזאָ! אָבער איך האָף, אַז איר וועט מיין אָפּנהאַרציקייט באַהאַנדלען מיט דער גאַנצער פאָרזיכטיקייט, וואָס עס קומט איר. איר זאָגט עס מיר צו? אַ דאַנק, ליבער פריינט! אָבער, וועט איר זאָגן, ווי אַזוי קאָן איך זיין פאַרליבט אין איר, אַז זי איז אַ גרויסע קאָקעטקע? איז ערשטנס, פאַרוואָס זאָל מען נישט קאָנען ליב האָבן אַ קאָ־קעטקע, דאָס איז, מיין איך, קיין שום מניעה נישט; אָבער דאָס אַרט מיך נישט, וועגן דעם וויל איך נישט רעדן. עס גייט וועגן עפּעס אַנדערש. וואָס איז דאָך געווען דער אויספיר, האָט איר מיר געזאָגט, אַז איר קענט זיך אויף מענטשן, אָדער איר האָט עס נישט געזאָגט? אויב איר קענט זיך אויף מענטשן, וועט איר אויך פאַרשטיין, וואָס איך בין איצט אויסן: נו, ס'איז אוממעגלעך, אַז איך זאָל האַלטן פריילין קיעלאַנד פאַר אַ קאָקעטקע. איך האָב עס נישט געמיינט ערנסט. להיפוך, זי איז אַן אויסערגעוויינלעך נאַטירלעכער מענטש, — אָט, למשל, וואָס וועט איר זאָגן אויף איר אומגעצוווּנגענעם אופן פון לאַכן, הגם קיין זייער ווייסע ציין האָט זי נישט? זי לאַכט צו גערן און צו אומבאַרעכנט, אַז זי זאָל זיין אַ קאָקעטקע. אָבער נעמט אין אַכט מיינע ווערטער: נישט געקוקט דערויף קאָן איך מיר טון דאָס מייניקע און צעפּויקן פאַר אַלע־מען מיין מיינונג, אַז פריילין קיעלאַנד איז אַ קאָקעטקע; דאָס איז פאַר מיר קיין שום מניעה נישט. און דאָס טו איך נישט, כדי איר שאָדן צו ברענגען, אָדער כדי זיך נוקם צו זיין אָן איר, נאָר כדי זיך אַליין צו דערהאַלטן; איך טו מחמת איינגליבע, ווייל איך קאָן זי נישט דערגרייכן, ווייל זי לאַכט זיך אויס פון מיינע אַלע אָנשטרענגונגען צו געווינען איר ליבע, ווייל זי איז שוין אַ כלה, אַ פאַרקנסטע; זי איז פאַר מיר פאַרלוירן, אינגאַנצן פאַרלוירן. אָט זעט איר, דאָס איז, מיט אייער ערלויבעניש, אַ שפּאָגל נייע און גאַנץ ווילדע זייט אין דער מענטשלעכער נשמה. איך וואָלט געווען בכוח צוצוגיין צו איר אויף דער גאַס, און מיטן גאַנצן ערנסט פאַר מענטשן אין די אויגן איר זאָגן:" אַ גוט מאָרגן אייך פריילין, איך גראַטולי'ר אייך צוליב דעם ריינעם

העמד!" יאָ, איר האָט שוין אמאָל געהערט אזעלכעס? אָבער איך וואָלט עס געקאָנט זאָגן. וואָס איך וואָלט געטון דערנאָך — צי איך וואָלט אנטלאָפן אהיים און זיך אויסגעוויינט, אָדער איך וואָלט גענומען א פּאָר טראָפּן פונם פלעשל, וואָס איך טראָג דאָ ביי מיר אין וועסטל־קעשענע — דאָס איז א זאך פאַר זיך.

יאָ, יאָ! אָבער אזעלכע זאכן קאָן באווייזן די מענטשלעכע נשמה! ווייסט איר וואָס? איך וואָלט געקאָנט אין א שיינעם טאָג, בעת איר פּאָטער, פּאַסטאָר קיעלאנד, האלט זיין דרשה, דורכגיין די גאנצע קירכע און זיך אָפּשטעלן נעבן פרייליין קיעלאנד און איר זאָגן די חוצפּהדיקסטע ווערטער, נאָר צוליב דעם, כּדי זי זאָל רויט ווערן פון חרפּה, און דערנאָך איר פאלן צו די פיס און זיך בעטן ביי איר, זי זאָל מיך באגליקן מיט דעם, וואָס זי וועט מיר אָנשפּייען אין פּנים אריין... אָבער איצטער, זע איך, אז איר האָט אויף אן אמת מורא; כ'בין מודה אז איך רעד דאָ העזהדיקע רייד, בפרט נאָך אז איך רעד וועגן א פרייליקערס טאָכטער פאר א פרייליקערס זון. זייט מיר מוחל, מיין פריינט, ס'איז נישט מחמת שלעכטקייט — נאָר ווייל איך בין טויט־שיכּור, הערט איר: כ'האָב אמאָל געקענט א יונגמאן, וואָס האָט צוגעגנבעט א גאז־לאמטערנע, האָט פארקויפט צו א טאנדעטניק און דאָס געלט פארטרונקען. ווי גאָט איז מיר ליב — דאָס איז אן אמתע מעשה; ער איז אפילו געווען מיינער א באקאנטער, פּאַסטאָר הארעמס א קרוב. אָבער ווי קומט עס אהער און צו מיין שייכות מיט פרייליין קיעלאנד? דאָס זענט איר ווידער גערעכט! איר זאָגט אפילו גאָרנישט, נאָר איך דערקען עס שוין אָן אייך, כ'זע ווי עס שוועבט אייך אויף די ליפּן, און ס'וואָלט דאָך טאקע מצד אייך געווען זייער א ריכטיקע באמערקונג. וואָס ס'שייך פרייליין קיעלאנד, איז זי פאר מיר פולשטענדיק פארלוירן. אָבער נישט זי באקלאָג איך צוליב דעם, נאָר זיך אליין. איר, וואָס שטייט דאָ פאר מיר א ניכטערער און קאָנט אריינקוקן יעדן מענטשן אין דער נשמה אריין, איר וואָלט מיך אויך פארשטאנען, ווען איך זאָל אין א שיינעם טאָג פונאנדערפּויקן א סוד, אז פרייליין קיעלאנד איז געזעסן ביי מיר אויפן שויס, און אז דריי נעכט דורכאנאנד האָב

איך זיך געטראָפן מיט איר אויף א געוויסן אָרט אין וואלד, און אז זי האָט שפּעטער צוגענומען מתּנות פון מיר. נישט ריכטיק, איר וואָלט דאָך מיך פאַרשטאַנען? איר פאַרשטייט זיך צו גוט אויף מענטשן, מיין פריינט; יאָ, יאָ, דערציילט מיר נאָר נישט קיין מעשיות... האָט אייך גאָר קיינמאָל נישט געטראָפן, אַז איר זענט געגאַנגען אין גאַס, פאַרטיפט אין אייערע אייגענע געדאַנקען, גאַנץ אומשולדיקע, און איידער איר האָט זיך באַוויזן אומצוקוקן, האָבן זיך אַלע אויגן געווענדט צו אייך און אָפּגעמאָסטן אייך פון קאָפּ ביז די פיס? זייער אַן אומאָנגענעמע לאַגע, אין וועלכער מען קאָן אַמאָל אַריינפאַלן. אַ צעטומלטער הויבט איר זיך אָן אָפּצורייניקן פון הינטן און פון פאָרנט, ווי אַ גנב קוקט איר אַראָפּ אויף זיך, צי איז עפּעס נישט ווי עס באַדאַרף צו זיין אויף אייערע קליידער, און איר ווערט אַזוי מבולבל, אַז איר נעמט אַראָפּ דעם הוט און טוט אַ קוק, צי איז אַמאָל נישט געבליבן צוגענייט אויף אים דאָס צעטעלע מיטן פּרייז; איר מעגט דעמאָלט טראָגן אַן אַלטן הוט. אָבער דאָס אַלץ העלפט גאָרנישט, איר געפינט נישט קיין שום זאַך אין אומאָרדנונג, און איר מוזט רויק פאַרטראָגן, אַז יעדער שניידער־יינגל, און יעדער לייטענאַנט זאָל קוקן אויף אייך וויפל זיין האַרץ גלוסט... אָבער, טייערער פריינט, דאָס איז דאָך אַן אמתע אָפּקומעניש, טאָ וואָס איז שוין דעמאָלט, ווען מ׳ווערט, למשל, גענומען אויפן פאַרהער?... איצטער האָט איר ווידער אַ ציטער געטון. נישט אמת? זעט נאָר, מיר דאַכט, אַז איך האָב באַשיינפּערלעך געזען, ווי איר האָט אַ לייכטן ציטער געטון... הייסט עס, ווען מען נעמט אייך אויפן פאַרהער, ווען מ׳ווערט געשטעלט פאַר דעם ביטערסטן טייוולשן פּאָליצמאַן, ווען מ׳ווערט פאַר אַ גאַנצן עולם גענומען אויפן קרייץ־פאַרהער, ווו מ׳קומט מיט אייך אויף צוועלף פאַרשידענע וועגן אַלץ צוריק צו דעם איינעם וויכטיקן פונקט.—יאָ, וואָס פאַראַ ווילדע הנאה ס׳איז פאַר דעם, וואָס איז לחלוטין נישט פאַרמישט אין דעם עסק, און זיצט נאָר און הערט זיך צו! נישט אמת? איר זענט מיט מיר מסכּים?... צי וועט נישט אַרויס אַמאָל נאָך אַ גלעזל וויין, ווען איך זאָל די פלאַש אַביסל אַ קוועטש טון?...

ער האָט אויסגעטרונקען דאָס לעצטע ביסל ווײַן און גערעדט ווייטער:

— איך מוז אייך בעטן, איר זאָלט מיר מוחל זיין, וואָס איך האלט מיך אזוי נישט בײַ איין זאך בעת אונזער שמועס. אט די אָפטע און אומגעריכטע שפרונגען אין מיין געדאנקען־גאנג קומען, וואָס אַן אמת, טיילווייז דערפון, וואָס איך בין אצינד אזוי שרעקלעך באטרונקען. אָבער טיילווייז איז עס בכלל א פעלער אזא בײַ מיר, די מעשה איז דאָס, וואָס איך בין אין דער אמתן נישט מער, ווי אַן איינפאכער אגראָנאָם, א שילער פון א קו־מיסט־אקאדעמיע; ב'בין א דענקער, וואָס האָט זיך אויסגעלערנט דענקען. מילא, לאָ־מיר נישט רעדן וועגן באזונדערע זאכן. אייך אינטערעסירן זיי נישט, און מיר קריכן זיי איינפאך פון האלז, ווייסט איר וואָס, עס גייט אָפט אזוי ווייט, ווען איך זיץ דאָ אליין און טראכט אזוי וועגן אלערליי זאכן, אז איך רוף זיך אליין אָן אויפן קול דאָשפאָר. וואָס וועט איר, למשל, זאָגן דערצו, ווען כ'וועל אייך דערציילן, אז איך האָב זיך אַמאָל אויף אַן אמת געלאָזט מאכן א שטעמפל מיט א שמאכל־שווין?... בײַ דער געלעגנהייט דערמאָן איך זיך אָן א יונגנמאן, וואָס כ'האָב א שטיק צייט געקענט פאר א גאנץ קלוגן און אָנשטענדיקן סטודענט פון פילאָלאָגיע אין א דייטשן אוניווערסיטעט. און פלוצלינג האָט ער אָנגעהייבן צו זינקען. אין משך פון צוויי יאָר צייט, איז ער געוואָרן א שיכור און א ראָ־מאנען־שרייבער. אז ער פלעגט זיך טרעפן מיט א מענטשן, און יענער האָט אים געפרעגט, ווער ער איז, פלעגט ער בלויז ענט־פערן, אז ער איז א פאקט. „איך בין א פאקט!" פלעגט ער זאָגן און פון גאווה פארציען די ליפן. נו, דאָס אינטערעסירט אייך נישט... איר האָט עס גערעדט פון איינעם א דענקער, וואָס האָט נישט געלערנט דענקען. אָדער, האָב איך אליין גערעדט דערפון? זייט מיר מוחל, איצט בין איך דאָך שרעקלעך שיכור; אָבער דאָס איז גאָרנישט, איר דאַרפט אויף דעם נישט לייגן קיין שום אכט. אגב, וואָלט איך אייך גערן געקאָנט געבן צו פארשטיין, אַט די מעשה מיטן דענקער, וואָס האָט נישט געקאָנט דענקען. ווי ווייט איך האָב אייך פארשטאנען, האָט איר אים געוואָלט אָנגרייפן,

יאָ, אַזאַ איינדרוק האָט עס אויף מיר געמאַכט; איר האָט גערעדט מיט אַ חווק-טאָן; אָבער דער דענקער, וואָס איר האָט געוואָלט וועגן אים רעדן, פאַרדינט פונדעסטוועגן, מען זאָל אים אַביסל נענטער באַטראַכטן. ערשטנס, איז ער געווען אַ גרויסער נאַר. יאָ, יאָ, פון דעם פונקט וועל איך נישט אַוועקגיין, ער איז געווען אַ נאַר. ער פלעגט שטענדיק אַרומגיין מיט אַ גרויסן רויטן קראַוואַט און כסדר געלאַכט צוליב זיין טפשות; יאָ, ער איז געווען אַזאַ שוטה, אַז ער פלעגט אָפט זיצן פאַרטיפט אין אַ בוך, בעת עמעצער פלעגט אַריינקומען צו אים, הגם ער האָט קיינמאָל נישט געלייענט. ער פלעגט אויך נישט טראָגן קיין זאָקן, כדי ער זאָל זיך קאָנען קויפן אַ רויז אין דער לאַץ. אַזאַ איז ער געווען, אָבער צום בעסטן פון אַלצדינג איז געווען, וואָס ער האָט געהאַט אַ מאַסע פאָטאָגראַפיעס, פאָטאָגראַפיעס פון פראָסטע, שיינע אַרבעטער-טעכטער; און אויף די דאָזיקע פאָרטרעטן פלעגט ער אָנשרייבן גרויסע, קלינגענדיקע נעמען, נאָר כדי צו מאַכן דעם איינדרוק, אַז ער האָט אַלערליי גרויסע באַקאַנטשאַפטן. אויף איינעם פון די בילדער האָט ער מיט דייטלעכע אותיות אָנגעשריבן „פרייליין סטאַנג", כדי מען זאָל מיינען, אַז זי איז דעם מיניסטערס אַ קרובה, הגם די דאָזיקע פאַרשווינטע האָט העכסטנס געקאָנט הייסן ליע אָדער האַוג. האַ האַ האַ! ווי געפעלט אייך אַזאַ גאווה? ער האָט זיך איינגערעדט, אַז לייט רייסן זיך אַרום מיט אים, האָבן אים פיינט; „דער עולם האָט מיך פיינט!" פלעגט ער זאָגן, האַ האַ האַ! גלויבט איר טאַקע אין דער אמתן, אַז עמעצן איז אַמאָל איינגעפאַלן צו טראָגן אויף אים אַ שטיקל שנאה? וואָס? איינמאָל גייט ער אַריין אין אַ יובעליר-געשעפט און רויבערט אויס צוויי ציגאַרן מיטאַמאָל. איינעם האָט ער געהאַלטן אין דער האַנט און דעם אַנדערן אין מויל, אָבער ביידע זענען געווען אָנגעצונדן. אפשר האָט ער נישט געוווסט, אַז ער האָט גערויכערט צוויי ציגאַרן פאַר איין מאָל. און ווי אַ דענקער, וואָס האָט זיך נישט געלערנט דענקען, האָט ער נישט געפרעגט אויך...

— איצט מוז איך שוין גיין. — האָט זיך מינוט שטילערהייט אָפּגערופן.

נאגעל האט זיך פלוצלינג אויפגעהויבן.

— איר מוזט שוין גיין? — וואס זשע, איר ווילט טאקע גיין? יא, עס איז א צו לאנגע מעשה, מ'זאל וועלן דעם מאן ארומרעדן פון אלע זייטן. מירן עס לאזן אויף אן אנדערש מאל. איר ווילט שוין טאקע אויף א רעכטן אמת אוועקגיין? איך דאנק אייך טויזנט מאל פארן היינטיקן אוונט. איר הערט! איצט בין איך אבער מאָדנע אנגעשיכורט; ווי זע איך אויס, אייגנטלעך? — יא, איך זע עס לויט אייערע מינעס; איר זענט א קלוגער חברה-מאן, הער גרעגארד, און ס'איז אן אמתער נחת צו קוקן אויף אייערע קלוגע אויגן, ווי אומשולדיק זיי זענען. פארדרויכערט נאך א ציגאר, איידער איר גייט. ווען זעט מען אייך ווידער ביי מיר? אבער צום טייוול, איך האב שיר נישט פארגעסן, איר מוזט דאך קומען אויף דער הוליאנקע. איר הערט? קיין האר וועט אייך נישט געקרימט ווערן... ניין, וואָרום איך וויל אייך זאגן, אז ס'וועט זיין בלויז א קליינע, געמיטלעכע פארווייַלונג, א ציגאר, א גלאז וויין, אביסל פלוידעריי און ניין מאל ניין הורא פארן פאטערלאנד, פארן דאקטאר סטענערסענס וועגן, נישט ריכטיק? ס'וועט שוין זיין רעכט. און די פאר הויזן, וואס מיר האבן גערעדט, וועט איר זיבער קריגן, איר קריגט זיי באשטימט, אבער פארשטייט זיך אונטער דעם שטענדיקן תנאי, קיינעם קיין וואָרט נישט צו זאגן דערפון. פון גאנצן הארצן דאנק איך אייך פאר אייער געדולד דעם היינטיקן אוונט. לאזט מיך אייך דריקן די האנט! פארדרויכערט א ציגאר! הערט נאר, נאך איין וואָרט: האט איר נישט צו מיר עפעס א בקשה? וואָרום אויב איר האט, איז אדרבה. נו, ווי איר פארשטייט. א גוטע נאכט, א גוטע נאכט!..

XI

אזוי איז אנגעקומען דער ניין און צוואנציקסטער יוני. ס'איז געווען מאנטיק.

אין דעם דאזיקן טאג זענען פארגעקומען עטלעכע אויסער-

געווינלעכע זאכן; ס'איז אפילו אראָפּגעקומען אַ פרעמדע פּערזאָן אין שטאָט, אַ פארשלייערטע דאמע, וואָס איז אין צוויי שעה ארום ווידער נעלם געוואָרן, נאָכדעם ווי זי איז געווען צו גאַסט אין האָטעל.

פון גאַנץ פרי אָן איז יאָהאַן נאַגעל ארומגעגאַנגען אַ פריי־לעבער איבערן צימער און האָט געזונגען און געפייפט. בעת ער האָט זיך אָנגעטון, האָט ער אויסגעפייפט פארשידענע פריילעכע ניגונים, ווי ער וואָלט געווען גוט אויפגעלייגט. דעם גאַנצן פריער־דיקן טאָג איז ער געווען שטיל און שווייגנדיק, נאָך דער שיכּרות פון שבת צו נאַכטס, בעת מינוט איז ביי אים געווען; מיט גרויסע טריט איז ער ארומגעגאַנגען אין צימער אַרויף און אראָפּ און האָט געטרונקען אַ סך וואַסער. אָבער מאָנטיק אינדערפרי, אפילו ווען ער איז אַרויס פון האָטעל, האָט ער נאָך אַלץ געהאַלטן אין זינ־גען און פייפן און האָט אויסגעזען זייער גוט געשטימט; אין זיין פלוצלינגער פרייד האָט ער אפילו גענומען רעדן מיט אַ פרעמ־דער פרוי, וואָס איז געשטאַנען אין דרויסן אויף די טרעפּ, און האָט איר געגעבן פינף קראָן.

— ווייסט איר נישט אמאָל, ווו איך וואָלט געקאָנט קריגן ערגעץ צו לייען אַ פידל? — האָט ער געפרעגט. — אפשר ווייסט איר פון עמעצן, אַזעלכן וואָס שפּילט פידל?

— ניין, איך ווייס נישט. — האָט די פרוי פארחידושט גע־ענטפערט.

זי האָט נישט געוווּסט, אָבער פונדעסטוועגן האָט ער איר דאָך מיט פארגעניגן געגעבן פינף קראָן און איז האַסטיק אַוועק ווייטער. ער האָט דערזען דאַגני קיעלאַנד מיט איר רויטן זון־שירם, ווי זי איז ארויסגעגאַנגען פון אַ מאַגאַזין, און ער איז איר נאָכגעגאַנגען. זי איז געווען אַליין. ער האָט זיך טיף פארנייגט פאַר איר און אָנגעהויבן רעדן צו איר. זי איז פלוצלינג, ווי איר שטייגער, געוואָרן רויט, ווי פייער, און זיך פארשטעלט מיט איר שירם, כּדי מען זאָל עס נישט באַמערקן.

תחילת האָבן זיי גערעדט וועגן זייער לעצטן שפּאַציר־גאַנג אין וואַלד. ס'איז, אייגנטלעך, געווען אַביסל לייכטזיניק פון איר,

מאָרום זי האָט זיך אביסל צוגעקילט, הגם אין דרויסן איז געווען אזוי וואַרעם; זי פילט זיך נאָך נישט אינגאַנצן געזונט. זי האָט דאָס אָפן און אויפריכטיק געזאָגט, ווי זי וואָלט זיך פאַרטרויט פאַר אַן אַלטן באַקאַנטן.

— אָבער עס דאַרף אייך נישט באַנג טון, איך בעט אײַך! — האָט ער זיך תיכף און אַן וואַקלעניש אָפּגערופן.

— ניין, — האָט זי מיט אַ פאַרחידושטער מינע געענטפערט — ניין, ס'טוט מיר נישט באַנג, ווי פאַלט אייך איין אַזאַ זאַך? ניין, איך גלויב, עס איז געווען אַ שיינע נאַכט, כאָטש איך האָב זיך די גאַנצע צייט נישט אויפגעהערט צו שרעקן פאַר דעם „לאַמ-טערן-מענטש", וואָס איר האָט גערעדט פון אים. ס'האָט זיך מיר שוין אפילו געחלומט פון אים, אַ שרעקלעכער חלום!

אַ ווײַלע נאָך האָבן זיי גערעדט וועגן דעם לאַמטערן-מענטש; נאַגעל איז היינט געווען זייער אויפגעלייגט צו פּלוידערן, ער האָט מודה געווען, אַז ער גופא ליידט אויך צייטנווייז פון לעבערלעכע אָנפאַלן, פון שטומען פחד פאַר כלערליי זאַכן. אַ סך מאָל, אַ שטייגער, קאָן ער נישט אַראָפּגיין פון די טרעפּ, ער זאָל זיך נישט אויסדרייען ביי יעדן טריט און אַ קוק טון, צי עמעצער גייט אים נאָך פון הינטן. וואָס דאָס איז? יאָ, וואָס קאָן עס זיין? עפּעס מיסטעריעזעס, אויסערגעוויינלעכס, וואָס די צרהדיקע, „אַלוויסנדיקע" וויסנשאַפט איז צו פּירקאַנטיק און צו גראָב צו דערגיין, דער אָטעם פון אַן אומזעבאַרן כוח, די השפּעה פון די בלינדע קרעפטן אין לעבן.

— איר ווייסט, — האָט ער געזאָגט — אַז אין דער רגע וואָלט איך חשק געהאַט אויסצומיידן די דאָזיקע גאַס און צו גיין דורך אַן אַנדערער; וויל אָט די הייזער, אָט די הויפנס שטיינער אויף דער לינקער זייט, די דריי באַרנבוימער אונטן ביים פרידנס-ריכטער אין גאָרטן — דאָס אַלץ מאַכט אויף מיר אַ שווערן איינ-דרוק. אַז איך בין אַליין, גיי איך קיינמאָל נישט דורך דער גאַס, איך מייד זי אויס, אפילו ווען עס איז פאַר מיר אַן אומוועג. וואָס קאָן עס זיין?

דאַגני האָט זיך צעלאַכט.

— איך ווייס נישט, — האָט זי געענטפערט — אָבער דאָק-טאָר סטענערסען וועט עס געוויס אָנרופן נערוועישקייט און אַבער-גלויבן.

— גאַנץ ריכטיק. אַזוי וועט ער עס אָנרופן; אָך, וואָס פאַר אַ גאַוואַהדיקע טפשות! איר קומט אָן ביינאַכט אין אַ פרעמדער שטאָט, לאָמיר זאָגן אָט די שטאָט, פאַרוואָס נישט? צומאָרגנס מאַכט איר אַ שפאַציר דורך די גאַסן, די שטאָט אָנצוקוקן, און ווי איר גייט אַזוי, פילט איר אַ דייטלעכע, געהיימע שנאה צו די און די גאַסן, צו די און די הייזער, בעת פאַרקערט, אַנדערע הייזער און גאַסן מאַכן אויף אייך אַ גוטן איינדרוק און רופן אַרויס אין אייך אַ צופרידענע, פריילעכע שטימונג. נערוועישקייט! נו, שטעלט זיך פאָר, איר האָט נערוון ווי שטריק, אַז איר ווייסט לחלוטין גאָרנישט, וואָס איז אַזוינס נערוועישקייט. ווייטער! איר שפאַצירט נאָך אַלץ אַרום איבער די גאַסן, איר טרעפט זיך מיט הונדער-טער מענטשן, וואָס גייען אייך גלייכגילטיק פאַרביי; אָבער פּלוצ-לינג — ווען איר קומט אַרונטער צום האַפן און בלייבט שטיין נעבן אַן אָרעם, איין שטאָקיק הייזל אָן פאָרהאַנגען, נאָר מיט עטלעכע ווייסע בלומען אין פענסטער — קומט אייך אַנטקעגן אַ מענטש, וואָס וואַרפט זיך אייך גלייך צוליב עפּעס וואָס אין די אויגן. איר קוקט אָן דעם מענטש, און ער קוקט אייך אָן; ס'איז נישטאָ קיין שום אויסטערלישעס אין אים, אחוץ דאָס, וואָס ער איז אָרעם געקליידט און איז אַביסל איינגעהויקערט; דאָס ערשטע מאָל אין לעבן באַ-געגנט איר זיך מיט אים, און איר האָט אַ מאָדנעם איינפאַל, אַז דער מאַן דאַרף הייסן יאָהאַנעס. בפירוש יאָהאַנעס. פאַרוואָס מוז דער מאַן גראַד הייסן יאָהאַנעס? דאָס קאָנט איר זיך נישט קלאָר מאַכן, אָבער אין זיינע אויגן זעט איר עס, אָן זיין מאַכן מיט די הענט, איר הערט עס אין דעם קלאַנג פון זיינע טריט; און דאָס נעמט זיך נישט דערפון, וואָס איר האָט שוין אַמאָל געהאַט גע-טראָפן אַזאַ מענטשן, וואָס איז געווען ענלעך צו דעם דאָזיקן, און יענער האָט געהייסן יאָהאַנעס; ניין, ס'איז נישט צוליב דעם, וואָ-רום איר האָט קיינמאָל נישט געטראָפן אַזעלכן, וואָס אָט דער זאָל אייך דערמאָנען אָן אים. אָבער אָט שטייט איר מיט אייער

דערשטוינונג און מיט אייער מיסטישן געפיל, איר קאָנט זיך גאָר־נישט קלאָר מאַכן.

— האָט איר געטראָפן אַזאַ מענטש דאָ אין שטאָט?

— ניין, ניין, — האָט ער שנעל געענטפערט — איך רוף נאָר אָן אָט די שטאָט, אָט דאָס איינשטאָקיקע הייזל און יענעם מענטשן, פאַר אַ משל. אָבער נישט אמת, אַז דאָס איז מאָדנע?... עס קאָנען נאָך פאָרקומען אַנדערע מאָדנע זאַכן: איר קומט צו פאָרן אין אַ פרעמדער שטאָט און גייט אַריין אין אַ פרעמד הויז, לאָמיר זאָגן, אין אַ הויז, ווו איר זענט איצט דאָס ערשטע מאָל. מיטאַמאָל דערפילט איר גאַנץ בולט, אַז אַמאָל, אפשר שוין מיט אַ סך יאָרן צוריק, האָט דאָ אין דעם דאָזיקן פרעמדן הויז געמוזט זיין אַן אַפטייק. פון וואַנעט קומט עס ביי אייך? ס'איז דאָ נישטאָ קיין שום זאַך, וואָס זאָל אייך דערמאָנען אָן דעם, קיינער האָט עס אייך נישט געזאָגט? נישט קיין ריח פון אַ מעדיצין, נישט קיין צייכן, קיין סימן נישט פון פאַסן אויף די ווענט, אַז אויף זיי זאָלן האָבן וועגן געווען פאָליצעס. קיין שום אויסגעטראָטענער וועג, וואָס זאָל האָבן געפירט צו אַ טאָמבאַנק. און דאָך ווייסט איר, איר זענט זיכער ביי זיך אין האַרצן, אַז דאָ איז מיט אַ סך יאָרן צוריק געווען אַן אַפטייק! איר האָט נישט קיין שום טעות, איר זענט אין דער רגע דורכגעדרונגען פון אַ געהיימען וויסן, וואָס אַנטפּלעקט אייך פאַרשידענע זאַכן. אָבער אייך האָט עס אפשר קיינמאָל נישט געטראָפן?

— איך האָב ביז היינט קיינמאָל וועגן דעם נישט געטראַכט, אָבער איצט, בעת איר רעדט דערפון, קומט מיר פאָר, הי דאָס וואָלט שוין ביי מיר אַמאָל פאָרגעקומען. יעדנפאַלס, טרעפט מיר אָפט, אַז איך האָב מורא אין דער פינסטער פאַר גאָרנישט. אָבער דאָס איז אפשר גאָר עפּעס אַנדערש.

— איין גאָט ווייסט, צי דאָס איז דאָס זעלבע. עס קומען פאָר אַזוי־פיל זאַכן צווישן הימל און ערד, מאָדנע הערלעבע זאַכן, וואָס האָבן נישט זייער גלייכן, און ס'זענען פאַראַן גאַנץ אומדער־קלערלעכע פאָרגעפילן, פול מיט שטומען אַנגסט, וואָס מאַכט אייך ציטערן פון פחד. שטעלט זיך פאָר, אַז אין אַ פינסטערע נאַכט

הערט איר, ווי עמעצער שאַרט זיך שטילערהייט ביי די ווענט. איר זענט פולקאָם וואַך, איר רויבערט אַ לולקע און זיצט ביי אַ טיש מיט וואַכע חושים, דער קאָפּ איז אייך פול מיט פּלענער. מיטאַמאָל דערהערט איר, ווי עמעצער שאַרט זיך שטילערהייט ביי די ווענט, אָדער אפילו ביי אייך אין צימער, דאָרט ביים אויוון, און איר דערזעט אויך אַ שאָטן אויף דער וואַנט. איר נעמט אַראָפּ דעם אַבאַזשור פון לאָמפּ, עס זאָל ליכטיקער ווערן, און איר גייט צו צום אויוון. איר שטעלט זיך אַנטקעגן שאָטן און איר זעט אַן אומבאַקאַנטן מענטשן, אַ מיטל-געוויקסיקן מאַנספּאַרשוין מיט אַ שוואַרץ-ווייסן, וואָלענעם שאַל אַרום האַלז און מיט זייער בלויע אויגן. ער זעט אויס ווי דער „אונטער-אייבער“ אויף די נאָרוועגי-שע קאָרטן. נעמען מיר אָן, אַז איר זענט מער נייגיריק, ווי דער-שראָקן, איר טוט זיך אַ לאָז צום בחורעק, אַרויסצובעטן אים מיט אַ ווונק, ער אָבער, ווי נישט אים מיינט מען, ער רירט זיך נישט פון אָרט, הגם איר שטייט אַזוי נאָענט נעבן אים, אַז איר זעט ווי ער פינטלט מיט די אויגן, און איר ווערט געוווּיר, אַז ער איז, איבעריקנס, פּונקט אַזוי לעבעדיק ווי איר אַליין. מילא, הויבט איר אָן מיט אים איינצוטענהן, איר ווילט אים נעמען מיט גוטן, כאָטש איר האָט אים פריער קיינמאָל נישט געזען. וואָס וועט איר זאָגן גוטס, אייער נאָמען איז נישט אמאָל צופעליק האָמאַן, בערנט האָמאַן? און מחמת דעם, וואָס ער ענטפערט אייך נישט, בלייבט ביי אייך אים צו רופן האָמאַן, און איר זאָגט: „פאַרוואָס, צו אַלדי שוואַרצע יאָר, זאָלט איר טאַקע נישט זיין בערנט האָמאַן?“ און דערביי לאַכט איר אים אַריין אין פּנים אַריין. אָבער ער רירט זיך נאָך נישט פון אָרט און איר הויבט נישט אָן צו וויסן, וואָס צו טון מיט אים; טרעט איר אָפּ אַביסל הינטערוויילעכץ, טוט אים אַ שטאָרק מיט דער פּיפּקע און זאָגט: באַה! אָבער ער טוט זיך נישט קיין קרום. פאַלט איר שוין אַריין אין כעס און דער-לאַנגט אים אַ זעץ. עס זעט אפילו אויס, ווי אָט דער מענטש וואָלט געווען גאַנץ נאָענט פון אייך. פונדעסטוועגן האָט אים דער קלאַפּ גאָרנישט געטון, ער איז נישט אומגעפאַלן, ער שטעקט אַריין ביידע הענט אין די קעשענעס, טיף אין די קעשענעס, טוט

א הויב מיט די אקסלען און מאכט א מינע, ווי ער וואלט געזאגט, „נו, און וואס נאך?" אזא קנאפן ווען מאכט ער פון דעם קלאפ, וואס איר האט אים דערלאנגט. „וואס נאך?" ענטפערט איר אים מיט רציחה און איר גיט אים נאך א זעץ אין בויך. איצט דער־זעט איר אט וואס: נאכדעם ווי ער האט געכאפט דעם אנדערן זעץ, הויבט ער אן ביסלעכווייז צו פארשווינדן, איר זעט בחוש מיט אייערע אייגענע אויגן, ווי ער ווערט וואס אמאל קלענער און אומדייטלעכער; לסוף איז מער גארנישט געבליבן פון אים א חוץ דער בויך, און שפעטער פארשווינדט ער אויך, אבער דורך דער גאנצער צייט האט ער געהאלטן די הענט אין די קעשענעס און אייך אנגעקוקט מיט יענעם צולהכעיסדיקן בליק, ווי ער וואלט געזאגט: „נו, און וואס נאך?"

דאגני האט זיך פונאנדערגעלאכט

— אך, וואס פארא שיינע זאכן עס טרעפן אייך! — האט זי געזאגט. — נו, און ווייטער? וואס איז דער סוף?

— אז איר זעצט זיך ווידער אוועק ביים טיש און הויבט ווידער אן ארייבצוטראכטן אין אייערע פלענער, זעט איר זיך פלוצלינג ארום, אז איר האט צעבלוטיקט די הענט, שלאגנדיק מיט זיי אן דער וואנט... אבער וואס האב איך געוואלט זאגן? יא, דערציילט מארגן פאר אייערע באקאנטע אט די געשיכטע, וועט איר הערן, וואס זיי וועלן אייך ענטפערן: איר זענט געשלאפן; באטש גאט אין הימל איז אייער עדות, אז איר זענט נישט גע־שלאפן! ס'איז דאך א ווילדער שטות אנצורופן שלאף אזא צו־שטאנד, ווען איר זיצט אינגאנצן וואך ביים אויוון, רויכערט זיך א פיפקע און איר רעדט מיט א מענטשן. נו, קומט צו גיין דער דאקטאר, אן אויסגעצייכנטער דאקטאר, וואס רעדט מיט גרויס חשיבות אין נאמען פון דער וויסנשאפט, מ'שטיינס געזאגט, דאס איז בלויז נערוועישקייט — זאגט ער. אך, גאט, דאס איז דאך א מארשעלעק נישט קיין דאקטאר! גוט, ער זאגט אבער, אז דאס איז נערוועישקייט. פאר א דאקטארישן מוח איז דאס, פארשטייט איר מיך, א זאך פון דער און דער מאס, אזוי פיל צאל די הויך און אזוי פיל צאל די ברייט; א זאך, וואס מען קאן אנטאפן

מיט די הענט. גוטע, מאַסיווע נערוועישקייט. ער פאַרשרייבט אייך דאַן אויף אַ שטיק פּאַפּיר אייזן און בינע און קורירט אייך אויס אויף איין פוס. אַזוי גייט עס! אָבער באַרעכנט נאָר, וואָס פאַראַ פויערשע לאָגיק דאָס איז, אַריינצופאָרן מיט זיינע מאָסן און מיט זיין בינע אין אַ געביט, וווּ אפילו די פיינע און קלוגע נשמות האָבן די דאָזיקע דערשיינונגען נישט געקאָנט פאַרשטיין. אַרומצובראָדזשען מיט הויכע שטיוול דאָרט, וווּ מען דאַרף זיך לייכט באַוועגן, באַלאַנסירן פון איין שטאַפּל אויפן אַנדערן.

אַ קורץ שטיל שווייגן.

— איר וועט באַלד פאַרלירן אַ קנעפּל. — האָט זי זיך אָפּגערופן.

— איך פאַרליר אַ קנעפּל? — האָט ער געפרעגט און אַראָפּגעקוקט אויף זיינע קליידער.

מיט אַ שמייכל האָט זי אָנגעוויזן אויף אַ קנעפּל פון זיין רעקל, וואָס האָט זיך קוים געהאַלטן אויף איין פאָדים, און זי האָט געזאָגט:

— כ'בעט אייך, נעמט אים אינגאַנצן אַראָפּ, ער מאַכט מיך נערוועז. כ'האָב מורא, איר וועט אים פאַרלירן.

ער האָט איר צוליב געטון, האָט אַרויסגענומען אַ מעסערל פון טאַש און אָפּגעשניטן דאָס קנעפּל. בעת ער האָט אַרויסגענומען דאָס מעסערל, איז אים אַרויסגעפאַלן אַביסל קליינגעלט און אַ מעדאַל, וואָס איז געהאָנגען אויף אַ שטאַרק-צעקנייטשטן און אָפּגענוצטן בענדל; ער האָט זיך האַסטיק אָנגעבויגן און אויפגעהויבן די זאַכן, בעת זי איז געשטאַנען און זיך צוגעקוקט.

— וואָס איז דאָס, אַ מעדאַל? — האָט זי געפרעגט. — ניין, זעט נאָר, טאַקע אַ מעדאַל! אָבער ווי אַזוי טראָגט איר עס! זעט נאָר דאָס בענדל! וואָס פאַראַ מעדאַל איז עס?

— אַ רעטונגס-מעדאַל... יאָ, אָבער איר דאַרפט בשום אופן נישט גלייבן, אַז ער איז אויף מיין מיסט געוואַקסן, אַז דאָס האָב איך אים געקראָגן פאַר עפּעס אַן אויסצייכענונג מיינער. ס'איז נישט מער, ווי הומבוג.

זי האָט אַ קוק געטון אויף אים. זיין געזיכט איז געווען

פולשטענדיק רויק, זיינע אויגן חיים אָפֿן, גאָט די נשמה שולדיק. דעם מעדאַל האָט זי נאָך אַלץ געהאַלטן אין דער האַנט.

— ווי אַזוי קאָנט איר פֿועלן ביי זיך צו האַלטן אַזאַ זאַך, אַרומטראָגן עס ביי זיך, ווען איר האָט אַליין נישט פֿאַרדינט?

— איך האָב עס געקויפֿט! — האָט ער געלאַכט. — ס'קער דאָך צו מיר, מיין אייגנטום, איך האָב עס, ווי איך האָב, למשל, אַ טאַשנמעסערל, אַ קנעפּל פֿון רעקל. פֿאַרוואָס האָב איך עס דען געזאָלט אַוועקוואַרפֿן?

— אָבער איר זאָלט זיך קויפֿן אַ מעדאַל! — האָט זי געזאָגט.

— יאָ, דאָס איז הומבוג, כ'לייקן עס גאָרנישט; אָבער וואָס טוט מען נישט אַמאָל? איינמאָל ביי אַ געוויסע געלעגנהייט האָב איך דעם מעדאַל געטראָגן אויף דער ברוסט, כ'האָב זיך געגרויסט דערמיט און צוגענומען אַ טאָסט, וואָס מ'האָט געגעבן לכבוד מיר. האַהאַהאַ! דאָס איז אַן אמתע קאָמעדיע. אָבער, נישט אמת, איין הומבוג איז נישט בעסער פֿאַרן אַנדערן!

— דער נאָמען איז אָפּגעקראַצט. — האָט זי ווידער געזאָגט.

אַצינד איז ער פּלוצלינג רויט געוואָרן און האָט אויסגעשטרעקט די האַנט נאָכן מעדאַל.

— דער נאָמען איז אָפּגעקראַצט? ניין, ס'קאָן נישט זיין; לאָמיך אַ קוק טון. ניין, דאָס האָט ער זיך בלויז אָפּגעריבן אין קעשענע, כ'האָב אים בסדר געהאַלטן צווישן דעם קליינגעלט. מער גאָרנישט.

דאַגני האָט אים אָנגעקוקט מיט חשד, נאָר זי האָט גאָרנישט געזאָגט. פּלוצלינג גיט ער אַ קנאַק מיט די פֿינגער און זאָגט:

— ניין, ווי האָט עס מיר געקאָנט אַרויס פֿון זינען! דער נאָמען איז טאַקע אָפּגעקראַצט, איר זענט גערעכט; ווי האָב איך עס געקאָנט פֿאַרגעסן? כאַכאַכאַ! איך האָב אַליין געלאָזט אָפּקראַצן דעם נאָמען, גאַנץ ריכטיק! דער נאָמען, וואָס איז דאָ געשטאַנען, איז דאָך נישט מיין נאָמען, ס'איז געווען דער נאָמען פֿונם אייגנטימער, פֿונם רעטער; האָב איך אים געלאָזט אָפּפֿיילן, גלייך ווי איך האָב נאָר געקראָגן דעם מעדאַל. איך בעט אייך מיר צו

אנטשולדיקן, וואָס איך האָב עס אייך באַלד נישט געזאָגט; ס'איז נישט בדאי געווען צו זאָגן ליגן. איך האָב פשוט געטראַכט וועגן עפּעס אנדערש: וועגן דעם, וואָס איר זענט פּלוצלינג נערוועיש געוואָרן איבערן קנעפּל, וואָס האָט זיך געהאַלטן ביים אָפּרייסן! און ווען ס'רייסט זיך אָפּ, למשל, וואָלט דאָס געווען אַן ענטפער אויף דעם, וואָס איך האָב געזאָגט וועגן דער נערוועישקייט און דער ווינשאַפט.

פויזע.

— אָבער איר זענט דאָך תמיד אַזוי מאָדנע אויפריכטיק פאַר מיר, — האָט זי זיך אָנגערופן און אויסגעמיטן זיין פראַגע — און איך ווייס, צו וואָס עס קאָן נוצן. אייערע מיינונגען זענען טייל־ווייז גאַנץ אומגעווינלעך; לסוף גיט איר מיר איצט אָנצוהערן, אַז אַלץ איז, אייגנטלעך, נישט מער ווי הומבוג, קיין שום זאַך איז נישט איידל, קיין שום זאַך איז נישט ריין, קיין שום זאַך איז נישט גרויס; איז דאָס אייער מיינונג? קאָן טאַקע באמת זיין אַלץ איינס, צי מען קויפט זיך אַ מעדאַל, פאַר כּך וכך קראָנען, צי מען קריגט אים פאַר דער אָדער פאַר יענער טאַט, פאַר אַן אמתן פאַרדינסט?

ער האָט גאָרנישט געענטפערט, דאַן האָט זי פּאַמעלעך און ערנסט ווייטער געזאָגט:

— איך פאַרשטיי אייך נישט; צייטנווייז, ווען איך הער אייך רעדן, פרעג איך זיך אַליין, צי איר זענט ביים קלאָרן שכל. איך בעט אייך שטאַרק איבער, וואס איך זאָג עס אייך; פאַר יעדעס מאָל מאַכט איר אַלץ אומרויקער, אַלץ אויפגערעגטער אפילו; איר צעמישט מיר די רעיונות, אַלץ איינס וועגן וואָס איר זאָלט נישט רעדן. נישטאָ קיין איין זאַך, וואָס איר זאָלט נישט איבערקערן מיטן קאָפּ אַראָפּ, מיט די פיס אַרויף. ווי איז דאָס מעגלעך? איך האָב נאָך קיינמאָל נישט געפונען נאָך עמעצן, וואָס זאָל אַזוי סותר זיין אַלץ, וואָס איז אין מיר. זאָגט מיר, איך בעט אייך, וויפל ערנסט איז ביי אייך פאַראַן אין דעם, וואָס איר זאָגט? וואָס איז די מיינונג פון אייער ה אַ ר צ ן?

זי האט גערעדט אזוי ערנסט, אזוי וואַרעם, אַז ער איז גע-בליבן געפּלעפּט.

— ווען איך וואָלט געהאַט אַ גאָט — האָט ער איר געענט-פערט אויף דעם — אַ גאָט, וואָס זאָל זיין הויך און דערהויבן ביי מיר אין די אויגן, וואָלט איך ביי אים געשוואוירן, אַז איך מיין אויפריכטיק אַלצדינג, וואָס איך זאָג, אַלצדינג! און איך בין אויסן דאָס בעסטע, אפילו דעמאָלט, ווען איך צעמיש אייערע געדאַנקען. דעם פריערדיקן מאָל, ווען מיר האָבן ביידע גערעדט, האָט איר געזאָגט, אַז איך בין אַ לעבעדיקע סתירה צו אַלץ, וואָס מענטשן טראַכטן; דעמאָלט האָבן מיר גערעדט צי וועגן פּאָדאַגראַ-קייטן, צי וועגן עפּעס אַן אַנדער זאַך, אָדער גאָר אפשר וועגן נאָרוועגי-שע מעשהלעך. יאָ, ס'איז אמת, איך בין מודה, אַז איך בין אַ לעבעדיקע סתירה, כ'ווייס אַליין נישט פאַרוואָס. אָבער פּונקט אַזוי בין איך נישט בכוח צו באַגרייפן, פאַרוואָס אַלע אַנדערע מענטשן טראַכטן וועגן געוויסע זאַכן נישט אַזוי ווי איך. אַזוי פּשוט און דורכזיכטיק זענען ביי מיר אוים די דאָזיקע פראַגן, און אַזוי שטראַלנדיק קלאָר זע איך דעם צוזאַמענהאַנג. דאָס איז מיין מיי-נונג פון האַרצן, פריילין; הלוואַי וואָלט איך אייך געקאָנט מאַכן איר זאָלט מיר גלויבן, איצט און שטענדיק!

— איצט און שטענדיק? ניין, דאָס קאָן איך נישט צוזאָגן.

— דאָס אַלץ וואָלט איך גראָד איצט אַזוי געוואָלט. — האָט ער געזאָגט.

זיי זענען אריין אין וואַלד. זיי זענען געגאַנגען אַזוי נאָענט איינער נעבן אַנדערן, אַז זיי האָבן זיך אָפּט אָנגערירט מיט די עלנבויגנס, און די לופט איז געווען אַזוי רויק, אַז זיי האָבן גע-קאָנט רעדן זייער שטיל און דאָך געהערט יעדעס וואָרט דייט-לעך. ווען-נישט-ווען האָט זיך געהערט דער סווישטש פון אַ פויגל.

און פּלוצלינג איז ער שטיין געבליבן און האָט זי אויך אָפּגעשטעלט.

— ווי שטאַרק כ'האָב געבענקט נאָך אייך דריי טעג בסדר! — האָט ער זיך אָפּגערופן. — ניין, ניין דערשרעקט זיך נישט; איך זאָג דאָך במעט גאָרנישט, און איך ווייס, אַז איך וויל גאָרנישט

דערגרייכן, איך מאַך מיר נישט קיין אילוזיעס. איבעריקנס, פאַרשטייט איר מיך אפשר גאָרנישט; איך הויב אָן פאַרקערט און פאַרפלוידער זיך; איך זאָג דאָס, וואָס איך האָב גאָרנישט געוואָלט זאָגן...

אַז ער איז אַנטשוויגן געוואָרן, האָט זי זיך אָפּגערופן:

— ווי וווּנדערלעך איר זענט היינט!

און זי האָט געוואָלט גיין ווייטער.

אָבער ער האָט זי ווידער אָפּגעשטעלט.

— מיין ליב פריילין, וואַרט אַ ווײַלע! האָט היינט פאַר מיר אַביסל פאַרשטענדעניש! איך האָב מורא צו רעדן; כ'האָב מורא איר זאָלט מיר נישט איבערשלאָגן און זאָגן: גייט אייך געזונטערהייט! און דאָך האָב איך זיך אַזוי פיל מאָל מישב געווען און איבערגעטראַכט.

זי האָט אים וואָס אַמאָל אַלץ פאַרחידושטער אָנגעקוקט און געפרעגט.

— וואָס מיינט איר דערמיט?

— וואָס איך מיין? קאָן איך דאָס אייך זאָגן אין קלאָרע, איינפאַכע ווערטער? איך מיין דערמיט צו זאָגן... אַז — איך האָב אייך ליב, פריילין קיעלאַנד. יאָ, וואָס אַן אמת, פאַרשטייט איך גאָרנישט פאַרוואָס, עס דאַרף אייך אַזוי שטאַרק איבערראַשן; איך בין פון פלייש און בלוט, כ'האָב זיך באַגעגנט מיט אייך, און איר האָט מיך מיטגעריסן; דאָס איז דאָך נישט אַזוי אויסטערליש! אַן אַנדער פראַגע איז, צי כ'האָב עס אייך געמעגט דערציילן.

— ניין, איר האָט עס טאַקע נישט געטאָרט.

— אָבער צו וואָס ווערט מען נישט געטריבן? איך האָב אפילו גערעדט אויף אייך, מחמת ליבע צו אייך. כ'האָב אייך גערופן קאָקעטקע און זיך באַמיט אייך אָוועקצומאַכן מיט דער האַנט, כדי זיך טרייסטן און זיך צו האַלטן אויף די פיס, ווײַל איך האָב געוווּסט, אַז איך קאָן אייך נישט דערגרייכן. נו, איצט איז שוין דאָס פינפטע מאָל, וואָס איך טרעף מיך מיט אייך, און איך האָב זיך דאָך ביז איצט נישט אונטערגעגעבן, כאָטש איך

וואָלט שוין דאָס ערשטע מאָל געקאָנט טון. דערצו איז היינט מיין געבורטסטאָג, איך בין ניין און צוואַנציק יאָר אַלט, און פון דער מינוט אָן, וואָס איך האָב היינט אינדערפרי אויפגעמאַכט די אויגן, בין איך געווען פריילעך און האָב געזונגען. כ'האָב זיך געטראַכט — יאָ, אוודאי איז עס לעכערלעך זיך אָפּצוגעבן מיט אַזעלכע נאַרישקייטן, אָבער איך האָב געטראַכט ביי זיך, אַז דו וועסט זיך היינט טרעפן מיט איר און איר אַלץ מודה זיין; קאָן זיין, אַז דעריבער וועט עס נישט שאַטן; דו קאָנסט עס דאָך איר טאַקע דערציילן, און אַזאַ טאָג וועט זי דיר עס מוחל זיין. איר שמייכלט? יאָ, ס'איז לעכערלעך, איך ווייס; אָבער עס העלפט נישט, איך ברענג דאָ פאַר אייך מיין מס, אַזוי גוט ווי אַלע אַנדערע.

— ס'איז אָבער טרויעריק, וואָס דווקא היינט איז דאָס פאָרגעקומען מיט אייך, — האָט זי געזאָגט — איר זענט אין אייער היינטיקן געבורטסטאָג אומגליקלעך געווען. מער קאָן איך אייך גאָרנישט זאָגן וועגן דעם.

— ניין, אוודאי נישט... גאָט, וואָס פאַרא כוח איר האָט! איך קאָן באַגרייפן, ווי אַזוי מ'קאָן צוליב אייך זיין געצוווּנגען צו טון דאָס אוממעגלעכסטע. אפילו איצט, ווען איר האָט אַרויסגערעדט די לעצטער ווערטע, וואָס זענען כלל נישט געווען דערפרייענדיק — אַ זאַך וואָס איר האָט נאַטירלעך גאָרנישט בדעה — אפילו איצט האָט אייער שטימע געקלונגען ווי געזאַנג; איך האָב געפילט באַשיינפערלעך, ווי אין מיר וואָלט אָנגעהויבן צו בליען. ניין, ס'איז וווּנדערלעך! ווייסט איר, אַז איך בין נאַכט און נאַכט געווען ביי אייער הויז, אפשר וועל איך ערגעץ אין אַ פענסטער קאָנען אויפנעמען אַ בליק פון אייך, אַז איך בין דאָ אין וואַלד געלעגן אויף די קני און געבעטן גאָט פאַר אייך, איך, וואָס איך גלויב אַזוי ווייניק אין גאָט! זעט איר דאָרט דעם עספּן-בוים? אָט דעם אָרט האָב איך גראָד אויסגעקליבן צו בלייבן שטיין, ווייל ביי דעם בוים בין איך נישט איין נאַכט געשטאַנען אויף די קני, אין טיפער פאַרצווייפלונג, שטום און פאַרלוירן, צוליב דעם, וואָס איך קאָן אייך נישט פאַרגעסן. פון דאַנעט-אָ האָב איך אייך יעדן אָוונט געזאָגט אַ גוטע נאַכט. כ'האָב געבעטן דעם שטערן און דעם

ווינט, זיי זאָלן אייך לאָזן גריסן, און איך גלויב, אַז איר האָט עס געמוזט פילן אין שלאָף.

זיי זענען געגאַנגען ווייטער.

— דאַגני! דאַגני! — האָט ער אויסגערופן. און איידער זי האָט נאָך צייט געהאַט זיך אַרומצוקוקן, איז ער אַנידערגעפאַלן אויף די קני אין מיטן וועג; און אַזוי איז ער געבליבן ליגן אַ מינוט צייט, דאָס היטל אין דער האַנט, מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, ווי ער וואָלט זיך געריכט אויף אַ קלאַפּ. זי האָט זיך דער־שראָקן אומגעקוקט; אין איר צעטומלטקייט, נישט וויסנדיק וואָס צו טון, האָט זי אַפילו געפּרוּווט אים אויפצוהייבן; אָבער זי האָט אים באַלד אָפּגעלאָזט.

— ניין, אָבער שטייט אויף! — האָט זי אויסגערופן, נאָענט איבער זיין קאָפּ. — די רגע, איר הערט! וואָס פאַלט אייך איין, אין מיטן וועג!

און ווען ער האָט זיך אויפגעהויבן, האָט זי אים אַפילו באַ־מערקט, ער זאָל זיך אָפּווישן דעם שטויב פון די קני. זיי זענען ווייטער נישט געגאַנגען, נאָר געבליבן שטיין אויפן זעלבן אָרט. דאַן האָט זי זיך אָפּגערופן:

— פאַרוואָס האָט איר מיר דאָס אַלץ געזאָגט? איר ווייסט דען נישט, אַז איך...

— יאָ, יאָ! — האָט ער איר איבערגעשלאָגן די רייד מיט אַ טאָן פון אויסערגעוויינלעכער געררטקייט. — איך ווייס דאָך, וואָס איר ווילט זאָגן, אַז איר געהערט שוין פון לאַנג צו אַן אַנדערן, און אַז איך בין דעריבער נישט קיין פיינער מענטש, וואָס איך שטיי צו צו אייך, איצט ווען ס'איז שוין צו שפּעט. פאַרוואָס זאָל איך עס נישט וויסן? יאָ, פאַרוואָס זשע האָב איך אייך טאַקע גע־זאָגט? נו, יאָ, כּדי אויף אייך צוווירקן, צו מאַכן אויף אייך אַן איינדרוק, איר זאָלט טראַכטן וועגן דעם. ווי גאָט איז מיר ליב. איך זאָג איצט דעם אמת, איך קאָן נישט אַנדערש. איך ווייס, אַז איר זענט פאַרקנסט, אַז איר האָט אַ חתן, וואָס איר האָט אים ליב, אַז איר זענט אויסגעגעבן און פאַרבונדן, אַז איך קאָן בכן גאָרנישט נישט דערגרייכן; יאָ, אָבער נישט געקוקט דערויף האָב

איך דאָך געוואָלט ווירקן אויף אייך, כ'האָב זיך נישט געוואָלט אָפּזאָגן פון יעדער האָפנונג! טוט נאָר אַ טראַכט! זיך אָפּצוזאָגן פון יעדער האָפנונג! וועט איר מיך אפשר פאַרשטיין. אויב איך האָב פריער געזאָגט, אַז איך האָב נישט געהאָפּט, אייך צו דער-גרייכן, איז דאָס אַ ליגן, כ'האָב עס געזאָגט, כדי דערווייל אייך צו באַרויקן און כדי צו געווינען צייט, איר זאָלט זיך נישט צו שטאַרק דערשרעקן. איז דאָס משוגעת? איך בין נישט אויסן דערמיט צו זאָגן, אַז איר האָט מיר ווען עס איז געגעבן עפּעס אַ סיבה צו האָפן, אַז איך האָב זיך אין דער אמתן נישט איינגערעדט, אַז איך זאָל קאָנען ווען עס איז אויסבאַפן; אָך, דאָס איז מיר אפילו נישט איינגעפאַלן. אָבער אין מיינע פּריוואַטע שעהן האָב איך געטראַכט ביי זיך: יאָ, זי איז טאַקע פאַרקנסט און זי פאָרט באַלד אַוועק, פאַר געזונטערהייט! פונדעסטוועגן איז זי פאָרט נישט אינגאַנצן פאַרלוירן. זי איז דאָך נאָך נישט אַוועקגעפאָרן, נישט חתונה געהאַט, נישט טויט, טאָ ווער קאָן וויסן! און ווען איך זאָל נאָר אַלצדינג אויספּרווון, איז נאָך אפשר צייט! איר זענט געוואָרן מיין שטענדיקער געדאַנק, מיין מוז-געדאַנק; איך זע אייך און אַלצדינג, און אַלע בלויע מלאכימלעך רוף איך דאַגני. איך גלויב, אַז אין משך פון די אַלע וואָכן, וואָס איך בין דאָ דאָ, איז נאָך נישט אדורך קיין איין טאָג, וואָס איך זאָל נישט טראַכטן בסדר וועגן אייך; אַלצאיינס, אין וועלכער שעה איך זאָל נישט אַרויס פון האָטעל.—ווי גיך איך עפן נאָר די טיר און איך געפין זיך אויף די טרעפּ, גייט מיר דורך די האָפנונג דורכן האַרצן: אפשר וועסטו זיך איצט באַגעגענען מיט איר, און איך קוק זיך אום אין אַלע זייטן, טאָמער וועל איך אייך דערזען. ניין, כ'קאָן נישט אַנדערש, כ'קאָן זיך קיין שום עצה נישט געבן. גלויבט מיר, אַז אויב איך האָב מיך איצט אונטערגעגעבן, האָב איך זיך דאָך נישט אונטערגעגעבן אָן אַ קאַמף, אָן אַ ווידערשטאַנד. ס'פאַרשאַפט דאָך נישט קיין גרויס נחת רוח צו וויסן, אַז אַלע אָנשטרענגונגען, אַלע באַמיונגען זענען אַרויסגעוואָרפן, און מ'קאָן פונדעסטוועגן פאָרט נישט פועלן ביי זיך, זיך נישט צו באַמיען; אָט טאַקע צוליב דעם ראַנגלט מען זיך דאָך ביז דער לעצטער רגע.

אָבער אַז עס העלפֿט פֿאָרט נישט, בשום אופן נישט! אַזוי פֿיל, אַזוי פֿיל זאַכן טראַכט מען אַדורך, בעת מען זיצט אָפּ אַ גאַנצע גייעני־דיקע נאַכט ביים פֿענסטער און מען קאָן נישט שלאָפֿן. מ'האַלט אַ בוך אין דער האַנט, אָבער לייענען לייענט מען נישט; מען דריקט אַלע מאָל די ציין צונויף און מען לייענט אָפּ דריי שורות, און מען קאָן ווידער נישט, און צושאָקלענדיק מיטן קאָפּ פֿאַרמאַכט מען דאָס בוך. דאָס האַרץ קלאַפּט ווי מיט האַמערס, אין זיך שעפּטשעט מען ווײַטע אָנגענעמע ווערטער, מען רופֿט אָן אַ נאָמען און מען קושט אים אין געדאַנק, און דערווײַל קלינגט דער זייגער צוויי, פֿיר, זעקס; דעמאָלט וויל מען מאַכן אַ סוף און מען פֿועלט בײַ זיך דאָס צווייטע מאָל, בײַ דער ערשטער געלעגנהייט, צו מאַכן דעם שריט און אויס־צוזאָגן אַלץ. אָבער מען דערוועגט זיך נאָך אַלץ נישט, אַך ניין, מען געטרויט זיך נישט, מען לאָזט אַדורך איין געלעגנהייט נאָך דער אַנ־דערער, און מען דערוועגט זיך נישט! אַזוי לאַנג ביז ס'קומט די שעה, ווען מען קאָן שוין מער נישט אויסהאַלטן... זייט מיר מוחל, פֿרייליין! איך האָב אַזוי פֿיל גערעדט, כ'בעט אײַך, זייט מיר מוחל! מירן גיין? אַך, דאַגני, ווי האַרציק איך ליב אײַך; כ'בין אײַך שוין דאַנקבאַר בלויז דערפֿאַר, וואָס איך האָב עס אײַך געקאָנט זאָגן.

אַ דערשלאָגענע, אַ צעטומלטע האָט זי זיך צוגעהערט צו אים און האָט נאָך נישט געענטפֿערט קיין איין וואָרט אויף אַלע זײַנע רייד. זיי זענען נאָך אַלץ געשטאַנען אויף דעם זעלבן אָרט.

— ניין, נישט אַנדערש, נאָר איר זענט פֿון זינען אַראָפּ! — האָט זי זיך לסוף אָפּגערופֿן, שאָקלענדיק מיטן קאָפּ. און אומעטיק און בלייך, אַזוי אַז אירע אויגן אפֿילו האָבן אויסגעזען בלוילעך ווי אייז, האָט זי צוגעגעבן: — איר ווייסט גאַנץ גוט, אַז איך בין שוין אַ כּלה, איר פֿאַרגעסט זיך נישט אָן דעם, און פֿונדעסטוועגן...

— געוויס ווייס איך עס! — האָט ער געענטפֿערט. — קאָן איך דען פֿאַרגעסן זײַן אויסזען און זײַן אוניפֿאָרם? ער איז אַ שיינער, איך געפֿין נישט אין אים קיין שום חסרון, און דאָך וואָלט איך געווונטשן, אַז ער זאָל זײַן טויט און פֿאַרשווונדן! וואָס קומט אַרויס, וואָס איך האָב זיך אַליין הונדערט מאָל געזאָגט: „דו העסט גאָרנישט אויס־פֿירן, ער איז שיין, ער איז אַן אָפֿיציר, און דו ביסט אַן אַגראָנאָם

און אַ גאָרנישט; דערצו איז ער שוין, אחוץ אַלעמען, איר חתן, און אַ סוף!" — דאָס האַרץ בויגט זיך פאַר קיין שום זאַך נישט, אפילו נישט פאַר דער גרעסטער אומטעגלעכקייט. פרײלין קיעלאַנד, רעדט דאָך צו מיר אַ קליין ביסעלע פרײנטלעך, צוליב מיין ליבע טוט עס! איך וויל דאָך אייך נישט ליבן, נאָר איך קאָן נישט אַנדערש; איז דען טאַקע נישטאָ קיין שום האָפנונג? זענט איר אבסאָלוט און אויף אייביק פאַרלוירן פאַר מיר? אַך, נאָך נישט, נישט אמת? ליבע, טייערע, נאָך נישט!

— יאָ יאָ, מאַכט מיך נישט אינגאַנצן פאַרצווייפלט! צו וואָס ווילט איר מיך צוברענגען? וועגן וואָס טראַכט איר? מיינט איר, אַז איך זאָל... גאָט אין הימל, זייט דאָך אַ גוטער! לאָמיר מער וועגן דעם נישט רעדן. אַצינד האָט איר אַלץ קאַליע געמאַכט, בלויז צוליב אַ פאָר נאַרישע ווערטער; און אַצינד טאָרן מיר זיך שוין קיינמאָל נישט טרעפן. צו וואָס האָט איר עס געטון? ניין, ווען איך וואָלט עס געקאָנט פאָרויסזען? יאָ! יאָ! זאָל שוין זיין גענוג וועגן דעם, כ'בעט אייך טוט מיר צוליב, טוט עס צוליב אייך אַליין. איר זעט דאָך אַליין, אַז איך קאָן פאַר אייך גאָרנישט זיין; כ'באַגרייף גאָרנישט, ווי ס'האָט אייך געקאָנט איינפאַלן. מילא, איצט מוז עס נעמען אַ סוף; איר מוזט גיין צוריק. ווען איר וואָלט געוווסט, ווי איך בין אומרויק! אויב איר ווילט מיר טון אַ גרויסע טובה, טאָ גייט אַהיים און באַמיט זיך מיט אַלע כוחות צו פאַרגעסן אָן דעם. נישט אמת, איר ווילט מיר נישט אָנטון קיין יסורים? אָ גאָט, ס'טוט מיר אַזוי וויי פאַר אייך, אָבער כ'קאָן גאָרנישט טון דערצו!

— הייסט עס, אַז דאָס זאָל שוין זיין אַ זיי געזונט? זע איך אייך שוין דאָס לעצטע מאָל? ניין, ניין, הערט אויס! זייט מיר מוחל, איך וועל זיך האַלטן אַזוי רויק, ווי איך וועל נאָר קאָנען. אָבער ווען איך וועל צוזאָגן צו זיין רויק און רעדן פון עפעס אַנדערש נאָר נישט דערפון, קיינמאָל נישט, טאָר איך זיך אויך נישט אַמאָל זען מיט אייך? ווען איך וועל, הייסט עס, זיין גאַנץ רויק? זאָל זיין, אַז די איבעריקע באַגעגענישן מיט מיר וועלן אייך ווערן צוגעגעסן, אָבער היינט זאָל נישט זיין דאָס סאַמע לעצטע מאָל. איך בעט איצט נישט מער, נאָר דאָס טוט מיר צוליב! איר שאָקלט ווידער-

מיטן קאָפּ, מיט אייער פּרעכטיקן קאָפּ, אָבער איר שאָקלט מיט אים. וואָס זשע, איז אַלץ אוממעגלעך?... אפילו, ווען אירווילט מיר נישט מוחל זיין, אָבער פונדעסטוועגן קאָנט איר דאָך זאָגן יאָ, כּדי מיר צו פאַרשאַפן אַ שטיקל פרייד; וואָרום ס'האָט זיך דאָך היינט אַלצדינג אַזוי טרויעריק אויסגעלאָזן, זייער טרויעריק, כאָטש איך האָב היינט אין דערפרי געזונגען... בלויז איינמאָל נאָך! איך בעט אייך אַזוי האַרציק, ווי איך קאָן נאָר!

— יאָ, אָבער איר דאַרפט מיך נישט בעטן, ווען איך קאָן עס נישט צוזאָגן. אַ חוץ דעם, צו וואָס טויג עס? גייט איצט אַהיים; טוט מיר צוליב! מירן זיך אפשר נאָך זען, כ'ווייס נישט, אָבער עס קאָן טרעפן. ניין, איצט גייט, איר הערט? — האָט זי אומגעדולדיק אויסגערופן. — איר וועט מיר טון אַן אמתע טובה דערמיט. ס'קאָן נאָך עמעצער אָנקומען...

פּויזע. ער האָט איר בסדר אָנגעקוקט. זיין ברוסט האָט זיך מוראדיק געהויבן. דאַן האָט ער זיך געמאַכט האַרץ און זיך געזעגנט מיט איר. ער האָט אַראָפּגעלאָזט דאָס היטל אויף דער ערד און פלוצלינג אָנגעכאַפּט איר האַנט, וואָס זי האָט אים נישט דערלאַנגט, און זי פעסט געדריקט אין זיינע ביידע הענט; זי האָט אַ געשריי געטון, און ער האָט אָפּגעלאָזט די האַנט, דערשלאָגן, אומגליקלעך און פאַרצווייפלט צוליב דעם, וואָס ער האָט איר פאַרשאַפט ווייטיק. נאָך אַ פּאָר טריט, און זי ווערט פאַרשוווּנדן! ער וועט זי שוין קיינמאָל נישט זען, ניין; אפילו לפנים ווען האָט זי נישט געזאָגט יאָ, הגם ער האָט עס געבעטלט ביי איר, ווי אַ חסד. דאָס בלוט קומט אים אין פּנים, ער צעבייסט די ליפּן, און ער וויל אַוועקגיין, זיך אויסדרייען צו איר מיטן רוקן, אַזוי שרעקלעך בייז איז ער... לסוף איז ער פאָרט אַ מאַן; ס'איז גוט אַזוי, אַלץ איז גוט, זייט געזונט!...

פלוצלינג האָט זי זיך אויסגעדרייט און געזאָגט:

— און ביינאַכט דאַרפט איר זיך נישט אַרומדרייען אַרום אונזער הויף. אין דער אמתן, דאָס דאַרפט איר נישט טון. דאָס האָט איר שוין עטלעכע מאָל נאָכאַנאַנד צערייצט ביקסן; צוליב אייך האָט ער עס אַזוי שרעקלעך געבילט; איין נאַכט האָט שוין

דער טאטע געוואָלט אויפשטיין. איר טאָרט עס נישט, איר הערט? איך האָף, אז איר ווילט אונז נישטביידן אריינברענגען אין אַן אומגליק.

בלויז די ווערטער. אָבער ביים קלאַנג פון איר שטים, איז שוין זיין צאָרן אוועק ווי מיטן רויך, ער האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— און צו די צרות איז נאָך היינט מיין געבורטסטאָג! — האָט ער געזאָגט און גענומען אוועקגיין.

זי האָט אים נאָכגעקוקט; אַ רגע זיך מיישב געווען און דאַן איז זי געלאָפן צוריק. זי האָט אים אָנגעכאַפּט ביים אָרעם.

— יאָ, זייט מיר מוחל! ס'איז געווען נישטי שיין פון מיר דאָס צו פארגעסן, נעמט זיך נישט צום הארצן צוליב מיר; איך קאָן דאָך גאָרנישט זיין פאַר אייך. אָבער אפשר וועלן מיר זיך נאָך אַן אנדערש מאָל זען; איר גלויבט עס נישט? יאָ, איצט מוז איך גיין. אויף ווידערזען!

זי האָט זיך אויסגעדרייט און שנעל אוועקגעגאַנגען.

XII

אַ פארשלייערטע דאמע איז ארויפגעקומען פון ברעג, ווי זי איז נאָר וואָס אראָפּ פון שיף. זי האָט זיך געלאָזט גיין גלייך צום „צענטראַל".

נאגעל איז גראָד געשטאַנען ביים פענסטער און ארויסגעקוקט אין דרויסן; דעם גאַנצן נאָכמיטאָג איז ער ארומגעגאַנגען אין צימער אַהין און צוריק און זיך אָפּגעשטעלט בלויז עטלעכע מאָל אַ טרונק צו טון וואסער. זיין פּנים איז געווען אומנאַטירלעך רויט, פיבער־רויט, און זיינע אויגן האָבן געברענט. איצט האָט ער איין שעה נאָך דער אנדערער כסדר געטראַכט וועגן איין איינציקער זאַך; וועגן זיין היינטיקער באַגעגעניש מיט דאַגני קיעלאַנד.

אַ רגע האָט ער זיך געפּרוּווט איינרעדן, אז ער קאָן אוועקפאָרן און אין אלצדינג פארגעסן. ער האָט געעפנט זיין האַליזע

ארויסגענומען פון דאָרט פּאַפּירן, אַ פּאָר מעשענע אינסטרומענטן, אַ פּלייט, עטלעכע בלעטער נאָטן, קליידער, צווישן זיי אַ נייעם געלן אַנצוג, וואָס איז געווען פּונקט אַזוי ווי דער, וואָס ער האָט געטראָגן, און נאָך אַ סך אַנדערע זאַכן, וואָס ער האָט פונאַנדער־געוואָרפן אויף דער פּאָדלאָגע. יאָ, ער האָט געוואָלט אַוועקפאָרן. ער האָט דאָ אין שטאָט נישט געהאַט מער וואָס צו טון; די פּאָנען האָבן שוין מער איבער איר נישט געפלאַטערט, און וויסט איז געווען אין אירע גאַסן; וואָס זשע האָט ער דאָ נאָך געהאַט וואָס צו טון? און חוץ אַלעמען, צו וועלכע שוואַרצע יאָר האָט ער זיך בכלל געדאַרפט דאָ פאַרשטעקן? נישט קיין שטאָט, נאָר אַ העק, אַ פאַרוואָרפענער ווינקל מיט נידעריקע, לאַנג־אויעריקע מענטשן.

אָבער ער האָט גאַנץ גוט געוווּסט, אַז אַוועקפאָרן פון דאַנעט וועט ער נישט, אַז דערמיט וויל ער נאָר זיך אַליין אָפּנאַרן, נישט מער. אַ דערשלאָגענער האָט ער צוריק איינגעפּאַקט אַלע זיינע זאַכן און די וואַליזעס אַוועקגעשטעלט, ווו זיי זענען געשטאַנען. דאַן האָט ער גענומען אַרומשפּרייזן פון דער טיר צום פענסטער, אַהין און צוריק, אַהין און צוריק מיט האַסטיקע טריט, פאַרזונקען אין שווערע טרויעריקע געדאַנקען, בעת דער זייגער אונטן אין זאַל האָט געקלונגען איין שעה נאָך דער אַנדערער. לסוף האָט געקלונגען זעקס...

אַז ער האָט זיך אָפּגעשטעלט ביים פענסטער, און זיין בליק איז געפאַלן אויף דער פאַרשלייערטער פרוי, וואָס האָט גענומען אַרויפגיין אויף די טרעפּ צום האָטעל, האָט זיך זיין פּנים אין־גאַנצן פאַרענדערט; ער האָט זיך אַזש עטלעכע מאָל אָנגעכאַפּט פאַרן קאָפּ. נו, פאַרוואָס דען נישט? זי האָט פּונקט אַזאַ רעכט צו קומען אַהער, ווי ער! אָבער דאָס גייט אים דאָך נישט אָן, ער האָט וועגן אַנדערע זאַכן צו טראַכטן. און חוץ דעם, זענען זיי דאָך שוין ביידע, ער און זי, געווען צווישן זיך קווית.

ער האָט זיך געמאַכט מוט, זיך געצוווּנגען צו זיין רויק און אויפגעהויבן אַ ציימונג פון דער ערד, פאַריינגעקוקט דאָ און דאָרט, ווי ער וואָלט געלייענט. ס'איז נישט אַריבער קיין מינוט,

ווי סארא האָט אויפגעעפנט די טיר און אים דערלאַנגט אַ קאַרטע, אויף וועלכער ס'איז געווען אויפגעשריבן מיט בלייפעדער דאָס וואָרט „קאַמאַ", בלויז „קאַמאַ". ער איז אויפגעשטאַנען און אַראָפּגע-גאַנגען.

די דאַמע איז געשטאַנען אין קאָרידאָר און גערעדט מיטן האָטעל-אייגנטימער, זי האָט אַראָפּגעלאָזט דעם שלייער, נאַגעל האָט זיך פאַרנייגט פאַר איר.

— גוט-מאָרגן, סימאָנסען! — האָט זי געזאָגט מיט אַ הויכער רירנדיקער שטימע. סימאָנסען--האָט זי געזאָגט.

ער האָט אַ ציטער געטון, איז אָבער גלייך געקומען צו זיך און זיך געווענדט צו סאַראַן, ער האָט געפרעגט:

— וווהין קענען מיר אַריינגיין אַ ווײַלע?

זי האָט זיי אָנגעוויזן אַ צימער לעבן עס-זאַל, און זיי זענען אַריין. ווי גיך די טיר האָט זיך פאַרמאַכט הינטער זיי, איז די דאַמע אָן כּוחות אַריינגעפאַלן אין שטול. זי איז געווען שרעקלעך אויפגערעגט.

זייער שמועס איז געווען אָפּגעריסן און טונקעל מיט האַל-בע ווערטער, וואָס נאָר זיי אַליין האָבן פאַרשטאַנען זייער באַדיי-טונג, מיט פּוסטע אָנצוהערענישן אויף דעם פאַרגאַנגענעם. זיי האָבן זיך שוין פון פריער געהאַט באַגעגנט און זענען געווען באַקאַנט. די באַגעגעניש האָט נישט גערויערט קיין שעה צייט. די דאַמע האָט גערעדט מער שוועדיש ווי נאָרוועגיש.

— זיי מוחל, וואָס איך רוף דיך נאָך סימאָנסען, — האָט זי געזאָגט — דער אַלטער ליבער נאָמען! ווי אַלט און ליב! יעדעס מאָל, ווען איך רעד אים אויס, איז ווי דו וואָלסט מיר געשטאַנען פאַר די אויגן.

— ווען זענט איר אָנגעקומען? — האָט נאַגעל געפרעגט.

— נאָרוואָס, מיט אַ ווײַלע צוריק, כ'בין געקומען מיט דער שיף... יאָ, — און כ'פאָר באַלד צוריק.

— שוין, באַלד?

— איר הערט, — האָט זי געזאָגט — איר פרייט זיך, וואָס איך

פאָר באַלד צוריק; איר מיינט, אַז איך זע דאָס נישט?.. אָך, וואָס טוט מען, אייגנטלעך, מיט מיין ברוסט? זאָגט מיר, איך בעט אייך, טוט אַ טאַפּ דאָ, ניין, העכער אַביסל! וואָס טראַכט איר וועגן דעם? איך מיין, אַז ס'איז אַביסל ערגער; אַז ס'האָט זיך פון דעמאָלט אָן אַביסל פאַרערגערט. נישט אמת? מילא ס'איז דאָך אַלץ איינס... זע איך אויס נישט אין אָרדנונג? זאָגט מיר נאָר, ווי ליגן מיינע האָר? אפשר בין איך גאָר שמוציק, וואָרום איך בין דאָך געפאָרן פיר און צוואַנציק שעה נאָכאַנאַנד... איר האָט זיך גאָרנישט געענדערט. איר זענט אַזוי קאַרט ווי פריער, פונקט אַזוי קאַלט... איר האָט אפשר אַ קעמל ביי זיך?

— ניין... וואָס האָט אייך, אייגנטלעך, באַוועגט צו קומען אַהער? וואָס איז דאָס, וואָס איר...

— דאָס אייגענע פרעג איך ביי אייך, פונקט דאָס אייגענע: ווי פאַלט אייך איין צו פאַרקריכן אין אַזאַ אָרט? אָבער צי האָט איר זיך איינגערעדט, אַז איך וועל אייך נישט געפונען?.. טאַ הער זשע, דאָ ביסטו אַן אַגראָנאָם, נישט אמת? כאַכאַכאַ! כ'האָב געטראָפן אַ פּאָר מענטשן אונטן ביים האַפן, און זיי האָבן מיר געזאָגט, אַז דו ביסט אַן אַגראָנאָם און דו האָסט אַביסל געאַרבעט ביי איינער אַ פרוי סטענערסען; מיט קראַנקע ווייַנפערל בוימלעך, האָסטו זיך דאָרט באַשעפטיקט; צוויי טעג נאָכאַנאַנד, הייסט עס, ביסטו געשטאַנען מיט אַרויפגעשאַרצטע אַרבל און געאַרבעט. אַן איינפאַל אַביסל!.. מיינע הענט זענען אייז־קאַלט: אַזוי זענען זיי שטענדיק, ווען איך בין אויפגערעגט, און איצט בין איך טאַקע אויפגערעגט; דו האָסט נישט קיין מיטלייד מיט מיר, כאָטש איך רוף דיך סימאָנסען, ווי אין די אַלטע גוטע צייטן, און בין פריילעך און גליקלעך. היינט איינדערפרי, ווען איך בין נאָך געלעגן אין דער קאַיוטע, האָב איך זיך געטראַכט: ווי אַזוי וועט ער זיך פאָרט באַגיין מיט מיר? צי וועט ער מיך ווייניקסטנס דוצן און מיך אָננעמען אונטערן קין, ווי זיין שטייגער איז געווען? — און איך בין כמעט איבערצייגט געווען, אַז איר וועט עס טון, אָבער איך האָב אַ טעות געהאַט. נעמט עס אין אַכט: איך בעט אייך נישט, איר זאָלט עס איצט טון; ס'איז צו שפּעט... זאָגט מיר נאָר,

פארוואס האלט איר אין איין פינטלען מיט די אויגן? ווייל בשעת איך רעד, טראכט איר גאר עפעס אנדערש?

ער האט געענטפערט:

— איך בין היינט באמת נישט מיט אלעמען, קאמא. קאנט איר מיר נישט זאגן באלד, נאך וואס איר זענט געקומען צו מיר? איר וועט מיר טון א גרויסע טובה.

— נאך וואס איך בין געקומען צו אייך? גאט, ווי מוראדיק איר קאנט באליידיקן! איר האט אפשר מורא, טאמער בעט איך ביי אייך געלט? איך זאל אייך אמאל נישט בארויבן? זייט זיך נאר מודה, אויב איר האט באמת אזעלכע שווארצע געדאנקען ביי זיך אין הארצן... אבער נאך וואס איך בין טאקע געקומען צו אייך? אדרבה, טרעפט! וואס זשע, איר ווייסט גארנישט, וואס פארא דאטום און וואס פארא טאג מיר האבן היינט? איר האט זיך אפשר גאר פארגעסן אן אייער אייגענעם געבורטסטאג!

און שלוכצנדיק האט זי זיך א ווארף געטון פאר אים אויף די קני און אנגעכאפט זיינע הענט, כדי זיי צוצופרעסן צו איר פנים און צוצודריקן צו איר ברוסט.

אט די פייערדיקע אומגעריכטע צערטלעכקייט האט אים תיכף אנגעכאפט ביים הארצן; ער האט זי אויפגעהויבן צו זיך און זי גענומען אויפן שויס.

— איך האב זיך אן דיין געבורטסטאג נישט פארגעסן, — האט זי געזאגט — איך וועל אים שטענדיק געדענקען. דו ווייסט גארנישט, ווי איך ליג ביינאכט און איך ווין נאך דיר, ווען איך קאן נישט איינשלאפן פון מיינע טויזנטער געדאנקען... דו יינגל מיינער! דו האסט נאך אלץ דאס זעלביקע רויטע מויל! אויפן שיף האב איך געטראכט וועגן א מאסע זאכן; כ'האב געטראכט, ווער ווייסט, צי איז נאך זיין מויל איצט אזוי רויט, ווי געווען?.. חי די אויגן דיינע פלאטערן עס ארום! וואס זשע, דו ווערסט שוין ווידער אומגעדולדיק? אזוי ביסטו אינגאנצן דער זעלבער, נאר דיינע אויגן פלאטערן עפעס אזוי, ווי דו וואלסט געטראכט, וואס שנעלער פטור צו ווערן פון מיר. לאז מיך בעסער זיצן נעבן דיר אויפן שטול, דאס וועט דיר געווים זיין אנגענעמער, נישט

אמת? כ'האָב אַזוי פיל, אַזוי פיל צו רעדן מיט דיר, און איך מוז זיך צואײַלן, וואָרום די שיף גייט באַלד אָפּ; און דו צעמישסט מיך כּסדר מיט דײַנע גלײַכגילטיקע באַוועגונגען. וואָס זאָל איך דיר פאָרט זאָגן אַזעלכעס, כּדי דו זאָלסט מיך אויסהערן מיט אויפמערקזאַמקייט? אין תּוך הויבסטו מיר נישט אָן דאַנקבאַר צו זײַן דערפאַר, וואָס איך האָב זיך דערמאָנט אָן דעם הײַנטיקן טאָג און בין געקומען צו פאָרן אַהער... האָסטו עפּעס באַקומען אַ סך בלומען? יאָ, געוויס. מאַדאַם סטענערסען האָט דיך אויך געוויס אין זינען געהאַט. זאָג זשע מיר, ווי זעט זי אויס, אָט די מאַדאַם סטענערסען, פאַר וועלכע דו ביסט אַן אַגראָנאָם? כאַכאַכאַ! ניין, אומפאַרגלײַכלעך!.. איך וואָלט דיר אויך מיטגעבראַכט אַ פּאָר בלומען, ווען איך וואָלט געהאַט דערויף געלט; אָבער איצט בין איך גראָד צו אָרעם... גאָט אין הימל, אָבער קאָנסט דאָך מיך אויסהערן, ווײַניקסטנס אָט די פּאָר נישטיקע מינוט; ווילסט נישט? ווי אַלץ איז אַנדערש געוואָרן! געדענקסטו נאָך, אָבער דאָס געדענקסטו נישט, מסתּמא, און ס'איז נישט נייטיק דיך צו דערמאָנען. נאָר איינמאָל האָסטו מיך דערקענט שוין פון גאַנץ ווײַט, בלויז אָן דער פעדער פון מײַן הוט און דו ביסט מיר דאַן געלאָפן אַנטקעגן. דו ווייסט גאַנץ גוט, אַז ס'איז אַזוי געווען, ניין? ס'האָט געטראָפן אַמאָל אויף דער פעסטונג־וואַנט. דו שאָקלסט מיטן קאָפּ; דו געדענקסט עס טאַקע? נו, זעסטו, בין איך נישט געווען גערעכט? אָבער אַצינד ווייס איך שוין נישט, צו וואָס איך האָב דיר דערמאָנט אָט די געשיכטע מיטן פעדער; מײַן גאָט, כ'האָב זיך גאָר פאַרגעסן, אַנטקעגן וואָס איך האָב עס געזאָגט, כ'האָב עס געוואָלט באַנוצן אַנטקעגן דיר. ס'איז אַ גוטער ארגומענט... וואָס איז? וואָס שפּרינגסטו אויף?

ער איז אויפגעשטאַנען, שטילערהייט, אויף די שפּיץ פינגער דורכגעגאַנגען דעם צימער און האָט האַסטיק אויפגעריסן די טיר.

— אין עס־זאָל האַלט מען אין איין קלינגען נאָך אייך, סאַראַ — האָט ער אַרויסגערעדט דורך דער טיר.

און אַז ער איז צוריקגעקומען און זיך אַוועקגעזעצט אויף

זיין אָרט, האָט ער געשאָקלט מיטן קאָפּ צו קאַמאַן און געשעפּ־משעט:

— כ'האָב געפילט, אַז זי שטייט און הערט זיך צו.

קאַמאַ איז געוואָרן אומגעדולדיק.

— און אַז זי האָט זיך צוגעהערט? — האָט זי געזאָגט. — ניין, פאַרוואָס זענט איר גראָד איצט פאַרנומען מיט טויזנט אַנדערע זאַכן? אָט זיצן איך שוין אַ גאַנץ פירטל שעה, און איר האָט מיך אפילו נישט געבעטן, איך זאָל אויפהויבן דעם שלייער. ניין, דער־וועגט זיך נאָר איצטער מיך עס צו בעטן! איר באַרעכנט גאָר־נישט, ווי שרעקלעך ס'איז אין אַזאַ היץ צו טראָגן אַ ווינטערדיקן שלייער איבערן פּנים. יאָ, דאָס איז דער פאַרדינטער שכר; צו־האָס בין איך אין דער אמתן געקומען אַהער? איך האָב דאָך גאַנץ גוט געהערט, ווי איר האָט געבעטן ביים דינסטמיידל, זי זאָל אייך דערלויבן אויף אַ ווײַלע אַריינצוגיין אַהער, בלויז אויף איין רגע, האָט איר געזאָגט. דאָס הייסט פּשוט, אַז איר האָט מיך גע־וואָלט פּטור ווערן אין אַ מינוט אָדער צוויי. יאָ, יאָ, כ'האָב נישט צו אייך קיין טענות, איך בין נאָר שרעקלעך געקרענקט דערפון. זאָל מיר גאָט אַזוי העלפן!... און פאַרוואָס קאָן איך זיך קיינמאָל נישט אָפּזאָגן פון דיר! כ'ווייס, אַז דו ביסט חסר דעה, אַז דײַנע אויגן זענען איינפאַך משוגע; יאָ, ווייסטו, דאָס האָב איך געהערט, און איך גלויב עס אויך; אָבער איך קאָן זיך פאָרט נישט אָפּ־משעפּן פון דיר. דאָקטאָר ניסען האָט געזאָגט, אַז דו ביסט חסר דעה, און גאָט ווייסט, דו מוזסט שוין זיין משוגע אויף טויט, אויב דו האָסט זיך געקאָנט אוועקזעצן אין אַזאַ אָרט און זיך אָנרופן אַגראָנאָם. דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן הער איך אַזאַ זאַך! און דו גייסט נאָך אַלץ אַרום מיטן אייזערנעם רינג אויפן פינגער און דו טראָגסט נאָך אַלץ אָט דעם שרייענדיקן געלן אַנצוג, וואָס קיין מענטש, אַ חוץ דיר, וואָלט עס אפילו נישט אָנגעטאָסטן.

— דאָקטאָר ניסען האָט געזאָגט, אַז איך בין משוגע?

— יאָ, דאָקטאָר ניסען האָט עס בפירוש געזאָגט! דו ווילסט אפשר ווּיסן, וועמען ער האָט עס געזאָגט?

פּויזע. אַ ווײַלע איז ער געשטאַנען מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן

קאָפּ, פאַרזונקען אין געדאַנקען. דאַן האָט ער אויפגעהויבן די אויגן און געפרעגט:

— זאָגט מיר אויפריכטיק, קאַמאַ, וואָלט איך אייך נישט געקאָנט העלפן מיט אביסל געלט? איר ווייסט, אַז איך קאָן עס.

— קיינמאָל און לעבן נישט! — האָט זי אויסגעשריגן. — קיינמאָל נישט, איר הערט, ווי גאָט איז אייך ליב, ווי קאָנט איר מיר וואַרפן אין פּנים אַריין אַזאַ באַליידיקונג נאָך דער אַנדערער פּויזע.

— איך ווייס נישט, — האָט ער זיך אָפּגערופן — צו וואָס מיר זיצן דאָ איינער אַנטקעגן אַנדערן און עסן זיך דאָס האַרץ...

אָבער אַצינד האָט זי אים וויינענדיק איבערגעשלאָגן די רייד און האָט זיך שוין מער נישט באַטראַכט, וואָס זי האָט געזאָגט.

— ווער עסט דאָס האַרץ? איך, אפשר? ווי דו האָסט זיך אַזוי אינגאַנצן פאַרענדערט דורך די פּאָר חדשים! איך קום אַהער כּדי... איך ריכט זיך גאָרנישט, אַז דו זאָלסט ענטפערן אויף מיינע געפילן. דו ווייסט, אַז איך בין נישט אַזאַ, וואָס זאָל עס אויסבעטלען ביי דיר; אָבער איך האָב געהאָפט, אַז דו וועסט מיך באַהאַנדלען מיט אביסל איינזעעניש... גאָט אין הימל, ווי שרעקלעך טרויעריק מיין לעבן איז! איך וואָלט דיך געדאַרפט אויסוואָרצלען פון מיין האַרצן, אָבער איך קאָן עס פּאַרט נישט, איך גיי דיר נאָך ווי אַ שאָטן און וואַרף זיך דיר פאַר די פיס. דערמאָנסטו זיך, ווי דו האָסט איינמאָל, בעת מיר האָבן שפּאַצירט אויף דראַמענסוועיען, דערלאַנגט אַ הונט אַ זעץ איבערן קאָפּ, ווייל ער האָט אַ שפּרונג געטון אין דער הויך נעבן מיר? יאָ, ס'איז געווען מיין שולד, איך האָב אַ געשריי געטון, ווייל כ'האָב געמיינט, אַז ער וויל מיך בייסן; נו, ער האָט עס אָבער נישט געוואָלט, ער האָט זיך בלויז געוואָלט שפּילן. און אַז דו האָסט אים געשלאָגן, איז ער נישט אַנטלאָפן, נאָר גאָר זיך אַוועקגעלייגט אויפן בויך... דעמאָלט האָסטו געוויינט צוליבן הונט און אים געגלעט; דו האָסט שטילערהייט געוויינט, כ'האָב עס גאַנץ גוט געזען; אָבער איצט וויינסטו נישט, כאָטש... אָבער דאָס איז, פאַרשטייט זיך, נישט קיין פאַרגלייך; וואָס זשע, דו קאָנסט נאָך מיינען, אַז איך

האָב זיך פאַרגליכן מיט אַ הונט? איין גאָט ווייסט, וואָס דיר קאָן אַלץ איינפאַלן; ווען דו מאַכסט אָט דעם פּנים, הויב איך דיך אָן צו דערקענען. איך זע, דו שמייכלסט. אָ, יאָ, דו האָסט גע־שמייכלט! דו לאַכסט זיך אויס פון מיר, מיר אין די אויגן! לאָ־מיך עס דיר ארויסזאָגן גאַנץ אָפן... ניין, ניין, ניין, זיי מיר מוחל, כ'בעט דיך; איצט בין איך שוין ווידער אַזוי פאַרצווייפלט. דאָ זיצט פאַר דיר אַ צעבראָכענע, איך בין אינגאַנצן צעבראָכן, דער־שלאָגן, גיב מיר דיין האַנט! און זיי מיר איצט מוחל! איך האָב דיך נישט געדאַרפט באַליידיקן; אָבער איך פיל די גאַנצע צייט, אַז דו קאָנסט נישט פאַרגעסן דעם קליינעם אמאָליקן פעלער. ס'איז דאָך נאָר געווען אַ קליינער פעלער פון מיין זייט, אויב דו וועסט עס גוט באַרעכענען. ס'איז געווען שלעכט פון מיר, וואָס איך בין יענעם אָוונט אַראָפּגעקומען צו דיר; דו האָסט מיר גע־געבן אַ צייכן נאָך אַ צייכן, און איך בין נישט אַראָפּגעגאַנגען; איך באַדויער עס, אָ, גאָט, איך באַדויער עס שטאַרק! אָבער ער איז נישט געווען ביי מיר, ווי דו האָסט דעמאָלט געמיינט. ער איז פריער טאַ־קע געווען ביי מיר, אָבער דעמאָלט איז ער שוין נישט געווען, שוין געווען אַוועקגעגאַנגען. איך בין זיך דאָך מודה אין דעם און בעט פאַרגעבונג. מער קאָן איך גאָרנישט טון. אָבער איך האָב אים גע־דאַרפט ארויסטרייבן. יאָ, ארויסטרייבן, דאָס גיב איך צו; איך גיב אַלץ גערנוויליק צו, און איך וואָלט נישט... ניין, איך פאַרשטיי נישט, איך פאַרשטיי שוין גאָרנישט מער...

פּויזע. אין דער שטילקייט האָט מען בלויז געהערט ווי קאָ־מאַ שלוכצט, און דעם קלאַנג פון מעסער־גאָפּל אין עס־זאַל. זי האָט נישט אויפגעהערט צו וויינען און אונטערן שלייער האָט זי זיך געווישט די אויגן מיט איר טאַשנטיכל.

— שטעל זיך פאָר, ער איז אַ קינד, אַזוי אומבאַהאָלפן, — האָט זי ווייטער געזאָגט — צייטנווייז גיט ער אַ זעץ אין טיש און וויל מיך שיקן צום טייוול, יאָ, ער שעלט מיך, ער זאָגט, אַז איך האָב פון אים אַ תּל געמאַכט, און איז מער ווי גראָב, אָבער אין אַ מינוט אַרום איז ער ווידער אַזוי אומגליקלעך און קאָן צומאָל נישט פועלן ביי זיך מיך אָפּצולאָזן. וואָס־זשע זאָל איך טון מיט

אים, ווען איך זע, אז ער איז אזוי שוואך? איך ליג אפ די ריי־זע פון טאג צו טאג, כאטש צו גוט גייט מיר נישט... אבער באדויערט מיך נישט; דערוועגט זיך נאר ארויסצווייזן מיר אייער אומפארשעמטן רחמנות! ער איז, יעדנפאלס, בעסער איידער אן אנדערער, און האט מער פארגינגן פארשאפט איידער אן אנדערער, מער ווי איר. איך ליב אים דאך; יא, איר מעגט עס וויסן; כ'בין נישט געקומען אהער, כדי אים צו בארעדן. אז איך וועל קומען אהיים און זיך זען מיט אים, וועל איך פאלן פאר אים אויף די קני און בעטן מחילה פאר דעם, וואס איך האב געזאגט. יא, איך וועל געוויס אזוי טון.

נאגעל האט געזאגט:

— ליבע קאמא, זייט דאך ערשט אביסל ביים שכל! לאמיך אייך העלפן, איר הערט! איך גלויב, איר דארפט עס נויטיק האבן. איר ווילט נישט? ס'איז נישט שיין פון אייך זיך אפצוזאגן דערפון, ווען ביי מיר איז עס אזא קלייניקייט און איך וויל עס אזוי גערן!

ביי די ווערטער האט ער ארויסגענומען זיין געלט־בייטל.

ווי אן אפגעבריטע האט זי א געשריי געטון:

— איך האב דאך געזאגט—ניין! הערט איר דען נישט, מענטש!

— טא וואס־זשע ווילט איר? — האט ער געפרעגט א צעטומלטער.

אצינד האט זי זיך אנידערגעזעצט און אויפגעהערט צו וויינען. ס'האט אויסגעזען, אז זי האט חרטה אויף אירע שטרענגע רייד.

— הערט אויס, סימאנסען... דערלויבט מיר אייך נאכאמאל צו רופן סימאנסען... און אויב איר וועט נישט בייז ווערן, וואלט איך אייך געוואלט עפעס זאגן. וואס באדייט עס, וואס איר האט זיך באזעצט אין אזא ארט ווי דא, נאך וואס טוט איר עס? איז דען א וואונדער, וואס מען זאגט אויף אייך, אז איר זענט נישט ביים קלארן שכל? איך ווייס אפילו נישט, ווי די שטאט הייסט, איך מוז מיך ערשט דערמאנען, אזוי קליין איז זי, און דא דרייט

איר זיך אַרום, מאַכט זיך נאַריש און פאַרחידושט די איינוווינער מיט אייערע מאָדנע גענג! וואָס־זשע האָט איר שוין טאַקע נישט געפונען, וואָס צו טון!... מילא, דאָס איז דאָך נישט מיין עסק, כ׳זאָג עס אייך סתם אַזוי, צוליב אַלטער... אָך, וואָס מיינט איר, בעסער, דאַרף איך טון מיט מיין ברוסט? איצט פיל איך, אַז אָט אָט ווערט זי צעשפּרונגען! גלויבט מיר נישט, אַז איך וואָלט נאָבאמאָל געדאַרפט גיין צום דאָקטאָר? אָבער ווי גאָט איז אייך ליב, ווי קאָן איך זיך לאָזן באַטראַכטן פון אַ דאָקטאָר, אַז איך פאַרמאָג נישט קיין איינציקע ערע אין טאַש?

— אָבער איר הערט דאָך, אַז איך וויל עס אייך מיטן גאַנצן האַרצן אויסבאָרגן; איר וועט עס מיר אַמאָל נאָך אָפּגעבן!

— מילא, דאָס איז דאָך אַלץ איינס, צי איך וויל גיין צום דאָקטאָר, אָדער נישט, — האָט זי ווייטער גערעדט ווי אַ פאַרעקשנט קינד — ווער וועט דען טרויערן נאָך מיר, אויב איך וועל שטאַרבן? — אָבער פּלוצלינג האָט זי זיך האַסטיק אַ דריי געטון, ווי זי וואָלט זיך עפּעס מיישב געווען און געזאָגט: — אַז איך לייג מיך גוט איבער, זע איך נישט איין, פאַרוואָס איך זאָל נישט אָננעמען אייער געלט? פאַרוואָס נישט איצט, פּונקט אַזוי גוט ווי פריער? איך בין דאָך נישט אַזוי רייך, אַז איך זאָל צוליב דעם... יאָ, אָבער איר האָט יעדעס מאָל אָפּגעוואַרט גראָד די רגע, ווען איך בין געוואָרן שטאַרק אויפגערעגט, און דאַן האָט איר עס מיר פאַרגעלייגט, ווייסנדיק פאָרויס, אַז איך וועל זיך אָפּזאָגן. יאָ, יאָ, אַזוי האָט איר געטון! איר האָט עס בכיוון אויסגערעכנט, כּדי זיך צו פאַרשפּאָרן אייער געלט, כאָטש איר פאַרמאָגט זייער אַ סך; וואָס־זשע, איר מיינט, אַז איך האָב עס נישט באַמערקט? און אפילו איצטער, ווען איר לייגט עס מיר ווידער פאָר, טוט איר עס, כּדי מיך צו דערנידעריקן, און איר פרייט זיך, ווען איך בין לסוף גענויט עס אָנצונעמען. אָבער דאָס וועט אייך גאָרנישט העלפן, איך נעם עס פונדעסטוועגן יאָ אָן, און איך בין אייך דערפאַר דאַנקבאַר; הלוואי זאָל מיר גאָט העלפן, איך זאָל צו דיר נישט דאַרפן אָנקומען! אָבער וויסן זאָלט איר, אַז נישט צוליב דעם בין איך היינט געקומען אַהער, נישט צוליב געלט, צי איר וועט מיר-

יאָ גלויבן אָדער נישט. איך קאָן זיך נישט פאָרשטעלן איר זאָלט זיין אזוי געמיין צו טראַכטן אזוי... אָבער וויפל קאָנסטו מיר געבן, סימאָנסען? גאָט אין הימל, דו דאַרפסט נישט טראַכטן קיין שלעכטס וועגן מיר, כ'בעט דיך; און דו מוזסט מיר גלויבן, אַז איך בין אויפריכטיק.

— וויפל דאַרפסט איר?

— יאָ, וויפל איך דאַרף! גאָט, די שיף וועט דאָך נישט אַוועקגיין, ווי מיינסטו? איך וואָלט אפשר געדאַרפט אַ סך, אָבער... אפשר אַ פאָר הונדערט קראָן. אָבער...

— איז גוט. אָבער הערט אויס, איר דאַרפט זיך נישט פילן דערנידעריקט, וואָס איר נעמט אָן דאָס געלט; ווען איר זאָלט וועלן, וואָלט איר עס געקאָנט פאַרדינען. איר וואָלט מיר געקאָנט טון זייער אַ גרויסע טובה, אויב איך מעג עס ביי אייך בעטן...

— אויב דו קאָנסט עס בעטן ביי מיר!.. — האָט זי אויסגערופן אויסער זיך פאַר פרייד, צוליב דעם דאָזיקן אויסוועג. — גאָט, ווי דו קאָנסט עס אַביסל רעדן! וואָס פאַרא טובה? וואָס פאַרא טובה, סימאָנסען? איך בין גרייט צו אַלצדינג! אָ, דו ליב יינגל!

— איר האָט נאָך דריי פערטל שעה צייט צו דער שיף.

— יאָ, און וואָס זאָל איך טון?

— איר זאָלט זיך זען מיט אַ דאַמע און עפעס באַזאָרגן פאַר מיר.

— אַ דאַמע?

— זי וווינט אונטן ביים ברעג אין אַ קליינעם, איין־שטאָקיקן הויז, קיין פאָרהאַנגען זענען נישטאָ דאָרטן, נאָר אין די פענסטער שטייען עטלעכע ווייסע בלומען. די דאַמע הייסט מאַרטאַ גודע.

— אָבער איז דאָס די... איז עס נישט אַמאָל יענע מאַדאַם סטענערסען?

— איר זענט אויף פאַלשע שפורן; פריילין גודע איז שוין אַ מיידל פון אַ יאָר פערציק. אָבער זי האָט אַ שטול, אַן אַלטן לענשטול, וואָס איך האָב באַשלאָסן צו קריגן פאַר מיר, און דער־

צו מוזט איר מיר באהילפיק זיין... באהאלט נאָר דאָס געלט, און איך וועל אייך דערוויל אַלצדינג קלאָר מאַכן.

ס'האָט געגומען ווערן טונקל, די געסט פון האָטעל זע־נען מיט אַ גרויסן טומל אַוועק פון עס־זאַל, און נאַגעל איז נאָך געזעסן און האָט גאַנץ געניי דערקלערט אַלצדינג, וואָס האָט גע־האַט אַ שייכות מיטן שטול. מען מוז ארומגיין דערמיט זייער פאָר־זיכטיק, מיט קונצן וועט מען דאָ גאָרנישט אויפטון. קאַמאַ איז וואָס אַ מינוט אַלץ מער אומגעדולדיקער געוואָרן, זי האָט שוין געוואָלט גיין; אָט די פאַרדעכטיקע אויפגאַבע האָט איר אַריינגע־בראַכט אין התפעלות, זי האָט געלאַכט אויפן קול און געפרעגט, צי זי זאָל זיך נישט אַביסל פאַרשטעלן, וויניקסטנס אָנטון אַ פּאָר ברילן, צי האָט ער נישט געהאַט אַמאָל ערגעץ אַ רויטן הוט, אויב זי האָט קיין טעות נישט? זי וואָלט אים דאָך געקאָנט אָנטון.

— ניין, ניין, אָן קונצן. איר דאַרפט גאַנץ איינפאַך פאַרלייגן געלט פאַר דעם שטול, דערלייגן, אַרויפשרויפן דעם פּרייז אין דער הויך, איר קאָנט שטייגן ביז צוויי הונדערט און צוואַנציק קראָן. און איר מעגט זיכער זיין, אַז איר וועט נישט דורכפאַלן, איר וועט אים נישט קריגן.

— גאָט, וואָס פאַרא מטמון מיט געלט! פאַרוואָס זאָל איך אים נישט באַקומען פאַר צוויי הונדערט און צוואַנציק קראָן?

— ווייל איך האָב אים מיר שוין אויסגעדונגען.

— אָבער וואָס אַ שטייגער וועט זיין, אויב זי וועט מיך האַלטן ביים וואָרט?

— זי וועט אייך נישט האַלטן ביים וואָרט, שוין, איר קאָנט גיין.

אָבער אין דער זעלבער רגע האָט זי ווידער געבעטן אַ קעמל און געטענהט, אַז זי האָט מורא, איר קלייד איז שטאַרק צעקנייטשט. — אָבער איך קאָן עס דאָך נישט אַריבערטראָגן, וואָס דו ביסט אַזאַ אָפּטער גאַסט דאָרט אויבן, ביי יענער מאַדאַם סטע־נערסען, — האָט זי געזאָגט — איך וויל עס נישט אַריבערטראָגן, איך בין שרעקלעך אומרויק, — און זי האָט ווידער אַ קוק געטון, צי זי האָט גוט באַהאַלטן דאָס געלט — ס'אַרא גוטער דו ביסט,

וואָס דו האָסט מיר געגעבן אזוי פיל געלט! — האָט זי אויסגערופן. און זי האָט האסטיק געטון א פארנעם דעם שלייער און אים א קוש געטון אין מויל, פונקט אין מויל. אָבער זי איז נאָך פונדעסטוועגן געווען באגייסטערט פון איר ווונדערלעכער שליחות צו מארטא גודא און געפרעגט:

— ווי אזוי וועל איך דיר קאָנען צו וויסן טון, אז אלץ האָט זיך ריכטיק איינגעגעבן? אויב דו ווילסט, קאָן איך בעטן דעם קאפיטאן, ער זאָל פייפן פיר אָדער פינף מאָל; וואָס זאָגסטו? זעסטו שוין, אז איך בין נישט אזא נאר? יאָ, דו קאָנסט זיך אויף מיר פארלאָזן. זאָל איך עס דיר נישט צוליב טון, ווען דו... הערסט, נישט צוליבן געלט בין איך היינט געקומען, גלויב מיר. יאָ, לאָמיך דיך נאָכאמאָל דאנקען. צום ווידערזען, צום ווידערזען!

זי האָט זיך ווידער א טאפ געטון, צי זי האָט דאָס געלט.

צין א האלבע שעה ארום האָט נאגעל באמת געהערט, ווי די שיף האָט אויסגעפייפט פינף מאָל נאָכאנאנד.

XIII

א פאָר טעג זענען פארביי.

נאגעל איז על פי רוב געבליבן אין דערהיים, איז ארומגעגאנגען מיט א פאראומערטן אויסדרוק און האָט אויסגעזען פארמאטערט און ליידנדיק; זיינע אויגן זענען אין משך פון די צוויי טעג געוואָרן זייער מאט. ער האָט מיט קיינעם נישט גערעדט, אפילו נישט מיט די מענטשן פון האָטעל. איין האנט האָט ער געטראָגן ארומגעוויקלט אין א שמאטע; איין נאכט, נאָכדעם ווי ער האָט ווי זיין שטייגער איז געווען, ארומגעשפאצירט ביז פארטאָג, איז ער אהיימגעקומען מיט דער ארומגעוויקלטער האנט; די ביידע ווונדן, האָט ער געזאָגט, האָט ער באקומען דערפון, וואָס ער איז געלעגן אויפן לאנדונגס-האפן.

דאָנערשטיק אינדערפרי האָט גערעגנט, און דער טרויעריקער דרויסן האָט זיין געמיט נאָך מער פארחושכט. נאר ווען ער

איז געלעגן אין בעט און דורכגעקוקט די צייטונגען און זיך געווילט מיט עפּעס א סצענע אין פראנצויזישן פּארלאַמענט, האָט ער מיט איינמאָל פּלוצלינג א קנאַק געטון מיט די פינגער און איז אויפגעשפּרונגען. — כאַפּט אים דער טייוול! די וועלט איז גרויס, איז רייך, איז לוסטיק, די וועלט איז שיין!

ער האָט אָנגעקלונגען, בעת ער איז נאָך נישט געווען אינגאנצן אָנגעטון, און אָנגעזאָגט סאראַן, אז ער וויל אין אָוונט פאַרבעטן צו זיך עטלעכע מענטשן, א זעקס, זיבן פּאַרשוין, מ׳וועט א הוליע טון אַביסל, לוסטיקע חברה־לייט, דאָקטאָר סטענערסען, אדוואָקאַט האַנסען, דעם אדיונקט א. א. וו.

ער האָט תּיכּף פונאַנדערגעשיקט די איינלאַדונגען. מינוט האָט געענטפערט, אז ער וועט קומען; לאַנד־ריכטער ריינערט איז אויך געווען פאַרבעטן, נאָר ער איז נישט געקומען. ארום פינף א זייגער אָוונט זענען שוין אַלע געווען פאַרזאַמלט ביי נאַגעלן אין צימער. אזוי ווי ס׳האָט כּסדר נישט אויפגעהערט צו רעגענען און ס׳איז געווען א טונקעלער פאַרנאַכט, האָט מען אָנגעצונדן די לאָמפּן און פאַררוקט די פאָרהאַנגען.

און ס׳האָט זיך אָנגעהויבן די הוליאַנקע, אַ טרונקערייי און א פאַרשווענדערישע ווילדע פאַרווייליגג, וואָס די שטאָט האָט געהאַט צו רעדן וועגן דעם א פּאָר טעג נאָכאַנאַנד.

ווי גיך מינוט איז אַריין אין צימער, איז נאַגעל צוגעגאַנגען צו אים און זיך אַנטשולדיקט, וואָס ער האָט גערעדט אזוי פיל אומזין, בעת זיי זענען דאָס לעצטע מאָל געווען צוזאַמען. ער האָט אָנגענומען מינוטס האַנט און זי האַרציק געדריקט; ער האָט אים אויך פאָרגעשטעלט פאַרן יונגן סטודענט אָיען, דער איינציקער, וואָס האָט אים נישט געקענט. מינוט האָט אָפּגעפירט נאַגעלן אָן א זייט און אים שטילערהייט געדאַנקט פאַר די נייע הויזן, וואָס ער האָט שוין איצט געטראָגן. זיי פּאַסן זיך אזוי גוט צום ראָק, צו דעם נייעם, און וועלן שוין געוויס זיין אויפן גאַנצן לעבן. בלי ספק, ווי לאַנג ער וועט לעבן.

— אָבער איר האָט נאָך קיין וועסטל נישט?

— ניין, אָבער דאָס דאַרף מען נישט. איך בין נישט קיין

גראָף; איך פאַרזיכער אייך, איך וואָלט גאָרנישט געוווּסט, וואָס צו טון מיט אַ וועסטל.

ביי דאָקטאָר סטענערסען האָבן זיך צעבראָכן די ברילן און ער האָט איצט געטראָגן אַ פענסנע אָן אַ שנירל, וואָס איז אים בסדר אַראָפגעפאַלן פון דער נאָז.

— ניין, מען מעג זאָגן וואָס מען וויל, — האָט ער זיך אָפּגערופן — אָבער מיר לעבן דאָך אין אַ צייט פון באַפרייונג. טוט אַ טראַכט װעגן די וואַלן, למשל, איר פאַרגלייכט זיי מיט די פריערדיקע וואַלן.

אַלע האָבן געשמאַק געטרונקען; דער אַדיונקט האָט שוין אָנגעהויבן צו שטאַמלען זיינע איינטראַפיקע ווערטער, און דאָס איז געווען ביי אים דער ריכטיקער סימן. נאָר אַדוואָקאַט האַנסען, וואָס האָט שוין, מסתמא, פריער געהאַט אַריינגעקערט אַ פּאָר גלעזער, נאָך איידער ער איז געקומען, האָט אָנגעהויבן, ווי זיין שטייגער, איבערצושפּאַרן דעם דאָקטאָר און זיך מיט אים אַרומצורייסן.

ער, האַנסען, איז אַ סאָציאַליסט, אויב ער קאָן זיך אַזוי אָנרופן: אַביסל פּאָרגעשריטענער, אַביסל ראַדיקאַלער. ער איז נישט שטאַרק צופרידן מיט די וואַלן; וואָס פאַרא באַפרייונג שטעקט, אייגנטלעך, אין זיי? צי איז אים עמעצער אַ בעלן צו זאָגן? אַ ליבעראַל, אָנשטאָט אַ קאָנסערוואַטיסט — דאָס זאָל עס זיין, הייסט עס, דער גאַנצער פּאָרשריט. אַ ציג אָנשטאָט אַ שעפּס, כאַפּט עס דער וואַטע-מאַכער! יאָ, שוין איינמאָל אַ באַפרייונגס-צייט! האָט דען אַזאַ מענטש ווי גלאַדסטאָן נישט געפירט קיין מחלוקת קעגן פּאַרנעל, האָט ער אים דען נישט באַקעמפט אויף דעם נידריקסטן אופן, צוליב מאָראַלישע טעמים, צוליב לעבערלעכע, ביפשטיק-מאָראַלישע טעמים? נו, יאָ, בלי-ספק, פריילעכע צייטן. כאַפּט עס דער וואַטע-מאַכער.

— אָבער צום טייוול, וואָס פאַר אַן אומזין! — האָט דער דאָקטאָר אַ געשריי געטון. — וואָס זשע, זאָל מען, הייסט עס, אינגאַנצן קיין מאָראַל נישט האָבן? ווען דער עולם זאָל הערן, אַז ס'איז נישטאָ קיין מאָראַל, ווער וועט עס אויסציען די האַנט צו אַרבעטן, צו קעמפן פאַר עפּעס? מען מוז דעם עולם נאַרן און

איינגעמען און אזוי ארום ברענגען אים פארויס אין זיין אנטוויק-
לונג, און די מאראל מוז מען אייביק טייער האלטן. ער, דער
דאקטאר, האלט א סך פון פארנעלן, נאר אז גלאדסטאן האט אים
אויסגעפונען פאר געפערלעך, מוז מען דאך מודה זיין, אז דער
דאזיקער מענטש ווייסט וואס ער טוט. יא, אוודאי נעמט ער ארויס
פון כלל דעם הער נאגעל, זיין חשובן גאסט-געבער, וואס וויל
אפילו נישט נאכגעבן, אז גלאדסטאן טראגט ריינע וועש. האהאהא,
א, גרויסער גאט!.. יא, עס פעלט מיר אויך, הער נאגעל, — האט
ער געזאגט — איר האלט אויך נישט קיין סך פון טאלסטאיען?
כ'האב עס געהערט טאקע פון פריילין קיעלאנד, אז ביי אייך איז
א שטארקער ישוב, צי איר זאלט אים אנערקענען אדער נישט.

נאגעל איז געשטאנען און האט געשמועסט מיטן סטודענט איען;
ער האט זיך האסטיק אויסגעדרייט און געענטפערט.

— איך קאן זיך נישט דערמאנען, צי איך האב מיט פריילין
קיעלאנד גערעדט וועגן אים. איבעריקנס, אנערקען איך טאלסטאיען
פאר איינעם פון די שטארקסטע מוטיקסטע נאראנים פון אונזער
צייט. און איך פייף אויף אים!.. אבער באלד נאכדעם האט ער
צוגעגעבן, — נישט אמת, מיר מעגן זיך היינט אביסל גראב אויס-
דריקן, אויב מיר ווילן? מיר זענען דאך סאמע מאנסבילן און גע-
פינען זיך ביי א בחור אין שטוב. איז עס רעכט? איך בין איצט
גראד אזוי אויפגעלייגט, אז איך וואלט געקאנט עפעס א כאפ טון
מיט די לאפעס און ברומען ווי א לייב.

— נו אדרבא, פון מיינטוועגן, איך האב גארנישט קעגן דעם!
אבער אויב טאלסטאי איז שוין א נאר, ווי זשע האלטן מיר שוין
אין דער וועלט?

— אך יא, לאמיר ארויסזאגן אונזער מיינונג! — האט דער
אדיונקט אויך פלוצלינג אריינגעשריגן. דער אדיונקט איז שוין גע-
ווען רעכט בגלופין, און פון איצט אן פון קיין שום זאך זיך נישט
צוריקגעהאלטן. — קיין שום דרך ארץ נישט, הער דאקטאר! יעדער
איינער איז פריי, ארויסצוזאגן זיין מיינונג; שטעקער, למשל, איז
א געראטענער שמייסער-יונג! איך וועל עס באווייזן... עס באווייזן!
אלע האבן זיך צעלאכט, און עס האט געדויערט א ווייל.

איידער מען האָט געקאָנט ווידער אָנהויבן רעדן פון טאָלסטאָיען.
צי איז טאָלסטאָי דען נישט איינער פון די גרעסטע דיכטער אין דער וועלט? אַ ריזיקער גייסט?

נאַגעלס פּנים איז מיטאַמאָל געוואָרן רויט ווי פייער.

—אַ ריזיקער גייסט! זיין גייסט איז אַזוי דורכשניטלעך, ווי ס'קאָן נאָר זיין! מען מוז בלויז אַראָפּרעכענען זיינע אומשאַצבאַרע מעלות אַלס ערד-אַרבעטער, זיין צעריסענע בלוזע, זיין לעדערנעם גאַרטל אַרום די לענדן, דאָס הייסט דעם אומגעלומפּערטן הילוך פון אָט דעם גדול! דאָס מוז מען אַראָפּרעכענען, בלייבט איבער אַ טאָלאַנטפולער מענטש, פּראָסט-פּשוט אַ טאָלאַנטפולער מענטש, וואָס שרייבט ביכער און פּרעדיקט. זיינע ביכער זענען אי גוט, אי גרויס, אָבער דאָס רוב פון זיי וואָלטן געקאָנט זיין סיי גרע-סער, סיי בעסער; זיין מיסיע איז רייך אין פּערזענלעכן מקריב-זיין-זיך און—אין רעקלאַמע; אָבער זיין לערע איז אויף איר אופן— אויף איר אופן איז זיין לערע נישט אויף קיין האָר טיפער און אינטעליגענטער ווי די הללויה-געזאַנגען פון דער דערלייזונגס-מחנה. שטעלט זיך פאַר אַ רוס אָן יחוס, אָן דעם אַלטן אַריסטאָקראַטישן נאָמען, אָן טאָלסטאָיס פּינקטלדיקע רובל-מיליאָנען — וואָלט אַזאַ מאַן געוואָרן אַזוי באַרימט, צוליב דעם, וואָס ער האָט אויסגעלערנט עטלעכע פּויערים פאַרלאַטען שיך? — איבעריקנס, זע איך, אַז איר ווערט שטום פאַר שרעק. און דאָס בין איך נישט אויסן געווען. לאָמיר בעסער הוליען אַביסל! פאַר אייער געזונט, הער גרעגאַרד!

אין די קורצע הפסקות האָט נאַגעל אויסגענוצט די געלעגנ-הייט, אָנצוקלאַפּן זיין גלאָז מיט מינוטן; בכלל האָט ער אים דעם גאַנצן אָוונט אַרויסגעוויזן אַ סך אויפמערקזאַמקייט. נאָך אַמאָל האָט ער דערמאָנט אַלע זיינע משוגענע שטיק פון לעצטן מאָל, ווען זיי זענען געווען צוזאַמען און כסדר געבעטן מינוטן, ער זאָל פאַר-געסן אָן דעם.

— איך, פון מיין זייט, שרעק זיך לחלוטין נישט אָפּ פאַר אייערע ווערטער — האָט זיך אָפּגערופן דער דאָקטאָר. דערביי האָט ער זיך האַסטיק אויפגעהויבן פון שטול.

— צייטנווייז גייט עס ביי מיר שוין אַביסל צו ווייט מיטן

איבערשפארן, — האט נאנעל ווייטער געזאגט — און היינט אונט בין איך גאנץ באזונדער אויפגעלייגט דערצו, דאס נעמט זיך אביסל פון א פאר אומאנגענעמע געשעענישן, וואס האבן מיר אייערנעכטן אביסל וויי געטון, און אביסל פון דעם מרה-שחורה-דיקן וועטער, וואס איך קאן בשום אופן נישט פארטראגן. הער דאקטאר, איר קענט זיך דאך געוויס אויף אזעלכע זאכן און איר וועט מיר דעריבער מוחל זיין. און דאס איז א שטיקל גליק, אנדערש וואלט איך אפשר געווען פאר אייך אביסל אומדערטרעגלעך, און ווער שמועסט, ווען איך בין נאך דערצו דער באלעבאס... אבער אז ס'איז געקומען צו רייד וועגן טאלסטאיען: — איך זע נישט, אז זיין גייסט זאל זיין טיפער, נו, לאמיר אנכאפן, ווי דער גייסט פון גענעראל בוט. ביידע זענען אנזאגער; נישט דענקער, נאר אנזאגער. זיי ברענגען אויס פארטיקע פראדוקטן, פאפולאריזירן א געדאנק, וואס זיי געפינען פארטיקערהייט, צעלייגן אים אויף טעלערלעך פארן גאנצן עולם און ראטעווען א וועלט. אבער — מיינע הערן — אויב מען ברענגט-אויס סחורה, מוז מען אויסברענגען מיט א רווח; טאלסטאי ברענגט עס אויס מיט שרעקלעכע פארלוסטן. עס האבן זיך אמאל צוויי פריינט פארוועט: איינער האט איינגעלייגט א מטבע פון צוועלף שילינג, אז ער וועט פון א מרחק פון צוואנציק טריט אראפשיסן דעם אנדערן א נוס פון דער האנט, און די האנט זאל נישט ליידן. גוט, ער האט געשאסן, געשאסן שלעכט, האט מיט גרויס פאראד צעשאסן די האנט אויף שטיקער. דער אנדערער האט געקרעכצט פון ווייטיק און מיט די לעצטע כוחות אויסגערופן: „דו האסט פארשפילט דעם געוועט, גיב אהער די צוועלף שילינג!” העהעהע! גיב שוין אהער די צוועלף שילינג און ער האט זיי געקריגן... מיין גאט, ווען איך לייען טאלסטאיס געדאנקען, ווען איך הער אט די ערנסטע מוסר דרשות, און פארטיף זיך אביסל אין די באטראכטונגען פון דעם דאזיקן אידעאלן גראף, פיל איך פונקט ווי איך וואלט געגעסן גראז. אט די שרייענדיקע טוגנט, וואס וויל גארנישט אנטשוויגן ווערן, די דאזיקע באמיונג, צו מאכן די וועלט אזוי פלאך ווי א קיך-פליטע; אט דער עקלהאפטער, זיטלעכער שוים פון א הארץ,

וואָס איז פריער געווען אזוי הפקר, אַט די באַרימערישע מאָראַל, וואָס מאַכט פון זיך אַ ווען און ווייזט זיך אַרויס ביי יעדער גע־לעגנהייט, איך זאָג אייך באמונות, עס מאַכט מיך אינערלעך רויט פאַר חרפה. ס'קלינגט אפילו קאָמיש, אַז אַ גראַף זאָל מאַכן אַן אַגראָנאָם רויט פון חרפה; אָבער אזוי איז עס פאָרט... איך וואָלט קיינמאָל נישט גערעדט דערפון, ווען טאָלסטאָי וואָלט געווען אַ יונגערמאַן, וואָס דאַרף איצט ביישטיין נסיונות, פירן אַ קאַמף, כדי צו קאָנען פרעדיקן טוגנט און ריינקייט; אָבער ער איז דאָך שוין אַ זקן, זיינע לעבנס־קוואַלן זענען אויסגעטרוקנט, נישטאָ אין אים שוין קיין סימן פון מענטשלעכע נייגונגען. אָבער, קאָן מען זאָגן, וואָס האָט עס צו טון מיט זיין לערע; מיינע הערן, דאָס האָט שוין יאָ צו טון מיט זיין לערע. ערשט, אַז מען איז צוליב דער עלטער געוואָרן אָפּגעלאָזן און שטייף און זאַט און פאַרהאַרטעוועט פון געניסן, ערשט קלויבט מען זיך אויס צו קומען צו דער יוגנט און איר צו לערנען: „זאָג זיך אָפּ!" און דער יונגער מענטש, פאַרזוכט דערפון, טראַכט נאָך און זעט, אַז ס'איז טאַקע גוט און ווויל אזוי, אָבער אָפּזאָגן זאָגט זיך דער יונגערמאַן פאָרט נישט אָפּ, נאָר ער זינדיקט ווי אַ קעניג, גאַנצע פערציק יאָר נאָכאַנאַנד. אַזוי איז שוין דער סדר פון דער נאַטור! נאָר ווען די פערציק יאָר זענען שוין אויך אין דער אַנדערער זייט, און דער יונגערמאַן איז שוין אויך געוואָרן אַ זקן, זאָמלט ער אויך אָן דאָס ווייסע פערדל און לאָזט זיך אַרויס מיטן צלם אין דער האַנט מבשר צו זיין מיט טרומייטן דאָס אָפּזאָגן זיך פון יונגנטאַן! העהעהע! יאָ, דאָס איז אַן אייביקע קאָמעדיע! טאָלסטאָי אַמוזירט מיך; איך בין פשוט אַנטציקט דערפון, וואָס דער אַלטער מאַן קאָן נאָך אַזוי פיל תשובה טון; ער וועט בלי ספק אַריין גלייך אין גן־עדן! אָבער פאַרוואָס איך האָב יאָ אַביסל ווייניקער דרך ארץ, איז דאָס, וואָס ער חזרט איבער דאָס, וואָס אַזוי פיל זקנים האָבן געטון פאַר אים און וואָס אַזוי פיל זקנים וועלן טון נאָך אים. ער ווערט אַזוי דורכשניטלעך, אָבער ווערנדיק דורכשניטלעך ווערט ער קלאַסיש; ער ווערט דער באַקאַנטער און קלאַסישער טיפּ פונם נאָכמאַכער, און ווי אַלץ, וואָס איז קלאַסיש, אַבסאָלוט אַלץ, איז

אזוי פאסקודנע לאנגווייליק, אזוי ווערט אויך די דורכשניטלעכע און קלאסישע טוגנט פאסקודנע לאנגווייליק, אזוי ווערט לאנגווייליק טאלסטאי, מילא, דאס איז א זאך פאר זיך. דערפאר טאקע איז ער דאך אזוי אנגעזען, דאס הייסט, אנגעזען, ווי א לאנגווייליקער און דורכשניטלעכער אלטער מאן.

—לאמיך אייך נאר דערמאנען, שוין אפגערעדט פון אנדערע זאכן, אז טאלסטאי האט זיך ארויסגעוויזן פאר אן אמתן פריינט פון די פארלאזענע און אונטערדריקטע; דאס איז שוין גארנישט ווערט? ווייזט מיר נאר אזא מענטשן ביי אונז, וואס זאל זיך ווי ער אננעמען פאר די ארעמע און שוואכע אין דער מענטשלעכער געזעלשאפט! ס'איז אן אמת אויסגעבלאזענע טעאריע, מיין איך, צו שטעלן טאלסטאיס לערע, ווייל מען לעבט נישט לויט איר, אין איין שורה מיט דער לערע פון נאראנים און משוגעים. איך וואלט נאר געוווּנטשן, מיר זאלן האבן א סך אזעלכע דורכשניטלעכע און לאנגווייליקע ווילטעטער אויף דער וועלט, מענטשן מיט אזא הארץ ווי טאלסטאיס, באשולדיקט מען נישט, אז זיי זענען פארטרוקנט; דאס הער איך דאס ערשטע מאל; ווי ווייט איך פארשטיי, זענען זיי פעיק צו ברענגען אזעלכע פערזענלעכע קרבנות, וואס איר האט נאר וואס דערמאנט, טאקע דערפאר, וואס זייערע הערצער זענען ווארעם און יונג.

— בראווא, דאקטאר! — האט זיך דער אדיונקט ווידער צע־שריגן. — בראווא, אבער זאגט עס נאך שארפער, זאגט עס גראב. יעדער קאן ארויסזאגן זיין מיינונג, אן אויסגעבלאזענע טעאריע. באמת א פוסטע טעאריע פון אייער זייט, איך וועל עס באווייזן...

— ניין, הערט זשע מיך, — האט נאגעל לאבנדיק געזאגט — לאמיר פריער עפעס טרינקען; פאר אייער געזונט... איר האט, כ'לעבן, געמעגט ברענגען אביסל בעסערע ארגומענטן, ארויסקומען מיט א שטארקערע פארטיידיקונג. איך בין נישט זייער העפלעך? ניין, דאס זענט איר גערעכט. איך בין עס טאקע נישט. נו, פאר־שטייט זיך, איר מוזט זען מיר גארנישט שולדיק צו בלייבן. ווילט איר טאקע אין דער אמתן זאגן, אז ס'איז אזא אויסערגעוויינלעכע זאך, ווען מ'גיט אמאל עמעצן א צענער־רובל, בעת מען לאזט ב...

זיך איבער אַ מיליאָן? איך פאַרשטיי נישט אייער און אַלעמענס גערדאַנקען-גאַנג, איך מוז זיין אַנדערש באַשאַפֿן. און ווען מ'זאָל אפילו אָנשטיין אויף מיין לעבן, וועל איך דאָך נישט מודה זיין, אַז עמעצער און בפרט אַ מיליאָנער זאָל ווערט זיין באַוווּנדערט צו ווערן דערפאַר, וואָס ער גיט אַמאָל אַ נדבה.

— גוט געזאָגט! — האָט דער אַדוואָקאַט מיט אַ שטעכיקן טאָן אַריינגעוואָרפֿן,—איך בין אַ סאָציאַליסט, דאָס איז מיין שטאַנד-פּונקט.

אָבער דאָס האָט נאָך מער אויפגערייצט דעם דאָקטאָר. ער האָט זיך געווענדעט צו נאַגעלן און אויסגערופֿן:

— קאָן איך אייך פרעגן, צי איר זענט געווען באַהאַוונט, וויפל און וואָסערע נדבות טאָלסטאָי צעטיילט יעדן טאָג? אפילו אין אַ געזעלשאַפט פון מענער מוז דאָך אויך זיין אַ גרענעץ פאַר די רייד.

— ביי טאָלסטאָיען, — האָט נאַגעל געענטפערט — איז אויך דאָס אייגענע: עס מוז זיין אַ גרענעץ צו דעם, וואָס איך גיב אַוועק! צוליב דעם האָט ער געלאָזט, אַז זיין פרוי זאָל נעמען אויף זיך די שולד, פאַרוואָס ער גיט נישט מער! העהעהע, מילא, דאָס וועלן מיר לאָזן אָן אַ זייט... אָבער הערט אויס: שענקט מען דען באמת אַוועק אַ סומע, דערפאַר וואָס מען איז גוט, אָבער ווייל מיר ווילן טון דערמיט אַ גוטע מאָראַלישע זאַך? ווי גראָב און נאַיוו אַזאַ פאָרשטעלונג זעט אויס אין מיינע אויגן! פאַראַן מענטשן, וואָס קאָנען גאָרנישט אַנדערש, זיי מוזן געבן. פאַרוואָס? ווייל זיי פילן פשוט דערביי אַ פיזישע הנאה. זיי טוען עס נישט פון קיין לאָגישער אויסגערעכנטקייט, זיי באַהאַלטן זיך און טוען עס; עס עקלט זיי צו טון אַזאַ זאַך אָפן, ווייל דאָס וואָלט ביי זיי צוגענומען אַ טייל פון זייער פאַרגעניגן; זיי טוען עס בסוד, מיט ציטערנדיקע, האַסטיקע הענט. די ברוסט פול מיט נשמהדיקן גליק, וואָס זיי אַליין זענען נישט תופס. עס פאַלט זיי אָן פּלוצלינג, אַז זיי מוזן עפּעס אַוועקגעבן; עס קומט צו זיי אין דער געשטאַלט פון אַ געפיל אין הארצן, פון אַ מאָמענטאַלן און משוגעדיקן דראַנג, וואָס ברענט אַרויס אין זיי און מאַכט זייערע אויגן פייכט. זיי גיבן

נישט מחמת גוטסקייט, נאָר ווייל ס'טרייבט זיי דערצו, פון זייער פערזענלעכן פאַרגעניגן וועגן. פאַראַנען אַזעלכע מענטשן! מען רעדט וועגן די פרייגיביקע מענטשן מיט באַוווּנדערונג. — איך האָב שוין געזאָגט: איך מוז זיין אַנדערש באַשאַפן ווי די איבעריקע. אָבער די פרייגיביקע מענטשן באַוווּנדער איך נישט. ניין, דאָס טו איך נישט. צום טייוול, ווער וואָלט דען נישט בעסער געוואָלט געבן איידער נעמען? איך פרעג אייך, למשל, צי ס'איז פאַראַן איין בשר ודם אויף דער וועלט, וואָס זאָל נישט וועלן בעסער עמעצן אַרויסהעלפן פון נויט, איידער אַליין נויט ליידן? אָט וועלן מיר נעמען, למשל, אייך, הער דאָקטאָר: איר האָט דאָ נישט לאַנג געגעבן אַ מענטש פונעם שיפל, וואָס איר זענט געפאָרן מיט אים, פינף קראָן. איר האָט עס אַליין דערציילט. איך האָב עס געהערט פון אייער אייגענעם מויל. איז פאַרוואָס האָט איר געגעבן די פינף קראָן? געווים נישט צוליב דעם, כדי צו טון עפּעס אַ גוטע, יושר-דיקע טאַט; דאָס איז אייך דעמאָלט אפילו נישט איינגעפאַלן; ס'קאָן זיין, אַז דער מענטש האָט זיך גאָרנישט אַזוי שטאַרק גענויטיקט אין דעם; פונדעסטוועגן האָט איר עס פאָרט געטון! אין יענעם מאָמענט האָט איר אויף זיכער באַפרידיקט אַ געוויסע אומקלאָרע ליידנשאַפט, וואָס האָט אייך געטריבן אַרויסצוגעבן וואָס עס איז פון די הענט און דערמיט דערפרייען אַ צווייטן... מיר דאַכט, ס'איז אַזוי אויסערגעוויינלעך נידעריק און קליינלעך צו מאַכן אַזעלכע גוואַלטן וועגן דער מענטשלעכער וווילטעטיקייט. איר דרייט זיך אַמאָל אַרום אין גאַס, אין אַזאַ און אַזאַ וועטער, איר זעט די און די מענטשן; דאָס אַלץ רופט אין אייך אַרויס אַזאַ און אַזאַ שטימונג. פּלוצלינג דערזעט איר אַ פּנים, אַ קינדערש פּנימל, אַ פּנים פון אַ בעטלער — לאָמיר אָננעמען פון אַ בעטלער — וואָס מאַכט אייך אויפציטערן; אַ מאָדנער געפיל גייט דורך אייער נשמה, און איר טוט אַ טופּע מיטן פוס און בלייבט שטיין, אָט דאָס פּנים האָט אָנגערירט אין אייך אַן אומגעוויינלעך-צאַרטע סטרונע, און איר נעמט אַריין דעם בעטלער ערגעץ אין אַ טיר און שטעקט אים אַריין אַ צען-קראָן-פּאַפּירל אין דער האַנט אַריין; „מאַכסטו נישט קיין שהייג וועגן דעם, מאַך איך פון דיר אַ תל",

שעפּטשעט איר, און איר קריצט מיט די ציין און וויינט בשעת מעשה פֿאַר אויפֿרעגונג. אַזוי ווייט גייט עס אייך אין לעבן, קיינער זאָל דערפֿון נישט וויסן. און דאָס קאָן זיך אַזוי איבערחזרן יעדן טאָג, ביז ס'הויבט אָן צו טאָגן ביי אייך אין קעשענע און איר פֿאַרמאָגט נישט קיין אָפּגעריבענע מטבע. מיינע הערן, דאָס זענען נישט מיינע כאַראַקטער שטריכן, דאָס ווייס איך, האָף איך, נישט גלויבן; אָבער איך קען איינעם אַ מענטשן, אַן אַנדער מענטשן; יאָ, איך קען צוויי מענטשן, וואָס האָבן אַזאַ טבע... ניין, מען גיט, ווייל מען מוז געבן, און באַסטאַ! פֿון זיי וועל איך פֿונדעסטוועגן מאַכן אַן אויסנאַם די קאַרגע. די קאַרגע און די איינרייסער ברענגען באמת אַ קרבן, ווען זיי גיבן עפּעס; אין דעם איז גאָר קיין צווייפֿל נישטאָ, און דעריבער זאָג איך אייך, אַז אַזעלכע לייט, ווען זיי פֿועלן ביי זיך אַרויסצונעמען אַן ערע פֿון קעשענע, פֿאַרדינען מער דרך ארץ, ווי איר און ער און איך, וואָס מיר וואַרפֿן אַרויס אַ קראָן צוליב אונזער פֿאַרגעניגן. גריסט טאָלסטאָיען און זאָגט אים, אַז איך גיב נישט קיין פּרוטה פֿאַר זיין גאַנצע אָפּשטויסנדיקע אויסשטעלונג־גוטסקייט — נישט ווייל ער האָט נאָך נישט אוועקגעגעבן אַלץ, וואָס ער פֿאַרמאָגט, נאָר אפֿילו דאַן אויך נישט... איבעריקנס, בעט איך אַנטשולדיקונג אויב איך האָב וועמען פֿון אייך פֿוגע בכבוד געווען, מיינע הערן. כ'בעט, נעמט נאָך אַ ציגאַר, ליבער הער גרעגאַרד. פֿאַר אייער געזונט, הער דאָקטאָר!

פּויזע.

— וויפֿל מענטשן גלויבט איר אין אייער לעבן צו קאָנען איבערנעמען אויף אייער זייט? — האָט דער דאָקטאָר געפֿרעגט.

— בראַוואָ! — האָט אַ געשריי געטון דער אַדיונקט. — אַ בראַוואָ פֿון דעם אַדיונקט האָלטאַן!

— איך? — האָט נאַגעל איבערגעפֿרעגט. — ניין, איך נעם קיינעם נישט איבער; לחלוטין קיינעם נישט. איך האָב ליידער נישט די באַדינגונגען דערצו. אָך ניין, ווען איך זאָל דאַרפֿן לעבן פֿון באַקערן די מענטשן, וואָלט איך געדאַרפֿט ליגן די ציין אויף דער פּאָליצע, אָבער איך קאָן נאָר נישט באַגרייפֿן, פֿאַרוואָס אַלע אַנדערע מענטשן טראַכטן נישט פּונקט ווי איך. דער פּועל יוצא

דערפון איז, וואָס איך קום שטענדיק אויס אומגערעכט, פינדעסטוועגן פאָרט נישט אינגאַנצן אומגערעכט, ס'איז אוממעגלעך, איך זאָל זיין אינגאַנצן אומגערעכט.

— אָבער איך האָב אייך נאָך קיינמאָל נישט געהערט עמעצן אָדער עפּעס אַנערקענען, — האָט דער דאָקטאָר געזאָגט — ס'וואָלט דאָך געווען טשעקאַווע צו הערן, צי ס'איז טאַקע נישטאָ קיין איינער, וואָס איר זאָלט האַלטן פון אים.

— לאָמיך אייך עפּעס קלאָר מאַכן, — האָט נאַגעל געענטפערט — איך וועל עס מאַכן בקיצור, אין אַ פּאָר ווערטער. אייגנטלעך, האָט איר דאָך געמיינט צו זאָגן: טוט נאָר אַ קוק, ס'איז נישטאָ פאַר אים קיינער, וואָס איך זאָל צו אים קוקן אַרויף. איך בין די גאווה אַליין. איך האַלט פון קיינעם נישט! דאָס איז אַ טעות. מיין מוח פאַרמאָגט נישט קיין סך; ער דערגרייכט נישט ווייט; אָבער פונדעסטוועגן וואָלט איך געקאָנט אויסרעכענען שיינע הונדערטער פון די דאָזיקע געוויינלעכע אַנערקענטע גדולים, וואָס פאַרשרייען די וועלט מיט זייער טומלדיקער באַרימטקייט. מיינע אויערן זענען פול מיט זיי. אָבער איך וואָלט אויסגעקליבן פון זיי די צוויי, פיר, זעקס גרעסטע העלדן פון גייסט, האַלב־געטער, גיגאַנטישע שעפער פון ווערטן, און זיך דערנאָך אומקערן צו עטלעכע פולשטענדיקע נישט באַרימטקייטן, אייגנאַרטיקע, פיינע גאונים, וואָס מען רעדט נישט פון זיי קיינמאָל, וועלכע לעבן אַ קורצע צייט און שטאַרבן יונג אומבאַקאַנטערהייט. זייער מעגלעך, אַז פון די דאָזיקע וואָלט איך גראָד אויסגערעכנט אַ גרויסע צאָל לפי ערך; אַזאַ געשמאַק האָב איך שוין. אָבער איינס בין איך זיכער, אַז טאָלסטאָיען וואָלט איך פאַרגעסן צו דערמאָנען.

— הערט אויס, — האָט דער דאָקטאָר געזאָגט מיט אַן אומגעדולדיקער מינע, ווי ער וואָלט שוין געוואָלט אַ סוף מאַכן צו דעם שמועס. (ער האָט אפילו שטאַרק געדריקט מיט די אַקסלען) — גלויבט איר באמת, אַז עמעצער וואָלט געקאָנט ווערן אַזוי וועלט־באַרימט, נישט זייענדיק קיין גייסט פון אַ הויכער מדרגה? עס ווילט מיך זייער שטאַרק אייך צו הערן רעדן, אָבער, איך בעט אייך זייער איבער, דאָס, וואָס איר האָט געזאָגט, איז לויטער אומ-

זין. איר ווייסט נישט, וואָס איר רעדט; זאָל מיך דער טייוול באַפּן, אויב ס'איז נישט אַזוי! נישט אמת, מיר האָבן דאָך אָפּגע־מאַכט צווישן זיך נישט צו קרעמפּירן זיך מיט די אויסדרוקן. בפרט נאָך, אַז איר אַליין האָט געמאַכט דעם אָנהויב.

— געווים האָבן מיר אָפּגעמאַכט! און איר זענט גערעכט. כ'האָב געפלוידערט צופיל אומזין. אָבער וואָס האָב איך דאָך גע־וואָלט זאָגן? יאָ, איז, הייסט עס, דאָס, וואָס טאָלסטאָי איז וועלט־באַרימט אַ ראיה, אַז ער פאַרמאָגט אַ גרויסן גייסט? פאַרוואָס עפּעס? טאָלסטאָיס באַרימטקייט באַדייט דאָך נישט קיין שום אַנ־דער זאַך, ווי פּאָפּולאַריטעט, און כדי צו קריגן פּאָפּולאַריטעט, מוז מען פאַרמאָגן אַ געוויסע מאָס פון טפשות. מען מוז איינפאַך... איך זע, איר ווערט אומגעדולדיק, הער דאָקטאָר, און איר האָט אַ רעכט דערצו; איך בין באמת נישט קיין אַנגענעמער באַלע־באָס. אָבער איצט וועל איך תשובה טון, איר וועט שוין זען... זאָגט זשע מיר, הער איען, איר האָט דאָך נאָך גאַרנישט געטרונ־קען. פאַרוואָס טרינקט איר נישט?

די מעשה איז געווען דאָס, וואָס דער סטודענט איען איז די גאַנצע צייט געזעסן ווי צוגעשמידט, און זיך צוגעהערט צום וויכוח. ער האָט כמעט קיין איין וואָרט נישט פאַרלוירן. זיינע אויגן זענען געווען נייגיריק און קליין, און ער האָט ממש אויפגעשטעלט די אויערן׳ זיך צוצוהערן. ס'איז קענטיק געווען, אַז דער יונגער־מאַן איז שטאַרק אַריינגעצויגן. מ'האָט געשמועסט וועגן אים, באַשר ער שרייבט אין פעריען־צייט אַ ראָמאַן, פונקט ווי אַנדערע סטודענטן,

סאַראַ איז אַריינגעקומען און האָט געמאָלדן, אַז דער אָונט־ברויט איז פאַרטיק. דער אַדוואָקאַט, וואָס איז געזעסן אַביסל איינגעקאָרטשעט אויף זיין שטול, האָט פּלוצלינג אויפגעריסן די אויגן און אַ קוק געטון אויף איר, און אַז זי איז צוריק אַרויס פון צימער, איז ער אויפגעשפּרונגען, האָט זי אָנגעיאָגט אויף די טרעפּ, און מיט אַ שטים פול מיט אַנטציקונג האָט ער געזאָגט:

— סאַראַ, ס'איז פּשוט אַ מחיה אויף דיר אַ קוק צו טון. דאָס מוז איך דיר זאָגן.

דערנאָך איז ער צוריק אַריינגעקומען און זיך אַוועקגעזעצט

אויף זיין אָרט, פּונקט אַזוי ערנסט ווי פריער. ער איז געווען שטאַרק בגלופין. ווען דאָקטאָר סטענערסען איז אים באַפאַלן און אָנגעהויבן צו קריטיקירן זיין סאָציאַליזם, איז ער לחלוטין נישט געווען ביכולת זיך צו פאַרטיידיקן. יאָ, ער איז אַ פיינער סאָציאַליסט! אַ הויט-שינדער איז ער, אַ צרהדיקער פאַרמיטלער צווישן מאַכט און אָנמאַכט, אַ יוריסט, וואָס מאַכט אַ לעבן דערפון, וואָס אַנדערע רייסן זיך אַרום צווישן זיך, און לאָזט זיך שיין באַצאָלן, דערפאַר וואָס ער שאַפט געזעצלעך רעכט.

— יאָ, אָבער אין פּרינציפּ, אין פּרינציפּ, — האָט דער אַדוואָקאַט געטענהט.

— יאָ, דער פּרינציפּ! — דער דאָקטאָר האָט גערעדט מיטן גרעסטן חוזק וועגן דעם אַדוואָקאַט האַנסענס פּרינציפּ. בעת די הערן זענען אַראָפּ אינטן אין עס-זאַל, האָט ער אים נישט אויפגעהערט צו דערגיין די יאָרן, האָט אָפּגעחוזקט פון האַנסענען אַלס אַדוואָקאַט און אָנגעגריפן דעם גאַנצן סאָציאַליסטישן סיסטעם. דער דאָקטאָר איז געווען אַ ליבעראַל מיט לייב און לעבן. ער איז נישט געווען קיין סאָציאַליסט מיטן מויל. וואָס איז עס אַזוינס, דער סאָציאַליסטישער פּרינציפּ? צו אַלדי רוחות! איצט איז דער דאָקטאָר געווען אויפן פערד: דער סאָציאַליזם איז, קורץ און שאַרף — גאָר פּשוט די נקמה-אידעע פון די אונטערשטע קלאַסן. ס'איז גענוג צו באַטראַכטן דעם סאָציאַליזם אין דער באַוועגונג. אַ סטאַדע פון בלינדע און פינסטערע חיות, וואָס די צונג הענגט זיי אַרויס פון האַלז, בעת זיי לויפן נאָך זייערע פירער. צי טראַכטן זיי כאָטש אַליין וויפל אַ האָר איז ווערט? ניין, זיי טראַכטן נישט. ווען זיי וואָלטן געטראַכט, וואָלטן זיי אַריבער צום לינקן פליגל און געטון עפּעס נוצלעכעס און פּראַקטישעס, אָנשטאָט צו ליגן און צו פאַרשווענדן דאָס גאַנצע לעבן אויף אַ חלום. פוי! וועלכן סאָציאַליסטישן פירער מ'זאָל נישט אָנכאַפּן — וואָס פאַרא מענטשן זענען דאָס? אָפּגעריסענע, פאַרמאָרעטע חברה-לייט, וואָס זיצן ביי זיך אין בוידעם-שטיבל אויף אַ בענקל און שרייבן טעאָריעס, ווי אַזוי איבערצומאַכן די וועלט. זיי מעגן זיך זיין גאַנץ ווילע מענטשלעך, פאַרשטייט זיך, וואָס קאָן מען האָבן, אַ שטייגער, צו קאַרל

מאַרקס? און דאָך איז דער דאָזיקער מאַרקס געזעסן און אַ תּל געמאַכט פֿון דער גאַנצער אָרעמקייט אויף דער וועלט — טעאָרע־טיש. ער האָט זיך פֿאַרגעשטעלט אין די געדאַנקען אַלע סאָרטן אָרעמקייט. יעדע מדרגה פֿון עלנט און דחקות. זיין האַרץ נעמט אויף די לײַדן פֿון דער גאַנצער מענטשהייט. דערנאָך טונקט ער איין די פֿעדער און מיט אַזוי־צו־זאָגן אַ גליִענדיקן גייסט, שרייבט ער אָן איין זייטל נאָכן אַנדערן, פֿילט אָן גאַנצע בויגנס מיט ציפֿערן, נעמט צו פֿון רייכן און גיט דעם אָרעמאַן, צעטיילט אוצרות, מאַכט איבער די גאַנצע וועלט־עקאָנאָמיע, וואַרפֿט גאַנצע מיליאַרדן פֿאַר די דערשטווינטע קבצנים — אַלץ וויסנשאַפֿטלעך, טעאָרעטיש! און לסוף ווייזט זיך גאָר אַרויס, אַז מ׳האָט פּשוט אַ טעות געהאַט אין חשבון, אַז מען איז אַרויס פֿון אַ פֿאַלשן פּרינציפּ; פֿון דער גלײַכהייט פֿונם מענטשן! פֿוי! יאָ, בנאמנות, אַ גרונט־פֿאַלשער פּרינציפּ! און דאָס אויפֿן אָרט פֿון אמת נוצלעכע טעטיקייט, אויסצופֿילן דעם מאַנגל פֿון רעפֿאָרם־אַרבעט לטובֿת דער אמתער דעמאָקראַטיע...

דעם דאָקטאָר איז אויך דער חיין אַריין ביסלעכווייז אין קאָפּ: ער האָט גערעדט פֿאַר פֿײַער און פֿאַר וואַסער, און אַרויסגעזאָגט פּלעפֿליי געדאַנקען. בײַם טיש איז ער נאָך ערגער געוואָרן. מ׳האָט געטרונקען זייער אַ סך שאַמפּאַניער און מ׳איז ממש ווילד געוואָרן, אַפֿילו מינוט, וואָס איז געזעסן נעבן נאַגעלן און ביז איצט בסדר געשוויגן, האָט זיך אָנגעהויבן אַריינצומישן. דער אַדיונקט איז געזעסן אַזוי שטײַף, ווי ער וואָלט געוועזן צוגעוואַקסן צו זיין שטול און האָט געמאַכט ווילדע יעלות דערפֿאַר, וואָס אַן איי האָט אים איינגעריכט דעם אַנצוג. ער איז געוועזן פֿאַרצווייפֿלט און נישט געוווּסט, וואָס צו טון; נאָר ווען סאַראַ איז געקומען אים אָפּווישן, האָט זיך דער אַדוואָקאַט באַנוצט מיט דער געלעגנהייט און זי אַ נעם געטון צו זיך. ער האָט זי גענומען אין די אָרעמס און געאַרבעט מעשים. ס׳איז געוואָרן אַן אומאָרדנונג איבערן גאַנצן טיש.

דערווייל האָט נאַגעל געבעטן אַ קאָרב מיט שאַמפּאַניער צו זיך אין צימער. אין אַ ווײַלע אַרום איז מען אויפֿגעשטאַנען פֿון

טיש. דער אדיונקט און דער אדוואָקאט זענען געגאנגען ארומגע־נומען און האָבן געזונגען פון פרייליכקייט, און דער דאָקטאָר האָט זיך ווידער צעהיצט וועגן דעם פרינציפּ פון סאָציאַליזם; אָבער אויף די טרעפּ איז אים געשען אן אומגליק, און ער האָט פאַר־לוירן זיין פאַנסנע. זיי זענען אראָפּגעפאַלן אויף דער ערד, שוין אפשר דאָס צענטע מאָל, און זיך לסוף צעבראָכן. ביידע גלעזער צעשפּרונגען. ער האָט אריינגעלייגט די רעמלעך אין קעשענע און האָט שוין די גאַנצע נאַכט נישט געזען. דאָס האָט אים געערגערט און נאָך געמאַכט היציקער. מיט כעס האָט ער זיך אנידערגעזעצט נעבן נאַגעלן און געזאָגט:

— אויב איך האָב ריכטיק פאַרשטאַנען, פאַראַכט איר נישט איינגאַנצן די „דערלייזונגס־ארמיי״? דאָס איז נישט סתם אזוי גע־רעדט?

ער האָט דאָס געזאָגט זייער ערנסט און אָפּגעוואַרט אַן ענט־פער. נאָך אַ קורצער פּויזע האָט ער ווייטער געזאָגט, אז באַלד נאָך דעם ערשטן שמועס, וואָס זיי האָבן צווישן זיך געהאַט—ס'איז געווען אין דעם טאָג פון קאַרלסענס לוויה,—האָט ער באַקומען דעם איינדרוק, עפּעס אזוי ווי ער, נאַגעל, וואָלט זיך באמת אונטערגענו־מען צו פאַרטיידיקן דעם אומזין.

— איך פאַרטיידיק דאָס רעליגיעזע לעבן פון מענטשן,

— האָט נאַגעל געענטפערט—און פאַרוואָס? ווייל עס איז אַ פאַקט. איך פאַרטיידיק נישט ספּעציעל דאָס קריסטנטום, דורכויס נישט, נאָר דאָס רעליגיעזע לעבן בכלל. איר האָט געזאָגט, אַז מ'וואָלט געדאַרפט אויפהערן אַלע טעאָלאָגן. „פאַרוואָס?״ האָב איך געפרעגט. „ווייל זייער ראָלע איז אויסגעשפּילט״, האָט איר גע־ענטפערט, און אין דעם בין איך מיט אייך נישט מסכים געווען. דאָס רעליגיעזע לעבן איז אַ פאַקט. אַ טערק רופט אויס: „אַללאַ איז גרויס״ און שטאַרבט פאַר דער דאָזיקער איבערצייגונג. אַ נאַר־וועגיער פאַלט אויף די קני פאַרן אַלטאַר און טרינקט נאָך ביז אויף היינטיקן טאָג קריסטוסעס בלוט. אַ פאָלק האָט אַ גאָט, אין וועלכן עס גלויבט, און אין דעם גלויבן שטאַרבט עס גליקלעך.

דער עיקר איז נישט, אין וואָס מען גלויבט, נאָר ווי אַזוי מען גלויבט אין דעם...

— איך בין ממש דערשטוינט צו הערן פון אייך אַזאַ פּלוידעריי, ס'איז אמת, אַז איך קען אייך נישט, פונדעסטוועגן האָב איך געמיינט, אַז אין אַנדערע פראַגן זענט איר נאָך מער ראַדיקאַל, ווי איינער פון אונז; דאָ אָבער קריכט איר ממש אויף די גלייכע ווענט. איך פרעג זיך נאָכאַמאָל, צי זענט איר, אין תוך גענומען, נישט אַמאָל אַ פאַרמאַסקירטער קאָנסערוואַטיסט. דאָ קומט איין וויסנשאַפטלעכע קריטיק נאָך דער אַנדערער; איין שרייבער נאָך דעם אַנדערן טרעט אַרויס און צעגלידערט די דרשות-זאַמלונגען און די טעאָלאָגישע אָפּהאַנדלונגען, און נישט געקוקט אויף דאָס אַלץ, האַלט איר זיך נאָך אַלץ בײַ דעם, אַז די קאָמעדיע, למשל, מיט קריסטוסעס בלוט האָט נאָך הײַנט אַ באַדײַטונג! איך הויב אײַך נישט אָן צו פאַרשטיין.

— מיינט איר נישט, הער דאָקטאָר, אַז אין תוך אַרײַן, איז אויך אַביסל ראַדיקאַל זיך צו האַלטן פעסט בײַ אַ מיינונג, וואָס איז פונקט להיפוך צום זיגרײַכן ליבעראַליזם? מילא, דאָס איז אַ זאַך פאַר זיך! אָבער איך בין נישט מסכּים דערמיט, וואָס איר זאָגט וועגן דער קריטיק. אַ קריטיקער נעמט אַ מעטאַפיזישע פראַגע אויפן גאָפּל און „צעגלידערט" זי. יאָ, וואָס האָב איך אײַך געוואָלט פרעגן, זענט איר שוין אַמאָל געווען אויף אַ פערד-מאַרק? האָט איר שוין אַמאָל געזען, ווי מען בײַט זיך מיט פערד? ניין? נאָר נישט דאָס בין איך אויסן. יאָ, לאָמיר רעדן וועגן דער קריטיק, וועגן אָט די שפּיציקע און זייער טאַלענטפולע גאָפּלשטעך אין דער מעטאַפיזישער וועלט. וואָס איז אייער מיינונג וועגן דעם? איך מיין, אַז דאָס איז נישט ריכטיק, ס'איז עם-האַרצישע יוריסטיק, פּויעריש-לאָגיק.. אויף זײַטל 34 זאָגט פאַסטאָר יעלם אַזוי און אַזוי. אויף זײַטל 108 ווידער זאָגט פאַסטאָר יעלם דאָס און דאָס. און אָט האָט איר אײַך פאַסטאָר יעלסעס לאָגיק; מיר דאַכט, אַז דאָס איז אויסערגעוויינלעך באַגרענעצט, מיר פאַרשטייען פשוט נישט סײַ אויף דעם זײַטל און סײַ אויף יענעם, וואָס דער פּאַסטאָר האָט געמיינט. מען מוז אים כאַפּן בײַ אַ סתירה, אים פאַר-

פלאַנטערן מיט ווערטער, אָבער נישט געקוקט אויף אַט דער בי־נעזישער שפּליטער־אַרבעט, טוט זיך דער מענטש זיינס און גייט ווידער צו דער „קאָמעדיע מיט קריסטוסעס בלוט"...

— וואָס־זשע איז בבן גוט?

— דער פאַקט איז גוט! און וואָס פאַרא געווינס איז עס, צווישן זיך גערעדט—איך בעט אייך איבער, אגב, וואָס איך האָב עס שוין איינמאָל געזאָגט—וואָס האָבן מיר דערפון, פון ריין פּראַק־טישן שטאַנדפּונקט, ווען מ'נעמט צו ביים לעבן יעדע פּאָעזיע, יעדן טרוים, יעדע שיינע מיסטיק, יעדן ליגן? וואָס איז אמת? איר ווייסט עס? מיר גייען פאָרויס נאָר דורך סימבאָלן, וואָס מיר האַלטן אין איין ביימן מיט יעדן טריט, וואָס מיר קומען ווייטער פאָרויס... דאָס איז פאַר אייך, פאַרשטייט זיך, נישט גענוג ראַדיקאַל. נו, ווי איר ווילט זיך!... אָבער איך לאַנגווייליק אייך געווים, הער דאָקטאָר? לאָמיר־זשע בעסער נישט פאַרגעסן אָן די גלעזער.

דער דאָקטאָר איז אויפגעשטאַנען און איז אַ ווײַלע אַרומגע־גאַנגען איבערן צימער. מיט פאַרדרוס האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און געקוקט אויף אַ טאַפּעט, וואָס האָט זיך דאָרט ביי דער טיר אַביסל אָפּגעשיילט; ער האָט זיך אפילו געשטעלט אויף די קני, כּדי אים אויסצוגלייכן.

— דו וואָלסט מיר אין דער אמתן געקאָנט לייען דיינע ברילן, האַנסען, דו זיצסט דאָך סיי־ווי־סיי און שלאָפסט. — האָט ער געזאָגט פשוט אויפגעבראַכט.

אָבער האַנסען האָט נישט געוואָלט געבן זיינע ברילן, און דער דאָקטאָר האָט זיך מיט בעם אויסגעדרייט פון אים. ער האָט זיך צוריק אַוועקגעזעצט נעבן נאַגעלן.

— יאָ, ס'איז אומזין. דאָס איז עס! אין גרונט גענומען האָט אַלצדינג אַ קנאַפּן ווערט, ווען מען קוקט אויף דעם פון אייער שטאַנדפּונקט. איר זענט אפשר גערעכט אין אַ סך זאַכן. אַט נעמט, אַ שטייגער, האַנסענען. האַהאַהאַ; יאָ, זיי מוחל, וואָס איך דערלויב מיר צו לאַכן פון דיר, האַנסען, אַדוואָקאַט און סאָציאַליסט האַנ־סען. רייבסטו זיך דען נישט די הענט שטילערהייט פאַר שמחה, בשעת צוויי גוטע בירגער צעקריגן זיך און פירן אַ פּראָצעס איינער

קעגן אנדערן? ניין, ווען ס'וואָלט נישט געווען אמת, וואָלסטו זיי שטענדיק אויסגעגלייכט מיט גוטן און נישט גענומען דערפאַר קיין פרוטה! און אין דעם צווייטן זונטיק וואָלסטו ארויפגעגאַנגען אין ארבעטער-פאַריין און דו וואָלסט פאַר צוויי בעל מלאכות און א קצב-יונג געהאַלטן א דרשה וועגן דער סאָציאַליסטישער אָרדנונג. „יאָ, יעדער איינער זאָל באַקומען זיינע הכנסות לויט זיין פעיקייט צו פּראָדוצירן", — וואָלסטו געזאָגט. „אַלץ איז איינגעשטעלט אין אזא אויסגעצייכנטן סדר, אַז קיינעם ווערט נישט געטון קיין אומרעכט". אָבער דאָ שטייט אויף דער קצב-יונג און איין גאָט ווייסט דעם אמת, אַז קעגן די איבעריקע איז ער א זשעני, שטייט ער אויף און פרעגט: איך האָב אָבער א געוויסע גרויס-סוחרישע פעיקייט צו קאָנסומירן, זאָגט ער, אָבער אין פּראָדוצירן בין איך, זאָגט ער, נישט מער, ווי א קצב-יונג, וואָרום אויף דעם געביט גייט נישט ווייטער מיין טאַלענט". אזוי זאָגט ער, וואָס זשע, צי שטייסטו נישט דעמאָלט בלייך און האָסט נישט וואָס צו ענטפערן, דו באַלחאָן?.. יאָ, כראָפּע, כראָפּע, דאָס קאָנסטו צום בעסטן! דער דאָקטאָר איז איצט געוואָרן שטאַרק בגלופין, די צונג האָט זיך אים קוים איבערגעדרייט, און די אויגן זענען אים געווען פול מיט טרערן. נאָך א פּויזע האָט ער זיך ווידער געווענדט צו נאַגעלן און מיט א האָפעדיקן טאָן האָט ער געזאָגט: איבעריקנס, האָב איך נישט געמיינט, אַז נאָר די טעאָלאָגן דאַרפן זיך אומברענגען. גיין, זאָל מיך דער טייוול כאַפּן, אַלע, אַלע דאַרפן מיר עס טון, אויסראָטן די מענטשן און לאָזן די ערד זיך דרייען ווייטער.

נאַגעל האָט דערווייל גראָד זיך אָנגעקלאַפּט מיט מינוטן. דער דאָקטאָר האָט נישט געקראָגן קיין ענטפער, ער איז געוואָרן אין כעס און אויסגעשריגן אויפן קול:

— איר הערט נישט, וואָס איך זאָג? מיר וואָלטן זיך אַלע, אַלע גענדאַרפט א מעשה אָנטון, זאָג איך; איר אויך, נאַטירלעך, איר אויך.

דערביי האָט דער דאָקטאָר אויסגעזען אויסערגעוויינלעך בייז.

— יאָ, — האָט נאַגעל געענטפערט — איך האָב אויך געטראַכט דערפון. אָבער איך פון מיין זייט האָב איך נישט קיין

מוט. — פויזע. — איך זאָג אייך אַלזאָ בפרוש, אָפן, אַז איך האָב נישט קיין מוט דערצו. ווען איך זאָל אָבער אין אַ שיינעם טאָג יאָ קריגן מוט, האָב איך מיר שוין אָנגעגרייט צו דעם צוועק דעם רעוואָלווער. און אין יעדן פאַל טראָג איך אים שטענדיק ביי זיך.

און דערביי האָט ער פון וועסטל-קעשענע אַרויסגענומען אַ מעדיצין-פלעשעלע און עס געהאַלטן אין דער הויך. דאָס פלע-שעלע איז נאָר געווען האַלב פול.

— עבמער בלוי-זויער, קלאָר ווי וואַסער! — האָט ער גע-זאָגט. — אָבער איך וועל קיינמאָל נישט האָבן דעם מוט דערצו; עס ווערט מיר וואָס אַ טאָג אַלץ שווערער, — הער דאָקטאָר, — איר קאָנט דאָך מיר געוויס זאָגן, צי דאָס איז גענוג. איין העלפט דער-פון האָב איך שוין געפּרוווט אויף אַ חיה און עס האָט געווירקט אויסגעצייכנט. אַ קורצע ראַנגלעניש, אַ פּאָר קאָמישע האַזאַיעס, עט-לעכע מאָל אַ סאָפּע, דאָס איז אַלץ; מאַט אין דריי צוגן.

דער דאָקטאָר האָט גענומען דאָס פלעשעלע, האָט עס באַ-קוקט, עס אַ פּאָר מאָל דורכגעשאָקלט און געזאָגט:

— דאָס איז גענוג, איבער גענוג... וואָס אַן אמת וואָלט איך געדאַרפט צונעמען ביי אייך דאָס פלעשעלע; נאָר אַז איר האָט נישט קיין מוט, איז...

— ניין, איך האָב נישט קיין מוט.

פויזע. נאַגעל האָט צוריק אַריינגעלייגט דאָס פלעשעלע אין וועסטל-קעשענע. דער דאָקטאָר האָט זיך וואָס אַ מינוט מער איינ-געקאָרטשעט; ער האָט אויסגעטרונקען זיין גלאָז, מיט טויטע אויגן זיך אַרומגעקוקט אַרום זיך און אַ שפּיי געטון אויפן דיל. פּלוצ-לינג האָט ער אַריבערגעשריגן צום אַדיונקט:

— הע הא! ווו האַלסטו ערגעץ אין דער וועלט האַלטאַן, קאָנסטו נאָך אויסרעדן „געדאַנקען אַסאָציאַציעס?” איך קאָן עס שוין נישט. אַ גוטע נאַכט!

דער אַדיונקט האָט געעפנט די אויגן, האָט זיך אַביסל אי-בערגעצויגן; איז אויפגעשטאַנען און צוגעגאַנגען צום פענסטער. ער איז געשטאַנען אַ ווײַלע און אַרויסגעקוקט דורכן פענסטער. אַז דער שמועס האָט זיך פונסניי אָנגעהויבן, האָט ער זיך באַנוצט מיט

דער געלעגנהייט זיך אַרויסצוגנבֿנען; ער האָט זיך שטילערהייט געשאַרט ביי דער וואַנט, האָט געעפֿנט די טיר און זיך אַרויסגעשלייכט, איידער עמעצער האָט עס באַמערקט. אויף אַזאַ אופֿן פֿלעגט דער אַדיונקט האַלטאַן שטענדיק זיך אַרויסקריגן פֿון אַ געזעלשאַפֿט.

מינוט איז אויפֿגעשטאַנען און אויך געוואָלט אַוועקגיין; נאָר ווען מ'האָט אים געבעטן, ער זאָל נאָך בלייבן אַ ווײַלע, האָט ער זיך צוריק אַנידערגעזעצט. אַדוואָקאַט האַנסען איז געשלאָפֿן. די דריי, וואָס זענען נאָך ניכטער געווען, סטודענט אָיען, מינוט און נאַגעל, האָבן אָנגעהויבן רעדן פֿון ליטעראַטור. דער דאָקטאָר האָט זיך צוגעהערט מיט האַלב פֿאַרמאַכטע אויגן, נישט אויסרעדנדיק קיין וואָרט. גלייך נאָכדעם איז ער אויך אַנטשלאָפֿן געוואָרן.

דער סטודענט איז געווען שטאַרק אָנגעלייענט און געהאַלטן פֿון מאָפּאַסאַן: מען מוז מודה זיין, אַז מאָפּאַסאַן האָט דערגרונטעוועט די סודות פֿון דער פֿרוי, און אַלס דיכטער פֿון דער ליבע האָט ער נישט צו זיך קיין גלייכן. וואָס פֿאַראַ דרייסטקייט אין דער שילדערונג! וואָס פֿאַר אַ וווּנדערלעכע קענטעניש פֿון דעם מענטשנס האַרצן! אָבער נאַגעל האָט זיך פּלוצלינג אויף אַ לעבערלעכן אופֿן געקאָכט, האָט געקלאַפּט אין טיש, געשריגן, איז אָנגעפֿאַלן אויף די שריפֿטשטעלער, האָט פֿון אַלעמען געמאַכט אַש און בלאָטע און בלויז געשאַנעוועט פֿון זייער עטלעכע געציילטע. זיין ברוסט האָט זיך שטאַרק געהויבן, און דער שוים איז אים געלאָפֿן פֿון מויל.

— די דיכטער, העהע, יאָ, דאָס מוז מען מודה זיין. זיי זענען אַריינגעדרונגען אין די טיפֿענישן פֿון מענטשלעכן האַרצן! וואָס זענען זיי דען, אָט די בעלי־גאווהס, וואָס האָבן געקראָגן אַזאַ מאַכט איבערן היינטיקן לעבן, וואָס זענען זיי? יאָ, אַ צרעת אויפֿן מענטשלעכן קערפּער, עמפּינדלעכע, געשוואָלענע קרעצלעך אויף דער באָרד, וואָס מען מוז זיך אַרומגיין צאַרט מיט זיי, און אָננעמען זיי פֿאָרזיכטיק. אַנישט ווערן זיי שלעכט, ווייל זיי פֿאַרטראָגן נישט קיין האַרטע באַהאַנדלונג! יאָ מען מוז דורכויס מאַכן אַ טומל מיט זיי, מיט די דיכטער, באַזונדערס מיט די נאַרישסטע, מיט די

מענטשלעך-ווייניק אַנטוויקלטע, מיט די אַלטע; אויב נישט, בלאָזן זיי זיך אָן און פאָרן אַוועק קיין אויסלאַנד. יאָ! אַ ליבער גאָט! וואָס פאַר אַ חוזק, און טאָמער גיט זיך שוין איין אַמאָל אַ דיכטער, וואָס איז באמת פאַרשיכורט פון גייסט, מיט טענער אין האַרצן, וואָלט מען געמעגט שווערן ביים סאַמע טייוול, אַז ער ווערט געשטעלט ווייט הינטער די גראָבע, נאָכמאַכנדיקע פּראָפעסיאָנאַליסטן, וואָס זענען מכבד דעם עולם גולם מיט ביטערע שנאַפּסן. יאָ, די מאַסע איז דאָס די קוואַנטיטעט—און דער גראָבער געשמאַק פון די טרינקער!... נו, ער, נאַגעל, איז נישט קיין מבין, נאָר אַ געוויינלעכער אַגראָנאָם מיט אַ געווינלעכן פערד-געשמאַק, און דעריבער וויל ער נישט האָבן אפילו קיין פּופּציק מענטשן אויף זיין צד. עס האָט שוין געטראָפן אַמאָל, אַז ער האָט געליטן דערפון, וואָס ער האָט זיך אַרויסגעזאָגט אין דער שעקספּיר-פראַגע. איינמאָל אויף אַן אָוונט, אַז ער האָט טאַקע אין דער אמתן געלייענט שעקספּירן; ער האָט געהאַט באַשלאָסן אַרויפצושטייגן אויף דעם העכסטן שטאַפּל פון דער בילדונג, דאָס איז געווען זיין אַמביציע און דעריבער האָט ער געלייענט שעקספּירן. אָבער ווי אויף צו להכעיס האָט ער אויסגעפונען, אַז שעקספּיר איז זייער שלאַבעריק, קוים וואָס ער רירט זיך, און זיינע פאַרערער זענען מענטשן, וואָס באַנוגענען זיך מיט זייער ווייניק. דאָ האָט זיך אויפגעהויבן אַ ספּעציאַליסט, אַ מבין, אַן עסטעטיקער און האָט אים מיט פּעס געזאָגט: יאָ, דאָס איז א י י ע ר מיינונג, אָבער ס'איז נאָך נישט קיין ראיה, אַז דאָס איז די מיינונג פון דער גאַנצער וועלט; העהעהע! ס'איז נישט די מיינונג פון דער גאַנצער וועלט, האָט ער געזאָגט. זאָל אונז גאָט אָפּהיטן, וואָס פאַראַ קאָמישער פאַרשוין! ניין, די מיינונג פון דער גאַנצער וועלט איז עס טאַקע, וואָס אַן אמת, נישט, נו, איז וואָס דערפון געדרונגען? וואָס גייט עס אים נאַגעלן אָן, וואָס די פּופּציק טויזנט פאַרערער האָבן אַן אַנדער מיינונג ווי ער? וואָס, צו אַלדי גוטע יאָר, גייט עס אים אָן, וואָס די מענטשהייט איז פאַר רויט, ווען ער איז פאַר שוואַרץ?... נו, קומט מען צוגיין מיט מאָפּאַסאַנען. ליבער גאָט! אַ מענטש, וואָס האָט אַ סך געשריבן וועגן ליבע, געווים, די ביבער זענען געפלויגן ביי אים פון די הענט; יאָ, וואָס

אמת איז אמת... אך! א קליינער, העל פינקלדיקער שטערן אלפרעד דע מיוסע, וואס ביי אים איז די ליבע נישט קיין ברענענדיקע רו-טינע, נאר אן איידעלער און פייערדיקער פרילינגס-רוף, וואס די ווערטער פלאקערן איינפאך אין די שורות — אט דער דיכטער האט אפשר קיין העלפט נישט פון די פארערער אויף זיין זייט, וואס טאפאסאן, דער קליינינקער מיט זיין אויסערגעוויינלעך גראבער און נשמה-לאזער לענדן-פאעזיע...

נאגעל איז שוין איבערגעגאנגען יעדע גרענעץ. ער האט געפוי-נען א געלעגנהייט אנצופאלן אויף וויקטאר הוגא און בכלל צו שיקן אלע דיכטער פון דער וועלט צו אלדי רוחות. יא, איינפאך שיקן צו אלדי רוחות! צי ער מעג דא ברענגען איין איינציקן קליינעם מוס-טער פון וויקטאר הוגאס אנגעבלאזענע פאטעטישע מליצה? הערט זיך נאר איין: „ווען דיין שטאל וואלט וויניקסטנס געווען אזוי שארף ווי דיין לעצטער ניין!" יא, וואס זאגן זיי וועגן דעם? צי קלינגט דאס נישט גוט? וואס דענקט דער הער גרעגארד?

דערביי האט נאגעל דורכגעבויערט מינוטן מיט זיין בליק, ער האט נישט אויפגעהערט צו קוקן אויף אים, און איבערגעחזרט אט די איינציקע שורה פון וויקטאר הוגא, האלטנדיק כסדר זיין בליק צוגעשמידט צו מינוטס געזיכט. מינוט האט נישט געענטפערט. זיינע בלויע אויגן האבן זיך טוראדיק ברייט צעעפנט, און א צעטומלטער האט ער א שמארקן זופ געטון פון זיין גלאז.

— אבער דער פערז איז דאך סוף-כל-סוף נישט אזוי שלעכט — האט זיך דער סטודענט אפגערופן.

נאגעל האט זיך ווידער צעקאכט: אזוי הייסט עס, נישט אזוי שלעכט? ווי שלעכט ער האט אים נישט אנגעשריבן, האט ער נאך פונדעסטוועגן זיין ווירקונג? יא, זעט איר! ניין, דאן מוז ער אנדערש אויסגערעדט ווערן! — ער וואלט, אייגנטלעך, געדארפט אויפשטיין, זיך שטעלן ביי דער טיר און פון דארט א שפיי טון אט די זיסע פא-עזיע די הערן איבער די קעפ. יא, ווארום אויב מען וויל וויקטאר הוגאן באמת נישט באעוולהן, מוז מען אים פארליענען מיט א גרויס, קייענדיק מויל, אויב נישט, גייט, אזוי צו זאגן, ארויס זיין גייסט פון דער פאעזיע... נו, עס לוינט זיך ווייטער נישט די מי צו רעדן וועגן

וויקטאָר הוגאָ, זאָל זיין געהיילִיקט זיין אָנדענקען! פאַר אייער געזונט! זיי האָבן געטרונקען.

— איר האָט דערמאָנט איבסענען — האָט זיך נאַגעל בסדר גע־קאָכט. לויט זיין מיינונג איז פאַראַן בלויז איין איינציקער דיכטער אין נאָרוועגיען, און דאָס איז נ י ש ט איבסען, ניין, באמת נישט. מען מאַכט איבסענען פאַר אַ דענקער; צי וואָלט מען נישט געדאַרפט מאַכן אַ קליינעם אונטערשיד צווישן פּאָפּוליערע שכלדיקע באַמערקונ־גען, און אמתן דענקען? מען רעדט וועגן איבסענס באַרימטקייט, מען האָט שוין באלד וואַסער אין די אויערן פון זיין פלומרשטן מוט; צי דאַרף מען נישט מאַכן אַ קליינעם חילוק צווישן דעם טעאָרעטישן און פּראַקטישן מוט, צווישן דעם רעוואָלוציאָנערן דראַנג אָן אייגננוצן און אָן שום כוונות און דעם אויפרייצונג-מוט ביי זיך אינדערהיים? דער ערשטער שטראַלט אין לעבן, דער צווייטער רופט אַרויס שמי־מונג אין טעאַטער. דער נאָרוועגישער שריפטשטעלער, וואָס בלאָזט זיך נישט אָן און האַלט נישט בשעת מעשה אַ שפּיזל אָנשטאָט אַ שפּיז, איז דאָך נישט קיין נאָרוועגישער שריפטשטעלער; יעדעס מאָל מוז מען אויסגעפינען עפּעס אַ פלאָקנשיסער זיך צו רייבן אָן אים אויב נישט ווערט מען נישט באַטראַכט פאַר אַ מוטיקע מוראַשקע, יאָ, ס'איז באמת טשיקאַווע אַ קוק צו טון דערויף פון ווייטן. אַ שלאַכט-טומל און אַ מענער-מוט איז ווי ביי אַ נאַפּאָלעאָנישע מלחמה; אָבער סכּנה און ריזיקע — ווי ביי אַ פראַנצויזישן דועל. העהעהע! ניין, אַ מענטש, וואָס וויל זיך בונטעווען, מוז דאָך קודם כּל קאָנען אָננעמען אַ פּעדער אָן זיידענע הענטשקעס; ער דאַרף נישט זיין קיין קליינער שרייבנדיקער יקר המציאות; נישט בלויז אַ ליטעראַרישער באַ־גריף פאַר די דייטשן, נאָר אַ באַוועגלעכער טעטיקער מענטש אין דעם טומל פון לעבן. איבסענס רעוואָלוציאָנערער מוט וועט קיינמאָל קיינעם נישט אַרויספירן אויף דעם דינעם אייז; דער עקספּערימענט מיט דעם טאָרפּעד-שיפל אונטערן בריק איז אַ נישטיקע דעפּאַרטאַ־מענט-טעאָריע אין פאַרגלייך מיט דער לעבעדיקער, ברענענדיקער טאַט. צי האָבן זיי געהערט אַמאָל, ווי עמעצער צערייסט לייוונט? העהעהע! אַ וואַזשנער געוויש!.. איבעריקנס, איז איין גערויש אפשר אַזוי גוט ווי דער אַנדערער, ווי באַגייסטערט מיר זאָלן נישט זיין;

פין אַזאַ אַרבעט, ווי שרייבן פאַרן פובליקום. פאַרשטייט זיך — ווי־ נישטיק זי זאָל נישט זיין, האָט זי דאָך על־פּי־פנים אַזוי פיל ווערט, ווי לעאָ טאָלסטאָיס רויבערנדיקער מוסר און זיין פראָפּאַגאַנדע פאַר זיין גאָט. אָבער — כאַפּט זיי אַלע דער טייוול!

— אַלע?

— יאָ, כמעט. איבעריקנס האָבן מיר איין דיכטער, דאָס איז ביערנסאָן אין זיינע בעסטע שעהן. ער איז דאָך אונזער איינציקער, אונזער איינציקער...

— וואָלט מען רעדן די גרעסטע טענות קעגן טאָלסטאָיען נישט געקאָנט אָנווענדן אויך לגבי ביערנסאָנען? צי איז ביערנסאָן אויך נישט פונקט אַזאַ אָנזאָגער, א מוסר־פּרעדיקער, א געוויינלעכער לאַנגווייליקער אַלטער מאַן, אַ ביכער שרייבנדיקער פּראָפעסיאָנאַליסט און דאָס גלייכן?

— ניין! — האָט נאַגעל אויסגעשריגן אויפן קול. ער האָט גע־ מאַכט מיט די הענט און פאַרטיידיקט ביערנסאָנען מיט וואַרעמע ווער־ טער: מען קאָן נישט פאַרגלייכן ביערנסאָנען מיט טאָלסטאָיען, טיילווייז ווייל ס'וואָלט געווען קעגן דעם איינפאַכן אָרגאַנאָמישן שכל פון יעדן איינעם, און טיילווייז, ווייל דער מענטשלעכער געפיל רעדט קעגן דעם. ערשטנס איז ביערנסאָן אַ זשעני — וואָס טאָלסטאָי איז אין זיין גאַנצן לעבן נישט געווען. ביי אים, ביי נאַגעלן, זענען די גאַנץ געוויינלעך־ גרויסע זשעניען נישט קיין מיוחסים. איין גאָט ווייסט דעם אמת, אַז ער איז פון זיי נישט נתפעל. אָבער טאָלסטאָי האָט אפילו זייער מדרגה אויך נישט דערגרייכט. דאָס איז, פאַרשטייט זיך, נישט קיין מניעה מודה צו זיין, אַז טאָלסטאָי קאָן מאַכן ביכער, וואָס זענען בעסער, ווי אַ סך ביערנסאָנענס. אָבער וואָס איז דערפון געדרונגען? גוטע ביכער קאָנען דענישע קאַפּיטאַנען, נאָרוועגישע מאַלער און ענג־ לישע ווייבער אויך מאַכן. ציימנווייז איז ביערנסאָן א מענטש אָן הערשנ־ דיקע פערזענלעכקייט, נישט קיין באַגריף. „ער ווימלט אַרום, ווי א לעבעדיקער קערפּער אויף אונזער ערד־קוגל און דאַרף פאַרנעמען אַן אָרט פאַר פערציק, ער זיצט נישט פאַר די מענטשן, ווי אַ ספינקס גרויס און מיסטיש; זיין אינערלעכס איז ווי א וואַלד אין שטורם, ער קעמפט, ער איז אומעטום פאַראַן, און ברענגט, אין גרונט גענומען, גרויס

שאַרן זיינע ענינים ביים פּובליקום. ער איז אַ הערשנדיקער גייסט, איינער פון די ווייניק-באַפעלנדיקע; ער קאָן שטיין אויף אַ טרי-בונע און מיט אַ האַנט באַוועגונג איינשטילן אַ פייפעריי. ער האָט אַ מוח, אין וועלכן עס האַלט אין איין שפּראָצן און רייסן מיט געדאַנקען; ער זיגט מיט כּוח און ער מאַכט גראָבע פעלערן, אָבער אַלץ טוט ער מיט פּערזענלעכקייט און גייסט. ביערנסאָן איז אונזער דיכטער מיט אינספּיראַציע, מיטן געטלעכן פונק; עס הויבט זיך אָן אין אים, ווי אַ געוויש אין תּבואה-פעלד אין אַ זומערדיקן טאָג, און עס ענדיקט זיך דערמיט, וואָס אויסער אים הערט מען גאָרנישט, גאָרנישט אויסער אים. אין אַזאַ פאָרם דרוקט זיך די באַוועגונג פון זיין נשמה. דאָס איז די באַוועגונג פון דעם זשעני. ווען מ'זאָל איבסענס פּאָעזיע פאַרגלייכן צו ביערנסאָנס, איז איבסענס פּאָעזיע, למשל, פּשוטע מעכאַנישע ביוראָ-אַרבעט. די מעלה פון איבסענס פערזון איז דאָס, וואָס זיי גראַמען זיך גוט, אַז עס קנאַקט אַזש; דאָס רוב פון זיינע דראַמאַטישע שאַ-פונגען זענען הילצערנע גולמס. צו וועלכע שוואַרצע יאָר דאַרף מען דאָס!.. מילא, איבעריקנס, זאָל זיין גענוג; פאַר אייער געזונט!..

ס'איז געווען צוויי אַ זייגער. מינוט גענעצט. שלעפעריק נאָך אַ גאַנצן טאָג אַרבעט, מיד און פאַרלאַנגווייליקט פון נאָגעלס אומ-אויפהערלעכער פּלוידעריי, שטייט ער אויף און וויל גיין. ער האָט זיך שוין געזעגנט און איז שוין געווען ביי דער טיר, האָט זיך געטראָפן אַ קלייניקייט, וואָס צוליב דעם איז ער שטיין געבליבן. אַ קליינער צופאַל, וואָס האָט אָבער אַ שטיקל צייט דערנאָך גע-האַט אַ נישקשהדיקע באַדייטונג; דער דאָקטאָר כאַפּט זיך אויף, טוט אַ שטאַרקן מאַך מיטן אָרעם און צוליב זיין קורצזיכטיקייט האַרפט ער אום עטלעכע גלעזער; נאַגעל, וואָס איז געזעסן נעבן דאָקטאָר, איז באַגאָסן געוואָרן מיט שאַמפּאַניער. ער איז אויפגע-שפּרונגען, האָט זיך לאַכנדיק אָפּגעטרייסלט די נאַסע ברוסט און מיט אַן אויסגעלאַסענעם טאָן אַ געשריי געטון „הוראַ!"

מינוט איז תּיכּף צוריקגעקומען, גרייט באַהילפיק צו זיין. ער איז צוגעלאָפן צו נאַגעלן מיט טאַשנטיכלעך און האַנטיכער און האָט אים געוויאַלט אָפּווישן; די וועסט איז געווען גאָר שטאַרק

פאַרגאַסן: ווען ער וויל זי נאָר אויף אַ רגע אויסטון, אויף איין מינוט, וועט זי זיך גלייך אויסטרוקענען. אָבער נאַגעל האָט נישט געוואָלט אויסטון די וועסט. איצטער האָט זיך פון ליארם דער אַדוואָקאַט אויך אויפגעכאַפּט און אויך אָנגעהויבן שרייען „הורא!“ נישט ווינסדיק, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען. מינוט האָט נאָכאַמאָל געבעטן נאַגעלן די וועסט; נאַגעל האָט נאָר אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ. פלוצלינג טוט ער אַ קוק אויף מינוטן; עס איז אים עפּעס איינגעפאַלן, ער שטייט גלייך אויף, טוט אויס די וועסט און דער־לאַנגט זי אין איילעניש.

— ביטע, ווישט זי אָפּ, — האָט ער געזאָגט — האַלט זי פאַר זיך. יאָ, יאָ, איר קאָנט זי האַלטן פאַר זיך, איר האָט דאָך נישט קיין וועסט. רעדט נישט קיין נארישקייטן! איך גיב זי אייך מיטן גאַנצן הארצן, ליבער פריינט. נאָר אַזוי ווי מינוט האָט זיך נאָך אַלץ נישט געהאַלט אונטערגעבן, האָט אים נאַגעל אַריינגעשטעקט די וועסט אונטערן אָרעם, אויפגעעפנט די טיר און אים אויף אַ פריינטלעכן אופן אַרויסגעשטופּט אין דרויסן.

און מינוט איז אַוועק.

דאָס האָט געדויערט אַזוי קורץ, אַז נאָר איין איַען, וואָס איז געזעסן בײַ דער טיר, האָט עס צוגעזען.

אַצינד האָט דער אַדוואָקאַט געמאַכט אַ פאָרשלאַג מען זאָל די איבעריקע גלעזער אויך צעברעכן. נאַגעל האָט גאָרנישט גע־האַט קעגן דעם, און ערשט האָבן זיך פיר דערוואַקסענע מאַנסלייט געוויילט דערמיט, וואָס זיי האָבן געשליידערט איין גלאָז נאָך דער אַנדערער אין וואַנט אַריין. שפּעטער האָבן זיי געטרונקען פון די פלעשער, געשריגן ווי מאַטראָסן און אַרומגעטאַנצט איבערן צימער. ס׳איז געוואָרן פיר אַ זייגער, איידער דער דאָזיקער צייט־פאַרטרייב האָט זיך געענדיקט. דער דאָקטאָר איז געווען שטאַרק אָנגעטרונ־קען. שוין אין דער טיר האָט זיך נאָך סטודענט איַען געווענדט צו נאַגעלן און געזאָגט:

— אָבער דאָס, וואָס איר האָט געזאָגט קעגן טאָלסטאָיען, לאָזט זיך גאַנץ גוט אָנמעסטן אויף ביערנסאָנען. איר זענט נישט אויסגעהאַלטן אין אייערע רייד...

— באבאבא! — האט זיך דער דאָקטאָר צעלאַכט ווי א משוגענער — די ריבטיקע צייט צו פאָדערן אויסגעהאַלטנקייט!... קאָנט איר זאָגן „ענציקלאָפעדיסטן", ליבער פריינט? „אידעען אַסאָציאַציעס"? קומט בעסער, איך וויל אייך אָפּפירן אהיים... באבא! די ריבטיקע צייט!

גערעגנט האָט שוין נישט אין דרויסן. אָבער די זון האָט אויך נישט געשיינט. דאָך איז דאָס וועטער געווען רויק און ס'האָט אויסגעזען, אז ס'וועט זיין א מילדער טאָג.

XIV

אויף מאָרגן אינדערפרי איז מינוט ווידער געקומען אין האָטעל. ער איז שטילערהייט אריין צו נאַגעלן אין צימער, האָט אוועקגעלייגט אויפן טיש זיין זייגער, עטלעכע פּאַפּירן, א שטיקל בלייפעדער און דאָס קליינע פלעשעלע סם און האָט געוואָלט ארויסגיין צוריק. אָבער נאַגעל האָט זיך פּונקט אויפגעכאַפּט און מינוט האָט אים געמוזט אויפקלערן די סיבה פון זיין באזוך.

— צוליב די זאַכן, וואָס איך האָב געפונען אין וועסטל-קעשענע. — האָט ער געזאָגט.

— אין וועסטל-קעשענע? יאָ, צום טייוול. ריכטיק! און וויפל איז דער זייגער?

— אכט, אָבער אייער זייגער שטייט, כ'האָב אים נישט געוואָלט אָנציען.

— איר האָט דאָך נישט אויסגעטרונקען דעם בלוי-זויער?

מינוט האָט א שמייכל געטון און געשאָקלט מיטן קאָפּ—ניין, — האָט ער געענטפערט.

— אפילו נישט פּארזוכט אביסלע? דאָס פלעשעלע מוז זיין האלב-פול; ווייזט נאָר.

און מינוט האָט אים געוויזן, אז דאָס פלעשעלע איז נאָך האַלב-פול.

— גוט! און דער זייגער איז אכט? איז שוין צייט אויפצו.

שטיין... יאָ, איך האָב זיך פּלוצלינג דערמאָנט, גרעגאַרד, קאָנט איר מיר נישט קריגן צו לייען אַ פּידל? כ'וואָלט געוואָלט פּרווון, צי וועל איך זיך קאָנען לערנען שפּילן... מילא, נאַרישקייט! דער אמת איז, אַז איך וויל קויפן אַ פּידל, אַוועקצושענקען אַ באַקאַנטן. איך דאַרף זי נישט האָבן פאַר זיך. איר וועט מיר, אַלזאָ, אומבאַדינגט שאַפן אַ פּידל, ס'מאַכט נישט אויס, ווו איר וועט זי נעמען.

מינוט פאַרזיכערט, אַז ער וועט זיך באַמיען ווי ווייט ער וועט קאָנען.

— כ'דאַנק אייך טויזנט מאָל. נו, און איר וועט דאָך ווידער אַריינקומען צו מיר, ווען אייך וועט זיך גלוסטן. דעם וועג ווייסט איר דאָך — אַ גוטן טאָג.

אין אַ שעה אַרום איז שוין נאָגעל געווען אין וואַלד, ביים פאַסטאָרס הויף. די ערד איז נאָך געווען פייכט פון רעגן, וואָס איז געפאַלן די גאַנצע פריערדיקע נאַכט, און די זון האָט נישט שטאַרק געוואַרעמט. ער האָט זיך אַנידערגעזעצט אויף אַ שטיין און געהאַלטן אָנגעשטרענגט דעם בליק אויפן וועג. אויף די ווייכע קליינע זאַמד-שטיינדלעך האָט ער באַמערקט סמנים פון אַ פּאָר באַקאַנטע פיס טריט, ער איז כמעט געווען זיכער, אַז דאָס זענען דאַגני קיעלאַנדס שפּורן, און אַז זי איז געגאַנגען אין שטאָט אַריין. ער האָט געוואַרט אַ שפּאָר שטיקל צייט, לסוף האָט ער זיך באַשלאָסן איר צו גיין אַנטקעגן און זיך אויפגעהויבן פון שטיין.

און ער האָט באמת קיין טעות נישט געהאַט; ער האָט זי באַגעגנט באַלד ביים ראַנד פון וואַלד. זי האָט געטראָגן אַ בוך; ס'איז געווען סקראַמס „גערטרוד קאָלביערנסאָן".

תחילת האָבן זיי גערעדט אַ ווײַלע וועגן דעם בוך. דערנאָך האָט זי געזאָגט:

— וואָלט איר עס געגלויבט... אונזער הונט איז טויט.

— טויט? — האָט ער איבערגעפרעגט.

— מיט עטלעכע טעג צוריק. מיר האָבן אים געפונען אַ טויטן. איך פאַרשטיי גאָרנישט ווי אַזוי ס'האָט געקאָנט געשען.

— אָבער איר ווייסט, אין מיינע אויגן איז דער הונט שטענדיק

געווען זייער עקלהאַפט; אַזאַ וואַך-הונט מיט אַ קאַרנאָסע נאָז און מיט אַן אומפאַרשעמטן מענטשן-פּנים. ווען ער פלעגט אַ קוק טון אויף אייך, זענען זיינע מויל-ווינקלען אַזוי טיף אַראָפּגעהאָנגען, ווי ער וואָלט געהאַט צו טראָגן דעם גאַנצן וועלט-שמערץ אויף די אַקסלען. איך בין דווקא צופרידן, וואָס ער איז טויט.

— פע, שעמט זיך...

אָבער ער האָט איר מיט אַ נערוועזער באַוועגונג איבערגעשלאָגן די רייד; ס'האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט וואָס גיכער געוואָלט פּטור ווערן פון דעם דאָזיקן שמועס וועגן הונט. ער האָט אָנגעהויבן רעדן פון אַ מענטשן, וואָס ער האָט אַמאָל באַגעגנט, און וואָס איז געווען דאָס סאַמע לעבערלעכסטע, וואָס מען קאָן אַמאָל טרעפן.

— דער דאָזיקער מענטש האָט אַביסל געשטאַמלט, און ער פלעגט זיך גאָרנישט באַהאַלטן דערמיט; ניין, אדרבא, ער פלעגט בכיוון שטאַמלען נאָך מער, ווי זיין טבע איז געווען, כּדי אַלע זאָלן זען זיין פעלער. וועגן דער פרוי האָט ער געהאַט די משונה-דיקסטע מיינונגען. אגב, פלעגט ער דערציילן אַ געשיכטע פון מעקסיקאָ, וואָס פלעגט פון זיין מויל אַרויסקומען זייער קאָמיש. ס'איז געווען אַ ווינטער מיט אַ שרעקלעכער קעלט. די טערמאָמעטערס האָבן געפּלאַצט, און דער עולם האָט זיך באַהאַלטן אין די שטיבן ביי טאָג און ביי נאַכט. אָבער איינמאָל האָט ער דווקא געמוזט גיין אין אַ שטאָט, וואָס איז געווען נישט ווייט פון זיין וווינאָרט. ער איז געגאַנגען דורך אַ פּוסטער געגנט, נאָר דאָ און דאָרט איז געשטאַנען אַ שטיבל, און דער קאַלטער ווינט האָט אים מוראדיק געשניטן אין פּנים, ווי ער גייט אַזוי מיט שנעלע פעסטע טריט שפּרינגט אַרויס אַ האַלב-נאַקעטע פרוי פון אַ שטיבל און לויפט אים נאָך מיט אַ געשריי: „איר האָט אַ פראָסט-בלעזל אויף דער נאָז, גיט אַכטונג, איר האָט אַ פראָסט-בלעזל אויף דער נאָז!" די פרוי האָט געהאַלטן אַ קאָך-לעפל אין דער האַנט און איז געגאַנגען מיט אַרויפגעשאַרצטע אַרבל; זי האָט פּונקט דערזען אַ מענטשן מיט אַ פראָסט-בלאָטער אויף דער נאָז פאַרבייגיין איר שטיבל, און זי האָט איבערגעלאָזט איר שטוב-אַרבעט און איז אַרויסגעלאָפן

וואָרענען. העהעהע! האָט איר שוין געהערט אזוינס? און דאָ
שטייט זי אליין מיט פארשארצטע ארבל אין דעם שאַרפן, שניידנ-
דיקן ווינט, בעת די גאַנצע רעכטע באַק אירע לויפט אויף ביס-
לעכווייז און ווערט לסוף אַן אומגעהויערער ווייסער בלאָטער.
העהעהע! דאָס איז ממש נישט צום גלויבן!... אָבער נישט גע-
קוקט אויף דעם און אַ סך אַנדערע ביישפּילן פון ווייבערשן מקריב
זיין זיך, איז דער שטאַמלער געווען שטאַרק איינגעקשנט און גע-
טענהט אין איין קול: די פרוי איז אַ מאָדנע אומדערזעטלעכע
חיה — האָט ער געזאָגט, און נישט קלאָר געמאַכט, פאַרוואָס זי
איז מאָדנע און אומדערזעטלעך. „ס'איז גאָרנישט צו גלויבן, וואָס
זי קאָן זיך איינרעדן", האָט ער געזאָגט און דערביי האָט ער מיר
דערציילט: „כ'האָב געהאַט אַ פריינט, האָט ער זיך פאַרליבט אין
אַ יונגער דאַמע; זי האָט אפילו געהייסן קלאַרא. ער האָט זיך
שטאַרק אָנגעשטרענגט צו געווינען די ליבע פון דער דאַמע;
אָבער ס'האָט קיין שום זאַך נישט געהאָלפן, קלאַרא האָט נישט
געוואָלט קיין קוק טון אויף אים; און פונדעסטוועגן איז ער גע-
ווען אַ שיינער און חשובער יונגערמאַן. אָבער אָט די אייגענע
קלאַרא האָט געהאַט אַ שוועסטער, אַן אויסערגעוויינלעך פאַרוואַק-
סענע הויקערדיקע בריאה, ממש אַ פאַרזעעניש. מילא, איז זיך זיין
פריינט מיישב און שדכנט זיך צו איר; איין גאָט אַליין האָט גע-
ווּסט צוליב וואָס ער האָט עס געטון. אפשר האָט ער געהאַט
דערביי עפּעס אַ באַזונדערע כּוונה. און אפשר האָט ער זיך גאָר
פאַרליבט אין איר, כאָטש זי איז געווען אַזוי מיאוס. אָבער וואָס
טוט קלאַרא? יאָ, דאָ באַווייזט די פרוי פלוצלינג אירע נעגל;
קלאַרא שרייט, קלאַרא מאַכט גוואַלדן: איך, מיך האָט ער גע-
וואָלט! מיך, מיך האָט ער געוואָלט האָבן! האָט זי געזאָגט,
„אָבער מיך וועט ער נישט קריגן. פאַר קיין שום פרייז אין דער
וועלט נישט", האָט זי געזאָגט. נו, מיינט איר, אַז ער האָט לסוף
יאָ געקראָגן די שוועסטער, אין וועלכער ער איז שוין איצט גע-
ווען שטאַרק פאַרליבט? ניין, דאָס איז דאָך דאָס שענסטע אין
דער געשיכטע. קלאַרא האָט אים די שוועסטער אויך נישט פאַר-
גונען. העהעהע. ניין, אַזוי ווי זי איז עס אַליין געווען די, וואָס

ער האָט געוואָלט, האָט ער דערפאַר איר הויקערדיקע שוועסטער אויך נישט באַקומען, הגם זי וואָלט קיינעם נישט באַקירט. און אַזוי האָט מיין פריינט קיין איינע פון די דאַמען נישט געקראָגן... דאָס איז געווען איינע פון די מעשות, וואָס דער שטאַמלער האָט דערציילט. ער פלעגט זיי דערציילן אַזוי שיין, אַזוי אינטערעסאַנט, דווקא דערפאַר, וואָס ער האָט געשטאַמלט. ער איז בכלל געווען אַ גרויסער רעטענישפולער מענטש. וואָס זשע איר לאַנגווייליקט זיך?

— ניין. — האָט דאַגני געענטפערט.

— יאָ, אַ מענטש—אַ רעטעניש. ער איז געווען אַזוי ביטרע, און גלייכצייטיק נעהאַט אַזאַ שטאַרקע נייגונג צו גנבה, אַז ער איז געווען בכוח אַראָפצונעמען די לעדערנע רימענס פון די פענסטער אין די וואַגאָנעס, וואָס האָבן אים גענוצט. איינמאָל האָט מען אים טאַקע געפאַקט ביי אַזאַ מין גנבה. פון דער צווייטער זייט, ווען דער שגעון פלעגט אים באַפאַלן, פלעגט ער זיך וואַרפן ממש מיט געלט. איינמאָל פאַלט אים איין צו מאַכן אַן אומגעהויערן וואָגן-צוג. ער אַליין האָט אָפּגעדונגען פיר און צוואָנציק וואָגנס, וואָס ער האָט געלאָזט אַרויספאָרן איינעם נאָכן אַנדערן, דריי און צוואָנציק זענען געפאָרן אינגאַנצן ליידיק, און אין דעם פיר און צוואָנציקסטן, דעם לעצטן, זיצט ער אַליין און קוקט אַרויס אויף די שפּאַציר גייער, פריילעך ווי אַ קינד איבער דעם גראַנדיעזן צוג, וואָס ער האָט צונויפגעשטעלט...

אָבער נאַגעלס רייד האָבן זיך עפּעס נישט געבונדן. דאַגני האָט זיך קוים צוגעהערט, וואָס ער האָט געזאָגט. ער איז אַנט-שוויגן געוואָרן און זיך פאַרטראַכט. דער טייוול ווייסט אים, וואָס ער פלאַפּלט כסדר נאַרישקייטן און מאַכט זיך נאַריש! זיך צו-טשעפּען צו אַ יונגער דאַמע, בפרט נאָך וואָס מ'האָט ליב, און האַקן אַ קאָפּ מיט כלערליי שטותערייען, מיט פּראָסט-בלעזלעך און פיר און צוואָנציק וואָגנס! און פּלוצלינג דערמאָנט ער זיך, אַז ער איז שוין איינמאָל אַזוי אָרנטלעך דורכגעפאַלן מיט אַ מעשה וועגן אַן עסקימאָס און אַ בריוו-טאַש. ביי דעם געדאַנק איז אים דאָס בלוט אַריין אין פּנים, ער האָט נישט ווילנדיק געמאַכט אַ

באַוועגונג און איז געבליבן שטיין. צום טייוול, פאַרוואָס גיט ער נישט אַכטונג? אָ, שעמען מעג ער זיך! אַט די מאָמענטן, וואָס ער באַנאַרישט זיך מיט אַזעלכע פלוידערייען, מאַכן אים קאָמיש, דערנידעריקן אים און שטויסן אים אָפּ צוריק אויף גאַנצע וואָכן און חדשים. וואָרום באמת, וואָס קאָן מען טראַכטן וועגן אים?

ער האָט געזאָגט:

— און ווי לאַנג איז נאָך צו דער פאַרווײַלונג, דעם באַזאַר לטובת די פאַרטיידיקונג?

שמייכלענדיק האָט זי געענטפערט:

— פאַרוואָס גיט איר זיך די מי אַזוי פיל צו רעדן? פאַר-וואָס זענט איר נערוועיש?

אָט די פראַגע איז געווען פאַר אים אַזוי אומגעריכט, אַז ער האָט זי אָנגעקוקט ווי אַ צעמישטער. דערנאָך האָט ער מיט אַ נידעריקער שטימע און מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ געזאָגט:

— פרײַלין קיעלאַנד, דאָס לעצטע מאָל, ווען מיר האָבן זיך באַגעגנט, האָב איך צוגעזאָגט, אַז בעת איך וועל זיך נאָך אַמאָל טרעפן מיט אײַך, וועל איך רעדן פון אַלץ אין דער וועלט, אַבי נישט פון דעם, וואָס איז מיר פאַרווערט. איך באַמי מיך צו האַלטן מײַן צוזאָג. ביז איצט האָב איך אים געהאַלטן.

— יאָ, — האָט זי געזאָגט, מ'דאַרף האַלטן וואָרט און נישט ברעכן קיין צוזאָג — און דאָס האָט זי געזאָגט גיכער צו זיך אַליין, איידער צו אים.

— איך האָב באַשלאָסן עס צו פּרוּוון נאָך איידער איר זענט געקומען; כ'האָב געוווסט, אַז איך וועל זיך מיט אײַך טרעפן.

— ווי אַזוי האָט איר עס געקאָנט וויסן?

— כ'האָב געזען אײַערע שפּורן דאָ אויפן וועג.

זי האָט אַ קוק געטון אויף אים און געשוויגן.

באַלד נאָכדעם האָט זי זיך אָנגערופן:

— איר גייט מיט אַן אַרומגעבונדענער האַנט, וואָס איז, איר זענט פאַרוווּנדעט?

— יאָ, — האָט ער געענטפערט — אײַער הונט האָט מיר אַ ביס געטון.

זיי זענען ביידע שטיין געבליבן און האָבן זיך אָנגעקוקט. ער האָט צוזאַמענגעדריקט די הענט און מיט אַן אָנגעווייטיקטער שטימע האָט ער ווייטער געזאָגט:

— ס'איז נישט געווען קיין נאַכט, איך זאָל נישט זיין דאָ אין וואַלד; יעדע נאַכט, איידער איך בין געגאַנגען שלאָפן, האָב איך געזען אייער פענסטער. זייט מיר מוחל, דאָס איז דאָך נישט קיין פאַרברעכן! איר האָט עס מיר פאַרווערט צו טון, יאָ, אָבער איך האָב עס געטון, ס'איז דאָך שוין אַ פאַרפאַלענע זאַך; דער הונט האָט מיך אויך געביסן, ער האָט געקעמפט פאַר זיין לעבן; איך האָב אים אומגעבראַכט, כ'האָב אים געסמט, ווייל ער פלעגט שטענדיק בילן, ווען איך בין געקומען און געוואָלט זאָגן אייער פענסטער אַ גוטע נאַכט.

— אַזוי, דאָס זענט איר עס, וואָס האָט אומגעבראַכט דעם הונט?

האָט ער געענטפערט.

פויזע. זיי זענען נאָך אַלץ געשטאַנען אויף איין אָרט און האָבן זיך אָנגעקוקט. זיין ברוסט האָט זיך שטאַרק געהויבן אַרויף און אַראָפּ.

— און איך האָלט בכוח געווען נאָך אַ סך ערגערע זאַכן צו טון, אַבי אייך צו זען, — האָט ער ווייטער געזאָגט — איר האָט נישט קיין באַגריף, ווי איך לייד, ווי איך בין טאָג און נאַכט פאַרנומען מיט אייך, ניין, דערפון האָט איר קיין באַגריף נישט. איך רעד מיט מענטשן, איך לאַך, איך מאַך אפילו הוליאַנקעס — ערשט די היינטיקע נאַכט האָב איך געהאַט אַ געזעלשאַפט ביי מיר אין צימער; מיר האָבן ביים סוף אַלע גלעזער צעבראָכן — נו, אָבער אין דער צייט, וואָס איך טרינק מיט אַנדערע און זינג, טראַכט איך אָן אויפהער פון אייך און איך גיי אַראָפּ פון זינען. מיך גייט קיין זאַך נישט אָן און איך ווייס נישט, וואָס דער סוף וועט זיין מיט מיר. האָט מיטלייד מיט מיר באַטש צוויי מינוט, איך מוז אייך עפּעס זאָגן. אָבער איר דאַרפט גאָר קיין מורא נישט האָבן, איך וועל אייך נישט איבערשרעקן און נישט אויפ-

רעגן, איך מוז נאָר רעדן מיט אייך, ווייל איך קאָן נישט אַנדערש...

— אָבער וועט איר שוין קיינמאָל גאָרנישט קומען צום שכל? — האָט זי קורץ געזאָגט. — איר האָט דאָך עס צוגעזאָגט.

— יאָ, דאָס האָב איך מסתמא צוגעזאָגט; כ'ווייס נישט, אפשר האָב איך צוגעזאָגט זיך צו באַהערשן. אָבער עס איז אַזוי שווער, אַזוי באמת שווער, וואָס פאַרא אָנשטרענגונגען איך זאָל נישט מאַכן דערצו. און אַביסל דאַרף מען מיר דאָך מותּר זיין, אויב איר ווילט עס גענוי איבערדערבענען. וואָס זאָל איך טון? ווייסט איר, אַז איך בין שוין איין טאָג געווען גרייט אַריינצופאַלן אין פאַסטאָר־הויף, אויפפראַלן די טירן און גלייך אַריינגיין צו אייך, אפילו ווען נאָך עמעצער וועט דערביי זיין? אָבער מיט אַלע כּוחות האָב איך מיך באמת אָפּצוהאַלטן, צו קעמפן מיט זיך אַליין, איר מעגט מיר גלויבן; יאָ, כ'האָב אייך זאָגאַר באַרעדט, און געפּרווט מאַכן צו קליינגעלט אייער מאַכט איבער מיר, דערמיט וואָס איך האָב אייך אַראָפּגעוואָרפן פאַר אַנדערע אין די אויגן. נישט מחמת נקמה האָב איך עס געטון. ניין, איר פאַרשטייט, אַז ס'האָט באמת געהאַלטן דערביי, אַז איך זאָל זיך אינגאַנצן פאַרלירן; איך האָב עס געטון, כּדי זיך אַליין צו שטאַרקן, זיך צו לערנען פאַרקריצן מיט די ציין, כּדי נישט צו שטאַרק צו בויגן דעם רוקן פאַר זיך גופא, פאַר מיין אייגענעם געוויסן; צוליב דעם האָב איך עס געטון. אָבער איך ווייס נישט, פאַרוואָס ס'גיט זיך מיר ערשט נישט איין, בשום אופן נישט; פריער פלעגט זיך עס מיר אייביק איינגעבן, ווען איך האָב נאָר געהאַט דעם ריכטיקן ווילן דערצו, אָבער איצט גייט עס אַזוי שווער. כ'האָב שוין געפּרווט אַוועקפאָרן, כ'האָב געפּרווט, כ'האָב אָנגעהויבן צו פּאַקן מיינע זאַכן; נאָר כ'האָב זיך פונדעסטוועגן נישט צוגעגרייט און כ'בין נישט געפאָרן. ווי אַזוי האָב איך געקאָנט אַוועקפאָרן! איך וואָלט דאָך אייך, פאַרקערט, נאָכגעפאָרן, ווען איר וואָלט נישט געווען דאָ. און ווען איך וואָלט אייך קיינמאָל נישט געפונען, וואָלט איך אייך פונדעסטוועגן כּסדר נאָכגעפאָרן און אָן אויפהער געזוכט און געהאָפט, אַז סוף־כּל־סוף וועל איך אייך אַמאָל געפינען. און

אַז איך וואָלט געזען, אַז עס גיט זיך מיר פאָרט נישט איין, און אַז איך וואָלט שוין אינגאַנצן פאַרלוירן מיינע האָפנונגען, וואָלט איך לסוף פון גאַנצן האַרצן געדאַנקט גאָט, ווען איך קאָן נאָר זען עמעצן, וואָס איז געווען נאָענט פון אייך, אַ פריינדין, וואָס האָט אייך די האַנט געדריקט, און אין די גוטע צייטן אַמאָל געקראָגן אַ שמייכל פון אייך. אַזוי וואָלט איך געטון. קאָן איך אַלזאָ אָפּפאָרן פון דאַנעט? דערצו איז איצט זומער-לעב, דער גאַנצער וואַלד איז מיין געבעט-הויז, און די פויגלען קענען מיך, זיי קוקן מיך אָן יעדן פרימאָרגן, ווען איך קום צוגיין. זיי דרייען אוים דעם קאָפּ אָן אַ זייט און קוקן מיך אָן. איך וועל נישט פאַרגעסן, ווי די שטאָט איז געווען באַהאָנגען מיט פאָנען אין דעם ערשטן טאָג, ווען איך בין געקומען אַהער. דאָס האָט אויף מיר געמאַכט דעם שטאַרקסטן איינדרוק, און איך בין דורכגענומען געוואָרן מיט אַ מאָדנער סימפּאַטיע צו דער שטאָט; און האַלב פאַרשיכורט בין איך אַרומגעגאַנגען אויף דער שיף און געקוקט אויף די פאָנען, אָנשטאָט אַראָפּצוגיין אויף דער יבשה. יאָ, דאָס איז שוין איינמאָל געווען אַן אָוונט!... אָבער דערנאָך איז עס אויך געווען צייטנווייז הערלעך; כ'גיי יעדן טאָג אויף די זעלבע וועגן וואָס איר; און אָפּטמאָל גליקט מיר אָפּ און איך זע אייערע סימנים אויפן וועג, אַזוי ווי היינט, און דאַן וואַרט איך אייך אָפּ, ביז איר גייט פאַרביי. איך שלייך זיך אַריין אין וואַלד און לייג זיך אַנידער הינטער אַ שטיין און איך וואַרט אויף אייך. איך האָב אייך שוין געזען צוויי מאָל, זינט איך האָב דאָס לעצטע מאָל גערעדט מיט אייך, און איינמאָל האָב איך געוואַרט אויף אייך גאַנצע זעקס שעה, איידער איר זענט אָנגעקומען; די גאַנצע זעקס שעה בין איך כסדר געלעגן הינטערן שטיין און נישט אויפגעשטאַנען, נאָר צוליב מורא, טאָמער קומט איר פלוצלינג אָן און איר דערזעט מיך, ווער ווייסט, ווו איר זענט יענעם טאָג געווען אַזוי לאַנג...

— איך בין געווען ביי די אַנדערסענס. — האָט זי פלוצלינג געזאָגט.

— יאָ, אפשר זענט איר געווען דאָרט. לסוף האָב איך אייך געזען, ווען איר זענט פאַרבייגעגאַנגען. איר זענט נישט געווען

אַליין, אָבער איך האָב אייך גאַנץ דייטלעך געזען, און איך האָב אייך שטילערהייט באַגריסט פון הינטערן שטיין... ווער קאָן וויסן, וואָס פאַרא געדאַנק ס'איז אייך אין דער זעלבער רגע אַריינגע־קומען אין מוח, ווייל איר האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ און אַ ווײַלע אָנגעקוקט דעם שטיין.

— יאָ, איר הערט... ניין, איר האָט אַ ציטער געטון, פּונקט ווי איך וואָלט בדעה געהאַט אַרויסצוזאָגן אייער טויט־אורטייל.

— דאָס איז אמת, איך פאַרשטיי עס גאַנץ גוט, אייערע אויגן זענען געוואָרן אייז־קאַלט.

— יאָ, אָבער עס מוז באמת נעמען אַ סוף דערצו, הער נאַגעל! ווען איר זאָלט אַלצדינג באַרעכענען, וואָלט איר אַליין איינגעזען, אַז איר האַנדלט זייער נישט שיין קעגן מיין חתן, נישט אמת? שטעלט זיך פאָר, איר זענט אויף זיין אָרט... שוין נישט רעדנדיק דערפון, וואָס איר מאַכט מיר אַזוי שווער. צו וואָס ווילט איר מיך צוברענגען? לאָמיך אייך זאָגן איינמאָל פאַר אַלע מאָל: איך וועל מיין וואָרט נישט ברעכן, איך האָב אים ליב. נו, דאָס איז גאַנץ דייטלעך געזאָגט. אַצינד זייט פאָרזיכטיק; איך גיי אין דער אמתן נישט ווייטער מיט אייך, אויב איר קאָנט נישט האָבן אַביסל איינזעעניש מיט מיר. דאָס זאָג איך אייך אָפן אַרויס.

זי איז געווען גערירט, איר מויל האָט געציטערט, און זי האָט זיך שטאַרק אָנגעשטרענגט, נישט אַרויסצוברעכן אין אַ גע־וויין. אַזוי ווי נאַגעל האָט גאָרנישט געענטפערט דערויף, האָט זי צוגעגעבן:

— איר קאָנט מיך צופירן אַהיים ביז צום שטוב, אויב אייך גלוסט זיך, און אויב איר ווילט אונז ביידן נישט פאַרשאַפן קיין יסורים. ווען איר ווילט מיר עפּעס דערציילן, וואָלט איך אייך זייער דאַנקבאַר געווען; איך הער גערן אויס וואָס איר רעדט.

— יאָ, — האָט ער פּלוצלינג מיט אַ פרייליכער שטים גע־זאָגט — יאָ, אויב איך קאָן נאָר מיטגיין מיט אייך! איך וועל אייך... אָך, איר גיסט מיך פּשוט אָפּ מיט קאַלט וואַסער, ווען איר ווערט בייז אויף מיר...

— איך בין לחלוטין נישט בייז אויף אייך; אָבער איר מאַכט

מיך יעדעס מאָל טרויעריק. איר טוט עס נישט בביוון, נאָר...

אצינד האָבן זיי אַ שפּאָרע ווילדע גערעדט פון גאַנץ גלייכגילטיקע זאַכן. זיי זענען געגאַנגען מיט קליינע טריט, און שפּאַצירט אַזוי לאַנגזאַם, אַז ס'האָט אויסגעזען, ווי זיי וואָלטן געשטאַנען אויף אַן אָרט.

— ווי שטאַרק עס שמעקט דאָ! — האָט ער געזאָגט. — אַך, ווי גראָז און בלומען הויבן עס אָן צו וואַקסן נאָכן רעגן! כ'ווייס נישט, צי איר אינטערעסירט זיך שטאַרק מיט בוימער, נאָר, כ'ווייס נישט פאַרוואָס, איך פיל עפּעס אַ מין געהיימע קרובהשאַפט צווישן מיר און יעדן בוים אין וואַלד. מיר קומט פאָר, ווי איך וואָלט אַמאָל געהערט צום וואַלד. אַז איך שטיי דאָ אַזוי און איך קוק זיך אַרום מיר, גייט מיר דורך עפּעס אַ מין ערינערונג דורך מיין גאַנצן איך. אָ, שטייט נאָר אַ ווײַלע! הערט נאָר, הערט, ווי די פויגלען זינגען אויפן גאַנצן קול אַנטקעגן דער זון! זיי זענען חסר דעה און נאַרישעוואַטע, זיי קאָנען אונז נאָך פון גרויס פרייד אַריינפליען גלייך אין פּנים אַריין.

און זיי זענען געגאַנגען ווייטער.

— עס שטייט מיר נאָך אַלץ פאַר די אויגן די שיינע פאָרשטעלונג, וואָס איר האָט אויפגעוועקט אין מיר, וועגן דעם שיפל מיטן בלוי-זיידענעם זעגל אין דער פאָרם פון אַ האַלבער לבנה. — האָט זי זיך אָפּגערופן. — גאָט, ווי שיין דאָס איז! ווען דער הימל איז אַזוי ווייט און הויך, דאַכט זיך מיר אויס, עפּעס ווי איך וואָלט מיך אַליין אַרומגעוויגט דאָרט אויבן און געכאַפּט פיש מיט אַ זילבערנער ווענטקע.

ער איז געווען אויסער זיך פון גליק, וואָס זי דערמאָנט זיך נאָך אין דער דאָזיקער שטימונג פון דער יאָהאַנים נאַכט; זיינע אויגן זענען געווען פייכט, און ער האָט געענטפערט וואַרעם:

— יאָ, גאַנץ ריכטיק, עס וואָלט זיך אפילו בעסער געפּאַסט, איר זאָלט זיצן אין אַזאַ שיפל, און נישט איך.

אַז זיי זענען אַריינגעקומען אַן ערך אין מיטן וואַלד, האָט זי נישט געגונג פאַרזיכטיק אַ פרעג געטון:

— ווי לאַנג בלייבט איר דאָ?

זי האָט באַלד אויף דעם חרטה געהאַט, זי וואָלט עס גערן צוריקגענומען; אָבער זי האָט זיך באַלד ווידער באַרויקט, ווייל ער האָט אַ שמייכל געטון און אויסגעמיטן צו געבן אַ דירעקטן ענטפער. זי איז אים דאַנקבאַר געווען פאַר זיין טאַקט. ער האָט זיכער באַמערקט איר פאַרלעגנהייט.

— איך בלייב דאָ, ווי לאַנג איך וועל האָבן געלט, — האָט ער דערנאָך געזאָגט, און צוגעגעבן—אָבער דאָס וועט נישט דויערן אַזוי געפערלעך לאַנג.

זי האָט אַ קוק געטון אויף אים, דאַן האָט זי געזאָגט לאַכנדיק:

— וועט עס באמת נישט געדויערן אַזוי געפערלעך לאַנג? איר זענט דאָך רייך, ווי איך האָב געהערט.

איצט האָט זיך באַוויזן דער אַלטער סודותדיקער אויס־דרוק אויף זיין געזיכט, און ער האָט געענטפערט:

— איך בין רייך, אַ שיינע מעשה. עס גייט דאָ אַרום אַ קלאַנג אין שטאָט, אַז איך בין אַן עושר, אַז אחוץ אַנדערע זאַכן פאַרמאָג איך אַ נחלה פון אַ גרויסן ווערט — דאָס איז נישט אמת, איך בעט אייך, גלויבט עס נישט, דאָס איז הומבוג, איך האָב נישט קיין נחלה. על כל פנים איז עס זייער קליין און געהערט אפילו נישט צו מיר אַליין, נאָר אויך צו מיין שוועסטער, אויסער דעם איז ער אינגאַנצן פאַרמשכונט און פאַרבאָרגן אין חובות. דאָס איז דער ריינער אמת.

זי האָט געלאַכט, ווי זי וואָלט נישט געגלויבט אין זיינע רייד.

— יאָ, ווען איר רעדט פון זיך, זאָגט איר דאָך שטענדיק דעם ריינעם אמת.

— איר גלויבט מיר נישט? כ'וועל אייך דערציילן, פונוואַנעט דער קלאַנג נעמט זיך, כאָטש איך דערנידעריק זיך דערמיט, איר מוזט עס וויסן, אַז באַלד דעם ערשטן טאָג, ווען איך בין אָנגע־קומען אהער אין שטאָט, בין איך געגאַנגען פינף מייל צופוס, מיטן גלייכן וועג בין איך געגאַנגען, אין דער נאָענטסטער שטאָט צופוס, און אַרויסגעשיקט פון דאָרט דריי טעלעגראַמען צו זיך

אליין, וועגן א גרויסע סומע געלט און וועגן א נחלה אין פינלאנד, דערנאָך האָב איך די טעלעגראַמעס עטלעכע טעג בסדר געלאָזט ליגן אָפן אויפן טיש ביי מיר אין צימער, כדי יעדערער זאָל זיי איבערלייענען, ערשט גלויבט איר מיר? איז עס שוין איצט נישט קיין הומבוג, די מעשה מיט מיין געלט?

— נאַטירלעך, אויב איר דערציילט ווידער נישט קיין ליגן וועגן זיך אליין.

— ווידער? איר האָט א טעות פריילין. גאָט איז מיין עדות, איך זאָג קיין ליגן נישט! יאָ!

פויזע.

— אָבער צו וואָס האָט איר עס געטון? צו וואָס האָט איר געשיקט די טעלעגראַמעס צו זיך אליין!

— יאָ, זעט איר, ס'וואָלט געווען אביסל א צו לאַנגע געשיכטע, ווען איך זאָל עס אייך וועלן דערציילן גענוי... נו, איבעריקנס, האָב איך עס געטון גאָר פשוט, צו מאַכן אַן איינדרוק און צו קריגן א שם אין שטאָט. העהעהע, אויפריכטיק גערעדט.

— איצט זאָגט איר ליגן.

— זאָל מיך דער טייוול נעמען, אויב איך זאָג ליגן!

פויזע.

— איר זענט א וואונדערלעכער מענטש, איין גאָט ווייסט. וואָס איר זענט דאָ אויסן. א מינוט גייט איר דאָ—און... יאָ, און וואַקלט זיך נישט קיין איין רגע מיר צו דערציילן די באַהאַלטנסטע זאַכן פון אייער הארצן; און אז איך בעט אייך דאַן אין א פּאָר ווערטער צו זיין ביי קלאָרע געדאַנקען, טוט איר א דריי אויס דעם דישעל און שטעלט, זיך ארויס פאר דעם ערגסטן שאַרלאַטאַן, פאר א ליגנער, פאר א שווינדלער. איר וואָלט זיך, כ'לעבן, געמעגט פארשפּאָרן די ארבעט; איינס מאַכט אויף מיר אזא קנאַפּן איינדרוק ווי דאָס צווייטע. איך האָב א צו איינפאַכע רויקע נאַטור, אזוי פיל געניאַליטעט איז נישט פאר מיין פארשטאַנד.

זי האָט זיך פלוצלינג געפילט באַליידיקט.

— איך האָב איצט דווקא נישט געוואָלט ארויסווייזן קיין

באזונדערע געניאַליטעט, ס'איז דאָך סיי ווי סיי פּאַרפאַלן, נאָך וואָס זאָל איך זיך מיען?

— צו וואָסזשע דערציילט איר מיר אָט די אַלע אומאָנגענעמע זאַכן פון זיך אַליין, ווי גיך איר קריגט נאָר אַ געלעגנהייט? האָט זי מיט היץ אויסגערופן?

און פּאַמעלעך, אינגאַנצן באַהערשט האָט ער געענטפערט:

— כּדי צו מאַכן אַן איינדרוק אויף אייך, פרײלין

אַצינד זענען זיי ביידע ווידער שטיין געבליבן און זיך אָנגעקוקט מיט פאַרשטאַרטע בליקן. דערנאָך האָט ער געזאָגט:

—איך האָב שוין אַמאָל געהאַט דאָס פאַרגניגן אייך צו זאָגן עטלעכע ווערטער וועגן מיין מעטאָד. איר פרעגט, פאַרוואָס איך דערצייל אויס דווקא די געהיימנישן מיינע, וואָס ברענגען מיר שאָדן און וועלכע איך וואָלט געדאַרפט האַלטן בסוד? ענטפער איך: דאָס איז פּאָליטיק, אויסגערעכנטקייט. איך טראַכט מיר ביי זיך, אַז פונדעסטוועגן מאַכט מיין אָפנהאַרציקייט פאָרט אַן איינדרוק אויף אייך, נישט געקוקט דערויף, וואָס איר לייקנט עס אָפּ. איך קאָן זיך יעדנפאַלס טראַכטן, אַז איר האָט אַ געוויסן דרך ארץ פאַר אַזאַ גרויזאַמע גלייכגילטיקייט, מיט וועלכער איך פּאַמעס זיך אַליין. אפשר האָב איך אַ טעות אין חשבון, דאָס קאָן זייער זיין; און איך קאָן גאָרנישט טון דערצו. אָבער אפילו ווען איך מאַך יאָ אַ טעות, איז אויך נישט קיין אומגליק; וואָרום פאַרלוירן זענט איר דאָך פאַר מיר סיי ווי סיי, האָב איך, הייסט עס, נישט וואָס איינצושטעלן. צו אַזאַ מדרגה קאָן מען קומען. דאָס איז די פאַרצווייפלונג. איך אַליין העלף אייך צו, מיך צו באַשולדיקן, און מאַך מיט מיינע אייגענע הענט פעסטער אייער באַשלוס, מיך צו פאַרטרייבן פון זיך. פאַרוואָס טו איך עס? ווייל עס איז מיר איבער דער טבע צו רעדן לטובת מיין פּערזאָן און דורך אַזאַ געמיינהייט צו געווינען עפּעס; איך וואָלט עס אויף מיין מויל נישט געקאָנט ברענגען. אָבער — וועט איר זאָגן — איך פּרוּוו דורך אומוועגן און דורך קאָמבינאַציע צו דערגרייכן דאָס, וואָס אַנדערע דערגרייכן אויפן גלייכן וועג? אַך ניין... איבעריקנס, ווייל איך זיך נישט ריינוואַשן. רופט עס הומבוג, שאַרלאַטאַנעריי; פאַרוואָס נישט,

דאָס איז דאָס ריכטיקע וואָרט דערפאַר; איך וויל נאָך אַליין צו־ לייגן, אַז דאָס איז דער נידעריקסטער שווינדל. גוט, ס'איז אַלזאָ הומבוג, און איך פאַרענטפער זיך גאָרנישט, איר זענט פולקאָם גע־ רעכט. מיין גאַנץ וועזן איז הומבוג. נו, איז אין יעדן מענטשן פאַראַן אַ קלענערע אָדער אַ גרעסערע שטיק הומבוג. איז וואָס זשע איז דאָ דער חילוק? איז דען איין סאָרט הומבוג נישט אַזוי גוט ווי דער אַנדערער, אויב אין תּוך גענומען איז אַלצדינג נישט מער ווי הומבוג?.. איך פיל, אַז איך הויב אָן אַריינצוקומען אין שטימונג און איך קאָן זיך שוין באַלד אַוועקלאָזן אויף אַ שטעקן רייטנדיק... אָבער ניין, דאָס וויל איך נישט, גאָט אין הימל איז מיין עדות, ווי איבערדריסיק ס'איז מיר אַלץ מיט אַן אַנדער! איך זאָג, וואָס גייט עס דיר אָן, לאָז עס לויפן! פונקט... נו, ווען וואָלט אַ שטייגער געקאָנט איינפאַלן אַזאַ זאַך, אַז ביי דאָקטאָר סטענערסען אין הויז איז עפּעס נישט ווי עס דאַרף צו זיין? איך זאָג אייך נישט, אַז דאָרט איז נישט ווי עס דאַרף צו זיין; דערפאַר טאַקע פרעג איך דאָך, צי קאָן ווער אויפן רעיון אַרויף עפּעס שלעכטס, ווען אָט דער געאַכטעטער פאַמיליע? עס זענען פאַראַן דאָרטן בלויז צוויי מענטשן אין הויז, מאַן און ווייב, נישט קיין קינדער, נישט קיין דאגות, און נישט געקוקט אויף דעם, איז אפשר פאַראַן אַ דריטער, איין גאָט אַליין ווייסט, אָבער אפשר איז פאָרט דאָ נאָך איינער, אחוץ מאַן און ווייב, אַ יונגער מענטש, אַן אינטימער היימישער פריינט אין שטוב, לאַנד־ ריכטער ריינערט. ווער קאָן וויסן, וואָס עס טוט זיך דאָ? אפשר איז די שולד אויף ביידע. מעגלעך, אַז דער דאָקטאָר ווייסט פון אַלצדינג און קאָן זיך גאָרנישט העלפן; איין זאַך ווייס איך, ער האָט די נאַכט שרעקלעך געטרונקען, און אַלץ איז אים געווען אַזוי גלייכגילטיק, די גאַנצע וועלט — אַז לויט זיין מיינונג האָט מען געדאַרפט אויסראָטן די גאַנצע מענטשהייט דורך בלוי זויערס; די ערד קאָן זיך ווייטער דרייען. אָרעמער מענטש!... אָבער ער איז נישט דער איינציקער, וואָס שטעקט ביז די קני אין הומבוג, אפילו ווען איך רעדן שוין אַראָפּ זיך — נאַגעלן — וואָס שטעקט אין דעם ביז איבערן בויך. אָט נעמען מיר אַ שטייגער מינוטן, אַ טייערע

נשמה, ערלעך ביז גאַר, אַ הייליקער! קיין שלעכט וואָרט קאָן מען אויף אים נישט זאָגן; נאָר איך; נאָר פונדעסטוועגן האָב איך אים אויפן אויג; איר זענט, אַפּנים, איבערראַשט דערפון, איך האָב אייך איבערגעשראָקן; דאָס האָב איך נישט געוואָלט, יעדנפאַלס, וועל איך אייך באַלד בארויקן און אייך זאָגן, אַז מי־נוטן וועט קיינער נישט אַראָפּפירן פון וועג, ער איז אַן אמת ער־לעבער מאַן. פאַרוואָס לאָז איך אים נישט אַרויס פון די אויגן? פאַרוואָס קוק איך אים נאָך ערגעץ פון אַ ווינקל צווײ אַ זייגער בײנאַכט, ווען ער גייט אַהיים פון אַן אומשולדיקן שפּאַציר? פאַר־וואָס שפּיאָניר איך אים נאָך פון הינטן און פון פאָרנט, בעת ער טראָגט אַרום זיינע זעק און גריסט זיך מיטן עולם אויף דער גאַס? צוליב גאָרנישט, מעגט איר מיר גלויבן. פּשוט, ער אינטערעסירט מיך, איך האַלט פון אים און עס פרייט מיך, וואָס איך קאָן אים אַוועקשטעלן ווי אַ ריינעם און ערלעכן מענטשן אינמיטן פון דעם דאָזיקן גאַנצן הומבוג. אָט דערפאַר טו איך עס, און געווים פאַר־שטייט איר מיר דאָך. העהעהע. אָבער לאָמיר בעסער רעדן פון זיך, אַך, ניין, ניין, איך וויל בשום אופן נישט רעדן פון זיך. פון אַלץ אין דער וועלט, נאָר נישט פון זיך!

אָט דער לעצטער אויסרוף איז געווען אַזוי עכט, אַזוי טרויעריק, אַז ער האָט גורם געווען, זי זאָל דערפילן צו אים מיטלייד. אין דער מינוט איז איר קלאָר געוואָרן, אַז זי האָט דאָ צו טון מיט אַ געפּייניקטער צעריסענער נשמה. אָבער ער האָט זיך מיט אַלע כּוחות באַמיט צו פאַרטושן אָט דעם איינדרוק און אַרויסגעשאָסן מיט אַ גרויס הילכיק געלעכטער; ער האָט נאָכאַמאָל געשווירן, אַז אַלצדינג איז נישט מער ווי הומבוג. אירע פריינטלעכע געפילן זענען מיטאַמאָל פאַרשוונדן, און מיט אַ שאַרפן טאָן האָט זי געזאָגט:

— איר האָט געלאָזט פאַלן עטלעכע אָנצוהערענישן וועגן פרוי סטענערסען, וואָס האָבן נישט געדאַרפט זיין אפילו אַ העלפט שווער, כּדי אייך צו מאַכן געמיין. איבער מינוטן אַן אָרעמען קאַ־ליקע זענט איר אויך געוואָרן אַ ריכטער. דאָס איז באמת געווען אַזוי מיאוס פון אייך, אַזוי געמיין!

זי האָט ווידער אָנגעהויבן גיין שנעל, און ער איז מיטגע־
גאנגען. ער האָט גאָרנישט געענטפערט, ער איז געגאנגען מיט אַן
אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. אַ פּאָר מאָל האָבן זיינע אַקסלען אַ ציטער
געטון, און צו איר גרעסטער איבערראַשונג האָט זי באַמערקט,
ווי צוויי גרויסע טרערן האָבן זיך אים אַראָפּגעקייקלט איבערן
פּנים. ער האָט זיך אויסגעדרייט און גענומען פּייפן צו אַ קליין
פייגעלע, כדי זי זאָל נישט זען.

אַ פּאָר מינוט זענען זיי אַזוי געגאַנגען, נישט אויסרעדנדיק
קיין וואָרט. זי איז געווען גערירט און האָט שטאַרק חרטה געהאַט
אויף אירע שאַרפע ווערטער. אפשר האָט ער גאָר רעכט, וואָס
ער זאָגט; וואָס קאָן זי וויסן? איין גאָט קאָן וויסן, צי האָט אָט
דער מענטש נישט געזען מער אין איין וואָך, ווי זי אין יאָרן.

זיי זענען געגאַנגען נאָך אַלץ שווייגנדיק. ער איז שוין ווי־
דער געווען אינגאַנצן רויק און זיך גלייכגילטיק געשפּילט מיט זיין
מאַשנטיכל. אין עטלעכע מינוט אַרום וואָלטן זיי שוין געווען ביים
פּאַסטאָרס הויף.

און פּלוצלינג רופט זי זיך אָפּ:

— איז אייער האַנט שטאַרק פאַרוווּנדעט? קאָן איך זען?

זיין גאַנצע ליידנשאַפט האָט זיך ערשט פּלוצלינג צעשפּילט
אין אים. אין דער רגע, ווען זי איז געשטאַנען אַזוי נאָענט נעבן
אים, מיטן קאָפּ אָנגעבויגן איבער זיין האַנט, אַזוי אַז ער האָט
געשפּירט דעם ריח פון איר האַלז און פון אירע האָר, און קיי־
נער פון זיי האָט קיין איין וואָרט נישט אויסגערעדט, האָט זיך
זיין ליבשאַפט פאַנאַנדערגעבראָכן ביז משוגעת; ער האָט זי צוגע־
דריקט צו זיך, צום ערשטן מיט איין אָרעם, און דאַן, אַז זי האָט
זיך געווערט, אויך מיטן אַנדערן אָרעם; ער האָט זי אַ שפּאַרע
ווילע צוגעדריקט צו זיין ברוסט און זי כמעט אויפגעהויבן פון
דער ערד. ער האָט געפילט, ווי איר רוקן האָט זיך אויסגעבויגן
און אַז זי האָט זיך אויפגעהערט צו ווערן. שווער און זיס איז זי
געלעגן ביי אים אין די אָרעמס, און אירע אויגן האָבן האַלב־פאַר־
שלייערטע אַרויפגעקוקט צו אים. ער האָט גערעדט צו איר. ער
האָט איר געזאָגט, אַז זי איז הערליך, הערליך, און אַז ביז דער

לעצטער מינוט פון זיין לעבן וועט זי בלייבן זיין טייערסטע ליבע. איינער איז שוין געשטאָרבן צוליב איר, יאָ, ער וועט עס אויך טון, אויף דעם מינדסטן ווונק אירן, אויף איין וואָרט. אַך, ווי שטאַרק ער האָט זי ליב! און ער האָט געהאַלטן אין איבערחזרן, איך ליב דיך! איך ליב דיך, מיין געליבטע!

זי האָט זיך מער נישט געווערט, איר קאָפּ האָט זיך אַביסל איבערגעבויגן איבער זיין לינקן אָרעם, און ער האָט זי געקושט מיט ברענענדיקע ליפּן, מיט קורצע הפסקות, איבערגעשלאָגן בלויז פון די צערטלעכסטע ווערטער. ער האָט גאַנץ דייטלעך געפילט, ווי זי האָט זיך אַליין צוגעטוליעט צו אים, און בעת ער האָט זי געקושט, האָט זי נאָך פעסטער צוגעמאַכט די אויגן.

— איך וואַרט אויף דיר מאָרגן ביים בוים, דו געדענקסט דאָך נאָך דעם עספּן-בוים; קום, איך האָב דיך ליב, דו רייצנדע דאַגני! דו וועסט קומען? קום, אויב דו ווילסט, זיבן אַ זייגער.

זי האָט נישט געענטפערט. זי האָט בלויז געזאָגט:

— לאָזט מיך איצט אָפּ!

און זי האָט זיך פּאַמעלעך אַרויסגעמאַכט פון זיינע אָרעמס.

אַ רגע איז זי געבליבן שטיין און האָט זיך אומגעקוקט; איר געזיכט האָט וואָס אַמאָל מער באַקומען אַן אויסדרוק פון צעטומלטקייט, לסוף איז אַדורך אַ ציטער אַרום איר מויל, און זי איז קוים צו צו אַ שטיין, וואָס איז געלעגן ביים וועג און זיך אַוועקגעזעצט אויף אים. זי האָט זיך צעוויינט.

ער האָט זיך איבערגעבויגן איבער איר און גערעדט שטילערהייט, ס'האָט געדויערט עטלעכע מינוט. פּלוצלינג שפּרינגט זי אויף מיט צענויפגעדריקטע פויסטן, דאָס פּנים בלייך פאַר אויפרעגונג; זי דריקט צו די הענט צום ברוסט און זאָגט אויסער זיך פאַר כעס:

— איר זענט אַ נידעריקער מענטש, אָ, גאָט, ווי נידעריק איר זענט! אָבער איר אַליין פילט עס אפשר גאָרנישט. ניין, ווי האָט איר געקאָנט, ווי האָט איר עס געקאָנט טון!

און זי האָט ווידער אָנגעהויבן וויינען.

ער האָט זי ווידער געפּרוווט באַרויקן אָבער אָן ערפאָלג;

א האלבע שעה זענען זיי געשטאנען ביים שטיין אויפן מיטן וועג און נישט געגאנגען ווייטער.

— איר האט אפילו געוואלט, איך זאל זיך ווידער טרעפן מיט אייך, — האט זי געזאגט — אבער איך וועל מער נישט קומען. איך וויל אייך מער פאר די אויגן נישט אנזען. איר זענט אן אויסוואורף!

ער האט זיך געבעטן ביי איר, זיך געווארפן איר צו די פיס און געקושט איר קלייד; אבער זי האט געטענהט אין איין קול, אז ער איז אן אויסוואורף און אז ער האט זיך אויפגעפירט געמיין. וואס האט ער געטון מיט איר? אוועק! אוועק! זאל ער זיך נישט דערוועגן צו גיין מיט איר, אפילו קיין איין טריט נישט! און זי האט זיך געלאזט אהיים.

אבער ער האט איר פארט געוואלט נאכגיין; נאר זי האט אים מיט כעס א מאך געטון מיט דער האנט און געזאגט:

— איר זעט מיר נישט נאכגיין!

ער האט זיך אפגעשטעלט און איר נאכגעקוקט א צען צוואנציק טריט. פלוצלינג דרוקט ער צענויף די פויסטן און לויפט איר נאך, נישט געקוקט אויף איר פארזאג, לויפט ער איר נאך און צווינגט זי ווידער זיך אפצושטעלן.

— איך וועל אייך קיין שלעכטס נישט טון, — האט ער געזאגט — נאר האט דאך אביסל מיטלייד מיט מיר! אט ווי איר זעט מיך שטיין פאר אייך, בין איך גרייט זיך א מעשה אנצוטון, כדי אייך צו באפרייען פון מיר; איר דארפט בלויז זאגן איין ווארט. און דאס אייגענע וואלט איך אייך מארגן אויך געזאגט, ווען איך זע זיך נאר מיט אייך. אבער איר קאנט מיר שענקען אט דעם רחמנות, צו זיין גערעכט קעגן זיך אליין. איר מוזט פארשטיין, אז איך ווער באהערשט פון א מאכט, וואס קומט פון אייך, וואס איך קאן נישט בייקומען; און ס'איז דאך נישט אינגאנצן מיין שולד, וואס איך האב אייך דא געטראפן אויף מיין וועג. זאל גאט געבן, איר זאלט קיינמאל נישט וויסן פון אזא פיין, ווי דעם וואס איך לעב איצט איבער.

דעמאלט האט ער זיך אויסגעדרייט און אוועקגעגאנגען.

די שטאַרקע אַקסלען אויפֿן קליינעם גוף האָבן זיך בסדר באַוועגט אַרויף און אַראָפּ, בעת ער איז געגאַנגען אויפֿן וועג; ער האָט קיינעם נישט געזען פֿון די פֿאַרבייגייער, האָט קיינעם נישט דערקענט און איז קוים געקומען צו זיך, ווען ער איז דורכגעלאָפֿן די גאַנצע שטאָט און איז געשטאַנען פֿאַר די טרעפּלעך פֿינם האָטעל.

XV

די צוויי, דריי טעג נאָכדעם איז נאַגעל נישט געווען אין שטאָט, ער האָט געמאַכט אַ רייזע מיט דער דאַמפֿ-שיף, און זיין צימער אין האָטעל איז געווען פֿאַרשלאָסן. קיינער האָט נישט געוווּסט, ווו ער איז אַהינגעקומען; אָבער ער איז אַרויף אויף אַ שיף, וואָס איז געגאַנגען ווייטער צו צפֿון. און מסתמא בלויז בדעה געהאַט צו מאַכן אַ שפּאַציר.

אין איין פֿרימאָרגן איז ער געקומען צוריק, בעת די גאַנצע שטאָט איז נאָך געשלאָפֿן; ער האָט אויסגעזען מיד און בלייך. דאָך איז ער נישט אַרויף באַלד צו זיך אין האָטעל, נאָר אַרומגעגאַנגען אַ ווײַלע הין און צוריק אויפֿן ברעג; דערנאָך האָט ער זיך אומגעריכט אויסגעדרייט און איז צוגעגאַנגען צו דער אינעווייניקסטער בודקע, ווו דער רויך פֿון קוימען אין דער דאַמפֿ-מיל האָט גראָד אָנגעהויבן צו שטייגן!

ער איז נישט געגאַנגען ווייט. ס'איז קענטיק געווען, אַז ער דרייט זיך נאָר אַרום דאָ, בכדי צו פּטרן אַ פּאָר שעה. אַז אויפֿן מאַרק איז געוואָרן אַביסל לעבעדיקער, איז ער שוין דאָרט געווען. ער איז געשטאַנען ביים ווינקל פֿון פּאָסט און זיך אויפֿמערקזאַם צוגעקוקט צו יעדן דורכגייער, און ווי גיך ער האָט דערזען מאַרטאַ גודעס גרין קלייד, איז ער צוגעגאַנגען און זיך פֿאַרנייגט פֿאַר איר.

ער בעט אַנטשולדיקונג; זי האָט אים שוין אפשר פֿאַרגעסן? זיין נאָמען איז נאַגעל; ער האָט עס געהאַט געוואָלט קויפֿן

ביי איר דעם שטול, דעם אַלטן שטול. זי האָט אים שוין אפשר פאַרקויפט?

ניין, זי האָט נישט פאַרקויפט.

נו, און מסתמא איז דאָך קיינער נישט געווען ביי איר און איר אָנגעבאָטן מער? ס'איז דאָך נישט געקומען קיין אנדער בעל אויף אים?

אָה יאָ. אָבער...

— וואָס? אין דער אמתן? עס זענען אנדערע אויך געווען? וואָס זאָגט איר? אַ דאַמע? יאָ, אָט די פאַרשאָלטענע ווייבער; אומעטום מוזן זיי אַריינשטעקן די נאָז! זי האָט אוודאי געמוזט הערן וועגן אָט דעם זעלטענעם שטול, און זי וויל אים שוין האָבן. יאָ, אַזוי זענען זיי שוין, די פרויען, אָבער וואָס האָט זי פאַרגעלייגט פאַר אים? ווי הויך איז זי געגאַנגען? איך זאָג אייך, אַז איך וועל דעם שטול פאַר קיין געלט נישט אָפּלאָזן! דער טייוול זאָל מיך נעמען, אויב איך וועל עס טון!

מאַרטאַ האָט זיך דערשראָקן פאַר זיין בייזקייט, און זי האָט זיך באַלד אָפּגערופן:

— ניין, ניין, איר וועט אים האָבן מיטן גרעסטן פאַרגעניגן.

— קאָן איך, הייסט עס, קומען היינט אָוונט, אַרום אַכט אַ זייגער און ענדיקן דעם ענין?

יאָ, געוויס קאָן ער עס. אָבער צי וואָלט נישט געווען גלייכער, זי זאָל אים אַרויפשיקן דעם שטול אין האָטעל אַריין? דאָס וואָלט דאָך געווען אָפּגעטון אַן עסק.

ניין, בשום אופן נישט. דאָס ערלויבט ער נישט אויף קיין שום פאַל נישט. אַזאַ זאַך מוז באַהאַנדלט ווערן פאָרזיכטיק און דורך געניטע הענט; אָפּן גערעדט, ער וויל נישט אפילו, אַז עמעצער אַ פרעמדער זאָל אים אָנקוקן, דעם שטול. פונקט אַכט אַ זייגער וועט ער דאָרט זיין, יאָ, גוט וואָס ער האָט זיך דער־מאָנט; קיין בערשטל, קיין וואַשעריי, זאָל גאָט אָפּהיטן, קיין איין טראָפּן וואַסער!..

נאַגעל איז גלייך אַוועק אין האָטעל, ווו ער האָט זיך אַ

וואָרף געטון אין אָנטון אויפן בעט און איז מיט איין צי אָפּגעשלאָפן ביז נאַכט.

און אַזוי שנעל ווי ער האָט אָפּגעגעסן אָוונט-ברויט, איז ער תּיכּף אַראָפּ צום ברעג, צו מאַרטאַ גודעס קליין הייזל. ס'איז געווען אַכט דער זייגער; ער האָט אָנגעקלאַפּט און איז אַריין.

ס'איז קענטיק געווען, אַז דאָס צימער איז נאָר וואָס גערייניקט געוואָרן, דער דיל איז געווען ריין, און די שויבן אָפּגעפּוצט; זי אַליין האָט זיך אַפילו אָנגעטון אַ שנירל פּערל אַרום האַלז. ס'איז געווען קלאָר, אַז זי האָט זיך געריכט אויף אים.

ער האָט זי באַגריסט, זיך אַנידערגעזעצט און גלייך צוגעטרעטן צום עסק. זי האָט נאָך איצט אויך בשום אופן נישט געוואָלט נאָכגעבן. פאַרקערט, זי איז נאָך געווען שטאַרקער איינגעעקשנט, און נישט אַנדערש נאָר געוואָלט אַוועקגעבן אים דעם שטול אומזיסט. לסוף האָט ער געמאַכט אַ בייזע מינע און איר געזאָגט, אַז ער וועט איר אַ וואָרף טון פינף הונדערט קראָן אין פּנים אַריין און אַנטלויפן מיטן שטול, יאָ, זי האָט עס באמת פאַרדינט! ער האָט נאָך אין לעבן נישט געזען אַזאַ מין קינדערשקייט, און אַ קלאַפּ טוענדיק אין טיש, האָט ער געפרעגט, צי זי איז נישט פון זינען אַראָפּ.

— ווייסט איר גאָר וואָס, — האָט ער געזאָגט און אַריינגעקוקט איר שאַרף אין פּנים אַריין - אייער עקשנות הויבט מיר באמת נישט אָן געפעלן צו ווערן. זאָגט מיר נאָר אויפריכטיק: האָט איר דעם שטול געקראָגן אויף אַן ערלעכן אופן? יאָ, וואָרום לאָמיך אייך זאָגן, אַז איך האָב צו טון מיט אַלערליי מענטשן, און מ'קאָן קיינמאָל נישט זיין גענוג פאָרזיכטיק. אויב דער שטול איז אַריינגעפאַלן צו אייך אין די הענט אַריין אויף עפּעס אַן אומערלעכן אָדער צווייפלהאַפטן אופן, וועל איך זיך גאָרנישט צורירן צו אים. אגב, בעט איך אייך, איר זאָלט נישט האָבן פאַריבל אויף מיר, וואָס איך קאָן בשום אופן נישט פאַרשטיין אייער עקשנות, וואָס איר זאָגט זיך אָפּ צו נעמען געלט פאַר אים.

און מיט אַלערליי שבועות האָט ער זי באַשווירן צו זאָגן אים דעם אמת.

צעטומלט פון אַזאַ חשד, האַלב דערשראָקן און האַלב באַליידיקט, האָט זי זיך תיכּף גענומען פאַרענטפערן: דעם שטול האָט דער זיידע געבראַכט אַהיים, און זינט דאַן איז ער שוין אין דער פאַמיליע אפשר הונדערט יאָר; ער מעג איר גלויבן, אַז זי זאָגט דעם ריינעם אמת, אַז זי באַהאַלט דאָ קיין זאַך נישט פון אים. די טרערן האָבן זיך איר געשטעלט אין די אויגן

גוט, אויב אַזוי, וויל ער טאַקע מאַכן אַ סוף צו דער גאַנצער פּלוידעריי, אַ סוף דערמיט! ער האָט אַרויסגענומען דעם בריוו-טאַש.

זי האָט געמאַכט אַ טריט צו אים, ווידער נישט צו לאָזן אים אַרויסנעמען דאָס געלט; אָבער ער האָט נישט געקוקט אויף קיין שום זאַך, אַוועקגעלייגט די צוויי רויטע באַנקנאָטן אויפן טיש און צוריק פאַרמאַכט דעם בריוו-טאַש.

— ביטע. — האָט ער געזאָגט.

— גיט מיר מערסטנס נאָר פופציק קראָן! — האָט זי זיך געבעטן. און אין דער מינוט האָט זי איינפאַך נישט געוווּסט, וואָס צו טון; זי איז געווען אַזוי צעטומלט, אַז זי האָט אים בשעת מעשה צוויי מאָל געגלעט איבער די האָר, אַבי ער זאָל איר נאָכגעבן. זי האָט כמעט אַליין נישט געוווּסט, וואָס זי טוט; זי האָט אים געגלעט איבער די האָר און ווידער געבעטן אים, ער זאָל איר געבן בלויז פופציק קראָן. און ביי אָט דער אויסטערלישער פרוי זענען טרערן געשטאַנען אין די אויגן.

ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און איר אָנגעקוקט. אָט די אָרעמע פרוי, מיט די ווייסע האָר, אַ מיידל פון פערציק יאָר, מיט שוואַרצע נאָך גליענדיקע אויגן, און וואָס האָט אים דאָך מיט איר וועזן דערמאָנט אָן אַ נאָנע, אָט די אייגנאַרטיקע זעלטענע שיינקייט האָט געווירקט אויף אים און האָט אים אַ ווילע צעמישט. ער האָט אָנגענומען איר האַנט, אַ גלעט געטון און געזאָגט:

— גאָט, ווי שיין איר זענט, און ווי ליב!

אָבער ער האָט זיך תיכּף אויפגעהויבן און אָפּגעלאָזט איר האַנט.

— איך האָף, אַלזאָ, אַז איר האָט גאָרנישט קעגן דעם, אַז

איך זאָל דעם שטול באַלד מיטנעמען מיט זיך?

און ער האָט גענומען דעם שטול אין דער האַנט.

ס'איז קענטיק געווען, אַז איצט שרעקט זי זיך שוין נישט פאַר אים; ווען זי האָט באַמערקט, אַז ער האָט זיך איינגעריכט די האַנט צוליב דעם, וואָס ער האָט זיך צוגערירט צו דעם אַלטן פאַרשטויבטן שטול, האָט זי זיך ווליך געכאַפּט צו דער קעשענע און אים געוואָלט געבן איר טאַשנטיכל, זיך אָפּצווישן.

דאָס געלט איז נאָך געלעגן אויפן טיש.

— יאָ, וואָס האָב איך געוואָלט זאָגן? — האָט ער געזאָגט. — איך בעט אייך זייער, צי וואָלט נישט געווען צום גלייכסטן, ווען איר האַלט די געשיכטע מיט דעם דאָזיקן מסחר, ווי ווייט מעגלעך, פאַר זיך? ס'האָט דאָך נישט קיין שום זין, אַז די גאַנצע שטאָט זאָל וויסן דערפון, נישט אמת?

— יאָ. — האָט זי געענטפערט פאַרטראַכטערהייט.

— איך אויף אייער אָרט וואָלט דאָס געלט באַהאַלטן. אָדער איך וואָלט פריער מיט וואָס עס איז פאַרהאַנגען דעם פענסטער. נעמט דאָרט דאָס קלייד.

— וועט נישט זיין צו פינסטער? — האָט זי געזאָגט. פונדעסטוועגן האָט זי גענומען דאָס קלייד און עס אויפגעהאָנגען און ער האָט איר געהאָלפן דערביי.

— דאָס האָבן מיר, אייגנטלעך, געדאַרפט טון באַלד ווי איך בין געקומען, — האָט ער געזאָגט — עס קאָן קיין גוטס נישט אַרויסקומען דערפון, ווען מ'זאָל מיך זען דאָ ביי אייך.

זי האָט גאָרנישט געענטפערט; זי האָט צוגענומען דאָס געלט פון טיש, האָט אים דערלאַנגט די האַנט און עפּעס געמורמלט מיט די ליפּן, אָבער זי האָט קיין וואָרט נישט אַרויסגעבראַכט.

בשעת ער איז אַזוי געשטאַנען און געהאַלטן איר האַנט, זאָגט ער פלוצלינג:

— הערט אויס, דערלויבט מיר צו פרעגן: עס איז אייך, מסתמא, נישט אַזוי גרינג זיך דורכצושלאָגן, איך מיין אָן הילף,

אַן אונטערשטיצונג... יאָ, אָבער אפשר באַקומט איר ערגעץ אַ קליינע אונטערשטיצונג.

— יאָ.

— נעמט נישט פאַר אומגוט, טייערע, וואָס איך פרעג אייך: ס'איז מיר בלויז איינגעפאַלן, אַז ווען מ'זאָל זיך דערוויסן, אַז איר האָט ביי זיך געלט, איז נישט נאָר וואָס איר וועט אויפהערן צו באַקומען די שטיצע, מ'וועט פשוט צונעמען ביי אייך דאָס געלט, פשוט צונעמען ביי איי. דעריבער איז גלייבער, אַז קיינער זאָל נישט וויסן פון אונזער געשעפט; איר פאַרשטייט, וואָס איך זאָג? איך ראָט אייך בלויז, ווי אַ פּראַקטישער מענטש, זאָגט קיינעם נישט, אַז מיר האָבן געמאַכט דאָס דאָזיקע געשעפט... אגב, מיין איך, אַז ס'וואָלט גלייבער געווען אייך צו געבן קלענערע מטבעות, כדי איר זאָלט נישט דאַרפן טוישן.

ער רעכנט אַלצדינג אויס, יעדע קלייניקייט, יעדע צופעליקייט, ער זעצט זיך ווידער און ציילט אויס די קלענערע באַנקנאָטן. ער ציילט נישט ריכטיק, גיט איר אַוועק דאָס גאַנצע קליינע פּאַפּיר-געלט, וואָס ער האָט, אָן שום חשבון, נעמט און וויקלט עס איין אין אַ הויפן.

— נו, באַהאַלט זשע. — זאָגט ער.

און זי דרייט זיך אויס, שפּיליעט אויף דאָס לייבל און באַהאַלט דאָס געלט אויף דער ברוסט.

נאָר אַז דאָס אַלץ איז שוין אָפּגעטון, הויבט ער זיך נאָך אַלץ נישט אויף, ער בלייבט זיצן און זאָגט בלומרשם צופעליק.

— וואָס האָב איך געוואָלט זאָגן, איר קענט זיך אפשר מיט מינוטן?

און ער האָט באַמערקט, אַז איר געזיכט איז רויט געוואָרן ווי פייער.

— איך האָב זיך מיט אים עטלעכע מאָל געטראָפן, — זאָגט נאַגעל — איך האַלט פון אים זייער, ער איז זיכער ריין ווי גאָלד. איך האָב אים געבעטן, ער זאָל מיר שאַפן ערגעץ אַ פידל און ער וועט עס אוודאי טון, ווי מיינט איר? אָבער אפשר קענט איר אים גאָרנישט?

— אָ, יאָ, איך קען אים.

— אָך, יאָ, ריכטיק, ער האָט מיר דערציילט, אז ער האָט ביי אייך געקויפט עטלעכע בלומען צו אַ לוויה, קאַרלסענס לוויה. זאָגט מיר, אפשר קענט איר זיך גוט מיט אים? וואָס טראַכט איר וועגן אים? איר מיינט דאָך על כל פנים, אז מען קאָן זיך אויף אים פאַרלאָזן, אז ער וועט מיר שאַפן דעם פידל? ווען מ'האָט צו טון, ווי איך, מיט אזוי פיל מענטשן, מוז מיין אמאָל נאָכפרעגן אויף עמעצן. איך האָב אמאָל געהאַט אַ היזק פון אַ שפּאַרע סומע געלט צוליב דעם, וואָס איך האָב זיך בלינדערהייט פאַרלאָזט אויף אַ מענטשן, וואָס כ'האָב זיך נישט נאָכגעפרעגט אויף אים פריער. דאָס איז געווען אין האַמבורג

און אליין נישט וויסנדיק צוליב וואָס פאַרא סיבה, האָט איר נאַגעל דערציילט די גאַנצע מעשה וועגן דעם מענטשן, צוליב וועלכן ער האָט היזק געהאַט געלט. מאַרטאַ שטייט נאָך אלץ קעגן אים אָנגעשפּאַרט אָן טיש. זי איז אומרויק. לסוף זאָגט זי אויפגערעגט:

— ניין, ניין, רעדט נישט אויף אים.

— אויף וועמען זאָל איך נישט רעדן?

— אויף יאָהאַנעסן, אויף מינוטן.

— מינוט הייסט יאָהאַנעס?

— יאָ, יאָהאַנעס.

— הייסט ער באמת יאָהאַנעס?

— יאָ.

נאַגעל שווייגט. אָט די איינפאַכע דערקלערונג, אז מינוט הייסט יאָהאַנעס, גיט אַ שטויס זיינע געדאַנקען און פאַרענדערט אפילו אויף אַ רגע דעם אויסדרוק אויף זיין פּנים. אַ ווײַלע זיצט ער נישט אַרויסרעדנדיק קיין וואָרט. דערנאָך פרעגט ער

— און פאַרוואָס רופט איר אים יאָהאַנעס, נישט גרעגאַרד, נישט מינוט.

זי לאָזט אַראָפּ די אויגן און ענטפערט מיט פאַרלעגנהייט:

— מיר קענען זיך פון קינדווייז אָן...

פּויזע.

דערנאָך זאָגט נאַגעל האַלב אין ווִיץ און אויפן העכסטן גראַד גלייכגילטיק:

— ווייסט איר, וואָס פאַר אַן איינדרוק ס'האָט געמאַכט אויף מיר? אַז מינוט מוז זיין שטאַרק פאַרליבט אין אייך. יאָ, איך פאַרזיכער אייך, דאָס איז מיר באמת באַלד איינגעפאַלן. און ס'איז מיר נישט אַזאַ ווונדער, כאָטש פון דער אַנדערער זייט מוז איך צוגעבן, אַז פון מינוטן איז עס שוין אַביסל צו דרייסט. נישט אמת? ערשטנס, איז ער שוין נישט קיין יונגערמאַן, און חוץ דעם איז ער דאָך אַ קאַליקע. אָבער די פרויען זענען צייטנווייז גאָרנישט צו פאַרשטיין; אַז ס'קומט זיי אָן דער קאַפּריז, וואַרפן זיי זיך פשוט אַוועק און גיבן זיך אָפּ מיטן פרייען ווילן, מיט פרייד, מיט אַנטציקונג צום ערשטן בעסטן. העהעהע, אַזוי זענען זיי שוין די פרויען! אין יאָר 1886 בין איך געווען אַן עדות פון אַ מאָדנער געשיכטע: מיינס אַ באַקאַנטע, אַ יונגע דאַמע, האָט גאַנץ פשוט גענומען און חתונה געהאַט מיטן טאַטנס משרתל. איך וועל עס קיינמאָל נישט פאַרגעסן. ער איז געווען אַ שיק יינגל אין געשעפט, נאָך אַ קינד, זעכצן זיבעצן יאָר אַלט. אָן אַ סימן פון אַ באָרד; אָבער אַ שיינער איז ער געווען, יאָ, אַן אויסערגעוויינלעך שיינער, דאָס מוז מען מודה זיין. און אויף אָט דעם יונגן קינד האָט זי זיך אַרויפגעוואָרפן מיט אַ ברענענדיקער ליבע און איז אַוועק מיט אים קיין אויסלאַנד. אין אַ האַלב יאָר אַרום — זי איז דאָ צוריק, און אוים ליבע. יאָ, איז עס נישט טרויעריק? אָבער די ליבע איז אַוועק. מילא, האָט זי אַ פּאָר חדשים זיך געלאַנגווייליקט צום טויט, פאַרהייראַט איז זי געווען, אין דעם פּרט איז זי געווען אין אָרדנונג; אָבער וואָס האָט זי פּאָרט געזאָלט טון; האָט זי גענומען קלאַפּן אין טיש און זיך אויסלאַכן פון דער גאַנצער וועלט; זי ווערט אויסגעלאַסן, שלעפּט זיך אַרום מיט סטודענטן און משרתים און ענדיקט דערמיט, וואָס זי קריגט דעם צונאָמען „La Glu“. ס'האָט געריסן דאָס האַרץ אַ קוק צו טון אויף איר! אָבער זי נעמט און פאַרחידושט ווידער דעם עולם; נאָכדעם, ווי זי האָט זיך אַ פּאָר יאָר נאָכאַנאַנד אַמוזירט אויף אַזאַ פיינעם אופן, הויבט זי אָן אין אַ שיינעם טאָג פון דער העלער הויט שרייבן דערציי-

לונגען. זי ווערט אַ שריפטשטעלערין, און מ'האָט געשמועסט, אַז זי האָט אַ גרויסן טאַלאַנט. זי האָט פאַרמאָגט אַ שטאַרקן חשק צום לערנען; אָט די צוויי יאָר, וואָס זי האָט פאַרבראַכט צווישן סטודענטן און אָנגעשטעלטע, האָבן זי זייער שטאַרק אַנטוויקלט. און זי האָט זיך אויסגעלערנט די קונץ פון שרייבן. פון דאַן אָן האָט זי געשריבן די אויסגעצייכנסטע זאַכן. דאָס איז געווען אַ טייוול פון אַ פרוי!... יאָ, אַזוי זענט איר דאָך אַלע, איר פרויען. יאָ, איר לאַכט, אָבער איר קאָנט עס פונדעסטוועגן נישט אָפּלייקענען; אַ משרתל פון זיבעצן יאָר קאָן אייך אינגאַנצן אַראָפּפירן פון זינען. איך בין זיכער אין דעם, אַז מינוט אפילו וואָלט אויך נישט געדאַרפט אָפּלעבן זיין וועלטל אַליין, ווען ער זאָל זיך נאָר באַמיען, ווען ער נעמט זיך נאָר דערצו ווי ס'דאַרף צו זיין. אין אים איז פאַראַן אַזעלכעס, וואָס קאָן מאַכן אפילו אַן איינדרוק אויף מענער, יאָ, וואָס מאַכט אויף מיר אַ באַזונדערן איינדרוק; זיין האַרץ איז ריין ווי גאָלד, און קיין פאַלש וואָרט גייט אים קיינמאָל פון מויל נישט אַרויס. נישט אמת, זאָגט איר אַליין, איר קענט דאָך אים דורך און דורך, איז עס נישט אַזוי? אָבער וואָס קאָן מען, אַ שטיינער, זאָגן וועגן זיין פעטער, דעם קוילנהענדלער? אַן גלטער תרח, שטעל איך מיר פאָר, און אומסימפּאַטישער פאַרשוין. מיר קומט פאָר, אַז, אייגנטלעך, מוז מינוט אַליין אויפהאַלטן דאָס גאַנצע געשעפט. און כ'שטעל מיר די פראַגע: פאַרוואָס זאָל ער נישט קאָנען אויפהאַלטן זיין אייגן געשעפט? בקיצור, מינוט איז צו יעדער צייט, ווען ס'זאָל נישט נויטיק זיין, פעיק צו דערנערן אַ פאַמיליע... איר שאָקלט מיטן קאָפּ?

— ניין, איך האָב נישט געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— נו, איר ווערט שוין, זע איך, אומגעדולדיק. און ס'האָט זיך אייך שוין צוגעגעסן צו הערן די דאָזיקע ניין מאָס רייד וועגן אַ מענטשן, וואָס גייט אייך אפשר גאָרנישט אָן, און איר זענט גאַנץ גערעכט... הערט אויס, ס'איז מיר גראָד איינגעפאַלן, אָבער איר דאַרפט נישט זיין בייז אויף מיר, איך בין נאָר אויסן אייער טובה, איר מוזט זען גוט פאַרשליסן די טיר אויף ביינאַכט. איר קוקט מיך אָן מיט אַזעלכע צעשראָקענע אויגן; האָט נישט קיין

מורא, טייערע, און זייט מיר נישט חושד אין קיין שום זאך. איך וואלט אייך נאר געראטן ווי דאס בעסטע; בפרט איצט, ווען איר האט געלט ביי זיך, דארפט איר קיינעם נישט געטרויען. אמת, איך האב נישט געהערט ביז איצט עפעס, אז מ'זאל דא אין שטאט נישט זיין זיכער פון גנבים; אבער ס'שאדט נישט, אז מ'איז פארזיכטיק. ערום צוויי א זייגער ביינאכט איז דאך דא גאנץ פינ־סטער אין דער געגנט, און גראד ערום צוויי האב איך געהערט א פארדעכטיק גערויש ביים פענסטער. יא, יא, איר זענט דאך נישט אין כעס, וואס איך האב אייך געגעבן די עצה?... נו, אדיע! עס טוט מיר שטארק הנאה, וואס מיר האט זיך ענדלעך איינגעגעבן צו באקומען ביי אייך דעם שטול. אדיע, טייערע!

ביי דעם האט ער איר געדריקט די האנט. ער איז שוין געווען ביי דער טיר, האט ער זיך צוריק אומגעקערט און געזאגט:

— הערט, צום בעסטן וועט זיין, ווען איר וועט זאגן, אז איך האב אייך געגעבן א פאר קראן פארן שטול. אבער נישט מער, קיין איין שילינג נישט מער. אנישט וועט מען ביי אייך צו־נעמען דאס גאנצע געלט; געדענקט, וואס איך זאג אייך. נישט אמת, איך קאן מיך פארלאזן אויף דעם?

— יא. — האט זי געזאגט

ער איז אוועק און מיטגענומען מיט זיך דעם שטול. ער האט געשטראלט פאר פרייד, ער האט געלאכט שטיל אין זיך און אויפן קול, ווי ער וואלט דא אפגעטון מי יודע וואס.

— גאט אין הימל, ווי פריילעך זי איז ערשט! — האט ער לוס־טיק געזאגט — העהע, פאר גרויס שמחה איבער איר עשירות וועט זי אוודאי נישט קאנען היינט ביינאכט איינשלאפן!...

אז ער איז געקומען אהיים, איז מינוט געזעסן און געווארט אויף אים.

מינוט איז געקומען פון דער פראבע און האט געהאט א פאק מיט אפישן אונטערן ארעם. יא, די לעבעדיקע בילדער, ווען זיך, ווייזט אויס, זייער גוט איינגעבן; זיי וועלן פארשטעלן סצענעס פון דער געשיכטע, און אין א פארשידנפארביקן ליכט; ער אליין וועט זיין א סטאטיסט

ווען הויבט זיך אָן די פייערונג?

מ'וועט איר עפענען דאַנערשטיק, דעם ניינטן יולי, אין דעם קעניגס געבורטס-טאָג. אָבער מינוט וועט שוין היינט אויסקלייבן אומעטום אפישן, מ'האָט זאָגאר געקראָגן א דערלויבעניש אויסצוקלעבן אויפן טויער פון בית עולם... איבעריקנס, איז ער געקומען געבן אָן ענטפער וועגן דעם פידל. עס איז אים אוממעגלעך צו באַקומען. אין דער גאַנצער שטאָט איז פאראן איין פידל, וואָס מ'קאָן אויף איר שפּילן, און זי געהערט צום אָרגאַניסט, אָבער ער דאַרף זי אַליין האָבן אויף די פייערונגען. ער וועט שפּילן א פּאָר נומערן.

נו, קאָן מען דאָך גאָרנישט טון.

מינוט מאַכט זיך גרייט צו גיין. בשעת ער שטייט שוין מיטן היטל אין האַנט, זאָגט נאַגעל:

— אָבער ווילט איר נישט אַמאָל מיט מיר א גלעזל? איך מוז אייך זאָגן, אַז איך בין היינט אָוונט זייער גוט אויפגעלייגט. מיר האָט זיך געטראָפן א גליק. איר ווייסט, מיט פיל מי און אָנשטרענגונג איז מיר געלונגען צו באַקומען א שטיק מעבל, וואָס זיין גלייכן געפינט זיך נישט אין קיין זאמלונג איבערן גאַנצן לאַנד. איר קאָנט זיין זיכער אין דעם, דאָס איז אָט דער שטול. טוט נאָר א קוק אויף אים. פארשטייט איר, וואָס הייסט א פערל, א האָלענדער, א זעלטענער עקזעמפלאַר? איך וועל אים נישט פארקויפן, מ'זאָל מיך אפילו אָפגילטן. איך שווער אייך, אַז נישט! צוליב דעם טאָקע וואָלט איך געוואָלט טרינקען מיט אייך א גלאָז, אויב אייך איז אָנגענעם? זאָל איך אָנקלינגען? ניין? אָבער די אפישן וועלן דאָך נישט אנטלויפן, איר וועט מאָרגן פונאַנדערקלעבן... ניין, וואָס פארא גליק מיר האָט היינט געטראָפן! איך קאָן עס גאָרנישט פארגעסן! איר ווייסט גאָר אפשר נישט, אַז איך בין אַן אַנטיקוואַר, ווי ווייט מיינע קרעפטן טראָגן אויס, פארשטייט זיך, און אַז דאָ אין שטאָט פארברענג איך טאָקע צוליב דעם צוועק, אויפצוזוכן יקר-המציאותן? ס'קאָן זיין, אַז איך האָב אייך נאָך גאָרנישט דערציילט וועגן מיינע קו-גלאָקן? ניין, אָבער מיין גאָט, אויב אַזוי, הויבט איר דאָך נישט אָן צו ווּסן, וואָס פארא מענטש איך בין.

אמת מאקע, איך בין אן אגראַנאַם, אָבער נעבן דעם אינטערעסיר איך זיך אויך מיט אנדערע זאַכן. יאָ, ביז איצט האָב איך צוויי הונדערט זיבן און זעכציק קו-גלאָקן; איך האָב זיי אָנגעהויבן צו זאמלען מיט צען יאָר צוריק, און ערשט האָב איך, דאַנקען גאָט, אַ קאָלעקציע פון ערשטן סאָרט. און אָט דעם שטול, ווייסט איר ווי אזוי איך האָב אים אריינגעקראָגן אין מיינע הענט? אַ פּשוטער צופאל, אַ חוריש גליק! איינמאָל גיי איך מיר אזוי איבערן גאַס און קום צו צו עפּעס אַ קליין הייזל, אונטן ביים ברעג; מחמת מיין אלטער געוווינהייט טו איך פארבייגייענדיק אַ קוק אין פענ־סטער, בלייב איך פּלוצלינג שטיין. מיין בליק פאלט אויפן שטול, און כ'זע גלייך וואָס ער איז ווערט. איך קלאַפּ אָן און גיי אריין אין שטוב; אַ באַיאָרנטע, וויס-האָריקע דאמע נעמט מיך אויף... יאָ, ווי הייסט זי? מילא, דאָס איז דאָך אלץ איינס, איר קאָנט זי אפשר גאָרנישט; יאָ, פריילין גודע הייסט זי, מארטא גודע אָדער עפּעס ענלעכס... זי וויל בשום אופן נישט אוועקגעבן דעם שטול, אָבער איך רעד אזוי לאַנג אריין אין איר, ביז וואַנעט זי זאָגט מיר אים אויף געוויס צו, און היינט האָב איך אים אָפּגענומען. אָבער שענער פון אלץ איז דאָס, וואָס איך האָב אים באַקומען אומזיסט; יאָ, איך האָב דאָרט אַ וואָרף געטון אַ פאַר קראָן אויפן טיש, עס זאָל איר דערנאָך נישט פארדריסן; אָבער דער שטול איז ווערט הונדערטער. איך בעט אייך, דאָס זאָל בלייבן צווישן אונז; ס'איז דאָך אָנגענעם באַרעדט צו ווערן. צווישן אונז גערעדט, האָב איך זיך גאָרנישט וואָס פאַרצוואַרפן צוליב דעם; דאָס פריילין האָט פּשוט נישט געוווּסט, וואָס פאַרא מסחר זי וואָלט געקאָנט מיט אים מאַכן, און איך, דער פאַכמאַן, דער קויפער, בין נישט מחויב גע־ווען צו שטיין אויף איר זייט. נישט אמת, מען דאַרף נישט זיין קיין שוטה, מ'מוז זיך באַנוצן מיט יעדער געלעגנהייט, דאָס איז דער קאַמף פאַר דער עקזיסטענץ... נו, קענט איר זיך נאָך אַצינד אויך אָפּזאָגן צו טרינקען מיט מיר אַ גלאָז וויין. בעט איך אייך, וואָס פאַר אַ מייער געשעפט כ'האָב היינט געמאַכט?

מינוט איז געבליבן ביי זיינס, ער מוז גיין.

— דאָס איז נאַריש פון אייך. — זאָגט נאַגעל. — איך האָב

מיך שוין אזוי געפרייט, וואס איך וועל קאנען פלוידערן מיט אייך אביסל; איר זענט דער איינציקער מענטש דא אין דער שטאט, וואס רופט ארויס ביי מיר אן אינטערעס. דער איינציקער, וואס איך האב א פארגעניגן צו פארברענגען מיט אים. דערצו הייסט איר דאך יאהאנעס? מיין ליבער פריינט, דאס האב איך שוין, אייגנטלעך, לאנג געוווסט, איידער נאך עמעצער האט מיר עפעס געזאגט וועגן דעם... וואס זשע, איר דערשרעקט זיך שוין ווידער פאר מיר? ס'איז דאך פשוט אן אומגליק, וואס איך ווארף אן אזא מורא אויף מענטשן! ניין, לייקנט עס נישט אפ, איך פארזיכער אייך, אז איר האט מיך אנגעקוקט מיט צעשראקענע אויגן, איך רעד שוין נישט דערפון, וואס איר האט אויך א ציטער געטון...

איצט האט זיך מינוט צוגעשארט צו דער טיר. ס'האט אויסגעזען, אז ער וויל מאכן א סוף צו דעם און גלייך ארויסגיין פון צימער; דער שמועס איז וואס אמאל געווארן אומהיימלעכער

— איז היינט דער זעקסטער יולי? — האט נאגעל פלוצלינג א פרעג געטון.

— יא, — האט מינוט געענטפערט — דער זעקסטער יולי, — און ביי דעם האט ער ארויפגעלייגט די האנט אויף דער קליאמקע פון טיר.

נאגעל גייט פאמעלעך צו צו אים, רוקט זיך גאנץ נאענט צו נעבן אים, קוקט אים גלייך אין פנים אריין און בשעת מעשה פארלייגט ער די הענט אויפן רוקן. און אזוי שטייענדיק זאגט ער מיט א שעפטשנדיקער שטים:

— און ווו זענט איר געווען דעם זעקסטן יוני?

מינוט ענטפערט נישט, קיין איין ווארט נישט. דערשראקן פאר אט די שארפע אויגן און פאר דער געהיימניספולער שעפטשנדיקער שטים, בעת ער איז נישט בכוח צו פארשטיין אט די קליינע, פארצווייפלטע פראגע וועגן א טאג, א דאטע אין פריערדיקן חודש, רייסט ער פלוצלינג אויף די טיר און לויפט ארויס אין קארידאר. דארטן דרייט ער זיך א ווײלע ארום נישט געפי-

גענדיק די טרעפ; בשעת מעשה שפייט נאגעל ביי דער טיר און שרייט צו אים:

— ניין, ניין, דאס איז משוגעת; איך בעט אייך, פארגעסט אן דעם; איך וועל עס אייך א צווייט מאל אויפקלערן, א צווייט מאל...

אבער מינוט האט שוין גארנישט געהערט; ער איז שוין געווען אונטן, נאך איידער נאגעל האט באוויזן ארויסצורעדן די ווערטער, און נישט אומגעקוקט זיך נישט נאך רעכטס נישט נאך לינקס, איז ער ארויסגעלאפן אויפן גאס, איבערן מארק, צו דעם גרויסן פלומפ, ווו ער האט זיך פארקירעוועט אין דעם ערשטן בעסטן געסל און פארשוונדן געווארן.

אין א שעה ארום, ס'איז געווען צען א זייגער, האט נאגעל פארדויכערט א ציגאר און איז ארויס אין גאס. די שטאט איז נאך נישט געשלאפן; אויפן וועג צום פאסטאמטס הויף האט מען געזען א מאסע שפאציר-גייער, וואס זענען געגאנגען פאמעלעך אהין און צוריק, און ארום אויף די גאסן האט נאך אפגעהילכט דער גע-לעכטער און דער טומל פון די קינדער, וואס האבן זיך געשפילט. ווייבער און מאנסלייט זענען געזעסן ביי די טירן און שטילערהייט גערעדט צווישן זיך אין דעם מילדן אוונט; צייטנווייז האבן זיי זיך פון דער ווייטן אויפן קול איבערגעשמועסט מיט די שכנים, וואס האבן פרייליך צוריקגעענטפערט.

נאגעל איז אראפגעגאנגען צו דער לאנדונגס-בריק, ער האט געזען, ווי מינוט קלעפט אויס אפישן אויף דער פאסט, אויף דער באנק, אויף דער שולע און אויף דער תפיסה. ווי פינקטלעך און געוויסנהאפט ער האט געטון זיין ארבעט! מיט וואס פארא חשק ער האט עס געטון, נישט געקארגט קיין צייט, הגם ער האט שוין נויטיק ווי ס'לעבן געדארפט גיין שלאפן! נאגעל איז פארבייגעגאנ-גען גאנץ נאענט נעבן אים און אים באגריסט, אבער ער האט זיך נישט אפגעשטעלט.

אז ער איז שוין כמעט געווען ביי דער לאנדונגס-בריק, האט ער הינטער זיך דערהערט א שטים, וואס האט אים גערופן; מארטא גודע יאגט אים אן און אן אטעם זאגט זי:

— זייט מוחל, איר האָט מיר איבערגעגעבן צופיל געלט.

— גוטן אָוונט, — ענטפערט ער — איר גייט, הייסט עס, אויך שפּאַצירן?

— ניין, איך בין געווען אויבן אין שטאָט, ביים האָטעל, כ'האָב געוואַרט אויף אייך. יאָ, איר האָט מיר געגעבן צופיל געלט.

— הערט נאָר, וועלן מיר איצט אויפסניי אָנהויבן די גאַנצע קאָמעדיע?

— אָבער איר האָט אַ טעות געהאַט, — רופט זי אויס זייער געערגערט — איר האָט מיר געגעבן מער ווי צוויי הונדערט!

— נו, יאָ, האָב איך אייך באמת איבערגעגעבן אַ פּאָר קראָן, אַ פּאָר קראָן איבער צוויי הונדערט? גוט, קאָנט איר זיי דאָך מיר צוריקגעבן.

זי הויבט אָן אויפצושפּיליע די בלוזקע. אָבער פּלוצלינג בלייבט זי שטיין. קוקט זיך אַרום און ווייסט נישט וואָס צו טון. זי בעט ווידער אַנטשולדיקונג: עס דרייען זיך דאָ אַרום אַזוי פיל מענטשן, זי קאָן דאָך דאָ אינמיטן גאַס נישט אַרויסנעמען דאָס געלט, זי האָט עס אַזוי גוט באַהאַלטן...

— ניין, — איילט ער זיך צו ענטפערן — איך קאָן דאָך מיטגיין מיט אייך אַהיים און דאָרטן עס נעמען; דערלויבט מיר צו גיין מיט אייך זיי אָפּנעמען.

און זיי זענען צוזאַמען געגאַנגען צו איר אַהיים. זיי האָבן אָנגעטראָפן עטלעכע שפּאַציר-גייער, וואָס האָבן זיי אָנגעקוקט מיט נייגיריקע בליקן.

אַז זיי זענען אַריינגעקומען צו איר אין שטוב, האָט זיך נאָגעל אַנידערגעזעצט ביים פענסטער, ווו ער איז שוין פריער געזעסן; דאָס קלייד איז נאָך געהאַנגען אַלס פאָרהאַנג. אין דער צייט, וואָס מאַרטאַ האָט זיך באַשעפטיקט מיט אַרויסנעמען דאָס געלט, האָט ער גאָרנישט גערעדט; נאָר אַז זי איז פאַרטיק געוואָרן און אים דערלאַנגט די פּאָר קליינע פּאַפּירלעך, עטלעכע אָפּגעריבענע צען-קראָנענדיקע, וואָס זענען נאָך געווען וואַרעם פון איר ברוסט און וואָס איר ערלעכקייט האָט נישט דערלאָזן אפילו

די נאכט איבערנעכטיקן, האָט ער איר גענומען איינרעדן און זי געבעטן, זי זאָל צונעמען דאָס געלט פאַר זיך.

אָבער איצט האָט זי, משמעות, דערפילט צו אים עפּעס אַן אומצוטרויען, עפּעס איז איר די מעשה נישט געפעלן געוואָרן. זי האָט אים אָנגעקוקט מיט אַ צווייפלענדיקן בליק און געזאָגט:

— ניין... איך פאַרשטיי אייך נישט.

ער האָט זיך פּלוצלינג אויפגעהויבן.

— אָבער איך פאַרשטיי אייך אויסגעצייכנט גוט, — האָט ער געענטפערט — דערפאַר שטיי איך אויף און גיי, איצט זענט איר שוין רויק?

— יאָ... ניין, איר דאַרפט נישט שטיין ביי דער טיר.

און זי האָט אויסגעשטרעקט ביידע הענט אים אָפּצוהאַלטן, ער זאָל נישט אַוועקגיין. דאָס דאָזיקע מאָדנע מיידל האָט באמת שטאַרק מורא געהאַט, עמעצער זאָל זיך נישט פילן צוליב איר געקרענקט.

— איך האָב צו אייך אַ בקשה, — האָט זיך נאָגעל אָפּגערופן, אָבער ער האָט זיך נאָך אַלץ נישט אַנידערגעזעצט — ווען איר ווילט, וואָלט איר מיר געקאָנט פאַרשאַפן אַ גרויס פאַרגעניגן, יאָ, און איך וואָלט אייך שוין, ווי עס איז, אַמאָל אָפּגעדאַנקט דערפאַר; איך וואָלט געוואָלט, איר זאָלט קומען דאָנערשטיק אָוונט אויף דער פאַרוויילונג. ווילט איר מיר פאַרשאַפן דעם פאַרגעניגן? איר וועט זיך אַביסל צעשטרייען, עס וועלן דאָרט זיין אַ סך מענטשן, זייער ליכטיק, מוזיק, לעבעדיקע בילדער; אַך, קומט, איר וועט בלי ספק קיין חרטה נישט האָבן! איר לאַכט; פאַרוואָס לאַכט איר? גאָט, וואָס פאַראַ ווייסע ציין איר האָט!

— איך קאָן דאָך אין ערגעץ נישט גיין, — האָט זי געענטפערט — ניין, ווי קאָן אייך גאָר איינפאַלן, אַז איך קאָן גיין אַהין? און צוואָס זאָל איך עס טון? פאַרוואָס פאַרלאַנגט איר עס פון מיר?

ער האָט איר אַלצדינג אָפן און ערלעך דערקלערט: ס'איז זייער אַ גוטער איינפאַל פון אים. ער האָט שוין לאַנג געטראַכט דערפון, נאָך מיט אַ פאָר וואָכן צוריק איז עס אים געקומען אויפן

רעיון, אָבער ס'איז אים ביז איצט גאָר ארויס פון זינען. זי דאַרף גיין אהין, זי דאַרף דאָרטן זיין, ער וויל זי דאָרט אומבאַדינגט זען; אויב זי וויל, וועט ער אפילו קיין וואָרט נישט אויסרעדן צו איר, און ער וועט איר נישט פאַלן צו לאַסט. דאָס האָט ער לחלוטין נישט בדעה. עס וואָלט אים נאָר שטאַרק הנאה געטון, ווען ער זעט זי צוזאַמען מיט אַנדערע מענטשן; הערן זי לאַכן, כאָטש איינמאָל זען זי באמת יונג. זי מוז דורכאויס גיין!

ער האָט אַ קוק געטון אויף איר. ווי זילבער-ווייס זענען געווען אירע האָר. און ווי שוואַרץ זענען געווען אירע אויגן! מיט איין האַנט האָט זי נערוועיש געצופּט די קנעפּ פון איר קלייד, און אָט די האַנט, אַ שוואַכע האַנט מיט לאַנגע פינגער, איז געווען אַביסל גרוילעך. זי איז אפשר אויך נישט געווען גאַנץ ריין, אָבער דאָך האָט זי געמאַכט אַ מערקווירדיקן צניעותדיקן איינדרוק. איבערן האַנט-געלענק זענען געלאָפן צוויי בלויע אָדערן.

— יאָ, — האָט זי געזאָגט — עס וואָלט אפשר געווען אינטערעסאַנט פאַר איר, אָבער זי האָט דאָך נישט צומאָל וואָס אָנצוטון, אפילו קיין קלייד נישט צו אַזאַ אָוונט...

ער האָט איר איבערגעשלאָגן די רייד, עס זענען נאָך דריי וואָכנדיקע טעג ביז דעמאָלט; ביז דאָנערשטיק קאָן מען זיך נאָך אַלץ מאַכן, וואָס מען דאַרף. יאָ, ס'איז דאָ גענוג צייט! איז אָפּגעמאַכט?

און זי האָט ביסלעכווייז נאָכגעגעבן.

מען דאַרף זיך נישט אַזוי אינגאַנצן אָפּזאָגן, האָט ער געזאָגט, מיט דעם ווערט מען נאָר אָן. און חוץ דעם, מיט אירע אויגן, אירע ציין, ניין, דאָס איז באמת אַ שאָד! און די פּאָר באַנקנאָטן דאָרט אויפן טיש זענען אויף אַ קלייד; יאָ, יאָ, ס'לוינט זיך נישט צו רעדן דערפון! בפרט נאָך, אַז דאָס איז זיין איינפאַל, און זי האָט קעגן איר ווילן מסכים געווען דערויף.

ער האָט געזאָגט אַ גוטע נאַכט, ווי זיין שטייגער, קורץ און איינפאַך, נישט געבנדיק איר קיין שום סיבה צו זיין אומרויק. נאָר אַז זי האָט אים ארויסבאַגלייט אויפן הויף, האָט זי אים אַליין נאָכאַמאָל דערלאַנגט די האַנט און אים געדאַנקט, וואָס ער האָט

זי איינגעלאַדן אויף דער דאָזיקער פייערונג. דאָס האָט איר שוין לאַנגע יאָרן נישט געטראָפן; זי האָט זיך שוין אַזוי אָפּגעוווינט דערפון, יאָ, זי וועט זיך גוט אויפפירן!

דאָס גרויסע קינד. ס'האָט צוגעזאָגט זיך גוט אויפצופירן!

XVI

דער דאָנערשטיק איז געקומען; ס'האָט אַביסל גערעגנט אָבער נישט געקוקט דערויף האָט זיך די פייערונג דעם זעלב אָוונט דאָך אָנגעהויבן מיט דער גאַנצער מוזיק און פאַר זייער א גרויסן עולם. די גאַנצע שטאָט איז דאָרט געווען; מען איז גע-קומען צופאָרן אפילו פון די דערפער, כדי בייצוווינען דעם זעל-טענעם יום-טוב.

ווען יאָהאַן נאַגעל איז געקומען אַרום ניין א זייגער, איז שוין דער זאַל געווען איבערפולט מיט מענטשן. ער האָט זיך אָפּ-געזוכט אַן אָרט וויט אונטן ביי דער טיר, ווו ער איז געשטאַנען עטלעכע מינוט און אויסגעהערט א רעדע. ער איז געווען בלייך און ווי שטענדיק האָט ער געטראָגן זיין געלן אַנצוג; אָבער דעם באַנדאַזש פון האַנט האָט ער אַראָפּגענומען; ביידע וווּנדן זענען שוין כמעט פאַרהיילט געווען.

ער האָט געזען דאָקטאָר סטענערסען און זיין פרוי אויבן אויף דער בינע; אַביסל רעכטס פון זיי איז אויך געשטאַנען מי-נוט מיט די איבעריקע אָנטיילנעמער. אָבער דאַגני איז צווישן זיי נישט געווען.

די היץ פון די ליכט און די גרויסע מאַסע מענטשן האָבן אים געצוווּנגען אַרויסצוגיין פון זאַל. ביים טיר האָט ער באַגעגנט דעם לאַנד-ריכטער ריינערט, וואָס האָט קוים געענטפערט אויף זיין באַגריסונג מיט א לייכטן שאָקל מיטן קאָפּ. נאַגעל איז געבליבן שטיין אין קאָרידאָר.

און פּלוצלינג האָט ער דערזען עפּעס אַזוינס, וואָס האָט אים א שפּאָר שטיקל צייט נאָכדעם נישט געלאָזט רוען. לינקס

פון אים איז געווען אָפן די טיר פון אַ זייטן צימער, וווּ דער עולם האָט אַוועקגעלייגט די אויסגעטוענע זאַכן, און ביים שיין פון לאָמפּ אינעווייניק דערזעט ער דייטלעך, ווי פּרייליין קיעלאַנד שטייט און פּאָרעט זיך ביי זיין מאַנטל, וואָס ער האָט אויפגעהאָנגען אויפן ריגל, ער האָט נישט געקאָנט האָבן קיין טעות, אין דער גאַנצער שטאָט איז נישט געווען נאָך איינער, וואָס זאָל האָבן אַזאַ געלן פרילינג-פּאַלטן; ס'איז טאַקע געווען זיינער; אַחוץ דעם האָט ער זייער גוט געדענקט, ווי ער האָט אים אויפגעהאָנגען. אַחוץ דעם האָט זי אין דעם צימער גאָרנישט נישט געהאַט וואָס צו טון, זי האָט זיך געמאַכט עפּעס זוכנדיק און בשעת מעשה האָט זי זיך באַנוצט מיט דער געלעגנהייט כּסדר אַרומצובלאָנדזען מיט איר האַנט איבער זיין בגד. ער איז תּיכּף אָפּגעגאַנגען אָן אַ זייט, איר נישט איבערצוראַשן.

אָט די קליינע פּאַסירונג האָט אים באַלד אומרויִק געמאַכט. וואָס האָט זי געזוכט? און וואָס האָט זי געקאָנט דאַרפן ביי זיין מאַנטל? ער האָט די גאַנצע צייט געטראַכט וועגן דעם און עס גאָרנישט געקאָנט פאַרגעסן. ווער ווייסט, אפשר האָט זי געוואָלט אַ קוק טון, צי ער האָט נישט מיטגעבראַכט קיין רעוואָלווער אין די קעשענעס? זי האָט אפשר געגלויבט, אַז ער איז אויף אַלץ פעיק. אָבער ווּ איז, אַ שטייגער, אויב זי האָט אים גאָר אַריינגעלייגט אַ בריוו אין קעשענע? ס'איז אים באמת איינגעפאַלן אַזאַ גליקלעכע אומ-מעגלעכקייט. ניין, ניין, זי האָט פאָרט נישט מער, ווי געזוכט איר מאַנטל, ווייטער גאָרנישט; די גאַנצע מעשה איז מער נישט ווי אַ צופאַל. ווי האָט ער זיך געקאָנט איינרעדן אַזעלכע האָפענונגסלאָזע זאַכן!.. פונדעסטוועגן איז ער, אַביסל שפּעטער, ווען ער האָט געזען דאַגנין זיך דורכשלאָגן דורך דעם געדיכטן עולם און זאָל אַריין — איז ער גלייך אַריין אין דעם גאַרדעראָבע-צימער און מיט אַ קלאַפּנדיקן האַרצן האָט ער דורכגעזוכט די קעשענעס פון זיין מאַנטל. ניין, קיין בריוו איז דאָרט נישט געווען, גאָרנישט, בלויז זיינע הענטשקעס און אַ טאַשנטיכל.

אינעווייניק אין זאַל האָבן אָפּגעקלונגען דונערנדיקע אַפּלאָ-דיסמענטן; דער בירגערמייסטער האָט געענדיקט זיין ערשטע

רעדע, און דער עולם האָט זיך געטון אַ לאָז ארויס אין די קאָרידאָרן, אין די זייטיקע צימערן און אומעטום, ווו ס'איז נאָר אַביסל קיל. מ'האָט זיך ארומגעזעצט ביי די ווענט, און זיך אָפּגעפרישט מיט קילע געטראַנקען. עטלעכע יונגע דאַמען פון דער שטאָט זענען ארומגעלאָפן אָנגעטון פאַר קעלנערינס, מיט ווייסע פאַרטוכער און סערוועטקעס איבער די אָרעמס, טעצלעך און גלעזער אין ביידע הענט.

נאַגעל האָט געזוכט דאַגנין; מ'האָט זי אין ערגעץ נישט געזען. ער האָט זיך באַגריסט מיט פרײלין אַנדערסען, וואָס האָט אויך געטראָגן אַ ווייסן פאַרטוך; ער האָט געבעטן ווײן, און זי האָט אים געבראַכט שאַמפּאַניער.

—איר טרינקט דאָך נישט קיין אַנדער זאַך! — האָט זי מיט אַ שמייכל געזאָגט.

די דאָזיקע באַמערקונג, וואָס איז געווען גלייכצייטיק אַ שטיקל אָנצוהערעניש, האָט אים פונדעסטוועגן געמאַכט אַביסל לעבעדיקער. ער האָט זי געבעטן, זי זאָל טרינקען מיט אים אַ גלאָז, און זי האָט זיך טאַקע באַלד אוועקגעזעצט, כאָטש זי איז געווען זייער פאַרנומען. ער האָט איר געדאַנקט פאַר איר פריינטשאַפט, איר געמאַכט קאָמפּלימענטן צוליב איר קלייד, איז נתפּעל געוואָרן פון איר אַלטער בראָשקע, וואָס זי האָט געטראָגן אויף איר האַלזאויסשניט. זי האָט איצט אויסגעזען זייער אינטערעסאַנט; דאָס לאַנגע אריסטאָקראַטישע פּנים מיט דער גרויסער נאָז איז געווען אויסערגעוויינלעך איידל. כמעט קרענקלעך איידל, און עס האָט זיך נישט געביטן, נישט געמאַכט קיין נערוועישע מינעס. זי האָט גערעדט רויק, איבערגעלייגט, אין איר געזעלשאַפט האָט מען זיך געפילט אָנגענעם און זיכער; דאָס איז געווען אַ דאַמע פון דער געזעלשאַפט — די פרוי.

בעת זי האָט זיך אויפגעהויבן, רופט ער זיך אָפּ:

— היינט אָוונט דאַרף דאָ זיין אַ פערזאָן, וואָס איך וואָלט גערן געוואָלט שענקען אַביסל אויפמערקזאַמקייט; פרײלין גודע, מאַרטאַ גודע, איך ווייס נישט, צי איר קענט זי? איך האָב געהערט, אַז זי איז שוין דאָ. איך קאָן אייך נישט זאָגן, ווי גערן

איך וואָלט איר געוואָלט פאַרשאַפן אַביסל פרייד. זי איז אַזוי איינזאַם, מינוט האָט מיר דערציילט וועגן איר. מיינט איר נישט, פרײלין, אַז איך וואָלט איר געקאָנט אַריינבעטן צו אונז? פאַרשטייט זיך, אויב איר אַליין האָט גאָרנישט קעגן דעם.

- ניין, געווים האָב איך גאָרנישט קעגן דעם. — ענטפערט פרײלין אַנדערסען. — איך וויל זי מיט פאַרגעניגן אַליין אַריינרופן; ב'וויים ווו זי איז.

— אָבער איר אַליין זאָלט אויך צוריק קומען!

— יאָ, אַ דאַנק!

און בעת נאַגעל זיצט אַזוי און וואַרט, קומט אַריין דער לאַנד-ריכטער ריינערט, דער אַדיונקט און דאַגני. נאַגעל שטייט אויף און באַגריסט זיי. דאַגני איז אויך געווען בלייך נישט געקוקט אויף דער היץ. זי האָט געטראָגן אַ געל קלייד מיט קורצע אַרבל, און אויפן האַלז אַ שווערע גאָלדענע קייט, וואָס האָט איר זייער נישט געפּאַסט. דאַגני איז אַ ווײַלע געבליבן שטיין ביי דער טיר; איין האַנט האָט זי געהאַלטן אויפן רוקן און האָט צונויפגענומען די האָר פון איר צאָפּ.

נאַגעל איז צוגעגאַנגען צו איר. מיט עטלעכע וואַרעמע ווערטער האָט ער געבעטן, זי זאָל אים מוחל זיין זיין פריטיקדיקן פעלער; דאָס איז געווען לעצטע מאָל. מער וועט ער זיך בשום אופן נישט פאַרזינדיקן קעגן איר. ער האָט גערעדט שטיל, געזאָגט די ווערטער, וואָס זענען נויטיק געווען, און איז געבליבן שטיל.

זי האָט אים אויסגעהערט, זי האָט אפילו אַ קוק געטון אויף אים, און אַז ער האָט געענדיקט רעדן, האָט זי געזאָגט:

— איך געדענק שוין במעט נישט, וועגן וואָס איר רעדט; איך האָב עס פאַרגעסן, איך וויל עס פאַרגעסן.

זאָגנדיק דאָס, האָט זי אים געלאָזט שטיין און איז אַוועקגעגאַנגען. זי האָט געוואָרפן אויף אים זייער אַ גלייכגילטיקן בליק.

ס'איז געווען אַ טומל פון מענטשלעכע קולות. אומעטום האָט מען געהערט אויסגעשרייען, געלעכטערס, דאָס קלינגען פון שאָלן און גלעזער, דאָס קנאַקן פון אַרויסגעצויגענע קאָרקעס, און

פון זאַל האָבן אַרייַנגעדרונגען די טענער פון דעם בלאָז אָרקעסטער, וואָס האָט אַזוי וווּנדערלעך-שלעכט געשפּילט..

פרייַלין אַנדערסען מיט מאַרטאַן זענען אַרייַנגעקומען, און לעבן זיי איז געווען מינוט. זיי האָבן זיך אַלע אַוועקגעזעצט בייַ נאַגעלס טישל, ווו זיי זענען געזעסן בייַ אַ פערטל שעה. פרייַלין אַנדערסען האָט זיך פון צייַט צו צייַט אויפגעהויבן און דערלאַנגט די געסט קאַווע. לסוף האָט זי געמוזט אייַנגאַנצן אַוועקגיין, זי איז געווען זייער פאַרנומען.

עס זענען געקומען די פאַרשידענע נומערן פון פּראָגראַם: אַ קוואַרטעט האָט עפּעס געזונגען, סטודענט אָיען האָט מיט אַ שטאַרקער שטימע דעקלאַמירט אַן אייגן געדיכט, צוויי דאַמען האָבן געשפּילט פּיאַנאָ, און דער אָרגאַניסט האָט געגעבן זייַן ערשטע סאָלאָ אויף דער פידל. דאַגני איז זיך אַלץ געזעסן אין דער געזעלשאַפט פון די צוויי קאַוואַלערן. לסוף האָט מען מינוטן אַוועקגערופן. ער האָט געמוזט לויפן ברענגען נאָך גלעזער, נאָך שאָלן, נאָך ברויט מיט פּוטער — ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מ'האָט אָנגעגרייט צו ווייניק, ווייל מ'האָט זיך נישט גערעכנט אויף אַזאַ עולם.

ווען נאַגעל איז געבליבן אַליין מיט מאַרטאַן, האָט זי זיך אויך אויפגעהויבן און געוואָלט אַוועקגיין. זי קאָן נישט בלייבן זיצן אַליין; זי האָט שוין געזען, ווי דער לאַנד-ריכטער האָט געמאַכט זייַנע באַמערקונגען, פרייַלין קיעלאַנד האָט געלאַכט, ניין, ס'איז בעסער זי זאָל אַוועקגיין.

אָבער נאַגעל האָט געפּועלט בייַ איר, צו טרינקען ווייניקסטנס נאָך אַ קליין גלעזעלע. מאַרטאַ איז געווען אָנגעטון אין שוואַרצן; דאָס נייַע קלייד איז געווען גאַנץ שיין, אָבער ס'האָט איר נישט געפּאַסט; ס'האָט עלטער געמאַכט דעם אויסזען פון דעם דאָזיקן אייַגנאַרטיקן מיידל, און צו שטאַרק אָפּגעשלאָגן קעגן אירע ווייסע האָר, נאָר די אויגן האָבן געגליט. און אַז זי האָט געלאַכט, איז איר פייערדיק פּנים געוואָרן זייער לעבעדיק און יונג.

ער האָט געפרעגט:

— איר ווילט זיך? איר פילט זיך גוט הייַנטיקן אָוונט?

— יאָ, אַ דאַנק, — האָט זי געענטפערט — עס געפעלט מיר זייער.

ער האָט די גאַנצע צייט פאַרבראַכט מיט איר, ער האָט זיך באַמיט צוצופּאַסן צו איר; האָט איר אַפילו דערציילט אַן אויסגעטראַכטע מעשה, וואָס האָט זי שטאַרק לאַכנדיק געמאַכט. ס׳איז געווען די מעשה, ווי אַזוי ער האָט געקראָגן איינעם פון זיינע טייערסטע קו־גלאָקן, אַן אוצר, אַ יקר־המציאות, גאָרנישט אָפּצושאַצן! אויפן גלאָק איז געווען אויסגעקריצט דער נאָמען פון אַ קו, זי האָט געהייסן איינסטיין, און ס׳האָט אוודאי געמוזט זיין אַן אָקס...

ביי דעם האָט זי זיך מיטאַמאָל צעלאַכט; זי האָט זיך גאָר פאַרגעסן, זי האָט זיך פאַרגעסן, ווו זי איז, האָט געוואָרפן מיטן קאָפּ און געלאַכט פון דעם דאָזיקן נעבעכדיקן וויץ. זי האָט פשוט געשטראַלט פון גליק

— וואָס זאָגט איר דערצו, — האָט ער זיך אָפּגערופן — מיר דאַכט, מינוט איז אייפערזיכטיק.

— ניין. — האָט זי געענטפערט מיט אַ האַלבן מויל.

— עס האָט זיך מיר געדאַכט, איבעריקנס, איז מיר אויך זייער אָנגענעם צו זיצן דאָ מיט אייך אַליין. ס׳איז אַזוי גוט צו הערן ווי איר לאַכט.

זי האָט נישט געענטפערט, נאָר אַראָפּגעלאָזט די אויגן צו דער ערד.

און זיי האָבן ווייטער גערעדט. ער איז די גאַנצע צייט געווען אַזוי, אַז ער האָט געקאָנט זען דאַגני׳ס טישל

ס׳זענען אַריבער עטלעכע מינוט. פריילין אַנדרעסען איז אויף אַ ווײַלע צוריקגעקומען, האָט גערעדט אַ פּאָר ווערטער, אויסגעטרונקען איר גלאָז און איז ווידער אַוועק.

פּלוצלינג הויבט זיך דאַגני אויף פון איר אָרט און קומט צו צו נאַגעלס טישל.

— ווי פריילעך ביי אייך איז! — האָט זי געזאָגט, און איר שטים האָט אַביסל געציטערט. — גוטן אָוונט, מאַרטאַ! פון וואָס לאַכט איר דאָ אַזוי?

— מיר אַמוזירן זיך אַביסל, — האָט נאַגעל געענטפערט — איך האַלט אין איין פּלוידערן, און פרײַלין גודע איז אַזוי פרײַנט־לעך צו מיר און זי לאַכט... קאָן איך אײַך בעטן צו אַ גלאָז ווײַן?

דאַגני האָט זיך אַנידערגעזעצט.

אין דער מינוט האָט אין זאַל אויסגעבראָכן אַן אויסגעזײַנ־לעך שטאַרקער שטורעם פון אַפּלאָדיסמענטן, און דאָס האָט מאַר־טאַן געגעבן אַ געלעגנהייט אויפצושטיין און אַ קוק צו טון, וואָס דאָרט קומט פאָר, זי איז אַוועק וואָס אַמאָל ווײַטער; לסוף האָט זי זיך אויסגעדרייט און אויסגערופן:

— אַ שוואַרץ־קינצלער! איך מוז עס זען!

און בײַ די ווערטער איז זי פאַרשוווּנדן געוואָרן.

— איר האָט איבערגעלאָזט אײַער געזעלשאַפט. — האָט זיך נאַגעל אָפּגערופן. ער האָט געוואָלט רעדן ווײַטער, נאָר דאַגני איז אים אַרײַנגעפאַלן אין די רייד

— און אײַערע — אײַך.

— אָך, זי וועט צוריקקומען. נישט אמת, פרײַלין גודע זעט אויס וווּנדערלעך? זי איז דעם הײַנטיקן אָוונט פרײַלעך ווי אַ קינד

זי האָט גאָרנישט געענטפערט אויף דעם, זי האָט געפרעגט:

— איר זענט נישט געווען הי?

— יאָ.

פויזע.

— איז וואָס, מיינט איר באמת, אַז דאָ איז דעם הײַנטיקן אָוונט טאַקע אַזוי אינטערעסאַנט?

— איך? איך ווייס אפילו נישט, וואָס דאָ קומט פאָר, — האָט ער געענטפערט — איך בין נישט געקומען אַהער זיך ווײַלן.

— וואָס זשע דען זענט איר געקומען?

— נאָר כּדי זיך צו זען מיט אײַך... יאָ, פאַרשטייט זיך, נאָר פון ווײַטן, שטום...

— אָך, טאַקע, און צוליב דעם האָט איר מיטגעבראַכט אַ דאַמע מיט זיך

דאָס האָט ער נישט פאַרשטאַנען. ער האָט אַ קוק געטון אויף איר און זיך פאַרטראַכט אַ ווײַלע וועגן דעם, וואָס זי האָט געזאָגט.

— איר מיינט פריילין גודע? איך ווייס באמת נישט, וואָס איך צו ענטפערן. מ'האָט מיר אַזוי פיל דערציילט וועגן איר. זי זיצט אָפּ גאַנצע יאָרן אין שטוב, און זי האָט קיין שום פרייד נישט אין איר לעבן. איך האָב זי מיטגענומען אַהער, איך האָב בלויז געוואָלט פאַרברענגען מיט איר אַביסל, כּדי זי זאָל זיך נישט פילן לאַנגווײַליק. דאָס איז עס אײַנגאַנצן. פריילין אַנדערסען האָט זי אַרײַנגעבעטן אַהער, און זי צוגעפירט דאָ צום טישל. גאָט, ווי טרויעריק די פרוי לעבט אָפּ אירע יאָרן; די האָר זעגען איר שוין ווייס...

— יאָ, איר מיינט דאָך נישט... איר רעדט זיך דאָך געוויס נישט אײַן, אַז איך בין אייפערזיכטיק, וואָס? אויב יאָ, האָט איר אַ גרויסן טעות! יאָ, איך געדענק נאָך אַלץ גוט, וואָס איר האָט דערציילט וועגן עפּעס אַ שטיק משוגענעם, וואָס איז אַרויסגעפּאָרן שפּאַצירן מיט פיר און צוואַנציק וואָגנס; ער האָט געשטאַמלט, ווי איר האָט געזאָגט, און ער האָט זיך טאַרליבט אין אַ מיידל, וואָס האָט געהייסן קלאַראַ, אָך, יאָ. איך דערמאָן זיך עס גאַנץ גוט. און דערפאַר וואָס קלאַראַ האָט אים נישט געוואָלט, האָט זי אויך נישט געוואָלט צולאָזן, אַז ער זאָל נעמען איר הויקערדיקע שוועסטער. איך ווייס נישט, צו וואָס איר האָט מיר דערציילט; איר ווייסט אַליין בעסער, מיר איז אַלץ איינס. אָבער אייפערזיכטיק קאָנט איר מיר פונדעסטוועגן נישט מאַכן, אויב דאָס האָט איר היינטיקן אָהנט אויסן געווען. ניין, נישט איר און נישט אייער שטאַמלער!

— אָבער ליבער גאָט, — האָט ער געזאָגט — דאָס, וואָס איר זאָגט דאָ, קאָנט איר דאָך נישט מיינען ערנסט!

פּויזע.

— יאָ, איך מיין עס גאַנץ ערנסט! — האָט זי געענטפערט.

— מיינט איר טאַקע, אַז אַזוי וואָלט איך געהאַנדלט, ווען איך וויל אײַך מאַכן אייפערזיכטיק? קומען אַהער מיט אַ דאַמע

פון פערציק יאָר און זי לאָזן לויפן, ווי גיך איך האָב אייך דערזען... ניין. איר מוזט מיך שוין האַלטן פאַר זייער נאַריש.

— איך הויב נישט אָן צו וויסן, וואָס איר זענט. איך ווייס נאָר, אַז איר האָט זיך אַריינגעגנבעט צו מיר און איר טוט מיר אָן די גרעסטע יסורים, אַזוי אַז איך קאָן זיך אַליין נישט פונאַנדערקלויבן. איך ווייס נישט, צי איר זענט נאַריש, איך ווייס אויך נישט, צי איר זענט משוגע; אָבער איך פאַרנעם זיך נישט דערמיט; ס'איז מיר אַלץ איינס, וואָס איר זענט.

— יאָ, אַזוי איז עס טאַקע. — האָט ער געזאָגט.

— פאַרוואָס זאָל עס מיר נישט זיין אַלצאיינס? — האָט זי ווייטער געזאָגט, געקרענקט צוליב זיין נאָכגיביקייט. — וואָס פאַרא געשעפטן האָב איך מיט אייך? איר האָט זיך אַזוי מיאוס באַגאַנגען קעגן מיר, און דערפאַר זאָל איך זיך נאָך אָפּגעבן מיט אייך? פונדעסטוועגן קומט איר און איר דערציילט מיר אַ מעשה פול מיט אָנצוהערענישן; איך בין זיכער, אַז די מעשה מיט קלאַראַן און איר שוועסטער האָט איר נישט דערציילט גלאַט אין דער וועלט אַריין. — ניין, נישט אָן אַ מיין! אָבער פאַרוואָס פאַרפאָלגט איר מיך? איך מיין נישט גראָד די רגע, ווייל איצט האָב איך אייך אויפגעזוכט; נאָר שטענדיק; פאַרוואָס לאָזט איר מיך נישט צורו? און דאָס, וואָס איך האָב זיך אָפּגעשטעלט אַ מינוט און גערעדט מיט אייך, האָט איר זיך אוודאי אַזוי אויסגעטייטשט, ווי עס וואָלט פאַר מיר געווען אַ וויכטיקע זאַך, ווי עס וואָלט מיר געגאַנגען אין לעבן.

— פריילין, איך רעד זיך גאָרנישט איין...

— ניין? אָבער פון וואַנעט ווייס איך, אַז איר זאָגט דעם אמת? ניין, איך בין גאָרנישט זיכער אין דעם. איך צווייפל אין אייך, איך גלויב אייך נישט, ביי מיר אין די אויגן זענט איר פעיק אויף אַלץ. ס'קאָן זיין, אַז איך בין איצט אַביסל אומגערעכט קעגן אייך, און דאָס איינציקע מאָל וועט מיר אויסקומען צו פאַרשאַפן אייך ווייטיק; עס איז מיר שוין אוממעגלעך אַריבערצוטראָגן אַלע אייערע אָנצוהערענישן און אייערע פּרוּוון...

ער האָט גאָרנישט געזאָגט, האָט פאַמעלעך געדרייט דאָס גלאָז

אויפן טיש; נאָר אַז זי האָט נאָכאַמאָל געזאָגט, אַז זי גלויבט אים נישט, האָט ער געענטפערט:

— יאָ, איך האָב עס פאַרדינט.

— נו, געוויס, — האָט זי ווייטער געזאָגט — איך גלויב אייך יעדנפאַלס גאַנץ ווייניק. איך האָב אפילו געהאַט אַ חשד אויף אייערע ברייטע פּלייצעס, אַז זיי זענען נישט קיין ריכטיקע. איך בין זיך מודה, אַז איך בין ערשט נישט לאַנג געווען דאָרט אינעווייניק אין צימער און האָב באַטאַפּט אייער מאַנטל, צי די פּלייצעס זענען נישט אָנגעשטאָפּט מיט וואַטע. און כאָטש איך האָב דאָסמאָל אַ טעות געהאַט, און אייערע פּלייצעס זענען נישט קיין פאַלשע, קומט איר דאָך פאָר פאַרדעכטיק, איך קאָן זיך גאָרנישט העלפן. איר וואָלט זיך געוויס באַנוצט מיט אַלע מיטלען, כּדי זיך צו מאַכן מיט אַ פּאָר צאָל העכער, ווי איר זענט, דערפאַר וואָס איר זענט נישט גענוג הויך. איך בין זיכער אין דעם, אַז איר וואָלט עס געטון, ווען ס'איז נאָר דאָ אַזאַ מיטל. גאָט מיינער! פאַרוואָס זאָלט איר נישט פאָרקומען פאַרדעכטיק! ווער זענט איר, אייגנטלעך? און נאָך וואָס זענט איר געקומען צו אונז אין שטאָט אַריין? איר לעבט דאָך אפילו נישט אויף אייער אייגענעם נאָמען, איר הייסט דאָך גאָר סימאָנסען, גאַנץ איינפאַך סימאָנסען! דאָס האָב איך זיך דערוווּסט פון האָטעל; איר האָט געהאַט, הייסט עס, צו גאַסט עפּעס אַ דאַמע, אייערע אַ באַקאַנטע, און איידער איר האָט באַוויזן צו שטערן איר אין דעם, האָט זי אייך גערופן סימאָנסען! גאָט, ווי לעכערלעך און געמיין דאָס איז! מ'דערציילט אין שטאָט, אַז איר ווילט זיך מיט דעם, וואָס איר גיט קליינע יינגלעך צו רויכערן ציגאַרן, און אַז איר הערט נישט אויף צו מאַכן אוואַנטורעס אויפן גאַס. מ'זאָגט, אַז איר האָט איינמאָל אויפן מאַרק אָנגעטראָפן אַ דינסטמיידל און פאַרלאַנגט פון איר עפּעס, יאָ, פאַרלאַנגט פון איר פאַר אַלערליי מענטשן אין די אויגן. אָבער נישט געקוקט אויף דאָס אַלץ, איז ביי אייך גאַנץ רעכט צו מאַכן מיר דערקלערונגען און זיך כּסדר מיר צו שטעלן אין וועג — און... אָט דאָס טוט מיר אַזוי שטאַרק וויי, דאָס, וואָס איר האָט זיך דערוועגט...

זי האָט איבערגעריסן אין מיטן. ארום איר מויל איז עט־לעכע מאָל דורכגעלאָפן א גרימאסע, דערפון האָט מען געקאָנט זען, ווי אויפגערעגט זי איז. יעדעס וואָרט, וואָס זי האָט ארויסגע־רעדט, איז געווען פייערדיק און מיטן גאנצן הארצן; זי האָט גע־רעדט זייער אויפריכטיק און קיין שום זאך נישט אויסבאהאלטן. א קורצע פויזע. דערנאָך האָט ער זיך אָפגערופן:

— יאָ, איר זענט גערעכט, איך האָב אייך פארשאפט א סך ליידן... פארשטייט זיך, אז מען קוקט נאָך עמעצן א גאנצן חודש דורכאנאנד, טאָג און טאָג, און מען איז מדקדק אויף יעדער וואָרט זיינס און יעדער קלייניקייט, וואָס ער טוט, מוז מען שוין אויסגע־פינען עפעס שלעכטס, כדי זיך צוצושטשעפען. דערביי קאָן דער מענטש אביסל באַוואלדט ווערן, איך בין עס מודה. די שטאָט איז נישט גרויס, איך וואַרף זיך אביסל צופיל אין די אויגן. ווי גיך איך באַווייז זיך נאָר, באקומען זיי אלע אויגן אין נאקן. מען קאָן גאָרנישט טון דערצו. אגב, בין איך דאָך טאקע נישט ווי איך וואָלט געדאַרפט צו זיין.

— מיין גאָט, — האָט זי געזאָגט קורץ און שארף — אוודאי, ווייל די שטאָט איז אזוי קליין, דערפאר קוקט מען אייך אזוי נאָך. דאָס איז דאָך זעלבסטפארשטענדלעך. אין א גרעסערער שטאָט וואָלט איך דאָך נישט געווען איינער, וואָס ציט אויף זיך די אויפ־מערקזאמקייט.

אָט דעם קאַלטן און זייער אויפריכטיקן ענטפער האָט ער תחילת אביסל באַוואונדערט. ער האָט עס איר געוואָלט זאָגן אין ליבלעכע ווערטער, אָבער ער האָט זיך גלייך באַרעכנט, אז ט'טויג נישט. זי איז געווען צו שטארק אויפגערעגט, שוין צו שטארק אויפגעבראכט אויף אים. דערצו האָט זי אים אביסל צו־פיל גרינגגעשעצט. דאָס האָט אים אביסל באַליידיקט. וואָס איז ער פאָרט געווען ביי איר אין די אויגן? א גאנץ געוויינלעכער מענטש אין א קליין שטעטל. א מענטש, וואָס האָט זיך נאָר גע־וואָרפן אין די אויגן, ווייל ער איז געווען א פרעמדער, און גע־טראָגן א געלן אנצוג. מיט אביסל א ביטערן טאָן האָט ער געזאָגט:

— אָבער צי זאָגט מען אויך, אז איך האָב אמאָל געהאט

אָנגעשריבן א נישט אָנשטענדיקן פּערז אויף א מצבה, אויף מינאַ מעעקס מצבה? צי איז קיינער נישט געווען דאָרט, וואָס האָט עס געזען? אָבער עס איז פּאָרט אמת, יאָ, ס'איז אמת. ס'איז אויך אמת, אַז איך בין געווען אין דער שטעטלדיקער אַפּטייק און האָב געבעטן אַ מיטל צו אַן עקלהאַפטער קראַנקהייט, נאָר מ'האָט עס מיר נישט געוואָלט געבן, ווייל איך האָב קיין רעצעפּט נישט געהאַט. יאָ, עס פעלט מיר גראָד איין; האָט אייך מינוט נישט דערציילט, אַז איך האָב אים איינמאָל געוואָלט אונטערקויפן מיט צוויי הונדערט קראָן, ער זאָל זיך אויף מיין אָרט ארויסגעבן פאַר דעם פּאָטער פון אַ קינד? דאָס איז אויך דער ריינער אמת, מינוט אַליין וועט אייך עדות זאָגן דערויף. אָך, איך וואָלט בלי שום ספק געקאָנט צוגעבן אַ מאַסע פאַקטן...

— ניין, מער דאַרף מען נישט, ס'איז גענוג, — האָט זי מיט אַן אויפגערעגטער שטים געזאָגט.

און מיט אַ האַרטן, קאַלטן אויסדרוק אין אירע אויגן, האָט זי אים דערמאָנט אָן די טעלעגראַמען וועגן דעם רייכטום, וואָס ער האָט זיך אַליין טעלעגראַפירט, אָן דעם וויאָלין-קאַסטן, מיט וועלכן ער איז אַרומגעפאָרן, און האָט נישט אָנגעהויבן צו קאָנען שפּילן; איינס נאָכן אַנדערן, אַלע מיאוסע שטיקלעך, נישט פאַרגעסן אפילו אָן דעם רעטונגס-מעדאַל, וואָס ער האָט, ווי ער האָט אַליין געזאָגט, נישט געקראָגן אויף קיין ערלעכן אופן. זי האָט זיך דערמאָנט יעדע זאַך און האָט אים גאָרנישט געשוינט. יעדע קליינקייט האָט אין דער רגע געקראָגן ביי איר אַ באַדייטונג, און זי האָט אים געגעבן צו וויסן, אַז איצט גלויבט זי, אַז ער האָט טאַקע אָפּגעטון די אַלע מיאוסע שטיק, בעת פריער האָט זי נאָך אַלץ גערעכנט, אַז ער האָט דאָס בלויז אויסגעטראַכט. יאָ, ער איז געווים אַ חוצפּהדיקער און פאַלשער מענטש.

— און נישט געקוקט אויף דעם, — האָט זי געזאָגט — פּרוווט איר דאָך כּסדר מיך איבעררעשן און מיך צו ברענגען, איך זאָל אָפּטון נאַרישקייטן מיט אייך. איר שעמט זיך נישט, איר האָט נישט קיין האַרץ פאַר קיינעם, נאָר פאַר זיך אַליין, איר האַלט זיך נאָר אין איין דערקלערן, אין איין דערקלערן...

דאָקטאָר סטענערסען, וואָס איז פּונקט אַריינגעקומען און האָט אויסגעזען זייער פאַרשמייעט, האָט איר איבערגעשלאָגן די רייד. ער איז געווען איינער פון די רעכטע טוערס אויף דער פייערונג, און איז שטאַרק געווען פאַרנומען מיטן דורכפירן דעם פּראָגראַם.

— גוטנאָוונט, הער נאַגעל! — האָט ער געזאָגט. — אַ דאַנק אייך פאַר דער לעצטער אונטערהאַלטונג! דאָס איז אָבער געווען אַ משוגע-נער אָוונט!.. איר הערט, פרײַלין קיעלאַנד, איר מוזט זיין גרייט, מיר וועלן באַלד שטעלן די לעבעדיקע בילדער.

און דער דאָקטאָר איז ווידער אַוועק.

די מוזיק האָט ערשט ווידער אָנגעהויבן שפּילן, און אין זאַל איז געוואָרן אומרויק. דאַגני האָט זיך אָנגעבויגן און אַ קוק געטון דורך דער טיר; דערנאָך האָט זי זיך אויסגעדרייט צו נאַגעלן און געזאָגט:

— אָט קומט שוין מאַרטאַ צוריק...

פּויזע.

— איר האָט נישט געהערט, וואָס איך האָב געזאָגט?

— יאָ, יאָ, — האָט ער געענטפערט פאַרטראַכט.

ער האָט נישט אויפגעהויבן די אויגן, נאָר אָן אויפהער גע-דרייט דאָס פולע גלאָז. ער האָט נישט געטרונקען. און דעם קאָפּ האָט ער כמעט אינגאַנצן אַראָפּגעבויגן איבערן טיש.

— שש! — האָט זי מיט אַ שעפּטשנדיקן קול געזאָגט. — איצט שפּילט מען שוין ווידער, נישט אמת, אַז מען הערט אַזאַ מוזיק, וואָלט מען געוואָלט זיין אַביסל ווייט פון דאַנעט, אין אַ זייטיקן צי-מער און האַלטן די געליבטע ביי דער האַנט — נישט דאָס האָט איר אַמאָל געזאָגט? איך מיין, ס'איז דער זעלבער וואלס פון לאַנער, און אַז מאַרטאַ וועט אַריינקומען...

נאָר ערשט האָט זי, אפנים, מיטאַמאָל חרטה געקראָגן אויף אירע רשעותדיקע רייד. זי איז פּלוצלינג אַנטשוויגן געוואָרן, אין אירע אויגן האָט אַ פינקל געטון, און אַ נערוועזע האָט זי זיך צוריק אַוועק-געזעצט אויפן שטול. ער איז נאָך אַלץ געזעסן מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ; זי האָט נאָר געזען, ווי זיין ברוסט האָט זיך געהויבן קורץ און אומרעגלמעסיק. זי האָט זיך אויפגעהויבן, גענומען איר גלאָז און

געוואָלט עפּעס זאָגן, אַ פּאָר פרייַנטלעכע ווערטער, וואָס זאָלן אים נישט אָנטון קיין ווייטיק. זי האָט געזאָגט:

— יאָ, אַצינד מוז איך גיין.

ער האָט געוואָרפן אויף איר אַ שאַרפן בליק, האָט זיך אויך אויפגעהויבן און גענומען זיין גלאָז. זיי האָבן ביידע געטרונקען נישט אויסרעדנדיק קיין וואָרט. ער האָט זיך אָנגעשטרענגט מיט אַלע קרעפטן, אַז זיין האַנט זאָל נישט ציטערן; זי האָט געקאָנט זען, ווי ער באַמיט זיך אָנצונעמען אַ רויקן אויסדרוק; און אָט דער מענטש, פון וועלכן זי האָט, דאַכט זיך, נאָר וואָס אַ תּל געמאַכט, צעשמעטערט מיט איר חוזק, זאָגט פּלוצלינג גאַנץ העפלעך און גלייכגילטיק:

— איידער כ'וועל אייך פאַרגעסן, פריילין... ווילט איר זיין אַזוי פריינטלעך... איך וועל זיך דאָך מן הסתם נישט זען מער מיט אייך... ווילט איר זיין אַזוי פריינטלעך, ביי אַ געלעגנהייט, ווען איר שרייבט צו אייער חתן, אים צו דערמאָנען אָן די צוויי העמדער, וואָס ער האָט אַמאָל, נאָך פאַר צוויי יאָר, צוגעזאָגט מינוטן. איך בעט אייך מיר צו אַנטשולדיקן, וואָס איך מיש זיך אַריין אין אַ זאַך, וואָס גייט מיך גאָרנישט אָן; איך טו עס נאָר צוליב מינוטן. איך האָף, אַז איר וועט מיר מוחל זיין פאַר מיין דרייסטקייט, שרייבט אים נאָר, אַז עס גייט דאָ וועגן צוויי וואָלענע העמדער; ער וועט זיך געוויס דערמאָנען.

אַ רגע איז זי געשטאַנען, ווי דערשלאָגן פון אַ דונער; זי איז געשטאַנען מיט אַן אָפן מויל און אים אָנגעקוקט; זי האָט נישט געפונען קיין ווערטער און אפילו פאַרגעסן אַוועקצושטעלן דאָס גלאָז אויפן טיש. דאָס האָט געדויערט אַ גאַנצע מינוט. אָבער זי איז באַלד געקומען צו זיך, האָט געוואָרפן אויף אים אַ בייזן בליק, פול מיט דער גאַנצער אויפרעגונג, וואָס זי האָט געפילט קעגן אים; אַ פּאָר אויגן, וואָס האָבן אים דורכגעשטאָכן ווי שווערדן, דערנאָך האָט זי זיך אויסגעדרייט מיטן רוקן צו אים און איז אַריין אין זאַל.

זי האָט, משמעות, גאָר פאַרגעסן, אַז דער לאַנד-ריכטער און דער אַדיונקט זיצן נאָך אויפן זעלביקן אָרט און וואַרטן אויף איר.

נאגעל האָט זיך צוריק אנידערגעזעצט, זיינע פּלייצעס האָבּן אים ווידער גענומען צוקן. און עטלעכע מאָל האָט ער זיך מעכאַניש אָנגעכאַפּט פאַרן קאָפּ. ער איז געזעסן אַ דערשלאָגענער. ווען מאַרטאַ איז צוגעקומען, איז ער אויפגעשפּרונגען, אַ בּליק פון דאַנקבּאַרקייט האָט אַראָפּגעשיינט פון זיין געזיכט; ער האָט צוגערוקט אַ שטול פאַר איר.

— ווי גוט איר זענט, ווי גוט איר זענט, — האָט ער געזאָגט. — זעצט אייך דאָ אַנידער, איך וויל אייך דערציילן אַ בּאַרג מיט געשיכטעס, אויבּ איר וועט נאָר וועלן; איר וועט זען, ווי איך וועל אייך פאַרווײַלן, אויבּ איר וועט זיך נאָר אַוועקזעצן. נו, זעצט זיך, טייערע! יאָ, איר וועט קאָנען אַוועקגיין, ווען איר וועט נאָר וועלן, און איך קאָן דאָך מיטגיין מיט אייך, נישט אמת? איך וועל אייך קיינמאָל נישט אָנטון קיין קרענקונג, קיינמאָל נישט זאָגט, ווילט איר נישט טרינקען נאָך אַ גלעזעלע ווײַן? איך וועל אייך דערציילן עפּעס אַ פריילעכע זאַך, איר זאָלט זיך פאַרשפּאָרן צו נודזשען, איך בּין אַזוי גליקלעך, וואָס איר זענט צוריקגעקומען, גאָט, וואָס פאַראַ תענוג ס'איז צו הערן ווי איר לאַכט, איר, וואָס איר זענט דאָך שטענדיק אַזוי ערנסט! ס'איז, הייסט עס, געווען נישט אַזוי אינטערעסאַנט אין זאַל, נישט אמת? מיר וועלן בּעסער דאָ אונטערזיצן אַבּיסל; עס איז דאָך אַזוי היים דאָרט אינעווייניק; נו, זעצט זיך!

און מאַרטאַ האָט זיך געקווענקלט, נאָר לסוף האָט זי זיך אַנידערגעזעצט.

ערשט רעדט נאַגעל אָן אויפהער, דערציילט אין איין אָטעם קאָמישע מעשות און פאַרלויפּעניש, פלוידערט וועגן אַלץ אין דער וועלט, פיבּערדיק, געצוווּנגען, אין דער מורא זי זאָל נישט אַוועקגיין, אַזוי גיך ווי ער וועט אַ רגע שטילשווייגן. ער שוויצט פאַר אָנשטרענגונג. ער הויבּט זיך אָן צו פּלאָנטערן; אַ פאַרצווייפלטער כאַפּט ער זיך אָן פאַרן קאָפּ, כּדי צו געפינען דעם המשך פון זיינע געדאַנקען, און מאַרטאַ מיינט, אַז דאָס איז אויך אַ קאָמישע האַוואַיע, און זי לאַכט אומשולדיק. זי לאַנגווייליקט זיך נישט, איר אַלט האַרץ צעגייט פאַר פרייד, און זי הויבּט אפילו אַליין אָן

מיטצורעדן, ווי מאָדנע ווארעם און נאיוו זי איז געווען! בעת ער האָט געזאָגט, אַז דאָס לעבן איז זייער עלנט און צרהדיק — נישט אמת? — האָט זי זיך אָפּגערופן: לאָמיר טרינקען פאַרן לעבן. זי, אָט די פרוי, וואָס האָט לאַנגע יאָרן אַזוי קלאָגעדיק געלעבט דערפון, וואָס זי האָט פאַרקויפט אייער אויפן מארק... ניין, ס'איז גאָרנישט אַזוי שלעכט דאָס לעבן, אָפט איז עס אפילו גאַנץ שיין!

— יאָ, איר זענט גערעכט! — האָט ער דאַן געענטפערט... אָבער, הערט איר, אַצינד מוזן מיר אָנקוקן די לעבעדיקע בילדער! מיר קאָנען שטיין דאָ ביי דער טיר; וועלן מיר זיך קאָנען אַנידערזעצן, ווען איר וועט וועלן. איר קאָנט זען פון אייער אָרט? אויב נישט, וועל איך אייך נעמען אויף דער האַנט.

זי האָט געלאַכט און געשאָקלט מיטן קאָפּ, פאַר א צייכן, אַז ס'איז נישט נויטיק.

ווי גיך ער האָט דערזען דאַגגין אויבן אויף דער בינע, איז זיין פריילעכקייט פאַר איין מאָל פאַרשווונדן געוואָרן, זיין בליק איז פאַרגליווערט געוואָרן, און ער האָט קיין שום זאַך נישט געזען אויסער איר. ער האָט זיך צוגעקוקט, אין וועלכער ריכטונג עס זענען געווענדט אירע בליקן. ער האָט נישט אויפגעהערט קוקן אויף איר, ער האָט נישט דורכגעלאָזן איר מינדסטע באַוועגונג, און ער האָט באַמערקט, אַז א רויז, וואָס איז איר געווען צוגעשפיליעט צום ברוסט, האָט זיך כסדר אויפגעהויבן און אַראָפּגעלאָזן. זי איז אויף דער סצענע געשטאַנען די לעצטע צווישן די אָנטיילנעמער, און מ'האָט זי זייער לייכט געקאָנט דערקענען, נישט געקוקט אויף דעם ספּעציעלן קאָסטיום, וואָס זי האָט געטראָגן. פריילין אַנדערסען איז געזעסן אין מיטן און איז געווען קעניגין. די גאַנצע סצענע האָט אויסגעזען ווי א מין בילדער-רעטעניש און איז געווען איינגעטונקען אין רויטן ליכט. דאָס האָט דער דאָקטאָר סטענערסען מיט פיל מי און מאַטערניש צוזאַמענגעשטעלט.

— ווי שיין עס איז! — האָט מארטא געשעפּטשעט.

— יאָ... וואָס איז שיין? — האָט ער געפרעגט.

— דאָ אויבן, וואָס-זשע, איר זעט דען נישט? וווהין קוקט איר?

— אך יאָ, ס'איז אמת. יאָ, טאַקע שיין.

און כדי נישט אַרויסצורופן ביי איר קיין חשד, אז ער קוקט בלויז אויף איין אָרט, אויף איין איינציקן פּונקט פון דער גאַנצער סצענע, האָט ער זיך אָנגעהויבן אויסצופרעגן אויף יעדן איינעם פון די אָנטיילנעמער. ווער און וואָס זיי זענען, אָבער ער האָט כמעט נישט געהערט, וואָס זי האָט געענטפערט. זיי זענען געשטאַנען ביז דאָס רויטע ליכט האָט זיך פאַרלאָשן, און דער פאָרהאַנג איז אַראָפּגעפאַלן.

אין משך פון א פינף מינוט האָט מען אויסגעשטעלט אַלע פינף לעבעדיקע בילדער איינס נאָכן אַנדערן. ס'איז געוואָרן צוועלף דער זייגער. מאַרטאַ און נאַגעל זענען נאָך געשטאַנען ביי דער טיר און געקוקט אויפן לעצטן בילד. ווען דער פאָרהאַנג האָט זיך אַראָפּגעלאָזט און ס'האָט ווידער גענומען שפּילן די מוזיק, האָבן זיי זיך ווידער אַנידערגעזעצט ביים טישל און גענומען רעדן צווישן זיך. דאָס אַלטע מיידל! אין איר גוטסקייט האָט זי וואָס אַמאָל מער נאָכגעגעבן און האָט שוין מער נישט דערמאָנט וועגן אַהיימגיין.

עטלעכע יונגע דאַמען זענען אַריינגעקומען מיט נאָטיץ-ביכלעך אין די הענט און האָבן פאַרקויפט די נומערן צו דער לאָטעריע. — ליאַלקעס, וויג-שטולן, שטיקערייען, א טיי-טישל, א טיש-זייגער. אומעטום איז געווען א טומל פון מענטשן, אַלע האָבן זיך געלאָזט גיין און גערעדט הויך אויפן קול, אין זאַל און אין די זייטיקע צימערן האָט גערוישט, ווי אויף א בערזע. ערשט אַרום צוויי א זייגער האָט זיך דער אָדוועט געדאַרפט ענדיקן.

פרייליין אַנדערסען האָט זיך ווידער אַנידערגעזעצט ביי נאַגעלס טישל. אַך, זי איז אַזוי מיד, אַזוי מיד! יאָ, א דאַנק, זי וועט מיט פאַרגעניגן טרינקען א גלאָז, א האַלב גלאָז! צי וואָלט נישט כדאי געווען א רוף צו טון דאַגנין?

און זי האָט געבראַכט דאַגנין, מיט איר איז אויך געקומען מינוט.

און ערשט האָט געטראָפן אָט וואָס:

נישט ווייט פון זיי פאַלט אום א טישל; עטלעכע שאָלן און

גלעזער פאַלן אַראָפּ אויף דער ערד, און דאַגני טוט אַ קוויטשי פאַר שרעק האָט זי אַ כאַפּ געטון מאַרטאַן ביים אָרעם. דערנאָך האָט זי זיך אַליין צעלאַכט פון איר שרעק און געבעטן אַנטשול- דיקונג. זי איז געווען שטאַרק דערהיצט און געלאַכט מיט אַן אָפּ- געהאַקטן, נערוועזן געלעכטער, אירע אויגן האָבן שטאַרק געפינקלט. זי האָט זיך שוין איינגעהילט אין איר מאַנטל און איז געווען גרייט צו גיין אַהיים. זי האָט בלויז געוואַרט אויפן אַדיונקט, וואָס האָט איר געזאָלט באַגלייטן.

אָבער דער אַדיונקט, וואָס איז נאָך אַלץ געזעסן מיטן לאַנד-ריכ- טער און האָט זיך שוין אַ גאַנצע שעה נישט אויפגעהויבן פון שטול, האָט אָנגעהויבן ווערן אויף אַן אמת שיכור.

— הער נאַגעל וועט דיך געהיים באַגלייטן, דאַגני. — האָט פרייילין אַנדערסען געזאָגט.

דאַגני האָט אַרויסגעפּלאַצט מיט אַ געלעכטער. פרייילין אַנ- דערסען האָט זי פאַרחידושט אָנגעקוקט.

— ניין, — האָט דאַגני געענטפערט — מיט הער נאַגעל גיי איך נישט מער! ער איז אַזוי רייך אין איינפאַלן! צווישן אונז זאָל עס בלייבן — ער האָט מיך אפילו איינמאָל געבעטן, איך זאָל זיך מיט אים טרעפן ערגעץ-ווו. איך לאַך נישט! עפּעס אונטער אַ בוים האָט ער געזאָגט, אונטער אַ גרויסן עספּנבוים, וואָס שטייט דאָרט און דאָרט! ניין, הער נאַגעל איז צו האַסטיק פאַר מיר; ערשט נישט לאַנג האָט ער גאַנץ ערנסט געפאָדערט אַ פאָר העמדער, האָס מיין חתן זאָל אַמאָל האָבן צוגעזאָגט גרעגאַרדן. און גרעגאַרד הויבט נישט אָן צו וויסן דערפון. נישט אמת, גרעגאַרד? כאַכאַכאַ! ווי געפעלט עס אייך?

ביי די ווערטער האָט זי זיך האַסטיק אויפגעהויבן און נאָך אַלץ לאַכנדיק איז צוגעגאַנגען צום אַדיונקט; זי האָט גערעדט מיט אים אַ פאָר ווערטער, און ס'האָט אויסגעזען ווי זי האָט מסכים געווען, ער זאָל זי אָפּפירן אַהיים.

מינוט איז געוואָרן זייער אומרויק, ער האָט געפרווט עפּעס זאָגן, זיך פאַרענטפערן, אָבער ער איז צעטומלט געוואָרן און גע- מוזט זיך דערפון אָפּזאָגן. מאַרטאַ איז אויך געוואָרן צעמישט און

דערשראָקן. נאַגעל האָט גערעדט צו איר, האָט שטילערהייט גע-
זאָגט צו איר עטלעכע בארויקנדיקע ווערטער און ער האָט ווידער
גענומען אָנגיסן די גלעזער. פרײלין אַנדערסען האָט באַלד אָנגע-
הויבן רעדן פון באַזאַר: וואָס פאַר א מאַסע מענטשן, כאָטש ס'איז
געווען א רעגנדיק וועטער! אָ, זיי וועלן מאַכן זייער א סך געלט, די
אויסגאַבן זענען דאָך נישט אַזעלכע געפערלעכע...

— ווער איז געווען די שיינע דאַמע, וואָס האָט געשפּילט
אויף דער האַרף? — האָט נאַגעל געפרעגט. — די מיטן בייראָן-מויל
און מיט דער זילבערנער פעל אין די האָר?

— נישט קיין היגע דאַמע, וואָס איז דאָ אין שטאָט צו גאַסט.
וואָס זשע זי איז דען טאַקע אַזוי שיין?

יאָ, ער מיינט, אַז זי איז שיין. ער האָט זיך אויסגע-
פרעגט וועגן דער דאַמע. הגם אפילו א בלינדער האָט געקאָנט זען,
אַז זיינע געדאַנקען זענען גאָר ערגעץ אַנדערש. פאַרוואָס איז ער גע-
ווען אַזוי פאַרטראַכט? פאַרוואָס האָט ער מיטאַמאָל פאַרקנייטשט
דעם שטערן און געקראַגן אַזא ביטערן אויסדרוק אויפן געזיכט?
ער האָט שטילערהייט אַרומגעדרייט זיין גלאָז אין דער האַנט.

איצט איז דאַגני צוריקגעקומען און געבליבן שטיין ביים
טישל און, שטייענדיק אַזוי הינטער פרײלין אַנדערסענס שטול און
צוקנעפּלענדיק אירע הענטשקעס, זאָגט זי ווידער מיט איר קלאָרער,
ריינער שטימע:

— אָבער וואָס האָט איר זיך, אייגנטלעך, געטראַכט, בעת איר
האָט פאַרלאַנגט פון מיר, איך זאָל זיך טרעפן מיט אייך, הער
נאַגעל? וואָסערע כוונות האָט איר געהאַט דערביי? פאַרוואָס ענט-
פערט איר נישט?

— ניין, דאַגני, וואָס איז מיט דיר היינט? — שעפּטשעט פריי-
לין אַנדערסען און שטייט אויף, מינוט שטייט אויך אויף, מ'פילט
זיך אין א שווערער שטימונג. נאַגעל האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ;
אויף זיין פּנים איז נישט קענטיק געווען קיין גרויסע צערודערט-
קייט. דאָך האָבן אַלע געזען, ווי ער האָט אָפּגעלאָזט דאָס גלאָז
און א פּאָר מאָל פאַרבראָכן מיט די הענט, דערביי האָט ער זייער
האַסטיק אָפּגעצויגן דעם אָטעם. וואָס וועט ער טון? וואָס באַדייט

עס, וואָס ער האָט שטילערהייט אַ שמייכל געטון און איז תּיכּף ווידער ערנסט געוואָרן? צו אַלעמענס פאַרוואונדערונג האָט ער מיט אַ רירנדיקער שטים געענטפערט:

— פאַרוואָס איך האָב אייך דערמאָלט געבעטן זיך צו טרעפן מיט מיר? פרײַלין קיעלאַנד, וואָלט איר נישט געוואָלט, איך זאָל אייך גלייבער אויף דער פראַגע נישט ענטפערן? איך האָב אייך שוין ביז איצט גורם געווען אַזוי פיל אומאַנגענעמלעכקייטן. איך באַדויער עס, און גאָט איז מיין עדות, אַז איך וואָלט געטון אַלץ אין דער וועלט, אַבי דאָס זאָל נישט האָבן געשען. פאַרוואָס איך האָב אייך דערמאָלט געבעטן זיך צו טרעפן מיט מיר, ווייסט איר אַליין גאַנץ גוט; איך האָב עס נישט באַהאַלטן פון אייך, כאָטש איך האָב עס אין דער אמתן יאָ געדאַרפט טון. איר מוזט מיר מוחל זיין, מער האָב איך גאָרנישט וואָס צו זאָגן...

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט. זי האָט אויך מער גאָרנישט געזאָגט, זי האָט זיך געווים געריכט אויף אַן אַנדער ענטפער פון אים. לסוף איז דער אַדיונקט צוגעקומען צו דער רעכטער צייט און געמאַכט אַ סוף צו דער דראַזיקער פיינלעכער סצענע. ער איז געווען שטאַרק בגילופין און זיך קוים געהאַלטן אויף די פיס.

דאַגני האָט אים גענומען אונטערן אָרעם און איז אַרויס מיט אים פון זאַל.

און איצט איז די קליינע געזעלשאַפט געוואָרן אַ סך לעבעדיקער; מ'האָט פרייער אָפּגעאָטעמט. מאַרטאַ האָט פאַר פרייד געלאַכט און געפּאַטשט מיט די הענט אָן אַ שום סיבה. טיילמאָל, ווען זי האָט זיך געכאַפּט, אַז זי לאַכט צו אָפט, איז זי געוואָרן רויט און האָט זיך אומגעקוקט אויף די איבעריקע, צי זיי האָבן עס באַמערקט. אָט די חנוודיקע צעטומלטקייט, וואָס האָט זיך אַלע ווילע איבערגעחזרט, האָט נאַגעלן אַריינגעבראַכט אין גרויס התפּעלות, און ער האָט זיך איינפאַך נאַריש געמאַכט, נאָר כּדי אונטערצוהאַלטן איר לוסטיקייט. אַזוי, אַ שטייגער, איז אים איינגעפאַלן צו שפּילן דעם „אַלטן נח" אויף אַ קאָרעק, וואָס ער האָט געהאַלטן צווישן די ציין.

צו דער קאָמפּאַניע איז אויך צוגעקומען פרוי סטענערסען.

זי האָט געטענהט, אַז זי רירט זיך נישט פון אָרט, ביז אַלץ וועט נישט זיין פאַרענדיקט. עס דאַרף זיין נאָך אַ נומער, צווייַ גימנאַסטיקער, דאָס וויל זי אומבאַדינגט זען. יאָ, זי בלייבט תמיד ביז צום לעצטן; די נאַכט איז נאָך אַזוי לאַנג, און זי פלעגט שטענדיק ווערן טרויעריק, ווען זי פלעגט קומען אַהיים און בלייבן אַליין אין שטוב. צי וואָלטן זיי אַלע נישט קיין חשק געהאַט אַריינצוגיין אין זאַל און אַ קוק טון אויף די גימנאַסטיקער!

זיי זענען אַלע אַריין אין זאַל.

און בשעת זיי זענען דאָרט, גייט אַ הויכער, באָרדיקער מאַן אַדורך דורך דעם מיטלסטן דורכגאַנג פון זאַל. ער טראָגט אַ וויאָלין-קאַסטן אין דער האַנט. ער איז דער אָרגאַניסט; ער האָט אָפּגעשפּילט זיין נומער און זיך געקליבן גיין אַהיים. ער בלייבט שטיין, באַגריסט זיך מיט נאַגעלן און הויבט גלייך אָן צו רעדן מיט אים וועגן זיין פידל. מינוט איז טאַקע געווען ביי אים און האָט זי געוואָלט קויפן; אָבער דאָס איז פאַר אים אוממעגלעך; דער פידל איז אים געבליבן בירושה, ער באַטראַכט אים פונקט ווי אַ קליין מענטשלעך באַשעפעניש, אַזוי צוגעבונדן איז ער צו אים. יאָ, ער האָט אויך זיין נאָמען אויף אים, ער קאָן עס אַליין זען, ס'איז נישט סתם אַזוי אַ פידל... און פאָרזיכטיק עפנט ער דעם קאַסטן.

אָט ליגט ער דאָ, דער רייצנדער, טונקל-ברוינער אינסטרומענט, גוט אויסגעבעט אין העל רויטן זייד, די סטרונעס באַדעקט מיט דינע וואַטע.

נישט אמת, דער פידל זעט אויס שיין? און די דריי אותיות אין קליינינקע רובינדלעך דאָ אויפן גריף-ברעט באַדייטן: גוסטאַוו אַדאָלף קריסטענסען. ניין, אַזאַ פידל צו פאַרקויפן איז אַ שאָד. וואָס וואָלט ער דאַן געטון אין די לאַנגע, לאַנגווייליקע טעג? און אַנדער זאַך איז, נאַטירלעך, אויב ס'גייט וועגן דעם, אַ ווײַלע צו פּרובירן, עטוואָס שפּילן אויף אים...

ניין, ער וויל אים נישט פּרובירן, נאַגעל.

אָבער דער אָרגאַניסט האָט שוין דעם אינסטרומענט אינגאַנצן געהאַט אַרויסגענומען פון קאַסטן, און בעת די גימנאַסטיקער

האָבן פאַרענדיקט זייערע לעצטע שפּרונגען, און דער עולם אין זאַל האָט געפּאַטשט בראַוואָ, האָט ער נאָך אַלץ נישט אויפגע־הערט צו רעדן וועגן דעם זעלטענעם פידל, וואָס איז אַדורכגע־גאַנגען בירושה פון דריי דורות! ער איז גרינג, ווי אַ פעדער, נעמט אים נאָר אין האַנט אַריין!..

און נאַגעל האָט מודה געווען, אַז ער איז גרינג, ווי אַ פע־דער. נאָר ווען ער האָט שוין געהאַלטן דער פידל אין דער האַנט, האָט ער אים אָנגעהויבן אַרומדרייען אין אַלע זייטן און באַ־טאַפּן די סטרונעס. און מיט אַ מינע פון אַ מבין האָט ער געזאָגט:

— אַ מיטנוואַלדער זע איך.

נאָר אַז דאָס איז „אַ מיטנוואַלדער״, איז נישט שווער געווען צו טרעפן, ווייל ס'איז גאַנץ איינפאַך געווען אָפּגעדרוקט אויף אַ צעטל אין דעם פידל; נאָך וואָס זשע האָט אים געטויגט אָט דעם אָנשטעל פון אַ מבין? — ווען די גימנאַסטיקער זענען אַראָפּ פון דער בינע, און די אַפּלאָדיסמענטן האָבן אויפגעהערט, הויבט ער זיך אויף; ער זאָגט גאָרנישט, קיין וואָרט נישט, נאָר ער ציט אויס די האַנט נאָכן בויגן. אין דעם מאָמענט, ווען אַלע האָבן שוין בדעה זיך אויפצוהויבן פון די ערטער און גיין אַהיים, אין רעכטן טומל און רעש, וואָס האָט גערוישט אומעטום, הויבט ער פלוצלינג אָן צו שפּילן און שטילט אַלעמען איין. ביסלעכווייז ווערט אומעטום שטיל. אָט דער קליינער מענטש מיט די ברייטע פּלייצעס און אין שרייענדיקן געלן אַנצוג, וואָס האָט זיך גענומען אין גאָט ווייסט פון וואַנעט אין זאַל אַריין, האָט זיי אַלעמען אַריינגעבראַכט אין דערשטוינונג. און וואָס האָט ער געשפּילט? אַ ליד, אַ באַרקאַראָלע, אַ טאַנץ, אַן אונגאַרישן טאַנץ פון בראַמס, אַ מישמאַש פון פאַרשידענע מאָטיוון, געשפּילט אין אַ רויען, האַס־טיקן טעמפּאָ, וואָס האָט דורכגעדרונגען דעם גאַנצן זאַל. ער האָט געהאַלטן דעם קאָפּ שטאַרק אויסגעבויגן אויף אַ זייט; אַלצדינג האָט במעט אויסגעזען מיסטיש; זיין אומגעריכטער אויפטריט, אַ חוץ דעם פּראָגראַם, און דערצו נאָך אין מיטן זאַל, ווו עס איז געווען פינסטערלעך, זיין אויסערלעכקייט, וואָס האָט זיך אַזוי שטאַרק געוואָרפן אין די אויגן, און איצט, אָט די ווילדע גע־

שיקטקייט פון זיינע פינגער — דאָס אַלץ האָט צעטומלט דעם עולם און אַרויסגערופן אין די מענטשן אַן איינדרוק פון אַ מכשף. ער האָט אַזוי געשפּילט עטלעכע מינוט, און דער עולם איז נאָך אַלץ געזעסן ווי צוגעשמידט צו די ערטער. מיטאַמאָל איז ער אַריבער אין אַן אומגעהויערן ווילדן פּאַטאָס, אַ מין טרומייטעריי. ער איז געשטאַנען גאַנץ רויק, נאָר זיין האַנט האָט זיך באַוועגט, און ער האָט כּסדר געהאַלטן דעם קאָפּ אין אַ זייט. אַזוי ווי ער האָט זיך דערנומען אהער גאָר אומגעריכט אפילו פאַר די איינאָרדנער פון דער פייערונג, איז גאָר קיין חידוש נישט געווען, וואָס ער האָט אָט די רויקע שטאָט-לייט און די פויערן גענומען מיט שטורעם; זיי האָבן עס נישט געקאָנט פאַרשטיין, ביי זיי אין די אויגן האָט זיין שפּילן אויסגעזען אַ סך בעסער, ווי ס'איז געווען אין דער אמתן. בעסער ווי אַלץ אין דער וועלט, אַזאַ איינדרוק האָט עס אויף זיי געמאַכט, הגם ער האָט געשפּילט צו האַסטיק. אָבער ס'זענען נאָך נישט אַריבער קיין פיר, פינף מינוט, ווי ער האָט עטלעכע מאָל האַסטיק אַ פיר געטון מיטן בויגן איבער די סטרונעס; דאָס איז געווען אַ פאַרצווייפלטער געשריי, אַ יאָמער-לעמער קלאַנג, אַזוי שרעקלעך, אַזוי ליידנשאַפטלעך, אַז קיינער האָט נישט געוווּסט, וואָס מיט אים טוט זיך. דריי, פיר אַזעלכע שטרייכן, האָט ער געמאַכט און דאַן האָט ער מיטאַמאָל אויפגעהערט. ער האָט אַראָפּגענומען דעם פידל פון אַקסל און אויפגעהערט שפּילן.

אַ גאַנצע מינוט איז אַריבער, איידער דער עולם איז געקומען צו זיך. לסוף האָבן זיי אָנגעהויבן צו פּאַטשן אָן אַ סוף; זיי האָבן געשריגן בראַוואָ, האָבן זיך אַרויפגעשטעלט אויף די בענק און געשריגן בראַוואָ. דער אָרגאַניסט האָט מיט אַ טיפער פאַרנייגונג צוגענומען זיין פידל ביי נאַגעלן, האָט זי באַטאַפּט און זי פאָרזיכטיק אַריינגעלייגט אין קאַסטן. דערנאָך האָט ער אָנגענומען נאַגעלס האַנט און עטלעכע מאָל אים געדאַנקט. אין זאַל האָט גערעשט און געטומלט. דאָקטאָר סטענערסען איז אין איין אָטעם צוגעלאָפן צו נאַגעלן, האָט אים אָנגעכאַפּט ביים אָרעם און אויסגעשריגן:

— אָבער, גרויסער גאָט, איר שפּילט דאָך יאָ!... הייסט עס, אַז איר שפּילט דאָך!

פרײלין אַנדערסען, וואָס איז געזעסן נעבן אים, האָט אים אָנגעקוקט מיט דער גרעסטער באַוווּנדערונג און געזאָגט:

— איר האָט דאָך געהאַט געזאָגט, אַז איר קאָנט נישט שפּילן?

— נו, געוויס קאָן איך נישט, — האָט ער געענטפערט—נישט קיין סך, דאָס הייסט דאָך נישט געשפּילט, ס'איז דאָך נישט כדאי דערפון צו רעדן, דאָס זאָג איך אָפן, ווען איר וואָלט געוווּסט, ווי פאַלש דאָס איז געווען, ווי נישט עכט! אָבער נישט אמת, ס'האָט אויסגעזען זייער עכט? העהעהע, יאָ, מ'מוז די וועלט איבערראַשן, אַרײנבערענגען איר אין התפּעלות, מ'דאַרף זיך גאָרנישט זשענירן!... אָבער מיינט איר, אַז מיר וואָלטן זיך נישט געקאָנט אומקערן צו אונזערע גלעזער? ווילט איר זיין אַזוי פריינטלעך און מיטבעטן מיט אונז פרײלין גודע?

און זיי זענען אַרײַן אין אַ זייטן-צימער. זיי זענען נאָך אַלע געווען פאַרנומען מיט אָט דעם געהיימניספולן מענטשן, וואָס האָט זיי אַזוי שטאַרק איבערראַשט; אפילו דער לאַנד-ריכטער ריינערט האָט זיך אויך אָפּגעשטעלט אַ ווײַלע און זיך אָנגערופן צו נאַגעלן:

— איך דאַנק אייך, איר זענט די טעג געווען אַזוי פריינטלעך און מיך אײַנגעלאַדן אויף אַ מענער-געזעלשאַפט. איך האָב נישט געקאָנט קומען, איך בין גראָד יענעם אָוונט געווען פאַרנומען; נאָר איך דאַנק אייך, ס'איז געווען זייער ליבלעך פון אייך.

— אָבער פאַרוואָס האָט איר פאַרענדיקט מיט אַזעלכע שווינדעלעכע טענער? — האָט פרײלין אַנדערסען געפרעגט.

— איך ווייס עס אַליין נישט, אין דער אמתן, — האָט נאַגעל געענטפערט — ס'איז געקומען פון זיך אַליין. איך האָב געוואָלט אַרויספטרעטן דעם טייוול אויפן עק.

דאָקטאָר סטענערסען איז ווידער צוגעקומען צו אים, האָט אים ווידער געלויבט. און נאַגעל האָט ווידער געענטפערט, אַז זיין שפּילן איז געווען אַ קאָמעדיע, אַן אמתער שווינדל, פול מיט בי-

ליקע עפעקטן; ווען ער וואָלט זיך נאָר געקאָנט פאָרשטעלן, ווי שלעכט דאָס איז געווען! אין עטלעכע ערטער האָט ער געשפּילט פאַלש, יאָ, כמעט אומעטום איז עס געווען מער אָדער ווייניקער פאַלש. ער האָט עס אַליין געוווּסט, נאָר בעסער קאָן ער נישט.

צום טיש, ווו נאגעל איז געזעסן, זענען צוגעקומען וואָס אַמאָל מער מענטשן. נאגעל איז געזעסן ביז דער לעצטער מינוט. ענדלעך איז זיך דער עולם פונאנדערגעגאנגען; מ'האָט גענומען פאַרלעשן די ליכט אין זאַל, ערשט דאַן האָט זיך די קליינע גרו־פּע אויפגעהויבן פון די ערטער. ס'איז שוין געווען האַלב דריי אַ זייגער.

נאגעל האָט זיך איינגעבויגן צו מאַרטאַן און געשעפּטשעט:

— נישט אמת, אַז איך קאָן אייך אָפּפירן אַהיים? איך האָב אייך עפּעס צו זאָגן.

ער האָט שנעל באַצאָלט זיין רעכענונג, האָט זיך געזעגנט מיט פריילין אַנדערסען און איז אַרויס מיט מאַרטאַן. זי האָט נישט געטראָגן קיין מאַנטל, נאָר אַ רעגנשירם, וואָס זי האָט זיך באַמיט צו באַהאַלטן, ווייל ער איז געווען פול מיט לעכער. אַז זיי זענען אַרויס אויף דער גאַס, האָט נאגעל באַמערקט, אַז מינוט האָט זיי נאָכגעקוקט מיט אַ לאַנגן, אָנגעווייטיקטן בליק. זיין פּנים איז גע־ווען זייער בלייך.

זיי זענען געגאַנגען גלייך צו מאַרטאַס הויז. נאגעל האָט זיך אומגעקוקט אין אַלע זייטן, ער האָט קיינעם נישט געקאָנט זען. דאַן האָט ער זיך אָפּגערופן:

— ווען איר וואָלט געווען אַזוי דרייסט, מיך אַריינצולאָזן אַ ווילע צו זיך, וואָלט איך אייך געווען אַזוי דאַנקבאַר.

זי האָט זיך נישט געקאָנט באַשליסן.

— ס'איז אַזוי שפּעט. — האָט זי געענטפערט.

— איר ווייסט, אַז איך האָב אייך צוגעזאָגט, אַז איך וועל אייך קיינמאָל מיט קיין שום זאַך נישט אָנטון קיין עגמת נפש. אָבער איך מוז רעדן מיט אייך.

זי האָט אויפגעשלאָסן די טיר.

אַריינגעקומען אין צימער האָט זי אָנגעצונדן אַ ליכט, בעת

ער האָט ווידער מיט עפּעס פֿאַרהאָנגען דאָס פֿענסטער. ער האָט געשוויגן ביז זי איז פֿאַרטיק געוואָרן, דערנאָך האָט ער געזאָגט:

— וואָס זשע, האָט איר זיך היינט געווײלט אַביסל?

— יאָ, איך דאַנק אייך זייער. — האָט זי געענטפֿערט.

— יאָ, אָבער נישט וועגן דעם האָב איך געוואָלט רעדן מיט אייך, קומט אַהער, רוקט זיך צו אַביסל נענטער. איר האָט זיך גאָרנישט וואָס צו שרעקן פֿאַר מיר. ווילט איר מיר צוזאָגן, אַז איר וועט פֿאַר מיר קיין מורא נישט האָבן? גוט, גיט איר מיר די האַנט דערויף?

זי האָט אים געגעבן די האַנט, און ער האָט זי געהאַלטן אין זיינע.

— און איר גלויבט אויך נישט, אַז איך זאָג אייך ליגן, אַז איך וויל אייך אָפּנאַרן?

— ניין.

— ניין, וועל איך אייך אַלץ אויפֿקלערן... אָבער אויף וויפֿל גלויבט איר מיר? איך מיין, אויף ווי ווייט קאָנט איר פּועלן ביי זיך מיר צו גלויבן? אַך, נאַרישקייטן! וואָס פֿאַר אַ פּלוידעריי! אָבער די מעשה איז אַזוי, פֿאַרשטייט איר מיך, ס'איז מיר שווער אייך קלאָר צו מאַכן. איר וואָלט מיר געגלויבט, ווען איך זאָג אייך, למשל, אַז איך... אַז איך האָב אייך באמת ליב? יאָ, איר האָט דאָך עס שוין אַליין געמוזט באַמערקן. אָבער ווען איך זאָל, אַ שטייגער, גיין נאָך ווייטער, איך מיין, פֿאַרשטייט איר מיך, איך וויל אייך פֿאָרלייגן גאַנץ פּשוט, צו ווערן מיין פֿרוי. יאָ, מיין פֿרוי. ענדלעך האָב איך עס געזאָגט. נישט נאָר מיין כּלה, נאָר מיין פֿרוי... אָבער, גאָט מיינער, וואָס האָט איר זיך אַזוי דער־שראָקן! ניין, ניין, נעמט נישט צו אייער האַנט, איך וועל אייך געבן בעסער צו פֿאַרשטיין, וועט איר גוט באַגרייפֿן. שטעלט זיך נאָר פֿאָר די מעגלעכקייט, אַז איר הערט באַשיינפּערלעך, אַז איך מאַך אייך גאַנץ אָפֿן און אָן שום צערעמאָניעס דעם פֿאָרשלאָג צו ווערן מיין פֿרוי, און איך מיין עס באמת ערנסט; פּרובירט זיך נאָר פֿאָרשטעלן אָט די מעגלעכקייט און דאַן דערלויבט מיר צו רעדן ווייטער. גוט, ווי אַלט זענט איר? איבעריקנס, דאָס האָב

איך גאָרנישט געוואָלט פרעגן; אָבער איך בין אַלט ניין און צוואַנ־ציק יאָר. איך בין אריבער אָט די עלטער, ווען מענטשן זענען לייכטזיניק. איר זענט מיט פינף זעקס יאָר עלטער, דאָס איז נישט קיין שום מניעה.

— איך בין מיט צוועלף יאָר עלטער. — האָט זי געזאָגט.

— מיט צוועלף יאָר עלטער! — רופט ער אויס אַנטציקט, וואָס זי הערט זיך צו צו אים, וואָס זי האָט זיך נישט אינגאַנצן פאַרלוירן, הייסט עס, מיט צוועלף יאָר עלטער, דאָס איז אויסגע־צייכנט, דאָס איז דווקא אויסגעצייכנט! יאָ, און איר מיינט, אַז צוועלף יאָר דאַרפן אונז שטיין אין וועג? איך מיין, אַז דאָס איז אַן אומזין פון אייער זייט. אָבער ווי עס זאָל נישט זיין: ווען איר וואָלט אפילו געווען מיט דריי מאָל צוועלף יאָר עלטער — האָב איך אייך פאָרט ליב און איך מיין ערלעך יעדעס וואָרט, וואָס איך רעד דאָ ארויס פאַר אייך — איז וואָס זשע קער זיך עס אָן איינס מיטן אַנדערן? איך האָב לאַנג געטראַכט וועגן דעם, יאָ, אייגנטלעך, נישט אַזוי לאַנג, אָבער עטלעכע טעג, און איך זאָג קיין ליגן נישט, גלויבט מיר, ווי גאָט איז אייך ליב! איך האָב אַ סך טעג געטראַכט וועגן דעם, און ביינאַכט האָב איך צוליב דעם נישט געקאָנט אַנטשלאָפן ווערן. איר האָט אַזעלכע ווונדער־לעכע אויגן? זיי האָבן מיך גענומען גלייך פון דער ערשטער רגע אָן, ווען איך האָב אייך נאָר דערזען. וואָרום מיך קאָנען אַ פּאָר אויגן אַוועקשלעפּן ביזן עק וועלט, אַך, איינמאָל האָט אַן אלטער מאַן מיך אַרומגעשלעפּט אַ האַלבע נאַכט אין אַ וואַלד בלויז מיט די אויגן זיינע. ער איז געווען אַ משוגענער... נו, דאָס איז אַ מעשה פאַר זיך! אָבער אייערע אויגן האָבן אויף מיר געמאַכט אַ גוואַלטיקן איינדרוק. דערמאָנט איר זיך אפשר, אַז איר זענט געשטאַנען דאָ אין מיטן צימער און געקוקט אויף מיר, בשעת איך בין דורכגעגאַנגען? איר האָט נישט אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו מיר, איר האָט מיר בלויז נאָכגעקוקט מיט די אויגן, דאָס וועל איך קיינמאָל נישט פאַרגעסן. נאָר דערנאָך, אַז איך האָב זיך גע־טראָפן מיט אייך און געהאַט אַ געלעגנהייט מיט אייך צו רעדן, האָט מיך גערירט אייער שמייכל. און איך ווייס נישט, צי איך

האָב זינט איך לעב געהערט עמעצן אַזוי האַרציק לאַכן, ווי אייך; אָבער איר אַליין ווייסט נישט דערפֿון, און דערפֿאַר טאַקע איז עס אַזוי באַחנט, דערפֿאַר וואָס איר אַליין ווייסט נישט... יאָ, איך פֿלוידער שוין איצט ווידער שרעקלעכע זאַכן, איך הער עס גאַנץ גוט, אָבער איך פֿיל, אַז איך מוז רעדן אָן שום אָפּרו, אויב נישט, וועט איר מיר נישט גלויבן, דערפֿאַר רעד איך אָן אַ שום סדר. אָבער ווען איר וואָלט נאָר נישט געזעסן ווי אויף שפּילקעס, איך מיין, יעדע רגע גרייט אויפֿצושטיין און אַוועקצוגיין, וואָלט זיך עס מיר בלי ספק בעסער איינגעגעבן. איך בעט אייך, לאָזט מיך ווידער האַלטן אייער האַנט, וועל איך אָנהויבן רעדן דייטלע־כער. יאָ, אַזוי, אַ דאַנק!... פֿאַרשטייט אַליין, איך וויל באמת נישט קיין אַנדער זאַך פֿון אייך, נאָר דאָס, וואָס איך האָב געזאָגט; כ'האָב נישט קיין שום באַהאַלטענע כּוונות. און וואָס אַזעלכעס איז דען דאָ אין מיינע ווערטער, זיי זאָלן אייך אַזוי שטאַרק אי־בעררײַשן? איר קאָנט נישט תּופֿס זיין, ווי אַזוי אַ דער משוגע־נער געדאַנק איז מיר איינגעפֿאַלן; איר קאָנט באַגרייפֿן, אַז איך— אַז איך—חלילה; ניין, איר מיינט, אַז דאָס איז גאָר אַן אוממעגלעכע זאַך; נישט אמת, אַז וועגן דעם טראַכט איר?

— יאָ, אָבער, גאָט מיינער, לאָזט עס ערשט צורו!

— אָבער הערט מיך אויס, איך האָב נישט פֿאַרדינט, איר זאָלט מיך חושד זיין אין פֿאַלשקייט...

— ניין, — רופֿט זיך אָפּ מאַרטאַ מיט אַ קול פֿול מיט חרטה — איך בין אייך לחלוטין נישט חושד; אָבער פֿונדעסטוועגן איז עס פֿאָרט נישט מעגלעך.

— פֿאַרוואָס איז דאָס נישט מעגלעך? זענט איר דען פֿאַר־בונדן מיט אַן אַנדערן?

— ניין, ניין.

— באמת נישט? וואָרום קוים זענט איר פֿאַרבונדן מיט אַן אַנדערן, אָט לאָמיר זאָגן, כּדי אָנצורופֿן אַ נאָמען, למשל, מיט מינוטן...

— ניין! — שרייט זי אויס הויך אויפֿן קול. דערביי האָט זי אים אפֿילו אַ דריק געטון אין דער האַנט.

— ניין? אויב אזוי זע איך נישט קיין שום מניעה. לאזט זשע מיך ווייטער רעדן: איר זאלט נאר נישט מיינען, אז איך שטיי אַ סך העכער פון אייך, אזוי אז דאס קאן אונז שטיין אין וועג. איך וויל גארנישט באהאלטן פון אייך. איך בין אין אַ סך פרטים נישט אזוי, ווי איך וואלט באדארפט צו זיין. יאָ, איר האט דאך היינט אונטן אליין געהערט, וואס פריילין קיעלאנד האט געזאגט. אפשר האט איר פון אנדערע מענטשן אין שטאט אויך געהערט, וואס פארא שלעכטער מענטש איך בין אין אַ סך פרטים, ס'איז אמת, אז אמאל איז מען קעגן מיר אביסל אומגערעכט; אבער אין דעם עיקר, אין תוך אריין, זענען זיי גערעכט, אז איך בין אַ מענטש מיט גרויסע חסרונות. סוף-כל-סוף שטייט איר מיט אייער ריין הארץ און מיט אייערע פיינע, תמימותדיקע געדאנקען נישט דער ערך העכער פון מיר, און נישט פארקערט. אבער איך זאג אייך צו, אז איך וועל שטענדיק זיין גוט צו אייך; איר מעגט עס מיר גלויבן, ס'וועט מיר נישט אנקומען שווער, איך וועל זיין העכסט גליקלעך, ווען איך וועל זען, ווי איר זענט פריילעך און צופרידן... יאָ, אפשר האט איר מורא דערפאר, וואס די שטאט וועט זאגן? איז ערשטנס, וועט זיך די שטאט מוזן בויגן דערפאר, וואס איר וועט ווערן מיין פרוי; פון מיינעטוועגן מעג עס אפילו פארקומען אין דער היגער קירכע, אויב אייך איז ניחא; און צווייטנס, האט דאך שוין די שטאט אזוי אויך גענוג וואס צו רעדן, ס'האט דאך נישט געקאנט אריבער גאנץ אומבאמערקט, וואס איך האב זיך שוין געטראפן מיט אייך אַ פאר מאל, און אז איך בין היינט אונטן געווען מיט אייך צוזאמען אויף דער פייערונג. עס קאן שוין, מיין איך, דעריבער קיין סך ערגער נישט ווערן. און גאט מיינער, וואס איז דאָ די נפקא מינה, ס'דארף דאך אייך זיין גאנץ גלייכגילטיק, וואס די וועלט טראכט... איר וויינט? מייער-סטע, פארדריסט עס אייך טאקע, וואס איר זענט צוליב מיר היינט אונטן אריינגעפאלן צו לייטן אין די מיילער?

— ניין, נישט צוליב דעם וויין איך.

— צוליב וואס דען?

זי האט נישט געענטפערט.

עס פאַלט אים עפּעס איין, ער פרעגט:

— איר מיינט אפשר, אַז איך באַגיי זיך שלעכט קעגן אייך? איר האָט דאָך קיין סך שאַמפּאַניער נישט געטרונקען, איר האָט געוויס אפילו קיין צוויי גלעזער נישט אויסגעטרונקען. ווער ווייסט, אפשר מאַכט עס אויף אייך אַן איינדרוק, אַז איך האָב נאָר אָפּגעוואַרט די רגע, ווען איר וועט אויסטרונקען אַ גלעזל ווייַן, כדי איך זאָל אייך קאָנען באַהערשן? צוליב דעם ווייַנט איר?

— ניין, ניין, אַבסאָלוט נישט.

— טאָ פאַרוואָס זשע ווייַנט איר, האַ?

— איך ווייס נישט.

— אָבער גלויבט איר נישט לכל הפּחות, אַז איך האָב עפּעס אַ שלעכטע כּוונה קעגן אייך? איך שווער ביי גאָט אין הימל, אַז איך בין דורך און דורך ערלעך. גלויבט עס מיר!

— יאָ, איך גלויב עס אייך גאַנץ גוט; אָבער איך ווייס אַליין נישט, וואָס מיט מיר איז געשען, איך פיל זיך אַזוי מאָדנע, איר קאָנט עס נישט וועלן.

יאָ, ער וויל עס. — און ווידער הויבט ער אָן אַריינצורעדן אין איר און איר אַלצדינג אויפצוקלערן, זיצנדיק אַזוי נעבן איר, און האַלטנדיק איר קליינע שוואַכע האַנט אין זיינער, בעת דער רעגן קלאַפּט אָן אויפהער אין די שויבן. ער רעדט זייער שטיל: אָ, זיי וועלן זיך איינאָרדנען ווי עס קער צו זיין. זיי וועלן אַוועקפאָרן ווייט, ווייט, גאָט ווייסט וווהין; זיי וועלן זיך באַהאַלטן, אַז קיינער זאָל נישט וויסן, וווהין זיי זענען אַהינגעקומען. אַזוי וועלן זיי טון, נישט אמת? דערנאָך וועלן זיי זיך קויפן אַ קליין שטיבעלע און אַ שטיקעלע ערד אין אַ וואַלד, אין אַ הערלעכן וואַלד, אָדער אין אַן אַנדער אָרט; און דאָס וועט זיין זייער אייגנס, און זיי וועלן עס אַ נאָמען געבן גן-עדן, און ער וועט עס באַאַרבעטן, אָ, ער וועט עס שוין איינמאָל באַאַרבעטן! אָבער עס קאָן טרעפן, אַז ער זאָל אַמאָל ווערן אַביסעלע אומעטיק; יאָ, טייערסטע, דאָס קאָן אַמאָל טרעפן; ווער ווייסט, וואָס עס קאָן אַמאָל אַרויף אויפן זינען: ער קאָן זיך דערמאָנען אָן עפּעס אַ זאַך, אַ שווערע, אַ ביטערע, וואָס ער האָט אַמאָל איבערגעלעבט; ווי לייכט עס קאָן

פאסירן! אָבער דעמאָלט וועט זי דאָך געוויס האָבן געדולד צו אים, נישט אמת? ער פון זיין זייט וועט זיך ווי ווייט מעגלעך באַמיען, זי זאָל עס וואָס ווייניקער באַמערקן, דאָס זאָגט ער איר צו; ער וועט דעמאָלט זיצן רויק פאַר זיך און שטילערהייט טראַכטן דערפון, אָדער ער וועט גאָר אַוועקגיין דערמיט טיפער אין וואַלד אריין, און דערנאָך וועט ער צוריקקומען. אָבער קיינמאָל זאָל זי ביי זיי אין שטיבעלע קיין הויך וואָרט נישט פאַלן! און זיי וועלן עס אויסצירן מיט די שענסטע ווילדע געוויקסן און מאַך און שטיינער, וואָס זיי וועלן אויסזוכן; דעם דיל וועלן זיי אויסשפּרייטן מיט שמעקנדיקן וואַכאָלדער. ער אליין וועט דעם וואַכאָלדער אָנקלויבן און ברענגען אין שטוב אריין. און צו ווייגאַכט וועלן זיי קיינמאָל נישט פאַרגעסן ארויסצולייגן פאַרן טיר אַ בינטל קאָרן פאַר די קליינע פייגעלעך. יאָ, די צייט וועט אַזוי שנעל לויפן, און זיי וועלן זיין אַזוי גליקלעך! זיי וועלן שטענדיק זיין צוזאַמען, קומען און אַוועקגיין צוזאַמען און זיך קיינמאָל נישט צעשיידן. זומערצייט וועלן זיי מאַכן לאַנגע שפּאַצירן און זיך צוקוקן, ווי די בוימער און די גראָזן וואַקסן פון יאָר צו יאָר גרעסער. גאָט, און וואָס פאַרא גאַסט-פריינטלעכקייט זיי וועלן ארויסווייזן צו אורחים און צו וואַנדערער, וואָס וועלן אפשר פאַרבייגיין פאַרביי זייער הייזל! און בהמות וועלן זיי האָבן, אַ פּאָר גרויסע, ווייסע בהמות, וואָס מ׳וועט זיי אויסלערנען עסן פון די הענט, און בעת ער וועט האַקן און גראָבן און באַארבעטן די ערד, וועט זי ארומגיין ארום די בהמות...

— יאָ — האָט מאַרטאַ געענטפערט.

נישט ווילנדיק האָט זי געזאָגט יאָ, און ער האָט עס געהערט. ער האָט גערעדט ווייטער:

און אַ פרייען טאָג אין דער וואָך וועלן זיי האָבן און ארויסגיין אויף געיעג אָדער כאַפּן פיש צוזאַמען, האַנט און האַנט, זי אין אַ קורץ קליידל מיט אַ גאַרטל ארום דער טאַליע, ער אין אַ בלוזע און שיך מיט שנאָלן, ווי זיי וועלן עס זינגען און רעדן הויך און שרייען, אַז דער גאַנצער וואַלד וועט הילכן, אָבער נישט אמת: האַנט אין האַנט?

— יאָ. — האָט זי ווידער געזאָגט, און אירע אויגן האָבן נעי־גלאַנצט דערביי.

ביסלעכווייז האָט ער זי גענומען; ער האָט אַלצדינג פאַרגעי־שטעלט אזוי קלאָר, מיט אַלע פּרטים, ער האָט נישט פאַרגעסן די מינדסטע קלייניקייט, אפילו דאָס האָט ער נישט פאַרגעסן, אַז מען מוז זען געפינען אַזאַ אָרט, וווּ מ'זאָל קריגן לייכט וואַסער; אָבער דערפאַר וועט ער שוין זאָרגן; פאַר אַלץ וועט ער זאָרגן; זאָל זי זיך נאָר פאַרלאָזן אויף אים. אָך, ער האָט גענוג קראַפט, אָפּצוזוכן אַ אָרט פאַר דער דאָזיקער היים אין סאַמע מיטן געדיכטן וואַלד; נישקשה, ער האָט אַ פאָר געזונטע פויסטן; זי זעט דאָך!... און מיט אַ שמייכל האָט ער צוגעמאָסטן איר צאַרט קינדערהענטל צו זיין האַנט.

זי איז איינגאַנצן אַרונטערגעפאַלן אונטער זיין ווירקונג, אַזוי אַז ער האָט געקאָנט טון מיט איר, וואָס ער האָט געוואָלט; אפילו ווען ער האָט געגלעט אירע באַקן, איז זי געזעסן שטיל און אים אָנגעקוקט. דאַן האָט ער זיך צוגעבויגן גאַנץ נאָענט צו איר און געפרעגט אויפן אויער, צי זי איז שוין, הייסט עס, אַנטשלאָסן אויף דעם און צי וויל זי עס; און דערויף האָט זי אויך געענטפערט: „יאָ”—אַ פאַרטראַכטער, פאַרחלומטער ענטפער, וואָס זי האָט בלויז אַרויסגעפּליסטערט, אָבער אין אַ מינוט אַרום האָט זי זיך ווידער גענומען וואַקלען: ניין, אַז זי באַטראַכט זיך גוט, איז עס פאָרט נישט מעגלעך. ווי קאָן ער אַליין וועלן אַזאַ זאַך, וואָס האָט ער דען דערזען אין איר?

און ווידער אַמאָל האָט ער איר אויפגעוויזן, אַז ער וויל עס. יאָ. אַז ער פאַרלאַנגט עס מיטן גאַנצן האַרצן. זי וועט נישט ליידן קיין נויט, אפילו ווען ס'וועט זיי אַ לאַנגע צייט גיין שלעכט; ער וועט אַרבעטן פאַר ביידע, זי האָט גאָרנישט וואָס מורא צו האָבן. אַ גאַנצע שעה נאָכאַנאַנד האָט ער גערעדט און טריט נאָך טריט האָט ער באַקעמפט איר ווידערשטאַנד. צוויי מאָל האָט זי אין דער דאָזיקער שעה זיך פאַרדעקט דאָס פּנים מיט די הענט און גענומען שרייען; „ניין! ניין!” און נישט געקוקט דערויף האָט זי־אים לסוף דאָך נאָכגעגעבן, האָט לאַנג אָנגעקוקט זיין געזיכט און

איז געקומען צום אויספיר, אז ער האָט דאָ נישט בדעה צו דערגרייכן בלויז אַ מאָמענטאַלן נצחון! נו! זאָל־זשע גאָט העלפן; זאָל זיין אַזוי, אויב ער וויל עס! זי איז געווען באַזיגט, ס'האָט שוין מער נישט געהאַט קיין זין צו קעמפן קעגן דעם. לסוף האָט זי אים געגעבן אַ קלאָרן „יאָ".

דאָס ליכט האָט געהאַלטן ביים אויסברענען; זיי זענען נאָך אַלץ געזעסן יעדערער אויף זיין שטול, זיך געהאַלטן פאַר די הענט און גערעדט. זי איז געווען זייער אויפגערעגט און צערודערט. אָפּט־מאָל האָבן זיך איר געשטעלט טרערן אין די אויגן, אָבער פונ־דעסטוועגן האָט זי געשמייכלט.

ער האָט געזאָגט:

— איך מוז זיך דערמאָנען אָן מינוטן, איך בין זיכער, אַז ער איז געווען אייפערזיכטיק דאָרט אויפן אָוונט.

— יאָ, — האָט זי געענטפערט — קאָן זיין, אַז ער איז געווען אייפערזיכטיק. אָבער מ'קאָן דאָך דאָ גאָרנישט העלפן.

— ניין, אמת — מ'קאָן דאָ גאָרנישט העלפן!... דו הערסט, איך וואָלט דיך אַזוי שטאַרק געוואָלט דערפרייען מיט עפּעס; אָבער מיט וואָס? אַך, איך וואָלט געוואָלט, אַז דו זאָלסט פאַר התפעלות צודריקן די האַנט צו דער ברוסט! זאָג מיר עפּעס, פאַר־לאַנג, וואָס דו ווילסט! אַך, דו ביסט צו גוט, האַרץ מיינס; פאַר־לאַנגסט נישט קיינמאָל גאָרנישט! יאָ. יאָ, מאַרטאַ, פאַרגעס נאָר נישט, וואָס איך זאָג דיר איצט; איך וועל דיך באַשיצן, איך וועל זיך באַמיען צוצוטרעפן דיינע ווונטשן און זאָרגן פאַר דיר ביזן לעצטן אויגנבליק. יאָ, טייערינקע, דו וועסט עס דאָך נישט פאַר־געסן, ניין? דו וועסט קיינמאָל נישט קאָנען זאָגן, אַז איך האָב נישט געהאַלטן קיין וואָרט.

ס'איז געווען פיר אַ זייגער.

זיי זענען אויפגעשטאַנען, זי איז צוגעגאַנגען צו אים, און ער האָט זי צוגעדריקט צו זיין ברוסט. מיטן אָרעם האָט זי אַרומ־גענומען זיין האַלז, און זיי זענען אַזוי געבליבן שטיין אַ קור־צע ווייַלע, איר שרעקנדיק ריין־נזיריש האַרץ האָט שטאַרק גע־קלאַפּט; ער האָט עס געפילט אויף זיין האַנט און האָט

זי ווייך געגלעט איבער די האָר. זיי האָבן איינגעשטימט.

זי האָט זיך די ערשטע אָפּגערופן:

— איך וועל ליגן וואך די גאַנצע נאַכט און טראַכטן. אפשר וועל איך זיך מאָרגן זען מיט דיר, אויב דו ווילסט?

— יאָ, מאָרגן, געווים, איך וויל! ווען מאָרגן? קאָן איך קומען אַכט אַ זייגער?

— יאָ, ווילסטו, איך זאָל ווידער אָנטון דאָס דאָזיקע קלייד?

אָט די רירנדיקע פראַגע, איר ציטערנדיק מויל, אירע אָפּענע אויגן, וואָס האָבן אַרויפגעקוקט צו אים, האָבן אים דורכגענומען, זענען אים אַריין טיף אין האַרצן. ער האָט געענטפערט:

— טייער, ליב קינד מיינס, טו, ווי דו ווילסט! ווי האַרציק גוט דו ביסט!... ניין, דו דאַרפסט נישט ליגן־אויף הײַנט בײַנאַכט, דו דאַרפסט עס נישט. טראַכט פון מיר און זאָג אַ גוטע נאַכט און שלאָף! דו האָסט דאָך נישט קיין מורא צו זיין דאָ איינע אַליין?

— ניין... אָבער איצט וועסטו פאַרדעגנט ווערן, גייענדיק אַהיים.

אויך דאָס האָט זי נישט פאַרגעסן, אַז ער וועט פאַרדעגנט ווערן!

— זיי רויק און שלאָף געזונט! — האָט ער געזאָגט.

נאָר אַז ער איז שוין געווען אין דרויסן, אויפן הויף, האָט ער זיך אָן עפּעס דערמאָנט; ער האָט זיך אויסגעדרייט צו איר און געזאָגט:

— נאָר איין זאַך האָב איך פאַרגעסן; איך בין נישט קיין רייכער, אפשר האָסטו געמיינט, אַז איך בין רייך?

— איך ווייס נישט — האָט זי געענטפערט און געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— ניין, איך בין נישט רייך, אָבער מיר וועלן זיך קויפן אַ הויז און אַנדערע זאַכן, וואָס מיר וועלן דאַרפן, דערצו בין איך נאָך גענוג רייך. און שפּעטער, מיט דער צייט וועל איך זאָרגן פאַר אַלץ, איך וועל טראָגן דעם גאַנצן עול, דערויף האָב איך

דאָך הענט... דו ביסט דאָך נישט אנטמוישט דערפון, וואָס איך בין נישט רייך, וואָס?

זי האָט געזאָגט ניין און אָנגענומען זיינע הענט, וואָס זי האָט נאָכאַמאָל אַ דריק געטון. ענדלעך האָט ער זי געבעטן, זי זאָל פעסט פארשליסן די טיר; און ער איז אַרויס אויפן גאס.

ס'האָט געגאָסן, ווי מיט צעבערעס, און ס'איז געווען שטאָק פינסטער. ער איז נישט געגאַנגען אין האָטעל, נאָר האָט זיך פאַרנומען אויפן וועג צום וואַלד, צום פאַסטאָרס הויף. א פערטל שעה איז ער געגאַנגען, אין דער פינסטערניש האָט ער קוים געקאָנט וויסן, ווו ער איז ערגעץ אין דער וועלט. לסוף האָט ער איינגעהאַלטן זיינע טריט; ער איז אַראָפּ פון וועג און אָנגעהויבן טאַפּן מיט די הענט, כדי אויסצוזוכן א גרויסן בוים, ס'איז געווען אַן עספּן-בוים. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט.

דער ווינט רוישט אין וואַלד; דער רעגן הערט נישט אויף צו גיסן. ווייטער אַרום אים איז אַלץ טויט און שטיל. ער פליסטערט צו זיך אַליין א פּאָר ווערטער, א נאָמען, ער זאָגט: דאַגני, דאַגני. ער שווייגט און זאָגט עס נאָכאַמאָל, ער רעדט און זאָגט דאַגני מיט א הילכיקער שטים. זי האָט אים באַליידיקט היינט, האָט אויסגעגאָסן איר גאַנצן חוזק, איר גאַנצע פאַראַכטונג אויף זיין קאָפּ; ער פילט נאָך איצט אַזוי דייטלעך יעדעס וואָרט, וואָס זי האָט אים געוואָרפן אין פּנים אַריין. און נישט געקוקט אויף דעם, שטייט ער דאָ און רעדט פון איר. ער פאַלט אַנידער אויף די קני נעבן בוים, ער נעמט אַרויס זיין טאַשנמעסערל און אין דער פינסטערניש שניידט ער אויס איר נאָמען אויפן שטאַם פון דעם בוים. עס געדויערט עטלעכע מינוט. ער טאַפּט מיט די פינגער, שניידט און טאַפּט ווידער, ביז ער איז פאַרטיק.

בעת ער האָט דאָס אַלץ געטון, איז ער געגאַנגען אין בלויזן קאָפּ.

אַז ער איז ווידער אַרויף אויפן וועג, איז ער שטיין געבליבן. ער האָט זיך מיישב געווען אַ ווײַלע און זיך אומגעקערט. ער טאַפּט ווידער און זוכט-אויף דעם בוים, פירט מיטן פינגער איבערן שטאַם און געפינט אויס די אותיות. דערנאָך פאַלט ער א

צוויים מאָל אויף די קני, בויגט זיך אָן און טוט אַ קוש דעם נאָמען, אָט די בוכשטאַבן, ווי ער וואָלט געוווסט ביי זיך, אַז ער וועט זיי מער קיינמאָל נישט זען, לסוף הויבט ער זיך אויף און גייט האַסטיק אַוועק.

ווען ער איז געקומען אין האָטעל, איז געווען פינף אַ זייגער.

XVII

אויף מאָרגן דער זעלבער רעגן, דאָס אייגענע חושכדיק, מרה-שחורהדיק וועטער. ס'האָט זיך געדאַכט, אַז עס וועט גאָר קיינמאָל קיין סוף נישט נעמען צום וואַסער, וואָס האָט געהאַלטן אין איין רינען פון די דעכער און כסדר געקלאַפט אין די שויבן. ס'איז געקומען איין שעה נאָך דער אַנדערער, ס'איז שוין איצט געווען נאָכמיטאָג, און דער הימל האָט זיך נאָך אַלץ נישט אויסגעלייטערט. אין דעם קליינעם האָטעל-גאָרטן, וואָס הינטערן הויז, איז אַלצדינג געווען איינגעבויגן און צעבראָכן; אַלע בלעטער זענען געלעגן אויף דער ערד, באַדעקט מיט שטויב און פייכטקייט.

נאָגעל איז אַ גאַנצן טאָג געזעסן אינדערהיים. ער האָט געלייענט, איז אַרומגעגאַנגען, ווי זיין שטייגער איז געווען, אַהין און צוריק איבערן צימער און כסדר געקוקט אויפן זייגער. דער טאָג האָט זיך געצויגן אָן אַ סוף. ס'האָט אויסגעזען, אַז ער וועט זיך קיינמאָל נישט ענדיקן! מיטן גרעסטן אומגעדולד האָט ער געוואַרט, אַז ס'זאָל שוין ווערן נאַכט.

פינקטלעך אַכט אַ זייגער איז ער אַוועק צו מאַרטאַן. ער האָט זיך נישט געריכט אויף קיין שום בייזעס. אָבער זי האָט אים באַגעגנט מיט אַ צעווייטיקטן, פאַרוויינטן פנים. ער האָט גערעדט צו איר, און זי האָט אים געענטפערט מיט קורצע, אָפּגעהאַקטע זאַצן און אפילו נישט קיין קוק געטון אויף אים. זי האָט אים עטלעכע מאָל געבעטן, ער זאָל איר פאַרגעבן און נישט זיין בייז אויף איר.

ווען ער האָט זי אָנגענומען פאַר דער האַנט, האָט זי אָנ-

געהויבן ציטערן און געוואָלט אוועקגיין, אָבער לסוף האָט זי זיך דאָך אוועקגעזעצט אויף אַ שטול נעבן אים; זי איז שוין אַזוי געזעסן, ביז ער איז אין אַ שעה ארום אוועקגעגאַנגען. וואָס איז געשען? ער האָט זי פאַרוואָרפן מיט פראַגן, זיך געבעטן ביי איר, זי זאָל אים דערקלערן, און זי האָט נישט געקאָנט אָפּגעבן קיין שום רעכנונג וועגן דעם...

ניין, זי איז נישט קראַנק, נאָר זי האָט זיך באַטראַכט...

דאָס איז עס, אַלזאָ, וואָס זי מיינט, ס'פאַרדריסט איר, וואָס זי האָט געגעבן איר וואָרט, זי קאָן אים אפשר נישט ליב האָבן?

יאָ... אָבער ער דאַרף עס איר נישט נעמען פאַר אומגוט און נישט בייז זיין אויף איר! זי האָט די נאַכט נאָכגעטראַכט וועגן דעם. אַ גאַנצע גייענדיקע נאַכט; און וואָס מער זי האָט וועגן דעם געטראַכט, אַלץ אוממעגלעכער איז דאָס איר פאָרגעקומען. יאָ, און מיט איר האַרץ האָט זי זיך אויך בעראָטן און זי האָט מורא, אַז זי קאָן אים נישט ליב האָבן, אַזוי ווי זי וואָלט עס געדאַרפט.

נאַ, אַ שיינע מעשה!..

פויזע.

צי מיינט זי נישט פונדעסטוועגן, אַז זי וואָלט אים מיט דער צייט ליב געקראָגן? ער וועט טון פאַר איר, וואָס נאָר ער וועט קאָנען, ער וועט זי טראָגן אויף די הענט, יאָ, ער וועט איר מיט פרייד, אויף יעדן אופן, באַשאַפן, וואָס זי וועט נאָר פאַרלאַנגען. ער איז געווען אַזוי זיכער מיט דער האָפנונג, אַז עס וועט אים אָפּגליקן, ער האָט זיך אַזוי געפרייט צו קאָנען איצט אָנהויבן אַ נײַ לעבן. אָ, ער וואָלט דאָך געווען אַזוי גוט צו איר!

דאָס האָט זי גערירט, זי האָט צוגעדריקט די האַנט צו דער ברוסט, נאָר די אויגן האָט זי נאָך אַלץ נישט אויפגעהויבן און נישט געענטפערט.

יאָ, צי מיינט זי נישט פונדעסטוועגן, אַז ער וואָלט ביסלעכווייז פאַרדינט, זי זאָל אים ליב האָבן, שפּעטער, ווען זיי וועלן כסדר זיין צוזאַמען, און ווען ער וועט איר קאָנען באַווייזן, ווי ער וואָלט אויסגעטראַכט אַלצדינג, כדי זי צו דערפרייען?

זי האָט ארויסגעפּליסטערט:

— ניין.

א פּאָר טרערן האָבן אראָפּגעטריפט פון אירע לאנגע וויעס.

פּויזע.

זיין קערפּער האָט געציטערט. די בלויע אָדערן אויף זיינע שלייפן זענען אויפגעלאָפן.

נו, יאָ, ליבסטע, דאן קאָן מען, הייסט עס, גאָרנישט מאכן. יעדנפאלס דארף זי נישט וויינען צוליב דעם. עס וועט דאָך נישט העלפן; זאָל זי אים מוחל זיין, וואָס ער איז צוגעשטאנען צו איר מיט זיינע פארלאנגען. ער האָט דאָך נאָר געמיינט איר טובה...

זי האָט האסטיק א כאפּ געטון זיין האנט און זי געהאלטן פעסט אין אירע. ער איז געווען אביסל פארחידושט צוליב דער דאָזיקער פלוצלינגער ענדערונג, און ער האָט געפרעגט:

צי איז דען דאָ אין אים עפּעס אזעלכעס, באזונדערס, וואָס שטויסט זי אָפּ? ער וואָלט זיך דאן אָנגעשטרענגט צו ענדערן עס, צו פארריכטן, אויב עס ווענדט זיך נאָר אָן אים. אפשר געפעלט איר נישט דאָס, וואָס ער...

זי האָט אים שנעל איבערגעשלאָגן די רייד:

— ניין, גאָרנישט, גאָרנישט; נאָר אלץ קומט פאָר אזוי משונהדיק. און איך וויים אפילו נישט, ווער איר זענט, א שטייגער. יאָ, איך וויים, איר מיינט נישט מיין רעה; פארשטייט מיך נאָר נישט שלעכט...

— ווער איך בין, א שטייגער? — האָט ער געזאָגט און האָט אויסגעשטעלט אויף איר א פּאָר אויגן.

און פלוצלונג לויפט אים דורך א געדאנק אין קאָפּ; ער פאָרשטייט, אז עפּעס האָט דאָ אונטערגעגראָבן איר צוטרוי צו אים, עפּעס פיינטלעכס, וואָס האָט זיך אריינגעמישט צווישן איר און אים; ער פרעגט:

— איז עמעצער געווען היינט ביי אייך?

זי ענטפערט גאָרנישט.

— יאָ, זייט מוחל. דאָס איז דאָך נישט וויכטיק. איך האָב נישט קיין רעכט אייך צו שטעלן אזעלכע פראגן.

— יאָ, איך בין די נאַכט געווען אזוי גליקלעך! — האָט זי געזאָגט. — גאָט מיינער, מיט וואָס פאַר אַן אומגעדולד האָב איך געוואַרט, עס זאָל שוין ווערן טאָג און מיט וואָס פאַר אַן אומגעדולד האָב איך געוואַרט אויף אייך! אָבער היינט בין איך ווידער אין צווייפל.

— ווילט איר מיר נישט זאָגן בלויז די איין זאַך? איר גלויבט נישט, הייסט עס, אַז איך בין געווען ערלעך צו אייך, איר האָט נישט צו מיר קיין צוטרוי, אין קיין שום פּרט נישט?

— ניין, נישט שטענדיק! טייערער פריינט, זייט נישט בייז אויף מיר! איר זענט מיר אַזוי פרעמד, איך וויים גאָרנישט פון אייך, אחוץ דעם, וואָס איר זאָגט מיר; איצט מיינט איר עס אפשר ערלעך, אָבער שפּעטער וועט איר אויף אַלץ חרטה האָבן; איך וויים נישט, וואָס פאַרא געדאַנקען איר קאָנט דערנאָך האָבן.

פּויזע.

דערנאָך נעמט ער זי אָן פאַרן קין, הויבט איר אונטער דעם קאָפּ און זאָגט:

— און וואָס נאָך האָט פרייליין קיעלאַנד געזאָגט?

זי איז צעמישט געוואָרן, האָט אויסגעשטעלט אויף אים אַ פּאָר צעשראָקענע אויגן, וואָס האָבן אַרויסגעוויזן איר צעטומלטקייט, און זי האָט אויסגערופן:

— דאָס האָב איך נישט געזאָגט, ניין; איך האָב עס געזאָגט? דאָס האָב איך נישט געזאָגט!

— ניין, ניין, איר האָט עס נישט געזאָגט — האָט ער געענטפערט. ער איז פאַרזונקען געוואָרן אין רעיונות. זיינע אויגן זענען געווען אָנגעשטעלט אויף איין אָרט און גאָרנישט נישט געזען.— ניין, איר האָט נישט געזאָגט, אַז דאָס איז געווען זי, איר האָט נישט אָנגערופן איר נאָמען, זייט נאָר רויק... און פרייליין קיעלאַנד איז דאָך פונדעסטוועגן דאָ געווען, זי איז אַריינגעקומען דורך אָט דער טיר און איז מיטן זעלבן וועג צוריק אַרויס, נאָכדעם ווי זי האָט אָפּגעטון איר אַרבעט. ס'איז, ווייזט אויס, געווען ייער וויכטיק פאַר איר, ס'האָט איר געמוזט גיין אין לעבן צו קומען אהער היינט, אין אַזא וועטער ווי מאָרגע דאָס איז... ליבע, גוטע

מאַרטאַ, טייערע נשמה, איך פאַל פאַר אייך אויף די קני, ווייל איר זענט גוט! אָבער גלויבט מיר פונדעסטוועגן, גלויבט מיר נאָר היינטיקן אָוונט, און איך וועל אייך שפּעטער איבערצייגן, ווי ווייניק איך בין אויסן געווען אייך אָפּצונאַרן. נעמט נישט איצט צוריק אייער וואָרט! זייט זיך נאָך אַמאָל מיישב; ווילט איר? זייט זיך מיישב ביז מאָרגן, און ערלויבט מיר צו קומען צו אייך. איך בין פרעמד פאַר אייך, יאָ, דאָס בין איך טאַקע, עס קאָן דאָך נישט זיין אַנדערש; אָבער איך זאָג אייך קיין ליגן נישט, אַבסאָלוט נישט. און ווען איך אייך קאָנען אַלצדינג אויפ־קלערן, אפשר נאָך מאָרגן, אויב איך וועל קאָנען קומען צו אייך...

— ניין, איך ווייס נישט. — האָט זי אים איבערגעשלאָגן די רייד.

— איר ווייסט נישט? איר ווילט, הייסט עס, היינט ביינאַכט איינמאָל פאַר אַלע מאָל פּטור ווערן פון מיר? נו גוט!

— איך וויל בעסער קומען צו אייך, ווען איר וועט האָבן חתונה געהאַט און וועט פאַרטיק האָבן... דאָס הויז... איך מיין... ווען... איך וואָלט בעסער געוואָלט זיין אַ דינסט ביי אייך. יאָ, דאָס וואָלט מיר ליבער געווען.

— דאָס ווילט איר בעסער?

פּויזע.

יאָ, איר אומצוטרויען צו אים האָט שוין באַוויזן צו שלאָגן וואָרצלען. ער האָט שוין גאָרנישט געקאָנט טון דערצו, ס'איז שוין געווען אַן אוממעגלעכע זאַך צו געווינען איר פריערדיקע זיכערקייט און צוטרוי צו אים. און בעת ער האָט גערעדט, האָט ער מיט אַ ווייטיק אין האַרץ געפילט, ווי זי גליטשט זיך וואָס־אַמאָל אַרויס פון אים, אָבער פאַרוואָס האָט זי אַזוי געוויינט? וואָס קאָן דאָס זיין, וואָס מאַטערט זי אַזוי שטאַרק? און פאַרוואָס לאָזט זי בסדר נישט אָפּ זיין האַנט? ס'איז אים ווידער איינגעפאַלן: מינוטן; ס'איז געהדען אַ פראָבע; ער האָט געוואָלט פועלן ביי איר, זי זאָל אים ערלויבן קומען צו איר מאָרגן, נאָכדעם ווי זי וועט זיך נאָכאַמאָל גוט מיישב זיין. ער האָט געזאָגט:

— זייט מיר מוחל, וואָס איך רעד שוין ווידער וועגן מינוטן.

יאָ, זייט רויק, איך האָב מיינע טעמים צו רעדן וועגן דעם. איך וויל קיין שלעכט וואָרט נישט רעדן וועגן דעם מענטשן. פאַרקערט, איר קאָנט זיך דאָך אַליין דערמאָנען, אַז איך האָב דאָ פאַר אייך גערעדט דאָס בעסטע, וואָס איך האָב וועגן אים געוווסט. איך האָב זיך געטראַכט, עס קאָן דאָך זיין מעגלעך, אַז ער זאָל מיר דאָ שטיין אין וועג. דעריבער האָב איך גערעדט מיט אייך וועגן אים. צווישן אַנדערעם האָב איך געזאָגט, אַז ער קאָן פאַרזאָרגן אַ פאַמי־ליע אַזוי גוט, ווי אַן אַנדערער. און דאָס גלויב איך גאַנץ גוט, ווען מ'זאָל אים, פאַרשטייט זיך, פון אָנהויב אַ ביסל ארויסהעלפן. אָבער איר האָט לחלוטין נישט געוואָלט הערן און גערעדנקען; איר האָט נישט קיין שום געשעפטן מיט מינוטן, האָט עס געהייסן; און איר האָט מיך אפילו געבעטן, איך זאָל נאָכאמאָל נישט רעדן פון אים. גוט! אָבער איך בין נאָך אינגאַנצן נישט פריי פון מיין חשד, איר האָט מיך נאָך נישט איבערצייגט; פרעג איך אייך נאָכאמאָל, צי איז נישט פאַראַן עפּעס צווישן אייך מיט מינוטן? אין דעם פאַל וואָלט איך גלייך אָפּגעטראָטן. יאָ, איר שאָקלט מיטן קאָפּ! אָבער אויף אַזאַ אופן פאַרשטיי איך נישט, פאַרוואָס איר זאָלט זיך אָפּזאָגן פון איבערלייגן זיך ביז מאָרגן און מיר געבן אַן ענטפער! דאָס איז דאָך נישט מער, ווי אַן איינפאַכער יושר. און איר — וואָס איר זענט אַזאַ גוטע!

איצט האָט זי נאָכגעגעבן. יאָ, זי איז אפילו אויפגעשטאַנען, איר אויפרעגונג איז שטילער געוואָרן, און, שמייכלענדיק און וויי־נענדיק, האָט זי אים ווידער געגלעט איבער די האָר. יאָ, ער קאָן קומען מאָרגן, זי וויל עס גערן; אָבער ער דאַרף זען קומען אַ ביסל פריער, אַרום פיר, פינף אַ זייגער, כל זמן ס'איז נאָך ליכ־טיק, כדי קיינער זאָל נישט האָבן, וואָס צו רעדן, אָבער איצט מוז ער גיין; עס וואָלט געווען גוט, ווען ער גייט שוין אַוועק. אָך, יאָ, און מאָרגן קאָן ער ווידער קומען, זי וועט זיין אין דער היים און וואַרטן אויף אים...

וואָס פאַר אַ מערקווירדיק קינד אַט דאָס אַלטע מיידל איז געווען! ס'איז געגאַנגען געווען איין וואָרט, אַ ווונק, און איר האַרץ האָט אויפגעפלאַמט, און זי איז געוואָרן צערטלעך און שמייכלענדיק.

זי האָט נישט אָפּגעלאָזט זײַן האַנט, ביז ער איז אַוועק, זי האָט אים באַגלייט ביז דער טיר און נאָך אַלץ געהאַלטן זײַן האַנט. בײַ די טרעפּ האָט זי אים געזאָגט אַ גוטע נאַכט גאַנץ הויך אויפֿן קול, ווי עס וואָלט דאָרט געשטאַנען נישט ווײַט עמעצער, וועלכן זי האָט געוואָלט טון צו להכעיס.

יאָ, ער וועט צעטרײַבן איר צווייפֿל אין אים. ער וועט זיך אָנשטרענגען מיט אַלע כּוחות דאָס צו טון. מאָרגן וועט ער זיך בעסער ערקלערן פֿאַר איר. זיך מתוודה זײַן אָפֿן און גאָרנישט באַהאַלטן; ער וועט עס שוין מאַכן אַזוי, זי זאָל אים גלייבן. ווער ווייסט, אפשר וועט זי אים דאָך קאָנען אַביסל ליב האָבן! מען קאָן דאָך עס נישט וויסן. — —

דער רעגן האָט אויפֿגעהערט, ענדלעך האָט ער אויפֿגע־הערט; דאָ און דאָרט האָט מען שוין אַרויסגעזען אַ שטיקל בלויען הימל צווישן די וואָלקן, נאָר צײַטנווײַז איז נאָך אַראָפּגעפֿאַלן אַ טראָפּן רעגן אויף דער פֿײַכטער ערד.

נאַגעל האָט ווידער פֿרײַ אָפּגעאָטעמט. יאָ, ער וועט ווי־דער געווינען איר צוטרוי; פֿאַרוואָס זאָל זיך עס אים נישט אײַנ־געבן? ער איז נישט געגאַנגען אַהיים, ער האָט זיך אַרומגעדרייט בײַם ברעג ים, איז פֿאַרבײַ די לעצטע הײַזער פֿון שטאָט און איז אַרויפֿגעקומען אויף דעם וועג פֿון פֿאַסטאָר־הויף. מ׳האָט אין ערגעץ נישט געזען קיין לעבעדיקן מענטשן.

ער איז אָפּגעגאַנגען עטלעכע טריט, האָט ער פּלוצלינג דער־זען ווי אַ מענטשלעכע פֿיגור הויבט זיך אויף דאָרט בײַם ראַנד פֿון וועג און גייט אים פֿאָרויס, ס׳איז געווען דאַגני. דער העלער צאָפּ איז אַראָפּגעפֿאַלן איבערן רעגן־מאַנטל.

אַ שוידער איז אים אַדורך איבערן לײַב, אַ רגע איז ער געבליבן כּמעט ווי פֿאַרשטיינערט און זיך נישט גערירט פֿון אָרט. ער איז געווען שטאַרק פֿאַרחידושט. ווי קומט זי אַהער? איז זי דען הײַנט אָוונט נישט אויף דער פֿײַערונג? אָדער איז זי אַרויס אַביסל שפּאַצירן, אײדער ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן די לעבעדיקע בילדער? זי איז געגאַנגען זייער לאַנגזאַם, האָט זיך אפילו עטלע־כע מאָל אָפּגעשטעלט און זיך צוגעקוקט צו די פֿייגעלעך, וואָס

האָבן ווידער אָנגעהויבן ארומפליען צווישן די בוימער אהין און צוריק. האָט זי אים געזען? האָט זי אים געוואָלט שטעלן פאַר אַ נסיון? האָט זי זיך אויפגעהויבן, בעת ער איז אָנגעקומען, כדי צו זען, אויב ער וועט זיך דערוועגן נאָך אַמאָל צו רעדן מיט איר?

זי קאָן זיין רויק, ער וועט זי שוין נישט מטריח זיין! און פלוצלינג וואַכט אויף זיין כעס, אַ בלינדער, טעמפער כעס, קעגן דעם דאָזיקן באַשעפעניש, וואָס וויל אים נאָך איצט אפשר ברענגען צו אַן אומבארעכנטן שריט, נאַר, זי זאָל קאָנען האָבן די הנאה אים צו דערנידעריקן. יאָ, זי איז פעיק צו דערציילן דאָרט דעם עולם אויפן אָוונט, אַז זי האָט זיך נאָכאַמאָל באַגעגנט מיט אים! איז זי נישט נאַר-וואָס געווען ביי מאַרטאַן און דאָרטן אויך געפרווט חרוב מאַכן זיין גליק? קאָן זי דען נישט מאַכן קיין סוף און איינמאָל פאַר אַלעמאָל אויפהערן אים צו לייגן שטיינער אויפן וועג? זי וויל אים באַצאָלן, ווי ער האָט פאַרדינט, זייער גוט, אָבער זי רעכנט זיך שוין צופיל אָפּ מיט אים, ווי ס׳איז נויטיק.

זיי גייען ביידע מיט די זעלביקע לאַנגזאַמע טריט; איינער הינטערן אַנדערן; צווישן זיי איז נאָך אַלץ פופציק טריט. דאָס געדויערט עטלעכע מינוט. פלוצלינג פאַלט איר טאַשנטיכל אַראָפּ אויף דער ערד. ער זעט, ווי עס פאַלט אַראָפּ פון איר, ווי עס פלאַטערט ארום אויף איר רעגן-מאַנטל און בלייבט לסוף ליגן אויפן וועג, צי ווייסט זי, אַז זי האָט עס פאַרלוירן?

און ער באַשליסט ביי זיך, אַז דאָס וויל זי אים שטעלן פאַר אַ נסיון, איר כעס האָט זיך נאָך נישט איינגעשטילט; זי וויל אים צווינגען אויפצוהויבן דאָס דאָזיקע טאַשנטיכל און עס איר דערלאַנגען, אַזוי אַז זי זאָל אים קאָנען אריינקוקן אין פּנים אריין און אָנקוועלן פאַר נחת, צוליב זיין מפּלה ביי מאַרטאַן. זיין כעס וואַקסט, ער פאַרבייסט די ליפּן און פאַרקנייטשט דעם שטערן. העהעהע, יאָ, נישט אמת, ער זאָל זיך אוועקשטעלן פאַר איר און איר ווייזן זיין פּנים, כדי זי זאָל זיך קאָנען אויסלאַכן פון אים! זע נאַר, אָט לאָזט זי אַראָפּ דאָס טאַשנטיכל אויף דער

ערד; עס ליגט דאָרט אויפן וועג, אויפן מיטן וועג; ס'איז ווייס און אויסערגעוויינלעך איידל, אַ טאַשנטיכל מיט שפּיצן אַפילו; ס'וואָלט, כ'לעבן, נישט געשאַדט זיך איינצובויגן און עס אויפצוהויבן.

ער איז געגאַנגען זייער לאַנגזאַם, און אַז ער איז צוגעקומען צום טאַשנטיכל, האָט ער אַרויפגעטראָטן אויף דעם און איז זיך אַוועק ווייטער.

נאָך עטלעכע מינוט איז זי אַזוי געגאַנגען. ער האָט באַמערקט, ווי זי האָט פּלוצלינג אַ קוק געטון אויף איר זייגער און האָט זיך מיטאַמאָל אומגעקערט צוריק. זי איז אים געגאַנגען אַנטקעגן. האָט זי זיך אַרומגעזען, אַז זי האָט פאַרלוירן איר טאַשנטיכל? אָבער ער האָט זיך אויך אויסגעדרייט און איז פּאַמעלעך געגאַנגען פאַר איר, אַז ער איז ווידער צוגעקומען צום טיכל, האָט ער ווידער אַרויפגעטראָטן אויף דעם, צום צווייטן מאָל, און איצט פאַר איר אין די אויגן, און ער איז געגאַנגען ווייטער זיין וועג. ער האָט געפילט, ווי זי גייט גאַנץ נאָענט הינטער אים, און פופצן מינוט האָט ער נישט געציילט זיין טריט. אַזוי זענען זיי געגאַנגען ווייטער, ביז זיי זענען אַריין אין שטאָט.

זי האָט זיך פאַרנומען אויפן וועג צום זאַל פון די פאַרווילונגען; ער איז אַוועק צו זיך אין האָטעל.

דאָרט ביי זיך אין דער היים האָט ער אויפגעעפנט אַ פענסטער און זיך אָנגעשפּאַרט מיטן עלנבויגן אויף דער ראַם, צעבראָכן, צעשמעטערט פון כעס און אויפרעגונג. איצט איז שוין זיין צאָרן געווען פאַרביי, ער האָט זיך איינגעהויקערט און אָנגעהויבן שלוכצן, דעם קאָפּ אויף די אָרעמס, שטום, מיט טרוקענע אויגן און אַ ציטערדיקן קערפּער. אַזוי איז, הייסט עס, אויסגעקומען. אָ, ווי ער באַדויערט עס, ווי שטאַרק ער וואָלט געוואָלט, עס זאָל נישט האָבן פאָרגעקומען! זי האָט אַראָפּגעלאָזט איר טאַשנטיכל, אפשר האָט זי עס געטון בכיוון, אים צו דערנידעריקן; נו, איז וואָס? ער האָט אפשר פאָרט געדאַרפט אויפהויבן, צוגנבענען עס, און טראָגן עס דאָס גאַנצע לעבן אויפן האַרצן. ס'איז געווען ווייס, ווי שניי, און ער האָט עס איינגעטראָטן אין בלאָטע! יאָ, זי וואָלט עס

אפשר נישט אָפּגענומען ביי אים, ווען ער זאָל עס האָבן אין די הענט, אפשר וואָלט זי עס געלאָזט ביי אים; ווער קאָן עס וויסן; און אויב זי וואָלט יאָ אויסגעשטרעקט די האנט נאָך דעם, וואָלט ער געפאַלן פאַר איר אויף די קני און זי געבעטן, זי זאָל עס אים געבן; מיט אויפגעהויבענע הענט וואָלט ער עס געבעטן ביי איר פאַר אַן אָנדענקען, אַ חסד, און וואָס וואָלט דען אויסגעמאַכט, ווען זי לאַכט זיך ווידער אויס פון אים?

פלוצלינג שפּרינגט ער אויף, פליט אין איין אָטעם אַרונטער פון די טרעפּ און לויפט אַרויס אין גאַס. אין עטלעכע מינוט מאַכט ער דעם גאַנצן שפּאַציר און קומט ווידער אויפן וועג צום פּאָס-טאָר-הויף. אפשר וועט ער נאָך געפינען דאָס טאַשנטיכל! און באמת, זי האָט עס געלאָזט ליגן, הגם ער איז זיכער געווען, אַז זי האָט געזען, ווי ער האָט צום צווייטן מאָל אַרויפגעטראָטן אויף דעם. וואָס פאַרא גליק עס איז פאַר אים פונדעסטוועגן. גאָט צו דאַנקען! מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ לייגט ער עס אַריין צו זיך אין קעשע-נע, לויפט צוריק אַהיים און שווענקט עס אין וואַסער, שווענקט עס אָן אַ שיעור און שפּרייט אויס פאָרזיכטיק. ס'איז געווען שטאַרק צעקנייטשט און אין ווינקל אפילו צעריסן דורך זיין קנאַפּל; אָבער וואָס אַרט עס אים! אָך, ווי גליקלעך ער איז געווען, וואָס ער האָט עס געפונען!

ערשט ווען ער האָט זיך צוריק אַוועקגעזעצט ביים פענ-סטער, האָט ער זיך געכאַפּט, אַז ער איז דעם גאַנצן וועג איבער דער שטאָט דורכגעלאָפן אָן אַ היטל. יאָ, ער איז פון זינען אַראָפּ! ווען זי זאָל דאָס האָבן, אַ שטייגער, געזען! זי האָט אים געוואָלט שטעלן פאַר אַ נסיון און סוף-כל-סוף איז ער ווידער אַדורכגעפאַלן. ניין, ס'מוז אָבער פאַרט נעמען אַ סוף דערצו! ער מוז זיך שטאַרקן און זי קאָנען אָנקוקן מיט אַ רויק האַרץ, מיט אַן אויפגעהויבע-נעם קאָפּ און מיט קאַלטע אויגן און זיך נישט פאַרלירן. יאָ, ער וועט טון אַלץ אין דער וועלט; ער וועט אַוועקפאָרן און מיטנע-מען מאַרטאַן. זי איז צו גוט פאַר אים, אָך, אָבער ער וועט זיך באַמיען איר ווערט צו זיין, ער וועט נישט רוען, זיינע הענט וועלן נישט מיד ווערן, ביז ער וועט זי האָבן פאַרדינט.

אין דרויסן האָט זיך וואָס אַמאָל מער אויסגעלייטערט; אַ שטילער ווינט האָט אים אַריינגעטראָגן דעם ריח פון פרישן היי און פרישער ערד דורכן פענסטער און האָט אים וואָס אַמאָל מער אויפגעמונטערט. יאָ, מאָרגן וועט ער נאָכאַמאָל אַריבערגיין צו מאַרטאַן און זי אַזוי האַרציק בעטן, זי זאָל מסכים זיין.

אָבער אויף מאָרגן נאָך פאַר האַלבן טאָג איז זיין האָפנונג פולשטענדיק חרוב געוואָרן.

XVIII

צום ערשטן איז געקומען דאָקטאָר סטענערסען; נאָך איי- דער נאַגעל איז אויפגעשטאַנען. דער דאָקטאָר האָט געבעטן אַנט- שולדיקונג, אָבער די פאַרשאָלטענע פאַרוויילונגען רייבן ביי אים אַוועק זיין גאַנצע צייט, ער איז פאַרנומען דערמיט טאָג און נאַכט. יאָ, ער האָט אַ שליחות: ס'האַנדלט זיך וועגן דעם, ער זאָל פועלן ביי אים, ביי נאַגעלן, ער זאָל היינט אָונט ווידער אויפ- טרעטן אויפן אָונט. עס גייען אַרום אויסערגעוויינלעך-וווּנדערבאַרע קלאַנגען וועגן זיין שפּילן. די שטאָט קאָן פשוט נישט שלאָפן מחמת נייגיריקייט. דאָס איז אַ פאַקט!... איר האָט געלייענט די צייטונ- גען, זע איך? יאָ, די פּאָליטיק; האָט איר געלייענט וועגן די לעצטע רעזולטאַטן פון די וואַלן? בכלל גייט עס מיט די וואַלן נישט אַזוי, ווי עס האָט געדאַרפט גיין; די שוועדן וועלן, ווייזט אויס, נישט קריגן קיין רעכטן פּאַטש אין פּנים... אָבער איר ווייסט? איר שלאָפט אַביסל צו לאַנג; ס'איז דאָך שוין צען אַ זייגער, און אין דרויסן איז אַ וועטער, ס'איז וואַרעם, אַ מחיה! איר וואָלט, כ'לעבן, געמאַכט אַ מאָרגן-שפּאַציר!

יאָ, איצט וויל ער טאַקע אויפשטיין.

און וואָס זאָל ער ענטפערן דעם קאָמיטעט פון די פיי- ערונגען?

אַז ער וועט נישט שפּילן.

ניין? עס האַנדלט זיך דאָך אָבער וועגן אַ וויכטיקער זאַך

פאַרן לאַנד; צי האָט ער זיך דאָס רעכט אָפּצוזאָגן פון אַזאַ קליינעם דינסט?

יאָ — אָבער ער קאָן נישט.

ליבער גאָט, איצט פאַרלאַנגט מען עס גראָד אַזוי שטאַרק, באַזונדערס די דאָמען האָבן זיך נעכטן פשוט אָנגעזעצט אויף אים, באשר ער מוז די זאַך דורכפירן. פריילין אַנדערסען האָט אים איינפאַך נישט צורו געלאָזט, און פריילין קיעלאַנד האָט אים אפילו אָפּגערופן אָן אַ זייט, ער זאָל נאָגעלן נישט אָפּלאָזן, ביז ער וועט נישט צוזאָגן צו קומען.

אָבער פריילין קיעלאַנד הייבט דאָך נישט אָן צו וויסן, ווי אַזוי ער שפּילט, זי האָט אים דאָך נישט געהערט.

ריכטיק. אָבער נישט געקוקט דערויף, איז זי געווען פון די, וואָס האָבן זיך מער פון אַלעמען אָנגעשטרענגט, אַז דאָס זאָל דורכגעפירט ווערן; זי האָט אים אפילו פון אָנהויב פאַרגע-לייגט, אַז זי וועט אים באַגלייטן אַהער, נאָר דערנאָך האָט זי געזאָגט: זאָגט אים, אַז מיר אַלע אינאיינעם בעטן מיר אים... — נאָך אַלעמען זע איך נישט, פאַרוואָס איר זאָלט נישט איבערגיין אָט די צען צוועלף מאָל מיטן סמיק איבער די סטרונעס און אונז אָנטון דערמיט אַ נחת רוח?

ער קאָן נישט, ער קאָן נישט!

דאָס איז דאָך גלאַט אַ תירוץ, דאָנערשטיק אָוונט האָט ער דאָך יאָ געקאָנט?

נאגעל האָט זיך געדרייט אויף אַלע זייטן און זיך פונדעסט-וועגן געהאַלטן ביי זיין באַשלוס. יאָ, דאָנערשטיק האָט ער גע-קאָנט. אָבער ווי איז דער דין, אַז ער קאָן טאַקע נישט מער, ווי די דאָזיקע איינציקע זאַך, יענעם מישמאַש פון פאַרשידענע מע-לאָדיען אָן שום צוזאַמענהאַנג? ווי איז דער דין, ווען ער האָט זיך העכסטנס אויסגעלערנט אָט די פּאָר טענץ, כדי אין אַ שיי-נעם אָוונט צו פאַרחידושן דעם עולם? און חוץ דעם שפּילט ער דאָך פאַלש ווי די עבודה זרה; ער אַליין קאָן עס נישט הערן, בנאמנות נישט!

— יאָ, אָבער...

— דאָקטאָר, איך װיל נישט שפּילן.

— אָבער אויב היינט נישט, איז מאָרגן אָװנט? מאָרגן איז זונטיק, ס'װעט זיין דער לעצטער טאָג פון די פייערטעג, און מיר ריכטן זיך אויף זייער אַ גרויסן עולם.

— ניין, זייט מיר מוחל, איך װיל מאָרגן אויך נישט שפּילן. ס'איז בכלל נאַריש צו נעמען אַ פידל אין דער האַנט אַריין, װען מען קאָן זיך נישט בעסער אומגיין דערמיט, װי איך. ס'איז נאָר מיר גלאַט אַ חידוש, אַז איר זאָלט נישט האָבן שאַרפער געהערט.

אָט דאָס אַפּעלירן צו דעם דאָקטאָרס מבינות האָט געהאַט אַ פּעולה.

— יאָ, — האָט ער געזאָגט — ס'האָט זיך באמת אויסגעװיזן, אַז אין עטלעכע ערטער איז געװען אַביסל פאַלש. אָבער, צום טייװל, מיר זענען דאָך אַלע נישט קיין צו גרויסע מבינים.

ס'האָט נישט געהאָלפן, דער דאָקטאָר איז געבליבן ביי גאָר־נישט, ער האָט געמוזט אװעקגיין מיט דעם, װאָס ער איז געקומען.

נאַגעל האָט זיך אָנגעהויבן אָנצוטון. יאָ, הייסט עס, האָט זיך דאַגני אויך שטאַרק באַמיט ער זאָל שפּילן; זי האָט אפילו געװאָלט קומען מיטן דאָקטאָר. אַ נייע נעק, װאָס? נעכטן אָװנט האָט זיך עס איר נישט איינגעגעבן, און זי האָט איצט געװאָלט, הייסט עס, אויף אַזאַ אופן זיך אָפּרעכענען מיט אים?... אָבער, גרויסער גאָט, אפשר איז ער גאָר אינגאַנצן אומגערעכט קעגן איר; זי װיל אים אפשר גאָר נישט רודפן. זי װיל אים אפשר גאָר צו־רו לאָזן! און ביי זיך אין האַרצן האָט ער ביי איר געבעטן מחילה פאַר דעם חשד אויף איר. ער האָט אַרויסגעקוקט אויפן מאַרק; עס איז געװען דער שענסטער, זוניקער טאָג און דער קלאָרסטער הימל, ער האָט אָנגעהויבן צו זינגען.

ער איז שוין במעט גרייט געװען אַרויסצוגיין, און סאַראַ האָט אַריינגערוקט אַ בריװ דורך דער טיר; ער איז נישט געשיקט געװאָרן דורך פּאָסט. אַ משרת האָט אים געבראַכט צוטראָגן. דער בריװ איז געװען פון מאַרטאַן און האָט געהאַט בלויז געציילטע עטלעכע שורות: ער דאַרף היינט אָװנט נישט קומען, זי איז אַװעק־געפאָרן. זי בעט אים זייער שטאַרק, ער זאָל איר מוחל זיין פאַר

אַלץ און מער נישט קומען צו איר; זי וועט שטאַרק ליידן, אויב זי וועט אים ווידער זען. „זיי געזונט!" גאַנץ אונטן אויפן פּאַפּיר, אונטער איר נאָמען, האָט זי צוגעשריבן, אַז זי קאָן אים קיינמאָל נישט פאַרגעסן. „איך קאָן אייך נישט פאַרגעסן". האָט זי געשריבן, אַ טאָן פון אומעט האָט זיך געפילט אין די דאָזיקע דריי פיר שורות. אפילו די אותיות האָבן געהאַט אַ וויינענדיקן, טרויעריקן אויסזען, און דאָך האָט זי אים געזאָגט „זייט געזונט!"

ער איז אַראָפּגעפאַלן אויפן שטול. אַלץ איז, הייסט עס, פאַר-לוירן! אפילו דאָרט האָט מען אים געוויזן די טיר. ווי מאָדנע דאָס איז; ווי אַלץ האָט זיך אָנגערעדט קעגן אים! האָט ער דען שוין אַמאָל בעסער און ערלעכער געמיינט ווי אין דעם פאַל? און פונ-דעסטוועגן, פונדעסטוועגן האָט עס גאָרנישט געהאָלפן! עטלעכע מינוט זיצט ער און רירט זיך נישט פון אָרט.

און פּלוצלינג שפּרינגט ער אויף פון שטול. ער גיט אַ קוק אויפן זייגער, ס'איז עלף; ווען ער לויפט שוין אַראָפּ, וואָלט ער נאָך אפשר געקאָנט טרעפן מאַרטאַן, איידער זי פאָרט אַוועק. שנעל גייט ער אַראָפּ צו איר שטוב; ס'איז פאַרשלאָסן און ליידיק. ער קוקט אַריין דורכן פענסטער אין ביידע צימערן; נישטאָ אינעווייניק קיינער.

ער איז שטום און דערשלאָגן; ער גייט צוריק אין האָטעל, נישט וויסנדיק וווּ ער גייט, מיט די אויגן איינגעגראָבן אין דער ערד. ווי אַזוי האָט זי עס געקאָנט טון, ווי אַזוי האָט זי עס געקאָנט טון! ער האָט דאָך איר געוואָלט זאָגן „אַדיע" און ווינטשן איר אַלדאָס גוטס, ווהין זי זאָל נישט אַוועקפאָרן. ער וואָלט נאָך געקאָנט פאַלן פאַר איר אויף די קני, צוליב איר גוטסקייט, ווייל זי פאַרמאָגט דאָס ריינסטע האַרץ — און דאָס האָט זי נישט געוואָלט, ער זאָל עס טון. יאָ, יאָ, פאַרפאַלן, ס'איז גאָרנישט צו מאַכן!

פון סאַראַן, וואָס ער האָט באַגעגנט אין קאָרידאָר, איז ער גע-וויר געוואָרן, אַז דעם בריוו האָט געבראַכט אַ משרת פון דעם פּאַס-טאָרס הויף. ס'איז געווען בכן דאַגנים אַרבעט, דאָס אויך, זי האָט אַלץ איינגעאָרדנט, האָט אויסגערעכנט אויפן האָר און פּינקטלעך און

שנעל דורכגעפירט איר פּלאַן. ניין, זי וועט אים שוין קיינמאָל נישט צורו לאָזן!

אַ גאַנצן טאָג האָט ער זיך אַרומגעשלעפּט איבער די גאַסן. ער איז געווען ביי זיך אין צימער, אין וואַלד, אומעטום. קיין איין רגע איז ער נישט איינגעזעסן אויף אַן אָרט. ער האָט נישט אויפגעהערט אַרומצוגיין מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און מיט אויסגעגלאָצטע אויגן, וואָס האָבן גאָרנישט געזען

דער טאָג נאָכדעם איז אויך אַריבער אויף אַזאַ אופן. ס'איז געווען זונטיק, אַ מאַסע מענטשן זענען אָנגעקומען פון די אַרומיקע דערפער, כדי בייצוזיין די לעצטע פייערונג און אָנצוקוקן די לעבעדיקע בילדער. נאַגעל האָט ווידער באַקומען אַן איינלאַדונג צו שפּילן לכל הפּחות איין נומער; דאָס מאָל דורך אַן אַנדער קאָמיטעט-מיטגליד, קאָנסול אַנדערסען, פרעדעריקעס פּאָטער. אָבער ער האָט זיך ווידער אָפּגעזאָגט. פיר טאָג איז ער כסדר אַרומגעגאַנגען אַ צעמישטער אין אַ מאָדנעם פּאַרטראָגענעם צושטאַנד, ווי ער וואָלט באַהערשט געווען פון איין איינציקן געדאַנק, פון איין געפיל. יעדן טאָג און עטלעכע מאָל אין טאָג איז ער געווען אונטן ביי מאַרטאַס הויז און אַ קוק געטון, צי זי איז נישט צוריקגעקומען. וווהין איז זי אַוועקגעפאָרן? אָבער אפילו ווען ער זאָל זי געפינען, וואָלט דאָך אויך גאָרנישט בעסער געווען; ס'איז קיין שום זאַך נישט בעסער געווען.

אין אָוונט האָט ער זיך שיר נישט אָנגעטראָפן מיט דאַגני. זי איז אַרויסגעקומען פון אַ געוועלב און האָט כמעט אָנגערירט זיין עלנבויגן. זי האָט אַ מאַך געטון מיט די ליפּן, ווי זי וואָלט געוואָלט אָנהייבן רעדן צו אים, אָבער פּלוצלינג איז זי רויט געוואָרן און גאָרנישט געזאָגט. ער האָט זי נישט דערקענט תיכף, און פון צעטומלטקייט איז ער אַ ווײלע געשטאַנען און האָט זי אָנגעקוקט. דערנאָך האָט ער זיך מיטאַמאָל געטון אַ דריי אויס און אַוועקגעגאַנגען, זי איז אים נאָכגעגאַנגען; ער האָט געהערט הינטער אים אירע טריט, ווי זי גייט וואָס אַמאָל שנעלער; ער האָט געפילט, אַז זי וויל אים אָניאָגן, און ער האָט גענומען גיין וואָס אַמאָל גיכער, כדי צו אַנטלויפן און זיך באַהאַלטן פון איר. ער האָט זיך געשראָקן פאַר איר, זי האָט זיכער געהאַט עפּעס אַ שפּאָגל-נייע צרה אָנגעגרייט פאַר

אים, א ניי אומגליק! לסוף איז ער צוגעקומען צום האָטעל, איז ארויפגעלאָפן אויף די טרעפּ, און מיט דער גרעסטער אומרויקייט אריין צו זיך אין צימער. א דאנק גאָט, ער איז געראטעוועט!

דאָס איז געווען דעם פערצנטן יולי, א דינסטיק...

אויף מאָרגן האָט עס אויסגעזען, ווי ער וואָלט זיך איינמאָל פאר אַלע מאָל באַשלאָסן עפּעס צו טון. זיין געזיכט האָט זיך אין די עטלעכע טעג אינגאנצן פארענדערט. ס'איז געוואָרן בלייך און פארגליווערט, און זיינע אויגן זענען געווען אָן שום אויסדרוק פון לעבן. אָפט פלעגט טרעפן, אַז ער איז אָפּגעגאנגען א שטיק וועג אויפן גאס, איידער ער האָט באמערקט, אַז זיין היטל איז געבליבן ליגן אין האָטעל. ביי אַזעלכע געלעגנהייטן פלעגט ער טענהן צו זיך אליין, אַז ס'מוז נעמען אַ סוף דערצו, א סוף וויל ער מאַכן; און זאָגנדיק דאָס, האָט ער פעסט צוזאמענגעדריקט די פויסטן.

מיטוואָך אינדערפרי איז ער אויפגעשטאנען און קודם כל א קוק געטון צום פלעשעלע סם, עס דורכגעשאָקלט, אַ שמעק גע־טון און עס צוריק אריינגעלייגט אין קעשענע. דערנאָך האָט ער זיך גענומען אָנטון און בעת מעשה האָט ער זיך, ווי זיין שטיי־גער איז געווען, אריינגעלאָזט אין איינעם פון יענע געדאנקען־קייטן אָן א סדר, וואָס האָבן קיינמאָל נישט אָפּגעלאָזט און זיין מידן קאָפּ שטענדיק געמאטערט. זיין מוח האָט געארבעט מיט א משוגע־נער, אומגעהויערער האסטיקייט; ער איז געווען צעקאָכט און אַזוי פארצווייפלט, אַז ער האָט זיך מיט אַלע כוחות אָנגעשטרענגט איינצוהאַלטן די טרערן, און אין דער זעלבער צייט האָבן זיך טויזנטער געדאנקען געשפּארט אין קאָפּ אַריין.

– יאָ, א דאנק גאָט, ס'איז אים נאָך איבערגעבליבן דאָס קליינע פלעשעלע! עס שמעקט מיט מאנדלען, און דער זאפט איז קלאָר ווי וואסער! אָך, יאָ, עס וועט דאָך אים גאָר אינגיכן צונויף קומען, גאָר אינגיכן, ווען קיין אנדער אויסוועג וועט שוין נישט זיין. דאָס וועט דאָך זיין דער סוף, און פארוואָס דען נישט? ער האָט אַזוי נאריש־שיין געחלומט פון א ווערק דאָ אויף דער ערד, פון עפּעס ווערטפולעס, מעשים, פאַר וועלכע די מענטשן־פרעסער

זאָלן זיך איבערצלמען — און ס'האָט זיך אויסגעלאָזט אַ בוידעם; ער האָט די אויפגאַבע נישט דערפילט. טאָ פאַרוואָס זאָל ער דעם זאַפּט נישט נעמען? אַלץ, וואָס אים איז ערשט איבערגעבליבן, איז גאָר אַראָפּצושלינגען אָט דעם טראָפּן און נישט מאַכן דערבײַ קיין איבעריקע אָנשטעלן. יאָ, יאָ, ער וועט עס טון, ווען ס'וועט נאָר קומען די צײַט דערצו, ווען די שעה וועט שלאָגן.

און דאַגני וועט זינגן...

וואָס פאַראַ כּוח זי האָט עס, אָט די דאַגני! ער האָט גאַנץ גוט פאַרשטאַנען יענעם מענטש, נעבעך, וואָס האָט נישט געוואָלט לעבן אָן איר. דעם וואָס מיטן שטאָל און מיטן לעצטן ניין; ער האָט זיך שוין גאָרנישט געוווּנדערט אויף אים; ער האָט זיך אָפּגעזאָגט, דער אומגליקלעכער, און וואָס האָט ער דען געהאַט צו טון?... ווי אירע בלויע, סאַמעטענע אויגן ווען עס פינקלען, ווען איך וועל אויך אַוועקגיין מיטן זעלבן וועג! אָבער איך האָב דיך ליב, איך האָב דיך ליב אויך דערפאַר; נישט נאָר צוליב דײַנע גוטע מידות, נאָר אויך צוליב דײַן רשעות. דו מאַטערסט מיך אַזוי מוראַדיק מיט דײַן אויסגערעכנטקייט. ווי קאָנסטו גאָר אויסהאַלטן, וואָס איך האָב מער ווי איין אויג? דאָס אַנדערע וואָלסטו גע-דאַרפט בײַ מיר צונעמען, יאָ, בײַדע מיטאַמאָל, דו וואָלסט נישט געדאַרפט פאַרטראַגן, וואָס איך גיי רויק אַרום איבערן גאַס און האָב אַ דאַך איבערן קאָפּ. דו האָסט מיר צוגענומען מאַרטאַן, נאָר איך האָב דיך פאָרט ליב, און דו ווייסט, אַז איך האָב דיך ליב נישט געקוקט אויף קיין זאַך. און דו לאַכסט און דו חוזקסט דערפון, און אויך דערפאַר האָב איך דיך ליב, ווײַל דו לאַכסט און דו חוזקסט. וואָס ווילסטו נאָך? איז דאָס נישט גענוג? דײַנע לאַנגע, ווײַסע הענט, דײַן שטים, דײַנע העלע האָר, דײַן גײַסט און דײַן נשמה האָב איך ליב מער, ווי אַלץ אין דער וועלט, און איך קאָן זיך נישט שיצן דערפאַר און איך ווייס נישט ווי זיך צו העלפן, זאָל מיר גאָט העלפן, יאָ, דו קאָנסט טרײַבן ליצנות און זיך אויסלאַכן פון מיר, וויפל דײַן האַרץ גלוסט. וואָס מאַכט עס אויס, דאַגני, אַז איך האָב דיך פאָרט ליב? איך זע נישט איין, וואָס קאָן צוקומען אָדער אָפּקומען דערפון. פונדעסט-

וועגן קאָנסטו טון, וואָס עס פעלט דיר נאָר איין אין געדאַנק, און נישט געקוקט דערויף, ביסטו ביי מיר אין די אויגן, פונקט אַזוי שיין און פונקט אַזוי ליבלעך. דאָס בין איך גערן מודה. איך האָב זיך אויף וועלכן ס'איז אופן אַנטוישט, דו טראַכסט, אַז איך בין געמיין און שלעכט, דו האַלטסט מיך פאַר פעיק צו אַלדאָס ביין; ווען איך זאָל עפּעס דורך אַ שווינדל קאָנען מאַכן, אַז איך זאָל נישט אויסזען אַזוי נידעריק אין וווקס, וואָלט איך עס געטון! נו, יאָ, און וואָס נאָך? אַז דו זאָגסט עס, איז עס פאַר מיר אַזוי; און איך פאַרזיכער דיך, אַז מיין ליבע צו דיר ווערט נישט קלענער אויף אַ האָר, אפילו ווען דו זאָגט עס, אפילו דאַן, ווען דו קוקסט מיך אָן מיט פאַראַכטונג, אָדער דו דרייסט דיך אויס צו מיר מיטן רוקן, און דו ענטפערסט נישט אויף אַ פראַגע, אָדער דו פרווסט מיך אָניאָגן אויפן גאַס, כדי מיר אָנצוטון אַ בזיון, אויך דעמאָלט ציטערט מיין האַרץ פון ליבע צו דיר. דו מוזסט מיך פאַרשטיין, איך נאָר איצט קיינעם נישט פון אונז; אָבער עס אַרט מיך אויך נישט, אויב דו וועסט ווידער לאַכן, דאָס ענדערט לחלוטין נישט מיין געפיל; אַזוי איז עס. און ווען איך זאָל אַמאָל געפינען אפילו אַ בריליאַנט, וואָלט ער געמוזט הייסן דאַגני, ווייל שוין דיין נאָמען אַליין מאַכט מיך־ציטערן פאַר פרייד, איך גיי אַזוי ווייט אפילו, אַז איך וואָלט געוואָלט הערן דיין נאָמען כסדר אָן אַן אויפהער, הערן, ווי מ'רופט מיט אים אָן מענטשן און חיות, און אַלע בערג און אַלע שטערן; איך וואָלט געוואָלט זיין טויב פאַר אַלע אַנדערע זאַכן, און בלויז הערן דיין נאָמען אין איין אויער, ווי אַן אומאויפהערלעכער דויערנדיקער קלאַנג, טאָג און נאַכט, ווי לאַנג איך וועל לעבן. איך וואָלט געוואָלט איינפירן אַ נייע שבועה פאַר דיין כבוד וועגן. און ווען איך זאָל דורך דעם באַגיין אַ זינד און גאָט וואָלט מיך געשטראָפט, וואָלט איך געענטפערט: שרייב עס אַרויף אויף מיר, אויף מיין חשבון, איך וועל באַצאָלן דערפאַר מיט מיין לעבן, ווען די צייט וועט קומען, ווען די שעה וועט שלאָגן...

ווי מאָדנע, ווי וווּנדערלעך עס איז דאָס אַלץ! אומעטום פרעגט איך מיך אָן אויף כניעות, און דאָך בין איך דער אייגענער

לויט מיינע כוחות און מיט מיין לעבן; איך האָב פאַר זיך די זעלבע מעגלעכקייט, ווי ביז אַהער. איך וואָלט געקאָנט אויספירן די זעלביקע מעשים — פאַרוואָס זשע בין איך געשטערט, און פאַרוואָס זענען מיר אַלע מעגלעכקייטן מיטאַמאָל געוואָרן אוממעגלעך? בין איך אַליין שולדיק אין דעם? איך ווייס נישט, ווי אַזוי; איך פאַרמאָג אַלע מיינע חושים, איך האָב נישט קיין שעדלעכע געוווינהייטן. איך האָב נישט אויף זיך קיין שום עול, איך וואַרף זיך אויך נישט בלינד אַריין אין קיין געפאַר. איך טראַכט ווי שטענדיק, כ'פיל ווי שטענדיק, כ'קאָן קאָנטראָלירן מיינע געוווינהייטן ווי שטענדיק, יאָ, און די מענטשן שאַץ איך אויך אָפּ ווי שטענדיק. כ'גיי צו מאַרטאַן, כ'ווייס, אַז זי איז די דערלייזונג, זי איז די גוטע טייערע נשמה, מיין גוטער מלאך. זי שרעקט זיך, זי האָט אפילו שטאַרק מורא; נאָר סוף-כל-סוף וויל זי, פונקט ווי איך, און מיר זענען ביידע מסכים. גוט! איך טרוים פון אַ לעבן אין גליק און צופרידנהייט: מיר שיידן זיך אָפּ פון דער וועלט אין איינזאַמקייט, מיר וווינען אין אַ שטיבעלע ביים ברעג טייך, מיר גייען אַרום אין וואַלד אָנגעטון אין קורצע קליידער, מיט שנאָלן אויף די שיך. פאַרוואָס נישט? מחמד גייט צום באַרג! און מאַרטאַ גייט מיט, מיין טאָג פֿולט זי אָן מיט זיסבערקייט און די נאַכט מיט רויִקייט, און גאָט דער האַר וואָס וווינט אויבן וואַכט איבער אונז... נו, מישט זיך אָבער די וועלט אַריין אין מיטן, די וועלט מיינט, אַז דאָס איז נישט קיין גלייכע זאַך. די וועלט זאָגט, אַז דער און דער קלוגער מענטש און די פרוי וואָלטן עס נישט געטון, בכן ס'איז אַ משוגעת עס צו טון. און איך איין אייניציקער מענטש שטיי אַליין און טופּע מיטן פוס און זאָג, אַז ס'איז שכלדיק! וואָס הייסט די וועלט? גאָרנישט! מען געוווינט זיך נאָר צו צו אַ זאַך, מען נעמט זי אָן, מען אָנערקענט זי, ווייל די לעבער האָבן זי פריער אָנערקענט; אַלץ אויף דער וועלט איז נאָר אָנגענומען, יאָ אפילו צייט, רוים, באַוועגונג, מאַטעריע זענען אָנגענומענע זאַכן. די וועלט הייסט גאָרנישט, זי נעמט נאָר אָן...

נאַגעל האָט אַ ווײַלע אַרויפגעלייגט די האַנט אויפן פּנים און געדרייט דעם קאָפּ אַהין און צוריק, ווי עס וואָלט אים

געשווינדלט אין די אויגן. ער איז געשטאַנען אין מיטן צימער.

— איז װעגן װאָס האָב איך עס געטראַכט?.. גוט, זי האָט מורא פאַר מיר; אָבער מיר פאַרשטענדיקן זיך, און איך פיל ביי זיך אין הארצן, אַז איך װעל טון גוטס, װי לאַנג איך װעל לעבן. איך װעל איבעררייסן מיט דער װעלט, כ'שיק איר אָפּ צוריק דעם רינג: כ'האָב זיך אַרומגעיאָגט, װי אַ נאַר צװישן אַלע נאַראָנים, כ'האָב אָפּגעטון פּלערליי נאַרישע זאַכן, אפילו פידל האָב איך געשפּילט, און דער עולם-גולם האָט געשריגן: גוט געטאַנצט, בער! די גרינגע גאַל גייט זיך מיר איבער פון דעם אומבאַשרייבלעך רויען נצחון, בעת איך הער, װי די דאָזיקע מענטשנפרעסער פּאַטשן בראַװאָ; איך װעל נישט מער קאָנקורירן מיט אַ טעלעגראַפיסט פון קאַבעלװאָג; איך גיי אַראָפּ אין דעם טאָל פון פרידן און כ'װעל װערן דאָס פרידלעכסטע באַשעפעניש פון װאַלד, כ'טו תפילה צו מיין גאָט, כ'זינג פרייַלעכע לידער, כ'װער אַבערגלױביש, כ'גאָל זיך אָפּ בלויז אין פלוט-צייט און הער זיך צו צו דעם געשריי פון אַ סך פייגל, בשעת איך פאַרזיי מיין קאָרן. און אַז איך װער מיד פון דער אַרבעט און הייב אויף דעם קאָפּ, שטייט מיין װייב אין דער טיר און װינקט צו מיר, און איך בענטש זי און בין איר דאַנקבאַר פאַר איר ליבלעכן שמייכל... מאַרטאַ, מיר האָבן דאָך ביידע מסכּים געװען, נישט אמת? און דו האָסט עס אַזוי שטאַרק צוגעזאָגט, סוף-כּל-סוף האָסטו עס דאָך אַליין געװאָלט, װען איך האָב דיר אַלץ קלאָר געמאַכט! נו, צום סוף האָט זיך אויסגעלאָזט אַ בוידעם. דו ביסט אַװעקגעפירט געװאָרן, באַפאַלן געװאָרן און אַװעקגעפירט, נישט צו דיין, נאָר צו מיין אומגליק...

דאַגני, איך האָב דיך ליב, דו ביסט מיר אומעטום געשטאַנען אין װעג, איך האָב נישט ליב דיין נאָמען, ער רייצט מיך, איך פאַרדריי אים און רוף דיך ד אַ נ ג נ י און שטעק אַרויס די צונג דערביי; אין נאָמען פון קריסטוסן, הער מיך אויס! װען די שעה װעט שלאָגן, װעל איך קומען צו דיר און איך װעל זיין טויט; כ'װעל זיך דיר באַװייזן אויף דער װאַנט פון דיין חדר מיט אַ פּנים, װי דער יינגל-קרייץ, און איך װעל דיך פאַרפאָלגן אַלס סקעלעט, אַרומטאַנצן אַרום דיר אויף איין פוס און פּאַראַ-

ליזירן דיינע הענט, ווען איך וועל דיך אָנרירן. איך וועל עס טון, איך וועל עס טון! זאָל מיך גאָט שומר ומציל זיין פון דיר אין אלע צייטן, דאָס הייסט, אַ כאָלערע זאָל דיך נעמען, דאָס ווינטש איך דיר פון גאַנצן האַרצן...

נו, איז וואָס, וואָס־זשע קומט אַרויס דערפון? וואָס קומט נאָך אַלעמען אַרויס? איך האָב דיך פאָרט ליב; און, דאַגני, דו ווייסט גאַנץ גוט, אַז איך האָב דיך ליב, נישט געקוקט אויף דעם אַלעמען, און אַז איך האָב חרטה אויף אַלע מיינע ביטערע ווער־טער. אָבער ווייטער? וואָס נוצט עס מיר? און חוץ דעם, ווער ווייסט, צי איז אַזוי נישט בעסער? אַז דו זאָגסט, אַז ס'איז בעסער אַזוי, איז עס דאָך אַזוי; כ'פיל דאָס אייגענע וואָס דו, איך בין אַ זיך אָפּרועענדיקער וואַנדערער. אָבער ווען דו וואָלסט אפילו יאָ באַשטאַנען און וואָלסט איבערגעריסן מיט אַלע איבעריקע און זיך פאַרבונדן מיט מיר, אַ זאַך, וואָס איך וואָלט נישט ווערט געווען, נאָר אַלץ איינס, לאָמיר אָננעמען דעם פאַל — צו וואָס וואָלט עס געפירט? דו וואָלסט דאָך מיר געווים געוואָלט העלפן דורכפירן אַלע מיינע ווערק, מיין אויפגאַבע אויף דער וועלט,—נאָר הערסט, איך שעם זיך, מיין האַרץ הערט אויף צו קלאַפּן פאַר חרפּה, טראַכטנדיק דערפון. איך וואָלט געטון, וואָס נאָר דו וואָלסט גע־וואָלט, וואָרום איך האָב דיך ליב, נאָר אינעווייניק אין האַרצן וואָלט איך געליטן דערפון... נו, אָבער צו וואָס טויג עס אָנצונע־מען איין פאַל נאָכן אַנדערן, זיך פאָרשטעלן זאַכן, וואָס זענען אוממעגלעך? דו וועסט מיט קיינעם נישט איבעררייסן און דו וועסט זיך נישט פאַרבינדן מיט מיר; דו שאָקלסט זיך אָפּ פון מיר, לאַכסט מיך אויס, מאַכסט חוזק פון מיר; וואָס פאַרא גע־שעפטן האָב איך אַלזאָ מיט דיר? פונקט.

פויזע. אויפגעבראַכט:

— איבעריקנס, וויל איך דיר זאָגן, איך טרינק דאָס דאָ־זיקע ריינע גלאָז וואַסער, און די קאָנסט פון מיינעטוועגן גיין צום טייוול! ס'איז שרעקלעך נאַריש פון דיין זייט צו גלויבן, אַז איך האָב דיך ליב, אַז איך מאַך נאָך באַמיונגען איצט, ווען מיין צייט איז שוין אַזוי נאָענט. איך פאַראַכט דיין שטייערצאָלנדיקע, ביר־

גערלעכע עקזיסטענץ, וואָס איז אזוי פארפוצט, אזוי פארקעמט און אזוי פעסט, איך פאראכט זי, גאָט איז מיין עדות, און בעת איך טראכט דערפון, פיל איך די ביטערקייט אין מיר, ווי א הויך פון דעם הייליקן גייסט. וואָס וואָלסטו געמאכט פון מיר? העהע, איך וואָלט געקאָנט שווערן, אז דו וואָלסט מיך געמאכט פאר א גרויסן מענטשן. העהע, ביי זיך אין הארצן שעם איך זיך מיט דיינע גרויסע מענטשן...

א גרויסער מענטש! וויפיל גרויסע מענטשן זענען דאָ אויף דער וועלט? קודם כל די גרויסע מענטשן אין נאָרוועגיען, זיי זענען די גרעסטע. דערנאָך די גרויסע מענטשן אין פראנקרייך, אינם לאנד פון הוגאָ און די דיכטער. שפעטער קומען די גרויסע מענטשן דאָרט אין בארנומס מלוכה. און אָט די אלע גרויסע מענטשן וויגן זיך ארום אויף א וועלט-קויל, וואָס איז לגבי דעם שטערן סיריוס נישט גרעסער, ווי דער רוקן פון א לויז. אָבער א גרויסער מאן איז נישט קיין קליינער מאן; א גרויסער מאן ווינט נישט אין פאריז, ער באוווינט פאריז. א גרויסער מאן שטייט אזוי הויך, אז ער קאָן זיך אליין זען איבערן קאָפּ. לאוואזיע האָט געבעטן, מ'זאָל אָפּלייגן זיין גילאָטינירונג, ביז ער וועט האָבן פארענדיקט א כעמישע ענטדעקונג; דאָס הייסט: „טרעט נישט ארויף אויף מיינע קרייזן!" האָט ער געזאָגט. העהע, וואָס פארא קאָמעדיע? און אפילו אקליד, ניין, אפילו אקליד מיט זיינע אקסיאָמען האָט נישט פארגרעסערט דעם עצם-ווערט אויף קיין איין פרוטה! אַך, ווי קלאָגעדיק און באלעבאַטיש מ'האָט עס געמאַכט גאָטס וועלט!

אָט גייט מען אלזאָ און מען מאַכט גרויסע מענער פון די סאמע צופעליקסטע פראָפעסיאָנאליסטן, וואָס האָבן צופעליק פארבעסערט דעם קאָנצענטרירונגס-אפאראט פון דער עלעקטריציטעט, אָבער אזעלכע וואָס האָבן צופעליק געהאט גענוג כוח אין די מוסקולן דורכצופאָרן גאנץ שוועדן אויף א וועליסאָפּעד; יאָ, און מען באשטעלט גרויסע מענער, זיי זאָלן שרייבן ביכער צו פארהערלעכן די גרויסע מענער! העהע, ס'איז נישטאָ וועד ס'זאָל לאכן, כ'לעבן! ס'וועט נאָך קומען א צייט, ווען יעדע געמיינדע

װעט האָבן איר גרויסן מאַן, אַ יוריסט, אַ ראָמאַנען־שרײַבער, אַ פֿאַל־פֿאָרשער פֿון אומגעהויערער גרייס. און די ערד װעט זײַן אַזוי אויסגעצייכנט פֿלאַך און גלאַט און אַ מחיה אָנצוקוקן...

דאַגני — איצט בין איך אין דער ריי; איך זאָג אַ שיינעם דאַנק, איך לאַך זיך אויס פֿון דיר, איך פֿאַרחוזק דיך, װאָס קאָנסטו מיט מיר טון? איך װעל קיינמאָל נישט זײַן קיין גרויסער מאַן..

אָבער לאָמען אָננעמען דעם פֿאַל, אַז עס זענען פֿאַראַן אַן אומגעהויערע גרויסע צאָל פֿון גרויסע מענער, אַ גאַנצער פֿולק גאונים פֿון אַזאַ און אַזאַ גרייס; פֿאַרװאָס נישט אָננעמען דעם פֿאַל? נו, איז װאָס? װעט מיך די גרויסע צאָל איבערראַשן? פּונקט פֿאַרקערט, װאָס מער פֿון דעם מין, אַלץ געװיינלעכער! אָדער זאָל איך אפֿשר טון, װאָס די װעלט טוט? די װעלט איז שטענדיק די זעלבע, זי נעמט אָן, װאָס די װעלט האָט פֿריער אָנגענומען! זי באַװוּנדערט, זי פֿאַלט אויף די קני און לויפֿט נאָך די גרויסע מענער שרײַענדיק הוראַ! און זאָל איך אויך טון דאָס אייגענע? אַ קאָמעדיע, אַ פּורים־שפּיל! דער גרויסער מאַן גייט אין גאַס, איין בן־אדמל שטורקעט דעם אַנדערן אין דער זייט אַרײַן און שעפּטשעט: „אָט גייט דער און דער גרויסער מאַן!" דער גרויסער מאַן זיצט אין טעאַטער, איין לערערקע טוט אַ צופּ דער צווייטער לערערקע בײַם אַרבל און שעפּטשעט: דאָרט אָ, אויבן אין דער פֿאָדערשטער לאָזשע זיצט דער און דער גרויסער מאַן! הע הע! און ער אַליין, דער גרויסער מאַן? ער קאַסירט איין. יאָ, אַזוי טוט ער. די מענטשן־קינדער טוען װי מ'דאַרף, ער נעמט צו זייער אויפֿמערקזאַמקייט װי אַ חוב, װאָס קומט אים, ער זאָגט זיך נישט אָפּ דערפֿון. ער װערט חלילה נישט רויט. און פֿאַרװאָס זאָל ער יאָ רויט װערן? איז ער דען נישט קיין גרויסער מאַן?

יאָ, אָבער דער יונגער סטודענט האָלט דאָ פּראָטעסטירט; ער װערט אַליין אַ גרויסער מאַן, ער פֿאַרברענגט זײַנע קאַניקולן שרײַבנדיק אַ ראָמאַן; ער װאָלט מסתּמא װידער אויפֿגעװיזן, אַז איך בין נישט אויסגעהאַלטן. „הער נאַגעל", האָלט ער געזאָגט,

„איר זענט נישט אויסגעהאַלטן, דערקלערט, וואָס איר מיינט דערמיט!"

און איך וואָלט אים דערקלערט, וואָס איך מיין.

אָבער דער יונגער איען וואָלט זיך נישט צופרידנגעשטעלט דערמיט, ער וואָלט געפרעגט: לויט אייער געדאַנק, קומט אַלזאָ אויס, אַז ס'זענען גאָר נישטאָ קיין גרויסע מענטשן?

יאָ, דאָס וואָלט ער געפרעגט נאָכדעם, ווי איך וואָלט אים שוין אפילו געהאַט דערקלערט מיין מיינונג! העהע, דאָס וואָלט ער אַרויסגענומען פון מיינע ווערטער. נו, און איך וואָלט זיך געסטאַרעט אים צו ענטפערן, ווי ווייט איך וואָלט געקאָנט; איך וואָלט אַרויף אויף איין שליאַך און געענטפערט: עס איז אַלזאָ פאַראַן אַ גאַנצער לעגיאָן גרויסע מענער; איר הערט, וואָס איך זאָג? פאַראַן אַ גאַנצער לעגיאָן מיט זיי! אָבער פון די גרעסטע מענער, ניין, זיי זענען נישטאָ קיין סך. זעט איר, אָט דאָ איז דער חילוק. איינגיכן וועט יעדע געמיינדע האָבן אַ גרויסן מאַן; אָבער די גרעסטע מענער זענען אפשר נישטאָ אפילו איינמאָל אין טויזנט יאָר. אונטער אַ „גרויסן מאַן", פאַרשטייט די וועלט גאַנץ איינפאַך אַ טאַלענט, אַ זשעני, און, גאָט מיינער, זשעני איז זייער אַ דעמאָקראַטישער באַגריף: אַזויפיל און אַזויפיל פונט ביפּ-שטיק גיט זשעני ביז אין דריטן, פערטן פינפטן, צענטן דור. דאָס זשעני אין פּאָפּולערער אויסטייטשונג איז נישט דאָס אומדערוואַר-טעטע, דאָס נישט דערהערטע; מ'בלייבט שטיין פאַר אים, אָבער ער ברענגט אייך נישט אַריין אין דערשטוינונג. שטעלט זיך פאַר אַזאַ זאַך: אין אַ קלאָרן, אויסגעשטערנטן ווינטער-אָוונט שטייט איר אין אַן אָבסערוואַטאָריע און קוקט דורכן טעלעסקאָפּ אויף דעם אָריאָן-נעפּל. מיטאַמאָל הערט איר, ווי פאַרנלעי זאָגט: גוטן אָוונט! גוטן-אָוונט! איר קוקט זיך אום; פאַרנלעי פאַרנייגט זיך טיף; אַ גרויסער מאַן איז אַריין דורך דער טיר, אַ זשעני. דער הער פון דער פאָדערשטער לאָזשע, און נישט אמת, אַז איר טוט אַ לאַך צו זיך און איר דרייט זיך ווידער אויס צו קוקן אין דעם אָריאָן-נעפּל? דאָס האָט מיט מיר אַליין געטראָפן... איר האָט מיך פאַר-שטאַנען? איך מיין דערמיט צו זאָגן, אַז אַנשטאָט צו באַוואונדערן

די געוויינלעכע גרויסע מענער, וואָס זענען גורם, אַז דער עולם זאָל זיך שטורקען איינער דעם אַנדערן אין זייט אַריין, אַנשטאָט זיי, קלויב איך אויס די קליינע, אומבאַקאַנטע זשעניען, ייִנגלעך, וואָס שטאַרבן נאָך גייענדיק אין שולע, ווייל זייער נשמה רייסט זיי אויף; צאַרטע, גלאַנציקע, לייכטנדיקע ווערעמלעך, מיט וועלכע מען מוז זיך באַגעגענען בשעת זייער לעבן, כּדי צו וויסן, אַז זיי האָבן עקזיסטירט. אָט אַזאַ מין געשמאַק האָב איך. אָבער פריער פון אַלץ זאָג איך: מען מוז אונטערשיידן דאָס העכסטע פון דעם הויכן זשעני, דאָס העכסטע מוז מען הויך האַלטן, כּדי עס זאָל נישט דערטרונקען ווערן אין דאָס אַלגעמיינע, אין דעם פּראָלעטאַריאַט פון זשעני. איך וויל זען דעם אַרץ-גייסט, דעם זשעני פון זשעניען אויף זיין אָרט; מאַכט אַן אויסוואַל, ברענגט מיך צום שטוינען, שאַפט אָפּ די געמיינדע-זשעניען. געפינט מיר אויס די פולע מאָס: זיין מאַיעסטעט פולמאָס...

אויף וואָס דער יונגער איען וועט זאָגן — יאָ, איך קען אים, ער וועט זאָגן: „אָבערווירקלעך, דאָס זענען דאָך נאָר טעאָריעס און פּאַראַדאָקסן.“

און איך קאָן בשום אופן נישט פאַרשטיין, אַז דאָס איז נישט מער ווי טעאָריע; איך קאָן עס באמת נישט; נאָר איין גאָט איז אַן עדות, ווי שטאַרק פאַרשידן איך קוק אויף זאַכן. איז עס מיין שולד, כ'מיין, בין איך פּערזענלעך שולדיק אין דעם? איך בין אַ פרעמדער, אַן אויסלענדער פון, אַזוי צו זאָגן, דעם דאָזיין, גאָטס פיקס-אידעע, רופט מיך, ווי איר ווילט...

מיט אַלץ וואַקסנדיקער אויפרעגונג:

— און איך זאָג אייך: עס הויבט מיך נישט אָן צו אַרן, ווי איר וועט מיך רופן; איך גיב זיך פונדעסטוועגן נישט אונטער, קיינמאָל אין לעבן נישט; איך פאַרקריך מיט די ציין און פאַרשטיינער מיין האַרץ, ווייל איך בין גערעכט! איינער וועל איך שטיין קעגן אַ גאַנצער וועלט און נישט נאָכגעבן! איך ווייס, וואָס איך ווייס, ביי מיר אין האַרצן האָב איך רעכט! צייטנווייז, אין געוויסע מאָמענטן פיל איך די אומענדלעכע שייכות צווישן אַלצדינג. נאָך עפּעס האָב איך צוצוגעבן, וואָס איך האָב שיר נישט

פארגעסן, איך גיב זיך נישט אונטער, איך וועל ארונטער־רייסן אלע אייערע נארישע געדאנקען וועגן גרויסע מענער. דער יונגער איען זאגט, אז מיין מיינונג איז א טעאריע; גוט, אויב ס׳איז טאקע באמת אזוי, ווארף איך מיין מיינונג אוועק און קום מיט אן אנדערער, וואס איז נאך בעסער פון דער ערשטער, ווארום איך האב פאר קיין שום זאך קיין מורא נישט. און איך זאג... ווארט נאר אונטער, איך בין בטוח, אז איך קאן נאך זאגן עפעס בע־סערס אפילו, ווייל מיין הארץ איז פול מיט געדעכטיקייט; איך זאג: איך פאראכט דעם גרויסן מאן אין דער אויבנאניקער לאַ־זשע, און איך לאך זיך אויס פון אים, ער איז א נאר און א פאַ־יאץ פאר מיין הארץ, מיין מויל קרומט זיך אויס פון פאר־אכטונג, בעת איך זע זיין ארויסגעשטעלטע ברוסט און זיינע שטאל־צע, זיגרייכע מינעס אויפן פנים. צי האט דער גרויסער מאן זיך אליין דערשלאגן צו זיין זשעני? איז ער דען נישט געבוירן גע־ווארן דערמיט? פארוואס עפעס זאל מען שרייען פאר אים הורא?

און דער יונגער איען פרעגט: „אבער איר אליין ווילט דאך אוועקשטעלן זיין הויכווירדיקייט פולמאס אויף זיין פלאץ, באוואונדערט דאך דעם ארץ־גייסט, דעם זשעני איבער די זשע־ניען, וואס האט זיך דאך אויך נישט אליין אויסגעקעמפט זיין זשעני?"

און דער יונגער איען מיינט, אז ער האט מיך שוין ווידער געכאפט ביי א סתירה. אבער איך ענטפער אים ווידער, ווארום דאס הייליקע רעבט רעדט ארויס פון מיר. איך באוואונדער טאקע נישט אפילו דעם ארץ־גייסט, פארקערט. איך מאך א תל פון זיין גאנצער גרויסקייט פולמאס, אויב ס׳איז נויטיק, כדי די ערד אפ־צורייניקן. מ׳באוואונדערט דעם ארץ־גייסט צוליב זיין גרויסקייט, צו־ליב זיין פולער מאס זשעני, פונקט ווי דאס וואלט געווען זיין איי־גענער פארדינסט, אזוי ווי עס וואלט נישט געהערט דער גאנצער מענטשהייט און וואלט נישט געווען גאנץ פשוט דאס אייגנטום פון דער מאטעריע! דאס, וואס דער ארץ־גייסט, דער זשעני איבער זשעניען, האט גערישנט זיין עלטער־זיידנס, זיין זיידנס, זיין פא־טערס, זיין זונס, זיין אייניקלס און זיין אוראייניקלס טייל פון

געניאַליטעט און האָט פּוסט געמאַכט זיין געשלעכט אויף גאַנצע יאָרהונדערטן, דאָס איז נישט דעם אַרץ-גייסטס אייגענע שולד, ער האָט געפונען דעם זשעני אין זיך, האָט פאַרשטאַנען זיין באַשטימונג און האָט עס אויסגענוצט... טעאָריע? ניין, דאָ איז נישטאָ קיין שום טעאָריע; געדענקט, אַז דאָס איז די מיינונג פון מיין האַרצן; אָבער אויב עס איז נאָך אַלעמען פאַראַן אַ טעאָריע, דאַן וועל איך אַ זוך טון אין מיין מוח און געפינען אַן אַנדער אויסוועג, און איך וועל צונויפשטעלן נאָך אַ דריטע, פערטע און פינפטע סתירה, אַזוי גוט ווי איך וויל נאָר קאָנען, און אונטערגעבן וועל איך זיך נישט.

אָבער אויך דער יונגער אָיען גיט זיך נישט אונטער, וואָרום ער האָט די גאַנצע וועלט אויף זיין זייט, און ער זאָגט: הייסט עס, בכן, אַז איר געפינט בשום אופן נישט וועמען צו באַוואונדערן, קיין גרויסן מאַן, קיין זשעני!

און איך ענטפער און איך מאַך אים וואָס אַמאָל שווערער אויפן האַרצן, וואָרום ער אַליין וויל ווערן אַ גרויסער מאַן; איך גיב אים ווידער אין בלוט אַריין וואַסער און ענטפער: ניין, איך באַוואונדער נישט דעם זשעני, אָבער איך באַוואונדער און האָב ליב דעם רעזולטאַט פון דעם זשעניס מעשים אויף דער וועלט, און דער גרויסער איז נישט מער, ווי דער אָרעמער, נויטיקער אינסטרומענט, אַזוי צו זאָגן, אַ שטיקל עקבויער צו בויערן... נו, איז אייך שוין אַלץ קלאָר? האָט איר מיך גוט פאַרשטאַנען?

מיט פּלוצלינג אויסגעשטרעקטע הענט:

— אָ, אַצינד האָב איך ווידער דערזען די אומענדלעכע שייכות פון דערשיינונגען! ווי שטאַרק עס האָט געגלאַנצט! די גרויסע אַנטפּלעקונג האָט זיך איצט באַוויזן פאַר מיר, איצט אין דער רגע, אינמיטן צימער! פאַר מיר זענען איצט נישטאָ מער קיין רעטעניישן, כ'האָב אַראָפּגעקוקט צו יעדן איינעם ביזן סאַמע דעק! ווי שטאַרק ס'האָט געגלאַנצט, ווי שטאַרק ס'האָט געגלאַנצט!

פּויזע.

— יאָ, יאָ, יאָ, יאָ, יאָ, יאָ! איך בין אַ פרעמדער צווישן

מיינע מיטמענטשן, און באלד וועט שלאָגן מיין שעה. יאָ, יאָ... און איבעריקנס — וואָס האָב איך פארא געשעפטן מיט גרויסע מענטשן? איז דען אלצדינג נישט פורים-שפיל, הומבוג און שווינדל? אוודאי, אוודאי, אלץ איז שווינדל. קאמא און מינוט און אלע מענטשן, און די ליבע און דאָס לעבן... אלץ איז שווינדל; אלצדינג, וואָס איך זע און הער און פארנעם. איז שווינדל, יאָ, אפילו די בלויקייט פון הימל איז אָזאָן, סם, א אָפנארנדיקער סם... און ווען דער הימל איז זייער קלאָר און בלוי, שיף איך זיך גאנץ פאמעלעך ארום דאָרט אויבן, טרייב מיין שיפל אין דעם בלויען, אָפנארנדיקן אָזאָן. און דאָס שיפל איז פון פיין-שמעקנדיקן האָלץ, און דער זעגל...

יאָ, דאגני אליין האָט געזאָגט, אז דאָס איז אזוי שיין. דאגני, דו האָסט עס געזאָגט, און א דאנק דיר, נאָך אלעמען, ווייל דו האָסט עס געזאָגט און האָסט מיך דעמאָלט אזוי גליקלעך געמאכט, אז איך האָב אזש געציטערט פאר פרייד. איך דערמאָן זיך אָן יעדעס וואָרט און כ'טראָג זיך דערמיט ארום ווי מיט אַן אבן טוב, בעת איך גיי אויפן וועג און טראכט וועגן אלץ, איך פארגעס עס קיינמאָל נישט... און אָט וועסטו באלד זיגן, ווען די שעה וועט שלאָגן. איך וועל דיך שוין מער נישט פארפאָלגן. און איך וועל זיך שוין אויך נישט ווייזן פאר דיר אויף דער וויי־סער וואנט; דו מוזסט מיר מוחל זיין, וואָס איך האָב עס געזאָגט, ווען איך בין אין כעס געווען. ניין, איך וועל קומען צו דיר און ארומפאָכען ארום דיר מיט ווייסע פליגל, בשעת דו וועסט שלאָפן, און בעת דו וועסט זיך אויפכאפן, וועל איך דיר נאָכגיין, און דיר ארייגרוימען ליבע, גוטע ווערטער אין די אויערן. אפשר וועסטו אויך נאָך ווידער שמייכלען צו מיר, ווען דו וועסט עס הערן, יאָ, אפשר וועסטו טון אזוי, אויב דו וועסט נאָר וועלן. נאָר אויב איך אליין וועל נישט האָבן אזעלכע ווייסע פליגל, אויב מיינע פליגל וועלן נישט זיין אזוי ווייס, וועל איך בעטן א מלאך פון גאָט, ער זאָל עס טון פאר מיר, און איך אליין וועל אפילו נישט צוגיין צו דיר, נאָר זיך באהאלטן אין א ווינקל און זיך פונדערווייטן צוקוקן, ווי דו וועסט אפשר טון א שמייכל צו אים.

אזוי וועל איך טון, אויב איך וועל נאָר קאָנען, און כאָטש עטוואָס דיר פאַרגיטיקן פאַר דער רשעות, וואָס איך האָב דיר אָנגעטון. אָ, איך בין גליקלעך, ווען איך טראַכט נאָר דערפון, און ווי שטאַרק וואָלט איך געוואָלט, איך זאָל עס שוין קאָנען טון. אפשר קאָן איך דיר אויף אַן אַנדער, אויף אַ שענערן אופן אָנטון אַ נחת רוח; איך וואָלט שטאַרק געוואָלט זינגען איבער דיין קאָפּ יעדן זונטיק אינדערפרי, ווען דו ביסט אין דער קירכע, און וועגן דעם וועל איך אויך בעטן דעם מלאך. אויב ער וועט נישט וועלן טון מיין פאַרלאַנג, און איך וועל עס נישט קאָנען פועלן ביי אים, וועל איך אים פאַלן צו די פיס און בעטן שטאַרקער און רירנדיקער, ביז ער וועט זיך צוהערן צו מיין פאַרלאַנג. איך וועל אים דערפאַר צוזאָגן עפּעס גוטס, און איך וועל שוין אַ טראַכט טון אים צו געבן עפּעס-וואָס, און טון פאַר אים, וואָס ער וועט זיך נאָר אויסבעטן, אויב ער וועט נאָר וועלן זיין אַזוי גינציק און ליב צו מיר... יאָ, יאָ, עס וועט זיך שוין איינגעבן. און איך קוק זיך שוין אויס די אויגן אויף דער מינוט, כדי צו קאָנען עס אָנהויבן, פּשוט, איך פלאַטער, ווען איך טראַכט דער-פון. נאָר איצט וועט שוין לאַנג נישט נעמען, ביז די שעה וועט שלאָגן; איך אַליין וועל זי דערנענטערן און איך פריי זיך שוין מיט איר... שטעל זיך נאָר פאָר, ווען יעדער נעפּל ווערט דיר מיט איינמאָל פאַרשווונדן, לאַ, לאַ, לאַ, לאַ...

גליקלעך און שיר נישט משוגע פאַר התפּעלות איז ער אַראָפּגעלאָפן פון די טרעפּ און איז אַריין אין עס-צימער. ער האָט נאָך געזונגען. נאָר דאָ האָט אַן אומבאַדייטנדיקער צופאַל מיט איין מאָל אַ סוף געמאַכט צו זיין ווילויונגערישער פריילעכקייט, און עטלעכע שעה נאָכאַנאַנד פאַרביטערט אים דאָס האַרץ. אין איילעניש האָט ער געזונגען און געגעסן זיין פרישטיק, שטייענדיק ביים טיש; ער האָט זיך נישט אַנידערגעזעצט, הגם ער איז נישט געווען אַליין. אַז ער האָט באַמערקט, ווי צוויי אַנדערע געסט קוקן אַריבער צו אים מיט פאַרדרוס, האָט ער זיי פלוצלינג גע-בעטן אַנטשולדיקונג: ווען ער וואָלט זיי געהאַט פריער באַמערקט, וואָלט ער זיך געהאַלטן רויקער; ער האָט אַזעלכע טעג, וואָס

ער הערט נישט און זעט נישט קיין שום זאך; ס'איז דאָך אַן הערלעכער פרימאָרגן! אָט ווי די פליגן זשומען שוין!

אָבער ער האָט נישט באַקומען קיין ענטפער. די צוויי פרעמדע האָבן נאָך אַלץ אויסגעזען אַזוי כמורנע און גערעדט צווישן זיך מכּוח פּאָליטיק. נאַגעלס לוסטיקייט איז תּיכּף פאַרשוווּנדן געוואָרן. ער איז אַנטשוויגן געוואָרן און אַרויס פון עס־צימער. אונטן אין גאַס איז ער אַריין אין אַ געוועלב, האָט זיך פאַרזאָרגט מיט ציגאַרן און דערנאָך איז ער, ווי זיין שטייגער, אַוועק אין וואַלד, ס'איז געווען האַלב צוועלף.

יאָ, ווי די מענטשן זענען עס תּמיד די זעלביקע! אָט זענען זיי געזעסן דאָרטן, די צוויי אַדוואָקאַטן אָדער סוחרים, אָדער פּריצים, דער גוטער יאָר ווייסט זיי — זיי זענען געזעסן דאָרט אויבן אין עס־צימער און זיך געשמועסט איבער פּאָליטיק און אויסגעזען בייז און פאַרביסן נאָר דערפאַר, וואָס ער האָט אין זייער געגנוואַרט פאַר פרייד אַ זינג געטון. וואָס וואָס פאַר אַן אָנגעצויגענע, מיושבדיקע פּנימער זיי האָבן עס געקייט זייער אָנבייסן און נישט געקאָנט סובל זיין די מינדסטע שטערונג חלילה. העהע, זיי האָבן בייזע, דיקע בייכער און פעטע געפּאַלדעוועטע פינגער; די סערוועטקעס האָבן זיי זיך אַריינגעשטעקט אונטער דער מאָרדע, ס'וואָלט גאָר כּדאַי געווען, ער זאָל אַרויפגיין צוריק אין האָטעל און אַביסל טרייבן מיט זיי קאַטאָוועס. וואָס זענען עס פאַר אַ פּריצים? אַגענטן, וואָס האַנדלען מיט קאַשע, אַמעריקאַנישע פעלן, גאָט ווייסט, אפשר גאָר מיט פּראָסטע, לייַמענע כּלים. יאָ, דאָס איז באמת אַ געשיכטע, וואָס מען קאָן קריגן בויכווייטיק פון געלעכטער! און נישט געקוקט דערויף האָבן זיי אין איין רעגעלע אַ תּל געמאַכט פון זיינע פרייַלעכע געדאַנקען. און זייער אויסזען איז אויך נישט געווען אַזוי איי־איי. מילא, איינער איז נאָך געווען צו דערליידן, אָבער דער אַנדערער — דער פון די פעלן — האָט געהאַט אַ קרום מויל, וואָס איז נאָר געווען אָפן אויף איין זייט, אַזוי אַז ס'האָט אויסגעזען ווי אַ לעכל פון אַ קנאָפּ! ער האָט אויך געהאַט אַ מאַסע גרויע האָר אין די אויערן. פוי, וואָס פאַר אַן עקלהאַפטע בריאה! אָבער נישט אמת, אַז אַזאַ פאַרשוין זיצט זיך

אין עסזאל, טאָר מען אפילו קיין לידל נישט זינגען פאַר פרייד!

יאָ, די מענטשן זענען באמת תמיד די זעלבע. אזוי זענען זיי. די הערן רעדן וועגן פּאָליטיק, די הערן רעדן ארום די לעצטע וואלן; גאָט צו דאנקען, דער און דער קאָן נאָך אָפּגעראטעוועט ווערן פאַר די רעכטע! העהעהע. ווי שיין ס'איז געווען זיך צוצוקוקן צו זייערע אָנגעצויגענע מינעס, בעת זיי האָבן גערעדט. אַקוראַט ווי די נאָרוועגישע פּאָליטיק וואָלט געווען עפּעס אנדערש ווי פּויערשער שכל!

אָבער צום טייוול, זינג נישט קיין לוסטיק לידל און שטער נישט דעם סטאָרטינגמאַן אין זיין ארבעט! וואָרום דו זעסט דאָך באַשיינפּערלעך, ער דענקט, ער שטודירט. און וואָס גריבלט ער זיך עס אזוי? וואָס פאַר א פּאָליטישן פאָרשלאַג קלויבט ער זיך מאָרגן אריינצוטראָגן? העהעהע! א באַליובטער מענטש אין נאָרוועגיענס קליינעם וועלט־אַל, אויסדערוויילט פון פאָלק, ער זאָל אויך אריינטראָגן זיינע רעפּליקעס אין דער קאָמענדע פונם קעניגרייך, אָנגעטון אין דעם הייליקן נאַציאָנאַל־קאָסטיום, מיט אַ שטיק קיי־טאַבאַק אין מויל, דער פּאַפּירענער קאָלנער דורכגעפּעצט פון געטרייען, ערלעכן שוויס! מאַכט א ווארע, רוימט אָפּ א וועג פאַר דעם אויסדערוויילטן, צום טייוול, ער זאָל האָבן אָרט פאַר זיינע עלנבויגנס, רוימט אָפּ אַלע לענדער, אזוי אז אפילו דער אַטלאַנטישער ים זאָל ווערן א נאָרהעגישע אָזערע.

... אָ, דו גרויסער גאָט, זענען דאָס טאַקע אין דער אמתן גאָר די קיילעכדיקע, פעטע נולן, וואָס מאַכן גרויס די צאָל!...

איבעריקנס: פונקט. צום טייוול מיט די נולן! סוף־כל־סוף ווערט אייך דער הומבוג אזוי צוגעגעסן, אז איר הילט זיך מער נישט צורירן דערצו. איר גייט אַוועק אין וואַלד און לייגט זיך אנידער אונטערן פרייען הימל, דאָרט איז דאָ מער פּלאַץ, מער רוים פאַרן פרעמדן מענטשן און די פליענדיקע פייגל... און איר זוכט זיך אויס א געלעגער אויף א פייכטן אָרט, איר ליגט זיך אויפן בויך אין דעם קאַלטן, זומפּיקן באָדן און איר פרייט זיך פשוט דערמיט, וואָס די פייכטקייט נעמט אייך דורך און דורך. און איר גראָבט אריין דעם קאָפּ אין די נאַסע גראָזן און אין

די שוואָמיקע בלעטער, און אַלערליי הערים און קליינע, הייבע שלאַנגען קריכן אייך אַרום אויף די קליידער און אויפן פּנים און קוקן אייך אָן מיט גרינע, זיידענע אויגן, בעת איר ווערט פון אַלע זייטן אַרומגענומען מיט דער אומרויקער שטילקייט פון וואַלד און פון דער לופט, און גאָט דער האַר זיצט אין דער הויך און קוקט אַראָפּ אויף אייך, ווי אויף זיין סאַמע קאַפּריזסטן קאַפּריז. האַהאָ! איר ווערט געפאַנגען פון אַ מערקווירדיקער שטימונג, פון אַ זעלטענער פרעמדער און משונהדיקער פרייד, וואָס איר האָט קיינמאָל עפּעס אַזוינס נישט געפילט; איר טוט אָפּ בלערליי משוגעתן, וואָס קומען אייך נאָר אַרויף אויפן רעיון. איר קערט איבער אַלצדינג מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף. און איר פרייט זיך דערמיט, פונקט ווי איר וואָלט אָפּגעטון מי יודע וואָס. פאַרוואָס דען נישט? איר געפינט זיך אונטער מאָדנע השפּעות און איר גיט זיי נאָך. איר לאָזט זיך מיטרייסן פון לוסט און פרייד. איר פילט אַן אויסערגעוויינלעכן פאַרלאַנג אויפצוהויבן ביזן הימל דאָס, וואָס איר האָט ביז איצט אויסגעלאַכט; איר פרייט זיך, וואָס איר זענט בכוח צו פירן אַ קליינעם קאַמף פאַר דעם אייביקן פרידן; איר וואָלט געוואָלט באַשטימען אַ קאָמיסיע, וואָס זאָל אַכטונג-געבן, אַז די בריוו-טרעגער זאָלן האָבן בעסערע שיך, זאָגן אַ גוט וואָרט פאַר פאַנטום ווינקער און פאַרטיידיקן דעם וועלט-אַל מיט דעם רבונו של עולם בכלל, כאַפּט דער טייוול דעם אמתן צוזאַמענהאַנג פון די דערשיינונגען, עס גייט אייך מער גאָרנישט אָן, איר פייפט אָן, און אַ סוף צום גאַנצן ענין, נישט אמת, איר לאָזט אָפּ אייערע געפילן, שטעלט אָן אייער האַרפע און זינגט הייליקע לידער אַזוי האַרציק און שיין, אַז ס'איז גאָרנישט אָפּצומאָלן.

פון דער צווייטער זייט גיט אייערע אינערלעכע געפילן די פולע פרייהייט, איר לאָזט זיי איבער אָן שום קאָנטראָל. לאָזט זיי לויפן. לאָזט זיי לויפן! ס'איז אַזוי געשמאַק זיך אַוועקצולאָזן אָן ווידערשטאַנד אין אַזאַ מישמאַש פון געפילן. און צו וועלכע גוטע יאָר זיך אַנטקעגן שטעלן? העהע, זאָל אַן אָפּרועדיקן וואַנדערער נישט דערלויבט זיין איינצואָרדנען זיינע לעצטע מאָמענטן, ווי אים געפעלט? יאָ צי ניין? פונקט. און איר אָרדנט זיך איין ווי איר ווילט.

נו, זענען פֿאַראַן אַלערליי זאַכן, וואָס איר וואָלט געקאָנט טון; איר וואָלט געקאָנט, למשל, אויסנוצן אייער איינפֿלוס לטובת די אינערלעכע מלוכה-ענינים, פֿאַר דער יאַפּאַנישער קונסט, פֿאַר די האַלינגדאַל-באַן, אַלץ איינס פֿאַר וואָס ס'זאָל נישט זיין, כּדי אויסצונוצן אייער איינפֿלוס פֿאַר עפּעס, און אַוועקשטעלן אַ געוויסע זאַך אויף די פֿיס. עס ווערט אויך קלאָר, אַז, למשל, אַ מענטש ווי י. האַנסען, דער אָנגעזעענער שניידער-מייסטער, וואָס איר האָט געקויפֿט ביי אים אַמאָל אַ ראָק פֿאַר מינוטן, אַז דער דאָזיקער מענטש האָט אומגעהויער גרויסע פֿאַרדינסטן אַלס מענטש און אַלס בירגער; איר הויבט אָן מיט דעם, וואָס איר האָט פֿאַר אים דרך-ארץ און לאָזט אויס דערמיט וואָס איר האָט אים ליב. פֿאַרוואָס האָט איר אים ליב? מחמת לוסט, מחמת עקשנות, מחמת איינגעשפּאַרטער פֿרייד, ווייל איר ווערט גערירט און איר גיט נאָך געוויסע משונהדיקע ווירקונגען. איר שושקעט אים אַריין אין אויער אייער התפּעלות פֿאַר אים, איר ווינטשט אים לאַנג לעבן און ביים אַוועקגיין שטעקט איר אים אַריין דעם אייגענעם רעטונגס-מעדאַל אין האַנט אַריין. פֿאַרוואָס זאָלט איר עס דען נישט טון, ווען איר געפֿינט זיך אין אַזאַ מאָדנער שטימונג? אָבער דאָס איז נישט גענוג, איר באַדויערט אויך, וואָס איר האָט אַמאָל אפשר נישט אַזוי בכּבודיק גערעדט וועגן דעם סטאַרטינגמאַן אַלאַ. און דאָ גיט איר זיך ערשט אויף צורעכט צואמת איבער דעם זיסן שגעון; האַהאַ, איר גיט זיך שוין איינמאָל איבער!

וואָס האָט דער סטאָרטינגמאַן אַלץ נישט געטון פֿאַר דער מלוכה! ביסלעכוויז עפֿענען זיך אייך אויף די אויגן פֿאַר זיין געטרייער און ערלעכער אַרבעט, און דאָס האַרץ ווערט אייך ווייך ווי פּוטער. די גוטהאַרציקייט נעמט אייך דורך, איר פֿאַרגיסט בעך טרערן צוליב רחמנות אויף אים און איר שווערט ביי זיך אין האַרצן אים אָפּצוגעבן טאָפּלט און דרייפֿאַך זיין לוין. דער געדאַנק וועגן אָט דעם אַלטן מאַן פֿונם קעמפֿנדיקן און ליידנדיקן פֿאָלק הויבט אייך אויף אין אַ נשמהדיקן, ווילדן דראַנג פֿון באַרמהאַרציקייט, וואָס נעמט אייך ממש ביים לעבער. און כּדי צו געבן אָלאַן זיין פֿאַרגיטיקונג, מאַכט איר אַלע אַנדערע און די גאַנצע וועלט מיט דער בלאָטע צוגלייך. איר האָט אַ ווילדע הנאה צוצונעמען ביי אַלעמען

אַלצדינג און עס אים אַוועקצוגעבן, איר זוכט אויס די פאַרשווענדע-רישסטע און רייכסטע ווערטער, כדי אים צו פאַרהערלעכן. איר זאָגט גאַנץ פּשוט, אַז אַלאַ האָט אָפּגעטון דאָס סאַמע וויכטיקסטע, וואָס איז געטון געוואָרן אויף דער וועלט, אַז ער האָט אָנגעשריבן די איינציקע אָפּהאַנדלונג איבער דעם ספּעקטראַל-אַנאַליז, וואָס איז ווערט געווען צו לייענען, אַז ער איז, אייגנטלעך, דער איינציקער, וואָס האָט אין יאָר 1719 דורכגעאַקערט אַלע פּרעריעס אין אַמעריקע, אַז ער האָט דערפונדן דעם טעלעגראַף און דערצו איז ער נאָך געווען אויף דעם סאַטורן און גאַנצע פינף מאָל גערעדט מיטן רבונו של עולם. איר ווייסט גאַנץ גוט, אַז אַלאַ האָט דאָס אַלץ נישט געטון, אָבער פון פאַרצווייפלטער גוטהאַרציקייט זאָגט איר פאָרט: ער האָט עס געטון, און איר וויינט אויפן קול, און איר שווערט און איר ווינטשט זיך די מוראַדיקסטע יסורים אין גיהנום, אויב ס'איז נישט געווען אַלאַ נאָר אַן אַנדערער, וואָס האָט עס געטון. מחמת וואָס טוט איר דאָס? מחמת גוטהאַרציקייט. כדי אַלאַן צו פאַרגיטיקן אין אַ גרויסן מאַסשטאַב! און פּלוצלינג פּלאַצט איר אַרויס מיט אַ געזאַנג, כדי אים נאָך מער צו פאַרגיטיקן, און גאָט-לעסטערנדיק און פאַרשייט זינגט איר, אַז אַלאַ איז, איבעריקנס, אויך געווען דער, וואָס האָט באַשאַפן די וועלט און אָנגעוויזן דער זון און די שטערן זייער אָרט, און איצט האַלט ער אַלץ אויף מיט זיין כּוח; און צו דעם אַלץ לייגט איר צו אַ לאַנג צעטל פון קללות און חרמות, אַז ס'איז אַזוי. מיט איין וואָרט, איר בינדט אָפּ אייערע געדאַנקען פון דער קייט, אַזוי אַז זיי פאַרקריכן אין דער משונהדיקסטער אַפּיקורסות און הפקרות אין דעם פּרט פון גוטהאַרציקייט און קאָ-קעטירן מיט שבועות און שענדלעכע קללות. און פאַר יעדעס מאָל, וואָס איר וועט אויסגעפינען עפּעס ריכטיקס, אומדערהערטס אַרויסצוזאָגן, שטעלט איר זיך אויף די קני אין דער הויך און לאַכט שטילערהייט אין זיך, בלויז פאַר שמחה צוליב דער גליקלעכער באַפרידיקונג, וואָס אַלאַ קריגט. יאָ, אַלאַ מוז האָבן אַלץ, אַלאַ האָט עס פאַרדינט, ווייל איר האָט זיך אַמאָל אַרויסגעבאַפּט מיט אַ נישט בכּבודיק וואָרט וועגן אים און איר האָט איצט חרטה!

פּויזע.

— ווי אַזוי איז דאָס געשען? האָב איך אויך נישט אויסגע־ברענגט די ערגסטע גראָבקייט איבער אַ קערפּער, וואָס... יאָ, וואָס איז געשטאָרבן... וואַרט נאָר אַ ווײַלע... יאָ, ס'איז געווען אַ יונג מיידל; זי איז געשטאָרבן און האָט געליובט גאָט דערפאַר, וואָס ער האָט איר אַנטליען איר קערפּער, מיט וועלכן זי האָט זיך קיינמאָל נישט באַנוצט. וואַרט. ס'איז געווען איינע אַ מינאַ מעעק, איצט דערמאָן איך זיך, און איך שעם זיך פאַר זיך אַליין. וויפל מען פלאַפּלט עס סתם אַזוי אין דער וועלט אַריין, כּדי נאָכהער חרטה צו האָבן און זיך שיר נישט צו באַגראָבן פאַר חרפּה? אמת טאַקע, קיינער, אַחוץ מינוטן, האָט עס נישט געהערט. אָבער איך שעם זיך פאַר זיך אַליין. שוין נישט רעדנדיק דערפון, וואָס איך האָב אַמאָל אַרויסגעפּלאַצט מיט נאָך אַ מיאוסערע שטותערײַ, וואָס איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן, ווען אַן עסקימאָס און אַ בריוו־טאַש. פּע זאָל עס ווערן, אַ סוף דערמיט! גרויסער גאָט, ס'קומט דאָך אויס סיידן נאָר לעבעדיק צו באַגראָבן זיך אין דער ערד אַריין!... ניין, שאַ! כאַפּט דער טײַוול די גאַנצע חרטה! טו נאָר אַ טראַכט אָקאָרשט, עס וועט קומען אַ טאָג, ווען די ערדה פון די אויסגעלייזטע צווישן אַלע פעלקער וועט זיך איינ־זאַמלען אין דעם הימלס הערלעכקייט, אין דעם הימלס הערלעכ־קייט, דאַן וועסטו זײַן מיט זיי! אוף! גאָט! ווי דאָס אַלץ איז לאַנגווײַליק, גאָט, ווי לאַנגווײַליק דאָס אַלץ איז...

אַז נאַגעל איז געקומען אין וואַלד, האָט ער זיך אַנידער־געוואָרפן אויף דעם ערשטן בעסטן הויפן גראָז און באַהאַלטן דאָס פּנים אין די הענט. וואָס פאַראַ טומל אין זײַן מוח! וואָס פאַראַ ווירוואַר פון אומקלאָרע, חסר־דעהדיקע געדאַנקען! אין אַ ווײַלע אַרום איז ער אַנטשלאָפן געוואָרן. נישט מער ווי פיר שעה זענען אַריבער, זינט ער איז אויפגעשטאַנען, און פונדעסטוועגן איז ער אַרײַנגעפאַלן אין אַ האַרטן שלאָף, טויט מיד און אויסגע־מוטשעט.

ס'איז שוין געווען אָוונט, ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט. ער האָט זיך אומגעקוקט, די זון האָט געהאַלטן בײַם אונטערגיין; דאָרט הינטער דער דאַמף־מיל, און די פייגעלעך זענען אַרומגע.

פֿליגן פון איין בוים צום אַנדערן און געזונגען. דער קאָפּ איז אים געווען קלאָר, ער האָט שוין מער נישט געהאַט קיין טומלעני־דיקע געדאַנקען, קיין ביטערניש, ער איז געווען פֿולשטענדיק רויק. ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן אַ בוים און געטראַכט. זאָל ער עס איצטער טון? פאַרוואָס נישט פריער אַזוי גוט ווי שפּע־טער? ניין, פריער מוז ער ברענגען פאַרשידענע זאַכן אין אָרד־נונג, אָנשרייבן אַ בריוו צו זיין שוועסטער, פאַרזאָרגן מאַרטאַן מיט אַ קליינעם אָנדענקען אין אַ קאָנווערט; היינט אָוונט קאָן ער נאָך נישט שטאַרבן. ער האָט דאָך אַפילו זיין רעכענונג אין האָטעל נישט באַצאָלט. נו, און אין מינוטן האָט ער אויך נישט געוואָלט פאַרגעסן.

און מיט פאַמעלעכע טריט האָט ער זיך געלאָזט גיין אַהיים אין האָטעל אַריין. אָבער מאָרגן אָוונט זאָל עס געשען, אַרום האַלבע נאַכט, אָן שום צערעמאָניעס, בקיצור, נאָר בקיצור!

ווען ס'איז שוין געווען דריי אַ זייגער באַגינען, איז ער נאָך אַלץ געשטאַנען ביים פענסטער אין זיין צימער און אַרויסגעקוקט אויפן מאַרק.

XIX

און אין דער מאָרגנדיקער נאַכט אַ זייגער צוועלף איז ער ענדלעך אַרויס פון האָטעל. ער האָט נישט געמאַכט קיין שום הכנות; ער האָט בלויז געשריבן צו זיין שוועסטער און אַריינגע־לייגט אַביסל געלט אין אַ קאָנווערט פאַר מאַרטאַן. ווייטער זענען זיינע רייזע־זעק, זיין וויאָלין־קאַסטן און דער אַלטער שטול, וואָס ער האָט געקויפט, געבליבן שטיין אויף זייער אָרט; עטלעכע בי־כער האָבן זיך אַרומגעוואַלגערט אויפן טיש, און ער האָט אויך נישט באַצאָלט זיין רעכנונג, ער האָט עס לחלוטין פאַרגעסן. אַ קליינע ווײַלע, איידער ער איז אַוועק פון האָטעל, האָט ער גע־פּעטן סאַראַן אָפּצושטויבן די פענסטער, ביז וואַנעט ער וועט צו־ריקקומען, און סאַרא האָט אים צוגעזאָגט, כאָטש ס'איז געווען אין

מיטן דער נאַכט. ער האָט זיך גוט אַרומגעוואַשן דאָס פּנים און די הענט און איז אַרויס פון צימער.

די גאַנצע צייט איז ער געווען רויק, כּמעט אָן קלעמעניש אײנציקער גאָט, וואָס איז דען דאָ אַזוינס צו מאַכן אַ וועזן דערפון און אויפרודערן אַ וועלט? אַ יאָר פריער, אַ יאָר שפּעטער, — ס'שפּילט דאָך נישט קיין ראָלע, בּפרט, אַז מיט דעם געדאַנק טראָגט ער זיך שוין אַרום אַזאַ לאַנגע צייט. נו, און איצט איז ער שוין אינגאַנצן פאַרמאַטערט פון זיינע אַנטוישונגען, פון זיינע נישט דערגרייכטע האָפנונגען, פון דעם הומבוג, וואָס הערשט אומעטום, ווו מען קערט זיך און ווענדט זיך, פון אָט דעם איידעלן טאָג-טעגלעכן שווינדל, וואָס ער האָט באַגעגנט ביי אַלע מענטשן. ער האָט נאָך אַמאָל אַ טראַכט געטון וועגן מינוטן, וועלכן ער האָט נישט פאַרגעסן און איבערגעלאָזן אים אַ קאָנווערט מיט אַ סומע געלט, הגם זיין חשד אויף אָט דעם קאַליקע נעבעך האָט אים קיינמאָל נישט אָפּגעלאָזן. ער האָט זיך אויך דערמאָנט אָן דער פרוי סטענערסען, די קראַנקע אַסטמאַ-ליידנדיקע פרוי, וואָס האָט אָפּגענאַרט דעם מאַן פאַר אים אין די אויגן און נישט אַרויסגעוויזן עס מיט דער מינדסטער באַוועגונג; אָן קאַמאַ, אָט דאָס קליינע, געלט-גייציקע מיידל, וואָס האָט אויסגעצויגן צו אים אירע פאַלשע אָרעמס, בעת ער פלעגט נאָר אַרויספאָרן, און כּסדר באַטאַפּט און געגנישטערט אין זיינע קעשענעס, זוכנדיק וואָס מער, וואָס מער געלט. אין מזרח, אין מערב, אין לאַנד, אין אויסלאַנד, אומעטום האָט ער זיך אָנגעטראָפן מיט אַלך די זעלביקע מענטשן; אַלצדינג איז געמיין און פאַלש און אַזוי אומפאַרשעמט טרויעריק — פון דעם בעטלער, וואָס טראָגט אַ באַנדאַזש אַרום דער געזונטער האַנט, ביז דעם בלויען הימל, וואָס צעשווימט אין אָזאָן. און ער אַליין, איז ער דען בעסער? ניין, ניין, ער גופא איז אויך נישט בעסער, אָבער איצט איז ער דאָך שוין אַזוי נאָענט ביים סוף.

ער איז געגאַנגען איבער דער לאַנדונגס-בריק, כּדי נאָכאַמאָל אַ קוק צו טון אויף די שיפן; און אַז ער איז דורכגעגאַנגען דעם לעצטן לאַנדונגס-אָרט, האָט ער פלוצלינג אַראָפּגענומען דעם אייזערנעם רינג פון זיין פינגער און אַריינגעוואָרפן אים אין

ים אַריין. ער האָט געזען, ווי דער רינג איז אַריינגעפאַלן ווייט אין וואַסער. אָט אַזוי, אין דער סאַמער לעצטער רגע מאַכט מען דאָך אַ פּרווו, זיך צו באַפרייען פון דעם הומבוג!

בײַ מאַרטאַ גודעס הויז האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און צום לעצטן מאָל אַריינגעקוקט אין די פענסטער אַריין. אינעווייניק איז אַלץ געווען ווי געוויינלעך, רויק און שטיל; מ'האָט דאָרט קיינעם נישט געזען.

— זײַ געזונט! — האָט ער געזאָגט.

און ער איז אַוועק ווייטער.

אַליין נישט צו וויסן דערפון, האָט ער זיך פאַרנומען צום פּאַסטאָר־הויף. אַז ער גייט אַהין האָט ער זיך ערשט געכאַפּט, ווען ער האָט דערזען דאָס אָרט, וווּ דער הויף איז געשטאַנען, ווי אַ מין באַלויכטונג אין וואַלד. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט. וווּ גייט ער? וואָס האָט ער דאָ צו טון אויפן וועג? אַ לעצטער בליק אויף די צוויי פענסטער אויפן צווייטן שטאָק, אַן אומזיסטע האָפ־נונג, צו דערזען אַ געזיכט, וואָס ער וועט שוין קיינמאָל נישט זען, קיינמאָל נישט?! ניין, דאָס איז צופיל! אמת טאַקע, מ'איז די גאַנצע צייט געווען אַנטשלאָסן עס צו טון; אָבער מען האָט דאָך נישט געטון! ער איז געשטאַנען נאָך אַ ווײַלע און געקוקט מיט לאַנגע בליקן אויף דעם הויף פון דעם פּאַסטאָרס הויז. ער האָט זיך קוים געהאַלטן אויף די פיס, זײַן האַרץ איז שיער נישט פאַרגאַנגען פון ווייטיק...

— זײַ געזונט. — האָט ער ווידער געזאָגט.

דאַן האָט ער זיך פּלוצלינג אויסגעדרייט און זיך פאַרנומען אויף אַ זײַטיקן וועג, וואָס האָט געפירט טיפער אין וואַלד אַריין.

ערשט דאַרף מען גיין, ווו די אויגן וועלן טראָגן, און זיך אַנידערוואַרפן אויף דעם ערשטן בעסטן אָרט. פריער פון אַלץ, קיין ישוב־הדעת, און קיין סענטימענטאַלקייט; צוליב וואָס איז דען קאַרלסען געקומען אין זײַן לעבערלעכער פאַרצווייפלונג! פּונקט ווי ס'וואָלט זיך עפּעס געלוינט צו מאַכן קונצן מיט אַזאַ קלייניקייט!.. ער באַמערקט, אַז אַ שוך־בענדל האָט זיך אים אָפּגעבונדן, און ער בלײַבט שטיין, שטעלט אַרויף דעם פוס אויף אַ הויפן ערד און

בינדט עס צו. באַלד דערנאָך זעצט ער זיך אַנידער.

ער האָט זיך אַנידערגעזעצט, גאָרנישט טראַכטנדיק װעגן דעם, ער האָט עס אַלײן נישט באַמערקט. ער האָט זיך אַרומגע־קוקט: הויכע יאָדלעס, אומעטום הויכע יאָדלעס, דאָ און דאָרט אַ װאַכאָלדער־קוסט, די ערד באַדעקט מיט װאַלד־געװיקסן. גוט, גוט!

דאַן נעמט ער אַרויס זײַן בריװ־טאַש. ער לײגט אַרײַן אַהין דעם בריװ צו מאַרטאַן און צו מינוטן! אויף אַ באַזונדער אָרט ליגט דאַגנים טאַשנטיכל אין פּאַפּיר. און ער נעמט עס אַרויס, קושט עס עטלעכע מאָל און צערײַסט עס אויף קלײנע שטיקלעך. לסוף האָט ער דאָס טאַשנטיכל אַזוי צעריסן, אַז מ׳האָט עס מער נישט געקאָנט דערקענען, עס זענען געבליבן דערפֿון כמעט בלויז פֿעדעם; ער שטײט אויף און לײגט עס אַװעק אונטער אַ שטײן, אַז קײנער זאָל עס נישט קאָנען געפֿינען, און זעצט זיך צוריק אַװעק. יאָ, איצט איז דאָך, דאַכט זיך, מער נישטאָ װאָס צו טון? און ער טראַכט נאָך, אָבער ס׳איז באמת מער גאָרנישטאָ װאָס צו טון. דאַן ציט ער אָן זײַן זײגער, װי זײַן שטײגער איז צו טון יעדן אָװנט, אײדער ער פֿלעגט זיך לײגן שלאָפֿן.

ער קוקט זיך אַרום אין אַלע זײַטן; אין װאַלד איז גאָר פֿינסטער; ער זעט נישט קײן שום פֿאַרדעכטיקס. ער הערט זיך צו, ער האַלט אײַן דעם אָטעם און הערט זיך צו: קײן שום קלאַנג, קײן אָטעם, פֿויגלען זענען שטום, די נאַכט איז מילד און טויט. און ער לײגט אַרײַן דעם פֿינגער אין װעסטל־קעשענע און נעמט אַרויס פֿון דאָרט דאָס קלײנע פֿלעשעלע.

דאָס פֿלעשעלע האָט אַ גלעזערנעם קאָרעקל; איבער דעם גלעזערנעם קאָרעקל איז אַ דרײַפֿאַך פּאַפּירן היטעלע צוגעבונדן מיט אַ בלויען אַפּטײק־שנירל. ער קניפּט אויף דאָס שנירל און נעמט אַרויס דעם קאָרעק. קלאָר װי װאַסער, מיט אַ שװאַכן מאַנדל־ריח! ער האַלט דאָס פֿלעשעלע פֿאַר די אויגן. ס׳איז אָנ־געפֿולט ביז דער העלפֿט. אין דער זעלבער רגע הערט ער אַ מאָדנעם קלאַנג פֿון דער װײַטנס, אַ פּאָר שטאַרקע קלעפּ; דער קירכן־זײגער, װאָס האָט אין שטאָט געקלונגען צװײ. ער פֿליסטערט:

„די שעה איז געקומען!" און הויבט אויף שנעל דאָס פלעשעלע און לײדיקט עס אויס.

אין דער ערשטער רגע איז ער נאָך געזעסן גלייך, מיט פאַרמאַכטע אויגן, מיטן לײדיקן פלעשעלע אין איין האַנט און דעם קאָרעקל אין דער אנדערער. דאָס אלץ איז אדורך אזוי שנעל און אינסטינקטיוו, אז ער האָט גאָרנישט געהאַט קיין צייט זיך אָפּ-צוגעבן א רעכענונג וועגן דעם. נאָר איצט האָבן אים די געדאַנ-קען ביסלעכווייז אָנגעהויבן ארויפצושטראָמען אין קאָפּ אריין, ער האָט געעפנט די אויגן און א צעטומלטער האָט ער זיך אַרומגע-קוקט ארום זיך. אָט דאָס אַלץ, די בוימער, דער הימל, די ערד וועט ער שוין פון איצט אָן מער קײנמאָל נישט זען? ווי משונה-דיק עס איז אים אויסגעקומען! אָט שוין הויבט אָן דער גיפט ארומצולויפן אין זיין קערפּער, זיך אריינקריגן אין זיינע איברים, זיך דורכשפּאַרן דורך זיינע אָדערן; אָט באַלד באַקומט ער קרעמפּן, אָט באַלד בלייבט ער ליגן א פאַרגליווערטער.

אָט פילט ער שוין דייטלעך דעם ביטערן טעם אין מויל און פילט, אז זיין צונג ווערט וואָס אמאָל מער איינגעשרומפּן. ער הויבט אָן מאַכן משונהדיקע באַוועגונגען מיט די הענט, צו זען אויף חיפּל ער איז שוין טויט, הויבט אָן צו ציילן די בוימער ארום אים, ציילט ביז צען און הערט אויף. האָט זשע, וועט ער טאַקע שטאַרבן? ניין, אָך ניין, נישט אמת? ניין, נישט היינט בײ-נאַכט, הא? ווי מאָדנע דאָס איז?

יאָ, ער וועט שטאַרבן, ער האָט אזוי דייטלעך געפילט, ווי דער בלוי-זויער האָט געווירקט אינעווייניק אין זיין אינגעווייד. אָ, פאַרוואָס איצט, פאַרוואָס איצט שוין? גאָט, עס מוז דאָך נישט געשען דווקא אצינד. ניין, וועט עס געשען? ווי שטאַרק ס'האָט אים שוין גענומען שוואַרץ ווערן פאַר די אויגן! ווי דער וואַלד האָט עס געדרוישט אביסל, כאָטש ס'איז קיין שום ווינט נישט גע-ווען! וואָס איז דאָס? פאַרוואָס לויפן ארום רויטע וואָלקנס דאָרט איבער די שפּיצן פון די בוימער?.. אָך, נישט באַלד, נישט באַלד! ניין, דו הערסט, ניין! וואָס זאָל איך טון? איך וויל נישט! גאָט אין הימל, וואָס זאָל איך טון?

און מימאָמאָל שפּילן זיך אַלע געדאַנקען פון דער גאָרער וועלט פונאַנדער אין זיין מוח מיט אַ גוואַלטיקער קראַפט. ניין, ער איז נישט גרייט דערצו; עס זענען דאָ טויזנטער, וואָס ער וואָלט גע-מוזט פריער באַזאָרגן, און זיין מוח פלאַמט און ברענט פון דעם אַלע-מען, וואָס ער האָט נאָך נישט אָפּגעטון. ער האָט נאָך זיין רעכענונג אין האָטעל נישט באַצאָלט, ער האָט עס גאָר פאַרגעסן, יאָ, ליבער גאָט, ס'איז אים גאָר פון זינען אַרויס, און ער האָט עס געוואָלט פאַרריכטן! ניין, די נאַכט וואָלט ער נאָך געוואָלט בלייבן לעבן. רחמים! רחמים! אַ שעה, עפּעס מער ווי אַ שעה! גרויסער גאָט, ער האָט אויך פאַרגעסן אָנצושרייבן נאָך אַ בריוו, נאָך איין בריוו, אַ צוויי שורות צו איינעם אין פינלאַנד, ס'האָט זיך געהאַנדלט וועגן דער שוועסטער, איר גאַנץ פאַרמעגן! ביי אַזעלכע קלאָרע געדאַנ-קען איז ער געווען אין סאַמע מיטן פון דער דאָזיקער פאַרצווייפ-לונג; און זיין מוח האָט אַזוי מאָדנע געשפּאַנט געאַרבעט, אַז ער האָט זיך פאַרנומען אפילו מיטן אַבאָנאַמענט אויף די פאַרשידענע צייטונגען, וואָס ער האָט געהאַלטן. ניין, זיינע צייטונגען האָט ער אויך נישט געשריבן מ'זאָל אויפהערן שיקן, זיי וועלן קומען אָן אויפהער, כסדר, זיי וועלן אָנפולן זיין צימער ביזן סופים. וואָס זאָל ער טון? און דאָ איז ער דאָך שוין כמעט אַ געשטאָר-בענער.

מיט ביידע הענט רייסט ער דאָס גראָז פון דער ערד. קייקלט זיך אויפן בויך און פּרווט צוריק אָפּגעבן דעם סם; ער שטעקט אַריין דעם פינגער אין האַלז אָבער אומזיסט. ניין, ער וויל נישט שטאַרבן, נישט היינט ביינאַכט, מאָרגן אויך נישט, ער וויל קיינמאָל נישט שטאַרבן. ער וויל לעבן. יאָ, אייביק וויל ער נאָך זען די זון. און אָט דאָס ביסעלע גיפט העט ער נישט האַלטן אין זיך, און איידער עס וועט אים טויטן, מוז אַרויף, אַרויף, צום טייוול. נאָכאַמאָל, ער מוז עס אויסברעכן!

ווילד פאַר שרעק שפּרינגט ער אויף אויף די פיס און הויבט אָן אַרומצולויפן איבערן וואַלד זוכנדיק וואַסער. און ער שרייט „וואַסער! וואַסער!" זיין שטים הילכט אָפּ איבערן גאַנצן וואַלד. אַזוי לויפט ער אַרום עטלעכע מינוט, ווי אַ משוגענער. ער

לויפט אין אַלע זייטן, פאַלט אַרויף אויף בוימער, שפּרינגט ווי אַ ציג איבער די וואַלדער־בוימלעך און קרעכצט הויך אויפן קול. און קיין וואַסער געפינט ער נישט. לסוף גליטשט ער זיך אויס און פאַלט אויפן פּנים, בעת ער פאַלט אום, בלאָנדזען זיינע הענט אַביסל אויף דער ערד און ער פילט אַ לייכטן ווייטיק אין אַ באַק. ער פּרוווט זיך אַ ריר טון, אויפשטעלן זיך, אָבער דער פאַל האָט אים צעמישט, ער פאַלט אום צוריק, ווערט מידער און הויבט זיך מער נישט אויף.

יאָ, יאָ, אין גאָטס נאָמען, ס'איז, הייסט עס, גאָרנישט צו העלפן! און, גרויסער גאָט, ער מוז דאָך אַלזאָ שטאַרבן! ווען ער וואָלט כּוח געהאַט זיך אויפצוהויבן און צו געפינען ערגעץ אַביסל וואַסער, וואָלט ער זיך אפשר אָפּגעראַטעוועט. אָ, ווי טרויעריק עס וועט זיך איצט ענדיקן מיט אים, און ער האָט זיך עס דאָך אַמאָל אַזוי גוט פאָרגעשטעלט; איצט וועט ער שטאַרבן אַ פאַרסמטער אונ־טערן פרייען הימל! אָבער פאַרוואָס איז ער שוין נישט פאַרשטאַרט? ער קאָן נאָך רירן מיט די פינגער, אויפהויבן די ברעמען; ווי לאַנג עס געדויערט, ווי לאַנג עס געדויערט עס אַביסל!

ער לייגט צו די האַנט צום פּנים, ס'איז קאַלט און פייכט פון שווייס. ער איז געפאַלן אויפן פּנים, דעם קאָפּ אויפגעהויבן; ער בלייבט ליגן רויק און מאַכט מיט זיך נישט מער קיין שום עסק. יעדער אבר צאַפּלט נאָך; אויף איין באַק האָט ער אַ וווּנד, און ער לאָזט רינען דאָס בלוט און פאַרהאַלט עס נישט. ווי לאַנג עס גע־דויערט! ווי לאַנג! און געדולדיק ליגט ער און וואַרט. ווידער אַמאָל הערט ער ווי דער קירך־זייגער קלינגט, ער קלינגט דריי. ער איז דערשטוינט; האָט ער געקאָנט אַרומטראָגן דעם סם אין זיך אַ גאַנצע שעה נאָכאַנאַנד און נאָך בלייבן לעבן? ער שפּאַרט זיך אָן אויפן עלנבויגן און טוט אַ קוק אויף זיין זייגער; יאָ. ס'איז געווען דריי. ווי לאַנג ס'געדויערט עס אַביסל!

יאָ, אין גאָטס נאָמען, נאָך אַלעמען איז דאָך צום בעסטן, וואָס ער שטאַרבט איצט! און דערמאָנענדיק זיך פּלוצלינג אָן דאַגנין, וואָס ער האָט יעדן זונטיק אינדערפרי געוואָלט פאַרזינגען, און וואָס ער האָט געוואָלט אַזוי פיל גוטס טון, האָט ער זיך דערפילט צופרידן

מיט זיין גורל, און טרערן האָבן זיך אים געשטעלט אין די אויגן. סענטימענטאַל, בעטנדיק גאָט און וויינענדיק שטילערהייט פאַר זיך, האָט ער ביי זיך אין מוח אָנגעהויבן צונויפצוזאַמלען אַלצדינג, וואָס ער וועט טון פאַר דאַגנין, אָ, ווי טריי ער וועט זי אָפּהיטן פון אַלדאָס בייז! אפשר וועט ער נאָך מאָרגן קאָנען אַריבערפליען צו איר און זיין נאָענט נעבן איר, גוטער גאָט, ווען ער זאָל עס נאָך מאָרגן קאָנען טון און מאַכן, אַז זי זאָל זיך אויפכאַפּן פון שלאָף, שטראַלנדיק פון פרייד! ס'איז געווען מיאוס פון אים, וואָס ער האָט ערשט מיט אַ ווײַלע צוריק נישט געוואָלט שטאַרבן, אַז ער קאָן דאָך איר פאַרשאַפן אַזוי פיל פרייד! יאָ, ער האָט חרטה און בעט ביי איר פאַרצייונג; ער ווייסט נישט וואָס מיט אים איז אַזוינס פאָרגעקומען, איצט אָבער קאָן זי אים געטרויען, און ער וואָלט שוין געוואָלט קאָנען וואָס גיכער קומען צו שוועבן אין איר צימער אַריין און שטיין ביי איר בעט. אין עטלעכע שעה, אפשר אין אַ שעה אַרום וועט ער דאָרט זיין, יאָ, וועט ער דאָרט זיין. און ער וועט זיכער פועלן ביי אַ מלאך פון גאָט, ער זאָל עס טון פאַר אים, אויב ער אַליין וועט עס נישט קאָנען טון. ער וועט אים צוזאָגן דערפאַר אַזוי פיל גוטע זאַכן. און ער וועט זאָגן דעם מלאך: איך בין נישט ווייט, דו קענסט עס טון. דו ביסט ווייט, דערפאַר מעגסטו טון מיט מיר וואָס דו ווילסט, דו קוקסט מיך אָן, ווייל איך בין שוואַרץ? נו געווים בין איך שוואַרץ. וואָס איז דאָס פאַר אַ חידוש? אָבער איך זאָג דיר צו, אַז איך וויל גערן נאָך לאַנג, לאַנג זיין שוואַרץ, אויב דו וועסט מיר טון די טובה, וואָס איך בעט דיך; איך קאָן נאָך בכיוון אַ מיליאָן יאָרן בלייבן שוואַרץ און נאָך אַ סך שוואַצער ווי אַצינד, אויב דו וועסט עס נאָר פאַרלאַנגען; און פאַר יעדן זונטיק, וואָס דו וועסט זינגען פאַר איר, קאָנען מיר דיר פונסנייַ צולייגן אַ מיליאָן יאָרן, אויב דו ווילסט נישט אַנדערש. איך מיין דיך נישט אָפּצונאַרן, איך וועל אויסטראַכטן אַ סך אַנדערע זאַכן דיר צו געבן דערפאַר; וואָס איך וועל נאָר קאָנען, וועל איך דיר געבן, אַבי הער מיך אויס! דו וועסט נישט דאַרפן פליען אַליין. איך וועל מיטפליען מיט דיר. איך וועל דיך טראָגן און פליען פאַר אונז ביידע; אַזוי וויל איך טון מיט פאַרגעניגען און איינשמירן וועל איך דיך נישט, כאָטש איך בין שוואַרץ. איך וועל

שוין אַליין טון אַלצדינג, און דו וועסט די גאַנצע צייט קאָנען רוען. ווער ווייסט, אפשר וועל איך דיר קאָנען עפּעס שענקען דער־פון וואָס איך פאַרמאָג; עס קאָן דיר צונוץ קומען; איך וועל דיך שטענדיק אין זינען האָבן, בעת עמעצער וועט מיר עפּעס געבן; אפשר וועל איך האָבן גליק און איך וועל קאָנען פאַרדינען גאָר אַ סך גוטע זאַכן פאַר דיר, דאָס קאָן מען גאָרנישט וויסן...

יאָ, סוף־כל־סוף וועט ער געפינען אַ מלאך, וואָס וועט מסכים זיין עס צו טון פאַר אים, ער איז זיכער אין דעם.

און ווידער קלינגט דער קירך־זייגער. אַזוי ווי אין חלום ציילט ער איבער די פיר קלעפּ און טראַכט גאָרנישט וועגן דעם. איצט איז דער עיקר — האָבן געדולד! דערנאָך האָט ער צוזאַמענ־געלייגט די הענט און געבעטן גאָט, ער זאָל שטאַרבן וואָס גיכער באָטש אין עטלעכע מינוט אַרום; אַזוי אַרום וועט ער נאָך אפשר קאָנען זיין היינט ביי דאַגנין, איידער זי וועט זיך אויפכאַפּן פון שלאָף. ער וועט אַלעמען דאַנקען און ער וועט ליבן אַלצדינג אויף דער וועלט און גרויסן און רימען דערפאַר; ס'איז אַ גרויסער חסד, און איצט האָט ער בלויז דעם איינעם האַרציקן ווונטש...

ער האָט צוגעמאַכט די אויגן און איז איינגעשלאָפן... — —

ער איז געשלאָפן דריי שעה. ווען ער האָט זיך אויפגע־כאַפּט, האָט די זון אַראָפּגעשיינט אויף אים, און דער וואַלד איז געווען פול מיט אַ מעכטיקער, רוישנדיקער צווישטשעריי פון פייגל. ער האָט זיך אויפגעזעצט און זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן; מיט איין מאָל האָט ער זיך דערמאָנט אַלצדינג, וואָס איז פאָרגע־קומען מיט אים די נאַכט, דאָס פלעשעלע איז נאָך געלעגן לעבן אים, און ער האָט זיך דערמאָנט, ווי האַרציק ער האָט געבעטן גאָט, ער זאָל שטאַרבן וואָס גיכער. און ער לעבט! ווידער אַמאָל האָט זיך די אָדער יענע סיבה געשטעלט אין וועג, ער האָט נישט אָנגעהויבן צי פאַרשטיין, ווי אַזוי ס'איז געשען, אומזיסט האָט ער עס אַרומגעטראַכט פון אַלע זייטן; ער האָט בלויז געפילט, אַז ער איז נאָך נישט טויט.

ער איז אויפגעשטאַנען, גענומען דאָס פלעשעלע און געמאַכט אַ פּאָר טריט. ניין, ווי ערלעך ער זאָל נישט פּרוּוון עפּעס טון, שטויסט

ער זיך אייביק אָן אָן עפּעס אַ שטערונג. וואָס איז פאָרט געשען מיטן סם? ס'איז געווען אמתער בלוי-זויער; אַ דאָקטאָר האָט געזאָגט, אַז ס'איז גענוג, יאָ, נאָך מער ווי גענוג. און עס איז דאָך דאָס אייגענע פלעשעלע, ס'איז געווען אָנגעפולט ביז דער העלפט; ער געדענקט גאַנץ גוט, אַז ער האָט עס מיט זיינע אייגענע אויגן געזען, איידער ער האָט עס אויסגעליידיקט. אין קיין פרעמדע הענט איז דאָך דאָס פלעשעלע קיינמאָל נישט געווען, ער האָט עס שטענדיק געטראָגן ביי זיך אין וועסטל-קעשענע. אַך, וואָס פאַרא בייזע רוחות יאָגן אים נאָך אומעטום, ווי ער זאָל זיך נישט אַ קער טון?

ווי אַ בליץ איז אים דורך אין מוח דער געדאַנק, אַז דאָס פלעשעלע איז יאָ געהיען אין פרעמדע הענט. ער בלייבט שטיין און נישט ווילנדיק טוט ער אַ קנאַק מיט די פינגער. יאָ, ס'איז נישט קיין טעות, מינוט האָט עס געהאַלטן אַ גאַנצע נאַכט ביי זיך. ער האָט זיך דערמאָנט אָן דער הוליאַנקע ביי זיך אין האָטעל, ווען ער האָט אויפגעגעבן מינוטן זיין וועסטל; דאָס פלעשעלע, דעם זייגער און עטלעכע פאַפּירן זענען געבליבן אין קעשענע; און מינוט האָט עס אויף מאָרגן אינדערפרי אָפּגעבראַכט. אַך, די אַלטע, נאַרישע קאַליקע, דאָס איז ער געהיען אין דעם, ער מיט זיין דורכגעטריבענער גוטהאַרציקייט! וואָס פאַרא ביטערקייט, וואָס פאַרא קאָמבינאַציע!

נאַגעל האָט פון פאַרביטערונג פאַרקריצט מיט די ציין. וואָס האָט ער יענע נאַכט ביי זיך אין צימער געזאָגט? האָט ער דען נישט בפירוש געזאָגט, אַז ער האָט נישט קיין מוט אויסצוטרינקען דעם גיפט? און אָט דער דאָזיקער צביעותדיקער, מיאוסער נפש, דאָס דאָזיקע פאַרזעעניש פון אַ מאַנסביל איז געזעסן נעבן אים אויף אַ שטול און האָט נישט געגלויבט אין זיינע ווערטער! דער מנוול, דער קרעט! ער איז זיך געגאַנגען אהיים, האָט אויסגעליידיקט דאָס פלעשעלע, האָט עס נאָך אפשר גוט אויסגעשווענקט און עס דערנאָך אָנגעגאָסן ביז אַ העלפט מיט וואַסער. און נאָך אָט דער דאָזיקער שיינער מלאכה איז ער אריינגעקראָכן אין בעט און איז רויק געשלאָפן!

נאַגעל איז אַוועק צוריק אין שטאָט אַריין. ער איז געווען אַביסל אויסגערוט און האָט קלאָר און ביטער געטראַכט וועגן דעם, וואָס מיט אים האָט געטראָפן. אָט די ביינאַכטיקע מעשה האָט אים דערנידעריקט און אים געמאַכט לעכערלעך אין זיינע אייגענע אויגן; צו טראַכטן, אַז ער האָט אפילו געפּילט דעם מאַנדל־ריח פון דעם דאָזיקן וואַסער, אַז אָט דאָס ביסל וואַסער האָט איינגעקאָרטשעט זיין צונג, אַז ער האָט אפילו געשפּירט די ווייען פון טויט צוליב דעם דאָזיקן וואַסער! און ער איז געווען ווילד און מטורף און געשפּרונגען איבער ביימער און שטיינער צוליב אַ טרונק פּשוטן ברונים וואַסער! אויפגעבראַכט און רויט פאַר בושה איז ער געבליבן שטיין און גענומען שרייען אויפן קול; אָבער גלייך נאָכדעם האָט ער זיך אַרומגעקוקט אין דער מורא, אַז עמעצער קאָן עס נאָך האָבן דערהערט, האָט ער אָנגעהויבן זינגען, כּדי עס צו פאַרגלעטן.

און אַזוי גייענדיק ווייטער איז ער געוואָרן וואָס אַמאָל מילדער און רויקער דורך דעם וואַרעמען, שטראַלנדיקן פרימאָרגן און דעם כּסדרדיקן פויגל־געזאַנג אין דער לופטן. אַ וועגעלע איז אים אָנגעפאָרן אַנטקעגן. דער פורמאַן באַגריסט, און נאַגעל גריסט צוריק; דער הונט, וואָס לויפט ביי דער זייט, דרייט מיטן עק און קוקט אַרויף צו אים... אַך, פאַרוואָס האָט זיך אים נישט איינגעגעבן צו שטאַרבן די נאַכט אויף אַן ערלעכן, אָנשטענדיקן אופן? ער האָט זיך נאָך אַלץ נישט געקאָנט באַרויקן, וואָס מער ער האָט דערפון געטראַכט. ער האָט זיך דאָך שוין געהאַט אַוועקגעלייגט און איז געווען פולקאָם צופרידן, וואָס דער סוף קומט אָן, אַ שטילער נחת־רוח האָט אים דורכגענומען, ביז ער האָט צוגעמאַכט די אויגן און איז אַנטשלאָפן געוואָרן. און איצט איז שוין דאַגני געוויס אויפגעשטאַנען, אפשר איז זי שוין גאָר אַרויס אין גאַס, און ער האָט זי בשום אופן נישט געקאָנט דערפרייען. ווי שרעקלעך האָט ער זיך געפילט צוליב דעם, וואָס ער איז אַזוי מיאוס אָפּגענאַרט געוואָרן! מינוט האָט, הייסט עס, אויך ביגעלייגט אַ שיינע טאַט צו די אַלע איבעריקע, וואָס זיין האַרץ איז פול מיט זיי; ער האָט אים געטון אַ טובה, אָפּגעראַטעוועט אים דאָס לעבן —

פונקט די זעלבע טובה, וואָס ער גופא האָט אַמאָל געטון פאַר אַ פרעמדן, אַן אומגליקלעכן מענטשן, וואָס האָט נישט געוואָלט אָנקומען קיין האַמבורג, ביי דער געלעגנהייט האָט ער זיך עס פאַרדינט זיין רעטונגס-מעדאַל! יאָ, מ'ראַטעוועט מענטשן, מען באַרעכנט זיך נישט, און אַזוי טוט מען עס פון צייט צו צייט גוטס אויף דער וועלט; אַנטשלאָסן לאָזט מען זיך אַוועק און מען ראַטעוועט אָפּ מענטשן פון טויט!

ער האָט זיך שיר נישט באַגראָבן פון חרפה פאַר זיך אַליין. ער איז אַרויף צו זיך אין האָטעל, שטילערהייט האָט ער זיך אַריינגעכאַפּט צו זיך אין צימער און זיך אַנידערגעזעצט אויף אַ שטול. דער צימער איז געווען ריין און געמיטלעך, די פענסטער אָפּגעווישט און אויך פאַרהאָנגען מיט פריש-געפּרעסטע גאַרדינען; אויפן טיש איז געשטאַנען אַ בונט פון פעלד-בלומען אין וואַסער. ער האָט נאָך דאָ קיינמאָל קיין בלומען נישט געהאַט; אָט די איבערראַשונג האָט אים אַריינגעבראַכט אין אַ פאַרוווּנדערטער פרייד, און ער האָט זיך געריבן די הענט פון פאַרגעניגן. וואָס פאַר אַ צופאַל דווקא אין אַזאַ טאָג! וואָס פאַראַ ליבלעכער איינפאַל פון אַן אָרעם דינסטמיידל! אַ טייערע נשמה, אָט די סאַראַ! יאָ, ס'איז באמת אַן אויסערגעוויינלעך שיינער פרימאָרגן; אפילו די אַלטע פּנימער אונטן אויפן מאַרק זעען אויס צופרידן; דער מענטש מיט די גיפּסענע פיגורן זיצט רויק ביי זיין טיש און רויכערט זיך גאַנץ געלאַסן זיין ליימענע פּיפּקע, נישט געקוקט דערויף, וואָס ער האָט נאָך היינט נישט געלייזט קיין פּרוטה. אפשר איז עס גאָרנישט אַזוי שלעכט, וואָס די ווילדע פּלענער פון דער דאָזיקער נאַכט זענען נישט געראָטן! מיט גרויל האָט ער זיך דערמאָנט אָן דעם שרעק, וואָס ער האָט איבערגעלעבט, בעת ער איז אַרומגעלאָפן נאָך וואַסער; ער האָט נאָך געציטערט, ווען ער האָט איצט געטראַכט דערפון. און איצט זיצנדיק זיכער אויף אָט דעם שטול אין דעם העלן, פריינטלעכן צימער, באַגאָסן פון דער זון, האָט ער זיך אַ רגע דערפילט גליקלעך, וואָס אים איז נישט באַשערט געווען אַזאַ בייזער סוף! און אויף יעדן פאַל, אפילו ווען קיין אַנדער ברירה וועט שוין נישט זיין, איז דאָך נאָך אַלץ איבער-

געבליבן א גוט, זיכער מיטל, וואָס ער האָט נאָך נישט געפּרוווט:
אָפּטמאָל מאַכט זיך, אַז ס'גיט זיך נישט איין צום ערשטן מאָל,
מען שטאַרבט נישט, מ'הויבט זיך אויף; אָבער ס'איז דאָך פאַראַן
א קלענער, זיכערער רעוואָלווער אויף זעקס קוילן, וואָס מען קאָן
קויפן אין דעם ערשטן, בעסטן געווער-סקלאַד, אויב מען נויטיקט
זיך אין דעם. בעסער שפּעטער איידער קיינמאָל נישט...

סאַראַ האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר. זי האָט געהערט, ווי ער
איז געקומען, און זי האָט אים געוואָלט צוויסן געבן, אַז ס'איז
שוין גרייט אָנבייסן. ווען זי האָט געהאַלטן ביים אַוועקגיין, האָט
ער זי צוריקגערופן און געפרעגט, צי די בלומען זענען פון איר.

יאָ, זיי זענען פון איר. נישטאָ פאַרוואָס צו דאַנקען.

ער האָט איר פונדערסטוועגן פאַרט געגעבן די האַנט.

זי האָט מיט א שמייכל געפרעגט:

— ווו זענט איר עס געווען א גאַנצע נאַכט? איר זענט
גאָרנישט געקומען אַהיים.

— איר ווייסט, דאָס מיט די בלומען איז באמת זייער שיין
פון אייך; איר האָט אויך היינט ביינאַכט אַרויסגעווישט די פענ-
סטער און אויפגעהאַנגען ריינע פאָרהאַנגען. איך קאָן אייך גאָר-
נישט אויסדריקן, וואָס פאַרא נחת-רוח איר האָט מיר פאַרשאַפט.
לאַנג לעבן זאָלט איר דערפאַר.

און פּלוצלינג פאַלט ער אַריין אין איינער פון יענע משוגע-
נע מינוטן, אין וועלכער ער איז די שטימונג אַליין, הוילער, אומ-
באַרעכנטער איינפאַל, און ער זאָגט:

— הערט אויס, איך האָב מיטגעבראַכט א פעלץ, בעת איך
בין אָנגעקומען אַהער אין האָטעל; גאָט ווייסט, ווו ער איז ער-
געץ אַהינגעקומען, אָבער איך האָב בפירוש געהאַט א פעלץ מיט זיך,
און איך וויל אים אייך אַוועקשענקען. יאָ, יאָ, איך טו עס מחמת
דאַנקבאַרקייט, ס'איז שוין פעסט באַשלאָסן. דער פעלץ איז איי-
ערער.

סאַראַ האָט אַרויסגעפּלאַצט מיט א הויכן, האַרציקן געלעכ-
טער. נאָך וואָס טויג איר א פעלץ?

יאָ, זי איז גאַנץ גערעכט; אָבער דאָס איז איר זאַך. זי

דארף זיך פונדעסטוועגן אָנגעמען, זי דארף אים אָנטון דאָס פארגעניגן און אים אָנגעמען... און ער האָט זיך אָנגעשטעקט מיט איר פריש געלעכטער און ער האָט מיטגעלאכט, ער האָט מיט איר אָנגעהויבן טרייבן קאַטאָוועס: גאָט, וואָס פארא שיינע אקסלען זי האָט! וואָלט זי דאָס געגלויבט? איינמאָל האָט ער ביי איר געזען מער, וויפל זי אַליין קאָן זיך פאָרשטעלן. יאָ, אין עס־זאָל; זי איז געשטאַנען אויף אַ טיש און געוואַשן דער סופיט איבער זיך, און ער האָט אַריינגעקוקט דורך דער שפּאַרע פון טיר; איר קלייד איז געווען פאַרקאַשערט, ער האָט געזען אַ פוס, יאָ, ער האָט באמת געזען אַ האַלבן אייל פון אַ שיינעם פוס. העהעהע. אָבער אַזוי צי אַזוי, נאָך היינט ביינאַכט, אין אַ פּאָר שעה אַרום וועט ער איר שענקען אַ בראַנסלעט; זי קאָן זיין זיכער אין דעם, און, חוץ דעם, זאָל זי נאָר נישט פאַרגעסן, אַז דער פעלץ איז אירער...

אַזאַ משוגענער! וואָס זשע, צי איז ער טאַקע אויף אַן אמת פון זינען אַראָפּ? סאַראַ האָט געלאַכט, אָבער זי האָט אָנגעהויבן מורא צו קריגן פאַר זיינע משונהדיקע איינפאַלן. אייערנעכטן, למשל, האָט ער דער פרוי, וואָס האָט אים אָפּגעבראַכט די וועש, געגעבן אַ סך מער געלט, וויפל עס איז איר געקומען. היינט וויל ער אַוועקשענקען זיין פעלץ. און אין שטאָט דערציילט מען זיך אָן וועגן אים מאָדנע מעשות.

XX

יאָ, ער איז פון זינען אַראָפּ, ער איז פון זינען אַראָפּ. ס'איז שוין מער קיין שום ספק נישט געווען אין דעם; וואָרום סאַראַ האָט אים פאָרגעלייגט קאַווע, מילך, טיי, פאָרגעלייגט ביר, האָט אים פאָרגעלייגט אַלץ, וואָס איז איר נאָר איינגעפאַלן, אָבער נישט געקוקט דערויף איז ער אויפגעשטאַנען פון טיש, תיכף נאָכדעם, ווי ער האָט זיך אַוועקגעזעצט און געלאָזט שטיין דעם גאַנצן פרישטיק. פלוצלינג איז אים איינגעפאַלן, אַז ערשט איז פונקט די

צייט, ווען מארטא פלעגט קומען אויפן מארק מיט אירע אייער; ווער ווייסט, אפשר איז זי שוין צוריקגעקומען; עס וואלט דאך געווען א גליקלעכער צופאל ווען ער זאל זיך היינט ווידער טרעפן מיט איר, גראד היינט. ער גייט צוריק אריין צו זיך אין צימער און שטעלט זיך אוועק ביים פענסטער, דער גאנצער מארק ליגט פאר אים, נאר מארטאן קאן ער נישט זען. ערווארט א האלבע שעה, א גאנצע שעה, קוקט כסדר אויפן מארק, אבער אומזיסט. לסוף ווערט זיין גאנצער אינטערעס צוגעצויגן צו איין סצענע, וואס שפילט זיך אפ אונטן ביי די טרעפ פון דער פאסט און וועלכע ציט צו צו זיך א מאסע נייגיריקע: צווישן אן עולם, אינמיטן אויף דער זאמדיקער גאס, זעט ער ווי מינוט טאנצט און שפרינגט ארויף און אראפ; דאס רעקל אויסגעטון און באריזעס טאנצט ער און הערט נישט אויף אפצווישן דעם שווייס פון פנים. און אז ער האט געענדיקט, נעמט ער צונויף די עטלעכע ערעס ביי די צוקוקער. יא, מינוט האט זיך ווידער גענומען צו זיין אמאליקער מלאכה, ער האט ווידער אנגעהויבן צו טאנצן.

נאגעל ווארט ביז ער פארטיקט זיך אפ, און דער עולם גייט זיך פונאנדער, און ער שיקט אראפ אונטן עמעצן אים רופן. און מינוט קומט אריין מיט דער זעלבער הכנעה ווי אלע מאל, דעם קאפ אראפגעבויגן, די אויגן אראפגעלאזט צו דער ערד.

— איך האב א בריוו צו אייך. — זאגט נאגעל.

און ער גיט אים דעם בריוו, שטעקט אים אריין טיף אין קעשענע פון רעקל און הויבט אן צו רעדן מיט אים:

—איר האט מיך אריינגעבראכט אין א גרויס פארלעגנהייט, מיין פריינד, איר האט מיך אפגענארט, מיט אזא ביטרעקייט געפירט מיך פאר דער נאז, אז איך מוז עס פשוט באוואונדערן, כאטש, פון דער אנדערער זייט, מוז איך צוגעבן, אז דאס האט מיר פארשאפט א סך עגמת נפש. איר האט ערשט צייט? איר געדענקט נאך געוויס, אז איך האב אייך אמאל צוגעזאגט צו געבן א דערקלערונג וועגן עפעס. נו, גוט. איך וויל אייך איצט געבן אט די דערקלערונג. איך מיין, אז ס'איז געקומען די צייט דערויף. נאר צי קאן איך קודם כל פרעגן: האט איר געהערט, אז

מ'רעדט שטארק וועגן מיר אין שטאָט און מ'זאָגט, אַז איך בין משוגע? לאָמיך זשע אייך בארויקן, איך בין נישט משוגע; דאָס קאָנט איר זיך דאָך אַליין איבערצייגן, נישט אמת? איך בין מודה, אַז אין דער לעצטער צייט בין איך טאקע געווען אביסל צעטומלט; עס האָבן מיך געטראָפן אַ מאסע סיבות, וואָס זענען נישט געווען אַזוי גוט; מסתמא, באַשערט אַזוי; אָבער איצט בין איך ווידער פולקאָם געזונט, ס'פעלט מיר, גאָט צו דאנקען, גאָרנישט, איך בעט עס אייך נישט צו פארגעסן... איר וועט דאָך מיר נישט פאר אומגוט נעמען, אויב איך וועל אייך בעטן עפּעס נעמען אין מויל אַריין?

ניין, מינוט האָט גאָרנישט געוואָלט נעמען אין מויל אַריין.

— יאָ, דאָס האָב איך באַלד געוווּסט... בקיצור, איך בין פול מיט חשד אויף אייך, גרעגאַרד. איר פארשטייט גאַנץ גוט, וואָס איך בין אויסן מיט מיינע ווערטער. איר האָט מיך אַזוי שרעקלעך אָפּגענאַרט, אַז איך וויל מער נישט מאַכן קיין פּרוּוו אויסצובאַהאַלטן זיך מיט דעם; אין זייער אַן ערנסטער זאַך האָט איר מיר פשוט זייער מיאוס אָפּגעטון, קאָן זיין, אַז פון גוטהאַרציקייט, אויב איר ווילט, אָבער פאָרט זייער שלעכט געטון. אָט דאָס קליינע פלעשעלע איז געווען ביי אייך אין די הענט?

מינוט באַפּט זייטיק אַ קוק אויפן פלעשעלע און ענטפערט נישט.

— ס'איז געווען אין דעם סם. מ'האָט עס אויסגעליידיקט און דערנאָך ווידער אָנגעגאָסן ביז דער העלפט מיט וואַסער; היינט ביינאַכט איז דאָ קיין שום אַנדער זאַך נישט געווען נאָר ריין וואַסער.

מינוט זאָגט נאָך אַלץ גאָרנישט.

— זעט איר, מ'איז, אייגנטלעך, נישט באַגאַנגען קיין שום פאַרברעכן מיט דעם. דער, וואָס האָט עס געטון, האָט עס געטון פשוט מחמת גוטסקייט, נאָר כדי צו פאַרהיטן, עס זאָל נישט געשען קיין אומגליק. אָבער דאָס האָט איר עס געטון.

פויזע.

— נישט אמת?

— יאָ. — ענטפערט מינוט.

— יאָ, און פון אייער זייט איז געווען ריכטיק געהאַנדלט; אָבער פון מיין שטאַנדפּונקט זעט די זאַך אויס גאַנץ אַנדערש. פאַרוואָס האָט איר עס געטון?

— איך האָב געמיינט, איר ווילט אפשר...

פּויזע.

— נו, זעט איר שוין! אָבער אין דעם פאַל האָט איר זיך אָפּגענאַרט, גרעגאַרד. אייער גוט האַרץ האָט אייך פאַרפירט. צי האָב איך דען נישט יענע נאַכט, ווען איר האָט מיטגענומען דאָס פלע־שעלע מיט זיך, בפירוש געזאָגט, אַז איך האָב נישט קיין מוט עס אַליין אויסצוטרינקען?

— אַ געוויס, אָבער איך האָב פונדעסטוועגן פאַרט מורא גע־האַט, איר זאָלט עס נישט טון. און אָט האָט איר דאָך עס טאַ־קע געטון.

— איך האָב עס געטון? וואָס פלוידערט איר? העהע, איר האָט זיך אַליין אויסגעגעבן, טייערער, ס'איז אמת, אַז איך האָב דאָס פלעשעלע היינט ביינאַכט אויסגעליידיקט, אָבער נעמט אייך גוט אין אַכט; איך אַליין האָב אפילו קיין טראָפּן דערפון נישט פאַרזוכט.

מינוט קוקט אים אָן פאַרוואונדערט.

— אָט זעט איר שוין, ווי איר אַליין קומט אַרויס ווי אַ נאַר. איר מאַכט אַ שפּאַציר אינמיטן דער נאַכט; איר גייט אַרי־בער די לאַנדונגס-בריק, איר טרעפט אָן אַ קאַץ, וואָס שלעפּט זיך איבערן ברעג און דרייט זיך און קאָרטשעט זיך פון די מוראדיקסטע יסורים. איר שטעלט זיך אָפּ, קוקט זיך צו צו דער קאַץ; עפּעס איז איר געבליבן שטעקן אין האַלז, זי האָט אַ פיש־האָקן אין האַלז, זי הוסט און דרייט זיך, און קאָן עס נישט אַרויסשפּייען און נישט אַראָפּשלינגען, און פון האַלז רינט איר בלוט. גוט, איר כאַפּט די קאַץ און איר פּרוּווט אַרויסנעמען דעם האָקן. אָבער פון גרויס ווייטיק איז די קאַץ אומרויק, זי טוט זיך אַ וואָרף אויפן רוקן, אין איר ווילדן כעס לאָזט זי זיך אַרויף אויף אייך מיט די נעגל, צערייסט אייך די באַק אין איין אויגנ־

בליק, אָט ווי איר זעט, למשל, ביי מיר אויף דער באַק. אָבער דערווייל ווערט איר וואָס אַמאָל ערגער, זי האַלט ביים דערשטיקט ווערן, און דאָס בלוט פליסט אָן אויפהער פון איר האַלז. וואָס־זשע טוט מען פאָרט דערצו? בעת איר זענט זיך אַזוי מיישב וואָס צו טון, קלינגט פון קירך־זייגער צוויי. ס׳איז צו שפּעט צו קריגן ביי עמעצן הילף, וואָרום ס׳איז צוויי אַ זייגער ביינאַכט. מיטאַמאָל קומט אייך אויפן זינען, אַז איר האָט אַ קליין, געבענטשט פלעשעלע סם אין קעשענע; איר ווילט מאַכן אַ סוף צו דער קאַצס יסורים און איר גיסט איר אַריין דעם סם אין האַלז אַריין. די קאַץ מיינט, ס׳איז עפּעס טרעקרעכס, געפערלעכס, וואָס זי האָט געקראָגן, זי קאָרטשעט זיך צוזאַמען און קוקט זיך אַרום מיט אויסגעגלאָצטע אויגן, טוט פלוצלינג אַ ווילדן שפּרונג און קאָרטשעט זיך און שלעפּט זיך ווייטער איבערן ברעג. וואָס איז דאָ געשען? אין פלעשעלע איז נאָר געווען וואַסער, דאָס האָט נישט געקאָנט טויטן, ס׳האָט בלויז געקאָנט פאַרגרעסערן די ווייטיקן, און די קאַץ גייט ווייטער מיט דעם פיש־האַקן אין האַלז און באַגיסט זיך מיט בלוט און סאָפּעט נאָך לופט. פריער אָדער שפּעטער וועט זי אויסגיין אין איר בלוט, אָדער זי וועט דערשטיקט ווערן איינע אַליין ערגעץ אין אַ ווינקל.

— איך האָב עס געטון מיט אַ גוטער כוונה. — זאָגט מינוט.

— פאַרשטייט זיך, איר טוט קיינמאָל נישט עפּעס אַנדערש ווי דאָס, וואָס איר מיינט גוט און ערלעך; מ׳קאָן אייך פשוט קיינמאָל נישט באַשולדיקן אין עפּעס אַ זינד; אויף אַזוי פיל איז אָט דער צאַרטער, ערלעכער שווינדל מיט מיין גיפט גאָרנישט אומדערוואַרט פון אייך. אָט, אַ שטייגער, איצט, ווען איר האָט אונטן אויפן מאַרק געטאַנצט. איך בין געשטאַנען דאָ ביים פענסטער און זיך צוגעקוקט; איך וויל אייך נישט פאָרוואַרפן, חלילה, וואָס איר האָט עס געטון, איך וויל אייך נאָר פרעגן, פאַרוואָס האָט איר אויסגעטון די שיך? איר גייט דאָך איצט אין שיך; נאָך וואָס האָט איר זיי אויסגעטון, בעת איר האָט געטאַנצט?

— כדי איך זאָל זיי נישט אָפּנוצן.

— פּונקט דאָס, וואָס איך האָב זיך געריכט פון אייך! כ׳האָב

געוווסט, אז איר וועט אזוי ענטפערן און דערפאר האָב איך געפרעגט. איר זענט דאָ אין שטאָט די רייינסטע נשמה. אלצדינג אין אייך איז גוט און ערלעך, איר פאַרמאָגט לחלוטין נישט קיין שום פגימהלע. כ'האָב אייך אמאָל געוואָלט שטעלן פאַר א נסיון און אייך אָפּקויפן מיט געלט, איר זאָלט זיך אָנגעבן פאַר א פאָטער פון א פרעמד קינד; נישט געקוקט אויף דעם, וואָס איר זענט געווען אָרעם, און דאָס דאָזיקע געלט וואָלט אייך גאַנץ גוט צונוץ געקומען, האָט איר זיך פונדעסטוועגן תיכף ומיד אָפּגעזאָגט דערפון; בלויז ביי דעם געדאַנק וועגן א״א מיאוסן עסק האָט אייער נשמה אויפגעציטערט; כ'האָב גאָרנישט געקאָנט מאַכן מיט אייך, הגם איך האָב דעמאָלט פאָרגעלייגט פאַר דעם עסק גאַנצע צוויי הונדערט קראָן. ווען איך וואָלט דעמאָלט געווען געוווסט, וואָס איך ווייס היינט וועגן אייך, וואָלט איך אייך דאַן אַזוי גראָב נישט פאָרגעקומען; דעמאָלט האָב איך נאָך נישט געהאַט וועגן אייך קיין קלאָרן איינדרוק; איצט אָבער ווייס איך, אז מיט אייך מוז מען זיין, סיי זייער איינגעהאַלטן, סיי פאָרזיכטיק. מילא, ס'איז גוט! לאָמיר נישט אראָפּגיין פון וועג... דאָס, אלזאָ, וואָס איר טוט אויס די שיך און איר טאַנצט באָרוועסערהייט און איר דערציילט קיינעם נישט קיין מעשה, הגם עס טוט אייך בלי ספק וויי, און איר באַקלאָגט זיך נישט אויף דעם, דאָס איז דווקא זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר אייך. איר וויינט ניט, איר זאָגט נישט: זעט, איך טו אויס די שיך, כדי זיי צו שוינען, כ'בין גענויט דערצו, ווייל איך בין אזוי אָרעם! ניין, א״ר האַנדלט זיך, אויב איך קאָן זיך אזוי אויסדריקן, שטום. ס'איז ביי אייך א פעסטער כלל, קיינמאָל און ביי קיינעם נישט צו בעטן עפּעס; נישט געקוקט דערויף באַקומט איר אלץ, וואָס איר דאַרפט באַקומען, אָבער איר אליין האָט דערביי דאָס מויל נישט געעפנט; איר זענט לגמרי ריין, אזוי פאַר לייטן ווי פאַר אייך גופא אין אייער באַוווסטזיין. אָט דעם כאַראַקטער-שטריך שטעל איך פעסט ביי אייך און איך גיי ווייטער; איר דאַרפט נישט ווערן אומגעדולדיק, איך וועל לסוף צוקומען צו דער דערקלערונג גופא... איר האָט אמאָל געזאָגט עפּעס וועגן דער פרײַלין גודע, און איך האָב ... ער אָפּט

נאָכגעטראַכט וועגן דעם; איר האָט געזאָגט, אז ס'איז אפשר גאָר נישט אַזוי אוממעגלעך צוצוקומען צו איר, מ'דאַרף נאָר וויסן, ווי אַזוי צוצוגיין דערצו; לכל הפחות האָט איר עפּעס דערגרייכט ביי איר...

— ניין, אָבער.

— יאָ, זעט איר, איך געדענק דאָס אויסגעצייכנט, ס'איז געווען דעם אָוונט, ווען מיר זענען דאָ ביידע געזעסן און געטרונ־קען, ס'הייסט, איך האָב געטרונקען, און איר האָט זיך צוגעקוקט. איר האָט געזאָגט, אז מארטא — יאָ, איר האָט זי אָנגערופן בלויז מארטא, איר האָט אויך דערציילט, אז זי רופט אייך בלויז יאָהאַ־נעס; נישט אמת, איך זאָג קיין ליגן נישט, זי רופט אייך דאָך יאָהאַנעס? זעט איר, איך קאָן זיך אויך דערמאָנען, אז איר האָט עס מיר דערציילט. נו, אָבער איר האָט געזאָגט, אז מארטא איז אפילו אַזוי ווייט אַוועק, אז זי האָט אייך דערלויבט אַלץ וואָס איז נאָר מעגלעך...

מינוט שפּרינגט אויף. ער איז אינגאַנצן רויט געוואָרן און ער שלאָגט אים איבער די רייד:

— דאָס האָב איך קיינמאָל נישט געזאָגט! איך האָב עס קיינמאָל נישט געזאָגט!

— איר האָט עס קיינמאָל נישט געזאָגט, האַ? אַזוי, איר האָט עס באמת קיינמאָל נישט געזאָגט? און וואָס וועט זיין, אַ שטייגער, ווען איך רוף אַרויף סאַראַן און שטעל זי פאַר אַן עדות, אז זי איז גראָד בעת אונזער שמועס געווען אין צווייטן צימער און האָט געהערט יעדעס וואָרט דורך די דינע ווענטלעך? דאָס טרעפט מיר דאָס ערשטע מאָל! ערשט האָט איר דורך אייער אָפלייקענען געמאַכט פון אַלץ אַ תל; איך וואָלט אייך נאָך גערן אויסגעפרעגט אַביסל וועגן דעם; עס אינטערעסירט מיך, און איך האָב אָפט דערפון געטראַכט; אָבער אז איר האַלט זיך ביי דאָס אייעריקע, אז איר האָט נישט געזאָגט. טאָ: איבעריקנס, בעט איך אייך, זעצט זיך נאָר צוריק אַוועק אויף אייער אָרט, אַנטלויפט נישט ווי יענעם מאָל. אגב, קאָנט איר עס איצט סיי ווי סיי נישט. די טיר איז פארשלאָסן, איך האָב זי באַשלאָסן.

נאָגעל האָט פאַררויכערט א ציגאַר; פלוצלינג טוט ער זיך א כאַפּ, ווי ער וואָלט זיך דערמאָנט אָן עפּעס.

— ניין, אָבער גאָט מיין גאָט! — האָט ער געזאָגט, — ווי האָב איך מיך געקאָנט אַזוי טועה זיין! הער גרעגאַרד, איך בעט אייך ווירקלעך איר זאָלט עס מיר פאַרגעבן; איר זענט גערעכט, איר האָט עס נישט געזאָגט, פאַרגעסט עס, ליבער פריינט, אָן אַנדערער האָט עס געזאָגט און נישט איר, איצט דערמאָן איך מיך, כ'האָב עס געהערט מיט א פּאָר וואָכן צוריק. ווי האָב איך עס געקאָנט אויף איין רגע טראַכטן, אַז איר וועט אַזוי קאָמפּראָמיטירן א דאַמע, און קודם כּל, אַז איר וועט זיך אַליין אויסגעבן אויף אַזא אופן! כ'פאַרשטיי גאָרנישט, ווי אַזוי אַזא זאַך האָט מיר געקאָנט ארויף אויפן רעיון; סיידן איך בין באמת נישט עפּעס מיט אַלעמען... איבעריקנס, הערט זיך צו: איך בין זיך דאָך מודה אין מיין טעות און בעט תּיכּף אַנטשולדיקונג; בכן בין איך דאָך נישט חסר דעה, נישט אמת? אויב איך רעד פונדעסטוועגן פאָרט אַביסל אָן א סדר, אַביסל ווילד, דאַרפט איר נישט מיינען, אַז איך טו עס בכיוון; מיינט נישט, אַז איך וויל אייך פאַרטומלען דעם קאָפּ און ארויסקריגן ביי אייך עפּעס. דאָס וואָלט סיי ווי סיי געווען אַן אומזיסטע טרחה, ווייל איר אַליין רעדט קיין וואָרט נישט. ניין, די סיבה, וואָס איך רעד אַזוי משונהדיק און נישט מיושבדיק, איז דאָס, וואָס איך בין אין דער רגע אין אַזא שטימונג; דאָס איז די גאַנצע סיבה. זייט מיר מוחל, וואָס איך בין פאַרקראָכן אין א זייט; איר זענט שוין אוודאי אומגעדולדיק און ווילט הערן די דערקלערונג?

מינוט שווייגט. נאָגעל שטייט אויף און א צעקאָכטער הויבט ער אָן ארומצוגיין צווישן טיר און פענסטער אַהין און צוריק. פלוצלינג בלייבט ער שטיין, און פאַרמאַטערט און דערעסן פון דער גאַנצער זאַך, זאָגט ער:

— ניין, ערשט האָב איך ווירקלעך קיין שום חשק נישט ווייטער צו רעדן מיט אייך. איך וויל אייך גאַנץ אָפן ארויסזאָגן מיין מיינונג, איך האָב גערעדט און געפּלוידערט מיט אייך אָן א סדר, און איך האָב עס ביז איצט געטון בכיוון, כדי עפּעס

ארויסצוקריגן פון אייך. כ׳האָב עס געפּרוווט אויף אַלערליי אופנים; אָבער עס העלפט נישט, און די גאַנצע זאַך איז מיר שוין פּשוט נמאס געוואָרן. נו, גוט, איך וועל אייך געבן די דערקלערונג, גרעגאַרד, ביי זיך אין האַרצן גלויב איך, אַז איר זענט אַ באַהאַלטענער מנוול!

און ווען מינוט האָט אָנגעהויבן צו ציטערן, און זיינע אויגן האָבן גענומען בלאָנזען אין אַלע זייטן, האָט נאַגעל ווייטער געזאָגט:

— איר רעדט נישט קיין וואָרט, איר גייט נישט אַרויס פון אייער ראָלע. איך קאָן אייך נישט רירן פון אָרט, איר זענט אַ מערקווירדיקע, זעלטן־שטומע קראַפט; איר פאַרוואונדערט מיך, און איך אינטערעסיר מיך מיט אייך. איר געדענקט, ווי איך האָב דעמאָלט גערעדט מיט אייך אַ גאַנצן אָוונט און דערביי האָב איך אייך אַריינגעקוקט אין די אויגן, מיינענדיק, אַז איר האָט זיך צונויפגעקאָרטשעט פאַר שרעק? דאַן האָב איך געפּרוווט גיין ווייטער. כ׳האָב אייך נישט אָפּגעלאָזט פון אויג און אויף אַלערליי אופנים האָב איך געפּרוווט עפּעס דערגיין. אָבער שטענדיק אָן ערפאָלג; דאָס בין איך מודה, ווייל איר זענט בפירוש אַן אומבאַפלעקטער מענטש: אָבער איך גופא האָב קיין מינוט נישט געצווייפלט, אַז איר זענט אַ שטילער, געהיימער בעל־עבירה אויף אַ געוויסן אופן. איך האָב קעגן אייך נישט שום באַווייז; דאָס, ליידער, האָב איך נישט. איר קאָנט דערום זיין גאַנץ רויק. ס׳וועט אַלץ בלייבן צווישן אונז. אָבער קאָנט איר באַגרייפן, פאַרוואָס איך בין אַזוי זיכער, אויב איך האָב נישט קיין באַווייזן? זעט איר, דאָס פאַרשטייט איר נישט. און נישט געקוקט דערויף האָט איר דאָך אַ שטענדיקע טבע אַראָפּצולאָזן דעם קאָפּ, בעת מיר רעדן וועגן עפּעס; איר פאַרמאָגט אויגן מיט אַזאַ און אַזאַ אויסדרוק, אויגן, וואָס פינטלען דווקא דעמאָלט, ווען איר רעדט באַשטימטע ווערטער, אָדער ווען מיר קומען צו באַשטימטע פראַגן; אַ חוץ דעם האָט איר אַ שטימע מיט אַ מורמלענדיקן קלאַנג, אָ, די שטימע! אָבער דער עיקר מאַכט איר אַן אומסימפּאַטישן איינדרוק מיט אייער פּערזאָן, איך פיל עס שוין אין דער לופטן, ווען איר קומט

צו; מיין נשמה הויבט אָן צו ציטערן פאַר אומבאַקוועמלעכקייט. דאָס פאַרשטייט איר נישט? איך אויך נישט. אָבער אַזוי איז עס פאָרט. ווי גאָט איז מיר ליב, אפילו איצט, אין דער שעה, פיל איך זיך איבערצייגט, אַז איך בין אויפן ריכטיקן וועג; אָבער איך קאָן אייך נישט כאַפּן ביי דער האַנט, ווייל איך האָב נישט קיין באַווייז. דאָס לעצטע מאָל, בשעת איר זענט געווען דאָ אויבן ביי מיר, האָב איך אייך געפרעגט, ווו איר זענט געווען דעם זעקסטן יוני. ווילט איר וויסן, פאַרוואָס איך האָב זיך נאָכגעפרעגט דערויף? נו, דער זעקסטער יוני איז געווען דער טאָג, ווען קאַרל־סען איז געשטאָרבן, און איך האָב ביז דאַן געגלויבט, אַז איר האָט געהרגעט קאַרלסענען.

בלייך, ווי ער וואָלט געקומען פון יענער וועלט, חזרט מי־נוט איבער די ווערטער: „אַז איך האָב געהרגעט קאַרלסענען!" און ווערט ווידער אַנטשוויגן.

— יאָ, דאָס האָב איך ביז איצט געגלויבט; אַזאַ פאַרדאַכט האָב איך געהאַט אויף אייך; אַזוי ווייט אַזש האָט מיך געטריבן דאָס געפיל, אַז איר זענט, אויף אַ געווייסן אופן, אַן אויסוואורף. איצט גלויב איך עס נישט מער; איך בין מודה, אַז איך האָב געהאַט אַ טעות; איך בין געגאַנגען צו ווייט און איך בעט אייך, איר זאָלט עס מיר מוחל זיין. צי איר וועט מיר גלויבן אָדער נישט, אָבער כ'האָב געהאַט אמתע יסורים, וואָס כ'האָב אייך גע־טון אַזאַ גרויסע עוולה. דערפאַר האָב איך, נישט איין אָוונט, זיצנ־דיק אַליין, געבעטן ביי אייך פאַרגעבונג. אויב אָבער איך האָב אַ טעות געהאַט אין דעם פּרט, בין איך פונדעסטוועגן פאָרט זיכער, אַז איר זענט אַן אומריינער, צבועותדיקער נפש; זאָל מיך דער טייוול כאַפּן, אויב איר זענט דאָס נישט! איך פיל עס טיף ביי מיר אין האַרצן, ווי איך שטיי דאָ איצט און קוק אייך אָן; און איך שווער ביי גאָט, אַז איר זענט עס! פאַרוואָס בין איך אין דעם אַזוי זיכער? פאַרשטייט נאָר גוט; לכתחילה האָב איך נישט געהאַט קיין שום גרונט צו גלויבן אויף אייך עפּעס אַנדערש, ווי נאָר דאָס בעסטע. און אַלץ, וואָס איר האָט געטון, איז געווען גוט און פיין, יאָ, אפילו איידל. דערצו האָט זיך מיר נאָך געחלומט

זייער אַ שיינער חלום וועגן אייך, אַז איר זענט געווען ערגעץ אויף אַן אָפּענער זומפּ און איר האָט שרעקלעך געליטן פון די יסורים, וואָס איך האָב אייך אָנגעטון, און איר האָט מיר פונדעסטוועגן פאָרט געדאַנקט, זיך אַנידערגעוואָרפן אויף דער ערד און מיר געדאַנקט דערפאַר, וואָס איך האָב אייך נישט געפּייניקט נאָך מערער און אייך נישט אָנגעטון קיין גרעסערע יסורים. דאָס האָט זיך מיר וועגן אייך געחלומט, און עס איז זייער שיין. עס איז נישטאָ קיין איין מענטש אין דער גאַנצער שטאָט, וואָס זאָל גלויבן עפּעס שלעכטס אויף אייך. איר האָט ביי אַלעמען דעם בעסטן שם, איר זענט ביי אַלעמען נושא-חן. און דאָך שטייט איר פאַר מיין נשמה, ווי אַ פּחדנותדיקער און קריכנדיקער מלאך פון גאָט, מיט אַ גוט וואָרט פאַר אַלעמען אויף די ליפּן און מיט אַ מצווהלע יעדן טאָג. אָבער איר האָט מיך, חלילה, באַרעדט, צי שלעכטס געטון? ניין, ניין, חס ושלום, איר האָט קיין שום זאַך נישט געטון, און אַזוי איז שוין טאַקע דער שטייגער צו האַנדלען; איר טוט קיינעם קיין שום עוולה נישט, איר טוט נישט קיין שום שלעכטע זאַך, איר זענט הייליק און ריין און אַבסאָלוט אומשולדיק פאַר לייטן, און דאָס איז גענוג פאַר דער וועלט, אָבער פאַר מיר איז עס נאָך ווייניק, איך בין אייך נאָך אַלץ חושד. דאָס ערשטע מאָל, ווען איך האָב אייך געזען, האָט מיט מיר געטראָפן עפּעס משונהדיקס. ס'איז געווען אין אַ פּאָר טאָג אַרום נאָכדעם, ווי איך בין אָנגעקומען דאָ אין שטאָט, ביינאַכט, אַרום צוויי אַזייגער, כ'האָב אייך געזען לעבן מאַרטאַ גודעס הויז, אונטן ביים ברעג; כ'האָב אייך פּלוצלינג באַמערקט אין מיטן גאַס, נישט זעענדיק, פון וואַנעט איר זענט געשטאַנען און געוואָרט, איר האָט מיך געלאָזט פאַרבייגיין, און דערנאָך האָט איר מיר נאָכגעקוקט, געוואָרפן זייטיקע בליקן אויף מיר. איך האָב נאָך דעמאָלט נישט גערעדט מיט אייך, נאָר עפּעס אַן אינעווייניקסטע שטים אין מיר האָט מיך אויפמערקזאַם געמאַכט אויף אייך, און די שטים האָט געזאָגט, אַז איר הייסט יאָהאַנעס. זאָל דאָס זיין דאָס לעצטע וואָרט, וואָס איך האָב אַרויסגערעדט אין מיין לעבן — נאָר איך זאָג אייך, אַז ס'האָט געקלונגען אין מיר, אַז איר הייסט יאָהאַנעס. אָבער פון יענער נאַכט אָן האָב איך אייך נישט אַרויסגעלאָזט

פון אויג; און איר האָט זיך שטענדיק ארויסגעגלידטשט פון מיינע הענט; כ'האָב אייך אויף קיין שום פאַל נישט געקאָנט כאַפּן ביי דער האַנט, לסוף זענט איר אַזש געפאַלן אויף דער המצאה, מיר צו פאַרבייטן אַ טראָפּן סם, — נאָר מחמת גוטער און איידעלער מורא, טאָמער, חלילה, טרינק איך עס אויס. ווי אַזוי זאָל איך אייך אויסטייטשן מיינע געפילן, וואָס איך האָב בנוגע דעם? אייער תמימות שיקאַנירט מיך, אַלע אייערע שיינע ווערטער און מעשים-טובים פירן מיך בלויז אַראָפּ פון וועג: אייך אויפצודעקן. איך וויל פון אייך אַראָפּרייסן די מאַסקע און אייך צווינגען, איר זאָלט ארויסווייזן אייער אמתע נאַטור. דאָס בלוט קאָכט אויף אין מיר יעדעס מאָל, ווען איך זע אייערע בלויע, ליגנערישע אויגן, און איך קרום זיך פאַר אייך און איך ווייס, אַז איר זענט אין האַרצן אַ יעזואיט. אפילו אין דער רגע דאַכט זיך מיר, אַז איר לאַכט אינעווייניק אין זיך, אַז נישט קוקנדיק אויף אייער פאַרצווייפלטער, דערשלאָגענער מינע, האָט איר אַ פאַרגעניגן, הזרישן געלעכטער, צוליב דעם, וואָס איך קאָן אייך גאָרנישט טון, ווייל איך האָב נישט קיין שום באַווייזן קעגן אייך.

און מינוט ענטפערט אויף דעם אויך נישט קיין איין וואָרט. נאַגעל רעדט ווייטער;

— איר האַלט מיך, פאַרשטייט זיך, פאַר אַן אויסוואורף און פאַר אַ גראָבן מענטש, וואָס פאַלט אָן אויף אייך און וואַרפט אייך אָט די אַלע חטאים אין פּנים אַריין? גוט; דאָס גייט מיך ווייניק-וואָס אָן; איר קאָנט מיך האַלטן, פאַר וואָס איר ווילט; ביי זיך אין האַרצן ווייסט איר גאַנץ גוט, אַז איך האָב אייך ארויסגעטראָטן אויף די הינער-אויגן. דאָס איז גענוג פאַר מיר. אָבער פאַרוואָס דערלאָזט איר, אַז איך זאָל זיך אַזוי באַגיין מיט אייך? פאַרוואָס שטייט איר נישט אויף, שפּייט מיר נישט אָן אַ פולן פּנים און גייט זיך נישט אייער וועג?

ס'האָט אויסגעזען, ווי מינוט וואָלט געקראָגן אַביסל מוט. ער האָט אויפגעהויבן די אויגן און געזאָגט:

— איר האָט דאָך פאַרשלאָסן די טיר.

— נו, זעט איר שוין, — האָט נאַגעל געענטפערט — איר האָט זיך דאָך אויפגעכאַפּט! און איר ווילט מיר איינרעדן, בכן איר האָט

געגלויבט, אַז די טיר איז פאַרשלאָסן? די טיר איז אָפן, טוט אַ קוק אַהער, אָט שטייט זי גאַנץ אָפן! כ'האָב בכיוון געזאָגט, אַז זי איז פאַרשלאָסן, כּדי אייך צו פּרובירן; ס'איז אַ נעץ פאַר אייך. די מעשה איז אַזוי: איר האָט די גאַנצע צייט געוווּסט, אַז די טיר איז אָפן, אָבער איר האָט זיך נישט ווייסנדיק געמאַכט דערפון, נאָר צוליב דעם, כּדי איר זאָלט דאָ קאָנען זיצן ריין און אומשולדיק, פּונקט ווי שטענדיק, און אויסשטיין באַליידיקונגען פון מיר. איר זענט נישט אַוועק פון צימער, ניין, איר האָט זיך נישט גערירט פון אָרט; און ווי גיך איך האָב אייך געזאָגט, אַז איך האָב אַ חשד אויף אייך, האָט איר אָנגעשטעלט די אויערן; איר האָט געוואָלט הערן, וויפל איך ווייס, ווי ווייט געפערלעך איך קאָן ווערן פאַר אייך. ביי גאָט, איך ווייס, אַז אַזוי איז עס, און איר קאָנט זיך גאַנץ רויק לייקענען, אויב איר ווילט, ס'איז מיר אַלץ איינס... און פאַרוואָס מאַך איך איצט מיט אייך אַזעלכע חשבונות; איר האָט אַ גאַנץ גוטע סיבה מיר צו שטעלן די דאָזיקע פראַגע; וואָרום אין פלוג קאָן אויסזען, אַז דאָס איז נישט מיין באָבעס עסק. מיין פריינט, עס איז יאָ מיין עסק; ערשטנס, וואָלט איך אייך שטאַרק געוואָלט וואָרענען, איר זאָלט זיך היטן, גלויבט מיר, אין דער רגע מיין איך ערלעך, וואָס איך זאָג. אַזוי צי אַזוי, אויף וועלכן ס'איז אופן, זענט איר אַן אויסוואורף, און דאָס האַלט נאָר אַן אַ געוויסע צייט; אין איין שיינעם פרימאָרגן קאָנט איר ליגן אָפן פאַר דער גאַנצער וועלט, און ווער ס'וועט האָבן גאָט אין האַרצן, וועט קאָנען טרעטן אויף אייך. דאָס איז ערשטנס. צווייטנס, האָב איך אַ חשד, אַז נישט געקוקט דערויף, וואָס איר לייקנט אַזוי שטאַרק, שטייט איר דאָך נענטער צו פריילין גודע, ווי איר ווילט מ'זאָל עס גלויבן. נו, וואָס פאַראַ שייכות האָט פריילין גודע מיט מיר? יאָ, דאָס זענט איר ווידער גערעכט; אויף דער פראַגע האָב איך נישט וואָס צו ענטפערן; פריילין גודע גייט מיך ווייניקער אָן, ווי יעדע אַנדערע. אָבער בכלל האָב איך אַ סיבה צו זיין אומרויק, אויב איר האָט מיט איר עסקים, און איר שטעקט זי נאָך אפשר אָן מיט אייער

דורכגעטריבענעם יעזויטיזם. אַט דערפֿאַר האָב איך זיך אויף אַזאַ אופֿן אָפּגערעכנט מיט אייך.

נאַגעל פֿאַררויכערט ווידער זיין ציגאַר און זאָגט:

— און איצט בין איך פֿאַרטיק, און די טיר איז נישט פֿאַרשלאָסן. האָב איך אייך געטון אַן עוולה? שווייגט אָדער ענטפֿערט! טוט, וואָס איר ווילט; נאָר זאָל אייער אינערלעכע שטים ענטפֿערן פֿאַר אייך, אויב איר ענטפֿערט נישט. ליבער פֿריינט, לאָמיך אייך זאָגן, איידער איר גייט אַוועק, איך ווינטש אייך נישט קיין שום שלעכטס.

פּויזע.

מינוט שטייט אויף, לייגט אַריין די האַנט אין קעשענע און נעמט אַרויס דעם בריוו. ער זאָגט:

— איצט קאָן איך דאָס מער נישט אָננעמען.

דאָס איז פֿאַר נאַגעלן אומגעריכט; ער האָט גאָר פֿאַרגעסן אָן דעם בריוו, און ער זאָגט:

— אַזוי? איר ווילט עס נישט נעמען? פֿאַרוואָס נישט?

— איך קאָן עס נישט אָננעמען.

מינוט לייגט אַוועק דעם בריוו אויפֿן טיש און לאָזט זיך גיין צו דער טיר. נאַגעל גייט אים נאָך מיטן בריוו אין דער האַנט, די אויגן זענען אים פֿול מיט טרערן, און זיין שטים ציטערט פֿלוצלינג.

— נעמט עס דאָך, נרעגאַרד. — זאָגט ער.

— ניין. — ענטפֿערט מינוט און ער עפֿנט די טיר.

נאַגעל פֿאַרמאַכט צוריק די טיר און זאָגט נאָכאַמאָל:

— נעמט עס! נעמט! לאָמיך אייך שוין זאָגן בעסער, אַז איך בין משוגע, אַז איר דאַרפֿט אינגאַנצן פֿאַרגעסן אָן דעם, וואָס איך האָב היינט געזאָגט. איך בין לחלוטין משוגע, איר זעט אַליין גאַנץ גוט, אַז מען קאָן זיך נישט אומקוקן אויף מיינע רייד, אַז איך בין נישט ביים קלאָרן זינען, נישט אמת? אָבער נעמט דעם בריוו, איך ווינטש אייך נישט קיין שלעכטס, כאָטש איך בין ממש אויסער זיך; נעמט עס, איך בעט אייך, קיין סך איז דאָ נישטאָ, גלויבט מיר, ס׳איז אַ קלייניקייט, און כ׳האָב אַזוי שטאַרק געוואָלט

געבן ביים סוף א בריוו מיט עפּעס וואָס ס'איז, ס'איז במעט גאָרנישט נישטאָ אין דעם, אַבי נאָר א בריוו. יאָ, ס'איז בלויז א גרוס. נו, איך בין אייך אַזוי דאַנקבאַר דערפאַר.

ביי די ווערטער האָט ער אַריינגעשטעקט מינוטן דעם בריוו אין האַנט אַריין און איז צוגעלאָפן צום פענסטער, כדי ער זאָל נישט צוריקקריגן. אָבער מינוט איז געבליבן ביי זיינס. ער האָט דעם בריוו נאָכאַמאָל אַוועקגעלייגט אויפן טיש און א שאָקל געטון מיטן קאָפּ.

ער איז אַוועק.

XXI

ניין, קיין זאַך איז אים נישט געראָטן. צי ער איז זיך געזעסן ביי זיך אין צימער, צי ער האָט זיך אַרומגעשלעפּט איבער די גאַסן, אין ערגעץ האָט ער קיין רו נישט געפונען; זיין קאָפּ איז געווען פול מיט טויזנטער רעיונות, און יעדע זאַך האָט אים פאַרשאַפט באַזונדערע יסורים. פאַרוואָס איז אומעטום אַזוי געגאַנגען מיט דער פּוטער אַראָפּ? ער האָט עס נישט געקאָנט באַגרייפן; אָבער וואָס אַמאָל האָבן זיך די פעדעם אַרום אים מער צוזאַמענגעצויגן. ס'האָט שוין דערגרייכט אַזוי ווייט, אַז ער קאָן שוין באמת נישט פועלן ביי מינוטן אָנצונעמען א בריוו, וואָס ער האָט אים געוואָלט געבן.

אַלצדינג איז געווען אַזוי טרויעריק און אַזוי נישט איבערצוטראָגן. דערצו איז נאָך צוגעקומען דאָס, וואָס אים האָט אָנגעהויבן צו פייניקן פון א נערוועזער מורא פאַר עפּעס. ווי עפּעס א געהיימע סכנה וואָלט ערגעץ-ווו פון א פינסטערן ווינקל געלויערט אויף אים. אָפט פלעגט ער פאַרגליווערט ווערן פאַר פחד, ווען די פאָרהאַנגען פון פענסטער פלעגן זיך נאָר א ריר טון פון ווינט. וואָס פאַרא נייע פּרעניותן זענען נאָך צוגעקומען צו די אַלטע? זיין אַביסל האַרטער אויסזען, וואָס איז קיינמאָל נישט געווען שיין, איז איצט געוואָרן נאָך מיאוסער דורך דעם טונקעלן בערדל,

וואָס האָט אים געשפּראָצט אויף דער גאָמבע און אויף די באַקן; ס'האָט זיך אים געדאַכט, אַז די האָר בײַ די אויערן זענען אים אויך גרויער געוואָרן.

יאָ, וואָס איז דאָס אַזוינס? שײַנט דען נישט די זון, און איז ער דען נישט גליקלעך, וואָס ער לעבט נאָך און קאָן גײן וווּ ער וויל? איז דען פאַראַן אַן הערלעכקייט אין דער וועלט, וואָס זאָל זײַן פאַרשלאָסן פאַר אים? די זון ליגט איבערן מאַרק און איבערן ים; אין די קלײנע, שײנע גערטלעך בײַ יעדן הויז זינגען די פויגלען און שפּרינגען אַרום פון אײן צווײַגל אויפן אַנדערן; די גאָלדענע שטראַלן זענען אומעטום צעשאָטן. די זאַמדשטײנדלעך אין די גאַסן באָדן זיך אין גאָלד, און אויבן, אויפן שפּיץ פונם קירכן-טורם, שטייט די באַזילבערטע קויל און ציטערט אַנטקעגן הימל, ווי אַן אומגעהויערער בריליאַנט.

ער פאַלט אַרײַן אין אַן אויסערגעוויינלעכער פרייד, אין אַן אַנטציקונג אַזוי שטאַרק, אַזוי שטאַרק און אַזוי נישט בײַצושטײן, אַז ער בויגט זיך אַרויס פון פענסטער און וואַרפט אַראָפּ אַ הויפן זילבערגעלט פאַר די קינדער, וואָס שפּילן זיך פאַר די האָטעלשטיגן

— זײַט גוטע קינדער! — זאָגט ער. און פאַר געריכטקייט קאָן ער קוים אַרויסברענגען די ווערטער פון מויל אַרויס. פאַר וואָס האָט ער דען מורא צו האָבן? ער זעט גאָרנישט אויס ערגער, ווי פריער, און חוץ דעם, ווער האַלט אים דען צו, ער זאָל זיך נישט אויספּוצן און אָפּראַזירן? דאָס איז דאָך נאָר בײַ אים אין די הענט. און ער איז אַוועק צום פריזירער.

ער האָט זיך אויך דערמאָנט, אַז ער דאַרף זיך אײַנקויפן עטלעכע זאַכן; ער דאַרף קודם כּל נישט פאַרגעסן דעם בראַנסלעט, וואָס ער האָט צוגעזאָגט סאַראַן. און אונטערזינגנדיק זיך און פרייִלעך, מיט דער זאָרגלאָזיקייט פון אַ קינד, וואָס איז צופרידן פון דער גאַנצער וועלט, באַזאָרגט ער זײַנע אַלע זאַכן, ס'איז נישט מער, ווי אַן אײַנרעדעניש, אַז ער דאַרף מורא האָבן פאַר עפּעס.

זײַן גוטע שטימונג דויערט, און ער פאַרלירט זיך אין

פריילעכע געדאנקען. ער האָט זיך זייער שאַרף אָפּגערעכנט מיט מינוטן, און ס'איז במעט אויסגעמעקט פון זיין זכרון, ער דערמאָנט זיך אָן דעם ווי אין אַ חלום, מינוט האָט נישט געוואָלט אָננעמען דעם בריוו, אָבער ער האָט דאָך אויך אַ בריוו פאַר מאַרטאַן. אין זיין פאַרלאַנג זיך צו טיילן מיט אַנדערע זיין אויסערגעוויינלעכע פרייד, האָט ער איצט געוואָלט פאַלן אויף אָן המצאה, ווי אַזוי איר צו באַזאָרגן דעם בריוו. ווי אַזוי טוט מען דאָס? ער האָט אַ זוך געטון אין זיין בריוו-טאַש און געפונען דעם בריוו. צי וואָלט נישט געווען קיין פלאַן, ער זאָל אים צושיקן צו דאַגנין, אַז זי זאָל נישט וויסן, פון וואַנען ער איז געקומען? ניין, צו דאַגנין טאָר ער אים נישט שיקן. ער האָט אַ ווײַלע זיך מיישב געווען, ער מוז דעם בריוו תיכף אָפּשיקן; עס איז געווען אין אים עטלעכע באַנקגאָטן, נישט קיין בריוו, קיין וואָרט נישט. אפשר וועט ער קאָנען בעטן דעם דאָקטאָר סטענערסען, ער זאָל עס באַזאָרגן? און צופרידן מיט דעם דאָזיקן איינפאַל גייט ער צום דאָקטאָר סטענערסען.

ס'איז געווען זעקס אַ זייגער.

ער האָט אָנגעקלאַפּט אין דעם דאָקטאָרס ביוראָ; זי איז געווען צו. ער גייט דורך דעם הויף און וויל אַריינגיין אין קיך, זיך נאָכצופרעגן אויפן דאָקטאָר. מיטאַמאָל הערט ער, ווי פרוי סטענערסען רופט אים פון גאָרטן.

אין גאָרטן, אַרום אַ גרויסן, שטיינערנעם טיש, זיצט די פאַ-מיליע און טרינקט קאַווע. דאָרט זענען אויך געווען עטלעכע געסט; אַ פּאָר דאַמען, עטלעכע הערן; דאַגני קיעלאַנד איז אויך געווען דאָרט; זי האָט געטראָגן אַ גאַנץ ווייסן הוט, וואָס איז גע-ווען אַרום און אַרום באַזעצט מיט קליינע, העלע בלומען.

נאַגעל וויל צוריקגיין; דאַן שטאַמלט ער אַרויס:

— דער דאָקטאָר, כ'האָב געוואָלט דעם דאָקטאָר...

גאָט, צי איז ער אַמאָל נישט קראַנק?

ניין, ניין, ער איז נישט קראַנק.

נו, אויב אַזוי דאַרף ער נישט אַוועקגיין.

פרוי סטענערסען האָט אים אַ נעם געטון ביים אָרעם;

דאַגני איז אפילו אויפגעשטאַנען און געוואָלט אים אָפּגעבן איר שטול. ער האָט זי אָנגעקוקט; זיי האָבן זיך איינער דעם אַנדערן אָנגעקוקט; זי איז אפילו אויפגעשטאַנען פאַר אים און האָט אים שטילערהייט געזאָגט:

— ביטע, זעצט זיך דאָ!

נאָר ער האָט געפונען אַן אָרט נעבן דאָקטאָר און זיך אַוועקגעזעצט.

דער דאָזיקער קבלת פנים האָט אים אַביסל צעמישט. דאַגני האָט אים פריינטלעך אָנגעקוקט און אים אַפילו געוואָלט אָפּגעבן איר שטול. זיין האַרץ האָט שטאַרק געקלאַפּט; אפשר וואָלט געווען א פלאַן, איר צו געבן דעם בריוו פאַר מאַרטאַן?

אין א ווײַלע אַרום האָט ער זיך צוריק באַרויקט, מ'האָט געפירט א לעבעדיקן שמועס, מ'האָט גערעדט וועגן אַלערליי זאַכן; זיין ליכטיקע שטימונג האָט אים ווידער באַהערשט, און זיין שטימע האָט געציטערט פאַר פרייד. ער לעבט דאָך, ער איז נישט טויט און וועט אויך נישט שטאַרבן. אַרום א ווייס-געדעקטן טיש מיט פינקלדיקע, זילבערנע כלים, אין דעם דאָזיקן גרינעם גאָרטן איז געזעסן א קאָמפּאַניע פון פריילעכע מענטשן, וואָס האָבן געלאַכט און וואָס די אויגן האָבן ביי זיי געגלאַנצט פון פרייד; איז דען געווען די מינדסטע סיבה צו פילן זיך נישט גוט?

— ווען איר וואָלט באמת געוואָלט זיין אַזוי גוט, וואָלט איר גענומען אייער פידל און געשפּילט עפּעס פאַר אונז. — האָט פרוי סטענערסען געזאָגט.

ניין, ווי קאָן איר גאָר איינפאַלן אַזעלכעס?

יען די אַנדערע זענען אויך צוגעשטאַנען צו אים, האָט ער זיך פונאַנדערגעלאַכט אויפן קול און געזאָגט:

— אָבער איך האָב דאָך אפילו קיין פידל נישט!

אָבער זיי האָבן געוואָלט שיקן נאָכן אָרגאַניסטס פידל; אין א רגע אַרום וועט זי זיין דאָ.

יאָ, דאָס וועט זיי גאָרנישט העלפן, ער וועט זיך אפילו נישט צורירן צו איר. און חוץ דעם איז דעם אָרגאַניסטס פידל איבערגעפירט צוליב די קליינע רובינען, וואָס זענען איינגעזעצט

דאָרט אויפן גריף־ברעט; דער טאָן קריגט איבער דעם א גלעזערנעם קלאַנג; די שטיינדלעך זענען נישט איינגעפּאַסט אויפן ריכטיקן אָרט, ס'איז נישט אויסצוהאַלטן. איבעריקנס, קאָן ער שוין גאָרנישט פירן דעם בויגן איבער די סטרונעס ווי עס דאַרף צו זיין, יאָ, אייגנטלעך האָט ער עס גאָר קיינמאָל נישט געקאָנט; נישט אמת, ער אַליין מוז דאָך עס וויסן בעסער פון אַלעמען... אָבער דאָ האָט ער מיטאַמאָל אָנגעהויבן צו דערציילן, ווי עס איז אים געגאַנגען דאָס ערשטע און איינציקע מאָל, בעת מ'האָט וועגן זיין שפּילן גערעדט אין דער עפנטלעכקייט; דאָס וואָלט כּמעט געקאָנט אָנגענומען ווערן פאַר א סימבאָל. די צייטונג האָט ער דעמאָלט געקראָגן ערשט ביינאַכט און געלעזן זי, בעת ער איז געלעגן אין בעט; ער איז נאָך דעמאָלט זייער יונג געווען, ער האָט געוווינט ביי זיינע עלטערן, און געווען געדרוקט איז עס אויף א לאָקאַלער צייטונג. אָ, ווי גליקלעך ער איז געווען מיט דער רעצענזיע! ער האָט זי איבערגעלייענט שיינע עטלעכע מאָל און איז אַנטשלאָפן געוואָרן, נישט פאַרלעשנדיק די ליכט. אין מיטן דער נאַכט כאַפּט ער זיך אויף און ער פילט זיך נאָך טויטמיד, די ליכט האָבן אויסגעברענט, אין צימער ביי אים איז פינסטער; אָבער אויף דער פּאָדלאָגע שלאָגט אָפּ עפּעס א ווייסע זאַך. און אַזוי ווי ער האָט געוווּסט, אַז אין צימער ביי אים געפינט זיך א ווייס שפּיי־קעסטל, טראַכט ער ביי זיך: זע נאָר, דאָס איז דאָס שפּיי־קעסטל! ס'איז א חרפּה צו זאָגן — אָבער ער האָט אויסגעשפּיגן און געהערט ווי ער האָט געטראָפן. און אַזוי ווי ער האָט דאָס ערשטע מאָל אַזוי גוט געטראָפן האָט ער נאָכאַמאָל אויסגעשפּיגן און ווידער געטראָפן. דערנאָך האָט ער זיך צוריקגעלייגט און איז אַנטשלאָפן געוואָרן. אָבער אויף מאָרגן אינדערפרי טוט ער א קוק, אַז דאָס איז געווען די טייערע צייטונג, וואָס ער האָט געשפּיגן אויף איר, די זייער פריינדלעכע עפנטלעכע מיינונג וועגן אים—אויף איר האָט ער געשפּיגן. העהעהע, דאָס איז געווען זייער טרויעריק!

אַלע האָבן זיך צעלאַכט. מ'איז געוואָרן וואָס אַמאָל מער אויפגעלעגט. פלוצלינג רופט זיך אָן די באַלעבאָסטע:

— אָבער איר זעט באמת אויס אַ ביסל בלייכער, ווי שטענדיק!

— אַך, — האָט נאַגעל געענטפערט — דאָס איז לחלוטין גאָר-נישט. איך פיל זיך גאַנץ גוט.

און ער האָט זיך צעלאַכט אויפן קול איבער דעם איינפאַל, אַז אים זאָל עפּעס פעלן.

און פּלוצלינג קומט אים דאָס בלוט אין פּנים אַריין, ער הויבט זיך אויף פון דער באַנק און זאָגט, אַז מיט אים איז ווירקלעך נישט אַלץ אין אָרדנונג; ער ווייסט אַליין נישט פאַר-וואָס, נאָר עס דאַכט זיך אים אַלץ, ווי מיט אים וואָלט געדאַרפט פּאַסירן עפּעס אַן אומגעריכטע זאַך. ער שרעקט זיך אַזוי. העהעהע, צי האָט עס שוין עמעצער איבערגעלעבט אַמאָל? אַ חוזק! און ס'איז דאָך נישט געשטויגן נישט געפלויגן. נישט אמת? עס האָט אים אויך געטראָפן עפּעס.

דאַן האָבן אַלע אָנגעהויבן בעטן, ער זאָל דערציילן, וואָס ס'האָט געטראָפן מיט אים.

ניין, צו וואָס? ס'איז אַ קלייניקייט, אַ פּוסטע נאַרישע זאַך, נאָך וואָס פאַרשווענדן צייט דערויף? די געזעלשאַפט וועט זיך גאָר לאַנגווייליקן דערביי.

גיין, זיי וועלן זיך לחלוטין נישט לאַנגווייליקן.

ס'איז אָבער אַזוי לאַנג. ס'הויבט זיך אָן ווייט אַזש אין סאַן פראַנציסקאָ: ס'איז אַ מעשה, וואָס ציט זיך נאָך פון אַמאָל, בעת ער האָט גערויכערט אָפּיום...

אָפּיום? גאָט, ווי אינטערעסאַנט דאָס איז!

— ניין, ליבע פרוי, ס'איז גיכער פיינלעך, ווייל אפילו איצט אין מיטן העלן טאָג שרעק איך מיר פאַר עפּעס. נאָר מיינט נישט, אַז איך בין חלילה אַ שטענדיקער אָפּיום-רויכערער; כ'האָב עס איינגאַנצן געטון אַ צוויי מאָל, און דאָס אַנדערע מאָל איז גאָר נישט אינטערעסאַנט. אָבער דאָס ערשטע מאָל האָב איך ווירקלעך איבערגעלעבט אַ מערקווירדיקע זאַך. ס'איז אמת. איך בין אַריינ-געפאַלן אין אַן אַזוי גערופענעם „דען". ווי קום איך אַהין? אָט אַזוי אָן שום כּוונה, צייטנווייז האָב איך ליב אַרומצוואַנדלען אי-בער די גאַסן, כ'זע מענטשן, קלויב זיך אויס עפּעס אַ פּאַרשוין

און איך גיי נאָך פֿון אַ מרחק, כּדי צו זען, ווו ער וועט זיך לסוף אָפּשטעלן; כ'קוק נישט אויף קיין שום זאַך, כ'גיי ארויף גלייך אין די הייזער, אויף די טרעפּ, כּדי צו זען, ווו ער וועט סוף־כּל־סוף אַריינגיין. בּיינאַכט אין די גרויסע שטעט איז עס אויסערגעוויינלעך אינטערעסאַנט און מ'קאָן דאַן מאַכן די מערקווירדיקסטע בּאַקאַנטשאַפֿטן. מילא, נישט דאָס בּין איך אויסן. בּין איך אַלזאָ אין סאַן פֿראַנציסקאָ און שלעפּ מיך אַרום איבּער די גאַסן. ס'איז נאַכט, פֿאַר מיר גייט אַ הויכע, מאָגערע פֿרוי, און איך נעם פֿון איר קיין אויג נישט אַראָפּ; בּיים ליכט פֿון די גאַז־לאַמטערנעס, וואָס מיר גייען פֿאַרבּיי, קאָן איך זען, אַז זי טראָגט דינע קליידער, נאָר אַרום האַלז טראָגט זי אַ קרייז פֿון גרינע שטיינדלעך. וווהין גייט זי? זי גייט פֿון איין קוואַרטאַל אין אַנדערן, גייט דורך פֿאַרשידענע גאַסן און גייט און גייט, און איך גיי איר אַלץ נאָך טריט בּיי טריט. לסוף געפֿינען מיר זיך אין אַ כינעזישן קוואַרטאַל, די פֿרוי גייט אַראָפּ עטלעכע טרעפּלעך אין אַ קעלער און איך נאָך איר; זי גייט אַריין אין אַ לאַנגן קאָרידאָר, און איך גיי אויך אַריין אַהין. רעכטס פֿון אונז איז אַ שטיינערנע וואַנט, אָבּער פֿון דער לינקער זייט האָבּן מיר קאַוועהייזער, ראַזורעס און וועשערייען. פּלוצלינג שטעלט זיך די פֿרוי אָפּ בּיי איין טיר, זי קלאַפּט אָן, אַ פּנים מיט קרומע אויגן ווייזט זיך אין דעם טירפֿענסטער און מ'לאָזט זי אַריין. איך וואַרט אַ ווײַלע און שטיי גאַנץ שטיל, דאַן קלאַפּ איך אויך אָן. די טיר עפֿנט זיך ווידער אויף און איך גיי אַריין.

דאָס צימער איז פֿול מיט רויך און מ'רעדט דאָרט הויך אויפֿן קול. אויבּן בּיים טיש שטייט די מאָגערע פֿרוי און דינגט זיך מיט אַ כינעזער מיט אַ בּלוי העמד איבּער די הויזן. איך גיי צו אַ בּיסל נעענטער און איך הער, אַז זי וויל פֿאַרמשכּנען איר קרייז, אָבּער זי וויל עס נישט אָוועקלייגן בּיים כינעזער, נאָר עס טראָגן אויף זיך; כ'הער, עס גייט אין צוויי דאָלאַר, און זי איז נאָך פֿון פֿריער עפּעס שולדיק, אַזוי אַז בּסך הכּל איז עס אַ סומע פֿון דריי דאָלאַר. גוט, זי איז שטאַרק אומרויִק, צייטנווייז צעבּליפּעט זי זיך און פֿאַרבּרעכט מיט די הענט, און זי ווייזט מיר אויס

צו זיין זייער אינטערעסאנט. דער בינעזער מיט דעם בלויען העמד איז אויך געווען אינטערעסאנט, ער וויל זיך נישט ארייגלאזן אין א געשעפט, אויב ער קריגט נישט דעם קרייץ צו זיך אין די הענט; געלט אדער א משכון!

— איך וויל זיך דא אנידערזעצן און א ביסל צו ווארטן, — רופט זיך אפ די פרוי — איך זע שוין, אז סוף־כל־סוף וועל איך עס מוזן טון, איך וועל מסכים זיין; אבער איך טאר עס פארט נישט טון! — און דערביי צעוויינט זי זיך דעם בינעזער אין די אויגן און פארברעכט מיט די הענט.

— וואס טארט איר נישט טון? — פרעג איך.

אבער זי הערט, אז איך בין אן אויסלענדער און ענטפערט נישט.

זי איז געווען אויסערגעוויינלעך אינטערעסאנט, און איך האב באשלאסן עפעס צו טון. יא, איך קאן איר אויסבארגן דאס געלט, כדי צו זען, מיט וואס ס'וועט זיך ענדיקן; איך האב עס געטון נאר מחמת נייגיריקייט און דערצו האב איך איר צוגעלייגט נאך זא דאלאר, כדי צו זען, וואס זי וועט טון מיט אים; ס'מוז דאך יין זייער אינטערעסאנט.

זי גלאצט אויס אויף מיר א פאר אויגן און דאנקט מיר; זאגן זאגט זי גארנישט; זי שאקלט נאר עטלעכע מאל מיטן קאפ און קוקט מיך אן מיט טרערן אין די אויגן, און איך האב עס דאך געטון בלויז צוליב נייגיריקייט. בכן, גוט, זי גייט צו צום טיש, באצאלט דאס געלט און פארלאנגט תיכף א צימער. זי האט אויסגעגעבן דאס גאנצע געלט, וואס זי האט נאר פארמאגט.

זי גייט און איך גיי איר נאך. מיר שפאצירן ווידער אמאל דורך א לאנגן קארידאר מיט נומערירטע צימערן אויףביידע זייטן, און אין איינעם פון די דאזיקע צימערן כאפט זיך די פרוי ארייך און קלאפט צו די טיר. איך ווארט א ווײלע, זי קומט נישט ארויס; איך וויל עפענען די טיר, אבער זי איז פארשלאסן.

דאן גיי איך אריין אין דעם שכנותדיקן צימער און מאך־אפ, ביי זיך צו ווארטן. דא איז פאראן א רויטער דיוואן און א גלעקל, דאס צימער איז באלויכטן פון א לאמפ, וואס הענגט אויף דער־

וואַנט. איך לייג זיך אַוועק אויפן דיוואַן, די צייט קריכט זייער פּאַמעלעך, און עס ווערט מיר לאַנגווייליק; כּדי עפּעס צו טון, טו איך אַ דריק דאָס קנעפּל און קלינג אָן. דאָרטן דאַרף איך גאָר־נישט, אָבער איך קלינג אָן.

אַ בינעזיש ייִנגל קומט אַריין, קוקט מיך אָן און ווערט פאַרשוווּנדן. עס גייען פאַרביי עטלעכע מינוט. — קום, לאָמיך דיך נאָכאַמאָל אָנקוקן, — זאָג איך — כּדי די צייט צו פאַרטרייבן; — פאַרוואָס קומסטו נישט צוריק? און איך קלינג ווידער אָן.

דאַן קומט ווידער דאָס ייִנגל, שטיל ווי אַ גייסט, זיך שלייכנדיק אויף פילצענע שיך, איך זאָג גאָרנישט, ער זאָגט אויך גאָרנישט; נאָר ער דערלאַנגט מיר אַ גאַנץ קליינע פאָרצע־לייענע פּיפּקע מיט אַ לאַנגן, דינעם רער, און איך נעם זי אין דער האַנט. דאַן רייבט ער אָן אַ שוועבעלע, האַלט עס איבער דער פּיפּקע און איך רויכער. איך האָב נישט געבעטן קיין פּיפּקע, אָבער רויכערן רויכער איך. און תּוך כּדי דיבור הויבט מיר אָן צו רוישן אין די אויערן...

איצט געדענק איך קיין שום זאַך נישט, ווי דאָס נאָר, אַז איך האָב געפילט, ווי איך בין ערגעץ־ווו אין דערהויך, און איך פלי אַרויף וואָס אַמאָל העכער — איך שוועב. אַרום מיר איז געווען אומגעהויער ליכטיק, און די וואָלקנס, וואָס איך האָב אָנגע־טראָפן, זענען געווען זילבערהויס. ווער בין איך געווען, און וווהין בין איך געפלויגן? איך טראַכט און טראַכט וועגן דעם, אָבער איך קאָן זיך קיין שום זאַך נישט דערמאָנען; איך בין נאָר אַרויפ־געשטיגן זייער הויך, כ׳האָב געזען פונדערווייטנס גרינע פעלדער, בלויע ימען, טאָלן און בערג אין גאָלדענעם גלאַנץ, כ׳האָב געהערט מוזיק פון די שטערנס, און דער גאַנצער הימל־רוים איז געווען פול מיט מעלאָדיעס.

אָבער די ווייסע וואָלקנס האָבן מיך ממש אַנטציקט, זיי האָבן מיר דורכגענומען מיין נשמה, און איך האָב געפילט, אַז איך וואָלט געקאָנט שטאַרבן פאַר הערלעכקייט. און פּלוצלינג טוט אַ ציטער אָן ערדישע ערינערונג ביי מיר אין האַרצן, און איך הויב אָן צו זינקען.

איך זינק, זינק, דאָס ליכט ווערט בלאַסער, ארום מיר ווערט אַלץ טונקעלער און טונקעלער, איך דערזע די ערד אונטער מיר און איך דערקען זיך ווידער; דאָרט זענען שטעט, ווינט און רויך. פּלוצלינג בלייב איך שטיין, איך קוק זיך אום, ארום מיר איז אַ ים. איך פּיל זיך שוין מער נישט גליקלעך. איך שטויס מיך אָן אין שטיינער, און איך ווער שיר נישט געפרוירן פון קעלט. אונטער מיינע פיס איז ווייסער זאַמד, און איבער מיר זע איך קיין שום אַנדער זאַך נישט, נאָר וואַסער. איך שווים אָפּ אַ שטיק; כ'שווים פאַרביי פּלערליי וואונדערלעכע געוויקסן, דיקע, גרינע בלעטער-פּלאַנצן, ים-בלומען, וואָס טונקען זיך אונטער און קומען אַרויף צוריק אויף זייערע שטענגלעך — אַ שטומע וועלט, אָן שום קלאַנג, אָבער וו אַלץ לעבט און באַוועגט זיך דאָך. איך שווים ווייטער און קום צו צו אַ קאָראַלן-פעלז. קיין קאָראַלן זענען שוין מער נישטאָ. דער פעלז איז פאַרוויסט; אָבער איך האָב זיך געטראַכט, דאָ איז שוין געווען ווער פאַר מיר! און איך האָב זיך שוין מער נישט געפילט אַזוי איינזאַם, ווייל עמעצער איז שוין דאָ פריער געווען. איך שווים ווידער, איך וויל צוקומען צו יבשה, אָבער דאָס מאָל שווים איך נישט לאַנג און שטעל זיך אָפּ. איך שטעל זיך אָפּ, ווייל דאָרט ליגט אַ מענטש אַנטקעגן מיר אויפן גרונט; אַ לאַנגע און אַ מאָגערע פרוי, און זי ליגט אַ צעריסענע איבער אַ שטיין. איך ריר זי אָן און איך זע, אַז זי איז מיר באַקאַנט; אָבער זי איז טויט, און איך פאַרשטיי גאָרנישט, ווי אַזוי זי קאָן זיין טויט, אַז איך דערקען זי דאָך אָן דעם קרייץ מיט די גרינע שטיינער. ס'איז די זעלבע פרוי. וואָס איך בין נאָכגעגאַנגען ביז אין די לאַנגע קאָרידאָרן צו די נומערירטע צימערן. איך וויל שווימען ווייטער, אָבער איך בלייב אויף אָן אָרט און וויל זי איבערלייגן; זי ליגט צעשפּרייט איבער אַ גרויסן שטיין און דאָס מאַכט אויף מיר אַן אומהיימלעכן איינדרוק. זי האַלט אָפן די אויגן, אָבער איך שלעפּ זי אַוועק מיט מיר אויף אַ ליכטיקן אָרט, און איך דערזע ווידער דעם קרייץ ביי איר אויפן האַלז. איך באַהאַלט עס אונטער איר קלייד, כּדי די פיש זאָלן עס נישט אַראָפּרייסן פון איר. דאַן שווים איך אַוועק ווייטער...

אויף מאָרגן האָט מען מיר דערציילט, אַז די פרוי איז ביינאַכט געשטאָרבן; זי איז אַריינגעשפרונגען אין ים נישט ווייט פון דעם כינעזישן קוואַרטאַל; מ'האָט זי אינדערפרי געפונען אַ טויטע. דאָס איז זייער וואונדערלעך, אָבער זי איז טאַקע געווען טויט. „אפשר וואָלט איך זי נאָך ווידער באַגעגנט, ווען איך זאָל עפּעס טון דערצו", האָב איך געטראַכט. און איך האָב נאָכאַמאָל גערויכערט אָפּיום, כדי זיך צו טרעפן מיט איר, אָבער איך האָב זי שוין נישט געזען.

ווי מאָדנע דאָס איז געווען! אָבער אין אַ צייט אַרום האָט מיר ווידער געטראָפן עפּעס. איך בין צוריקגעקומען קיין אייראָפּע. איך בין געווען אינדערהיים. אין איינער אַ וואַרעמער נאַכט האָב איך מיך אַרומגעדרייט איבער די גאַסן, כ'בין אַראָפּגעגאַנגען צום האַפן, צו די פּאָמפּעס, און איך בין געשטאַנען אַ שפּאָר שטיקל צייט און זיך צוגעהערט, וואָס מ'רעדט אויף די שיפן. אַלץ איז געווען רויק, די פּאָמפּעס האָבן נישט געאַרבעט. לסוף בין איך מיד געוואָרן, אָבער גיין אַהיים האָט זיך מיר אין אַזאַ וואַרעמער נאַכט נישט געגלוסט; בין איך אַרויפגעקראָכן אויף אַ פּאָמפּע און זיך אַוועקגעזעצט. אָבער די נאַכט איז געווען אַזוי שטיל און וואַרעם, אַז איך האָב נישט געקאָנט זיין וואַך, און איך בין אַריינגעפאַלן אין אַ טיפן שלאָף.

מיטאַמאָל כאַפּ איך זיך אויף און איך הער ווי עמעצער רופט מיך; כ'קוק אַראָפּ: אַ פרוי שטייט אונטן אויף די שטיינער. זי איז הויך און מאָגער! ווען די גאַז־לאַמטערנע פלאַקערט אויף, קאָן איך זען, אַז אירע קליידער זענען זייער דין.

איך באַגריס זי.

— עס רעגנט. — זאָגט זי.

גוט, איך ווייס אפילו נישט, צי עס רעגנט, נאָר טאָמער יאָ, איז דאָך גלייכער זיך צו באַהאַלטן אונטער אַ דאַך. און איך קריך אַראָפּ פון דער פּאָמפּע. אין דעם זעלבן אויגנבליק הויבן אָן די פּאָמפּעס צו קלאַפּן און צו רוישן. אַ לאָפּעטע שווינגט דורך די לופט און פאַרשווינדט — די פּאָמפּעס אַרבעטן. אָבער ווען איך וואָלט נישט געווען אַראָפּגעגאַנגען צו דער רעכטער צייט,

וואָלט איך צעריסן געוואָרן, צעברעקלט געוואָרן אויף שטיקלעך; דאָס האָב איך תּיכּף איינגעזען.

איך קוק זיך אַרום; ס'הויבט באמת אָן אַביסל צו רעגע־נען; די פרוי האָט זיך דערוויל געלאָזט גיין, כ'האָב זי געזען פאַר מיר, און איך האָב זי גוט געקענט, היינט האָט זי אויך גע־טראָגן דעם קרייץ אויפן האַלז. איך האָב זי באַלד פון אָנהויב דערקענט, נאָר איך האָב זיך געמאַכט, ווי איך קען זי נישט. אַצינד האָב איך זי געוואָלט דעריאָגן, און איך בין געגאַנגען אַזוי שנעל, ווי איך האָב נאָר געקאָנט; אָבער דעריאָגט האָב איך זי נישט. זי גייט נישט מיט די פיס, זי שוועבט נישט רירנדיק זיך, פאַרנעמט זיך אין אַ זייטיק געסל, און מיטאַמאָל פאַרשווינדט זי פאַר מיינע אויגן.

דאָס איז געווען מיט פיר יאָר צוריק.

נאַגעל האָט איבערגעריסן. ס'האָט אויסגעזען, אַז דער דאָק־טאָר וואָלט שטאַרק געוואָלט לאַכן, אָבער ער האָט געזאָגט אַזוי ערנסט, ווי ער האָט נאָר געקאָנט:

— און פון דעמאָלט אָן האָט איר זיך שוין מער נישט געטראָפן מיט איר?

— יאָ, היינט האָב איך זי ווידער געזען. דערפאַר מאַקע האָב איך טיילווייז געפילט אַן אימה. איך שטיי אַזוי ביי מיר אין צימער ביים פענסטער, און איך קוק אַראָפּ אויפן גאַס; און פּלוצ־לינג איך טו אַ קוק — זי! זי גייט גלייך צו מיר, קווער איבער דעם מאַרק, פּונקט ווי זי וואָלט אַרויפגעקומען פון די לאַנדונגס־בריקן, פון ים, דערנאָך בלייבט זי שטיין פאַר מיין פענסטער און קוקט אַרויף. אַזוי ווי איך בין נישט געווען גאַנץ זיכער, צי דאָס מיינט זי מיך, בין איך צוגעגאַנגען צו אַן אַנדער פענסטער; אָבער זי דרייט אויס דעם קאָפּ און קוקט אַרויף צום אַנדערן פענסטער. גריס איך מיך צו איר; און ווי גיך זי דערזעט דאָס, טוט זי זיך אַ דריי אויס און נעמט ווידער שוועבן איבערן מאַרק אַראָפּ צו די לאַנדונגס־בריקן. דאָס הינטל יאַקאָבסען טוט זיך אַ לאָז נאָך איר מיט אַ שרעקלעכער בילעריי. ס'האָט געמאַכט אויף מיר אַ שרעקלעכן איינדרוק. אין אַזאַ לאַנגער צייט האָב איך זי

שוין במעט געהאט פארגעסן, און מיטאמאָל איז זי ווידער דאָ! אפשר האָט זי מיך געוואָלט וואָרענען פאר עפּעס.

דער דאָקטאָר האָט געטון א פלאַץ אַרויס מיט א געלעכטער.

— יאָ, — האָט ער געזאָגט — זי האָט אייך געוואָלט וואָרענען, איר זאָלט נישט גיין אַהער צו אונז.

— ניין, פארשטייט זיך, זי האָט זיך דאָסמאָל אָפּגענאַרט. ס'איז גאָר נישטאָ פארוואָס מורא צו האָבן; אָבער יענע מאָל, וואָלט איך, ווען נישט זי, צעריסן געוואָרן פון די לאָפּאַטעס. און דערפאר האָב איך זיך טאַקע אַביסל געשראָקן. דאָסמאָל איז עס אַלזאָ סתם אַזוי, צוליב גאָרנישט, הא? הערע, א שיינע מעשה, ב'לעבן, וואָלט געווען, ווען איך זאָל דארפן ציטערן פאר יעדער קלייניקייט. ס'איז א געלעכטער די גאַנצע מעשה.

— נארישקייט און אבערגלויבן. — האָט דער דאָקטאָר קורץ געפּסקנט.

אָבער אצינד האָבן אַלע אָנגעהויבן צו דערציילן מעשות; דער זייגער האָט געקלונגען א שעה נאָך א שעה; ס'האָט אָנגעהויבן צוצופאלן די נאַכט. נאַגעל איז די גאַנצע צייט געזעסן און נישט אויסגערעדט קיין וואָרט; ס'איז אים געוואָרן זייער קאַלט. לסוף האָט ער זיך אויפגעהויבן און געוואָלט אוועקגיין. ניין, ער קאָן דאָך דאַגנין נישט מטריח זיין מיטן בריוו, ער וועט עס בעסער אָפּלייגן; אפשר וועט ער מאָרגן טרעפן דעם דאָקטאָר, וועט ער אים בעטן, עס צו באַזאָרגן. זיין גליקלעכע שטימונג איז אינגאַנצן פארביי.

צו זיין גרויס פארוואונדערונג איז דאַגני אויך אויפגעשטאַנען, בעת ער האָט זיך געקליבן צו גיין. זי האָט געזאָגט:

— ניין, איר דערציילט אַזעלכע אומהיימלעכע זאַכן, אַז איך האָב מיך ווירקלעך אָן צו שרעקן. יאָ, איך וועל בעסער גיין אַהיים, איידער עס ווערט גוט פינסטער.

זיי זענען צוזאַמען אַרויס פון גאָרטן. נאַגעלן איז געוואָרן היים פאר פרייד; יאָ, איצט קאָן ער איר געבן דעם בריוו. קיין בעסערע געלעגנהייט ווי די קאָן ער גאָרנישט האָבן.

— מיר דאכט. אז איר האָט עפּעס געוואָלט רעדן מיט מיר?

— האָט אים דער דאָקטאָר נאָכגעשריגן.

— ניין, אייגנטלעך נישט, — האָט ער געענטפערט אביסל צעמישט—כ'האָב נאָר אזוי געוואָלט אריינקומען צו אייך און... איך בין דאָך שוין אזוי לאַנג נישט געווען. אדיע!

ארויסגעקומען אין גאַס, זענען זיי ביידע געווען אומרויק; אויך דאגני איז געווען אומרויק. זי האָט גערעדט וועגן וועטער. האָס פּארא אָנגענעמער אָוונט.

יאָ, ס'איז שטיל און אַנגענעם!

ער האָט אויך גאָרנישט געקאָנט זאָגן, ער איז געגאַנגען און געקוקט אויף איר. זי האָט געהאַט די זעלבע סאמעטענע אויגן, דעם זעלבן בלאָנדן צאָפּ, וואָס איז איר אראָפּגעהאָנגען אויפן רוקן; אַלע געפילן פון זיין הארצן האָבן ווידער אויפגעלעבט. איר נאָענטקייט האָט אים פארשיכורט, און ער האָט זיך א וויש געטון מיט דער האַנט איבער די אויגן. יעדעס מאָל, וואָס ער זעט זי, ווערט זי כּסדר שענער, יעדעס מאָל! ער האָט פארגעסן אַלצדינג, האָט פארגעסן איר חוזק, האָט פארגעסן, אז זי האָט אָפּגעריסן מארטאַן פון אים, און אַז זי האָט אים אויף אַן אכזריותדיקן אופן גערייצט מיט א טיכל; ער האָט זיך געמוזט אויסדרייען אין א זייט, כּדי נישט פונסניי אויסצובּרעכן מיט א פרישער דערקלערונג. ניין, איצט מוז ער זיך איינהאַלטן, ער האָט זי שוין צוויי מאָל ארויסגעבראכט פון דער העזה; ער איז דאָך א מאַן! און ער, איינהאַלטנדיק כּמעט דעם אָטעם, האָט זיך געשטאַרקט.

זיי זענען צוגעקומען ביז צו דער הויפּט־גאַס; דער האָטעל איז געלעגן רעכטס; זי האָט אויסגעזען, ווי זי וואָלט געוואָלט רעדן. ער איז שווייגנדיק געגאַנגען נעבן איר; אפשר וואָלט ער געקאָנט גיין מיט איר איבערן וואַלד? פּלוצלינג האָט זי א קוק געטון אויף אים און געזאָגט:

— א דאנק פאר אייער מעשה. איר שרעקט זיך נאָך? איר דאַרפט זיך נישט שרעקן.

פּונקט ווי אַמאָל, כּמעט פּונקט ווי אַמאָל: „מיר דאכט, איר האָט געזיפצט; זיפצט נישט!" יאָ, היינט איז זי געווען אַנגענעם און

גוט; ער האָט גלייך געוואָלט אָנהויבן צו רעדן וועגן דעם בריוו.

— איך וואָלט אייך זייער געבעטן, מיר צו טון אַ טובה. — האָט ער זיך אָפּגערופן. — אָבער איך ווייס נישט, צי איך זאָל עס בעטן ביי אייך; איר וועט דאָך מיר איצט נישט וועלן טון קיין טובה.

— אַ יאָ! איך וועל עס גערן טון.

זי וויל עס גערן טון, האָט זי געזאָגט! ער האָט אַריינגע־לייגט די האַנט אין קעשענע, אַרויסצונעמען דעם בריוו.

— איך וואָלט אייך געוואָלט בעטן, איר זאָלט מיר באַזאָרגן אָט דעם בריוו; ס'איז בלויז אַ ידיעה, עפּעס... יאָ, ס'איז נישט קיין וויכטיקע זאַך, נאָר... אַ בריוו צו פֿריילין גודע; איר ווייסט אפשר, ווו פֿריילין גודע איז? זי איז אַוועקגעפֿאָרן.

דאַגני איז געבליבן שטיין, אַ וואונדערלעכער, פֿאַרשלייערטער בליק האָט אַ בליק געטון אין אירע אויגן; אַ ווײַלע איז זי גע־בליבן שטיין און זיך נישט גערירט פֿון אָרט.

— צו פֿריילין גודע? — האָט זי געזאָגט.

— יאָ, אויב איר ווילט זיין אַזוי גוט. נאָר ס'איז צייט, עס יאָגט נישט דערמיט...

— אָ, יאָ, יאָ, גיט אים אַהער, — האָט זי פּלוצלינג גע־זאָגט — איך וועל געווים באַזאָרגן אַ בריוו פֿון אייך צו פֿריילין גודע.

און נאָכדעם ווי זי האָט אַריינגעלייגט דעם בריוו אין טאַש, האָט זי האַסטיק אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ און געזאָגט:

— יאָ, יאָ, איך האָב זיך זייער דערפֿרייט, וואָס איך האָב אייך געזען. איצט מוז איך גיין.

ביי די ווערטער האָט זי ווידער אַ קוק געטון אויף אים און איז אַוועק.

ער איז געבליבן שטיין. פֿאַרוואָס האָט זי גערעדט אַזוי האַסטיק? זי האָט אים נישט אָנגעקוקט ביז ביים אַוועקגיין; פֿאַר־קערט, און פֿונדעסטוועגן איז זי פֿאָרט מיט איין מאָל אומגעריכט אַוועק פֿון אים? אָט דרייט זי זיך אוים צום וועג פֿון פּאַסטאָר־הויף... אָט איז זי פֿאַרשוווּנדן...

ווען ער האָט זי שוין מער נישט געקאָנט זען, איז ער אַרויף אין האָטעל. זי איז געגאַנגען אין אַ שניי־ווייסן הוט. און זי האָט אים אַזוי מאָדנע אָנגעקוקט.

XXII

דער פאַרשלייערטער בליק, וואָס זי האָט אַ וואָרף געטון אויף אים! ער האָט אים נישט פאַרשטאַנען. אָבער קוים טרעפט ער זיך נאָכאַמאָל, וועט ער זיך באַמיען פאַרגיטיקן, אויב ער האָט זי היינט באַליידיקט, ווי שווער ס'איז אים געוואָרן דער קאָפּ! נאָר איין זאַך איז זיכער, גאָט צו דאַנקען, ער האָט נישט פאַר וואָס מורא צו האָבן.

ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן דיוואַן און אָנגעהויבן בלעטערן אַ בוך; אָבער געלייענט האָט ער נישט. ער איז אויפ־געשטאַנען און איז צוגעגאַנגען צום פענסטער; ער איז געווען זייער אומרויק, ער וואָלט עס בשום אופן נישט מודה געווען, אפילו פאַר זיך אַליין אויך נישט. אָבער ער האָט זיך כמעט נישט דער־וועגט אַרויסצוקוקן אויף דער גאַס, מחמת מורא, טאָמער דערזעען זיינע אויגן עפּעס אומגעוויינלעכס. זיינע קניען האָבן אָנגעהויבן צו ציטערן; וואָס איז אים פאָרט אַזוינס? ער האָט זיך ווידער אַני־דערגעזעצט אויפן דיוואַן און אַראָפּגעלאָזט דאָס בוך אויף דער ערד. זיין קאָפּ האָט געקלאַפּט ווי מיט האַמערס, ער האָט זיך געפילט קראַנק, ס'איז נישט קיין שום ספק, אַז ער האָט היץ; די צוויי נעכט איינע נאָך דער אַנדערער, וואָס ער איז געלעגן אין וואַלד, האָבן ביסלעכוויז געווירקט, און ער איז געווען פאַרקילט דורך און דורך. זיצנדיק נאָך ביים דאָקטאָר אין גאָרטן, האָט ער געפילט, ווי ער ציטערט פאַר קעלט.

נו, ס'וועט דאָך אַריבערגיין! ער איז נישט געוווינט געווען צו מאַכן אַ וועזן פון אַזאַ פאַרקילונג; מאָרגן וועט ער ווידער זיין פריש און געזונט ווי תמיד, ער האָט אָנגעקלונגען און גע־הייסן ברענגען קאָניאַק; אָבער ס'איז נישט געווען קיין שום פעולה,

ער איז אפילו נישט געוואָרן שכור. ער האָט נאָר אומזיסט אויסגעטרונקען עטלעכע פּולע גלעזער. ערגער פון אַלץ איז געווען, וואָס זיין קאָפּ האָט אויך אָנגעהויבן מבולבל צו ווערן, ער האָט נישט געקאָנט קלאָר טראַכטן.

ווי שטאַרק אָנגעגריפן ער האָט זיך געפילט אין אַ שעה אַרום! וואָס איז דאָס? פאַרוואָס פלאַטערן אַזוי אומרויק די פאָרהאַנגען, בעת ס'איז קיין ווינטל נישטאָ. באַדייט דאָס עפּעס? ער איז ווידער אויפגעשטאַנען און אַ קוק געטון אין שפּיגל; ער האָט אויסגעזען קראַנק און צרהדיק; יאָ, זיינע האָר זענען גרויער געוואָרן, און זיינע אויגן זענען געווען רויט אַרום... „איר שרעקט זיך נאָך? איר דאַרפט זיך נישט שרעקן"... זיסע דאַגני! ניין, זייער אַ ווייסער הוט...

מ'קלאַפּט אָן אין טיר, און דער האָטעל-אייגנטימער קומט אַריין. דער האָטעל-אייגנטימער האָט אים לסוף געבּרענגט די רעכענונג, אַ גרויסע רעכענונג אויף צוויי בויגן פּאַפּיר; ער שמייכלט און איז זייער העפלעך.

נאַגעל נעמט תיכף אַרויס זיין בריוו-טאַש און הויבט אָן צו זוכן, אָבער דערווייל פרעגט ער מיט אַ ציטערנדיקער שטימע וויפל עס באַטרעפט אַרום און אַרום, און דער באַלעבאָס ענטפערט: איבעריקנס, ברענגט נישט ביז מאָרגן אָדער אַן אַנדער טאָג, ס'וועט דאָך נישט אַנטלויפן.

יאָ, ווער ווייסט, צי ער קאָן בכלל באַצאָלן? אפשר קאָן ער גאָרנישט! און נאַגעל געפינט נישט קיין געלט, וואָס? האָט ער טאַקע באמת נישט קיין געלט? ער טוט אַ וואָרף דעם בריוו-טאַש אויפן טיש און הויבט-אָן צו נישטערן אין זיינע קעשענעס; ער איז זייער פאַרצווייפלט, ער ווייסט נישט, וואָס מ'טוט, און זוכט כמעט אָן האָפנונג אומעטום. לסוף שטעקט ער אפילו אַריין די הענט אין די הויזן-קעשענעס, נעמט אַרויס קליינגעלט און זאָגט:

— דאָ האָב איך אַ ביסל געלד, אָבער דאָס איז, מסתמא, נישט גענוג, ניין, עס איז געווים נישט גענוג; ציילט זשע אַליין איבער.

— ניין,—זאָגט אויך דער באַלעבאָס—ס'איז נישט גענוג.

נאַגעלן קומען אַרויס אַנגסטן אויפן שטערן; ער וויל דעם באַלעבאָס דערווייל געבן אָט די פּאָר קראָנען און ער זוכט שוין איצט

אין די וועסטל-קעשענעס, צי ער האָט נישט דאָרטן נאָך קליינגעלט. דארט איז אויך געווען ליידיק. אָבער ער וועט, מסתמא, לייען ערגעץ אַביסל געלט, אפשר וועט אים עמעצער אַ טובה טון און לייען! גאָט, אפשר וועט מען אים צוהילף קומען, ווען ער זאָל עמעצן בעטן וועגן דעם!

דער באַלעבאָס איז שוין ערשט נישט צופרידן, אפילו זיין העפלעכקייט פאַרשווינדט; ער נעמט נאַגעלס בריוו-טאַש, וואָס ליגט אויפן טיש און הויבט אַליין אָן צו זוכן אין איר.

— יאָ, זייט אַזוי גוט, — זאָגט נאַגעל — אָט זעט איר אַליין, דאָס זענען בלויז פּאַפּירן. איך פאַרשטיי גאָרנישט, וואָס דאַ איז פאָרגעקומען.

אָבער דער באַלעבאָס עפנט אויף די אינעווייניקסטע קעשענע און טוט פלוצלינג אַ לייג אַוועק דעם בריוו-טאַש אויפן טיש; זיין פּנים האָט זיך פאַרוואַנדלט אין איין, ברייט, פאַרוווּנדערט געלעכטער.

— אָט ליגן זיי — זאָגט ער — עס זענען דאָ פאַראַן טויזנטער. איר דאַרפט, הייסט עס, געטריבן קאַטאָוועס, איר האָט געוואָלט זען, צי איך פאַרשטיי מיך אויף אַ וויץ?

נאַגעל איז געוואָרן פריילעך ווי אַ קינד און האָט גלייך מסכים געווען מיט דער דערקלערונג. ער האָט פריי אָפּגעאָטעמט און געזאָגט:

— יאָ, נישט ריכטיק, כ'האָב נאָר געמאַכט אַ וויץ. ס'איז מיר גראָד איינגעפאַלן צו מאַכן אַ קליינעם שפּאַס. יאָ, אַ דאַנק גאָט, איך האָב נאָך אַ סך געלט; זעט, זעט נאָר אָט דאָ!

אינם בריוו-טאַש זענען געלעגן אַ סך גרויסע באַנקנאָטן, אַ מטמון מיט געלט אין טויזנט-קראָן-פּאַפּירן; דער באַלעבאָס האָט געמוזט גיין און אויסבייטן, איידער ער האָט זיך אָפּגענומען, וואָס אים איז געקומען. אָבער אַ שפּאָר שטיקל צייט נאָך זיין אַוועקגיין זענען נאָך נאַגעלן געשטאַנען גרויסע טראָפּן שווייס אויפן שטערן, און ער האָט געציטערט פאַר אויפרעגונג. ווי צערודערט ער איז געווען, און ווי מוראדיק ס'האָט אים גערוישט אין קאָפּ!

גלייך נאָכדעם איז ער אַנידערגעפאַלן אויפן דיוואַן אין אַן אומבאַוווּסטלאָזן שלאָף, איז געלעגן און געחלומט, גערעדט „פון וועג",

געשריגן, מ'זאָל אים ברענגען קאָניאַק, און האַלב-שלאָפנדיק פאַרטראָגן אין היץ, האָט ער אויסגעטרונקען איין גלאָז נאָך דעם אַנדערן. סאַראַ איז כּסדר געווען בײַ אים אין צימער, און הגם ער האָט די גאַנצע צײַט גערעדט, האָט זי פון זײַנע ווערטער קנאַפּ-וואָס פאַרשטאַנען. ער איז געלעגן מיט פאַרמאַכטע אויגן.

ניין, אויסטון זיך וויל ער נישט! אַן אײַנפאַל אַביסל! ס'איז דען נישט איצט אין מיטן העלן טאָג? ער הערט דאָך באַשײַנפּערלעך, ווי די פײגעלעך זינגען. דעם דאָקטאָר דאַרף זי אויך נישט רופן. דער דאָקטאָר וועט אים געבן עפּעס אַ געלע שמירעכץ און אַ ווײַסע שמירעכץ, און אָט די צוויי שמירעכצן וועט מען נאָך פאַרבײַטן און באַנוצן פאַרקערט, ווי מ'באַדאַרף. אַזוי וועט מען אים נאָך טריפּטראַף אָנטון אַ מיתה. קאַרלסען איז געשטאָרבן דערפון; זי מוז דאָך נאָך געדענקען קאַרלסענען? יאָ, ער איז געשטאָרבן דערפון. אָבער ווי די מעשה זאָל נישט זײַן, האָט ער זיך אויך אַרײַנגענומען אַ פיש-האַקן אין האַלז אַרײַן און אַז דער דאָקטאָר איז געקומען צוגיין מיט זײַנע רפואות, האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז קאַרלסען איז גאָר דערשטיקט געוואָרן פון אַ גלאָז גאַנץ געוויינלעך ברונעם-וואַסער. העהעהע! איבעריקנס, טאָר מען דערפון נישט לאַכן. סאַראַ, איר מיינט נישט אַמאָל, אַז איך בין שיכּור, האַ? אידעען, אַסאָציאַציעס, איר הערט? ענציקלאָפּעדיסטן און אַזוי ווײַטער; פּרובירט נאָר אָפּצײלן אויף די קנעפּ, צי איך בין שיכּור, סאַראַ...! איר הערט, אָט גייען די מילן, די שטאָטישע מילן. גאָט, אין וואָס פאַראַ העק, אין וואָס פאַראַ נאָרע איר לעבט עס, סאַראַ! איך וואָלט אײַך געוואָלט באַפרײַען פון דעם גוואַלט פון אײַערע שונאים, ווי עס שטייט געשריבן. גייט צום טײַוול! גייט צום טײַוול! ווער זענט איר דען? איר זענט אַלע פאַלש, איינער ווי דער אַנדערער, און איך וועל אײַך אַלעמען אַראָפּרײַסן די מאַסקע פון פּנים! וואָסזשע, איר גלייבט מיר אפשר נישט? אָ, ווי איך האָב אײַך אויפן צעטל! איך בין בטוח, אַז לײַטענאַנט האַנסען האָט צוגעזאָגט מינוטן צוויי וואָלענע העמדער; אָבער מוט נאָר אַ פרעג, צי ער האָט זיי געקראָגן. און מיינט איר אפשר, אַז מינוט האָט גענוג מוט זיך מודה צו זײַן אין

דעם? דאַן וועל איך אייך זאָגן, אַז איר האָט אַ גרויסן טעות: מינוט האָט נישט קיין מוט זיך מודה צו זיין אין דעם; ער גנבעט זיך אַרויס און ער איז נישטאָ! אויב איך האָב קיין טעות נישט, הער גרעגאַרד, זיצט איר איצט ווידער אונטער אייער ציַיטונג און שטעלט מיר פייגן אונטער די פּלייצעס. ניין? מילא, ס'איז מיר איינס און דאָס זעלבע. איר זענט נאָך דאָ, סאַראַ? גוט! אויב איר ווילט נאָך זיצן מיט מיר אַ פינף מינוט צייט, וועל איך אייך עפּעס דערציילן. אָפּגעמאַכט? אָבער קודם כל שטעלט זיך פּאָר אַ פאַרשוין, וואָס די ברעמען קריכן אים אויס, קאָנט איר דאָס באַגרייפן? וואָס די ברעמען קריכן אים אויס. דאַן דער־לויבט מיר אייך צו פרעגן, צי זענט איר ווען געלעגן אין אַ בעט, וואָס האָט געסקריפּעט? ציילט זשע אָפּ אויף די קנעפּ, איך האָב אַ שטאַרקן חשד אויף אייך. איבעריקנס, בין איך חושד אַלע מענטשן פון שטאָט און איך האָב זיי אַלעמען ביי מיר אויפן צעטל. און איך האָב מיין אויפגאַבע גוט אַדורכגעפירט, איך האָב אייך געגעבן אַן ערך צוואַנציק אויסערגעוויינלעכע טעמעס צו רעדן און האָב אַריינגעבראַכט אַן אומאָרדנונג אין אייער לעבן, איך האָב געשטערט אייער אָרנטלעכע, זאַטע עקזיסטענץ, אָפּשפּילנדיק איין אומרויקע סצענע נאָך דער אַנדערער, האָ האָ! די מילן האָבן גע־רוישט! ווי זיי האָבן גערוישט! אָט דערפאַר גיב איך אייך אַן עצה, חשובסטע, ערווירדיקע יונגפרוי סאַראַ קאַפּערבורש, יאָזעפס טאָכטער, איר זאָלט עסן ריינע ייך, ווי לאַנג זי איז נאָך וואַרעם; וואָרום ווען זי שטייט נאָר אונטער, ווערט זי קאַלט, און זאָל מיך כאַפּן דער טייוול, אויב ס'בלייבט פון איר עפּעס אַנדערש ווי ריינע וואַסער... נאָך קאָניאַק, סאַראַ, ס'מוט מיר ווי דער קאָפּ, ביידע זייטן קאָפּ, דאָס טוט אַזוי שטאַרק וויי...

— איר ווילט נישט אַביסל וואַרעמס? — האָט סאַראַ גע־פרעגט.

אַביסל וואַרעמס — אַ נייער איינפאַל! גלייך וועט די גאַנצע שטאָט רעדן, אַז ער האָט געזופּט אַביסל וואַרעמס. נעמט נאָר גוט אין אַכט: ער האָט נישט די מינדסטע כוונה צו פאַרשאַפן וועמען עס איז דעם מינדסטן פאַרדרוס. ער וויל זיין אַ גוטער־

שטאָטישער שטייער-צאָלער. זיין שפּאַציר אויפן וועג צום פּאָסטאָר־הויף וועט ער מאַכן פון נאָטן און וועט שוין מער נישט איבער־שפּאַרן די גאַנצע וועלט; דריי פינגער אין דער הויך, אַז ער וועט אַזוי טון... זי דאַרף זיך גאָרנישט שרעקן. וואָס אַן אמת, טוט אים דאָ און דאָרט אַביסל וויי, אָבער טאַקע דערפאַר וויל ער זיך נישט אויסטון, וועט עס מוזן שנעל אַריבער; מיט האַרטע זאַכן מוז מען זיך אייביק באַגיין האַרט...

ס'איז געוואָרן וואָס אַמאָל ערגער, און סאַראַ איז געזעסן ווי אויף שפּילקעס. צום בעסטן וואָלט געווען, ווען זי קאָן זיך אַרויסקריגן פון דאַנעט, אָבער ווען זי האָט געפּרוווט אויפשטיין, האָט ער געפרעגט, צי זי וויל אים פאַרלאָזן. זי האָט געוואַרט ביז ער וועט זיך אָנפּלוידערן, אָנרעדן, און וועט פאַרמאַטערטער־הייט אַנטשלאָפן ווערן. יאָ, וואָס ער האָט אַלץ אָנגעפּלאַפּלט, די אויגן נאָך אַלץ פאַרמאַכט, דאָס פּנים רויט פון היץ און פיבער. ער האָט, למשל, אויסגעפונען אַ נײַ מיטל אויסצוהיילן פּרוי סטע־נערסענס ווײַנפּערל-בוימלעך פון לײַז. דאָס דאָזיקע מיטל איז באַ־שטאַנען אין דעם, וואָס ער וועט אין אַ שיינעם טאָג אַרײַנגיין אין אַ קראָם און וועט קויפן אַ פולע בלעך מיט פאַראַפין; שפּעטער וועט ער אַוועקגיין אויפן מאַרק, וועט זיך אויסטון די שיך און זיי אָנגיסן פול מיט פאַראַפין. דערנאָך וועט מען זיי אָנצינדן פריער איין שיך דערנאָך דעם אַנדערן, און לסוף וועט ער מיט בלויע זאָקן אויף די פיס אַרומטאַנצן אַרום די ברענענדיקע שיך און זינגען. דאָס מוז ער טון אין אַ פרימאָרגן, ווען ער וועט נאָר געזונט ווערן. ער וועט מאַכן דערפון אַן אמתן צירק, אַ גאַנצן פערד-באַלעט, און דערצו וועט ער נאָך צוקנאַקן מיט אַ בײַטש.

דערנאָך האָט ער זיך גענומען באַשעפטיקן מיט דעם, וואָס ער האָט אויסגעטראַכט מאָדנע און לעבערלעכע נעמען און טיט־לען פאַר זיינע באַקאַנטע. דעם לאַנד-ריכטער רײַנערט, למשל, האָט ער אַ נאָמען געגעבן בילגע, און האָט געזאָגט, אַז בילגע איז אַ טיטל אַזאַ. „הער רײַנערט, זייער חשובער בילגע אין דער שטאָט", האָט ער געזאָגט, גאָר צום סוף האָט ער אפילו אָנגעהויבן אײַנ־צוקלערן אין דעם, ווי הויך עס קאָן זיין בײַ קאָנסול אַנדערסען

אין דער דירה, פון דער פּאָדלאָגע ביזן סופית. „פערטהאַלבן אײלן, פערטהאַלבן אײלן!" האָט ער געהאַלטן אין איין שרײַען „פערטהאַלבן אײלן, נישט געמאָסטן; בין איך נישט גערעכט?" נאָר אַ געלעכטער אָן אַ זײַט! ער ליגט באמת דאָ מיט אַ פּיש-האקן אין האַלז, דאָס איז דער רײנער אמת, און דערפון גייט ער אָפּ מיט בלוט, עס טוט זײער שטאַרק וויי...

ערשט אָונט צײַט איז ער פעסט אײַנגעשלאָפן.

אַרום צען אַ זײגער האָט ער זיך ווידער אויפגעכאַפּט. ער איז געווען אַלײן און איז נאָך געלעגן אויפן דיוואַן. די קאָלדרע, מיט וועלכער סאַראַ האָט אים צוגעדעקט, איז אַראָפּגעפאַלן אויף דער פּאָדלאָגע, אָבער נישט געקוקט דערויף איז אים פונדעסטוועגן נישט קאַלט געווען. סאַראַ האָט אויך צוגעמאַכט די פענסטער, און ער האָט זײ צוריק געעפנט. ס'האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז דער קאָפּ איז אים איצט זײער קלאָר; נאָר ער איז געווען שטאַרק אָפּגעשוואַכט און האָט געציטערט. די געהײמניספולע שרעק האָט אים ווידער אַרומגענומען; בײדעם מינדסטן שאָרך אין וואַנט, וואָס ער האָט געהערט, אָדער ווען עמעצער האָט אַ געשרײ געטון אונטן אין גאַס, איז אים אַדורך אַ שוידער איבער אַלע גלידער, אפשר וועט עס אַריבערגײן, אויב ער וועט זיך לייגן אין בעט און זיך גוט איבערשלאָפן ביז מאָרגן. ער האָט זיך אויסגעטון.

אָבער ער האָט נישט געקאָנט אײַנשלאָפן. ער איז געבליבן ליגן און האָט געטראַכט וועגן אַלץ, וואָס ער האָט דורכגעלעבט אין משך פון די לעצטע פיר און צוואַנציק שעה, פון נעכטן בײַ-נאַכט אָן, ווען ער איז אַוועק אין וואַלד און אויסגעטרונקען דאָס פלעשעלע, ביז איצט, ווען ער איז געלעגן בײַ זיך אין צימער, אַ דערשלאָגענער, אויסגעמאַטערט פון פיבער, וואָס פאַרא לאַנגער מעת-לעת דאָס איז געווען! און דער פחד האָט נישט געוואָלט אָפּטרעטן פון אים, אָט דאָס געהײמע געפיל, אַז עס שטײט אים פאָר אַ נאָענטע, אומגעריכטע סכנה, אַן אומגליק, האָט נישט אָפּ-געטראָטן פון אים. פאַרוואָס איז דאָס אַזוי? וואָס האָט ער דען געטון אַזוינס? ווי מ'סודעט זיך עס אַרום זײַן בעט! דאָס גאַנצע צי-מער איז פול מיט אַ מאָדנער מורמלערײַ. ער האָט צונויפגעלײגט

די הענט און ס'האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער שלאָפט איין...

פּלוצלינג דערזעט ער זיינע הענט און באַמערקט, אַז דער רינג אויף זיין פינגער איז נישטאָ. זיין האַרץ הויבט באַלד אָן שטאַרקער צו אַרבעטן; ער קוקט זיך גענויער צו: אַ שוואַכער, טונקעלער צייכן אַרום זיין פינגער, אָבער דער רינג איז נישטאָ. גרויסער גאָט! דער רינג איז נישטאָ. יאָ, ער האָט אים אַריינגעוואָרפן אין ים, ער האָט דאָך געמיינט, אַז ער וועט אים שוין מער נישט דאַרפן, ווייל ער האָט געהאַלטן ביים שטאַרבן; דערפאַר האָט ער אים אַריינגעוואָרפן אין ים אַריין. און אַצינד איז ער נישטאָ, דער רינג איז נישטאָ!

ער שפּרינגט צוריק אַראָפּ פון בעט, וואַרפט אויף זיך ווי עס איז אַרויף די בגדים און לויפט אַרום ווי אַ משוגענער איבערן צימער. ס'איז געווען צען אַ זייגער. צוועלף מוז דער רינג שוין זיין. פּונקט צוועלף אַ זייגער איז די לעצטע רגע, דער רינג, דער רינג...

האַסטיק טוט ער אַ פלי אַראָפּ פון די טרעפּ, אַראָפּ אין גאַס, צו די לאַנדונגס-בריקן. פון האָטעל האָט מען אים באַמערקט, אָבער ס'אַרט אים נישט; ער בלייבט ווידער אָן כוחות, די קני ברעכן זיך אים אונטער, אָבער ער פילט עס נישט. יאָ, איצט האָט ער אויסגעפונען די סיבה פון זיין שווערן פחד, וואָס האָט אים געמאַטערט דעם גאַנצן טאָג; דער רינג איז פאַרשוווּנדן! און די פרוי מיטן קרייץ איז אים ווידער אַנטקעגנגעקומען.

אויסער זיך פאַר שרעק שפּרינגט ער אונטן ביים ברעג אַריין אין דעם ערשטן בעסטן שיפל. עס איז צוגעבונדן צום ברעג און ער קאָן עס נישט אָפּבינדן. ער רופט צו אַ מענטשן און בעט אים, ער זאָל אים אָפּבינדן דאָס שיפל; אָבער דער מענטש ענטפערט, אַז ער קאָן עס נישט טון, ווייל דאָס שיפל איז נישט זיינס. — יאָ, אָבער נאָגעל וויל עס נעמען אויף זיין אחריות, ס'גייט דאָ וועגן דעם רינג; ער וועט אָפּקויפן דאָס שיפל. אָבער צי זעט ער דען נישט, אַז דאָס שיפל איז צוגעשלאָסן ביים ברעג? צי זעט ער דען נישט די אייזערנע קייט, וואָס איז צוגעשלאָסן?—מילא, וועט ער נעמען אַן אַנדער שיפל.

און נאגעל איז ארײנגעשפּרונגען אין אַן אַנדער שיפל.

— וװהין װילט איר פאָרן? — פרעגט דער מענטש.

— איך װיל זוכן דעם רינג. איר קאָנט מיך אפשר? איך האָב דאָ אַ געטראָגן אַ רינג, איר קאָנט אַלײן זען דעם צײכן אױפן פינגער, כ׳זאָג אײך קײן ליגן נישט. נו, האָב איך דעם רינג אװעקגעװאָרפן, ער ליגט דאָרט ערגעץ אין ים.

דער מענטש האָט נישט אָנגעהױבן צו פאַרשטײן.

— איר װילט זוכן אַ רינג אױפן גרונט פון ים? — פרעגט ער.

— יאָ, יאָ, — ענטפערט נאגעל — װי איך זע, פאַרשטײט איר מיך שױן. װאָרום איך מוז דאָך מײן רינג צוריקקריגן. דאָס װעט איר דאָך אַלײן אײנזען. קומט און רודערט ארױס דאָס שיפל פאַר מיר.

דער מענטש פרעגט װידער:

— איר װילט, הײסט עס, זוכן אַ רינג, װאָס איר האָט ארײנגעװאָרפן אין ים אַרײן?

— יאָ, יאָ, נו, קומט שױן! איך װעל אײך געבן אַ סך געלט דערפאַר.

— גאָט איז מיט אײך, לאָזט אָפּ! װאָס-זשע איר װילט אים אָנכאַפּן מיט די פינגער?

— יאָ, מיט די פינגער, ס׳איז מיר אַלץ אײנס. איך קאָן שװימען װי אַן אַל-פיש, אױב מ׳װעט דאַרפן. אפשר װעלן מיר געפינען עפּעס אַן אַנדער זאַך אױסער די פינגער, ארױסצוקריגן דעם רינג.

און דער פרעמדער מענטש גײט אַרײן אין שיפל. ער זעצט זיך אַנידער, כּדי זיך אַדורכצושמועסן מכּוח דעם. אָבער דאָס פּנים דרײט ער אָפּ אָן אַ זײט. ס׳איז דאָך אַן אמתער משוגעת, זיך אונטערצונעמען אַזאַ זאַך. װען עס װאָלט געװען אַן אַנקער אָדער אַ קײט, װאָלט עס נאָך געהאַט אַ שטיקל זין; אָבער אַ רינגל פון אַ פינגער; און דערצו נאָך בעת מ׳װײסט נישט גענוי, װוּ עס ליגט!

נאגעל האָט אַלײן אױך אָנגעהױבן אײנזען די אוממעגלעכ-

קײט פון זײן פּלאַן. אָבער אויב אַזוי, ווייסט ער דאָך אינגאַנצן נישט וואָס צו טון, איז ער דאָך אַ פאַרלוירענער! זײנע אויגן זענען פאַרגליווערט פאַר שרעק, און יעדער אבר פון זײן קער־פּער ציטערט. ער וויל אַרײנשפּרינגען אין ים אַרײן, נאָר דער מענטש כאַפּט אים אָן און לאָזט אים נישט אָפּ. נאַגעל פאַלט אַוועק מאַט, טויט־מיד, צו שוואַך זיך צו ראַנגלען מיט עמעצן. אײנציקער גאָט, עס ווערט דאָך וואָס אַ מינוט ערגער! דער רינג איז פאַרלוירן, ס'איז שוין באַלד צוועלף אַ זײגער, און דער רינג איז נישטאָ! מ'האָט דאָך אים געוואָרנט!

אין דער רגע האָט אין זײן מוח אַ בליץ געטון דער קלאָ־רער געדאַנק, און אין אַ צוויי דריי מינוט האָט ער דורכגעטראַכט פאַרשידענע זאַכן. ער האָט זיך אויך דערמאָנט וועגן אַ זאַך, וואָס ער האָט גאָר געהאַט פאַרגעסן: אַז ער האָט זיך אײערנעכטן בײ־נאַכט שריפטלעך אָפּגעזעגנט מיט זײן שוועסטער און אַרײנגעוואָרפן דעם בריוו אין פּאָסט־קעסטל. ער איז נאָך נישט טויט, אָבער דער בריוו איז שוין אַוועק, מ'קאָן אים נישט פאַרהאַלטן, ער מוז גײן, וווּ ער גײט, און איז שוין איצט ווײט; און ווען זײן שווע־סטער וועט אים דערהאַלטן, מוז ער אומבאַדינגט זײן טויט. איבע־ריקנס, איז דער רינג אויך נישטאָ, אַלץ איז פאַרלוירן...

עס קלאַפּט אים אַ צאָן אַ צאָן. אַ פאַרצווייפלטער, נישט צו געפינען קײן שום אויסוועג, קוקט ער זיך אום, דער ים איז בלויז אײן טריט ווײט פון אים. ער כאַפּט אַ קוק צום מענטשן אויף דער באַנק; דער מאַן קוקט נאָך אַלץ אַוועק אין דער זײט, אָבער ער גיט גוט אַכטונג, זיצט גרייט אים אָנצוכאַפּן צו דער ריכטיקער צײט. אָבער פאַרוואָס דרייט ער זיך כּסדר אויס מיטן פּנים אָן דער זײט?

— לאָמיך אײך העלפן אַרויפגײן אויפן ברעג. — זאָגט דער מאַן און ער נעמט אים אַרונטער אונטערן אָרעם און פירט אים אַרויף אויפן ברעג.

— אַ גוטע נאַכט! — זאָגט נאַגעל און דרייט זיך אויס צו אים מיטן רוקן.

אָבער דער מענטש גײט אים נאָך, ער נעמט פּשוט פון אים קײן אויג נישט אַראָפּ. נאַגעל דרייט זיך אויס מיט פּעס צו אים

און זאָגט נאָכאמאָל: „אַ גוטע נאַכט!" און וויל אַריינשפּרינגען אין וואַסער.

אָבער דער מענטש האָט אים ווידער אָנגעכאַפּט.

— ס'וועט זיך אייך נישט איינגעבן, — זאָגט ער אַריין נאָגעלן אין אויער אַריין — איר שווימט צו גוט, איר וועט צוריק אַרויפקומען אויבן.

נאַגעל בלייבט שטיין פאַרחידושט און פאַרטראַכט זיך אַ ווײַלע. יאָ, ער שווימט צו גוט, ער קאָן נאָך אַרויפקומען צוריק אויבן. ער טוט אַ קוק אויפן מענטשן, קוקט אים אַריין גלייך אין פּנים אַריין, דאָס מיאוסטע פּנים שטייט אים פאַר די אויגן — מינוט!

ווידער מינוט, אָבער אַמאָל מינוט!

— צו אַלדי כאָלערעס, דו עקלהאַפטע, קריכנדיקע שלאַנג!

— שרייט אויס נאַגעל און לויפט מיט איין אָטעם אַוועק פון ברעג.

ער לויפט דעם גאַנצן וועג און וואַקלט זיך ווי אַ שיכּור, גליטשט זיך אויס, פאַלט אום און שטייט ווידער אויף; די גאַנצע וועלט דרייט זיך מיט אים און טאַנצט מיט אים אַרום ווי אין אַ קרייז, און ער לויפט נאָך אַלץ, לויפט אין שטאָט אַריין. נו, האָט מינוט אַ צווייטן מאָל צעשטערט זיינע פּלענער! גרויסער גאָט! וואָס זאָל ער איצט טון? ווי עס שווינדלט אים פאַר די אויגן! וואָס פאַרא טומל ס'איז אין דער שטאָט! ער איז ווידער אומגעפאַלן.

ער האָט זיך אויפגעהויבן אויף די קני און אַ דערשלאָגענער האָט ער גענומען וויגן דעם קאָפּ אַהין און אַהער. שאַ! וואָס איז דאָס? עס הערט זיך אַ געשריי פון ים! דער זייגער איז שוין באַלד צוועלף, און דער רינג איז נאָך נישטאָ. און ער פילט ווי עפּעס אַ באַשעפעניש קומט הינטער אים, ער הערט דאָס גערויש, אַ באַשעפעניש מיט שופּן, מיט אַן אַראָפּהענגנדיקן בויך, וואָס שלעפּט זיך נאָך אויף דער ערד און לאָזט איבער אַ נאַסן צייכן הינטער זיך, אַ שווידערלעכער הירֹאָגליף מיט אָרעמס אויפן קאָפּ און מיט אַ געלער קליי אויף דער נאָז. אַוועק! אַוועק! פון

ים רופט מען ווידער, און יאָמערנדיק האַלט ער זיך צו מיט די הענט ביי די אויערן, כּדי עס נישט צו הערן.

און ער שטייט ווידער אויף. עס איז נאָך נישט פאַרלוירן די לעצטע האָפנונג, איין מיטל איז נאָך געבליבן, דאָס לעצטע מיטל, אַ זיבערן זעקס־רעריקן רעוואָלווער, דאָס בעסטע וואָס עס קאָן נאָר זיין! און ער וויינט פאַר דאַנקבאַרקייט, לויפט מיטן גאַנצן כּוח און וויינט פאַר דאַנקבאַרקייט צוליב אָט דער נייער לעצטער האָפנונג. פּלוצלינג דערמאָנט ער זיך, אַז ס'איז אין מיטן דער נאַכט, אַז ער קאָן קיין זעקס־רעריקן רעוואָלווער נישט באַקומען, אַלע געוועלבן זענען פאַרמאַכט, און אין דער מינוט זאָגט ער זיך אָפּ פון אַלצדינג, פאַלט מיטן פּנים אַראָפּ און אָן שום גערויש שלאָגט ער זיך אָפּ מיטן שטערן אין דער ערד.

אין דעם מאָמענט לאָזט זיך דער באַלעבאָס פון האָטעל, נאָך עטלעכע לייט גייען מיט אים, אַ קוק צו טון, וווּ ער איז ערגעץ אַהינגעקומען.

און ער האָט זיך אויפגעכאַפּט און זיך אַרומגעקוקט אויף אַלע זייטן — ס'איז געווען בלויז אַ חלום, ער איז די גאַנצע צייט פון בעט נישט אַרויס!

אַ ווייַלע ליגט ער אַזוי און ער טראַכט נאָך. ער גיט אַ קוק אויף זיין האַנט, אָבער דער רינג איז טאַקע נישטאָ; ער טוט אַ קוק אויף זיין זייגער, ס'איז האַלבע נאַכט, ס'איז צוועלף אַ זייגער, בלויז עטלעכע מינוטן פעלן נאָך. אפשר האָט ער זיך פאַרט אַרויסגעדרייט, אפשר איז ער געראַטעוועט! אָבער זיין האַרץ קלאַפּט מוראַדיק, און ער ציטערט. אפשר, אפשר קאָן ווערן צוועלף אַ זייגער און מיט אים זאָל גאָרנישט געשען? ער נעמט דעם זייגער אין דער האַנט אַריין, און זיין האַרץ ציטערט; ער ציילט די מינוטן, רגעס...

און פּלוצלינג פאַלט דער זייגער אַראָפּ אויף דער ערד און ער שפּרינגט אַראָפּ פון בעט. „מ'רופט!" פּליסטערט ער און קוקט מיט גרויסע אויפגעריסענע אויגן צום פענסטער צו. שנעל כאַפּט ער אַרויף אויף זיך אַ פּאָר מלבושים, עפנט די טיר און לויפט אַרויס אויפן גאַס, ער קוקט זיך אום, קיינער זעט אים נישט.

דאן שפאנט ער מיט שנעלע, גרויסע טריט אראפ צום האפן; די זייסע פלייצע פון זיין וועסטל שלאגט אפ די גאנצע צייט אין דער טונקלקייט. ער קומט צו צו דער לאנדונגס־בריק, גייט ווייטער מיטן וועג צום סאמע ראנד פון ברעג און שפרינגט מיט איין מאל אין ים אריין.

א פאר בלעזעלעך קומען ארויף אויפן וואסער.

XXIII

איצט, אין חודש אפריל פון היי־יאר, זענען איינמאל שפעט ביינאכט געגאנגען דאגני מיט מארטאן איבער דער גאס; זיי זענען ביידע געגאנגען אהיים פון עפעס אן אונטערהאלטונג. ס'איז געווען פינסטער, און דא און דארט איז געלעגן אייז אין די גאסן; זיי זענען דעריבער געגאנגען זייער לאנגזאם.

— איך טראכט אלץ וועגן דעם, וואס מ'האט היינטיקן אווגט גערעדט וועגן נאגעל, — האט דאגני געזאגט — א סך זאכן זענען געווען פאר מיר ניי.

— איך האב גארנישט געהערט, — האט מארטא געענטפערט — איך בין ארויסגעגאנגען.

— אבער איין זאך האבן זיי נישט געוווסט, — האט דאגני ווייטער געזאגט — נאגעל האט מיר נאך פאראיארן זומער געזאגט, אז מינוט וועט האבן א שלעכטן סוף. איך פארשטיי גארנישט, ווי אזוי ער האט עס שוין דעמאלט געקאנט זען. ער האט עס מיר געזאגט א לאנגע, לאנגע צייט נאך איידער דו האסט מיר דערציילט, וואס פארא צרות מינוט האט דיר אנגעטון.

— באמת?

— יא.

זיי זענען ארויפגעקומען אויף דעם וועג צום פאסטאר־הויף; אין וואלד ארום זיי איז געווען פינסטער און שטיל; זיי האבן נישט געהערט קיין אנדער גערויש, נאר דעם קלאנג פון זייערע טריט אויפן הארטן וועג.

נאָך א לאַנגער פּויזע רופט זיך דאַגני ווידער אָפּ:

— ער פלעגט דאָ שטענדיק גיין.

— ווער? — האָט מארטא געפרעגט. — ס'איז גליטשיק; ווילסט מיך נישט אָננעמען פארן אָרעם?

— יאָ, אָבער נעם דו מיך בעסער.

און שווייגנדיק זענען זיי געגאַנגען ווייטער, אָרעם אין אָרעם, צוגעטוליעט איינע צו דער אנדערער.